STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06173

YAAKOV SHEYFER

I. B. Bailin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב שיפער

זיין לעבן און שאַפן

פון י. ב. ביילין

א מאָנאָגראַפיע אין 2 טייל

מיט 10 בילדער

אַרויסגעגעבן פון

אידישן מוזיקאַלישן אַרבעטער-פאַרבאַנד

ניו יאָרק, 1938.

JACOB SCHAEFER
A Monography

Copyright by
THE JEWISH MUSICAL WORKERS ALLIANCE
New York, 1937

Prompt Press, 39 East 12th Street, New York City
209 PRINTED IN U.S.A.

אינהאַלט

ערשטער טייל : ביאָגראַפיע

ערשטער קאַפּיטל

יונגע יאָרן

זייט

1. אַ סטאָליער בן סטאָליער און האָט ניט קיין וויג — 9
2. וויל אָראָפּברענגען משיח'ן מיט געזאַנג — 10
3. פאָרטאָפּיאַנאָ און קלאַסן-אינסטינקט — 11
4. יאַנקל הערט שוין אַ פּיאַנאָ, אָבער ער זעט פונקען — 12
5. יאַנקל ווערט אַ משורר בײַ אַ חזן — 14
6. יאַנקל שרייבט אָן אַ „קדושה" און כאַפּט פּעטש — 16
7. יאַנקל ווערט אַ דייטש, אַ בראָדער — 18
8. אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד — 21
9. דער גרויסער יאַנקל אין „קליינעם בונד" — 22
10. אויב ניט קיין סטאָליער איז אַ שוסטער — 24
11. ערשטע ליבע—נייע צרות — 25
12. די שטאָט קרעמעניץ און איר אומגעבונג — 27
13. נישטאָ סאַניע . . . אַדיע קרעמעניץ — 29
14. „בלויז דער טויט וועט אונז קענען צעשיידן" . . . — 31

צווייטער קאַפּיטל

די ערשטע יאָרן אין קאָלאָמבוס'עס מדינה

1. אונטער פרעמדע „הימלען" — 33
2. באַקאַנטשאַפט מיט קעריש'ן ברענגט אים אומגעריכט 120 דאָלאַר — 35
3. ווערט דיריגענט אין אַ קאָר-שול—קויפט אַן אייגענע פּיאַנאָ — 36
4. גרינדעט ערשטן אַרבעטער-כאָר און שאַפט קאָמפּאָזיציעס — 38
5. „רבי, איך וויל מאַכן אַ נייעם 'רבונו של עולם'" — 39

דריטער קאַפּיטל

ערשטער פּעריאָד אַלס פּראָלעטאַרישער קאָמפּאָזיטאָר

1. גרינדונג פונעם אידישן סאָציאַליסטישן געזאַנג פאַראיין אין שיקאַגאָ — 44
2. שייפער אַנטדעקט זיך ווי אַ פּראָלעטאַרישער קאָמפּאָזיטאָר — 48
3. נייע קרעפטן—אַ נייע קאָמונע—אַ נייע שולע — 50
4. מוזיק פון דער לופט אין דער צווייטער אָראַטאָריע — 51
5. פון וואַנען נעמט זיך עס צו אים? — 53
6. שייפער בייגט זיך . . . פאַר דער פּאַרטיי — 54
7. שייפער בייגט זיך ניט . . . פאַרן טויט — 56
8. שייפער ווערט אַ יתום — 59
9. שיקאַגאָ ווערט פאַר'יתומ'ט — 61
10. שייפער קען זיך ניט אָפּרייסן פונעם וואָלוואָירט-טורעם — 62
11. שייפער פאַרלירט אַ פּרייז צוליב אַ „גוטער" עצה — 65
12. שיקאַגאָ קריגט צוריק איר קרוין — 67
13. דערשיטערונג פאַר שייפער'ן און פאַר דער באַוועגונג — 69

פערטער קאַפּיטל

שייפער און די פרייהייט געזאַנג פאַראיינען

1. דער פאַראיין ווערט אַ „פרייהייט געזאַנג-פאַראיין" — 73
2. די „צוועלף" און די „צוויי" — 75
3. אין פּלאָנטער פון ראָמאַנטישע געפילן — 77
4. געמישטע צייטן פון פרייד און אומרו — 80

פינפטער קאַפּיטל

אַף ברייטע וועגן

1. שייפער'ס נייע היים — 83
2. ניו יאָרק אַנערקענט אויך שייפער'ן אַלס דיריגענט — 86
3. שייפער ווערט דער נערוו-צענטער פון דער רעוואָלוציאָנערער מוזיק-באַוועגונג — 89

זייט
4. שייפער דערהויבט שפּל'ע אינסטרומענטן — 91
5. שייפער טראָגט אויס אַ קינד אין 5 מאָנאַטן — 93
6. אין שלאָגלערישן געיעג — 96
7. דאָ איז ניט מעקסיקאָ — 99
8. הימל און ערד און „גולם" — 101
9. שווערע יאָרן, קריזיס-יאָרן—אָבער ניט בײַ שייפער'ן — 105
10. שייפער דערהאַלט אַ בריוול — 109

זעקסטער קאַפּיטל

די רייזע קיין סאָוועטן-פֿאַרבאַנד

1. צוגרייטונגען און אָפּפֿאָר — 111
2. די ערשטע טעג אין באַרקאַוו — 113
3. שייפער „פֿאַרכאַפּט" די שטאָט — 117
4. דער איינדרוק פֿון „אָקטאָבער" אין אָקטאָבער-לאַנד — 120
5. אויף דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער מוזיק-קאָנפֿערענץ — 122
6. שייפער'ס רעפֿעראַט אויף דער 1טער מוזיק-קאָנפֿערענץ אין מאָסקווע — 124
7. די רעזאָלוציע וועגן שייפער'ס באַריכט — 135
8. איינדרוקן פֿון סאָוועטן-פֿאַרבאַנד — 137
9. צוריקקום אין אַמעריקע און טור — 139

זיבעטער קאַפּיטל

אין די רייפֿסטע יאָרן

1. שייפער נעמט זיך מיט שטורעם פֿאַרן „געוויטער" — 143
2. נאָכן „געוויטער"—אַ קלאָרערער הימל — 146
3. שייפער דער דיריגענט — 149
4. שייפער אַ יוביליאַר — 155
5. בײַ שייפער'ן עפֿנט זיך אַ נייער קוואַל — 159
6. לעצטע אַקאָרדן — 161
7. שייפער'ס אויסגעהאַלטנקייט, איינגאַרטיקייט, קוריאָזן און טעמפּעראַמענט — 165
8. באַציאונגען מיט אַנדערע מוזיקער — 170
9. דער אומדערוואַרטעטער סוף — 174
10. אַ רייע טרויער-פֿאַרזאַמלונגען איבערן לאַנד — 178
11. עטלעכע אויסצוגן פֿון דער „מאָרגן-פֿרייהייט" אין דער וואָך פֿון זיין טויט — 180

צווייטער טייל: שייפער'ס שעפֿערישער און אידעאָלאָגישער וועג

1. סביבה און איינפֿלוסן — 185
2. די ערשטע אָראַטאָריע „מאַרטירער-בלוט" — 190
3. די אָראַטאָריע „בין-השמשות" — 204
4. דער פֿאַרזוך אויף דער אָראַטאָריע „צו אַ אידישער טאָכטער" — 209
5. די אָראַטאָריע „קירכן-גלאָקן" — 214
6. די אָראַטאָריע „צוועלף" — 219
7. די אָראַטאָריע „צוויי ברידער" — 226
8. די אָראַטאָריע „משיח בן יוסף" — 237
9. די אָראַטאָריע „אָקטאָבער" — 254
10. די אָראַטאָריע „קיין איינציקן שפּאַן" — 267
11. די קאַנטאַטע „טרופּן גייען" — 275
12. די אָראַטאָריע „געוויטער" — 279
13. די קאַנטאַטע „דער שטורעם-פֿויגל" — 288
14. די אָראַטאָריע „בירא-בידזשאַן" — 292
15. קעמפּ-טעטיקייטן און ספּעקטאַקלען — 302
16. שייפער'ס קאָמפּאָזיציעס פֿאַר לידער — 310
17. אַראַנזשירטע און האַרמאָניזירטע לידער (אַ רשימה, ניט קיין פֿולשטענדיקע) — 349
18. די מוזיק-אָרגאַניזאַציעס אונטער שייפער'ס השפּעה — 350
נעמען-אינדעקס — 351

פאָרוואָרט פונעם אויטאָר

דאָס בוך איז דער ערשטער פאַרזוך אַף אַ פולשטענדיקער ביאָגראַפיע פון דעם פיאָנער אַפן געביט פון אידישער רעוואָלוציאָנערער פאָלקס־טימלעכער מוזיק. דאָס איז ניט בלויז אַן אָנזאַמלונג פון פאַקטן בנוגע יעקב שיפער׳ס לעבן און שאַפן, נאָר אויך אַ פאַרזוך צו באַלייכטן זיי אין דער געהעריקער פעריאָדישער פערספעקטיווע.

די גרעסטע צאָל פון די פאַקטן זיינען גענומען געוואָרן פון פערזענלעכן און נאָענטן קאָנטאַקט, וואָס איך האָב געהאַט מיט שיפער׳ן אין משך פון אַ קנאַפן פערטל־יאָרהונדערט. שיפער האָט בכלל זייער ווייניק גערעדט וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט, אָבער צו מיר האָט ער געהאַט אַ באַזונדערע באַציאונג און פון צייט צו צייט דערציילט אינצידענטן פון זיין לעבן אין דער יוגנט.

שיפער האָט נאָך אין 1933 מיך געבעטן צו נעמען זיך פאַר זיין ביאָגראַפיע. ער האָט מיר דעמאָלט איבערגעגעבן די רוי־מאַטעריאַלן פון זיין אַרכיוו, אָבער איך בין די גאַנצע צייט געווען אַזוי פאַרנומען, אַז איך האָב עס אָפגעלייגט פון יאָר צו יאָר. ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז דער הויפט־קוואַל פון וואַנען איך האָב געזאָלט קריגן די סאַמע אויטענטישע אינפאָרמאַציע, זאָל פלוצלונג, אין סאַמע מיטן פון זיין צעשפרודלטקייט, אויפהערן שלאָגן!

איצט איז מיר אויסגעקומען צו דערפילן מיין צוזאָג שיפער׳ן. צו־שפעט. אָבער איך האָב עס דערפילט. די שווערע אומשטענדן, אונטער וועלכע איך האָב געאַרבעט און די קורצע צייט, וואָס איך האָב פאַר זיך געהאַט, ליגן אַ געוויסן שטעמפל פון ניט־אָפגערונדקייט און ניט־גענויגנדיקער פאָלירונג אין געוויסע שטעלן. אָבער, מיר דוכט, אַז ניט קוקנדיק אַף דעם אַלץ האָט זיך באַקומען אַ ווערק, וואָס שטעלט אַוועק אונזער שיפער׳ן, אָן איבערטריבענעם גלאַנץ, אין זיין געהעריקן ליכט.

פאַר אויטענטישע דאַטעס און אַנדערע פאַקטן האָב איך זיך באַנוצט מיט שיפער׳ס אַרכיוו, וואָס באַשטייט פון מוזיק, פראָגראַמען, אויסשניטן פון צייטונגען און זשורנאַלן און קאָרעספאָנדענץ מיט מוזיקער, מוזיק־טוער, שרייבער, א. אַז. וו., ווי אויך מיט אַ קאָרעספאָנדענץ, וואָס איך האָב פאַרפירט מיט אַ רייע פון שיפער׳ס נאָענטע חברים אין אַנדערע שטעט, הויפטזעכלעך אין שיקאַגאָ, און דורך געשפרעכן מיט אַ רייע מענטשן,

וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט שייפער'ן אַף דעם אָדער יענעם געביט. איך האָב כמעט ניט דורכגעלאָזן קיין איינעם פון די דאָזיקע געביטן.

די מאָנאָגראַפיע איז צעטיילט אין צוויי טיילן — אין אַ ריין־ביאָגראַפישן און אין אַ קריטיש־אַנאַליטישן. אייניקע פאַקטן, קען אויסקומען, חזר'ן זיך איבער, אָבער דאָס זיינען מערסטנס דערגאַנצונגען, וואָס זיינען נויטיק צו דעם ענין. דער צווייטער טייל איז ניט קיין קריטישער אַנאַליז פון דער מוזיק — דאָס וועט דאַרפן טאָן אַ מוזיק־פאַכמאַן. דער אַנאַליז איז בלויז וועגן איינדרוק פון דער מוזיק, און פון דער אידעאָלאָגישער אַנטוויקלונג.

דער גרעסטער טייל פון דער אַרבעט איז געשריבן געוואָרן אינעם צימער, אין דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע, וואו שייפער האָט געלעבט, געשאַפן און וואו ער איז איינגעשלאָפן אַף שטענדיק. איך האָב אים די גאַנצע צייט געהאַט פאַר די אויגן. איך האָב כמעט ווי געפילט זיין אָטעם, און אין די שפּעטע נאַכט־שעה'ען האָט זיך געדוכט, ווי אָט־אָט איז ער פאַרביי־געגאַנגען אין הויז.

איך באַנוץ זיך מיט דער געלעגנהייט צו דאַנקען אַ רייע פּערזאָנען, וואָס האָבן מיר געהאָלפן מיט זייער אינפאָרמאַציע אָדער אין דער טעכנישער אַרבעט; אָבער פריער פאַר אַלץ, וויל איך אָפּגעבן אַ באַזונדערן דאַנק דער אידישער ביוראָ פאַר געבן מיר די צייט, וואָס עס איז נויטיק געווען פאַר דער אַרבעט, און חבר'טע לאה שייפער, די פרוי פון אונזער געשטאָרבענעם מוזיק־פירער און שאַפער, פאַר איר פולשטענדיקער קאָאָפּעראַציע אין דער אַרבעט פון קאָנטראָלירן געוויסע צווייפלהאַפטע פאַקטן און פאַרבינדן מיך מיט אַ רייע נויטיקע פּערזאָנען, ווי אויך חבר ב. טשערטקאָוו'ן, דעם סעקרעטאַר פון אידישן מוזיקאַלישן אַרבעטער פאַרבאַנד, פאַר זיין מיטהילף, ווי אויך די פאָלגנדיקע חברים, וואָס איך רעכן דאָ אויס אין אַלפאַבעטישער אָרדענונג:

לאָן אַדאָמיאַן, מ. באַראָדין, נ. בוכוואַלד, י. בוראַקאָוו, אַלבערט ביטער, טילי גאָלדין, ח' און ח'טע דוביצקי, די אויפזעער איבערן שייפער־מוזיי אין דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע, הענטין, ה. מאַרגאָליס־דאַווידזאָן, מאַקס העלפמאַן, לילי וואָלפסאָן, פּ. טשערנער, יצחק יפה, ריווע יורמאַן, קאַנטאָר ליפנער, דוד סאַפּיראָ, סילוויע סאַמאַראָף, סורענקאָ, אָסקאַר און מיני סיימאָן פון שיקאַגאָ, י. ספּאַקאָיני, סעקרעטאַר פון ניו יאָרקער פריי־הייט געזאַנג פאַראיין, ח' און ח'טע פיינבוים און זייער טאָכטער אסתר פיינבוים, ב. פענסטער, חבר און חבר'טע ה. פּלאָטקין, סאָפיע פייגין, י. א. ראָנטש, דזשענעט קאָהען, י. קעריש פון שיקאַגאָ און חבר שעק פון אידישן מוזיקאַלישן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

י. ב. ביילין.

ערשטער טייל

ביאָגראַפיע

ערשטער קאַפּיטל

יונגע יאָרן

1. אַ סטאָליער בן סטאָליער און האָט ניט קיין וויג

יעקב שייפער איז געבוירן געוואָרן דעם 13טן אָקטאָבער (אַלט־רוסישער סטיל), 1888, אין קרעמעניץ, אַ שטעטל אין וואָלין. זיין פאָטער איז געווען זיין גאַנץ לעבן אַ סטאָליער, אַ האָרעפּאַשניק און אַ גרויסער קבצן, און אַליין אויך אַרויסגעשטאַמט פון אַ ריי דורות סטאָליאַרעס.

משה דוד שייפער (אָדער סופר, ווי ער האָט זיך גערופן)), יעקב׳ס פאָטער, איז געווען אַ איד אַ חסיד און אַ מנגן באַם רבינ׳ס טיש און אין חסידים־שטיבל. ער האָט געקענט הונדערטער חסידישע ניגונים. שטייענדיק באַ דעם סטאָליאַרסקן וואַרשטאַט און הובלענדיק, אָדער זעגנדיק, האָט זיך זיין מויל ניט צוגעמאַכט. „הייליקע" ניגונים זיינען געפלויגן אין דער לופטן צוזאַמען מיט די וואָכעדיקע הילצערנע סטרוזשקעס אָדער זעג־שטויב.

אַ סברא, אַז יאַנקל איז טאַקע געבאָרן געוואָרן אין וואַרשטאַט, וואָס איז געווען אי אַ וואַרשטאַט, אי אַ וואוינונג. די ערשטע קלאַנגען, וואָס זיינע אויערן האָבן פאַרנומען, זיינען געווען סיי פון די זעגן, האַמערס און הובלען, און סיי פון זיין פאָטער׳ס חסידישע ניגונים.

ס׳איז אויך אַ סברא, אַז דער סטאָליער אַליין האָט פאַר זיין עופה׳לע נישט געהאַט קיין וויג (אַלע שוסטער גייען באָרוועס!) און יאַנקעלע פלעגט ליגן אין ערגעץ אַף אַ טאַפּטשאַן (אַ קליינע פּלאַטפאָרמע צוזאַמענגעקלאַפּט פון ברעטער), וואו די מוטער פלעגט אים פון צייט צו צייט אַריינשפּאַרן אַ מאַגערע ברוסט איינצושטילן דעם קליינעם שרייערל.

אין שטוב באַ זיי האָט שטענדיק געהערשט גרוים נויט. ניט שטענדיק איז געווען אַרבעט און אַפילו ווען ס׳איז שוין יאָ געווען אַרבעט איז אויך די „מזל־ברכה" געווען אַ קנאַפּע. מער ווי 4־5 רובל אַ וואָך פלעגט דער פאָטער ניט פאַרדינען. אָבער אַזאַ הכנסה איז געווען אַ גרויסע אין פאַרגלייך מיט די ליידיקע וואָכן, ווען קיין אַרבעט איז אינגאַנצן ניט געווען. משה דוד פלעגט אין אַזאַ צייט מערסטנס זיצן אין שטיבל, צוהערן זיך צו וואונדער־מעשיות וועגן רביים אָדער זינגען די חסידישע ניגונים.

אין דיווינטער־מאָנאַטן האָט די שייפער פאַמיליע געליטן אויסער נויט אויך קעלט. אין די ערשטע וואָכן פלעגט נאָך זיין געגנוג אָנגעקליבענע סטרוזשקעס, זעגעכץ און שטיקלעך אָפּפאַל־געהילץ, צו ברענען אין אויוון. אָבער דער אוצר פלעגט זיך שנעל אויסלאָזן און מ'פלעגט ציילן די וואָכן און טעג וויפיל ס'בלייבט נאָך צום חודש ניסן, ווען די ליבע זון נעמט זיך אָנוואַרעמען די צעפרוירענע גלידער.

אָט אין אַזאַ אַטמאָספערע איז זיך עס יאַנקעלע אויסגעוואַקסן און געוווינט גיין צו 5 יאָר אין חדר. אַ קעפּל האָט ער געהאַט אַ גוטס. צו זיבן, אַכט יאָר האָט ער שוין געלערנט גמרא און זיין העל קעלכל האָט זיך צעגאָסן איבערן חדר מיט די אָמר אביי'ס און פאַרהילכט די שטימען פון די איבעריקע חדר־אינגלעך.

2. וויל אַראָפּברענגען משיח'ן מיט געזאַנג

אין יענע יאָרן איז בא יאַנקעלען געווען אַ גרויסער יום־טוב, ווען זיין פאָטער האָט אים מיטגענומען אין חסידים־שטיבל. דער צעפּלאָמטער מאָסן־געזאַנג פון די חסידים האָט אַף דעם יונגן קינד געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. ער האָט באַלד גענומען מיטזינגען מיט אַלעמען די פאַרשיידענע תפילות און זיין שאַרפע סאָפּראַנאָ־שטימע האָט זיך געוועבט אין דעם אַלגעמיינעם אומאָרגאַניזירטן ווילדן געזאַנג, ווי אַ ליכטיקער פאָדים. די חסידים האָבן אים אַריינגענומען אין מיטן און צוזאַמען זיך צעגאַנגען אין ניגונים און געשמעלצט זיך אין מתיקות.

חסידים פלעגן קלאַפּן דעם פאָטער איבערן פּלייצע: משה־דוד, דיין יאַנקעלע וואַקסט שוין איינמאָל אַ מנגן; ער וועט נאָך זיין חזן באַם רבי'ן, וועסט זען, דו וועסט נאָך האָבן פון אים גרוים נחת! — און דערווייל פלעגט יאַנקעלע אַריינכאַפּן „ליבע" קניפּלעך אין בעקל פון די באַגייסטערטע חסידים, אַז אָפּט האָבן זיך בא אים די אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן. אָבער יאַנקעלע האָט זיך גוט אַריינגענומען אין זינען די גוטע נביאות, וואָס מ'האָט וועגן אים געזאָגט.

און אַז ער פלעגט גיין שלאָפן פלעגט ער לאַנג ליגן מיט אָפענע אויגן און זען זיך ווי אַ חזן באַם רבי'ן און „הערן" די נייע ניגונים, וואָס ער אַליין האָט צוזאַמענגעשטעלט. „געוויס וועל איך זיין אַ גרויסער חזן" — האָט ער בא זיך פעסט באַשלאָסן — „איך וועל אויסקלערן פאַר יעדער תפילה אַ נייעם ניגון, אַ ניגון, וואָס קיינער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט, און דער רבי אַליין וועט מיר קלאַפּן איבערן פּלייצע און וועט זאָגן, אַז מיט מיין זינגען קען איך אַראָפּברענגען משיח'ן."

3. פּאַרטאַפּיאַנאָ און קלאַסן־אינסטינקט

איינמאָל האָט ער זיך צוגעהערט צו אַ געשפּרעך פון חסידים וועגן די גרויסע חזנים איבער דער וועלט. יאַנקעלע איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל און געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס מ׳האָט דערציילט וועגן ניסן בעלזער, זיידל ראָווגער און אַנדערע בארימטע חזנים. באַזונדערס האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיטן חזן ראַזומני, וועגן וועלכן מ׳האָט דערציילט, אַז ער שפּילט אויף אַ פּאַרטאַפּיאַנאָ. יאַנקל האָט נאָך דעמאָלט קיין פּיאַנאָ קיינמאָל ניט אָנגעקוקט אין די אויגן, אָבער פאַרשטאַנען האָט ער פון די רייד, אַז די גאָר גרויסע חזנים מוזן קענען שפּילן פּיאַנאָ. זיין פאַנטאַזיע האָט אים געמאָלן פאַרשיידענע געשטאַלטן פון דער פּיאַנאָ. אין חלום האָט זי אים אויסגעקוקט ווי אַ גרויסער קעסלפּויק, באַהאַנגען מיט צענדליקער גלעקלעך. וואָס וואָלט ער דעמאָלט ניט אָפּגעגעבן, כדי צו זען בלויז אַ פּיאַנאָ מיט זיינע אייגענע אויגן!

יאַנקעלע האָט זיך איינמאָל ניט געקענט איינהאַלטן און געפרעגט בא זיין מוטער העניע־חיה:

— מאַמע, אַז כ׳וועל זיין אַ גוט אינגעלע וועסטו מיר קויפן אַ פּאַרטאַפּיאַנאָ?

— אַך, וואָס דיר, יאַנקעלע, פעלט אַלץ איין! אַ פּאַרטאַפּיאַנאָ גאָר! וואָס מיינסטו זיינען מיר — פּריצים, צי נגידים? נאַרישער אינגל, דו!

יאַנקל האָט אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער ווי פריער מקנא זיין די נגידים. ער האָט נאָך פריער געהערט, אַז בא זיי עסט מען חלה אינדער־וואָכן און אַז שבת מאַכט מען בא זיי קידוש אויף אמת׳ן וויין. איין אינגל האָט אים אַפילו דערציילט, אַז בא די גרויסע גבירים עסן די קינדער באָקסער און ראַזשינקעס אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר — גוטע זאַכן, וואָס יאַנקעלע האָט ניט געקראָגן אַפילו חמשה־עשר. ער האָט זיי שטאַרק דער־פאַר מקנא געווען, די נגידים. אָבער איצט, אַז ער האָט פון זיין מאַמעס מויל אַליין געהערט, אַז נגידים, און בלויז זיי, האָבן פּאַרטאַפּיאַנאָס, האָט זיך שוין דאָס אַלץ ניט געקענט פּאַטויפּען אינעם קאָפּ פון דעם נאַאיוון אינגל. ער האָט נאָך פאַרשטאַנען ווי עס איז די אַנדערע זאַכן — מילא, חלה, וויין, באָקסער און ראַזשינקעס — דאָס איז ער זיי שוין מוחל! אָבער אַ פּאַרטאַפּיאַנאָ?

— צו וואָס דאַרפן נגידים פּאַרטאַפּיאַנאָס? — איז ער אַ צווייטן מאָל צוגעשטאַנען צו דער מאַמען, נאָכדעם ווי ער האָט לאַנג באַקלערט דעם גאַנצן ענין — זיי זיינען דאָך ניט קיין חזנים! —

און די מוטער האָט זיך געקלאָגט פאַרן פאָטער: עפּעס אַ משוגעת האָט זיך עס יאַנקעלע אַריינגענומען אין קאָפּ — נאָר ער רעדט וועגן אַ פּאַרטאַפּיאַנאָ; אפילו אַז ער שלאָפט פּלאַפּלט ער אַלץ וועגן אַ פּאַרטאַ־פּיאַנאָ...

משה־דוד האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס. אים זיינען ניט געפעלן געוואָרן זיין יאַנקעלע׳ס פאַנטאַזיעס וועגן פּאַרטאַפּיאַנאָס. איבערהויפּט איז ער איינמאָל אָנגעצונדן געוואָרן אויף אים ווען יאַנקעלע האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— טאַטע, פאַרוואָס ביזטו ניט קיין נגיד? — האָט ער אים גוט אָנגעבראָכן די ביינער און צעשריען זיך אויף אים:

— אַן אַפּיקורס וואַקסט ער בײַ מיר! קשיות אויפן רבונו של עולם פרעגט ער שוין! פּאַרטאַפּיאַנאָס ווילט זיך אים! איך׳ל דיר שוין געבן!

טאַטע און מאַמע האָבן זיך אפילו איינמאָל דורכגעשמועסט, אַז ווען ס׳וואָלט געווען אַן איבעריקער רובל וואָלט מען געדאַרפט אַריבער־גיין מיט אים צום רבי׳ן, אַז ער זאָל אַרויסטרייבן דעם פּאַרטאַפּיאַנאָ־דיבוק פון זייער יאַנקעלע׳ן.

4. יאַנקל הערט שוין אַ פּאַרטאַפּיאַנאָ, אָבער ער זעט פונקען

בײַ יאַנקעלע׳ן איז אָבער דער „דיבוק" ניט אַזוי שנעל אַרויס. פאַר־קערט: ער האָט אָנגעהויבן צו גורען און צו שנאָרן אין שטעטל, אַרומ־זוכנדיק אין פאַרשיידענע גאַסן — אפשר וועט ער אין ערגעץ הערן אָדער זען אַ פּאַרטאַפּיאַנאָ. ער פלעגט זיך אַ סך מאָל אַרויס׳גנב׳ענען פון הויז, אין די אָוונטן, אָדער שבת נאָכמיטאָג, און פאַרנעמען זיך אויף זיינע עקספּעדיציעס. אַ לאַנגע צייט איז עס אים ניט געראָטן. פלעגט ער זיך אומקערן אַהיים שפּעט. טאַטע־מאַמע האָבן געקערט וועלטן: „וואו ווערט עס זייער יאַנקעלע פאַרפאַלן אַזוי אָפט!" צומאָל פלעגט אים דער טאַטע שמייסן, אַז ער זאָל דערציילן „וואו ער שלאָיעט זיך אַרום", אָבער יאַנקעלע׳ס מויל איז געווען פאַרשלאָסן. לאַנג פלעגט ער זיך וואַרפן אויף זיין געלעגער און זיין קינדערשער מוח האָט געפיבערט מיט חזנות, ניגונים און אַ פּאַרטאַפּיאַנאָ. אין זיינע חלומות פלעגט ער זיך זען אפילו שפּילן אַלערליי ניגונים אויף דער פּיאַנאָ און צוזינגען דערביי. די מאַמע האָט אים ניט איינמאָל אויפגעוועקט פונעם שלאָף, ווייל זי האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין זינגען אין חלום.

אָבער פאַר יאַנקעלע׳ן איז דאָך אָנגעקומען דאָס גרויסע גליק, ווען ער האָט דערהערט שפּילן צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אַ פּיאַנאָ. דאָס איז געווען אין אַ ווייט געסל, וואו עס האָבן געוואוינט עטלעכע פּוילישע פּריצים. פון דער ווייטנס האָט שוין זיין אויער אויפגעכאַפּט די טאַנצנ־דיקע טענער פון דער פּיאַנאָ, ביז ער איז צוגעקומען צו דער רייכער הויז פון וואַנען די טענער האָבן זיך געטראָגן.

אין אָנהייב איז ער ניט געווען זיכער, צי הערט ער טאַקע די פּיאַנאָ אַף אַן אמת׳ן, אָדער צי איז עס ווידער ניט איינער פון זיינע חלומות. ער איז געשטאַנען מיט אָפענע מויל און אויערן און נאָר געציטערט טאָמער איז עס ווידער אַ חלום. יאַנקעלע איז געווען גליקלעך, ווען ער האָט זיך פולשטענדיק איבערציינגט, אַז דאָ שטייט ער טאַקע אָפן וואָר און הערט אַ פּיאַנאָ. די מעלאָדיעס זיינען דאָ געווען גאָר אַנדערע, ווי די וואָס ער האָט ביז איצט געהערט באַ די חסידים אין שטיבל און באַ זיין טאַטן אין וואַרשטאַט. יאַנקל איז אַוועק אַהיים מיט דעם וואַרעמען סוד אין האַרצן וועגן דעם פּלאַץ, וואָס ער האָט ענדלעך אויסגעפונען נאָך אַזויפיל זוכעניש. גום, איצט וועט ער שוין דאָרט זיין אַ גאַסט יעדן אָוונט. יענע נאַכט איז יאַנקעלע איינגעשלאָפן מיט אַ באַהאַלטענער פרייד איבער אַלע זיינע אברים.

צו לאַנג איז פאַר אים געווען דער צווייטער טאָג נאָך זיין גרויסער אַנטדעקונג. אים האָט זיך געדוכט, אַז ווי אַף צו־להכעיס ציט זיך די צייט עפּעס לענגער ווי אַלע מאָל. אָבער אויך צו דעם טאָג איז געקומען אַ סוף. און ווידער שטייט ער פאַר יענעם גליקלעכן הויז פון וואַנען עס טראָגן זיך אַזעלכע פאַרכאַפּנדיקע מעלאָדיעס. אימיצער שפּילט. ווער איז עס? איז עס אַן עלטערער מענטש, צי נאָך אַ יונגער? באַ יאַנקל׳ען האָט זיך צעברענט אַ מאָדנער חשק צו זען דעם מענטשן, וואָס שפּילט, און אגב שוין אויך זען די פאָרטאָפּיאַנאָ.

ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און צוגעגאַנגען אַף די שפּיץ־פינגער אַ ביסל נעענטער: אפשר וועט ער עפּעס קענען זען. אָבער די פענצטער פון וואַנען די טענער האָבן אַרויסגעפלאַטערט זיינען געווען פאַר־האַנגען מיט גאַרדינען. צו נאָענט צום הויז האָט ער ניט געקענט צוקומען. די הויז איז געווען אַפּגעצאַמט מיט אייזערנע שטאַכעטן. אָבער דער עצם געדאַנק, וואָס ער שטייט שוין היינט נעענטער צו דער פּיאַנאָ ווי נעכטן, האָט אים באַצאָלט פאַר דער האַרצקלאַפּעניש, וואָס ער האָט באַקומען באַם וואַגן צוצוקומען אַזוי נאָענט צו אַ פּריציש הויז.

און אַזוי פלעגט יאַנקעלע יעדן אָוונט שוין שטיין אַף זיין פּאָסטן

און זיך גנב׳ענען אַלץ נעענטער און נעענטער ביז ער האָט זיך דערלויבט אָנצורירן די שטאַכעטן מיט די הענט. אים איז פאַרגעקומען, אַז אויך די שטאַכעטן שטייען און הערן זיך צו צו דער הערלעכער מוזיק מיט פאַרשפּיצטע אויערן, און ער האָט זיי אָפּט מקנא געווען, וואָס זיי שטייען אַזוי רואיק און דאַרפן ניט מורא האָבן אַזוי ווי ער, טאָמער קומט אימיצער אָן.

אָבער יאַנקעלע׳ס פרייע קאָנצערטן האָבן ניט אָנגעהאַלטן צו לאַנג. איין אָוונט האָט ער באַשלאָסן, אַז זאָל זיין וואָס עס וועט זיין, אָבער ער מוז זען אַמווייניקסטנס אָדער די פּאָרטאָפּיאַנאָ, אָדער דעם מענטשן, וואָס שפּילט. ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אָפן געזימס פון די שטאַכעטן. דאָס האָט אים אַי אויפגעהויבן העכער, אַי דאָס האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט איבערצובויגן זיך איבער די שטאַכעטן און קענען בעסער אַריינקוקן דורך די גאַרדינען אינעם פענצטער.

אָט די נייגעריקייט זיינע האָט ער זיך דערנאָך אַ היפּשע צייט ניט געקענט פאַרגעבן. צי זיין רייבן זיך אָן די אייזנס מיט די שטיוועלעך האָט אָנגעמאַכט אַ שטיקל טומל, צי זיין סילועט האָט זיך אָפּגעשאָטנט אָף די גאַרדינען — יאַנקל האָט עס ניט געקענט פעסטשטעלן. אַ הויכער סטרוזש מיט אַ בייזן, גרויסן הונט האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אָף אים. ער האָט ניט באַוויזן צו אַנטלויפן. דער סטרוזש האָט אים אַריינגעוואָרפן עטלעכע פייערדיקע פּעטש און סטוסאַקעס און דער הונט האָט אים צעריסן די הויזלעך. יענעם אָוונט האָט שוין יאַנקעלע געמוזט אויסזאָגן דעם סוד. ער איז אַהיים געקומען אַ צעבלוטיקטער מיט שטיקער נאָכהענגענדיקע צויטן פון די הויזן. וואָס האָט ער געקענט זאָגן טאַטע־מאַמען, אויסער דעם אמת?

5. יאַנקל ווערט אַ משורר בײַ אַ חזן

אַרום צען יאָר איז יאַנקעלע אַלט געווען, ווען ער האָט געהאַט זיין ערשטן צוזאַמענשטויס מיט דער פרעמדער רייכער וועלט. די וואונדן אָפן פּנים האָבן זיך באַ אים גיך פאַרהיילט. די מאַמע האָט צוזאַמענגעצויגן די געוואַלט־ריסן פון די הויזעלעך, אָבער יאַנקעלע׳ס פאַרלאָפן הערצל, פון דעם וואָס עס איז „אויס פּאָרטאָפּיאַנאָ", איז ניט אַזוי גיך אויסגעהיילט געוואָרן. ער פלעגט אָפּט צוקומען צום געסל, וואו די טייערע פּאָרטאָפּיאַנאָ האָט „געוואוינט", אָבער ער האָט מורא געהאַט צוצוקומען אַזוי נאָענט, אַז ער זאָל עפּעס קענען אויפכאַפּן. דער סטרוזש האָט דאָך

אים אָנגעזאָגט, אַז אויב ער וועט אים נאָכאַמאָל כאַפּן אין דעם געסל וועט ער אים צע׳ממית׳ן.

צום גליק האָט יאַנקעלע ענדלעך געפונען אַ נייעם אויסגאַנג פאַר זיין געפּענטעטן מוזיקאַלישן דראַנג. גבאים האָבן אַראָפּגעבראַכט אין שטעטל אַ נייעם חזן מיט אַ מוזיקאַלישער רעפּוטאַציע, וועלכער האָט איינגעשטעלט אַ כאָר און געזונגען יעדן שבת. יאַנקעלע פלעגט שוין לויפן שבת אין שול אַריין הערן דעם כאָר און קומענדיק דערנאָך אַהיים פלעגט שוין דאָס גאַנצע געסל קלינגען מיט יאַנקעלע׳ס קינדערשער סאָפּראַנאָ־שטימע. אַלע זאַכן, וואָס דער חזן פלעגט זינגען, האָבן די שכנים געקענט הערן איבערן גאַנצן געסל. אַלע האָבן געוואוסט, אַז משה־דוד׳ס קונדס „מאַכט עס נאָך" דעם חזן מיט אַלע משוררים.

זיין פאָטער משה־דוד האָט נאָך אין יענער צייט „ניט געהאַלטן" פון חזנים. ער איז געווען אַ חסיד און האָט זיך געקוויקט מיט די חסידישע ניגונים. ער איז געווען ברוגז אויף זיין יאַנקעלע׳ן, וואָס ער לויפט אין שול אַריין אָנשטאָט גיין אין חסידים־שטיבל צוזאַמען מיט אים. עטלעכע מאָל זיינען צוליב דעם טאַקע פאָרגעקומען „סצענעס" צווישן דעם טאַטן און דעם זון. אָבער די מאַמע, העניע־חוה, האָט זיך דאָ שטאַרק אַריינגעמישט און געשטעלט זיך אויף יאַנקעלע׳ס צד. זי האָט איינגעזען, אַז זינט יאַנקעלע אירער גייט אין שול הערן דעם חזן מיט די משוררים, „פאַרטאָפּיאַנעוועט" ער שוין מער ניט און גייט שוין ניט אַרום ווי אַ פאַר׳חוש׳טער.

איבערהויפּט פלעגט יאַנקעלע אויפלעבן בעת עס פלעגט קומען שבת, ווען „מ׳בענטשט ראש־חודש", און דער חזן האָט געזונגען מיט די משוררים אַ נייע קאָמפּאָזיציע. ווער רעדט, אַז ס׳איז געקומען צו „ימים־נוראים" און אַלע קאָמפּאָזיציעס זיינען געווען „נייע", דאָ האָט שוין יאַנקעלע אויפגעלעבט ווי אַ פיש אין וואַסער. ער האָט געפיבערט מיט פרייד און התפּעלות. און די פרומע מאַמע פלעגט זיך קלאָגן: באַ לייטן, אַז עס קומט צו ימים נוראים „ציטערן קינדער ווי פיש אין וואַסער", און ער, יאַנקעלע, שפּרינגט גאָר אַרום ווי אַ ציג און איז „כולו שמחה".

אָבער אין גיכן זיינען אָנגעקומען פאַר יאַנקעלע׳ן נאָך „בעסערע צייטן". דער חזן, יאַנקל דראָהיבּיטשער, האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם קליינעם קונדס, וואָס „מאַכט נאָך" אַקוראַט דעם חזן און האָט נאָך דערצו אַזאַ ריינע, קלינגענדיקע שטימע. אין אָנהייב האָט דער פאָטער ניט געוואָלט אפילו הערן דעם חזנ׳ס פאָרשלאַג וועגן מאַכן פון זיין יאַנקעלע׳ן אַ משורר. דעם דראָהיבּיטשער איז עס ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען ביז ער האָט אַריינגעקראָגן יאַנקעלע׳ן אין זיין כאָר. ער האָט זיך געמוזט

שווערן, אַז ער וועט מאַכן פון דעם אינגל אַ גרויסן חזן, וועט אים לערנען נאָטן און וועט נאָך קריגן דורכן יאָר עטלעכע רובל אויך.

דאָס לעצטע האָט אפשר געווירקט בעסער ווי אַלץ, ווייל מיט עטלעכע רובל, האָט משה־דוד געוואוסט, אַז ער וועט „פאַרשטאָפּן אַ היפּשע ביסל לעכער". עס איז אַפילו געווען שווער צו קריגן פאַר יאַנקעלע'ן שטיוועלעך. מ'קען דאָך ניט זינגען אַ באָרוועסער אין שול. זיינען טאַקע טאַטע־מאַמע אַרומגעלאָפן ווי פאַר'סמ'טע אויסצולייען די פּאָר רובל ביז מ'האָט יאַנקעלע'ן אויסגעפּראַוועט מיט שטיוועלעך.

נאָך יענעם שבת איז העניע־חוה געגאַנגען אין שול הערן ווי איר יאַנקעלע זינגט אין כאָר. עס איז מיט אים ניט געווען וואָס צו רעפּעטירן. ער האָט שוין דעם דראָהיביטשער'ס אַלע „זאַכן" געוואוסט בעסער פון אַלע אַנדערע משוררים. די מאַמע איז געזעסן און געווישט זיך די טרערן פון נחת: דער חזן האָט דאָך צוגעזאָגט, אַז ער וועט מאַכן פון איר יאַנקעלע'ן אַ לייט — אַ גרויסן חזן.

6. יאַנקל שרייבט אָן אַ קדושה און כאַפּט פּעטש

אין פאַרלויף פון איין יאָר איז יאַנקעלע געוואָרן באַם חזן זיין רעכטע האַנט. ניט בלויז פלעגט ער זינגען די שווערסטע סאָלאָס, וואָס האָבן אים באַרימט געמאַכט אין שטאָט, נאָר דער חזן האָט אים אויך איבערגעגעבן די „דרעננער", די משוררים מיט אַ שלעכטן געהער, אַז ער זאָל מיט זיי איינזינגען און אַרויספירן זיי אַפן ריכטיקן וועג.

צומאָל פלעגט דער חזן אים געבן זינגען אַן אָבליגאַטאָ און זיין קרישטאָל־ריינער און דינער קול'כל האָט ווי מיט אַ זילבערנעם בליציקן פאָדעם איינגעראַמט דעם גאַנצן כאָר, איבערגעשטיגן אים, ווי מיט אַ לייטער, און טיף אַריינגעדרונגען אין יעדן פאַרבאָרגענעם ווינקל.

דער חזן האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט גענומען לערנען נאָטן מיטן פייאיקן אינגל. פאַר יאַנקעלע'ן האָט זיך מיטאַמאָל גענומען עפענען אַ נייער טויער. ער האָט זיך שנעל אויסגעלערנט ניט בלויז לייענען מוזיק־נאָטן, נאָר אויך שרייבן זיי. דער חזן האָט אים אויך געגעבן די ערשטע לעקציעס אין סאָלפעדזשיאָ (שטים־בילדונג) און יאַנקעלע האָט נאָך מער אויסגעבעסערט זיין שטים און זיין פיינער אויער האָט גענומען דערהערן ניגונים, וואָס קומען ניט פון אויסנווייניק נאָר פון אינעווייניק באַ אים אַליין. יאַנקעלע האָט גענומען פּרובירן שרייבן אַליין אייגענע שטיקלעך קאָמפּאָזיציעס, ווען ער איז נאָך קוים אַלט געווען וואָסערע דרייצן יאָר.



: שייפער מיט אַ גרופּע חברים, אין קרעמעניץ, אומגעפער אין יאָר 1906.
שייפער — דער ערשטער, רעכטס.



אונטן : שייפער מיט אַ גרופּע חברים, אומגעפער אין 1910, פאַר זיין :
קיין אַמעריקע. שייפער — אין צענטער.

שייפער׳ס שוועסטער, רעכל שאַפּיראָ.

שייפער׳ס מוטער, העניע-חוה.

שייפער׳ס ערשטע פרוי, סאָניע (שרה).

אין דער זעלבער צייט האָט ער נאָך אָבער מורא געהאַט ווייזן אימיצן זיינע פּלעקלעך נאָטן, וואָס ער האָט אויסגעמייסטרעוועט אַף אייגענע אימ־פּראָוויזירטע נאָטן־ליניעס, ספּעציעל ווען ער פלעגט זיי אויסמאַכן אַף די ברעגן פון די גמרא׳ס, וואָס ער האָט געלערנט. יאַנקל האָט שוין דעמאָלט געלערנט אין דעם העכסטן קלאַס אין דער תלמוד־תורה, אָבער בשעת דער ראש־ישיבה פלעגט זאָגן זיין „שיעור", האָט זיך יאַנקל מער צוגעהערט צו דעם טאָן פונעם „שיעור", ווי צו דעם אינהאַלט, מער צו דער מוזיקאַלישקייט, צו דעם ניגון מיט וועלכן ער האָט געלערנט, ווי צו די אַלטע פּילפּולים, וואָס האָבן אים אַלץ ווייניקער און ווייניקער גענומען אינטערעסירן.

יאַנקל האָט אַ היפּש ביסל געאַרבעט ביז ער האָט פאַרפאַסט אַ נייע קאָמפּאָזיציע פאַר אַ „קדושה". צענדליקער מאָל האָט ער זי איבער־געשריבן, פאַרריכט, געענדערט און געבראַכט זי צום חזן. עפּעס אַ מאָדנעם קוק האָט אַף אים דער דראָהיביטשער געוואָרפן, פון וועלכע „אַלע בלוטן זיינען באַ אים פאַרגליווערט געוואָרן". פונדעסטוועגן זעט יאַנקל, ווי דער חזן פאַרגלעט זיך גלייך די באָרד און נעמט זיך איבערגיין די קאָמפּאָזיציע טאַקט נאָך טאַקט. ער פּרואווט אים צוהעלפן, אָבער ווידער וואַרפט אַף אים דער חזן זיין בייזן בליק. ענדלעך ווערט דער חזן פאַרטיק, גיט אַ ברום עפּעס אונטער דער נאָז, הייבט זיך אויף פון זיין שטול און . . . לאָזט זיין תלמיד אַראָפּ אַ פייערדיקן פּאַטש, אַזש ס׳האָט אים פאַרקלונגען דעם אויער.

„דו הייבסט נאָך אַפילו ניט אָן צו וויסן וואָס אַ קאָמפּאָזיציע איז און דו דערלאַנגסט מיר שוין אַ גאַנצע „קדושה", דו שייגעץ איינער!" — האָט גלייך נאָכגעפאָלגט דעם פיזישן פּאַטש, פון וועלכן יאַנקל איז נאָך מער צעטומלט געוואָרן און האָט זיך גענומען אַפּטראָגן אַזוי שנעל ווי ער האָט נאָר געקענט באַוויזן.

דאָס האָט אַף אַ קורצער צייט באַ אים דער׳הרג׳עט דעם חשק ווייטער צו פאַרנעמען זיך מיט קאָמפּאָזיציעס. ער איז אַ געוויסע צייט אַרומ־געגאַנגען ווי אַ דערשלאָגענער. דער חזן האָט אים שוין מער וועגן דער קאָמפּאָזיציע ניט דערמאָנט און ער איז בכלל צו אים געוואָרן אַ ביסל ווייכער. יאַנקל האָט אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום זיך דערוואוסט די אור־זאַך: דער חזן האָט מיטאַמאָל גענומען איינזינגען מיטן כאָר זיין, יאַנקל׳ס, „קדושה", אָבער ער האָט מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועמענס קאָמפּאָזיציע דאָס איז. אין כאָר האָבן אַלע, אויסער, נאַטירלעך, יאַנקלע׳ן, אָנגענומען, אַז דאָס איז דעם חזנ׳ס אַ נייע שאַפונג.

7. יאַנקל ווערט אַ דייטש, אַ בראָדער

דאָס האָט צוריק אומגעקערט יאַנקל'ען דעם מוט צו שרייבן נייע קאָמפּאָזיציעס. איצט וועט ער שוין דעם חזן ווייזן אַ מכה. ער האָט איצט מער פּיינט געהאַט דעם חזן, ווי דעמאָלט ווען ער האָט אים אָנגעמאָסטן דעם פּאַטש. יאַנקל האָט געוואוסט, אַז דער חזן איז ניט אַזאַ צדיק, ווי ער שטעלט זיך אַרויס, אָבער ער וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט אַף אים, אַז ער זאָל באַגיין אַזאַ גזילה. יאַנקל איז געווען זיכער, אַז „גאָט וועט עס אים ניט שענקען". מסתמא וועט ער באַלד קראַנק ווערן אַף קדחת.

אָבער עס זיינען אַוועק היפּשע עטלעכע וואָכן און נישט דער חזן איז קראַנק געוואָרן, נישט עס איז געווען קענטיק אַף אים וועלכע ס'איז „גאָט'ס שטראָף". דאָס האָט אָנגעהויבן אַריינצו'גנב'ענען „זינדיקע" מחשבות אין דעם אינגל'ס מוח. ווען ער פּלעגט פאַרקריכן שוין צו ווייט אין אַזעלכע חקירות, איז אים באַפאַלן אַ שרעק — צי ווערט ער ניט אַמאָל אַן אפיקורס?

אין יענער צייט האָט ער שוין צוגעזען פון עלטערע בחורים פאַר־שיידענע „זינדיקע" מעשים און איין מיאוס'ע מעשה פונעם טענאָר, וואָס האָט מיט אים מיטגעזונגען אין כאָר. ער, אָבער, יאַנקלע, איז נאָך אַלץ געווען פרום, האָט געדאַווענט און האָט זיך אַפילו איין מאָל גע'ישוב'ט ווען פאַסטן, ווען איינער פון זיינע תפילין איז צופעליק אַראָפּגעפאַלן אַף דר'ערד, באַם אויסטאָן זיי.

ס'איז אָבער באַלד אָנגעקומען אַ צייט פאַר יאַנקל'ען, וואָס האָט אים נאָך מער אויפגעטרייסלט ווי דאָס צו'גזל'ענען זיין „קדושה". פּאַסירט האָט עס נאָכדעם ווי דער חזן האָט עפּעס געהאַט אַ סכסוך מיטן גבאי פון שול, פון וואָס דער דראָהיביטשער האָט זיך שטאַרק געקאָכט.

איינמאָל זאָגט אָן דער חזן יאַנקעלע'ן און עטלעכע אָפּגעקליבענע זינגער פונעם כאָר, אַז זיי וועלן קומענדיקן שבת ראש־חודש פאָרן קיין בראָד, אַף יענער זייט גרענעץ, און זינגען דאָרטן אַף אַ חתונה. ער האָט זיי אָבער געבעטן צו האַלטן עס בסוד. יאַנקל האָט זיך באַ אים קוים איינגעבעטן, אַז ער זאָל מעגן דערציילן דעם סוד זיינע עלטערן, אַז זיי זאָלן ווייסן וואו ער איז אַהינגעקומען. משה־דוד, זיין פאָטער, האָט אַפילו היפּשלעך נאָכגעקלערט וועגן דעם און די מאַמע העניע־חוה האָט געשריען: ווי לאָזט מען עס אַ קינד פאָרן אַף גאַנצע דריי טעג פון דער היים אין אַ פרעמדער שטאָט און אין אַ פרעמד לאַנד!

יאַנקל האָט דורכאויס געוואָלט פאָרן. ער האָט זיך אַזויפיל אָנגעהערט וועגן בראָד און אירע באַרימטע חזנים. איצט האָט ער די געלעגנהייט. האָט ער געוויינט און געשריען, אַז ער מוז פאָרן מיטן חזן קיין בראָד, ווען ניט וועט אים דער חזן אינגאַנצן אָפּזאָגן פון זיין „שטעלע״. טאַטע־מאַמע האָבן זיך דערנאָך געקריגט, איבערגעבעטן זיך און ס׳איז געבליבן, אַז ער זאָל פאָרן מיט מזל און צוריקקומען געזונטערהייט.

בראָד איז אינגאַנצן אַרום 33 וויאָרסט פון קרעמעניץ. געשעפטס־לייט, תבואה־ און טאַבאַק־סוחרים פלעגן יעדן טאָג פאָרן הין־און־צוריק איבער דער גרענעץ, אָבער באַ יאַנקעלע׳ס עלטערן האָט עס אויסגעקוקט ווי אַ וויטער מהלך. זיי האָבן זייער יאַנקעלע׳ן באַגלייט צו דער באַן און די מאַמע האָט אים נאָכגעשריען: „זע, יאַנקעלע, גיב אַכטונג אַף זיך און גיי ניט אַרויס קיין פאַרשוויצטער פון דער חתונה.״

עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס די מוטער האָט אַזויפיל געציטערט איבער איר יאַנקעלע׳ן. איז ער דאָך שוין דעמאָלט געווען דאָס גע־ראָטנסטע קינד באַ זיי, מיט וועלכע שכנות מאַמעס האָבן זיך געבענטשט, אָנקוועלנדיק פון זיין זינגען. דערצו איז שוין העניע־חוה געווען געוווינט צו באַגראָבן. פיר קינדער האָט זי שוין דעמאָלט געהאַט באַגראָבן. עס האָבן ניט געהאָלפן דעם רבינ׳ס ברכות און אירע מוטערלעכע זאָרגן. די קינדער פלעגן זיך אָפּטראָגן פון דער וועלט צוליב דער גרויסער נויט, ניט זייענדיק אומשטאַנד צו באַנוצן זיך מיט דאָקטוירים אַפילו אַז „דער חלף איז שוין געלעגן איבערן האַלז״.

יאַנקעלע איז אָפּגעפאָרן מיטן חזן. ער האָט זיך געפילט גדלות׳דיק, וואָס אָט פאָרט ער שוין אין „אויסלאַנד״ זינגען. פיל פון זיינע חברים משוררים האָבן אים מקנא געווען דאָס גרויסע גליק צו פאָרן אַף עטלעכע טעג קיין בראָד און זען וואָס עס טוט זיך אין „אויסלאַנד״.

דאָס „גליק״ אָבער האָט זיך גיך אַרויסגעשטעלט צו זיין פאַר אים אַ שטיקל צייט אַן אומגליק. דער חזן האָט אים פשוט אָפּגענאַרט. דאָס איז ער גאָרניט געפאָרן אַף קיין חתונה. ער האָט אָנגענומען אַ נייע שטעלע אין אַ בראָדער סינאַגאָגע. ער האָט יאַנקל׳ען ניט געוואָלט אָנווערן. ער האָט אין אים געזען ניט בלויז דעם אויסגעצייכנטן משורר מיטן זיסן קול׳כל, נאָר אויך דעם רוקנביין פון זיין כאָר. מיט אים דאַרף ער ניט קנעלן. מיט אים דאַרף מען ניט „אַקערן״. פאַרקערט: יאַנקל זינגט איין מיט די איבעריקע משוררים זייערע טיילן, פאַרשפּאָרט עס אים אַרבעט. יאַנקל קען זינגען די שווערסטע סאָלאָ און זי קומט באַ אים אַרויס, ווי ער וואָלט מיט איר געבאָרן געוואָרן. מיט יאַנקל׳ען וועט ער קענען גיין

אף שמחות, — אף חתונות, שבע־ברכות, בר־מצוה׳ס, האלטן אים דאָרט שפּעט אין דער נאַכט אַריין און פאַר קיינעם ניט דאַרפן אָפּגעבן דין־וחשבון. ער האָט באַשלאָסן יאַנקל׳ען ניט אַרויסלאָזן פון זיינע הענט אַזוי לאַנג ווי ער וועט נאָר קענען.

— יאַנקל, דו וועסט שוין דאָ בלייבן מיט מיר, אין בראָד. דאָ וועסטו ווערן אַ לייט; ס׳וועט דיר גאָרניט פעלן. שרייב אָן דיין טאַטן אַ בריוול, אַז דו ווילסט דאָ בלייבן ווייל ס׳איז דיר גוט. דאָ וועסטו זיך לערנען, גיין צווישן מענטשן, זען אַ וועלט און מיט דער צייט אַליין ווערן אַ חזן.

— אָבער, חזן, סטייטש! ווי קען איך עס טאָן אַזאַ זאַך ווי אָפּנאַרן טאַטע־מאַמע און ווערן אָפּגעפרעמדט פון דער היים, פון אַלע מיינע חברים? ווי וועל איך זיך עס קענען אַרומדרייען איינער אַליין דאָ אין דער פרעמד?

עס האָט אָבער גאָרניט געהאָלפן. יאַנקל האָט געוויינט פאַר אים, זיך געבעטן רחמים, אַז ער זאָל אים אָפּשיקן אַהיים, און דער „דראָהיביטשער" האָט אים שאַרף און קאַלטבלוטיק אָנגעקוקט ווי אַ גזלן:

— אַז דו ווילסט, קענסטו זיך אַהיים פאָרן. אָבער וואו איז דיין „זאַגראַניטשני פּאַספּאָרט"? דו מיינסט, אַז מ׳וועט דיך דורכלאָזן באַ דער גרענעץ? זע בעסער און מאַך אַ שווייג, אַז נישט וועט מען דיך נאָך אַרעסטירן!

„אַרעסטירן!" דאָס דאָזיקע שרעקלעכע וואָרט איז געווען גענוג אַרויפצואוואַרפן אַ שרעק אָפן קינד, אַז ער זאָל אויפהערן איינצו׳טענה׳ן מיטן שטיינערנעם מענטשן און אונטערגעבן זיך. יאַנקל בלייבט אין בראָד.

און ער קומט טאַקע דעם חזן שטאַרק צוניץ. ער שרייבט אים איבער נאָטן, קאָפּירט, זינגט איין מיט די משוררים, לויפט אַפילו „אַ גאַנג" פאַרן חזן. אָבער מיט דער צייט ווערט ער באַקאַנט מיט אָרטיקע אידישע אינגלעך. זיי גייען אין שולע און לערנען זיך. זיי רעדן דייטש, לערנען געאָגראַפיע און היסטאָריע און מאַטעמאַטיק. און יאַנקל באַקומט גרויס חשק צו לערנען די דאָזיקע אַלע זאַכן. ער כאַפּט זיך צו צו זייערע ביכער. זיי לערנען אים און ער איז אַ גוטער שילער. אין עטלעכע מאָנאַטן יאָגט ער זיי אָן, לייזט שוין מאַטעמאַטישע פּראָבלעמען, פאַרגעדענקט פינקטלעך היסטאָרישע דאַטעס, נעמען פון לענדער, שטעט, ימים, טייכן, בערג. ער רעדט שוין אויך אַ ביסל דייטש און אַף יום־טוב קויפט אים שוין דער חזן אַ נייעם קורצן אַנצוג. יאַנקל קוקט זיך אָן אין שפּיגל און קען אים שטייט אָן „אמת׳ער דייטש".

— וואָס וואָלטן טאַטע־מאַמע זאָגן, ווען זיי דערזעען אים איצט אַזוי ? — וואונדערט ער זיך.

8. אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד

אין דער צייט, וואָס יאַנקל איז געווען אין בראָד, האָט ער זיך אויך געגעבן אַ היפּשן רוק פאָראויס אין זיינע מוזיקאַלישע קענטעענישן, איבער־הויפּט אין לייענען נאָטן. דאָס אָפטע איינזינגען נייע קאָמפּאָזיציעס מיט די אינגערע משוררים, לויט זייערע שטימען נאָך, האָט יאַנקל'ען אַלץ מער איינגעאיבט סיי אין דער מעטאָדיק ווי אַזוי איבערצוגעבן אַ מוזיקאַלישע פראַזע און סיי אין לייענען נאָטן. די דאָזיקע איבונג האָט ער אויך באַקומען דורך איבערשרייבן די צאָלרייכע קאָפּיעס פון די נאָטן, וואָס דער חזן האָט אים געגעבן. דער חזן פלעגט פאַרקויפן פאַרשיידענע „תפילות" צו אַנדערע קלענערע חזנים. ער האָט דערפון געהאַט אַ היפּשע הכנסה, אָבער די אַרבעט האָט געטאָן דאָס אָרעמע קרעמעניצער אינגל.

מיט דער צייט האָט ער זיך אויסגעלערנט צו לייענען אַזוי שנעל נאָטן, ווי זיי וואָלטן געווען געדרוקטע ווערטער, וואָס מ'לויפט בלויז דורך מיטן אויג. מוזיק־נאָטן איז פאַר אים געוואָרן אַ געוויינלעכע שריפט און פיל עלטערע זינגער אין דעם סינאַגאָגאַלן כאָר האָבן מקנא געווען דעם קליינעם יאַקאָב, ווי זיי האָבן אים גערופן אין בראָד, פאַר לייענען נאָטן שנעלער ווי זיי.

געוויסע מוזיקאַלישע קאָנצעפּציעס נעמען זיך אויך באַ אים אַנט־וויקלען אין בראָד מיט דער הילף פון די מאַטעמאַטישע איבונגען, צו וועלכע ער נעמט זיך זייער ערנסט. אַז מוזיק און מאַטעמאַטיק האָבן אַ געוויסע שייכות, האָט מען שוין לאַנג געוואוסט. דער פאַרצייטיקער גריכישער פילאָזאָף, פּיטאַגאָראַס, איז געווען גלייכצייטיק איינער פון די פאָטערס פון מוזיק־האַרמאָניע און איינער פון די ערשטע אין העכערע מאַטעמאַטישע אַבסטראַקציעס. יאַנקעלע האָט געוויס וועגן דעם קיין שום אַנונג ניט געהאַט, אָבער זיין איינגעבאָרענע ,אינטואיציע האָט אים גע־טריבן אין דער ריכטונג פון מאַטעמאַטיק. שעה'ען לאַנג זיצט ער אָפּ איבער זיי און האָט גרוים הנאה, ווען אים געלינגט לייזן אַ פאַרפּלאָנטערטע מאַטעמאַטישע פּראָבלעם.

בראָד איז נאָך אַלעמען פאַרן יונגן שייפער געווען אַ ברכה. ניט נאָר האָט ער זיך דאָרט היפּשלעך אַנטוויקלט וועלטלעך און אַרויסגעקראָכן פון די פיר איילן פון דער קרעמעניצער תלמוד־תורה, נאָר ער האָט זיך

אויך אנטוויקלט פיזיש. אף די פאַרשיידענע שמחות, צו וועלכע ער פלעגט גיין מיטן חזן, כאַפּט זיך יאַנקעלע צו צו דער אכילה — עסנס, וואָס ער האָט קיינמאָל פריער ניט אָנגעקוקט בײַ זיין טאַטן אין הויז, איז בײַ אים געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אין זיינע בריוו, וואָס ער שרייבט צו טאַטע־מאַמע, באַרואיקט ער זיי טאַקע, אַז ער איז געזונט, עסט גוט און שלאָפט גוט אין גרויסן טאָג אריין און „וואַקסט ווי אַף הייוון".

יאַנקל נעמט אַריינקומען אין באַלעבאַטישע הייזער, וואו זיינע באַ־קאַנטשאַפטן ברייטערן זיך נאָך מער אויס. מ׳האָט אים ליב פאַר זיין ערלעכקייט, איינפאַכקייט און פייאיקייטן. ער פאַרטרויט אייניקע דעם סוד, אַז דער חזן דראָהיביטשער האַלט אים דאָ אין בראָד מיט געוואַלט, אַז ער האָט אים אַהער פאַרנאַרט און אַז ער וואָלט וועלן אַהיים פאָרן. דער סוד ווערט ביסלעכווייז פאַרשפּרייט צווישן באַלעבאַטים פון דער סינאַגאָגע. דער חזן דערשרעקט זיך. ער האָט געגנוג שונאים. מ׳קען אים נאָך פאַר׳מסר׳ן, אַז ער האָט צוגע׳גנב׳עט דעם פייאיקן אינגל. ווען דער סוד איז שוין אַרויס פאַר גאַנץ בראָד, שיקט אים דער חזן צוריק אַף אַהיים אין קרעמעניץ.

9. דער גרויסער יאַנקל אין „קליינעם בונד"

די שמחה איז געווען גרויס בײַ טאַטע־מאַמע, ווען יאַנקל האָט זיך אומגעקערט קיין קרעמעניץ. אין די קנאַפּע דריי יאָר איז ער אויסגע־וואַקסן „מיט אַ קאָפּ העכער". די מאַמע האָט שטילערהייט, מיט טרערן אין די אויגן, געזעגנט צום טאַטן:

— זעסט, משה, איך האָב דיר געזאָגט. עס וואַקסט בײַ אונז אַ בריליאַנט אין דער משפּחה. אי שיין, אי קלוג, אי געזונט, אי געלערנט. מיט אַזאַ זון איז זיך נישטאָ וואָס צו שעמען.

דער טאַטע פּרואווט אַ רעד טאָן מיטן זון וועגן לערנען אַף ווערן אַ חזן־שוחט. אָבער יאַנקל איז ניט געוואַלדיק באַגייסטערט דערפון. ער פּרואווט אָפּלייגן: מיר׳ן נאָך זען. איך בין נאָך ערשט זעכצן יאָר אַלט און איך האָב נאָך צייט.

אייניקע פון יאַנקל׳ס פריערדיקע חברים, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים געלערנט אין דער תלמוד־תורה, זיינען איצט געווען די פירער פון „קליינעם בונד". זיי האָבן יאַנקל׳ען גלייך פאַרטרויט דעם סוד און אַריינגענומען אים אין זייער קרייזל.

נאָך זייענדיק אין בראָד האָט יאַנקל עטלעכע מאָל געהערט רעדן וועגן סאָציאַליסטן אין די באַלעבאַטישע הייזער. דאָרט האָט מען פֿון זיי געלאַכט: „זיי ווילן האָבן, אַז ראָטשילד זאָל זיי אָוועקגעבן זיינע מיליאָנען און אַז פֿראַנץ־יאָזעף זאָל זיי אָפּטרעטן דעם כסא המלכות.” יאַנקל האָט דעמאָלט מיטגעלאַכט מיט זיי, כאָטש אין ערגעץ האָט אים געגעבן אַ טיאָכקע דער געדאַנק, אַז דאָס איזדיעקעווען זיך גבירישע קינדער איבער אָרעמע מענטשן. איצט, נאָך עטלעכע שמועסן מיט זיינע אַמאָליקע חברים, ווערט אים דער ענין אַ ביסל קלאָרער. די גבירים האָבן אַלץ און טוען גאָרניט. זיי האַלטן „מענטשן”, דינסטן און געזעלן, וואָס אַרבעטן פֿאַר זיי. און וואָס האָבן דערפֿון אָט די אַלע, וואָס האָרעווען אַזוי שווער? אָט האָט דער זיידע אַ „מייסטערקאַיע”. דער זיידע אַליין אַרבעט שוין כמעט גאָרניט. ער איז אַלט און שוואַך. אָבער דער טאַטע האָרעוועט און האָרעוועט, און וואָס האָט ער דערפֿון?

אָבער מער ווי די „עקאָנאָמיק” האָט אַף יאַנקל'ען געווירקט די „פּאָליטיק” פֿון דעם גאַנצן ענין, די קאָנספּיראַציע און די געוואַגטע מעשים, וואָס אָט די יונגע בחורים'לעך און מיידלעך טוען אָפּ. אין „הצפֿירה” האָט ער געלייענט, נאָך זייענדיק אין בראָד, וועגן דעם קישינעווער פּאָגראָם, וועגן האָמליער. און צווישן די שורות האָט ער ערגעץ וואו דערכאַפּט, אַז עס זיינען שוין דאָרט דאָ אידן, וואָס „לאָזן זיך ניט שפּייען אין דער קאַשע” און גיבן צוריק אַ קלאַפּ פֿאַר אַ קלאַפּ. און כאָטש אַליין האָט ער דעמאָלט זייער מורא געהאַט פֿאַר קלעפּ, האָט ער אָבער געהאַט גרויס דרך־ארץ פֿאַר אַן אָטוואַזשנעם מענטשן, וואָס שטעלט זיך קעגן.

נאָך מער האָט אַף אים געהאַט אַ ווירקונג, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געהערט זינגען „די שבועה”. דער רעוואָלוציאָנערער פּאַטאָס האָט פֿאַרכאַפּט זיין יונגע פֿאַנטאַזיע. ער האָט געהערט נאָך עטלעכע לידער. „זיי זינגען שלעכט, אָבער זיי זינגען מיט האַרץ” — האָט יאַנקל זיך געקלערט. מ'דאַרף זען, אַז זיי זאָלן אויך זינגען גוט.

און דאָ האָט ער שוין געהאַט עפּעס, וואָס ער האָט געוואוסט, אַז ער קען פֿיל ביישטייערן. ער האָט די יונגע חברה' געלערנט ווי אַזוי מ'דאַרף זינגען, כאָטש אַליין האָט ער דעמאָלט ניט געקענט פֿיל מיטזינגען, ווייל זיין שטימע האָט זיך געהאַלטן אין בייטן. בא שייפֿער'ן איז אויסגעוואַקסן אַן אומלעגאַלער כאָר פֿון יונגוואַרג, וואָס ער האָט דיריגירט. ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק. דערוואַקסענע אַרבעט־מענטשן פֿלעגן זיך אָנלויפֿן הערן ווי יאַנקל משה־דוד'ס פֿירט אָן מיט רעוואָלוציאָנערן געזאַנג, ווי „אַן אמת'ער קאַפּעלמייסטער”.

יאנקל האָט זיך אָנגעהויבן באַקענען מיט דער יונגער פֿאָלקס־אינטעליגענץ, וואָס גרופּירט זיך אין קרייזלעך פֿון זעלבסט־בילדונג און שטייען נאָענט צום „בונד". ער האָט זיך מיט אייניקע פֿון זיי אינטימער באַקענט. עס איז פֿאַר אים דאָ אויפֿגעקומען עפּעס אַ נייע וועלט. דאָרט רעדט מען נישט וועגן חזנות, אָדער שחיטה. ווי וועט ער אויסקוקן צווישן זיי, אַז ער וועט זיך איצט אָנהייבן לערנען אין דער ישיבה ווי אַזוי צו ווערן אַ שוחט?

10. אויב ניט קיין סטאָליער, איז אַ שוסטער

אויס מיט חזנות און שחיטה! — באַשליסט ער פֿעסט בײַ זיך. מ'דאַרף קענען אַ מלאָכה. און פֿאַרוואָס טאַקע ניט ווערן קיין סטאָליער, ווי דער טאַטע און ווי דער זיידע און עלטער־זיידע?

אין אָנהייב האָבן טאַטע־מאַמע וועגן דעם ניט געוואָלט הערן. סטייטש: געלערנט אַזוי לאַנג חזנות, אָפּגעוועזן דריי יאָר אין בראָד און ס'איז נאָר אַ פֿראַגע פֿון איין יאָר לערנען שחיטה, און דאָ פֿאַרווילט זיך אים גאָר ווערן אַ סטאָליער! אָבער יאַנקל האָט שוין דאָ אַרויסגעוויזן, אַז ער וואַקסט אַ „געבּרענטער עקשן".

— איך וועל ניט שעכטן קיין קעלבלעך, און פֿאַרטיק! — האָט ער דער מוטער איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל געוואָרנט. — וואָס האָבן זיי מיר געטאָן, אַז איך זאָל זיי שעכטן?

— איז ניט קיין קעלבלעך! — איז שוין די גוטע מאַמע גרייט געווען איינצוגיין מיט אים אויף אַ פּשרה. — וועסטו זיין אַ שוחט פֿון עופֿות!

אָבער עס איז געווען אומזיסט מיט אים איינצו'טענה'ן. יאַנקל האָט זיי געוואָרנט, אַז אויב ניט אַ סטאָליער וועט ער ווערן אַ שוסטער, אַ שניידער, אַבי אַ בעל־מלאָכה! און אַז משה־דוד האָט דערהערט, אַז זיין יאַנקל קען נאָך חס־ושלום ווערן גאָר אַ שוסטער, האָט ער זיך דערשראָקן און האָט נאָכגעגעבן.

גראָד איז דעמאָלט משה־דוד געוואָרן אַ יתום. דער פֿאָטער איז אים געשטאָרבן און ס'איז אים געוואָרן „גוט". ער האָט באַקומען ירושה דעם פֿאָטער'ס „מאַסטערסקאַיע". וואָלט ער דאָך סיי־ווי געדאַרפֿט צונעמען אַ געזעלן. נו, וועט ער שוין יאַנקל'ען לערנען די מלאָכה, אַבי נאָר ער זאָל ניט ווערן, חס־ושלום, קיין שוסטער.

און אַזוי איז יאַנקל געוואָרן אַ סטאָליער. אָבער ער האָט פֿונדעסטוועגן ניט אויפֿגעהערט צו לערנען. פֿאַרקערט: ער האָט אָנגעהויבן

פּלאַנעווען אָפּצוגעבן עקזאַמען אַף 4 קלאַסן גימנאַזיע. ער נעמט לערנען רוסיש און רוסישע היסטאָריע, לייענט ביכער וועגן מוזיק און גלייכצייטיק לייענט ער רעוואָלוציאָנערע אומלעגאַלע ליטעראַטור, לייענט די רוסישע קלאַסיקער און אַנטוויקלט זיך אַלס גוטער דיספּוטאַנט אַף די קרייזלעך.

אין די יאָרן 1905 און 1906 האָט קרעמעניץ, ווי אַלע שטעטלעך פון דעם מין אין יענע געגנטן, מיטגעפיבערט מיט דעם אַלגעמיינעם אויפשוואונג איבערן לאַנד אַפן געביט פון זעלבסט־טעטיקע אָרגאַניזאַציעס — פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, קולטור־אינסטיטוציעס, ביבליאָטעקן, דראַמאַטישע גרופּעס. דער יונגער שייפער האָט זיך אומעטום געוואָרפן, אומעטום בייגעטראָגן. עטלעכע מאָל אָרגאַניזירט כאָרן, ניט קוקנדיק אַף דעם וואָס זיי פלעגן שנעל אונטערגיין. אין אָנהייב 1907 טרעט ער אַריין אין „בונד" און נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין די אַלגעמיינע טעטיקייטן פון דער אָרגאַניזאַציע. שוין דעמאָלט טיילן זיך בא אים אויס געוויסע כאַראַקטעריסטישע אָרגאַניזיר־פייאיקייטן, וואָס מאַכן אים באַרימט צווישן דער רעוואָלוציאָנער־געשטימטער יוגנט. שוין דעמאָלט ווייזן זיך אַרויס זיינע האַרעפּאַשנע איינגעשאַפטן פון אַרבעטן שווער און פאָדערן דאָס זעלבע פון אַנדערע.

שייפער נעמט באַזוכן אַ יוגנטלעכן קרייזל, וואָס קומט זיך צוזאַמען אין דער הויז פון אַ יונגער אַקושאָרקע. דאָרט דיסקוטירט מען קולטור־פּראָבלעמען: פראַגן פון ליטעראַטור און טעאַטער. זיין האַריזאָנט ווערט אַ ברייטערער. אין דער סביבה קוקט מען אַף אים מיט דרך־ארץ. מען באַטראַכט אים פון איין זייט ווי אַן אינטעליגענטערן אַרבעטער און ענערגישן יונגנמאַן און פון דער צווייטער זייט ווי אַן אייראָפּייער, וואָס וויים מערב־אייראָפּייאישע פירונגען, כאָטש אין מאַניערן איז שייפער אַלץ געווען דער זעלבער פּשוט'ער פאָלקס־מענטש, וואָס האָט פיינט צירלעך־מאַנירלעכקייט.

11. ערשטע ליבע — נייע צרות

דאָרט בא דער אַקושערקע באַקאַנט זיך יאַנקל מיט אַ סטודענטקע פון לעצטן קלאַס גימנאַזיע, סאָניע אפרת. עס איז דאָס יאָר 1907. די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע ווערן פון אויבנאויף איינגעשטילט. אַנדערע יונגעלייטלעך הייבן שוין אָן אַרויסצואווייזן זייער „מאָדערניזם" דורך אָפּקלויפּן פון דער רעוואָלוציע. צווישן דער יוגנטלעכער אינטעליגענץ הייבט זיך שוין אָן דער פאַנאַנדערלייג. די דיסקוסיעס פירן זיך שוין ניט

צווישן סאָציאַל־דעמאָקראַטן און סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, צווישן „פּאַרטייצעס” און „בונדאָווצעס”, נאָר צווישן איבערגעגעבענע און לאָיאַלע רעוואָלוציאָנערן און ליקווידאַטאָרן, צווישן „אידעאַליסטן”, אינעם מאַסן־באַגריף פון דעם וואָרט, און צווישן סאַנינצעס און „מיסטיקער”, גאָט־זוכער און ליטעראַרישע פיינשמעקער.

שייפער איז מיט די לאָיאַלע, מיט די וואָס קענען ניט פאַרראַטן די אידייען, וואָס זיי האָבן ערשט־אָ געהאַלטן פאַר הייליק. ער אַרגומענטירט מיט היץ קעגן די נייע „חכמים”, וואָס רופן אָן די רעוואָלוציע אַן עניין פון „יענער וועלט”. זיין גרויסער קאָפּ האָר כוואַליעט זיך שטורמיש, ווען ער צעהיצט זיך מיט זיינע פולע יוגנטלעכע ליידנשאַפטן. זיינע גרויסע, גרינע אויגן צינדן זיך דעמאָלט אָן מיט פונקען־שפּרינצנדיקע פייערלעך. ער זעט דעמאָלט אויס ווי אַ גראַציעזער יונגער לייב, וואָס קלייבט זיך מאַכן זיין שפּרונג.

שייפער’ן האָט מען ניט פיינט, אַפילו ווען ער בייזערט זיך. אָבער צווישן דעם קרייזל באַ דער אַקושערקע זיינען סאָניע אפרת’עס פאַר’־חלומ’טע בלאָע אויגן טיף פאַרגראָבן אין דעם יונגן שייפער. אַלע ווייסן, אַז זי איז פאַרליבט אין אים, אַז זי פאַרגעטערט יעדן טריט זיינעם. זיי ווייסן אָבער נאָך ניט, אַז אויך דער יונגער בריוו־פּלייציקער בחור טראָגט זיך מיט אַ פייל אין האַרצן. ער איז שעמעוודיק. ער קוקט כמעט ניט אַף איר, אָבער אָנשטאָט צוויי אויגן קוקן אַף איר אַלע מיליאָנען צעלן פון זיין גוף און מוח. שייפער איז צום ערשטן מאָל אין לעבן פאַרליבט. פון אַלע אַקאָרדן, וואָס ער האָט שוין פאַרנומען, איז דאָס אַ נייער אַקאָרד. פון אַלע מעלאָדיעס, וואָס האָבן זיך געוויגט אין זיין באַוואוסטזיין, איז די נייע מעלאָדיע די פּראָוואָצירנדיקסטע, וואָס פאַרפאָלגט אים וואו ער שטייט און וואו ער גייט.

טאַטע־מאַמע האָבן באַמערקט די טיפע ענדערונג, וואָס עס קומט פאָר אין זייער יאַנקל’ען. שוין לאַנג, לאַנג האָבן זיי אים ניט געהערט רעדן פון שלאָף. איצט רעדט ער ווידער. זיי קענען ניט פאַנאַנדערקלייבן די ווערטער. ניין, ער רעדט איצט ניט וועגן אַ פּאָרטאָפּיאַנאָ.

דער שאָטן, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אַף שייפער’ן, איז ניט געקומען צוליב דעם, וואָס ער האָט ניט קיין פּיאַנאָ, צי אַן אַנדער טייערן אינסטרומענט. זיינע ליידן האָבן זיך גענומען פון דעם, וואָס ער האָט אַ צו־טייערן אינסטרומענט. סאָניע אפרת איז געווען די טאָכטער פון אַ רייכער פאַמיליע אין שטאָט, אַ פאַמיליע, וואָס איז באַרימט מיט אירע פּאַפּיר־געשעפטן, בוך־געשעפטן, אייגנטימער פון אַ ריי הייזער און האָ־

טעלן. א פאַמיליע איינגעטונקט אין יחוס, איינגעקייטלט אין דורות פון סוחרים, נגידים. באַ זיי איז א בעל־מלאכה, ווי א בעלמע אף אַן אויג.

סאָניע׳ס עלטערן האָבן זיך דערוואוסט, אַז זייער שיינע טאָכטער פירט זיך אַרום עפּעס מיט א פּראָסטן סטאָליער־יונג, וואָס איז אַמאָל געווען א משורר באַ יאַנקל דראָהיביטשער. מער ווי דאָס פעלט זיי ניט! צוליב דעם האָבן זיי עס געדאַרפט איר אָפּגעבן אין גימנאַזיע? וואָס פאַר א שרעקלעכע בושה פאַר לייטן! מ׳וועט דאָך טייטלען אף זיי אין די גאַסן מיט די פינגער!

עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר סאָניע׳ן שווערע טעג. מ׳האָט מיט איר איינגעטענה׳ט מיט גוטן און מיט בייזן: א שטאָט מיט הונדערטער יונגעלייט פון שיינע פאַמיליעס — קענסטו זיך עס גאָר ניט צוקלייבן קיין איינעם פון אַלע און איינגליאַפּען זיך אין אַן אָרעמען סטאָליער, א געוועזענער משורר, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אף חתונות און ברית׳ן? . . . אויב דו וועסט אים ניט אָוועקוואַרפן מיט גוטן, געדענק, מיר ווייסן, אַז ער איז א סאָציאַליסט . . . און די פּאָליציי לעבט נאָך, א דאַנק גאָט!

12. די שטאָט קרעמעניץ און איר אומגעבונג

אומגעגנט און סביבה שפּילן א געוויסע ראָלע באַ יעדן קינסטלער. אין דעם פאַל מיט שייפער׳ן איז עס געווען נאָך בולט׳ער. די לאַנדשאַפט־לעכע קרעמעניץ האָט באַ אים צעוואַרעמט די ליבע צו דער נאַטור און צו אירע וואונדער. די געדיכטע אידישע מאַסן אין קרעמעניץ האָבן אים צוגעבונדן מיט זייער פּשטות און ערלעכקייט, וואָס זיינען געווען אין שרייענדיקן קאָנטראַסט מיט די דאָרטיקע אידישע סוחרים און מעקלער פון תבואה און טאַבאַק, פון פעל און פוטערוואַרג, פון הייזער און ברייזער.

יעקב שייפער האָט געהאַט א טיפע ליידנשאַפט פאַר לאַנגע שפּאַצירן, אָפטמאָל אף מיילן און מיילן, און די דאָזיקע ליידנשאַפט האָט באַ אים אויך אָנגעהאַלטן אין זיינע רייפערע יאָרן ביז זיינע לעצטע טעג.

דאָס שטעטל קרעמעניץ ליגט אין א שפּאַלט — טיף צווישן די קרעמעניצער בערג. די פּאַנאָראַמע אַרום איז א ריי פון בערג־ווענט, אויס־געלייגט ערטערווייז אין שיפּע, שניידנדיקע קאָנטורן. ניט ווייט פון שטעטל געפינען זיך די חורבות פון א היסטאָרישן אַלטן שלאָס, וואָס איז נאָך געבויט געוואָרן אינעם 8טן אָדער 9טן יאָרהונדערט. דער דאָזיקער שלאָס זאָל אַמאָל האָבן באַלאַנגט צו דער קיניגין באָנאַ (באָנאַ ספאָרזאַ), די פרוי פונעם פּוילישן קיניג זיגמונד דער ערשטער. דאָס שפּאַצירן אינעם געגנט

פון דעם שלאָס איז פאַרן יונגן שייפער געווען ניט בלויז אַ שפּאַציר אין אַן אַטראַקטיווער געגנט מיט וואונדערבאַרע לאַנדשאַפטן, נאָר אויך אַ מין עקסקורסיע אין דער אַלטער געשיכטע.

אין אַזעלכע פּלעצער, אַרומשפּרייזנדיק מערסטנס אַליין און אַמאָל אין דער באַגלייטונג פון אַ חבר, פלעגט ער אויסוועבן זיינע קאַנוועס פאַר זיינע מוזיקאַלישע חלומות. אין די ערטער פלעגט ער הערן די קלאַנגען־עכאָס פון פריערדיקע דורות, דעם קייטן־געבראַזג פון די שקלאַפן און די וואַקכאַנאַליעס פון די הוליענדיקע פּריצים־הוליאַקעס; די פאַרקלונגענע טענער פון דומפּע קירכן־גלאָקן און די „אָמר אביי"־פאַרגייעניש פון ישיבה־בחורים.

נאָך מער, אָבער, האָט שייפער זיך צוגעהערט צו די אַקאָרדן פון דער נאַטור. ער איז געווען פאַרליבט אין דער נאַטור, ווי אַ קינד אין זיין שפּילצייג. ער האָט אין איר, אין אַלע אירע מאַניפעסטאַציעס, געהערט מוזיק. דער ברייטער האָריזאָנט פון אויסער דער שטאָט האָט פאַר אים געזונגען פון אומענדלעכע ספערן. די ווינטן, דער שאָרך פון גראָז און בלאַט, דער קראַך פון דונער און דער ליכט־רים פון בליץ, דער מורמל פון טייכל און דער שליידער פון דער כוואַליע, דער צווישטש פונעם פויגל און דער גערודער פון מיל־שטיין — דאָס אַלץ איז פאַר אים געווען איין גרויסע סימפאָניע.

שייפער האָט אויך געהאַט אַ הונגעריק אויג פאַר לאַנדשאַפטן, פאַר פּייזאַזשן. אַ קאָמפּליצירטע קאָמבינאַציע פון וואָלקן־שטיקער, אַ שפּיל פון ליכט און שאָטן, אַ גאַמע פון פאַרבן אין אַ זון־אויפגאַנג אָדער שקיעה, האָט אין אים אַרויסגערופן אַן אַנטציקונג, וואָס פלעגט איבערגיין בא אים אין אמת׳ער עקזאַלטאַציע, וואָס איז בלויז איין טריט פון עכטן שאַפונג־דראַנג.

(די איינדרוקן פון קרעמעניץ און איר אומגעבונג האָבן זיך בא שייפער׳ן ניט אָפּגעווישט ביז די סאַמע לעצטע יאָרן. אַף אַ שפּאַציר, וואָס מיר האָבן צוזאַמען געמאַכט אין 1936, עטלעכע מאָנאַטן פאַר זיין טויט, אין „קינדערלאַנד", האָבן מיר זיך אַף אַ ווײַלע צוגעזעצט אָפּצורוען זיך. ווען שייפער האָט אַף אַ מינוט פאַרמאַכט די אויגן, האָט אים דער שרייבער געפרעגט אין שפּאַס:

— יאַנקל, וואו ביזטו עס איצט געווען?

— כ׳בין געווען אין קרעמעניץ, — האָט ער זיך פאַרשעמט און זיינע גרויסע, פולע אויגן האָבן אויסגעדריקט עפּעס אַ מין פאַרשולדיקט־קייט, ווי ער וואָלט עפּעס באַגאַנגען אַ פאַרברעך.)

ווען עס האָט זיך פאַרפלאָכטן זיין ליבע מיט סאָניע׳ן איז ער געווען צופיל פאַרנומען, אַז ער זאָל קענען מאַכן זיינע אויסערשטאָטישע שפּאַצירן. ער פלעגט זיך טרעפן מיט סאָניע׳ן מערסטנס בא דער אַקושערקע און שפּעט באַנאַכט פלעגט ער זי אָפּפירן פאַוואָליע אַהיים און אויסוואַרעמען יעדן טריט מיט זיין צעצונדענער ליבע.

דאָס האָט אָבער לאַנג אַזוי ניט געקענט אָנגיין. ווען די אפרת־פאַמיליע האָט זיך מיט אַלע כחות גענומען צו צעברעכן זייער בונד, האָבן זיי שוין ניט געקענט פאַרפלעכטן זייערע אָרעמס הינטער זיך און אַזוי דורכגיין דורך די גאַסן. זיי האָבן זיך שוין ניט געקענט טרעפן אַפילו בא דער אַקושערקע, ווייל די עלטערן האָבן שוין געוואוסט פון דעם פּלאַץ און האָבן זי נאָכשפּיאָנירט אַהין.

עס איז פאַר שייפער׳ן געבליבן צו באַנייען זיינע לאַנגע שפּאַצירן אויסער דער שטאָט אין דער אומגעבונג פון דעם חרוב׳ן שלאָס און זיך טרעפן דאָרט מיט סאָניע׳ן. דאָרט, אין דער בערגיקער קרעפּטיקער לופט, האָבן זיי געקרעפּטיקט זייער ליבע, געמאַכט זייערע פּלענער, גע׳חלומ׳ט פון זייער צוקונפט. דאָ האָט אים סאָניע באַאיינפלוסט, אַז ער זאָל אָפּגעבן מער צייט זיין אַלגעמיינער אַנטוויקלונג, כדי צוצוגרייטן זיך צו אַן ערנסטן שטודיום פון מוזיק. דאָ האָט איר שייפער דערמוטיקט, אַז זי זאָל קענען אָנפירן איר קאַמף אין הויז.

און דער קאַמף איז טאַקע געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ שווערער. די טאָג־טעגלעכע סצענעס אין הויז זיינען דערפירט געוואָרן ביז עפנטלעכע סקאַנדאַלן. זייער „ראַנדעוואו" לעבן שלאָס איז געוואָרן דער איינציקער פּלאַץ, וואו זיי האָבן זיך געקענט טרעפן און צונויפרעדן זיך וועגן ווייטערדיקע טריט.

אָבער אין אַ געוויסן טאָג, ווען זיי האָבן זיך געדאַרפט טרעפן לעבן שלאָס, איז שייפער שעה׳ען לאַנג געשטאַנען און געוואַרט אויף זיין סאָניע׳ן. ער האָט דעמאָלט געוואַרט אומזיסט. סאָניע איז ניט געקומען.

13. נישטאָ סאָניע . . . אַדיע, קרעמעניץ!

נישטאָ סאָניע, זי איז ניט געקומען. עפּעס האָט געמוזט מיט איר פּאַסירן. זי איז דאָך שטענדיק אַזוי פּינקטלעך — צו דער מינוט. שייפער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף די רואינען פון שלאָס און זיך דערפילט ווי אַ שטיק פון אים. אַמאָל האָט מען דאָ גע׳יום־טוב׳ט, פרייד האָט געפלייצט פון יעדן ווינקעלע. די זיילן זיינען געווען מאַסיווע, זיכערע. קיניגן זיינען

פארבייגעגאנגען מיט פּאמפּ. מלכות און פּרינצעסינס האָבן זיך אָף זיי אָנגעשפּאַרט. און איצט ליגן זיי צעשמעטערטע, צעוואַליעטע, פאַרוואָר־לאָזטע.

שרעקלעכע געדאַנקען האָבן זיך אים איינגעזעסן אין מוח. סאָניע האָט איין מאָל געדערט וועגן זעלבסטמאָרד. ווער ווייס? אפשר האָט מען זי אַזוי דערקוטשעט, אַז זי האָט עס שוין ניט געקענט איבערטראָגן.

געקומען אַהער איז ער היינט מיט אַ נייעם פּלאַן. רוסי, די גוטע רוסי, סאָניע׳ס שוועסטער, האָט צוגעזאָגט צו העלפן מיט וואָס זי וועט נאָר קענען. זי וועט געבן געלט וויפיל מ׳וועט דאַרפן. פאַרוואָס ניט אָפּ־פאָרן שטילערהייט קיין אַמעריקע? אין אַמעריקע, האָט ער געהערט, פאַר־דינען סטאָליאַרעס צען מאָל אַזוי פיל ווי אין צארישן רוסלאַנד. ס׳וועט זיין גענוג צו לעבן און צו לערנען זיך ווייטער.

דעם גאַנצן וועג, וואָס ער איז געגאַנגען אַהער, האָט ער באַטראַכט דעם פּלאַן פון אַלע זייטן, זיך פאָרגעשטעלט ווי סאָניע וועט געבן אַ וואָרף מיט אירע כוואַליעס לאַנגע האָר און זיך צעטאַנצן פון פרייד. ער איז געווען זיכער, אַז זי וועט אָננעמען דעם פּלאַן, און דאָ — ניטאָ סאָניע!

דאָס זיינען געווען פיינלעכע שעה׳ען פאַר דעם יונגן פאַרליבטן, שעה׳ען וואָס ציען זיך ווי יאָרן. ערשט ווען ער איז געקומען אַ היים האָט ער לייכטער אָפּגעאָטעמט. דאָרט האָט אָף אים געוואַרט זיין טרייער חבר, איסאַק טעניו, מיט דער בשורה, אַז מ׳האָט סאָניע׳ן מיט געוואַלט אוועקגעפירט ערגעץ אין אַן אַנדער שטאָט.

— אַבי זי לעבט! — האָט זיך באַ אים אַרויסגעריסן, ווי פון אונטער אַ שווערן שטיין.

איסאַק טעניו איז דעמאָלט געווען אַן אָנגעשטעלטער באַ די אפרת׳עס און ער האָט זיך מיט דער צייט דערוואוסט, אַז דאָס האָט מען סאָניע׳ן אָפּגעשיקט צו אַן אָנקל, כדי זי אינגאַנצן אָפּצושניידן פון קרעמעניץ און פון שייפער׳ן.

שפּעטער האָט זיך טעניו געשטעלט מיט איר אין פאַרבינדונג און ער איז געוואָרן דער פאַרמיטלער צווישן סאָניע׳ן און שייפער׳ן. ניין, סאָניע האָט אים ניט אויפגעגעבן. אַלע מיטלען אָפּצושניידן זי פון קרעמעניץ האָבן זיך ניט איינגעגעבן. דער אָנקל האָט געפּרואווט פאַר־וויקלען זי מיט דאָרטיקע בחורים. מ׳האָט צוגעזאָגט פּאַבלהאַפטע נדנ׳ס. אָבער סאָניע האָט אויסגעהאַלטן אַלע נסיונות.

ווען די אפרת׳עס האָבן זיך דערוואוסט, אַז זייער אָנגעשטעלטער טעניו האָט עס צוריק פאַרקניפּט די איבערגעריסענע פעדים צווישן סאָניע׳ן

און שייפער׳ן האָבן זיי אים אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע, ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס ער האָט בא זיי שוין געאַרבעט אַ לאַנג צייט און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ערלעכקייט און פּינקטלעכקייט.

טעניין האָט אויך מיטגעהאָלפן אין די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען, וואָס האָבן קולמינירט אין שייפער׳ס אַפּפאָר צוזאַמען מיט סאָניע׳ן קיין אַמעריקע. רוסי האָט טאַקע זיי צוגעהאָלפן מיט די נויטיקע פינאַנסן און טעניין האָט צוגעגרייט אַלע טעכנישע איינצלהייטן. די אפרת׳עס האָבן זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן דערוואוסט, אַז זייער טאָכטער איז אַנטלאָפן געוואָרן.

14. „בלויז דער טויט וועט אונז קענען צעשיידן"

די דורכשניטלעכע וואָגלענישן און צרות, וואָס עמיגראַנטן מאַכן דורך אַף זייער וועג קיין אַמעריקע, האָבן אונזערע אַנטלאָפענע אויך ניט אויסגעמיטן. די זעלבע בראַנד־וועגט: גרענעץ, באָד, די וואַרטעניש אַף דער שיף. יאַנקל און סאָניע האָבן אין ברעמען לאַנג געדאַרפט וואַרטן אַף דער שיף. אונטער געוויינלעכע אומשטענדן לאָזט זיך עס בלויז אויס צו מער הוצאות, ווי מ׳האָט גערעכנט. אין זייער פאַל האָבן זיי וואָס ניכער געוואָלט זיין אַפן שיף. זיי האָבן אַלץ מורא געהאַט טאָמער געפינט מען זיי אויס און מ׳קערט זיי צוריק אום קיין קרעמעניץ.

דאָס האָט אָבער ניט פּאַסירט. מ׳האָט זיי ניט פאַרהאַלטן. די אַלטע איבערגעבויטע דייטשע שיף פון דעם „נאָרד־דויטשן לאָיד" האָט זיי אויסגעקוקט ווי די לעגענדאַרע נח׳ס תיבה, וואָס ראַטעוועט זיי.

די רייזע אַף דעם ים, כאָטש זי האָט זיך פאַרצויגן און סאָניע האָט שטאַרק געליטן פון ים־קראַנקהייט, איז אָבער פאַר שייפער׳ן געווען אַ טאָפּלטע איבערלעבונג: ער איז איצט צוזאַמען מיט סאָניע׳ן און קיינער קען זיי ניט צעשיידן. ער ווערט ענדלעך פּטור פון דעם טראַר, וואָס די עלטערע אפרת׳עס האָבן קענן אים אָנגעווענדט און — ער זעט דעם ים, פון וועלכן ער האָט אַזויפיל געהערט און געלייענט. ער זעט אים אין זיין רו־צושטאַנד און זעט אים אין זיין צאָרן. ער הערט דעם געקנאַל פון זיינע קראַכנדיקע בערג־כוואַליעס און זעט דעם שוימיקן וואַסער־וועג, וואָס די שיף לאָזט הינטער זיך.

שייפער האָט זיך צוגעקוקט צו די פאַרשיידענע טיפּן פּאַסאַזשירן: די, וואָס פאָרן זאָרגלאָז, כאַפּן אַ קערטל, אַ טענצל, אַ קופּלע ביר און די, מיט די כמורנע, דערשראָקענע געזיכטער, מיט די פּעק צרות אַף זייערע

געקרימטע רוקנס, אַז זיי קוקן אוים ווי פראַגע־צייכנס (שייפער׳ס בוכ־שטעבלעכע ווערטער).

באַם אָנקומען אין באַלטימאָרער האַפן האָט דאָס אַנטלאָפענע פּאָרל ווידער געהאַט אַ ביסל טויט־שרעק. די אַמעריקאַנער באַאמטע האָבן שייפער׳ן חושד געווען, אַז דאָס פּירט ער סאָניען פאַר ווייסער שקלאַפעריי. דער איינציקער אויסוועג איז געווען חתונה האָבן אַף דער שיף. אָבער אָנשטאָט אַ „הרי את״ האָט שייפער אַרומגענומען סאָניע׳ן און האָט געמורמלט: „בלויז דער טויט וועט אונז צעשיידן.״

צווייטער קאַפּיטל

די ערשטע יאָרן אין קאָלאָמבוס'עס מדינה

1. אונטער פרעמדע „הימלען"

ווען שייפער איז אַלס 13־יאָריק אינגל אַריינגעפאַלן אין בראָד, גאַליציע, האָט ער זיך אויך אַ געוויסע צייט געפילט, ווי אַ פרעמדער „הימל" איז איבער זיין קאָפּ. די ערשטע טעג זיינע אין אַמעריקע — אין באַלטימאָר, און באַלד נאָכדעם — אין שיקאַגאָ, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער אַטלאַנטישער אָקעאַן, וואָס ער איז אָקאָרשט דורכגעפאָרן, איז גאָר ניט דער ריכטיקער אָקעאַן.

שטייענדיק אין שיקאַגאָ, אין דער מיטאָג־שעה, אַף איינער פון די ווינקל־גאַסן אין דער „לופּ" און באַטראַכטנדיק די שוימיקע, יאָגנדיקע מענטשן־כוואַליעס, וואָס גיסן זיך אַריין איינע אין דער אַנדערער, שטויסנדיק, דרענגענדיק, סאָפּענדיק — האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס איז דער אמת'ער אָקעאַן. דער הימל־שפּאַלט איבער זיין קאָפּ, אָפּגעהאַקט פון אַלע זייטן דורך וואָלקן־באַרירנדיקע מויערן, האָט אים אויסגעקוקט ווי אַ גראָע חופּה, די מויערן ווי שטאַנגען, און דער געקלאַנג און געבראַזג פון די עלעווייטעדס און די טראַמווייען, ווי די כלי־זמרים. מער ניט — די מחותנים באַגיסן די ליפּן מיט הייסער קאַווע אין די לאָנטש־רומס, אָנשטאָט לעקעך און בראָנפן, און חתן־כלה איז פאַרשלונגען אין ערגעץ אין אַ „כשר־טאַנץ", וואָס וויגט זיך אין אַ ריזיקער ראָד פון צענדליקער טויזנטער מענטשן.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און שייפער האָט געקראָגן אַרבעט אין אַ קאַרפּענטעריי. עס איז אים בלויז עטלעכע טעג געווען שווער צו באַנעמען די ספּעציעלע טעכנישע ווערטער פונעם פאַך. (שייפער האָט געהאַט אַ גוטן אויער אויך פאַר שפּראַכן, פאַר דער ספּעציעלער מוזיק פון אַ געוויסן דיאַלעקט.) אָבער וואָס איז שייך אַרבעט־לוין האָט מען אים

אין די ערשטע װאָכן מיאוס אױסגענוצט. ער האָט ניט נאָר ניט באַקומען די „יוניאָן־סקײל“, נאָר אַ פּיל נידעריקערן לױן װי דער דורכשניטלעכער ניט־יוניאָן סקײל. אָבער בשעת ער האָט סאָניע׳ן געבראַכט די ערשטע צװאַנציק דאָלאַר, װאָס ער האָט באַקומען פאַר אַן אַרבעטס־װאָך, איז ער געװען איבער גליקלעך. ער האָט באַלד אַקוראַט אױסגערעכנט װיפיל דאָס באַטרעפט אין רוסיש געלט און װיפּיל אין עסטרײַכיש געלט. דאָס ערשטע, װאָס איז אים אײַנגעפאַלן, איז געװען — נעמען און אײַנצאָלן עפּעס רוסײַן אפּן חוב.

שײפער׳ן איז דער „פאָרװערטס“, די אײנציקע צײַטונג, װאָס ער האָט דאָ אָנגעהױבן לײענען, ניט געפעלן געװאָרן. ער האָט ניט געקענט פאַר־טראָגן דעם באַרבאַרישן װערטער־אַרײַנמיש, װאָס קלינגט ניט אידיש. ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן דעם צעקײ־צוגאַנג פון די עדיטאָריעלס און ער האָט בכלל געהאַט אַ זײער ניט קײן געהױבענע באַציאונג צו דער היגער אַרבעטער־באַװעגונג. זי איז געװען פאַר אים צו אָפּאָרטוניסטיש, און אין דער זעלבער צײַט — צו שרײַעריש, צו װאולגאַר. ער איז אײניקע מאָל געגאַנגען צו מיטינגען און זײ זײַנען אים געװען פרעמד, טרוקן, צופיל געשעפט און צו װײניק נשמה.

אים איז אינגאַנצן ניט געװען באַקאַנט די געשיכטע פון דער אַר־בעטער־באַװעגונג אין אַמעריקע, און װי כמעט יעדער אימיגראַנט, ספּעציעל פון רוסלאַנד, האָט ער געמאָסטן די היגע באַװעגונג מיט דער הײמישער מאָס. ער האָט ניט גענומען אין אַכט דעם בבל־כאַראַקטער פון אַזױ פיל שפּראַכן און נאַציאָנאַליטעטן, װאָס קומט אױס צו אַרבעטן אונטער אײן דאַך. ער האָט פריער קנאַפּ־װאָס געהערט פון די העלדישע קאַמפן, װאָס אַרבעטער האָבן שױן געפירט אין אַמעריקע און פון די צענדליקער מאַר־טירער, װאָס זײ האָבן פון זיך אַרױסגעגעבן.

און װי יעדער דורכשניטלעכער אימיגראַנט איז זײַן גורל באַשטימט געװאָרן אַף היפּשע עטלעכע יאָר דורך דער סביבה, אין װעלכער ער איז אַרײַנגעפאַלן. זוכנדיק צו פאַרדינען עטלעכע עקסטראַ דאָלאַר דורך זײַן פריערדיקער פּראָפעסיע, כאָר־געזאַנג, האָט ער זיך פאַרדונגען דאָ אין דער שול, דאָ אין יענער אלס משורר. זײַן באַריטאָן־שטים, װאָס איז דעמאָלט געװען יונג, פריש, און זײַן לױפיק נאָטן־לײענען, האָט אים ניט געשאַפן קײן שװעריקײטן אַרײַנצוטרעטן אין װעלכן עס איז סינאַגאָגאַלן כאָר און גלײַך מיטזינגען. אָט די דאָזיקע סביבה האָט עס אים אַ לענגערע צײַט אָװעקגעהאַלטן פון דער סאָציאַליסטישער באַװעגונג. ער איז פון איר פאַרפרעמדט געװאָרן.

2. באַקאַנטשאַפט מיט קעריש׳ן ברענגט אים אומגעריכט 120 דאָלאַר

ווי י. קעריש פון שיקאַגאָ דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן שייפער׳ן *), האָט ער זיך מיט אים באַגעגנט, אַלס קאָרפּענטער אין אַ וואַרשטאַט, סוף זומער 1910. אָט ווי קעריש באַשרייבט עס, ווען דער שלאַנקער, שיינער יונגערמאַן האָט צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט:

„. . . זיין יונגער אומשולדיקער פּנים מיט די פאַר׳חלומ׳טע אויגן האָט באַלד מיין האַרץ פאַרכאַפּט, און מיט באַוואונדערונג האָב איך אים באַטראַכט אין די אַרבעטער-קליידער, מיט דער קליינער אַרבעט-היטל, וואָס איז ניט געווען אומשטאַנד איינצוצאַמען דעם שיינעם וואַלד געדיכטע לאָקן, וואָס האָבן זיך געריסן אַף דער פריי. און איך האָב מיר געטראַכט: וואָס פאַר אַ שיינע קאָמפּאָזיציע די נאַטור האָט עס אויסגעמייסטערט!”

נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך באַקענט און פאַנאַנדערגערעדט זיך, האָבן זיי אויסגעפונען, אַז חוץ דעם, וואָס זיי קענען זיך דאָ ביידע ניט צופּאַסן צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי זיי זיינען צו איר געוואוינט געווען אין רוסלאַנד, האָבן זיי אַ געמיינשאַפטלעכן אינטערעס צו מוזיק. אויך קעריש זינגט פון צייט צו צייט אין אַ סינאַגאָגאַלן כאָר, און ער האָט שוין אפילו אַ קאָנטראַקט פאַר די יום־טובים. שייפער באַקלאָגט זיך פאַר אים, וואָס אים האָט זיך עפּעס אַזאַ שטעלע פאַר די יום־טובים ניט געמאַכט און באַדויערט, וואָס ער וועט אָנווערן די פאַר דאָלאַר אין וועלכע ער נויטיקט זיך זייער שטאַרק.

קעריש דערציילט ווייטער, ווי ס׳האָט זיך גראַד געמאַכט, אַז פון זיין חזן איז אין דער לעצטער מינוט אַוועק דער צווייטער באַריטאָן און דער חזן איז פון דעם געווען פאַרצווייפלט. אויב ער זאָל איצט זוכן אַן אַנדערן, מוז ער שוין נעמען אימיצן, וואָס קען גוט נאָטן, און אין גאַנצן האָט ער ניט מער ווי הונדערט דאָלאַר פאַר אַזאַ זינגער. האָט אים קעריש אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ער האָט פאַר אים אָט אַזאַ מאַן און אַז ער וועט אים ברענגען.

פאַר שייפער׳ן האָט עס דעמאָלט געקלונגען „צו גוט, אַז עס זאָל זיין אמת”. הונדערט דאָלאַר פאַר עטלעכע טעג זינגען צו עטלעכע שעה! אַז ער וויל גאָרניט אַזויפיל. פּופּציק וועט זיין איבערגענוג. קעריש האָט אים קוים איינגערעדט, אַז ער זאָל אים לאָזן פאַרהאַנדלען וועגן דעם געלט-

---

*) זע „פּראָגראַם-זשורנאַל” פון שיקאַגער פרייהייט געזאַנג-פאַראיין צום 23טן יובילוי.

ענין. ווען שייפער איז געקומען און האָט לויפיק איבערגעזונגען דעם חזנ׳ס קאָמפּאָזיציעס, האָט שוין דער חזן אים דערלייגט 20 דאָלאַר פון זיין אייגענער קעשענע, ווי ער האָט געזאָגט, אזוי אַז אַנשטאָט 100 האָט ער באַקומען 120 דאָלאַר פאַר די עטלעכע יום־טוב־טעג.

ענדע 1910 קומט פאָר אין שיקאַגאָ דער גרויסער סטרייק־קאַמף בא די מענער־שניידער פון הארט־שאַפנער און מארקס, אין וועלכן סידני הילמאַן, אויך אַן אימיגראַנט פון רוסלאַנד, האָט זיך ארויסגעהויבן אלס א פּייאָניר ארבעטער־פירער. אין שיקאַגאָ איז דעמאָלט די אַטמאָספערע אַן אַנגעגליטע. פריערדיקע רעוואָלוציאָנערע ארבעטער, וואָס האָבן גע־קרימט מיט די נעז אַף דער אמעריקאַנער ארבעטער־באַוועגונג און געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, זיינען איצט אריינגעצויגן געוואָרן אינעם קאַמף. אָבער שייפער איז שוין אַף אַזויפיל אָפּגעפרעמדט, אַז די גאַנצע באַוועגונג גייט אים פאַרביי. ער טרוימט נאָך פון צייט צו צייט וועגן אָרגאַניזירן אַן ארבעטער־כאָר, אָבער דאָס לעבן אין דער סביבה שלעפּט אים אריין אַלץ ווייטער און ווייטער אין דער סינאַגאָגע.

3. ווערט דיריגענט אין אַ קאָר־שול; קויפט אַן אייגענע פּיאַנאָ

אָנהייב 1911 ווערט ער אַ דיריגענט אין אַ רייכער שיקאַגער שול. ער נעמט אריין קעריש׳ן אין זיין כאָר. דער חזן סאָלאָווייטשיק קוועלט אָן פון זיין נייעם דיריגענט. זיין שול־כאָר ווערט באַרימט אין שטאָט. ער גיט אָבער נאָך ניט אויף זיין סטאָליארסקע אַרבעט. באַטאָג ארבעט ער און אין די אָוונטן לערנט ער מוזיק־הארמאָניע און פּיאַנאָ בא דעם מוזיקער סעמועל עפּשטיין, שטודירט איין נייע קאָמפּאָזיציעס מיט זיין סינאַגאָגאַלן כאָר און קלייבן אָן מיט דער צייט געגוג געלט, אַז ער זאָל האָבן דעם ערשטן איינצאָל אַף אַ פּיאַנאָ.

דאָס איז געווען בא די שייפערס אַ גרויסע געשעעניש. אַן אייגענע פּיאַנאָ בא זיך אין הויז, וואו ער קען זיצן און פּראַקטיצירן, איבערגיין אַף איר די מוזיקאַלישע ווערק פון די קלאַסישע מייסטערס, אַליין אויס־חלומ׳ען אַף אירע קלאַווישן נייע מוזיקאַלישע קלאַנגען־קאָמבינאַציעס. איין חלום פון זיין פריעסטער יוגנט איז מקוים געוואָרן. פאַרבעט ער טאַקע קעריש׳ן צו זיך אין הויז אַף אַן אָוונט. „פרעג ניט קיין פראַגעס" — זאָגט ער אים אָן — „און קום צו גיין." אָט ווי קעריש באַשרייבט יענעם אָוונט:

„. . . אַרײַנגײיענדיק אין הויז האָב איך זײ בײדע געטראָפן אין אַ יום-טובֿ'דיקער שטימונג. עס האָט אַף זײ בײדן גערוט די שכינה. שייפער האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם און מיך אַרײַנגעפירט אין „פראָנט-רום", וואו ס'איז געשטאַנען אַ שפּאָגל-נײַע פּיאַנאָ.

— „נו, וועסט שוין איצט פרעגן פראַגעס? — ער האָט זיך באַלד אַוועקגעזעצט באַ דער פּיאַנאָ און גענומען שפּילן; מיט ליבע און צאַרטקייט האָט ער די קלאַווישן געגלעט. יעדער טאָן, וואָס איז אַרויס פון אונטער זײַנע פינגער, האָט אָפּגעשטעמפּלט אַן אומבאַשרײַבלעכע פרייד אַף זײַן פּנים. אָט שפּילט ער עפּעס אַ האַרציקע מעלאָדיע פון אַ באַקאַנט פאָלקס-ליד, און אָט באַמערק איך טרערן אין זײַנע אויגן.

— „שייפער, וואָס איז דאָס? אָט האָסטו דיר אַ ביסל סענטי-מענטאַלעכץ! וויינען גאָר? אָט האָב איך אויך אַ פּיאַנאָ און וויין ניט.

— „יאָ, קעריש, דו האָסט אויך אַ פּיאַנאָ . . . דו לערנסט דײַנע קינדער. איך ווינטש דיר גליק. אָבער פאַר מיר איז די פּיאַנאָ אַזוינס, וואָס איך קען דאָס דיר גאָרניט איבערגעבן. יעדער טאָן וואָס איך שפּיל, דערמאָנט מיר מײַנע איבערגעלעבטע קינדער יאָרן . . . אַז כ'וועל דיר דערציילן, וועסטו פאַרשטיין פאַרוואָס עס קומען מיר טרערן . . .

„סאָניע האָט אונז גערופן צום טיש און אויך אירע אויגן האָבן געוויזן סימנים פון טרערן." *)

שייפער האָט אים דעמאָלט דערציילט וועגן די קלעפּ און די הונגער-ביסן, וואָס ער האָט באַקומען אַלס קינד פאַר וועלן צוקומען צו נאָענט צו אַ פּיאַנאָ.

שייפער האָט זיך מיט דער פּיאַנאָ פיל אָפּגעגעבן אין די ערשטע יאָרן. ער האָט אַלץ געהאָפט, אַז ער וועט נאָך אַמאָל זיך קענען באַווײַזן אַלס גלענצנדיקער פּיאַניסט. אין דעם אָבער האָט אים זייער געשטערט זײַן עלטער און די סטאָליאַרסקע אַרבעט. אַ האַנט, וואָס באַנוצט זיך אַ גאַנצן טאָג מיט שווערע געצייג, פינגער, וואָס זײַנען פאַרשטייפט און פאַרהאַרטעוועט פון טאָג-טעגלעכער האָרעוואַניע, זײַנען אַ „קנאַפּע פאָר קלײדער" מיט פּיאַנאָ-שפּילן. אָבער כאָטש דער דאָזיקער טרוים זײַנער איז קײנמאָל ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן, האָט שייפער מיט אַלע כּחות געזוכט ניט צו פאַרנאַכלעסיקן זײַן פּיאַנאָ-בילדונג און איבונגען. ספּעציעל שפּעטער, ווען ער האָט אינגאַנצן אויפגעגעבן זײַן קאַרפּענטערײַ, איז אײנע פון זײַנע הויפּט-פּרנסות געווען אַ היפּשע עטלעכע יאָר פּיאַנאָ-לערערײַ. אַלס פּיאַנאָ-לערער איז ער געווען דערפאָלגרײַך אויך שפּעטער אין ניו יאָרק, אין 1918-1919.

---

*) דאָרט, זײַט 12.

4. גרינדעט ערשטן אַרבעטער-כאָר און שאַפֿט קאָמפּאָזיציעס

אַרומטראָגנדיק זיך אַלץ מיט דעם געדאַנק צו גרינדן אַן אַרבעטער־כאָר, האָט שייפער באַקומען די ערשטע מעגלעכקייטן פאַר אַזאַ פּראָבע דורך באַקענען זיך מיט הערי שטערן. שטערן האָט געהאַט אַ צוטריט צו די פירער פון דעם אַלטן היברו אינסטיטוט, אין דער האַרץ פון דער אידישער אָרעמקייט אין שיקאַגאָ. די געגנט האָט שוין אָבער געגומען ווייזן סימנים פון ווערן אויסגעשפּילט ווי אַן אויסשליסלעך־אידישע און די פירער פון אינסטיטוט האָבן געזוכט קאָנטאַקטן מיט אידישע יוגנט־קלובן אויפצולעבן זייער פאַרעלטערטע אינסטיטוציע.

שייפער און שטערן גרינדן אַ כאָר סוף 1911, וואָס באַזירט זיך אפן „היברו אינסטיטוט", אָבער וואָס באַשטייט מערסטנס פון אַן אַרבעטער־עלעמענט. דער כאָר איז ניט געווען קיין גרויסער, אָבער ער האָט געהאַט אַ גוטן עלעמענט זינגער. מ'האָט מיט אים געקענט אַרויסטרעטן אין דער עפנטלעכקייט, אָן קיין צו גרויסע הכנות.

גראַד האָט זיך געמאַכט, אַז די פירער פונעם אינסטיטוט האָבן צו־געגרייט אַן אָוונט אין פאַרבינדונג מיטן יאָרצייט פונעם העברייאישן דיכטער י. ל. גאָרדאָן. דער כאָר האָט געדאַרפט ביישטייערן זיין חלק. דער מוזיק־דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט'ס טעמפּל, מר. גענצלער, אַ יאַהודי, האָט געבראַכט שייפער'ן אַ דייטש טרויער־ליד איינצושטודירן מיטן כאָר פאַר דעם דערמאָנטן אָוונט. שייפער'ן איז די קאָמפּאָזיציע ניט געפעלן געוואָרן. ער האָט צוגעזאָגט צו ברענגען צו דער קומענדיקער רעפּעטיציע אַ מער פּאַסנדיקע זאַך.

די קאָמפּאָזיציעס, וואָס ער האָט טאַקע געבראַכט אַף די טעקסטן פון ש. פרוג'ס לידער „אַף גאָרדאָנ'ס קבר" און די „תפילה", האָבן זייער אויסגענומען בײַ די זינגער, און שפּעטער אויך צו דעם יאָרצייט־אָוונט. ווען מ'האָט אים געפרעגט וועמעס מוזיק עס איז — האָט ער געענטפערט, אַז ער ווייסט ניט. אָבער ווען מ'איז צו אים צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל זאָגן וואו ער האָט באַקומען די דאָזיקע קאָמפּאָזיציעס, האָט ער פאַרשעמט געמוזט צוגעבן, אַז ער אַליין האָט זיי אָנגעשריבן. פון דעמאָלט אָן איז זיין נאָמען ברייטער באַקאַנט געוואָרן צווישן דעם אידישן ראַדיקאַלן עולם.

דער כאָר אָבער האָט קיין לאַנגע יאָרן ניט געהאַט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן רייבונגען מיט דער קאָנסערוואַטיווער אַדמיניסטראַציע פונעם אינסטיטוט. זיי האָבן פון דעם כאָר קיין נחת ניט געהאַט. שייפער האָט

אָנגעהויבן אַריינפירן אין אים איינציקע אַרבעטער לידער און די אינסטיטוט־פירער האָבן עס ניט געוואָלט לײַדן. שייפער און שטערן האָבן ניט געוואָלט נאָכגעבן, אַז דער אינסטיטוט זאָל זיך מישן אין דעם רעפּערטואַר פונעם כאָר. דער כאָר איז דעריבער אײַנגיכן צעפאַלן געוואָרן.

נאָך אַ כאָר מיט וועלכן שייפער האָט זיך פאַרבונדן, דער „אַרבעטער־כאָר" פון די פּועלי־ציון, האָט אויך געהאַט דעם זעלבן גורל. ער האָט פאַרוועלקט נאָך איידער ער האָט זיך רעכט פאַנאַנדערגעבליט.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך שייפער גענומען אָפּטער ווײַזן אַף פאַרשיידענע אונטערנעמונגען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אַלס פּיאַנאָ־באַגלייטער. אָבער מערסטנס האָט ער אין די יאָרן 1912־13 פאַרקערט צווישן די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע קרייזן און האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ זייעריקן. אין יענע קרייזן זײַנען דעמאָלט געווען די וואָרט־פירער וויליאַם נאַטאַנזאָן, אַ פריערדיקער אַנאַרכיסט, וואָס האָט זיך באַקערט צום מיסטישן נאַציאָנאַליזם, אַף אַזויפיל, אַז ער האָט גענומען דאַווענען, און דר. י. מאַרקוס, דאָלגיק און א. גלאַנץ. דער לעצטער האָט אָנגעפירט מיט אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שולע, וואו שייפער איז געוואָרן געזאַנג־לערער און דיריגענט פונעם קינדער־כאָר.

צו יענער צייט גיט שוין שייפער אין גאַנצן אויף זײַן סטאָליאַרסקע אַרבעט. סאָניע, דאָס גביריש קינד מיט די ווײַסע אידעלע הענט, קומט אָן אין אַ דעפּאַרטמענט־סטאָר אַלס פאַרקויפערין און רעגט אָן איר יאַנקל'ען צו ווידמען זיך אינגאַנצן צו מוזיק. מיט דער הילף פון זײַנע פּיאַנאָ־לעקציעס, פּיאַנאָ־באַגלייטונג און דיריגיר־אַרבעט אין סינאַגאָגע, גייט ער אָן ענערגיש מיט זײַן שטודיום. אין דער זעלבער צייט שאַפט ער אויך ליטורגישע קאָמפּאָזיציעס פאַר חזנים. שייפער האָט פון זיי ניט באַהאַלטן, אַז ער איז אַ פרײַדענקער און אַז ער שאַפט ניט אַזוי די קאָמפּאָזיציעס צוליב עקזאַלטאַציע פאַר דעם „רבונו־של־עולם", ווי פאַר קאָמפּאָזיציאָנעלער איבונג.

5. „רבי, איך וויל מאַכן אַ נייעם ׳רבונו של עולם׳"

צווישן די פאַרשיידענע חזנים, מיט וועלכע שייפער האָט געאַרבעט אַלס דיריגענט און אַלס קאָמפּאָזיטאָר, געפינען זיך אויך די נעמען פון די באַרימטסטע חזנים אין שיקאַגאָ, אַזעלכע ווי טאָלטשין, גרינבערג, רייכלין און שיין. דער לעצטער איז דער פאָטער פון דעם איצטיקן אַרבעטער־דיריגענט מענדי שיין, וועמען שייפער האָט שפּעטער אַריינגעצויגן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

צווישן די דאָזיקע חזנים, ווי בײַ זיין ערשטן חזן אין אַמעריקע, סאָלאָווייטשיק, איז שייפּער׳ס אַרבעט מיט זיי פאַרצייכנט ווי די העלסטע מאָמענטן אין זייער לעבן. דורך שייפּער׳ן האָבן זיי זיך אַרויסגעהויבן. אַ כאָר אין שייפּער׳ס הענט האָט געמיינט פאַר אַ חזן — אַ זיכערער באַ־נייטער קאָנטראַקט, אַ זאַרגלאָזיקייט, אַז אַלץ וועט בײַ שייפּער׳ן שוין זיין אין דער בעסטער אָרדענונג, אַ פאַרגרעסערטע פּאָפּולאַריטעט פאַרן חזן אין שטאָט. ניט קיין וואונדער, וואָס מ׳האָט זיך פאַר שייפּער׳ן געשלאָגן צו קריגן אים פאַר אַ דירעגענט.

איינער פון די סאַמע לעצטע חזנים שייפּער׳ס, קאַנטאָר חיים ליב ליפּנער, האָט וועגן שייפּער׳ן אָנגעשריבן אַ גאַנצע אייל־גיע, פול מיט עקסטאַטישער באַוואונדערונג פאַר דעם מענטשן, דירעגענט, מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָר. דער דאָזיקער לויב־געזאַנג איז כאַראַקטעריסטיש ניט בלויז פאַר דעם דאָזיקן קאַנטאָר פון איינעם פון די גרעסטע קאָר־שולן אין שיקאַגאָ, נאָר פאַר אַלע חזנים און קאַנטאָרן מיט וועלכע שייפּער האָט געאַרבעט אין משך פון קנאַפּע 15 יאָר.

דער דאָקומענט פון קאַנטאָר ליפּנער איז צו גרויס, אַז מיר זאָלן אים דאָ אַריינגעמען ווי ער שטייט און גייט. אייניקע באַהויפּטונגען וואָס ער מאַכט, און אויך אייניקע אינצידענטן גיבן צו אַ זייטן־שטריך צו דעם שייפּער׳ן, וואָס מיר האָבן שפּעטער געקענט.

ה׳ ליפּנער באַוואונדערט שייפּער׳ס טאַלאַנט אַלס דירעגענט. ווען ער האָט אים אָנגעשטעלט האָט ער געוואוסט, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ באַגאַבטן יונגנמאַן, וועלכער קען מאַכן „דרעגנער״ זינגען, און זינגען שיין, אימפּאָזאַנט און עסטעטיש. ער האָט אָבער פריער ניט געוואוסט, אַז שייפּער הויכט אַריין אַן אייגענעם אָטעם אין די ליטורגישע קאָמפּאָזיציעס פון די גרויסע מייסטערס. שייפּער׳ס באַהאַנדלונג פון אַן אַלטער מוזי־קאַלישער קאָמפּאָזיציע, באַהויפּטעט ה׳ ליפּנער, איז געווען אַזוי אייגנ־אַרטיק, אַז זי איז אַרויסגעקומען ווי גאָר אַ נייע זאַך, קרעפּטיקער און פאַרביקער, ווי ער האָט עס ווען עס איז פריער געהערט.

פאַר שייפּער׳ן, שרייבט ליפּנער, איז קיין זאַך אין אויסלערנען אַ קאָמפּאָזיציע, אָדער אַ טייל פון איר, ניט געווען צו שווער אַפילו אין דער לעצטער מינוט. ער דערציילט אַ צופאַל, וואָס ער האָט געהאַט מיט אַן אַלטאַ־סאָלאָ. אַלץ איז שוין געווען גרייט. אַף מאָרגן האָט מען שוין געדאַרפט זינגען. אָבער אַ צווייטער קאַנטאָר האָט געהאַט טענות, אַז דער סאָליסט דאַרף זינגען בײַ אים (ער איז פון אים אַוועק, ווייל ער האָט געוואָלט זינגען אונטער שייפּער׳ס דירעקציע) און האָט אַרויסגענומען אין

געריכט אַן „אינדזשאַנקשאַן". דער קאָנטאַר איז געווען פאַרצווייפלט: ס'איז די לעצטע מינוט. עס איז אוממעגלעך צו קריגן אַ צווייטן און אים אויסלערנען זינגען אַזעלכע פאַראַנטוואָרטלעכע קאָמפּליצירטע סאָלאָס. מיט דעם פריערדיקן האָט מען רעפּעטירט גאַנצע וואָכן. אָבער שייפער האָט זיך ניט פאַרלאָרן. ער האָט באַקומען אַ סאָלאָיסט און אין עטלעכע שעה פאַרן אַרויסטריט האָט ער מיט אים רעפּעטירט און אַרויסבאַקומען פון אים אַ גלענצנדיקן רעזולטאַט.

אין שול איז דעמאָלט געווען באַלאַבאַן, פון דער באַרימטער מואַווי־און מוזיק־פירמע „באַלאַבאַן און קאַץ", און ער האָט געשטוינט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז שייפער האָט דערגרייכט אַזאַ רעזולטאַט אין פאַרלויף פון עטלעכע שעה.

איך האָב געוואוסט, פאַרזיכערט ליפּנער, אַז שייפער איז איינער פון די געציילטע באַר־דיריגענטן אין שיקאַגאָ. איך האָב אָבער ניט געוואוסט, אַז ער איז אויך אַ מייסטערהאַפטער קאָמפּאָזיטאָר. ער האָט עס מיר אין גאַנצן ניט אָנגעגעבן, האָט קיינמאָל וועגן דעם ניט גערעדט. ערשט אין אַ יאָר שפּעטער ציט שייפער מיין אויפמערקזאַמקייט, אַז מ'זינגט שוין צו לאַנג די אַלטע קאָמפּאָזיציעס און אַז מ'וואָלט זיי גדאַרפט אָפּפרישן מיט עטלעכע נייע, איבערהויפּט אַ נייע צווייטע קדושה, ווען עס איז אָנוועזנד דער גרעסטער עולם און דער עולם שטייט אויף די פיס און קען ניט איינדרעמלען. ער האָט מיר צוגעזאָגט אָנצושרייבן עפּעס, וואָס זאָל טרעפן אין פּינטל.

ליפּנער איז מודה, אַז מיט זיין גאַנצן רעספּעקט צו שייפער'ן אַלס מייסטער־דיריגענט, האָט ער זיך געשראָקן צו ריזיקירן מיט אַן עקספּערי־מענט, און נאָך דערצו, ווען זיין עולם איז שוין צוגעוואוינט צו די קאָמ־פּאָזיציעס פון די וועלט־באַרימטע ליטורגישע מייסטער, ווי שעסטאַפּאַל'ס, בלומענטאַל'ס, קאַלאַפּניק'ס, יאַקאָווסקי'ס, וואָהל'ס, א. אז. וו. ער האָט שייפער'ן אָפּגערעדט, אונטערן אויסרייד, אַז עס איז שוין איצט צו שפּעט איינצושטודירן נייע זאַכן, אַז עס וועט זיין איבער זיינע כחות. אָבער שייפער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך גאָרניט זאָרגן. ער וועט שוין אַלץ דורכפירן.

אין אַכט טעג אַרום האָט אים שייפער געבראַכט איין־ניקע בויגן נאָטן פאַר דער „קדושה" און ליפּנער האָט זיך זיינע אויגן ניט געגלויבט; ער זעט, אַז דאָס איז אַ מייסטערהאַפטע קאָמפּאָזיציע, מיט אַ סאָלאָ פאַר אים אַליין, וואָס ברענגט אַרויס זיין שטימע אין אירע געלונגנסטע פאַזן. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט שוין צוגעשטימט. דער רעזולטאַט איז געווען

אַ גרויסע איבערראַשונג פֿאַר אַלעמען. ער האַלט, אַז די דאָזיקע קאָמ־פּאָזיציע „איז אַ פּערל אין דער אידישער ליטורגישער מוזיק". אידן האָבן פֿאַרגעסן, אַז זיי זיינען אין שול און האָבן יעדע עטלעכע מינוטן אונטער־געבראָכן דאָס זינגען מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. מענטשן האָבן זיך געשוואָרן, אַז זיי האָבן נאָך אין אַ שול אַזאַ באַגייסטערונג פֿאַר מוזיק ניט געזען.

דערציילט ווייטער ליפֿנער וועגן אַנדערע קאָמפּאָזיציעס, וואָס שייפֿער האָט געשאַפֿן פֿאַר זיין כאָר, ווי דער עולם האָט זיי אויפֿגענומען. יעדע נייע קאָמפּאָזיציע איז געווען אַ יום־טוב.

דער באַגייסטערטער קאַנטאָר דערציילט אויך, אַז די מיטגלידער פֿון דער שול האָבן אַזוי ברייט פֿאַנאַנדערגעפּויקט שייפֿער'ס „קדושה", אַז מענטשן פֿלעגן קומען פֿון ווייטע געגנטן און ווערן מיטגלידער פֿון דער שול, טאַקע צוליב דער „קדושה". מ'האָט אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן, ווען ער האָט שוין געוואָלט „אָפּפּרישן דעם מאָנאָטאָן" מיט אַ נייער „קדושה". זי איז זיי קיינמאָל ניט געוואָרן צו אַלט.

„שבת, אכט וואָכן פֿאַר פּסח" — אַזוי גענוי געדענקט ה' ליפֿנער ווען דאָס איז פֿאָרגעקומען — „קומט שייפֿער צום רב גליק נאָכ'ן דאַוונען און זאָגט אים: „רבי, איך וויל מאַכן אַ נייעם רבונו־של־עולם: אייערער איז שוין צו אַלט." דער רב האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט בכלל שייפֿער'ן ליב געהאַט, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז ער איז אַן אַפּיקורס. „אנו" — ענטפֿערט ער אים — „כ'וואָלט טאַקע אַ בעלן געווען צו זען ווי זעט עס אויס אַ פֿריידענקערישער רבונו של עולם!"

„עס האָט געדויערט דריי וואָכן און שייפֿער ברענגט מיר איבער צען בויגן אין איילעניש-אָנגעוואָרפֿענע נאָטן און בעט מיר עס איבערצושרייבן ריין. איך זע די קאָמפּאָזיציע איז מערסטנס אַ פֿינפֿזאַציקע אָנשטאָט אַ פֿיר-שטימיקע. איבערשרייבנדיק בין איך געווען זיכער, אַז מיר וועלן אין אַזאַ קורצער צייט מיט אונזער כאָר די קאָמפּאָזיציע בשום אופֿן ניט קענען איינשטודירן. אַזוי קאָמפּליצירט האָט זי זיך מיר אויסגעוויזן. זאָג איך אים: שייפֿער, עס וועט אוממעגלעך זיין צו זינגען זי דעם פּסח. מ'וועט דאַרפֿן דעם נייעם רבונו של עולם אָפּלייגן אויף אַ צווייטן מאָל. אָבער שייפֿער ענטפֿערט מיר מיט זיין ברייטן שמייכל: חזן, זאָרגט זיך ניט. דער רבונו של עולם וועט שוין העלפֿן, אַז מיר זאָלן האָבן אַ נייעם רבונו של עולם, און טאַקע — נאָך אויף פּסח.

„שייפֿער שוויצט אויף די פּראָבן און מאַכט אַלעמען שוויצן. ער האָט אָבער געדולד. אמת, ער שרייט צוביסלעך, שעלט צוביסלעך — פֿאַר-ברענט זאָלט איר ווערן! — אָבער אַזוי ווי ער שעלט אַזוי צעגיסט זיך זיין ברייטער שמייכל איבערן גאַנצן פּנים און אַלע פֿילן, אַז דאָס איז

ווי אַ טאַטנס קללה, וואָס בשעת ער שעלט קלערט ער באַ זיך: אַ געזונט אין אייערע קעפּ! דאָ, דוכט זיך, ליאַרעמט ער אַף די משוררים׳לעך און מוטשעט זיי „נאָך אַמאָל" און „נאָך אַלעמאָל", און דאָ שיקט ער נאָך אייז-קרים און די נאַשערלעך באַלעקן זיך, קילן זיך אָפּ און שיקן שייפער׳ן מיט זייערע אויגעלעך לאַשטשענדיקע בליקן.

„דער סוף איז: די קאָמפּאָזיציע איז איינגעזונגען. שווערע אַרבעט, געדולד און עקשנות איז באַ שייפער׳ן דער שליסל צו דערפּאָלג. פּסח ווייס שוין די גאַנצע שול, אַז שייפער האָט צוגעגרייט אַ נייע איבער-ראַשונג. באַם „אויסנעמען" די ספר-תורה הייבט דער כאָר אָן דעם נייעם „רבונו של עולם" מיט אַזאַ געבעט, אַז צווישן דעם עולם הערט מען ווי מ׳כליפּעט. אַלע ווערן מיטגעריסן. די פרויען יאָמערן אַפן קול. אַף אַ ווײַלע האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עס איז יום-כּפּור, ניט פּסח. אָבער מיטאַמאָל גייט דער געזאַנג איבער אין אַ מין חסידישער פרייליכער „האָפּקע". די האָפּערדיקע ניגונים פאַרוואַנדלען די וויינענדיקע פּנים׳ער אין שטראַלנדיקע. פערציק מינוט האָט געדויערט דער נייער רבונו של עולם און קיינער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן פון איבעררייסן אים אין מיטן מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. דער רב בענטשט דערנאָך שייפער׳ן מיט לאַנגע יאָרן פאַרן פריידענקערישן רבונו של עולם."

דריטער קאַפּיטל

ערשטער פּעריאָד אַלס פּראָלעטאַרישער קאָמפּאָזיטאָר

1. די גרינדונג פון דעם אידישן סאָציאַליסטישן געזאַנג־פאַראיין אין שיקאַגאָ

דאָס יאָר 1914 קען פאַררעכנט ווערן ווי דער געבורט־יאָר פון דער פּראָלעטאַרישער אידישער מוזיק־באַוועגונג אין אַמעריקע און פאַרן אָנהייב פון דעם ערשטן פּעריאָד אין שייפער׳ס מוזיקאַליש־רעוואָלוציאָנערער געשיכטע. ביידע זיינען אַזוי ענג צוזאַמענגעפּלאָכטן, אַז עס איז אוממעגלעך זיי פאַנאַנדערצוטיילן.

שוין אין אָנהייב 1914 איז אין דעם שטאַטישן צענטראַל־קאָמיטעט פון די אידישע סאָציאַליסטישע ברענטשעס אין שיקאַגאָ אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע, דורך דעם שרייבער פון דעם בוך, וועגן גרינדן אַ סאָציאַליסטישן געזאַנג־פאַראיין. די פראַגע איז באַגעגנט געוואָרן גאַנץ קאַלט מצד די עלטערע פירנדיקע אָרטיקע אידישע סאָציאַליסטן, ווי מאָריס זיסקינד, לעווענסאָן, רובין, אַלפער, גאָלדין און אַנדערע. דער ערשטער, מאָריס זיסקינד, איז אין יענער צייט געווען דער מענעדזשער און טייל־ווייזער רעדאַקטאָר פון דער „אידישע ארבעטער־וועלט״, און אַ פירנדיקע פיגור אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין שיקאַגאָ. דערצויגן אינעם גייסט פון „פאָרווערטס״, האָט זיך מאָריס זיסקינד באַצויגן מיט ביטול צו אידישע קולטורעלע אָנגעלעגנהייטן. אין דעם זין איז ער געווען אַ נאַציאָנאַלער ניהיליסט. עס זיינען אָבער דאָרט אויך געווען אייניקע, ווי היימאַן שנייד, דזשאָהדזש יאַפּע און פּאָלין שנייד, וועלכע האָבן זיך באַצויגן סימפּאַטיש צום פאָרשלאָג.

עס איז אויסגעקומען דעם שרייבער צו פירן עטלעכע מאָנאַטן אַ קאַמף, אין וועלכן זיין נאַציאָנאַלע פּאָזיציע, ווי דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר־איבערזעצער פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע און ווי אַ באַקאַנטער סאָציאַליסטישער זשורנאַליסט, האָט איב פיל אַרויסגעהאָלפן. עס איז אים געלונגען אַריבערצוציען אַף זיין זייט סעם

גאָלדינ׳ען, זילבער׳ן און אַנדערע, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז סוף־כל־סוף האָט דער שטאָטישער צענטראַל־קאָמיטעט צוגעשטימט פּרינ־ציפּיעל צו דער אָרגאַניזירונג פון אַ גוואַנג־פאַראיין. די געגנער האָבן געדופּעט אַף דעם, אַז פּראַקטיש וועט סיי־ווי־סיי דערפון גאָרנית אַרויס־קומען. אין דעם איניציאַטיוו־קאָמיטעט זיינען אויסגעקליבן געוואָרן י. ב. ביילין, י. זילבער און נאָך איינער.

אין פאַרלויף פון די זומער־מאָנאַטן איז דער קאָמיטעט פאַרגרעסערט געוואָרן מיט צוויי אויסגעצייכנטע, ענערגישע יונגע טוער, אברהם קאָבאַנסקי און נחום אַספּיס, דרוקער־אַרבעטער און נאָענטע פריינט פון דעם איניציאַטאָר.

אָן קיין שום מיטלען, בלויז דורך עטלעכע קליינע נאָטיצן אין דער „אידישער אַרבעטער־וועלט", און דורך פּערזענלעכע קאָנטאַקטן, איז אויס־געוואַקסן אַ ליסטע פון אַרום 50־60 נעמען, מערסטנס פון מיידלעך און פרויען, וועלכע האָבן צוגעשטימט אָנצושליסן זיך אָן אַ גוזאַנג־פאַראיין. וועדליג ווי פאַר זומער־מאָנאַטן איז דאָס געווען אַ גוט שטיקל אַרבעט. די פאָרמעלע אָרגאַניזירונג האָט בלויז געוואַרט אַף אַ פּאַסנדיקן דיריגענט.

דערוויל איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה. עס האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען, אַז איצט איז ניט די צייט פאַר אַזאַ אַרבעט ווי אָרגאַניזירן נייע אינסטיטוציעס. פּעסימיסטן האָבן זיך געפּרואווט אַריינמישן און שטערן. געגנער האָבן באַקומען נייע אַרגומענטן. אָבער די איניציאַטאָרס האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט. פאַרקערט: זיי האָבן נאָך מיט מער ענערגיע צעוויקלט די אַרבעט. עס איז בלויז געבליבן די פראַגע וועגן אַ דיריגענט. דער קאָמיטעט האָט געהאַט פאַר זיך אַ צעטל פון קאַנדידאַטן, מערסטנס כאָר־דיריגענטן אין סינאַגאָגעס.

מיטאַמאָל דערהערט מען אין שטאָט, אַז דער שטאָט־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג האָט אויך באַשלאָסן צו גרינדן אַ כאָר. פאַר צוויי כאָרן, האָט מען פאַרזיכערט, איז געווים נישטאָ קיין פּלאַץ. מ׳האָט דעם קאָמי־טעט געגעבן עצות אָפּצוטרעטן דעם פּלאַץ פאַרן אַרבעטער־רינג. זיסקינד האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז עס וועט זיין אַ סקאַנדאַל אויב מ׳וועט שאַפן אַ קאָנקורענץ פאַרן אַרבעטער־רינג כאָר.

אָבער די איניציאַטאָרס פונעם אידישן סאָציאַליסטישן געזאַנג־פאַראיין האָבן פאַרשטאַנען, אַז די באַוועגונג אין אַרבעטער־רינג פאַר אַ כאָר איז בלויז געווען אַ מאַנעווער מצד די „אַלטע" פירער, כדי ניט צו דערלאָזן דעם אויפקום פון דעם נייעם פאַראיין. אַף אַ שטורמישער זיצונג האָט מען באַשלאָסן, אַז מ׳גייט אָן ווייטער מיט דער אַרבעט און

אז שיקאַגאָ איז גרויס גענוג צו האָבן עטלעכע כאָרן. מיר האָבן אָנגעוויזן, אז שיקאַגאָ האָט עטלעכע דייטשע ארבעטער־כאָרן און זיי זיינען גאָר ניט קיין שטער איינער פאַרן אַנדערן.

זייער פּאָרזיכטיק האָט דער איניציאַטיוו־קאָמיטעט געוואויגן די פראַגע וועגן א דיריגענט. מ'האָט ניט בלויז געוואויגן די מעלות פון א מוזיקאַלישן שטאַנדפונקט, נאָר אויך פון אַן אידעאָלאָגישן און אָרגאַני־זאַטאָרישן. שייפער'ן האָבן מיר געקענט, ווי א פּראָלעטאַריער, כאָטש אַן אָנגענומענער מיט נאַציאָנאַליסטישן טשאַד. דער קאָמיטעט איז געווען זיכער, אז שייפער'ס געזונטע חושים וועלן סוף־כל־סוף אים העלפן אין באַפרייען זיך פון די עס־עסישע איינפלוסן. דער אויסוואַל איז געפאַלן אַף שייפער'ן. און יענער אָוונט, אין אָנהייב סעפּטעמבער, 1914, איז פאַקטיש פאַרלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר דער איצטיקער אידיש־פּראָלעטאַרישער מוזיק־באַוועגונג אין אַמעריקע. אין יענעם אָוונט איז אויך באַשטימט געוואָרן שייפער'ס ווייטערדיקער וועג און זיין אַנטוויקלונג אַלס רעוואָלוציאָנערער מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָר.

דעם שרייבער פון די שורות געדענקט זיך זייער גוט דער געשפּרעך, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן אים און שייפער'ן וועגן זיינע פליכטן צו דעם פאַראיין און צו דער פּאַרטיי אונטער וועמעס באַשלוסן ער וועט זיך דאַרפן אונטערוואַרפן. שייפער האָט זיך לאַנג אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די אָנווייזונגען און באַדינגונגען.

— איך פאַרשטיי, — האָט ער צוגעגעבן מיט זיין אויפריכטיקן טאָן,

— אז די פּאַרטיי וועט ניט פאָדערן פון מיר מער ווי מיינע כחות וועלן מיר דערלויבן. איך שטעל זיי אין דער דינסט פון דער באַוועגונג אָן קיין שום באַדינגונגען מיט דער איבערצייגונג, אז איך וועל פאַרדינען דעם צוטרוי, וואָס די פּאַרטיי שענקט מיר.

דער גרינדונגס־אָוונט איז געווען א פייערלעכער און אַן איינדרוקס־פולער. שייפער האָט זיך פאַרשפּעטיקט און דער פאָרזיצער האָט פון די זעכציק פאַרזאַמלטע אויסגעקליבן א יונגן בחור, דאָבראָוו, אויסצוהערן די שטימען. דער דאָזיקער דאָבראָוו, א מאַשיניסט, איז טאַקע שפּעטער געוואָרן שייפער'ס געהילף, און איינער פון די איבערגעגעבנסטע בויער פון דער נייער אינסטיטוציע.

ווען שייפער איז ענדלעך אָנגעקומען א פאַרסאָפּעטער און איבער־קלאַסיפיצירט די שטימען, האָט זיך געפילט ווי אַלע זיינען עדות פון א וויכטיקער געשעעניש. מ'האָט געקענט זען בחוש, ווי אונטער שייפער'ס אָרגאַניזאַטאָרישער האַנט באַהעפט זיך ביין צו ביין, גליד צו גליד און

עס ווערט פון פאַרשיידענע אינדיווידן, מענער און פרויען — איין גאַנצער לעבעדיקער אָרגאַניזם.

אין די וואַלן צום ערשטן פּרעזידיום, אָדער פאַרוואַלטונג, מיט וועלכע שייפער'ן איז אויסגעקומען צו אַרבעטן און עטאַבלירן די נייע אָרגאַניזאַציע, זיינען דערוויילט געוואָרן: י. ב. ביילין, פּרעזידענט; אברהם קאַבאַנסקי, סעקרעטאַר, און פאַרוואַלטונג־מיטגלידער — נחום אַספּיס, י. זילבער, ל. רובינשטיין.

צווישן דער פאַרוואַלטונג און שייפער'ן האָט זיך איינגעשטעלט אַן אויסערגעוויינלעכע האַרמאָניע און מיטאַרבעטערשאַפט. שייפער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזעלכע איבערגעגעבענע, ענערגישע מענטשן, וואָס פיבערן מיט אַקטיוויטעט און ענטוזיאַזם פאַר זייער אַרבעט. די פאַרוואַלטונג האָט צעוויקלט אַ סיסטעמאַטישע טעטיקייט מיט פליכטן און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר יעדן באַזונדער. די פּראָבן זיינען געהאַלטן געוואָרן אין שטרענגער אָרדענונג. דאָס ערשטע ליד, וואָס מ'האָט איינגעשטודירט, איז געווען דער „אינטערנאַציאָנאַל" אין פיר שטימען, וואָס שייפער האָט קונציק אַראַנזשירט. ער האָט געשאַפן פאַר די אַלטאָס אַ באַגלייטונג, וואָס איז פאַר זיך גופא געווען אַן אייגנאַרטיקע מעלאָדיע, און האָט ביינעטראָגן צו דעם אָריגינעלן לייט־מאָטיוו אַ ספּעציעלע פייערלעכקייט און קרעפטיקן שוואונג.

אויף די זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג פלעגן פאַרהאַנדלט ווערן ניט בלויז פּראַקטישע אָרגאַניזאַציאָנעלע אָדער פינאַנציעלע פראַגן, נאָר אויך פּרינציפּיעלע, אידעאָלאָגישע פּראָבלעמען. מ'האָט געהאַנדלט וועגן טעקסטן, וועגן פאָלקס־לידער, וועגן באַהעפטן קלאַסישע מוזיק צו נייע פּראָלעטאַרישע טעקסטן, וועגן די באַציאונגען מיט דער פּאַרטיי און וועגן אַ נייער רעקרוטיר־קאַמפּאַניע. דער לאַזונג איז געווען צו האָבן צום ערשטן עפנטלעכן אַרויסטריט הונדערט זינגער.

שייפער האָט זיך אידעאָלאָגיש געלאָזט פירן. ער האָט זיך באַצויגן צו די פירער פון דעם פאַראיין מיט גרויס אַכטונג. ער האָט דרך־ארץ פאַר זייער אידעאַליזם און פאַר זייער געזונטן פּראַקטישן חוש; פאַר זייער פּרינציפּיעלקייט און פאַר זייער רעאַליזם; פאַר זייער ברויזנדיקער אַקטיוויטעט און מסירת־נפש פאַר דער אָרגאַניזאַציע.

די פאַרוואַלטונג אַליין וואַקסט אין פּראָצעס פון איר אַרבעט און שייפער מאַכט מיט דעם וואוקס טריט באַ טריט. דערפאַר מאַכט די פאַרוואַלטונג מעגלעך פאַר שייפער'ן אַ גלאַטן אַרבעטס־וועג, באַפרייט אים פון אַ סך דעטאַלן און שאַפט פאַר אים אין די געזאַנג־סעקציעס און אין

דעם גאַנצן כאָר יענע אַטמאָספּערע, וואָס האַלט אין איין דערמוטיקן, און אין איין שטויסן צו העכערע אַנטוויקלונג־שטאַפּלען.

יעדע פּראָבע אָדער פֿאַרזאַמלונג פֿון דער מיטגלידערשאַפֿט ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּייערלעכן אָוונט. דאָס זינגען קומט פֿאָר ווי עפּעס אַ הייליקער צערעמאָניאַל: מיט ערנסט, מיט באַטאָנענדיקער כוונה אין יעדעם וואָרט, מיט גליענדיקער קאַמפּס־פֿרייד אין די הערצער און מיט גרייטקייט אַף אַלץ. אַ חבר׳שאַפֿט ווערט געשלאָסן אַף לעבן און טויט, אַ בונד פֿון פֿריינטלעכע וואַרעמע פֿעדים בינדט אַלעמען אַרום ווי איין געטרייע, צוזאַמענגעשלאָסענע פֿאַמיליע. און שייפֿער ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער אַרויסגערוקט אינעם סאַמע פֿראָנט פֿון אָנזען און אויטאָריטעט, פֿון אמת׳ער ליבשאַפֿט און טרייהייט, און שייפֿער רוקט אַרויס דעם פֿאַראיין צו אַלץ גרעסערן אָנזען אין קוואַליטעט, אַזוי, אַז מ׳דאַרף אָפּהאַלטן פֿיל מיטגלידער פֿון דעם אַרבעטער־רינג כאָר, וואָס רייסן זיך אַריינצוטרעטן אין דעם סאָציאַליסטישן געזאַנג־פֿאַראיין, פֿון פֿאַרלאָזן דעם אַרבעטער־רינג כאָר.

2. שייפֿער אַנטדעקט זיך ווי אַ פּראָלעטאַרישער קאָמפּאָזיטאָר

עס נעמט ניט לאַנג פֿאַר אַלע מיטגלידער פֿונעם געזאַנג־פֿאַראיין איינצוזען, אַז זיי האָבן אין שייפֿער׳ן אַן איבערגעגעבענעם לערער און אויסגעצייכנטן דיריגענט. מענטשן, וועלכע האָבן „פֿאַרשטאָפּטע" אויערן, הייבן באַ אים אָן צו הערן; מענטשן, וואָס קענען ניט עפֿענען אַ פֿולן מויל און זאַיען אין אַנהייב זייער קול דורך די ציין, נעמען באַ אים זינגען מיט אַן אָפֿענער פֿולער האַלז. ער מאַכט זינגען אַזעלכע, וואָס האָבן פֿריער געמיינט, אַז זיי האָבן קיין שום שטימע ניט און אַז זיי וועלן שוין קיינמאָל ניט קענען זינגען.

עס ווייסט אָבער קיינער ניט פֿון דער פֿאַרוואַלטונג, שוין ניט רעדנדיק וועגן פֿאַראיין, אַז שייפֿער פֿאַרנעמט זיך אויך מיט קאָמפּאָזיציע. קיינער פֿון זיי איז ניט קיין שול־איד, וואָס זאָל האָבן אַמאָל געהערט זיינס אַן „אדון־עולם", אָדער אַ „קדושה". ווען די פֿאַרוואַלטונג הערט, אַז ער שרייבט אַ קאָמפּאָזיציע און נאָך דערצו אַן אָראַטאָריע אַפֿן טעקסט פֿון לעסינ׳ס „מאַרטירער־בלוט", ווערן אייניקע אומגעדולדיק צו וואַרטן ביז זיי וועלן פֿריער הערן, און פֿאָדערן אַז מען זאָל ניט פֿאַרוואַנדלען דעם געזאַנג־פֿאַראיין אין אַן עקספּערימענט־לאַבאָראַטאָריע.*)

*) מער איינצלהייטן וועגן דעם וועט דער לעזער געפֿינען אין דער צווייטער אָפּטיילונג, וואו עס רעדט זיך וועגן „מאַרטירער־בלוט".

שפּעטער אַ ביסל זיינען די גענגער פון שייפער׳ס „עקספּערימענטן״ צופרידן צוגעגעבן, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ גרויסן טעות. אייניקע הייבן אָן צו ענדערן זייער מיינונג באַ דער ערשטער רעפּעטיציע פון די סאָפּראַנאָס. ווען די רעפּעטיציעס קומען שוין פאַר מיט אַלע פיר שטימען צוזאַמען, און ספּעציעל נאָך, ווען מ׳הערט שוין אויך, כאָטש אין אַ פּיאַניסימאָ, די פאַרשיידענע סאָלאָס און דעם דועט און טריצעט, ווערט שוין די אָראַטאָריע דער צענטראַל־פּונקט ארום וועלכן עס נעמט זיך זאַמלען די הויפּט־אַקטיוויטעט פון דער פאַרוואַלטונג און פון די זינגער.

עס קומען אָן וואָכן פון אָנגעשטרענגטער ארבעט. קאָכאַנסקי, אַספּיס, רובינשטיין ארבעטן גאַנצע נעכט. די ערשטע צוויי העקטאָגראַפירן קאָפּיעס פונעם טעקסט פאַר אַלע זינגער. רובינשטיין ארבעט אַף אַ טעראַסע, אַף וועלכער דער גאַנצער כאָר זאָל שטיין און יעדערער זאָל זיך קענען אָנזען. אַנדערע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג שאַפן פינאַנסן, מאַכן הלוואות, פאַרקויפן בילעטן פאַרן קאָנצערט, וואָס דאַרף באַשטימען דעם גורל פון דעם גאַנצן פאַראיין. איינער ווידער שרייבט לידער־טעקסטן פאַר קלענערע קאָמפּאָזיציעס, כדי אויסצורונדן די פּראָגראַם און מאַכן זי מער פאַרשיידנאַרטיק.

מ׳נעמט דעם וועסט סייד אָדיטאָריום. דעמאָלט איז עס דער גרעסטער פּלאַץ אַף דער וועסט־סייד, די האַרץ פון דער אידישער האָרעפּאַשנער באַפעלקערונג. עס קאָסט אַ היפּשע סומע רענט. אייניקע שרעקן זיך: אפשר צו ברייט זיך פאַרמאָסטן; אפשר לויפן קאָכאַנסקי, אַספּיס און ביילין מיט אַ צו גרויסן אימפּעט? אָבער אויך שייפער איז אָנגעשטעקט מיטן זעלבן אָפּטימיזם. ווערט מען שוין זיכערער. שייפער צאָלט דערווייל אַלע וועקסלען, וואָס ער מאַכט אויס...

אָבער צו וואָס נאָך מאַכן אַזעלכע טייערע פּראָגראַמען? — קלאָגן זיך עטלעכע „פּראַקטיקער״. — סטייטש, איר פאַרמעסט זיך דאָך אַף אַ זשורנאַל, ניט אַף קיין פּראָגראַם, וואָס קען געדרוקט ווערן אַף איין בלעטל. אָבער ס׳איז געגנוג איין פאַרניכטנדיקער בליק פון קאָכאַנסקי׳ס אָדלער־אויג, אַז די „פּראַקטיקער״ זאָלן ווערן פּראַקטישער און שווייגן.

קאָכאַנסקי מיט אַספּיס׳ן, ביידע דרוקער־ארבעטער, דרוקן באַנאַכט, נאָך אַ טאָג שאַפּ־ארבעט, די פּראָגראַמען, וואָס האָבן טאַקע אייגנשאַפטן פון אַ זשורנאַל: וואַרעמע, קורצע ארטיקלען וועגן פאַראיין און זיינע אויפגאַבן, פולע לידער־טעקסטן, ווי אויך דער טעקסט פון דער פּאָעמע „מארטירער־בלוט״, און אַלץ מיט גוטן געשמאַק, מיט עסטעטישער מאָס, מיט ליבע און האַרציקייט אין יעדער שורה.

די גאַנצע קאַמפּאַניע פאַרן ערשטן קאָנצערט ווערט געפירט מיט „פּאָוסטערס" און קאַרטלעך, מיט פּערזענלעכע באַזוכן אין אָרגאַניזאַציעס, מיט אַנאָנסן אין צייטונגען. קיין איין שטיין טאָר ניט בלייבן אַ ניט־איבערגעקערטער. אָן דעם ערשטן אַרויסטריט אין דער עפנטלעכקייט הענגט אָפּ אַלץ.

און דער רעזולטאַט איז אַזוינער, וואָס שטייגט איבער אַלע דער־וואַרטונגען. דער זאַל איז אָן איבערגעפּאַקטער; הונדערטער קענען ניט אַריינגיין. די גליקלעכע, אינעווייניק, זיינען ניט אָרעם אין באַגייסטערונג און אין אַ יושר׳דיקער אָפּשאַצונג. עס ציטערן די שויבן אין די פענצטער פון די פאַרטויבנדיקע אַפּלאָדיסמענטן.

דאָס איז געווען דעם 11טן אַפּריל, 1915. אַ היסטאָרישע דאַטע פאַר דער אידישער פּראָלעטאַרישער מוזיק־באַוועגונג און פאַר יעקב שייפער׳ן!

3. נייע קרעפטן — אַ נייע קאָמונע — אַ נייע שולע

דער דערפאָלג פון דעם 11טן אַפּריל פאַר׳שיכור׳ט ניט, ניט שייפער׳ן און ניט די פאַרוואַלטונג פונעם געזאַנג־פאַראיין, אַז זיי זאָלן פאַרלירן שוין די הענט און רוען אויף זייערע לאָרבער־קראַנצן. פאַרקערט: דער רעזולטאַט פון דעם ערשטן אַרויסטריט צעווייגט ערשט נייע כחות און נייע פאַרמעסטן. די בירגערלעכע צייטונג־קריטיק איז ניט קיין גינסטיקע, אָבער גראָד דאָס צעוויקלט מער די אַמביציעס.

עס ווערט אויסגעברייטערט די פאַרוואַלטונג. נייע כחות באַטן זיך אָן און קומען העלפן דינען די יונגע אָרגאַניזאַציע. עס קומען צו נעענטער י. קעריש, לאה שטיינבערג, גאַליצקי, די סיימאָנס. מ׳קומט ניט גלאַט טראָגן פּאַגאָנעס און צוקוקן ווי די אַנדערע שוויצן. אין דער פאַרוואַלטונג טאָר זיך ניט געפינען קיין אומנוציקער באַלאַסט. שייפער אַרבעט איבער די כחות, אַזוי אויך דאַבראָוו, קאַכאַנסקי, אַספּיס, רובינשטיין, ביילין, פעסעוואָי, זילבער. ווי איז צו דעם, וואָס קומט בלויז געבן גוטע עצות. ער ווערט פאַריאָגט דורך קאַכאַנסקי׳ס בייטשיקע בליקן, דורך שייפער׳ס קללות, דורך אַספּיס׳עס שטילע, אָבער פעסטע ווערטער, דורך רובינ־שטיינ׳ס וויצן.

צווישן די פירנדיקע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג מיט שייפער׳ן שטעלן זיך איין ניט בלויז חבר׳שע, אָדער פריינטלעכע באַציאונגען, נאָר אַן אמת׳ע ברידערלעכע ליבשאַפט פון אַן ענגער, אינטימער פאַמיליע. מ׳עסט צוזאַמען, מ׳שפּאַצירט צוזאַמען, מ׳גייט צוזאַמען צו קאָנצערטן, צו לעקציעס. מ׳טיילט צוזאַמען „די פרייד און די נויט". ווער האָט עס

געלט־חשבונות צווישן זיך? ס'איז אַן אמת'ע קאָמונע. ס'איז אַלעמענס און ס'איז קיינעמס ניט.

אָבער די דאָזיקע פאַמיליערע באַציאונגען האָבן ניט קיין אָרט אין דער אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציע. די דיסקוסיעס וועגן לויפנדיקע אָדער פּרינציפּיעלע פראַגן שפּרייזן אַריבער פּערזענלעכע פאַרבינדונגען אָדער סימפּאַטיעס. איבערצייגונגען זיינען פריער ווי אַלץ. די ריכטיקייט פון אַ פּאָזיציע ווערט אַנטשיידעט לויט דער לאָגיק פון אַרגומענטן און ניט לויט דער נאָענטקייט פון דעם אָדער יענעם מענטשן. פאַר שייפער'ן זיינען די דאָזיקע מיטינגען אַ גוטע שול, אַן וועלכער ער וועט זיך שוין שטענדיק האַלטן.

אין פאַראיין ווערט איינגעפירט אַ שטאַרקע דיסציפּלין. צייט ווערט אַבסאָלוט, ניט רעלאַטיוו. „אַכט אַזייגער דאַרף זיך אָנהייבן דער קלאַס פון נאָטן" — מיינט עס טאַקע, אַז ער הייבט זיך אָן פּונקט אַכט. די, וואָס קומען שפּעטער, גנב'ענען זיך אַריין ווי פאַרזינדיקטע. „אַף די רעפּעטיציעס טאָר מען ניט רעדן, בעת מ'רעפּעטירט." קען מען טאַקע הערן שייפער'ס יעדן אָטעם־צוג. ווען בא איינעם ווערט אַף אַ רגע לויז דער צונג, באַגעגנט ער גלייך אַזויפיל פּרעגנאַנטע אויגן, אַז ער זעט דייטלעך, ווי אַלע מיינען, אַז זיין פּלאַץ איז אין ערגעץ אַנדערש.

און ניט בלויז צייט איז אַבסאָלוט. אַזוי איז אויך רויִם. יעדער איינער, אָדער איינע, האָט זיך זיין פּלאַץ. נישטאָ קיין עמיגראַציע. נישטאָ קיין אימיגראַציע. שייפער ווייס אין איין רגע פון וועמען ס'קומט דער פאַלשער טאָן, דאָס צעקריפּלטע וואָרט, די שלעכטע אינטאָנאַציע. ער הייסט איבערזינגען, איבערזאָגן. איין מאָל, צוויי מאָל און, אויב נויטיק, צוואַנציק מאָל. אַלץ מוז אַרויסקומען גלאַט, ריכטיק, ערלעך, אויפריכטיק.

שייפער'ס שפּעטערדיקע שטרענגקייט, פּאָדערונגען, אַרבעט־סטאַנ־דאַרד, אַ האַס צו אומפּינקטלעכקייט, פוילקייט און שלאַבערישקייט, קומט פון דער שולע אין וועלכער ער האָט אַליין אַזויפיל געלערנט — פון די ערשטע פּיאָנערן אין שיקאַגאָ.

4. מוזיק פון דער לופט אין דער צווייטער אָראַטאָריע

מ'דאַרף אַריינציען אין מאַגנעטישן קרייז פונעם אידישן סאָציאַליס־טישן געזאַנג־פאַראיין ברייטערע קרייזן. מ'דאַרף אַנטוואָפּענען די אידישע בירגערלעכע ניט־פאַרגינערישע קריטיק. מ'דאַרף „זיי" ווייזן, אַז אַרבעטער האָבן אויך השגות וועגן סתם שיינקייט, וועגן נאַטור — ניט בלויז וועגן קאַמף און סאָציאַלער רעוואָלוציע.

אזא שטרעמונג האָט זיך אָנגעהויבן פילן בא פיל מיטגלידער פון פאַראיין.*) שייפער און פעסעוואַי האַלטן עס אונטער אין דער פאַר־וואַלטונג. אייניקע פון אונז זעען דאָ אַ שעדלעכע טענדענץ פון „קונסט לשם קונסט", פון באַהאַלטן די פּאַן, פון פשרות. קאַנאַנסקי איז גרייט אַף קאַמף (און ווען איז ער ניט גרייט געווען ?). אַספּיס רופט צו מעסיקייט. מ'דאַרף עטוואָס נאָכגעבן. דער פאַראיין מוז קריגן אַלגעמיינע אָנערקענונג. לאָמיר טאַקע ווייזן וואָס מיר קענען.

האַנדלען האַנדלט זיך עס וועגן אַן אָראַטאָריע אַף יהואָש'עס פּראַכטפולע נאַטור־פּאָעמע „בין־השמשות". שייפער איז פאַרכאַפּט פון דער פּאָעמע. עס בייסן אים פשוט די פינגער. ער גייט שוין אַרום אַ פאַר־חלום'טער. קיין בייז איז אין דער פּאָעמע נישטאָ. ס'איז דאָרט דאָ גאָט, אָבער ניט קיין פירכטערלעכער, ניט קיין בייזער, נאָר אַ גוטמוטיקער און אַ פאַרליבטער. עס בלייבט, אַז מיר נעמען עס אָן.

דערציילט קעריש, אַז בעת ער מיט שייפער'ן און קאַנאַנסקי'ן זיינען געגאַנגען פון אַ סאָציאַליסטישן מיטינג אין מעיוואוד (אַ פאָרשטעטל פון שיקאַגאָ), צו נעמען דעם טראַמוואַי אין שטאָט, און די נאַטור אַרום האָט גע'יובל'ט מיט איר פולער האַלז, איז שייפער פּלוצלונג אָפּגעשטאַנען פון זיי. זיי קוקן זיך אַרום — ערשט ער שטייט אַ פאַר'כישוף'טער און שרייבט נאָטן. און ווען מ'האָט אים גענומען פרעגן קשיות צעשרייט ער זיך אַף זיי: „קענט איר ניט איינגעמען אַ ביסל שטומעניש ? טויבע זיינט איר ? איר הערט גאָרניט וואָס איצט קומט פאָר ?"

שייפער נעמט בא זיי אַרויס פון די קעשענעס יעדע שטיקל פּאַפּיר, וואָס ער געפינט בא זיי, בייגט איבער דעם ברייט־פּלייציקן קעריש'ן און מאַכט פון אים אַ „שרייב־טיש", אָנשפאַרנדיק אים אָן אַ טעלעגראַף־סלופּ. שייפער האָט האַסטיק געשריבן און געשריבן ביז עס איז פינצטער געוואָרן און ער האָט שוין מער ניט געקענט זען.

דאָס האָט שייפער דעמאָלט פאַרצייכנט אַ פּאַסאַזש אין דער בין־השמשות אָראַטאָריע, וואָס איז אים איינגעפאַלן, הערנדיק די מוזיק פון דער נאַטור, אירע מיליאָנען סווישטשענדיקע אינזעקטן צווישן די גראָזן.

די אָראַטאָריע ווערט בא אים פאַרענדיקט און איינגעשטודירט אין פאַרלויף פונעם זומער און דעם 14טן נאָוועמבער, 1915, ווערט זי געהערט אינעם זעלבן וועסט־סייד אָדיטאָריום פון אַן איבערגעפּאַקטן, שטורמישן עולם.

*) מער וועגן דעם אינעם צווייטן אָפּטייל, אין דעם קאַפּיטל וועגן „בין־השמשות".

אבער די אידישע בירגערלעכע קריטיק האט אלץ ניט געהאט קיין גוט ווארט וועגן דעם ראש־וואקסנדיקן יונגן מוזיקאלישן גיגאנט.

5. פון וואנען נעמט זיך עס צו אים?

דורך דער גאנצער צייט ארבעט שייפער שווער אף זיין ווייטערער מוזיקאלישער אנטוויקלונג. מ'פארשטייט ניט פון וואנען עס נעמט זיך צו אים אזויפיל ענערגיע. די ארבעט פארן געזאנג־פאראיין אליין — די רעפעטיציעס, דער קלאס פאר נאטן, דאס שרייבן מוזיק פאר לידער, די אראטאריעס, זיצונגען פון דער פארוואלטונג און פון פארשיידענע סוב־קאמיטעטן, איז געווען גענוג ארבט אויסצופילן די צייט פון א דורכ־שניטלעכן ארבעטזאמען מענטשן. אבער שייפער האט דעמאלט אויך א מוזיק־סטודיא פאר פיאנא, שטים־בילדונג און נאטן־לערנען. ער פירט אויך אן א כאר אין א סינאגאגע; פון צייט צו צייט דיריגירט ער אויך כארן פאר גאסט־חזנים, ווי פאר קאנטאר שטיינבערג, קווארטין, יאסעלע ראזענבלאט, און געפינט נאך אויך צייט אליין צו לערנען.

מ'שטוינט: פון וואנען נעמען זיך צו אים אזויפיל כחות? וואס פאר א רוח ליגט עס אין דעם מענטשן, וואס איז אומעטום דא פינקטלעך צו דער מינוט? אייניקע טייטשן דאס אויס, אז דאס נעמט זיך טאקע פון זיין פינקטלעכקייט. ער פארלירט ניט קיין איבעריקע מינוט. בא אים איז ניט צייט — געלט, בא אים איז צייט — לעבן, טעטיקייט; קיין איין מינוט פון איר טאר ניט פארלארן גיין.

אנדערע טייטשן עס אויס, ווייל ער קומט ארויס פון א הארעפאשנער פאמיליע פון דורות און דורות. אפשר איז עס געווען דער שפרודלדיקער שאפונגס־דראנג פונעם קינסטלער, וואס לאזט אים ניט רוען. די קינסט־לערישע אייגנשאפט פאר דעטאל, פאר גענויקייט, אפגעמאסטנקייט, פול־קאמענהייט. שייפער האט פארשטאנען, אז מיט טאלאנט אליין, אן שולונג, אן טעאריע און אן פראקטיק, קען מען ווייט ניט אנשלאגן. האט ער סינטעטיזירט טעאריע מיט פראקטיק, לערע מיט ארבעט און ס'האט זיך באקומען א געבענטשטע גערעטעניש.

זיין ארבעט אין געזאנג־פאראיין, אין די חזנים־כארן און אין דער סטודיא, זיינען גלייכצייטיק געווען זיינע לאבאראטאריעס, וואו ער האט אין פייער פון דער פראקטיק אויספרובירט די טעאריע. זיינע אראטאריעס און אנדערע קאמפאזיציעס זיינען גלייכצייטיק געווען אויסגעפילטע לעקציעס פאר זיינע לערער אין קאמפאזיציע און אין קאנטראפונקט

(קאָנטערפּאָינט). לערנענדיק די געשיכטע פון מוזיק און דאָס לעבן פון די גרויסע מוזיק־מייסטערס, האָט ער געזען וויפיל די דאָזיקע מייסטערס האָבן עס געאַרבעט אַף זיך ביז זיי האָבן דערגרייכט זייער מייסטערשאַפט (מיט דער אויסנאַם פון אַזעלכע וואונדער־קינדער ווי מאָצאַרט, מענדעל־סאָן, א. א.).

און דערפאַר איז ער אַזוי שנעל געוואַקסן. פון מינוט געוואַקסן. דער־פאַר האָט אַלץ, צו וואָס ער האָט זיך צוגערירט, אין די ווייטערדיקע יאָרן, געהאַט אַזאַ מזל־ברכה.

פון וואַנען נעמען זיך צו אים אַזויפיל כחות? — פרעג דעם קוואַל: פון וואַנען נעמט זיך צו אים אַזויפיל וואַסער; פרעג דעם ים: פון וואַנען נעמען זיך צו אים אַזעלכע מעכטיקע כוואַליעס; די בערג: פון וואָס זיינען זיי אַזוי הויך?

פון וואַנען? — דערפאַר, וואָס ער איז געווען יעקב שייפער.

6. שייפער ביינגט זיך... פאַר דער פּאַרטיי

דער דערפאָלג פון דער צווייטער אָראַטאָריע, „בין השמשות", פאַר־שטאַרקט נאָך מער שייפער'ס פּאָזיציע און רעפּוטאַציע אין געזאַנג־פאַראיין. ער ווערט דער שטאַרקסטער כוח. ער ווערט די אַקס, ארום וועלכער אַלץ באַוועגט זיך. זיינע פאָרשלאָגן אַף דער אַלגעמיינער מיט־גלידער־פאַרזאַמלונג האָבן אַלע שאַנסן אָנגענומען צו ווערן.

שייפער לייגט פאַר צו אָרגאַניזירן גלייך אַ פאָלקס־קאָנצערט, אויס־שליסלעך פאַר פאָלקס־לידער. אין יענער צייט איז עס בא רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן ניט געווען קיין עובדא. אַ פאָלקס־ליד דאָ און דאָרטן — יאָ, אָבער הויפּטזאַכלעך דאַרף אַ סאָציאַליסטישע אינסטיטוציע (און אַזוי האָבן די גרינדער געקוקט אַפן פאַראיין) טאָן סאָציאַליסטישע אַרבעט. רופן, וועקן דעם באַוואוסטזיין, דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־אינסטינקט, די קאַמפּס־געפילן.

די אינסטיטוציע איז נאָך אָבער אַ יונגע. זי האַלט טאַקע אין וואַקסן, אין קרעפטיקן זיך. זי איז אָבער נאָך אַלץ ניט אַף אַזויפיל אויסגעוואַקסן צו פאַרפירן שלאַכטן מיט אַזאַ זייל אין פאַראיין, ווי שייפער איז. צאַמט מען דעם וואולקאַנישן קאָכאַנסקי'ן. צאַמט מען אויך זיך אַליין. אַ פאָלקס־קאָנצערט איז נאָך אַלץ ניט אַזוי געפערלעך. נאָך אים וועלן מיר זיך ווידער נעמען צו סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע טעמעס.

אין ווייניקער ווי דריי מאָנאַטן שטודירט שייפער איין מיטן כאָר אַכצן פאָלקס־לידער, און דעם 20טן פעברואַר, 1916, קומט פאָר דער

פאָלקס־קאָנצערט, אויך אין וועסט־סייד אָדיטאָריום. מ׳טרייסט זיך מיט דעם, וואָס אויסער די אַכצן פאָלקס־לידער זינגט מען אויך פיר רעוואָ־לוציאָנערע לידער — דעם „אינטערנאַציאָנאַלער", „און דו אַקערסט", „די שבועה" און די „מאַרסעליעזע". דער מאַטעריעלער דערפאָלג איז גרויס. ערשט אין מיטן נאָוועמבער געהאַט אַ קאָנצערט, און עס האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט עטלעכע דאָלאַר.

אָבער שייפער לאָזט זיך ווייטער אין דעם אָפּנויגנדיקן וועג.*) ער נעמט זיך מיט אַ גרויסן פאַרמעסט ארבעטן אַף אַ נייער אָראַטאָריע, נאָך איידער די זאַך איז פאַרהאַנדלט געוואָרן פון דער פאַרוואַלטונג. ער מעלדט אַף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, אַז דאָס וועט זיין עפּעס אַזוינס, קעגן וועלכן די פריערדיקע צוויי אָראַטאָריעס וועלן אויסקוקן קליינלעך.

דערווייל ווייזט שייפער, אַזוי גוט ווי דער גאַנצער פאַראיין, ווידער אַרויס אויסערגעוויינלעכע רירעוודיקייט און אַקטועלקייט. פון ניו יאָרק קומט אָן די ווייסטע בשורה, אַז שלום עליכם איז געשטאָרבן. דער קלאַפּ איז געווען אַ פּאַרטויבנדיקער. די שיקאַגער אידישע געזעלשאַפטלעכקייט רופט זיך אָפּ און אָרגאַניזירט אַ טרויער־אָוונט פאַרן 21טן יוני. מאָנטיק, דעם 19טן, דערהאַלט דער געזאַנג־פאַראיין אַן איינלאַדונג צו באַטייליקן זיך אינעם פאָלקס־טרויער.

גלייך, ווי די איינלאַדונג איז אָנגעקומען, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ מיטינג פון דער פאַרוואַלטונג. ס׳ווערט באַשלאָסן צו באַטייליקן זיך, זינגען טרויער־לידער און צו האָבן אַ ספּעציעל ליד פון טרויער אַף שלום־עליכמ׳ס טויט. נאָך אינעם זעלבן אָוונט האָט אַ מיטגליד פון דער פאַר־וואַלטונג אָנגעשריבן דעם טעקסט פאַרן ליד. שייפער האָט גלייך אָנגע־שריבן די מוזיק — אַן איינדרוקספולע עלעגיע; דינסטיק איז דאָס ליד איינגעזונגען געוואָרן און מיטוואָך אין אָוונט איז עס געזונגען געוואָרן פאַר עטלעכע טויזנט מענטשן אין עמפּייער טעאַטער מיט קאָפּ אַף קאָפּ. דער איינדרוק איז געווען, אַז דער געזאַנג־פאַראיין האָט בייגעטראָגן אַמ־מערסטן צו דעם ווירדיקן טרויער־אָוונט, ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס דאָרט איז אויך אַרויסגעטראָטן דער קינדער־כאָר פון דער ראַדיקאַלער פאָלקס־שולע.

אגב, איז צווישן די רעדנער — מערסטנס רבנים און בירגערלעכע שרייבער און כלל־טוער — אויך געווען אַן אונזעריקער — קלמן מרמר.

באַלד נאָך דער געשעעניש האָט שייפער ווידער זיך גענומען פאַר

*) זע וועגן דעם אויספירלעכער אין דער צווייטער אָפּטיילונג, אין סוב־קאַפּיטל וועגן דער אָראַטאָריע „צו אַ אידישער טאָכטער".

זיין נייער אָראַטאָריע. ער ווייזט דער פאַרוואַלטונג דעם טעקסט. מ׳זעט, אַז דאָס איז דוד איינהאָרנ׳ס אַ נאַציאָנאַליסטישע פּאָעמע (אין זיין בוך: „צו אַ אידישער טאָכטער״). דורך אַ קונציקער מאַנעווורע קערעוועט דער פאָרזיצער, וועלכער איז גלייכצייטיק דער פּרעזידענט פונעם פאַראיין, אַזוי, אַז עס שטייען וויכטיקערע פראַגן אויף דער טאָג־אָרדענונג, וואָס מוזן גלייך באַהאַנדלט ווערן, כדי עס זאָל ניט קומען צו אַן אָפענעם צוזאַמענשטויס אויף דער פאַרוואַלטונג.

שפּעטער, נאָכן מיטינג, האָט דער פאָרזיצער, צוזאַמען מיט קאָכאַנסקי׳ן, זיך אַ נעם געטאָן צו שייפער׳ן פּריוואַט:

— דו ווייסט, שייפער, אַז דאָס איז אַ נאַציאָנאַליסטישע פּאָעמע. ס׳לוינט זיך איצט ניט צו פאַרפירן קיין שלאַכטן, אָבער מיר בעטן דיר — לאָז עס אָפּ!

שייפער האָט זיך אַ קרים געטאָן: — איר זייט צו פאַנאַטיש. ס׳איז ניט אַזוי געפערלעך. אָט וועט איר היינט בײַנאַכט אַליין הערן דעם ערשטן אריינפיר.

און בײַנאַכט, צו דער רעפּעטיציע, איז טאַקע דער אריינפיר געווען געטריי צום טעקסט. עכט־אידישע ניגונים, וואָס שטרייכן נאָך מער אונטער דעם שאָוויניסטישן אינהאַלט.

מ׳האָט ווידער, אויף מאָרגן, גערעדט מיט שייפער׳ן פּריוואַט, אָבער אָן דערפאָלג. דאָס מאָל האָט זיך שייפער פאַר׳עקשנ׳ט, אַז ער האָט זיך ניט געלאָזט רירן פון אָרט. אַ צווייטע רעפּעטיציע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן. ווידער פּריוואַטע ויכוחים מיט שייפער׳ן. ווידער די אייזערנע עקשנות. ער סטראַשעט מיט ברענגען די פראַגע פאַר אַלע מיטגלידער.

— יאַנקל, — זאָגט אים דערנאָך דער פּרעזידענט, — זאָלסט וויסן, אַז די פּאַרטיי איז קעגן דער זאַך. דאָס וועט זיין אַ פאַרברעך קעגן דער פּאַרטיי.

שייפער ווערט בלאַס און רויט. ער ווערט אויפן מאָמענט געפּלעפּט. ווען ער קומט צו זיך, ענטפערט ער מיט הכנעה: — אויב די פּאַרטיי פאָדערט עס פון מיר, איז עס אַ גאַנץ אַנדערע זאַך.

דער ליבּ האָט זיך געבויגן און אָפּגעטראָטן ווי אַ לעמעלע.

7. שייפער בייגט זיך ניט . . . פאַרן טויט

עס איז געווען טראַגיש צו זען ווי שייפער האָט זיך אונטערגעגעבן. עס האָט פּשוט ווי געטאָן דאָס האַרץ. ער האָט דעמאָלט אויסגעקוקט, ווי אַן אָפּגעשווירענער שמשון הגבור, וואָס פאַרלירט זיין אויסערגעוויינלעכן

כוח. עס איז אַ צווייפל, צי אויסגעוויינטסטע מענטשן האָבן עס אַף מאָרגן דערקענט אין אים. אייגנשייטלעך האָט עס אויסגעקוקט ווי ער גייט ווייטער אָן מיט זיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט. דאָס איז אָבער ניט געווען דער פאַל.

מען קאָן ניט זאָגן, אַז ער האָט שוין אינגאַנצן פאַרלייגט די הענט און שוין גאָרניט געטאָן. אין דעם זומער פון 1916, ווי אויך אינעם האַרבסט, האָט ער נאָך באַוויזן פאַרענדיקן אָנגעהויבענע אַרבעטן אַף קלענערע טעמעס. מ׳האָט זיך געגרייט צו אַ ניי־יאָר קאָנצערט. מ׳פירט דורך ווינטשעווסקי׳ס יובילײ מיט ספּעציעלע לידער. ווינטשעווסקי איז זייער באַגייסטערט פונעם כאָר און פון שייפער׳ן. פאַרן הײמישן עולם האָט עס אויסגעקוקט, אַז קיין זאַך האָט דאָ ניט פּאַסירט. פאַקטיש אָבער איז עס שוין אַף אַ געוויסער צייט ניט געווען דער שייפער. ער שרייבט שוין ניט קיין אָראַטאָריעס ביז אין 1920.

פאַרוואָס זינגט מען ניט ווייטער איין די איינהאָרן־אָראַטאָריע? עס זיינען אַנטשטאַנען טעכנישע שוועריקייטן. עס זיינען דאָ איצט בילכערע זאַכן צו טאָן. קיינער האָט ניט געפרעגט קיין קשיות. מסתמא ווייסט שייפער וואָס ער טוט.

אין דער זעלבער צייט זיינען אָבער די פּערזענלעכע באַציאונגען צווישן שייפער׳ן און די אויבערשטע פירער פונעם פאַראיין אַף אַ האָר ניט געמינערט געוואָרן. די זעלבע נאָענטע חבר׳שאַפט. די זעלבע קאָמונע־באַציאונג. מען לעבט כמעט צוזאַמען ביז שפּעט אין דער נאַכט. מען גייט צוזאַמען אַף קאָנצערטן, אַף סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגען. פּערזענלעך איז געווען ווי קיין זאַך זאָל ניט האָבן געטראָפן.

אין אַ זונטיק, סוף 1916, גייט מען צוזאַמען אינעם גרויסן שיקאַגער אַדיטאָריום, וואָס נעמט אַריין איבער 7 טויזנט מענטשן, הערן און זען הענדעל׳ס „פּעשאָן־פּלעי”. אויפגעפירט האָט עס דער „אַפּאָלאָ מוזיק קלוב”, איינע פון די גרעסטע כאָראַלע געזעלשאַפטן אין אַמעריקע. טויזנט זינגער און שפּילער האָבן זיך אין דעם באַטייליקט. שייפער איז געזעסן ווי אַ פאַר׳כישוף׳טער. זיין גאַנצער וועזן איז געוואָרן אויערן און אויגן. קיינער האָט ניט געטאָרט לעבן אים הויך אָטעמען. דאָ איז געווען אַ געלעגנהייט צו זען שייפער׳ן — דעם צוהערער, שייפער׳ן — די אָדיטאָריע.

די זאַך אַליין איז אַ טיף־רעליגיעזע, אַ מיסטישע און באַרעכנט אַף אַרויסברענגען יעזוס׳ן ווי אַ מאַרטירער פאַר די זינד פון דער גאַנצער וועלט. געוויסע מוזיקער באַטראַכטן די דאָזיקע אָראַטאָריע פאַר איינער פון הענדעל׳ס גרעסטע מייסטערווערק. באַם אַרויסגיין טראַכט שוין

שייפער ווי אזוי אזא אוצר פון הינרייסנדיקער מוזיק וואָלט געקאָנט אויס־געניצט ווערן פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן טעקסט.

דעם 31טן דעצעמבער, 1916, טרעט ווידער אַרויס דער געזאַנג־פאַראיין מיט אַ נײַ־יאָר קאָנצערט, אינעם וועסט־סייד אַדיטאָריום. אינעם קאָנצערט באַטייליקט זיך אויך אַן אָרקעסטער און סאָליסטן. שייפער קריגט אַ גרויסע אָוואַציע. ער איז שוין איינגעבירגערט אין טויזנטער הערצער.

אין אַ קורצער צייט אַרום, דעם 18טן יאַנואַר, 1917, טרעפט שייפער'ן אַ גרויסער אומגליק. זיין ליבע סאָניע איז עפּעס געווען ניט מיט אַלעמען. אַ דאָקטאָר ראַט איר דורכצומאַכן אַ מינדערוויכטיקע אָפּעראַציע. זי האָט פאַרבראַכט אַ גאַנצן פרימאָרגן אין הויז פון חוה ביילין און זיך געשפּילט מיט דער קליינער דזשענעט'ן, געלאַכט און געטאַנצט פאַר איר. צוועלף אַזייגער האָט זי געדאַרפט צוגיין צום דאָקטאָר און צוויי האָט זי געדאַרפט זיין צוריק און געזאָלט אַרויסנעמען דזשענעט'ן אין וועגעלע אויף אַ שפּאַציר אין דאָגלאַס פּאַרק.

אָבער סאָניע איז שוין קיינמאָל ניט צוריקגעקומען. זי איז אויס־געגאַנגען בײַ דער אָפּעראַציע.

דער קלאַפּ איז געווען אַ פאַרטויבנדיקער פאַר אַלע פריינט און קרובים פון דער שייפער־פאַמיליע. אין געזאַנג־פאַראיין האָבן פיל געפילט, ווי זיי וואָלטן פאַרלאָרן זייער מוטער. פאַר שייפער'ן איז עס געווען ווי אַ האַק אין אַ געזונטן בוים. ער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן ביז צו זיינע טיפסטע וואָרצלען, אָבער ער איז ניט צוזאַמענגעבראָכן.

אין עטלעכע טעג אַרום, צו דער דינסטיקדיקער רעפּעטיציע, זיינען די מיטגלידער־זינגער אַריינגעקומען אין קלוב־צימער אויף די שפּיץ פינגער. אַנדערע האָבן געצווייפלט, צי ס'וועט אינגאַנצן קענען זיין אַ רעפּעטיציע. שייפער איז, ווי שטענדיק, געקומען פּונקט צו דער מינוט, אָוועקגעזעצט זיך און דערפילט די פיינלעכע שטילקייט. ער האָט אַ ווײַלע געשטאַנט אָפּן עולם, מיט פאַרגליווערטע אויגן, און פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן, ווי פון אַ הוילער פאַס אַרויס: זי איז געשטאָרבן . . . ניטאָ מער סאָניע . . . אָבער מיר לעבן נאָך און מיר מוזן לעבן, מיר מוזן ווייטער אָנגיין מיט אונזער אַרבעט . . . מיר מוזן זיך קרעפטיקן. חברים — דעם אינטער־נאַציאָנאַל!

מיט אַ הייליקן שוידער ווערט דאָס ליד געזונגען. שייפער דיריגירט מיט גרויסע טרערן אין די אויגן. ס'איז אַלץ אַריבער. די רעפּעטיציע הייבט זיך ווידער אָן. „נו, איך בעט אייך . . .” איז נאָך אַלץ אָנגעזאָפּט

מיט צער און ווייטיק. אָבער די אַרבעט גייט אָן. שייפער בייגט זיך ניט פאַרן טויט.

אַנדערע מיינען, אַז שייפער בייגט זיך יאָ פאַרן טויט. אַט שרייבט ער דאָך מער ניט קיין אָראַטאָריעס. זיי שרייבן עס צו צו זיין אומגליק מיט סאָניע׳ן. אָבער דער אמת איז, אַז דאָס האָט אים אַנטמוטיקט דער איינהאָרן־אינצידענט.*)

8. שייפער ווערט אַ יתום

דאָס יאָר 1917 ברענגט שייפער׳ן אַ ריי פערזענלעכע אומגליקן. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט סאָניע׳ס טויט. אין אַ צוויי, דריי מאָנאַטן אַרום פאַרלירט ער פון דעם פאַרוואַלטונג־ראַט דעם ענערגישן און איבער־געגעבענעם מיטגליד נחום אַספּיס. אַספּיס ווערט ניט געזונט און איז געצוואונגען צוריקצוציען זיך פון דער שווערער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג. שייפער פילט זייער שטאַרק דעם שאָדן, כאָטש אַספּיס פאַרזיכערט, אַז ער וועט העלפן מיט וואָס ער וועט נאָר קענען. אַנשטאָט אים ווערן צוגעצויגן צוויי פייאיקע חבר׳טעס אין דער פאַרוואַלטונג — ליזאַ קאַראַל, די סאָפּראַנאָ־סאָליסטקע פונעם פאַראיין, און חבר׳טע ר. מעטיוס, אַ שוועסטער פון שייפער׳ס אַן אַלטן פריינט, אַ זינגער, און חבר פלאַצקער.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען די פרייהייט־געזאַנג־פאַראיינען האָבן זיך שוין איינגעוואָרצלט און שייפער אַליין און די איבעריקע דיריגענטן זיינען שוין געוואָרן פיל זיכערער, וואָלט עס געקלונגען לעכערלעך, ווען אַ פאַרוואַלטונג־מיטגליד זאָל מיט זיין אַוועקגיין פון דער אַרבעט ברענגען די אָרגאַניזאַציע צו אַ וועלכער עס איז געפאַר. אַנדערש איז עס אָבער נאָך געווען אין יענער צייט, און ספּעציעל מיט אַזאַ ווינקלשטיין פון דער פאַרוואַלטונג ווי אַספּיס איז געווען.

דער זעלבער אַספּיס האָט נאָך שפּעטער פיל בייגעטראָגן פאַר דער אָרגאַניזאַציע, און אַזוי אויך חיה אַספּיס, זיין פרוי אין יענער צייט. אגב זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן די נעמען פון נאָך אַ ריי פרויען, וואָס זיינען אין די ערשטע גרינדונג־יאָרן געשטאַנען אין די פאָדערשטע רייען און געהאָלפן שלעפּן דעם יאָך פון דער אָרגאַניזאַציע: שרה רובינשטיין, די פרוי פון לואי רובינשטיין, חוה ביילין, חדש, טאָפּטשעווסקי, לאה שטיינ־

*) מער וועגן דעם אין דעם שוין־אָנגעוויזענעם קאַפּיטל פון דער צווייטער אָפּטיילונג.

בערג (שפּעטער — לאה שײפער), און די זײער יונגע מיני לעווין (שפּעטער — מיני סאימאָן), און אנדערע. אויך פאר די דאָזיקע חבר'טעס זײנען קײן שווערע זאכן ניט געווען. זײ האָבן דערפילט זײערע פליכטן אַף א הויכן פאראנטוואָרטלעכן אופן.

שפּעטער א ביסל אינעם יאָר, פארלירט שײפער בײלינ'ען פון דער פארוואלטונג. בײלין איז באשטימט געוואָרן פון דער פארטײ אַף א לאנגן אָרגאניזיר־ און לעקציע־טור. און כאָטש דער פארוואלטונגס־ראַט, און איבערהויפּט דער סעקרעטאר קאָבאנסקי, האָט מיט אים די גאנצע צײט אָנגעהאלטן א שריפטלעכע פארבינדונג, האָט פונדעסטוועגן שײפער זיך א לאנגע צײט ניט געקענט באַרואיקן.

צום סוף יאָר דערוויסט זיך שײפער וועגן זײן פאָטער'ס טויט. ער איז נאָך געשטאָרבן דעם 30טן מאַי, אָבער מ'האָט עס פון אים א לאנגע צײט באהאלטן. דער פאָטער איז געשטאָרבן פון א לאנגער קראַנקהײט און פון גרויס נויט. פון זײן מוטער'ס בריוו, דאַטירט דעם זעלבן טאָג, ווען ער איז געשטאָרבן, איז צו זען, אַז זי האָט נאָך געמוזט לײען 50 רובל כדי צו באצאָלן פאר דער לויה און קבורה.

אַף שײפער'ן האָבן די אַלע זאכן געמאכט א טיפן אײנדרוק. עס האָט אים געדויערט א היפּשע צײט, אײדער ער איז צוריק אַרײנגעפאלן אינעם זעלבן אַרבעט־טעמפּ וואָס פריער.

פון די וויכטיקערע אַרויסטרעטונגען אין פארלויף פון 1917 איז ווערט צו פאַרצײכענען דעם „פרײהײט־קאָנצערט", דעם 12טן מאַי, אין דעם גימנאַזיום פון „היברו אינסטיטוט". אויסער אײניקע נײע געשאַפענע קאָמפּאָזיציעס צו קלענערע לידער, האָט שײפער נאָכאַמאָל אויפגעפרישט די אָראַטאָריע „מאַרטירער־בלוט", וואָס דער עולם האָט נאָך אַלץ אויפ־גענומען מיט פיל נאַטירלעכער באַגײסטערונג.

דער צווײטער וויכטיקער אַרויסטריט איז געווען דעם 8טן דעצעמבער, צום 20טן יובילײ פון „בונד", און איז פארבונדן געוואָרן מיט אַלגינ'ס ערשטן באַזוך אין שיקאַגאָ. אַלגין איז געקומען אַלס פעסט־רעדנער און די אידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער אין שיקאַגאָ האָבן אים געגעבן א פײערלעכן אויפנעם. שײפער און די פאַרוואַלטונג פון געזאַנג־פאַראײן האָבן, אויסער ספּעציעל־אײנגעשטודירטע לידער לכבוד דעם יובילײ און לכבוד אַלגינ'ען, צוגעגרײט אויך א ספּעקטאַקל, וואָס האָט געמאַכט א טיפן אײנדרוק.

דער ספּעקטאַקל האָט פאָרגעשטעלט א געהײמע פאַרזאַמלונג אין א וואַלד, אין רוסלאַנד. דאָס בילד איז אַרויסגעקומען אין פולן רעליעף

צוליב שייפער׳ס דערפינדערישקייט אין קאָמבינירן געזאַנג מיט שפּיל. אַפן באַנקעטל, וואָס די נעענטערע חברים האָבן דערנאָך געגעבן לכבוד דעם גרויסן גאַסט, האָט אָלגין זיך ניט געקענט גענוג אָנלויבן די ראָלע, וואָס דער געזאַנג־פאַראיין מיט שייפער׳ן האָבן געשפּילט צו מאַכן דעם יובילײ פאַר אַן אמת׳ן איינדרוקספולן פּאָליטישן אַרויסטרעט.*)

9. שיקאַגאָ ווערט פאַר׳יתומ׳ט

די פּראָבע מיט אַ ספּעקטאַקל, וואָס האָט זיך זייער גוט איינגעגעבן צו דעם אויבנדערמאָנטן יובילײ פון „בונד״, האָט אָנגערעגט שייפער׳ן צו אונטערנעמען נאָך אַ גרעסערן ספּעקטאַקל צו דער פייערונג פון קאַרל מאַרקס׳עס 35טן יאָרצייט אין מאַי, 1918. די הכנות צו דעם האָט מען אָנגעהויבן אַרום אָנהייב מערץ, ווען ביילין איז צוריקגעקומען פון דעם טור.

עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ סצענאַריאָ פאַר זעקס בילדער. דאָס ערשטע בילד — דער קאַפּיטאַליזם און זיין שטיצע (אין דעם איז אַריין אַרמיי, פּאָליציי, שול־סיסטעם, פּרעסע, טעאַטער, מוזיק, א. אַז. וו.), מוזיקאַליש אילוסטרירט דורכן ליד: „מיר זיינען די הערשער״ פון י. ב. ביילין. עס פאָלגן נאָך ליכט בילדער: די פאָרגענגער פון סאָציאַליזם. די אוטאָפּיסטן, ערשטע אומאָרגאַניזירטע קאַמפן. דאָס צווייטע בילד: דער אַרבעטער און זיין חלום, מוזיקאַליש אילוסטרירט דורך אברהם רייזענ׳ס ליד „אָרעמעס לעבן״. דאָס דריטע בילד: די דערוואַכונג, אילוסטרירט מיט געזאַנג דורך די לידער: „אַרבעטער ברידער״ פון יואל סלאָנים און „איך הער אַ שטימע״ פון אברהם רייזען. דאָס פערטע בילד: דער קאַמף, אילוסטרירט דורך זינגען „מיר ווערן געהאַסט און געטריבן״ פון ד. עדעלשטאַט. דאָס פינפטע בילד: דער זיג, מוזיקאַליש אילוסטרירט דורך דער „מאַרסעליעזע״ און דורך דעם ליד „פרייהייטס־סאָלדאַטן״ פון מאָריס ראָזענפעלד. דער ספּעקטאַקל איז צוגעגרייט געוואָרן פאַרן 19טן מאַי, אין וועסט־סייד אָדיטאָריום.

אין מיטן דער צוגרייטונג האָט שייפער ווידער איבערגעלעבט אַ פיינלעכן צעשייד־מאָמענט מיט זיין נאָענטסטן פריינט י. ב. ביילין, וועלכער איז גערופן געוואָרן פונעם הויפּט־אָפיס פונעם אַרבעטער־רינג אין ניו יאָרק

*) וועגן דעם איינדרוק פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אַף שייפער׳ן און אַף די איבעריקע פירער פונעם פאַראיין, זע דעם צווייטן אָפּטייל: שייפער׳ס שעפערישער און אידעאָלאָגישער וועג.

צו פארנעמען די שטעלע פון רעדאקטאָר פאַרן „פריינד" און פון דעם בילדונגס־דירעקטאָר. שייפער האָט דאַן אַפן געזעגונג־אָוונט פאָרגעשלאָגן, אַז מ׳זאָל ביילינ׳ען לאָזן זיין אמט, אַלס פּרעזידענט פון פאַראיין, און אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל שטיין מיט אים אין אַ רעגולערער שריפטלעכער פאַרבינדונג. די דאָזיקע פאַרבינדונג האָט טאַקע דערנאָך אָנגעהאַלטן וואָסערע 5־6 יאָר.

שייפער האָט דאַן, אין שפּאַס מסתמא, געזאָגט, אַז ער וועט נאָכלויפן ביילינ׳ען קיין ניו יאָרק. פון דעם שפּאַס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט אַ ביטערער ערנסט. שייפער האָט נאָך ניט באַוויזן צו זיך צו קומען פון דער איבערראַשנדיקער אָנשטרענגונג אין דעם דורכפיר פון דעם מאַרקס־יאָרצייט, וואָס איז אויך זייער געראָטן אַרויסגעקומען, ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן די בהלה פון אַמעריקע׳ס אַריינטריט אין דער וועלט־מלחמה און אירע פאָלגן פון קאָנסקריפּציע, רעפּרעסיעס, אַרעסטן און די אַלע ווילסאָן־פּאַלמער „ברכות" פון יענער צייט. שייפער ווערט געצוואונגען אָפּצוטראָגן זיך, אין אָנהייב יולי, קיין ניו יאָרק.

דאָס האָט געגעבן די שיקאַגער אָרגאַניזאַציע פון דעם געזאַנג־פאַראיין אַזאַ קלאַפּ, פון וועלכן זי איז אַ היפּשע צייט צו זיך ניט געקומען. דער פאַראיין האָט זיך אַזוי צוזאַמענגעוואַקסן מיט שייפער׳ן, אַז בא קיינעם איז ניט געווען קלאָר ווי אַזוי וועט מען ווייטער קענען אָנגיין מיט דער אַרבעט. אויף שייפער׳ס פּלאַץ איז אָנגעשטעלט געוואָרן דער שוין־דערמאָנטער ה. שטערן, אַ פּייאיקער און ערנסטער דיריגענט. אָבער די אָרגאַניזאַציע האָט בשום אופן ניט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז מ׳וועט קענען עפּעס טאָן אָן שייפער׳ן. אומזיסט האָט שייפער פאַרזיכערט, אַז אַזוי שנעל ווי די אומשטענדן וועלן זיך ענדערן וועט ער זיכער זיך אומקערן קיין שיקאַגאָ. ס׳איז געווען אַ קנאַפּע טרייסט. מ׳האָט גע־יאָמערט: שיקאַגאָ איז געוואָרן פאַר׳יתומ׳ט.

10. שייפער קען זיך ניט אָפּרייסן פון דעם וואָלוואָרט טורעם

אין ניו יאָרק האָט מען נאָך דעמאָלט שייפער׳ן ניט געקענט. בלויז אייניקע דיריגענטן און מוזיקער האָבן פון אים געהערט. עס איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז ער זאָל פאַרפאָרן צו ביילינ׳ען און פאַרזעצן די נאָענטע חבר׳שאַפט. אָבער ביילין אַליין איז נאָך אין ניו יאָרק געווען אַ „גרינער", ערשט אַ דריי־פיר מאָנאַטן, דערצו נאָך האָט ער נאָך אפילו

דעמאָלט ניט געהאַט קיין אייגענע היים און געוואוינט מיט זיין שוועגערן, ברײנע בײלין.

די פּראָבלעם איז געווען צו באַזאָרגן שייפער׳ן מיט אַלץ וואָס ער דאַרף, און הויפּטזאַכלעך מיט אַ דירה באַ זייער אַ פּאַרטרויענסווערטן און פאַראַנטוואָרטלעכן חבר. און אָט אַזאַ מענטשן האָט ביילין געפונען אין דער פּערזאָן פון ה. פּלאָטקין, דעמאָלט שוין אַ טעטיקער, פירנדיקער חבר אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס האָט זיך געשטעלט אַפן באָלשעוויסטישן שטאַנדפּונקט.

פאַר שייפער׳ן איז דער פּלאַץ באַ פּלאָטקינ׳ען געווען אַן אידעאַלער פון פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן. שייפער, וועלכער האָט נאָך דעמאָלט בלויז סימפּאַטיזירט מיט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און האָט וועגן איר טעאָרעטישער באַגרידונג קנאַפּ־וואָס געוואוסט, איז „ארײנגעפאַלן" אין אַ הויז, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ קאָך־פּונקט פון הייסע טעאָרעטישע דיסקוסיעס וועגן דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער טעאָריע און וועגן די קאַמפן וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אַהין פלעגן קומען אַלע אידישע וואָרט־פירער פונעם לינקן פליגל. א. ביטעלמאַן, נח לאָנדאָן, קאַדישעוויטש זיינען דאָרט געווען אָפטע באַזוכער. באָלשעוויסטישע און לינק־פליגלדיקע ליטעראַטור איז געווען דאָרט אין אַלע ווינקעלעך, אַזוי אַז שייפער האָט זיך דאָרט טעאָרעטיש היפּשלעך אָפּגעפרישט.

פון דער צווייטער זייט האָבן אים די פּלאָטקינס אַרומגערינגלט מיט ליבע און צערטלעכקייט און געזען, אַז ער זאָל ווי געהעריק עסן און זאָל קענען אומגעשטערט אָנגיין מיט זיין מוזיק־שטודיום און פּיאַנאָ־איבונגען. איין „צרה" האָט נאָר דאָרט שייפער געהאַט באַ די פּלאָטקינס — שלמה׳לע, פּלאָטקינ׳ס אינגעלע (איצט דער באַוואוסטער פּיאַניסט נאָרמאַן פּלאָטקין), וועלכער פלעגט ניט וועלן אָפּטרעטן פון שייפער׳ס פּיאַנאָ, כאָטש „טרייב אים מיט שטעקנס".

„שלמה׳לע דערגייט מיר די יאָרן", פלעגט זיך דעמאָלט שייפער קלאָגן פאַר ביילינ׳ען, צו וועלכן ער איז געקומען יעדן טאָג. — „ער וויל נאָר, אַז איך זאָל אים לערנען פּיאַנאָ און וויל בסדר וויסן ווי אַזוי די פּיאַנאָ שפּילט עס." אויס ליבשאַפט צו דער פּיאַנאָ האָט זיך שלוימקע איינמאָל גענומען זי וואַשן מיט וואַסער און, ניט קענענדיק דערלאַנגען אינעווייניק, האָט ער אין דער פּיאַנאָ אַריינגעגאָסן אַ פולע גלאָז וואַסער. שייפער האָט פון דעם „מוזיק" געהאַט „געברענטע צרות".

שייפער׳ן איז אָבער דעמאָלט ניט באַשערט געווען צו בלייבן כאָטש

אף א קורצער צייט אין פראקטישער כאר־ארבעט, כדי איבערצוגעבן זיך איינגאנצן פאר מוזיקאלישער טעארעטישער בילדונג. א געווויסער לאדזער כאר־קלוב, „הארפע", האט זיך פון ביילינ'ען דערוואוסט וועגן שייפער'ן און זיי זיינען צו אים צוגעשטאנען אז ער זאל ווערן בא זיי דיריגענט. עס איז געווען געווען, אז שייפער זאל מיט זיי האבן איין רעפעטיציע, אז זיי זאלן אים שוין ניט וועלן אפלאזן. שייפער האט פון דעם שלעכט־ארגאניזירטן „הארפע"־מאטעריאל אין פארלויף פון עטלעכע וואכן געשאפן א גוט־איינגעשטודירטן כאר.

די „הארפע"־לייט זיינען כמעט אלע געווען לאדזשער לאנדסלייט. זיי האלטן געוויינלעך אן פארבינדונגען מיט די לאדזשער אין פעטערסאן. דער פעטערסאנער כאר פון ארבעטער רינג האט זיך גלייך פון זיי דערוואוסט וועגן שייפער'ס וואונדער. האבן זיי אים אויך איינגעשפאנט אין וואגן און שייפער איז דערנאך געווארן א ספעציאליסט אין די „57" וועגן, וואס פירן קיין פעטערסאן.

אויך די ארבעטער־רינג שולן, וואס האבן זיך אנגעהויבן גרינדן אין הארבסט 1918, שטעלן אן שייפער'ן פארן געזאנג־ און מוזיק־לערער און פארן דיריגענט פון דעם קינדער־כאר.

אין דער זעלבער צייט איז אין שייפער'ן פארגעקומען אן אינער־וויניקסטער קאמף בנוגע דער טאקטיק פון דעם לינקן פליגל און פון די באלשעוויסטישע עלעמענטן אין דער סאציאליסטישער פארטיי, וועלכע האבן געפירט אן אגיטאציע פאר אפשפאלטן זיך פון דער ס. פ. און גרינדן א נייע פארטיי. שייפער, וועלכער האט פון אנהייב אן ניט געהאט קיין גרויסע ליבע צו דער ס. פ., האט זיך אבער מיט דער צייט צו איר אין א געוויסער מאס צוגעוואוינט און האט צומאל באטראכט דעם קאמף צו גרינדן א נייע פארטיי פאר א שעדלעכן פאר דער גאנצער רעוואלוציאנערער ארבעטער־באוועגונג. איינמאל, זיצנדיק אין זיין צימער, בא דער פיאנא, אין פלאטקינ'ס הויז, וואו עס איז גראד פארגעקומען א געשלאסענער מיטינג, אף וועלכן דער עולם האט זיך געקאכט, האט ער נאך אפילו זיי צוגעוואָרפן, „אז פארברענט זאלן זיי ווערן, די בטלנים!" עם פארשטייט זיך, אז ער האט געמיינט ניט געוואוסט דעם כאראקטער פון דעם מיטינג.

אף א שפאציר מיט דעם שרייבער פון די שורות, פונעם אפיס פון ארבעטער־רינג צום בעטערי פארק, וואו ער האט געזאלט זען דעם וואל־סטריט דיסטריקט, זיינען מיר פארבייגעגאנגען דעם וואולוואירט בילדינג. אפן וועג האט מען זיך געאמפערט וועגן דער צוועקמעסיקייט פון שעדיקן מאיר לאנדאנ'ס ווידער־דערוויילונג צום קאנגרעס. ער האט אטאקירט

די באלשעוויסטישע פאזיציע פון באלד רופן צו א סאציאלער רעוואלוציע. צוקומענדיק צום וואולוואירט בילדינג און באוואונדערנדיק זיין הייך, האט אים דער שרייבער באמערקט: דו ווייסט, יאנקל, אז עס געדויערט זיבן מינוט ארויפצופארן ביזן לעצטן שטאק מיטן עלעוויטאר. אן אן עלעוויטאר וואלט ניט מעגלעך געווען אזא הויכע געביידע. דער עלעוויטאר — דאס איז די רעוואלוציע. נאר דורך איר קען זיך דאס הארעפאשנע פאלק ארויפכאפן צו דער העכסטער הויך פון מאכט. גייענדיק צופוס, אף געוויינלעכע טרעפ, ווי די מענשעוויקעס פון דער ס. פ. ליגן פאר, וואלט אפשר דויערן הונדערטער יארן ביז דער ארבעטער־קלאס וועט זיך קענען באפרייען.

שייפער איז לאנג געשטאנען און געקוקט אפן שפיץ פון דעם טורעם און זיך ניט געקענט פון אים אפרייסן. ער האט דעמאלט ווי צו זיך אליין געמורמלט: פארמעסטן זיך מיטן וואולוואירט ווילט איר? איצט פארשטיי איך . . .

11. שייפער פארלירט א פרייז צוליב א „גוטער" עצה

אין אנהייב 1919 האט שייפער שוין באקומען א געוויסע מאס אנערקענונג אף א נאציאנאלן מאסשטאב. דער בילדונגס־דעפארטמענט פון ארבעטער־רינג האט באשלאסן ארויסצוגעבן שייפער'ס מוזיק פאר 5 לידער. זיי זיינען געווען אראנזשירט פאר פיאנא און כאר. די לידער זיינען געווען: „און דו אקערסט און דו זייעסט", „פרייהייט־סאלדאטן" פון מארים ראזענפעלד; „ארבעטער ברידער" פון יואל סלאנים; „צו דיר, א, פרייהייט" פון ש. פרוג, און דעם „אינטערנאציאנאל". שייפער האט דערפאר באקומען א פיינעם האנאראר און דאס האט אים זייער דערמוטיקט. ספעציעל נאך, ווען ס'איז א ביסל שפעטער דערשינען אינעם „פריינד" א גינסטיקע קריטיק פון קאנראד בערקאוויסי וועגן דער אראנזשירונג שייפער'ס און וועגן זיינע קאמפאזיציאנעלע פיאיקייטן.

פון די אלע הכנסות איז אים שוין געווען לייכטער אויסצוקומען און ער איז שוין מער ניט געווען אנגעוויזן אף דער הילף פון דער שיקאגער ארגאניזאציע און אף הילף פון חברים. ער האט אויך געקראגן א ביסל פיאנא־לעקציעס און ער איז געווען זייער צופרידן, וואס אים איז געלונגען צו ווערן זעלבסטשטענדיק. אין דער זעלבער צייט האט ער נאך טיכטיקער זיך געלערנט, באזוכט די מוזיק־שול פון דייוויד מענעס, דאמראש'עס

בארימטער איידעם, און גענומען לעקציעס בא דאמראָש׳ן און נאָך עטלעכע מוזיקער. עס זיינען געווען צייטן, ווען ער האָט געאַרבעט אַף זיך 16 שעה אַ טאָג.

אין פרילינג 1919 האָט דער בילדונגס־דעפּאַרטמענט פון אַרבעטער־רינג באַשלאָסן אַרויסצולאָזן אַ קאָנקורס פאַר מוזיק צו דעם אַרבעטער־רינג הימן־טעקסט, וואָס א. לעסין האָט אָנגעשריבן לכבוד דעם 20־יאָריקן יובילײ פון אַרבעטער־רינג אַלס אַ נאַציאָנאַלער אָרדן און 25־יאָריקן יובילײ זינט ס׳האָבן זיך פאַרפעסטיקט די ערשטע עטלעכע בראַנטשעס אין ניו יאָרק. דער פּרייז פאַר דער בעסטער קאָמפּאָזיציע איז געווען 50 דאָלאַר.

ווען שייפער האָט דערהערט וועגן דעם קאָנקורס, האָט ער זיך פאַרמאָסטן מיט גרויס עקשנות צו געווינען דעם פּרייז. זיין פריינט ביילין, װעלנדיק מיטן גאַנצן הארצן, אַז שייפער זאָל געווינען דעם פּרייז, האָט אים געוואָרנט: גערענק, יאַנקל, דיין קאָמפּאָזיציע מוז זיין אַן ערשט־קלאַסיקע. דו ביזט ניט דער איינציקער. פיל קאָמפּאָזיטאָרן פאַרמעסטן זיך צו געווינען דעם פּרייז. די ריכטער וועלן זיין פון די גרעסטע מוזיק־אויטאָריטעטן אין ניו יאָרק. עס וועלן דאָרט זיין אַזעלכע ווי קרעמער פון די „הלוי"־געזאַנג־פאַראיינען, פּלאַטאָן ברונאָף, רומשינסקי, פּיראָזש־ניקאָף, יוסף פּ. קאַץ, און אַנדערע.

שייפער איז אַוועק און האָט עטלעכע טעג געאַרבעט אַף דער קאָמפּאָזיציע. ער איז געווען פון די ערשטע וואָס זיינען אַריינגעטראָטן אינעם קאָנקורס. אין פאַרלויף פון צוויי מאָנאַטן זיינען אָנגעקומען אַ פאַר צענדליק מוזיק־מאַנוסקריפּטן. דער קאָנקורס איז געווען אַ געהיימער. אַף די מאַנוסקריפּטן זיינען ניט געווען קיין נעמען. ביילין איז געווען אָנוועזנד אַף דעם צונויפקום פון די קאָנקורס־ריכטער. אַ צענדליק איז גלייך פאַרבראַקירט געוואָרן אַלס אומרייפער מאַטעריאַל. דערנאָך זיינען באַזייטיקט געוואָרן אַכט און עס זיינען געבליבן פאַר אַנטשיידונג בלויז צוויי קאָמפּאָזיציעס. די דאָזיקעביידע קאָמפּאָזיציעס זיינען איבערגעשפּילט און איבערגעזונגען געוואָרן פיל מאָל. עס איז געווען קענטיק, אַז די ריכטער שלאָגן זיך שטאַרק מיט דער דעה. איינע פון זיי איז געווען אַ פאַרטרעפלעכע שטיק מוזיק, אָבער אַ קאָמפּליצירטע, מיט אַ קלאַסישן פאַרנעם. די צווייטע איז געווען אַן איינפאַכע קאָמפּאָזיציע, קוואַליטאַטיוו ניט זייער קיין הויכע, אָבער אַ לייכט־זינגעוודיקע, אַזאַ, וואָס קען שנעל אויפגעכאַפּט ווערן פון יעדן איינעם. די ריכטער האָבן אַרויסגעטראָגן פאָלגנדיקן אורטייל: פון ריינעם מוזיקאַלישן קוואַליטאַטיוון שטאַנד־

פונקט וואָלט געדאַרפט באַקומען דעם פּרייז די קאָמפּאָזיציע נומער איינס. אָבער די מאַסן וועלן זי אַזוי גרינג ניט קענען אויפכאַפּן. אַזוי ווי דאָ איז די פראַגע וועגן אַ הימן פאַר ברייטע מאַסן, אַנטשיידן די ריכטער, אַז דער פּרייז זאָל געגעבן ווערן צו דער לייכטערער, קאָמפּאָזיציע נומער צוויי, ווי די ריכטער האָבן זי באַצייכנט.

די קאָמפּאָזיציע נומער צוויי, וואָס האָט געוואונען דעם פּרייז, איז געווען די אַרבעט פון מאיר פּאָזנער, דער דיריגענט פון דעם אַרבעטער־רינג כאָר. די, וועלכע איז באַצייכנט געוואָרן אַלס קוואַליטאַטיוו־מוזיקאַליש די בעסטע, איז געווען — יעקב שייפער׳ס.

שייפער האָט פּראָסט פּשוט פאַרלאָרן דעם פּרייז צוליב דער „גוטער" עצה פון זיין פריינט ביילין. ווען שייפער האָט דערנאָך געזען פּאָזנער׳ס קאָמפּאָזיציע, האָט ער געזאָגט, אַז אַזאַ וואָלט ער געקענט אָנשרייבן אין 10 מינוט און וואָלט אפילו ניט געדאַרפט אַ רונצל טאָן דעם שטערן.

די ריכטער האָבן אויסדריקלעך געבעטן, אַז אין דעם פּראָטאָקאָל פון זייער זיצונג, וואָס וועט איבערגעגעבן ווערן אין דעם בילדונגס־דעפּאַרט־מענט, זאָל אומבאַדינגט אַריין זייער מיינונג וועגן דער קאָמפּאָזיציע נומער איינס. זיי האָבן זיך שפּעטער אָנגעפרעגט ווער דער אויטאָר איז און זיי האָבן אים פאַראויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט.

12. שיקאַגאָ קריגט צוריק איר קרוין

שפּעט אינעם זומער פון 1919 איז די מלחמה־בהלה און דער קאָנ־סקריפּציע־גערודער אַ היפּש ביסל איינגעשטילט געוואָרן. פון שיקאַגאָ זיינען אָנגעקומען פאַרצווייפלטע רופן, אַז שייפער זאָל זיך אומקערן. קאָבאַנסקי האָט געהאַלטן אין איין טעלעגראַפירן און אין שיקן „ספּעשל דעליווערים". אויב שייפער וועט זיך גלייך ניט צוריקקערן, גייט די גאַנצע אָרגאַניזאַציע אונטער.

די שמחה אין שיקאַגאָ איז געווען אַן אומגעהויערע, ווען שייפער האָט זיך צוריקגעקערט און ווידער אָנגעהויבן זיין אַרבעט. דער „אידישער סאָציאַליסטישער געזאַנג־פאַראיין" איז צוריק „באַפעלקערט" געוואָרן. ס׳האָבן זיך ווידער גענומען ווייזן די אָפּגעשטאַנענע און די צעלאָפענע. דער כאָר האָט ווידער דערגרייכט מיט שייפער׳ן זיין פריערדיקע קראַפט. שייפער גרינדעט דאַן נאָך אַ צווייטע מוזיק־אינסטיטוציע, דעם סאָציאַ־ליסטישן סימפאָנישן אָרקעסטער. די אינסטיטוציע האָט זיך אויך שנעל

דערוואָרבן אַ גוטן נאָמען. ה. שטערן, דער צייטווייליקער דיריגענט, איז געוואָרן שייפער׳ס געהילף־דיריגענט אין כאָר.

דער פאַראיין איז אַף אַזויפיל צו זיך געקומען מיט שייפער׳ס צוריקקער, אַז ער איז שוין געווען בכוח דורכצופירן אַ גראַנדיעזע אונטערנעמונג אין אַזאַ גרויסן פּלאַץ ווי דער אַשלאַנד אַדיטאָריום, אין שיקאַגאָ, לכבוד דעם 25טן יובּיליי פון לעסינ׳ס ליטעראַרישער טעטיקייט. שייפער האָט צוגעגרייט אַ פולע לעסין־פּראָגראַם. אויסער דעם „מאַרטירער־בלוט", וואָס ער האָט אפּסניי באַארבעט, האָט נאָך דער כאָר איינגעשטודירט די פאָלגנדיקע לעסין־לידער, מיט שייפער׳ס מוזיק: „אַפן ווייטן צפון", „וואָלקנס", ווי אויך „אַהין, אַהין..."‚ צו וועלכן שייפער האָט צוגעפּאַסט דעם פּילגרים־כאָר פון וואַגנער׳ס טאַנהייזער.

צו דעם קאָנצערט זיינען ספּעציעל געקומען פון ניו יאָרק דער יובּיליאַר אַליין, א. ליעסין, און י. ב. ביילין. צוליב דעם גרויסן טומל, וואָס שייפער און קאָכאַנסקי האָבן אָנגעמאַכט, אַז די דאָזיקע צוויי מוזן קומען פון ניו יאָרק צום קאָנצערט, זיינען די צוויי איינגעלאַדענע געסט שיר ניט אַרעסטירט געוואָרן פון דעם „דעפּאַרטמענט אָוו דזשאַסטיס". אַ טעלעגראַמע, אונטער וועלכער עס זיינען געווען אונטערגעשריבן שייפער און קאָכאַנסקי, האָט זיך אומגעפער געלייענט אַזוי: גאַנץ שיקאַגאָ קאָכט מיט אייער קומען. זעט, אַז איר זאָלט אונז ניט אַנטוישן. ביידע, סיי איר און סיי ליעסין, מוזט קומען. די איינצלהייטן קענען מיר דאָ, נאַטירלעך, ניט געבן.

נאַטירלעך, ווען די פּאַלמער־אַגענטן, וואָס זיינען אין יענער צייט נאָך אַלץ געווען זייער אָנגעשפּיצט, האָבן דורכגעזאָיט די דאָזיקע טעלעגראַמע צו ביילינ׳ען אין אַרבעטער־רינג אָפיס, זיינען זיי שוין געווען זיכער, אַז דאָ שמעקט מיט אַ „רעוואָלוציע" אין שיקאַגאָ. אַגענטן האָבן גענומען ביילינ׳ען אַף אַן אויספאָרשונג און ס׳האָט אים געדויערט היפּשלעך לאַנג צו איבערצייגן די פּאַלמער־לייט, אַז דאָ האַנדלט זיך בלויז וועגן אַ מוזיק־קאָנצערט.

דורכן יאָר 1920 לערנט שייפער פלייסיק באַ די מוזיקער רעקזע, ברונאָ און ווידיג און אין דער זעלבער צייט טרעט ער אַרויס מיטן כאָר און אָרקעסטער אַף פאַרשיידענע וויכטיקע אונטערנעמונגען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. זאָל דאָ בלויז פאַרצייכנט ווערן דער גרויסער בייטראָג, וואָס די צוויי מוזיק־אינסטיטוציעס האָבן צוגעטראָגן מיט שייפער׳ן צום 35־יאָריקן יובּיליי־קאָנצערט פון אַ גרויסן לאָקאַל פון דער „אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן" אין אַשלאַנד אַדיטאָריום.

אין דער זעלבער צייט אַרבעט ער ענערגיש אַף דער אָפּערע־אָראַטאָריע „קירכן־גלאָקן" פון א. רייזען.*) די דאָזיקע אָפּערע איז אויפגעפירט געוואָרן דעם 14טן נאָוועמבער אין אַריאַן גראַטאָ טעמפּל, וואָס איז געווען איבערגעפּאַקט מיט אַ שטורמיש־באַגייסטערטן עולם. אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז דאָס קען בלויז באַווייזן דער „סאָציאַליסטישער געזאַנג־פאַראיין" און דער סאָציאַליסטישער אָרקעסטער אונטער שייפער'ס אָנפירונג, בפרט נאָך, ווען בלויז מיט 3 טעג צוריק איז דער כאָר אַרויסגעטראָטן אַף אַ קאָנצערט לכבוד ש. ניגער'ס קומען קיין שיקאַגאָ, אין אַשלאַנד אָדיטאָריום. איין אונטערנעמונג האָט כמעט נאָכגעפאָלגט דער צווייטער. אַזוי איז גלייך אין אַ וואָך אַרום, דעם 21טן נאָוועמבער, פאָרגעקומען אַ קאָנצערט פון דעם סאָציאַליסטישן סימפאָנישן אָרקעסטער דיריגירט פון שייפער'ן אין לייבאָר־לייסעאום, מיט אַ פּראַכטפולער פּראָגראַם פון קלאַסישער מוזיק.

שייפער'ס אָנשטרענגונגען אין די דאָזיקע אַלע קאָנצערטן זיינען צוזאַמענגעפאַלן מיטן קראַנק ווערן פון זיין מוטער, העניע־חיה, וואָס שייפער האָט זי ערשט מיט זעקס מאָנאַטן צוריק אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע. זי איז שוין מער צו זיך ניט געקומען און איז געשטאָרבן סוף נאָוועמבער. פונדעסטוועגן האָט עס אים ניט געשטערט צוצוגרייטן און דיריגירן אַ צווייטן קלאַסישן קאָנצערט פונעם סימפאָנישן אָרקעסטער אין לייבאָר־לייסעאום דעם 5טן דעצעמבער.

13. דערשיטערונג פאַר שייפער'ן און פאַר דער באַוועגונג

דאָס יאָר 1921 איז פון דעם אָנהייב ביזן סוף געווען זייער אַן אומרואיקער פאַר שייפער'ן און פאַר דער גאַנצער מוזיקאַלישער פּראָלעטאַרישער פּיאָנערן־אַרבעט אין שיקאַגאָ. די באַוועגונג אין דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע פאַר אָפּרייסן זיך פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט אויך ניט אויסגעמיטן דעם געזאַנג־פאַראיין. כמעט אַלע פירער פון דעם פאַראיין זיינען געווען גענייגט לינקס־צו. אָבער צווישן זיי זיינען געווען אייניקע, וועלכע האָבן זיך זייער געשראָקן, אַז די דאָזיקע שפּאַלטונג זאָל ניט אָנמאַכן קיין חורבן אין דעם געזאַנג־פאַראיין.

---

*) געניויער וועגן אָט־דער מוזיקאַלישער אַרבעט וועט דער לייענער געפינען אין דעם אָפּטייל „שייפער'ס שעפערישער און אידעאָלאָגישער וועג", אין דעם קאַפּיטל „קירכן־גלאָקן".

אין שיקאגאָ איז שוין דעמאָלט דער „פאָרווערטס" געווען עטלעכע יאָר עטאַבלירט אַלס דער „שיקאַגער פאָרווערטס" מיט אַן אייגענער רעדאַקציע. די גאַנצע פּובליסיטי פון דעם געזאַנג־פאַראיין און אָרקעסטער איז שוין געווען אָנגעוויזן אַפן „פאָרווערטס".

ניט איין מאָל איז אויסגעקומען דעם סעקרעטאַר, קאַכאַנסקי'ן, צו רייסן זיך מיט די „פאָרווערטס"־לייט פאַר אַ ביסל מער פּובליסיטי ערב קאָנצערטן; בפרט נאָך ווען דער סימפאָנישער אָרקעסטער האָט אָנגעהויבן צו געבן מער אָדער ווייניקער קאָנצערטן אין לייבאָר־טעמפּל מיט קלאַסישע פּראָגראַמען און אָפּערע־סאָליסטן. אייניקע האָבן געדענקט, אַז מיטן אָפּרייסן זיך פון דער ס. פּ.־העגעמאָניע וועט שוין ניט מעגלעך זיין צו ברענגען קיין עולם אָן דעם „פאָרווערטס" צו וועלכער עס איז אונטערנעמונג.

ביילינ'ס קומען קיין שיקאַגאָ סוף אויגוסט (אין זיין וואַקאַציע־צייט) אין די אינטערעסן פון דעם לינקן פליגל אין דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, האָט נאָך מער צעבלאָזן דעם שטורעם און ס'האָט זיך דעמאָלט געפאָדערט זייער פיל אָרגאַניזאַציאָנעלער טאַקט און מאַנעווריר־פייאיקייט, כדי דער געזאַנג־פאַראיין זאָל פון דער לאַגע ניט ליידן. עס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרזוכן פון דעם „פאָרווערטס" צד צו סטראַשען מיט דער גרינדונג פון אייגענע מוזיק־אינסטיטוציעס, וואָס דאָס האָט געמיינט אָפּרייסן אַ צאָל מיטגלידער און זינגער פון דעם פאַראיין.

אמת איז, אַז שייפער האָט זיך ניט פאַרלאָרן, און אַז ער איז מיטן גאַנצן האַרצן פּרינציפּיעל געווען פאַר דער שפּאַלטונג, אָבער ס'איז געווען קענטיק אַז ערגעץ־וואו טליעט נאָך באַ אים אַ באַהאַלטענער וואונטש, אַז די ס. פּ. זאָל נאָכגעבן דעם דראַנג פונעם לינקן פליגל און עס זאָל ווערן צוריק שלום און גאַנצקייט אין דער פּאַרטיי, אַזוי גוט ווי אין דעם געזאַנג־פאַראיין.

אָבער דאָ איז מיטאַמאָל געקומען אַ נייער אומגעריכטער אומגליק. חברים האָבן שוין לאַנג געוואָרנט דעם אומדערמידלעכן, אימפּעטיקן און ברויזנדיקן קאַכאַנסקי'ן, אַז ער זאָל נעמען זאַכן אַ ביסעלע גרינגער און שאַנעווען זיין געזונט. מעגלעך, אַז ווען די דאָזיקע חברים וואָלטן גלייכצייטיק מיט זייער וואָרעניש אָראָפּגענומען פון קאַכאַנסקי'ס פּלייצעס אַ העלפט כאָטש פון זיין אַרבעט, וואָלט עס צו דעם אומגליק אפשר ניט געקומען. אָבער, מ'וואָלט געדאַרפט אַמווייניקסטנס צוויי זייער טעטיקע מענטשן אַראָפּצונעמען כאָטש אַ העלפט פון קאַכאַנסקי'ס אַרבעט. ער

האָט בוכשטעבלעך געאַרבעט פאַר פיר. טאָג און נאַכט, זונטיקס און יום־טובים, זיינען פאַר אים געווען געוויינלעכע אַרבעטס־צייטן. קיין קראַנקהייט האָט אים ניט געקענט אַוועקלייגן אָפן בעט. דער מענטש פלעגט אָפטמאָל אַרבעטן אונטער הויכן פיבער, אָבער טויזנט רוחות האָבן אים אונטערגעטריבן, עפעס ווי ער וואָלט דעמאָלט געפילט, אַז זיינע אַרבעטס־טעג זיינען געציילטע.

אָבער אַ שווערע קראַנקהייט פון אַ מאַרך־אַנטצינדונג האָט אים דאָך אַוועקגעלייגט דעם 10טן דעצעמבער. מען האָט אים אַוועקגעפירט אין אַ שפיטאָל. און דאָרט האָט ער זיך 10 טעג ביטער געראַנגלט פאַר זיין לעבן. די וועכטער האָבן אים געמוזט צובינדן צום בעט, אַזוי האָט דער דאָזיקער מענטש אַפילו אין אַזעלכע שווערע ליידן ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן. ער איז אַזוי געשפרונגען, אַז ער האָט די בעט מיטגעשלעפט מיט זיך אין דער לופטן.

אָט ווי דער „דעילי וואָירקער" פונעם 6טן דעצעמבער, 1924, צו דער געלעגנהייט פון דעם 10־יאָריקן יובילֵיי פון דעם געזאַנג־פאַראיין אין שיקאַגאָ, דערמאָנט קאָכאַנסקי'ן, דעם ערשטן סעקרעטאַר פונעם פאַראיין:

„ . . . מיר וועלן דאָ בלויז דערמאָנען איינעם פון עטלעכע, און מעגלעך פון פילע, פון אָט־דער דאָזיקער מערקווירדיקער אָרגאַניזאַציע, דעם פאַרשטאָרבענעם חבר אברהם קאָכאַנסקי. ער איז געווען איינער פון די שאַפער און גרינדער פון דעם געזאַנג־פאַראיין. ער האָט אים בוכשטעבלעך גענערט מיט זיין בלוט. ער איז געווען אַ טיפישער פראָדוקט פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אין וועלכער ער איז אַריינגעטראָטן נאָך אַלס אינגל און וועלכער האָט דורכגעלעבט די גאַנצע גאַמע פאַרפאָלגונגען פון אַ רעוואָלוציאָנער: נויט, הונגער, אומלעגאַליטעט, טורמע, סיביר, אַנטלויפן פון דאָרט, און אז. וו. דאָ אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט ער, אַ פאַרקערפערונג פון אַ שטענדיק אומבאַפרידיקטן פראָטעסט אָף צוויי פיס, זיך ניט געקענט צופאַסן צו דער לאַנגזאַמקייט פון דער מילכיק־וואַסערדיקער סאָציאַליסטישער פאַרטיי און האָט זיך געווידמעט אויפצובויען כאָטש אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אָנגיסן די אַרבעטער מיט קאַמפס־גייסט און מוט.

„זייענדיק אַ דרוקער־אַרבעטער, האָט ער געקענט גענוג פאַרדינען אָף „מאַכן אַ לעבן", אָבער דעמאָלט וואָלט ער בלויז געקענט אָפּגעבן זיינע אָוונטן אָדער נעכט פאַר דער אַרבעט וואָס ער האָט אַזוי געצערטלט. דאָס איז אָבער פאַר קאָכאַנסקי'ן ניט געווען גענוג; ווייל אַרבעט איז געווען ביז איבערן קאָפּ! און ער האָט מיט פאַרגעניגן אָפּגעגעבן זיינע טעג אין צוגאָב צו זיינע נעכט. ווען ער האָט יאָ געאַרבעט אין שאַפּ, האָט ער זיינע פאַרדינסטן ניט פאַרברויכט פאַר זיך.... צוליב דעם איז ער שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ האַלב־הונגעריקער און אָפט אָן אַ דאַך איבער זיין קאָפּ. בלויז איניקע חברים האָבן עס געוואוסט. מ'האָט אים

שטענדיק אָנגעבאָטן הילף, אָבער ער האָט קיינמאָל ניט גענומען, כאָטש וואָס איז שייך צו געלט פאַר דער אָרגאַניזאַציע פלעגט ער רייסן פון יעדן שטיקער. זיין געזונט און ווידערשטאַנד-קראַפט איז פאַרביי, און אין ווינטער פון 1921, צוגרייטנדיק אַן עפנטלעכע אונטערנעמונג פאַרן פאַראיין און אין דער זעלבער צייט העלפנדיק צו אָרגאַניזירן אַ באַזאַר, האָט ער זיך איבערגעאַרבעט אין אַ פאַרקילטן צושטאַנד — ער איז קיינמאָל ניט געווען ווי געהעריק אָנגעטאָן — איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן אַ מאַרטירער פאַר קאָמוניסטישער קולטור."

דער שרייבער פון דעם בוך קען נאָך צוגעבן, אַז בעת אים איז אויסגעקומען צו זיצן מיט קאָבאַנסקי'ן אין פאַרשיידענע צאַרישע טורמעס אין 1908־1909, איז קאָבאַנסקי, דאַן אַ אינגל פון 18 יאָר, שוין געווען אַ מוסטער פון אַ וואַגנדיקן, אומקאָמפּראָמיסלעכן קעמפער און פון אַ חבר, וואָס פאַרלייכטערט מיט זיינע אייגענע ליידן די ליידן פון אַנדערע חברים אַרעסטאַנטן. דאָס קען באַשטעטיקט ווערן פון אַלע חברים, וועלכע זיינען מיט אים צוזאַמען געזעסן.

פאַר שייפער'ן איז קאָבאַנסקי'ס טויט געווען איינער פון די גרעסטע אומגליקן אין זיין לעבן. אַף אַ מאָמענט האָט זיך געדוכט, אַז אָן דעם זייל וועט דער גאַנצער בנין צעפאַלן. ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן דעם שיקאַגער געזאַנג־פאַראיין אָן קאָבאַנסקי'ן, וואָס האָט אים בוכ־שטעבלעך דורכגעטראָגן אין אַלע שטורעמס אַף זיינע פּלייצעס.

צום גליק פאַרן פאַראיין און פאַר שייפער'ן איז אַף קאָבאַנסקי'ס פּלאַץ דערוויילט געוואָרן אַ יונגע ענערגישע חבר'טע, וועלכע האָט פון קאָבאַנסקי'ן זייער פיל געלערנט און זייער פיל אָנגענומען זיך פון זיין גייסט און כאַראַקטער — חבר'טע מיני לעווין (שפּעטער מיני סיימאָן), איינע פון די ענערגישסטע חבר'טעס וואָס אָט־די פּיאָנערן־באַוועגונג האָט פון זיך אַרויסגעגעבן. אָן אַזעלכע גייסטער, וואָלט פאַר שייפער'ן אַ סך שווערער געווען אויפצובויען דאָס, וואָס ער האָט אויפגעבויט.

פ ע ר ט ע ר ק אַ פּ י ט ל

שייפער און די פרייהייט געזאַנג פאַראיינען

1. דער פאַראיין ווערט אַ „פרייהייט געזאַנג-פאַראיין"

ניט אַזוי שנעל איז שייפער, ווי אויך די איבעריקע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג, פון כאָר און אָרקעסטער, צו זיך געקומען פון דעם שרעקלעכן קלאַפּ וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט באַקומען דורך קאָכאַנסקי׳ס טויט. עטלעכע וואָכן האָט געדויערט ביז מ׳האָט אָנגעהויבן צו אַראַנזשירן דעם טרויער־אָוונט נאָך קאָכאַנסקי׳ן. דורך דער צייט פון דער אַראַנ־זשירונג איז דערווייל פאָרגעקומען די פאָרמעלע אָפּשפּאַלטונג פון דעם פאַראיין פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

און ניט אַזוי גרינג איז דאָס פאָרגעקומען: דער „פאָרווערטס" אין שיקאַגאָ האָט געטאָן אַלץ וואָס עס איז אין זיינע כחות כדי ניט דערלאָזן, אַז די צוויי מוזיק־אינסטיטוציעס זאָלן צוזאַמען מיט שייפער׳ן אָפּרייסן זיך פון דער ס. פּ.

ווי שוין פריער דערמאָנט, זיינען די „פאָרווערטס"־מאַנעווערס אין אָנהייב געווען אָנגעווענדט אָף אָפּסטראַשען דעם געזאַנג־פאַראיין און שייפער׳ן מיט גרינדן אייגענע פּאַראַלעלע אינסטיטוציעס און אָפּציען פון די לינקע אינסטיטוציעס אַ טייל פון זייערע כחות. האָט מען ערשטנס אָנגעהויבן דורכצופירן דעם דאָזיקן סטראַשונאָק. אין „פאָרווערטס" איז אָנגעפירט געוואָרן אַ שטאַרקע קאַמפּאַניע צו רעקרוטירן מיטגלידער פאַר אַ נייעם סאָציאַליסטישן כאָר און אָרקעסטער. זיי האָבן אויך געפּרואווט אַריינציען אין דעם די אַרבעטער־רינג ברענטשעס. דאָס איז אָבער ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען. שוין מיט דעם אַפּאַראַט פון „פאָרווערטס" און פון די רעכטע אַרבעטער־רינג טוער, און מיט די פינאַנץ־מיטלען פון דעם „פאָרווערטס" האָט מען ניט געקענט באַוויזן צו שעדיקן די לינקע מוזיק־אינסטיטוציעס.

נאָך פאַר קאָכאַנסקי׳ס קראַנקהייט אין אָנהויב דעצעמבער איז שוין געווען קלאָר, אַז דער פאַראיין גייט־מיט מיט דעם לינקן פליגל אין דער ניי־אָרגאַניזירטער „וואָירקערס פּאַרטי". און ווען אָלגין קומט קיין שיקאַגאָ אין די אינטערעסן פון דער נייער צייטונג, וואָס ס׳האָט געדאַרפט אָנ־

הויבן ארויסצוגיין אין אָנהייב אַפּריל — „די פרייהייט" — לייגט ער פאָר, אַז דער נאָמען פון דעם געזאַנג־פאַראיין זאָל ווערן „פרייהייט געזאַנג־פאַראיין". שייפער'ן איז דער נאָמען זייער געפעלן געוואָרן. ער האָט מורא געהאַט, אַז מען זאָל ניט אָנבינדן קיין נאָמען, וואָס זאָל אָפּשרעקן אומפּאַרטייאישע אַרבעטער, ווי למשל „דער געזאַנג־פאַראיין פון דער וואָירקערס פּאַרטי".

דער נאָמען איז אויפגענומען געוואָרן פון אַלע מיטגלידער מיט גרוים פרייד, און ווען ניט דער פּלוצימדיקער אומגליק מיט קאַכאַנסקי'ן, וואָלט גלייך דעמאָלט די אָרגאַניזאַציע אָנגעהויבן צו מאַכן די ווייטערדיקע גרויסע פאָרשריט, וואָס זי האָט געמאַכט ביז דער צייט ווען שייפער האָט פאַרלאָזן שיקאַגאָ.

דער לעצטער פאַרצווייפלטער פאַרזוך פון „פאָרווערטס" איז געווען ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ פאַרזוך אונטערצוקויפן שייפער'ן דורך צוזאָגן אים אַלע מעגלעכע גליקן, אויב ער וועט זיך לאָזן דינגען. די שיקאַגער „פאָרווערטס"־לייט לויט שייפער און פּעסעוואָי האָבן זיך אפילו מטריח געווען און געקומען פאַרשלאָגן שייפער'ן גאַנצע גליקן. מען האָט אים צוגעזאָגט ארויסצופירן אויף דער ברייטער וועלט. דערמעגלעכן אים צו שרייבן מוזיק פאַר גרויסע אויפפירונגען, פאַרן טעאַטער, א. אַז. וו.

ווי ווייניק אָבער די דאָזיקע מענטשן האָבן געקענט שייפער'ן! מיט אַלע זיינע פריערדיקע אָפּטע וואַקלונגען, האָט ער זיך אויף קיין איין רגע ניט געשטעלט אויף איין ברעטל מיט די רעכטע כחות. דעם „פאָרווערטס" האָט ער קיינמאָל ניט ליב געהאַט, און האָט אים, לויט זיין גאַנצן וועזן, ניט געקענט ליב האָבן. שייפער'ס וואַקלונגען האָבן זיך גיכער געגומען פון דעם, וואָס ער האָט געציטערט איבער דעם געזאַנג־פאַראיין, ווי אַ מאַמע ציטערט איבער איר קינד, אַז עס זאָל זיך חס־ושלום ניט פאַרקילן. פּרינציפּיעל איז ער שוין דעמאָלט געווען פיל לינקער ווי אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן אויפגענומען די שפּאַלטונג מיט אַ קילן געמיט. אָבער די פאַרזוכן אונטערצוקויפן אים מיט חניפה און גאָלדענע צוזאָגונגען האָבן גראָד דערגרייכט דעם פאַרקערטן ציל. שייפער איז געוואָרן נאָך פעסטער בא זיך און האָט ענדגילטיק פאַרבונדן זיין צוקונפט מיט דער צוקונפט פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

דער טרויער־אָוונט נאָך קאַכאַנסקי'ן איז פאָרגעקומען דעם 10טן פעברואַר, 1922, אין לייבאָר־לייסעאום, אַראַנזשירט פון פרייהייט געזאַנג־פאַראיין, פון דעם שטאַטישן קאָמיטעט פון דער אידישער פעדעראַציע פון דער „וואָירקערס פּאַרטי" און פון דעם אויגוסט בעבעל ברענטש א. ר.,

וואו קאָבאַנסקי איז געווען אַ מיטגליד. די פּראָגראַם איז געווען זייער אַן איינדרוקספולע. 16 פאַרשיידענע טרויער־לידער זיינען געזונגען געוואָרן, און אין דער פּראָגראַם האָבן זיך אויך באַטייליקט די סאָליסטן — די פּיאַניסטין איידאַ ראָזען און דער טענאָר מאַקסים בראָדין. מען האָט דערנאָך אין שיקאַגאָ לאַנג גערעדט פון קאָבאַנסקי'ן און זיין טעטיקייט און ער איז געוואָרן פאַר טויזנטער אַרבעטער דער סימבאָל פון אַ העלדישן, אומדערמידלעכן קעמפער פאַר דער באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

2. די „צוועלף" און די „צוויי"

מיט דער דערשיינונג פון דער טעגלעכער צייטונג די „פרייהייט" אין ניו יאָרק איז די גאַנצע לינקע באַוועגונג קאָנסאָלידירט געוואָרן אַף דעם פּאָליטישן געביט. ניט בלויז האָבן זיך אַלע אמת'ע רעוואָלוציאָנערע כחות געזאַמלט אַרום דער נייער יונגער מוטיקער צייטונג, נאָר זי איז אויך געוואָרן אַ זאַמלפּונקט פאַר אַלע אמת־קולטורעלע כחות צווישן די אידישע מאַסן. מיט איר דערמוטיקן אַלץ וואָס איז קולטורעל און דערהויבנדיק פאַר די אידישע מאַסן, איז זי גלייכצייטיק אויך געוואָרן אַ שטאַרקע שטיצע פאַר דעם „פרייהייט געזאַנג פאַראיין" אין שיקאַגאָ און פאַר איר פירער יעקב שייפער.

אַ נייע פאַזע הויבט זיך אָן אין שייפער'ס שאַפונגס־וועג. ער פילט שוין מיט אַלע זיינע חושים דעם גרויסן איינפלוס, וואָס די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געלאָזן אַף די פאָדערשטע טיילן פון די אידישע אַרבעטער. ער פאַרשטייט שוין, אַז אָט־די דאָזיקע רעוואָלוציע וועט די אַקס, אַרום וועלכער עס וועלן זיך דרייען די קומענדיקע געשעענישן, די קומענדיקע קאַמפן פון דעם אַרבעטער־קלאַס, דאָ, און איבער דער גאַנצער וועלט.

שייפער פילט, אַז די דאָזיקע רעוואָלוציע דאַרף אויך פאַרקערפּערט ווערן אין מוזיק — אין נייע פאָרמען, מיט נייעם שוואונג און אימפּעט. נעמט ער זיך צו אַן אָראַטאָריע אָפן טעקסט פון אַלעקסאַנדער בלאָק'ס „צוועלף". ער אַרבעט אַף איר אין די זומער־מאָנאַטן פון 1922, שטודירט זי פלייסיק מיטן כאָר און פירט זי אויף דעם 26טן נאָוועמבער אין אַריאַן גראַטאָ טעמפּל. די אָראַטאָריע רופט אַרויס גרויס באַגייסטערונג ניט בלויז צווישן די מיטגלידער פון כאָר, וואָס האָבן זי געזונגען מיט געלייטערטער התלהבות, נאָר אויך צווישן די עטלעכע טויזנט מענטשן, וואָס זיינען זי געקומען הערן.

א גרויסער שטוים פאַר שייפער'ס ווייטערדיקע אָנרעגונגען פאַר נייע גרויסע אַרבעטן קומט דורך דער אָנרייפונג פון א רעוואָלוציאָנערער מוזיק־באַוועגונג אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד, הויפּטזאַכלעך די גרינדונג פון „פרייהייט געזאַנג פאַראיין" אין ניו יאָרק, דעם 20טן מאַי, 1923. אַף א געוויסער צייט איז שיקאַגאָ געבליבן דער צענטער פון דער דאָזיקער באַוועגונג. און עס איז ניט קיין וואונדער: איז דאָך שיקאַגאָ געווען דער פּיאָנער אַף דעם געביט אין משך פון 9 יאָר צייט. איז דאָך שייפער, די האַרץ און קאָפּ פון דער רעוואָלוציאָנערער מוזיק, אין שיקאַגאָ. פון פאַרשיידענע ערטער קומען אָן בריוו מיט אָנפראַגן; זיי בעטן אָנווייזונגען, עצות, דיריגענטן, מוזיק־נאָטן, טעקסטן, א. אז. וו. די דאָזיקע אַרבעט פאַלט מערסטנס אַפן שייפער'ן. אָבער אין דער זעלבער צייט אַרבעט ער שוין אין אָט־דער נייער פאַזע אַף א צווייטער גרויסער אָראַטאָריע, וואָס איז צוליב איר לייכטקייט און פאָלקסטימלעכקייט געוואָרן די סאַמע פּאָפּו־לערסטע צווישן דעם רעוואָלוציאָנערן מוזיקאַלישן אַרבעטער־עולם — די „צוויי ברידער" פון י. ל. פּרץ. די דאָזיקע אָראַטאָריע איז געשטעלט געוואָרן דעם 26טן אָקטאָבער, אין אָריאָן גראַטאָ טעמפּל, מיט א שטרייך־אָרקעסטער, און האָט גלייך פאַרכאַפּט די הערצער פון די טויזנטער צוהערער.

אין דעם לעבן פון דעם „פרייהייט געזאַנג פאַראיין" אין שיקאַגאָ איז בכלל דאָס יאָר 1923 געווען זייער א טעטיקער. אויסער די אָפּטע דערשיינונגען אַף די גרויסע אַרבעטער־יום־טובים, ווי דער „פרייהייט"־יובילעי, דער אָקטאָבער־יובילעי, לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע וואַל־קאַמפּאַניעס, דער אייגענער יובילעי פון דעם געזאַנג־פאַראיין און אז. וו., איז אויך דער פאַראיין טעטיק אַפן פאַרלעגערישן געביט. ער גיט אַרויס אין בוך־פאָרם א זאַמלונג פון אַלע 52 לידער, וואָס ער האָט געזונגען, מערסטנטיילס שייפער'ס שאַפונגען אָדער אַראַנזשירונגען. (דאָס שליסט אָבער ניט איין די לידער, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן פאַר ספּעציעלע געלעגנהייטן, ווי יובילייען, טרויער־אָוונטן אָדער ספּעציעלע געסט, צו וועלכע שייפער האָט געשריבן מוזיק.

ער גיט אויך אַרויס שייפער'ס מוזיק־נאָטן פאַרן ליד „אין קוזניע", ווי אויך פאָנאָגראַף־רעקאָרדס פון דעם גאַנצן כאָר פון „אינטערנאַציאָ־נאַל" און „אין קוזניע".

כדי צו פאַרלייכטערן שייפער'ס אַרבעט ווערט דער ענערגישער און יונגער מוזיקער, מענדי שיין, דערוויילט אַלס שייפער'ס געהילף פאַרן כאָר און מאַנדאָלין־אָרקעסטער. מענדי שיין איז א זון פון קאַנטאָר שיין,

באַ וועמען שייפער האָט דיריגירט אַ כאָר. שייפער האָט טאַקע אַריינ־געצויגן דעם יונגן מענדי שיין אין דעם פרייהייט געזאַנג־פאַראיין און אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וואו ער איז איצט אַ טוער און אַ דיריגענט.

דורך דער צייט, פונקט ווי אין משך פון 1924 און אין אָנהייב 1925, שטייט שייפער אין ענגן קאָנטאַקט מיטן פרייהייט געזאַנג־פאַראיין אין ניו יאָרק בכלל און מיט איר דיריגענט לאַזאַר ווײַנער בפרט. פון אַ בריוו, וואָס מיר געפינען אין שייפער׳ס אַרכיוו פון ל. ווײַנער, מיר שטויסן זיך אָן (די בריוו פון די מערסטע מוזיקער זיינען אומדאַטירטע), אַז זיי געהערן צום אָנהויב פון 1924, זעען מיר, אַז ווײַנער בעט שייפער׳ן צו קומען קיין ניו יאָרק צום ערשטן קאָנצערט פון דעם פרייהייט געזאַנג־פאַראיין. שייפער קומט טאַקע צו דעם דאָזיקן קאָנצערט אין ניו יאָרק, וואָס איז פאַרגעקומען דעם 25טן פעברואַר, און קריגט אַ באַגייסטערטע אָוואַציע. מ׳רעדט מיט אים אַפילו וועגן פאַרבלייבן אין ניו יאָרק. ווײַנער פאַר־זיכערט אים, אַז ניו יאָרק האָט געגוג פלאַץ פאַר צוויי דיריגענטן. שייפער איז אָבער נאָך ניט גרייט דערצו. ער לויבט זייער שטאַרק ווײַנער׳ס אויפטו פאַר אַזאַ קורצער צייט און איז זיכער, אַז ווײַנער וועט אַליין קענען אָנפירן מיט דער אַרבעט אין ניו יאָרק.

3. אין פלאָנטער פון ראָמאַנטישע געפילן

אין פריוואַטן לעבן איז שייפער שטענדיק געווען אַ פוריטאַנער. ער האָט שטענדיק געקוקט מיט אַ קרום אויג אויף הפקר׳דיקייט, אויף צעלאָזנקייט און בכלל אויף אַרויסברעכנגען אינטימע באַציאונגען אין דער עפנטלעכקייט. ער איז אַפילו איינמאָל שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן אַ טעטיקן מיטגליד פונעם כאָר פאַר דערלויבן זיך אַ הפקר׳דיקן אַקט בנוגע אַ צווייטן מיט־גליד. ער האָט געפאָדערט, אַז דער דאָזיקער מיטגליד זאָל אויסגעשלאָסן ווערן.

אַ געוויסע צייט נאָך דעם טויט פון שייפער׳ס פרוי האָט מען צווישן נאָענטע גערעדט, אַז ער איז ניט גלייכגילטיק צו דער שיינער און פייאיקער ליזאַ קאָראָל, די סאָפּראַנאָ־סאָליסטן פון דעם כאָר. די נאָענטע אַרום אים, וועלכע האָבן שוין גוט געקענט די טרוימערישע שפּראַך פון זיינע גרויסע אויגן, האָבן צווישן זיך גערעדט, אַז שייפער איז זייער שטאַרק פאַרליבט אין ליזע׳ן, כאָטש אויסערלעך איז ניט געווען קיין שום זאַך וואָס זאָל דאָס באַשטעטיקן. ווען ליזע האָט אין אַ צייט אַרום חתונה געהאַט, דוכט

זיך מיט א דאָקטאָר, האָט מען נאָך אַלץ געקענט באַמערקן די זעלבע ראָמאַנטיש־גרינע פייערלעך אין שייפער׳ס אויגן. אָבער א לאַנגע צייט האָט מען אין שייפער׳ס קרייזן ניט געוואוסט ווער עס איז באמת דער אָביעקט פון זיין פארליבטקייט.

שייפער האָט אין די יאָרן 1922־1923 געוואוינט צוזאַמען מיט די שטיינבערגס. אויבן איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, אַז לאה שטיינבערג איז ניט בלויז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין דעם כאָר, נאָר אויך אין דער פאַרוואַלטונג. איר מאַן, חבר שלמה שטיינבערג, איז ניט געווען קיין זינגער, פונדעסטוועגן איז ער אויך געווען אַקטיוו אין דעם פאַראיין. שטיל און באַשיידן פלעגט ער טאָן זיין אַרבעט. ער איז בכלל געווען זייער א שטילער מענטש. ער האָט כמעט קיינמאָל ניט גענומען קיין וואָרט. מען האָט געקענט מיינען, אַז ער איז א שטומער. ווען ער פלעגט שוין יאָ אויסריידן עטלעכע ווערטער, האָט מען זיך געמוזט צובייגן נעענטער כדי צו הערן וואָס ער זאָגט.

ער איז שטענדיק געווען אַ פאַרנומענער מענטש, אַ פאַרזאָרגטער האָרעפּאַשניק, פלעגט קומען זייער שפּעט אַהיים און ווען ער איז געוואָרן אַ ניוסדילער פלעגט אים אויסקומען צו אַרבעטן אין די זייער פריע שעה׳ען, אַזוי אַז ער האָט געמוזט זיך לייגן שלאָפן זייער פרי אין אָוונט.

זיין פרוי לאה איז אָבער זייער א לעבעדיקער מענטש, טעטיק אין כאָר און אין דער פאַרוואַלטונג. איר פלעגט אויסקומען צו אַרבעטן מיט שייפער׳ן האַנט־אין־האַנט אין דעם פאַראיין, און ווען שייפער פלעגט זיין אין שטוב, איז זיי אויך אויסגעקומען צו זיין צוזאַמען. עס איז גאַנץ נאַטירלעך א געוויסע דערנעענטערונג אין אַזא לאַגע. זיי פלעגן צוזאַמען אַרויסגיין אין טעאַטער, צו קאָנצערטן, וואָס שייפער האָט געמוזט באַזוכן, צו מיטינגען, און זייטיקע האָבן זיי דעריבער געקענט אָננעמען פאַר א פּאָר־פאָלק.

עפנטלעך פאַר דער וועלט, האָבן זיי זיך פאַרבונדן ערשט אין 1924. אָבער, צווישן זיך האָבן זיי געהאַט אַן אַנדער חשבון. פּאַסירט האָט עס אייגנטלעך אַזוי: נאָך אַן אויפפירונג פון די „צוויי ברידער" האָט שייפער געמוזט אַוועק צו א סימפאָנישן קאָנצערט און לאה איז דערווייל אריין אין א מואווי. גראָד האָט מען דעמאָלט אויסגעטיילט סאָווענירן פאַר די פרויען־באַזוכער און לאה האָט באַקומען א שיין גלעזל איינגעפּאַקט אין א פּעקל. פון דאָרט איז זי אַוועק צו דער סטאַנציע פון דעם עלעווייטעד כדי צו וואַרטן אַף שייפער׳ן. ער האָט יעדע מינוט שוין געדאַרפט אָנ־

קומען. מיט אים אבער איז אויך געקומען זיין פריינט אשר מאנוסעוויטש און זיי האבן צוזאמען גענומען א שפאציר ארום די געביידעס פון סירס און רובאק. שייפער האט שטיפעריש ארויסגענומען דעם פעקל פון לאה'ס הענט און האט עס צענומען. דערזעענדיק אז דאס איז א גלעזל, זאגט ער צו אשר'ן אף א שפאסיקן אופן: אשר, מאך מיר חתונה מיט לאה'ן און איך וועל צעברעכן דאס גלעזל. און אשר האט זיך אנידערגעשטעלט אונטער איינעם פון די קאנאפיעס פון דעם סירס־ראבוק אפיס און דורכגעגאנגען די צערעמאניע מיט אן ערנסטער מינע. שייפער האט אראפגעצויגן פון לאה'ס פינגער א שווארץ פינגערל וואס זי פלעגט כסדר טראגן ווי אן אנדענקונג פון קאכאנסקי'ן, האט עס איר צוריק אנגעטאן אפן פינגער, אפזאגנדיק דעם גאנצן „הרי־את", און צעשמעטערט דאס גלעזל מיטן ערשטן קלאפ. אשר האט זיי געוואונטשן מזל־טוב און אלע דריי האבן זיך אוועקגעלאזט אין א טענצל, ביז ס'איז ארויסגעקומען א הויכער „וואטשמאן" און האט זיי פאריאגט, מיינענדיק אז דאס זיינען דריי שיכורים. ווען מען פלעגט שייפער'ן פרעגן ווען ער האט חתונה געהאט, האט ער גערעכנט פון יענעם אוונט ווען מען האט אויפגעפירט די „צוויי ברידער".

די דאזיקע אינטימע באציאונגען האבן אנגעהאלטן א שיינע עטלעכע מאנאטן, ביז לאה האט דערקלערט שטיינבערג'ן אז זי פארלאזט אים צוליב שייפער'ן. פאר שטיינבערג'ן איז עס געווען אזא שטארקער קלאפ, אז ער איז כמעט אראפ פון פארשטאנד. אט דער זעלבער שטילער און רואיקער מענטש, וואס קען דעם מויל ניט עפענען, האט זיך פלוצלונג פארוואנדלט אין א פארוואונדעטן ברילנדיקן לייב. ער האט אנגעהויבן צו פארפאלגן ביידן, סיי לאה'ן און סיי שייפער'ן, מיט אלע מעגלעכע און אוממעגלעכע מיטלען. ער איז געלאפן צו מענטשן, געשטורעמט אין פאר־איין, אנגעשטעלט דעטעקטיוון, געווענדט זיך צו דער פאליציי, אין די געריכטן, און האט זיך פארוויקלט אין א ביטערן קאמף וואס האט אנגעהאלטן קנאפע פיר יאר צייט.

פאר שייפער'ן איז דאס געווען אן אומדערטרעגלעכע לאגע. ער, שייפער, דער פוריטאנער, וואס האט קיינמאל ניט דערלויבט קיינעם ארויסצוברענגען זיינע אינטימע באציאונגען עפנטלעך, אים קומט איצט אויס צו ראנגלען זיך מיט א מענטשן, וואס האט אים קיין שום שלעכטס ניט געטאן, אבער וואס איז איצט פשוט ניט באם זינען. אים קומט אויס אפטמאל צו באהאלטן זיך גאנצע וואכן כדי ניט ארייננצופאלן אין טורמע צוליב דעם זעלבן ענין. וואס פאר א דערשיטערנדיקער טראגיזם!

4. געמישטע צייטן פון פרייד און אומרו

אין די אומשטענדן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך דעם אומ־דערוואַרטעטן קאַמף, וואָס שטיינבערג האָט אָנגעהויבן קעגן שייפער׳ן, איז פּשוט קוים באַגרייפלעך ווי אַזוי שייפער האָט פונדעסטוועגן געקאָנט אָנגיין אין משך פון די יאָרן 1924-25 און 1926 מיט זיין אַרבעט. גראָד האָט ער שוין אָנגעהויבן אין 1924 זיין גרויסע אָראַטאָריע „משיח בן יוסף״ און אין דער זעלבער צייט צוגעגרייט אַ ריי זייער וויכטיקע אונטערנעמונגען אין שיקאַגאָ, ווי למשל: דעם פרילינג־קאָנצערט, וואו עס איז צום צווייטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן „די צוויי ברידער״ מיט אַן אומגעהויערן דערפאָלג; דורכגעפירט די מוזיק־פּראָגראַם פאַרן צווייטן יובילײ פון דער „פרייהייט״, דעם 11טן אַפּריל; געשריבן מוזיק פאַר אַנדרייעוו׳ס פּיעסע „דאָס לעבן פון אַ מענטשן״ און דיריגירט דעם אָר־קעסטער באַ דער אויפפירונג, און נאָך אַ צאָל קלענערע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געפאָדערט פון אים אַ כסדר׳דיקע אָנשטרענגונג און אינטענסיווע אַרבעט.

אין אויגוסט ווערט ער געצוואונגען, צוליב שטיינבערג׳ס פאַר־פאָלגונגען, צו פאַרלאָזן שיקאַגאָ. ער מאַכט אַ רייזע אין דער וועסט, אין די געגנטן פון די „ראַקי־מאַונטיינס״. דורכפאָרנדיק דענווער פאַרהאַלטן אים די דאָרטיקע חברים. שייפער איז דאָ און מען מוז אים אויסנוצן. זיי שפּאַנען אים איין אין דער אַרבעט און ער גרינדעט דאָרט אַ „פרייהייט געזאַנג פאַראיין״. ווען ער קומט צוריק פון שיקאַגאָ, אונטער אַ כסדר־דיקער לויערנדיקער געפאַר פון אומאַנגענעמלעכקייטן און סטראַשונקעס, קומט אים אויס צוצוגרייטן זיך מיטן כאָר און אָרקעסטער צו דעם 10טן יובילײ פון דעם „פרייהייט געזאַנג פאַראיין״, וואָס איז גלייכצייטיק געפייערט געוואָרן מיט דעם ערשטן יובילײ פון דעם „פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער״. צו דעם דאָזיקן יובילײ האָט ער צוגעגרייט מענדעלסאָנ׳ס באַרימטע און קאָמפּליצירטע אָראַטאָריע „וואַלפּורגיס נאַכט״ — אַ קאָמ־פּאָזיציע, וואָס אויפצופירן זי מיט אַ ניט־פּראָפעסיאָנעלן כאָר האָט מען געדאַרפט האָבן אַזעלכע געוואַגטע מענטשן, ווי לאַזאַר וויינער און יעקב שייפער, אַז זי זאָל אַרויסקומען אַזוי געליטערט און דערהויבן ווי זי איז געשריבן געוואָרן.

אויף דעם דאָזיקן צען־יאָריקן יובילײ, איז אָט די אָראַטאָריע דורכ־געפירט געוואָרן מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קרעפטיקייט און גלייכצייטיק אויך עטלעכע קלענערע נייע לידער, ווי: משה לייב האַלפּערנ׳ס „בעסטיעס״, און אַנדערע פון שייפער׳ס מוזיק.

אין פאַרלויף פונעם גאַנצן יאָר האָט מען פון ניו יאָרק כסדר געהאַלטן אים אין אויפפאָדערן צו קומען און זיך באַזעצן אין ניו יאָרק. פון לאַזאַר ווײַנער'ס בריוו צו אים, מערסטנס אומדאַטירטע, איז קענטיק, אַז שייפער פרעגט זיך בײַ אים כסדר אָן, צי ער, ווײַנער, איז טאַקע אַליין אויך אײַנשטימיק, אַז ער זאָל קומען. ווײַנער צערייסט זיך פשוט דערקלערנדיק, אָבעראַמאָל און ווידעראַמאָל, אַז יאָ. איך וויל איר זאָלט קומען, מיר דאַרפן אײַך דאָ האָבן.

אגב, קאָן מען זען פון די זעלבע בריוו ווי אַזוי לאַזאַר ווײַנער, צו־גרייטנדיק זיך אײַנצושטודירן מיטן ניו יאָרקער כאָר „די צוויי ברידער", האָט געהאַט גרויסע שוועריקייטן אין צופּאַסן די דאָזיקע קאָמפּאָזיציע פאַר די מעגלעכקייטן פון זײַן כאָר. אַזוי שרייבט ער אין איין פּלאַץ: „. . . דעם שענסטן פּלאַץ פון די „צוויי ברידער" וועל איך איצט מוזן דורכלאָזן. דאָס איז די ערשטע פוגע „נאָר אײנמאָל באַווײַזט זיך". ערשטנס, פאַר דער אומגעהויערער שוועריקייט פון די אינטערוואַלן, איבערהויפּט — דער שלום. און צווייטנס, טאַקע איבער די שטימען וועלכע מיר האָבן. איך זע, אַז דאָס איז אַן אַבסאָלוטע אוממעגלעכקייט פאַר אונז איצט." (דאָ ווײַזט ווײַנער אָן מיט מוזיקאַלישע נאָטן און זאָגט): „דאָס — פאַר אַן אײן־יאָריקן כאָר — איז אוממעגלעך." און ער פאַרענדיקט דעם טייל פונעם בריוו מיט: „איך בעט אײַך דערלויבן מיר דעם פּלאַץ דורכצולאָזן, און זיך דערווײַל באַנוגענען מיט דער שלאַנג'ס זיסע רייד. אויב איר ווילט, קען מען דאָ איבערשפּילן די פוגע פון דער אָווערטורע."

אין אָנהייב 1925 באַזוכט שייפער די מוזיק־קורסן פון דער קאָנ־סערוואַטאָריע אין שיקאַגאָ און לערנט בײַ ווידינג'ן די העכערע מוזיק־לימודים. ווי עס ווײַזט אויס, האָט שייפער נאָך אַלץ ניט גערעכנט צו פאַרלאָזן שיקאַגאָ און באַזעצן זיך אין ניו יאָרק, ווײַל מיר געפינען צווישן זײַנע דאָקומענטן אַן אָפּגעצאָלטן חשבון פון דער קאָנסערוואַטאָריע פאַרן שכר־לימוד ביזן 25טן יוני. דעם 2טן מאַי באַטייליקט ער זיך נאָך אין דער פּראָגראַם פון דער שיקאַגער קאָנסערוואַטאָריע אין „קימבאַל האָל" און דיריגירט מיטן כאָר עדעלשטאַט'ס „אָוונט־גלאָק" און ראָנטש'עס „אונזער פירער". קענטיק אָבער, אַז ער ווערט געצוואונגען צו פאַרלאָזן שיקאַגאָ נאָך איידער דער סעמעסטער פאַרענדיקט זיך.

פריער פאָרט ער קיין ניו יאָרק צו זײַן אָנווערנד אַפן ערשטן יובילײ־קאָנצערט פונעם „פרייהייט געזאַנג פאַראיין", וואָס איז אגב אויך געווען די פייערונג פון שייפער'ס 10טן יובילײ פון זײַן פּראָלעטאַרישער מוזיק־

שאפונג. אָבער ער קערט זיך גלייך אום קיין שיקאגאָ צו פאַרענדיקן אַלע פּאָרבאַרייטונגען און רעפּעטיציעס. צו דער סאַמע לעצטער רעפּעטיציע — דערציילט דאַבראָוו — איז אים ניט געפעלן געוואָרן דער פויקער אינעם אָרקעסטער, ווייל ער איז ניט אַריינגעפאַלן אין ריכטיקן טאַקט. די היץ איז געווען אַ שטיקנדיקע און מ'האָט זיך געריסן אַהיים. אויסער דעם האָט עס געדאַרפט קאָסטן מיט 100 דאָלאַר מער צו האַלטן לענגער דעם אָרקעסטער. שייפער באַראַט זיך מיט די פירנדיקע חברים און מאַכט גלייך אַן אָפּיל פאַר עקסטרא 100 דאָלאַר און ער אַליין גיט דעם ערשטן 25־ער. דאָס איבעריקע געלט איז גלייך געשאַפן געוואָרן פון די זינגער. די רעפּעטיציע איז אָנגעגאַנגען ביז אַלע אין אָרקעסטער האָבן אים פול־שטענדיק צופרידנגעשטעלט.

דעם 24טן מאַי פייערט שוין דער שיקאַגער געזאַנג־פאַראיין דורך אַ גרויסן קאָנצערט שייפער'ס 10־יאָריקן יובילײ פון זיין רעוואָלוציאָנערער מוזיק־טעטיקייט, דורכן אויפפירן מיטן כאָר און פרייהייט מאַנדאָלין אָר־קעסטער „משיח בן יוסף". לאַזאַר ווייגער קומט ספּעציעל אין שיקאַגאָ בייוואוינען די אויפפירונג, וואָס איז גלייכצייטיק אַן אָפּשייד־אָוונט פאַר שייפער'ן צו זיין אָפּפאָר. שייפער פאַרלאָזט שיקאַגאָ גלייך אויף מאָרגן נאָכן קאָנצערט. עס איז געווען אַ פיינלעכער אָפּשייד. גאַנץ מעגלעך, אַז ווען ניט די צרות וואָס האָבן זיך דאָרט אָנגעקליבן אויף שייפער'ן צוליב שטיינבערג'ס אָנפאַל, וואָלט נאָך שייפער אַ לאַנגע צייט פאַרבליבן אין שיקאַגאָ.

ווי משונה'דיק עס קרייצן זיך דורך פערזענלעכע צרות מיט געווינסן פאַר דער באַוועגונג. שייפער'ס באַזעצן זיך אין ניו יאָרק האָט געגעבן אַ נייעם שטויס פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערער מוזיק, סיי אין ניו יאָרק און סיי איבערן גאַנצן לאַנד.

פינפטער קאַפּיטל

אַף ברייטע וועגן

1. שייפּער׳ס נייע היים

אַפּן וועג פון שיקאַגאָ קיין ניו יאָרק, סוף מאַי, האָט זיך שייפּער אָפּגעשטעלט אין עטלעכע פּלעצער און דירינגירט אַלס גאַסט־דיריגענט — אין דעטראָיט — אַ מוזיקאַלישן אָוונט אין „מעקאַליסטער האָל״, אַראַנזשירט פון דער דאָרטיקער אידישער אַרבעטער קולטור־ליג. מיר זעען אויך ווי ער שטייט עטלעכע טעג אין פילאַדעלפיע און באַטייליקט זיך אין די רעפּעטיציעס פון דעם אָרטיקן „פרייהייט געזאַנג פאַראיין״.

אין די זומער־מאָנאַטן געפינט זיך שייפּער אין קעמפּ „ניטגעדייגט״. עס איז שווער צו וויסן, צי זיין צוריקציען זיך אַף אַ גאַנצן זומער אין קעמפּ איז געווען דורכאויס צוליבן אָנפירן די מוזיקאַליש־פּראָווייִלערישע פּראָגראַמען פון קעמפּ, צי דאָס איז אויך געווען אַ פּאַסנדיקער „עיר מקלט״, אויסצומיידן די דעטעקטיווס, וואָס שטיינבערג האָט אָנגעשטעלט. אַ פאַקט איז, אַז אַפילו אין קעמפּ האָט ער זיך געמוזט גוט אויסבאַהאַלטן און אין געוויסע צייטן פאַרשווינדן. סטייט־טרופּערס האָבן אים דאָרט ניט איינמאָל געזוכט.

אָבער פונדעסטוועגן שטערט עס ניט גענוג שייפּער׳ן, אַז ער זאָל ווייזן וואָס ער קאָן טאָן אַפּן געביט פון אַריינציען רויע מאַסן אין ספּעקטאַקולערע און מוזיקאַלישע פאַרווייִלונגען. ער איז, דוכט זיך, געקומען בלויז ווי אַ גאַסט. אָבער, ווי קען ער עס צוזען, ווי עס פאַרברענגען הונדערטער אידישע אַרבעטער אין אַזאַ שיינעם פּלאַץ און זיי זאָלן אים ניט פאַרהילכן מיט רעוואָלוציאָנערע לידער?

גראָד האָט זיך דעמאָלט אויך געפונען אין קעמפּ דער זשורנאַליסט ב. פענסטער, וועלכער איז דאָרט געווען אָנגעשטעלט אַלס „וועיטער״. שייפּער האָט זיך צו אים געווענדט, אַז ער זאָל רעדן מיט די קיך־אַרבעטער, צוזאַמענגעמען זיי און ער וועט שוין אָרגאַניזירן פון זיי אַ כאָר. אונטער שייפּער׳ס הענט זיינען טאַקע אָט־די אַלע קיך־אַרבעטער, קוכער, געפּעס־וואַשער, גרינסן־שאָבער, צוראַמער, „וועיטערס״ און „וועיטערקעס״ און

דאָס גלייכן, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ כאָר און ער האָט זיי אין איינע צוויי טעג געמאַכט זינגען.

שייפער האָט דערנאָך גענומען אַריינציען יעדן איינציקן וואָס ער האָט נאָר געקאָנט קריגן פון די געסט און אָנגעשטעלטע, און ער האָט זיי פֿאַרוויקלט אינעם מאַסן־געזאַנג, אין שפּילן, אין ספּעקטאַקלען און אין פֿאַרשיידענע טעאַטערייען. פֿענסטער פֿלעגט אָנשרייבן די סצענאַריעס, שייפער פֿלעגט צוטראַכטן די מוזיק און דערנאָך איינשטודירן אַלץ צו־זאַמען מיטן עולם. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז ער האָט בכלל קאָאָפּערירט מיטן טעאַטראַלישן רעזשיסער יעקב מעסטל. עס איז אָבער צו באַוואונ־דערן ווי אַזוי שייפער, אָן קיין שום דערפֿאַרונגען אפֿן געביט פֿון קעמפּ־פֿאַרווײַלונגען, האָט זיך גלייך געפֿונען און זיך געמאַכט נוצלעך אױף אַ מייסטערהאַפֿטן אופֿן. אַזוי, אַז אין די קומענדיקע יאָרן ווערט ער שוין אָנגעשטעלט ווי אַן אמת׳ער ספּעציאַליסט, ביז ער דערגרייכט די אמת־וואונדערבאַרע ספּעקטאַקלען און אָפּערעטעס אין די לעצטע יאָרן.

ווען ער קערט זיך צוריק אום סוף זומער קיין ניו יאָרק, נעמט ער זיך אַרבעטן מיט די כאָרן פֿון בראָנזוויל און פּעטערסאָן. מיר געדענקען ווי שייפער האָט שוין אָנגעפֿירט מיטן „האַרפֿע״־כאָר אין פּעטערסאָן אין 1918־1919. דער דאָזיקער כאָר איז שוין איצט אַ „פֿרייהייט געזאַנג־פֿאַראיין״ אינסטיטוציע. פֿיל זינגער נאָך פֿון יענע צייטן, וואָס זיינען שוין געוועזן אַרויסגעפֿאַלן פֿונעם כאָר, זיינען איצט צוריקגעקומען. שייפער׳ס נאָמען איז געוועזן אַ גאַראַנטיע, אַז עס וועט זיך לוינען צו זיין אַ מיטגליד אונטער אים. די פֿרייהייט געזאַנג פֿאַראיינען, סיי אין פּעטערסאָן און סיי אין בראָנזוויל, האָבן גענומען שנעלער וואַקסן אונטער שייפער׳ס פֿירערשאַפֿט.

אין אָנהייב ווינטער פֿון 1925 פֿילט זיך שייפער, אַז ער איז שוין גענוג פֿאַרפֿעסטיקט אין זיינע קאָמוניסטישע איבערצייגונגען, אַז ער זאָל קענען ווערן אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער טרעט אַריין אין דער פּאַרטיי און ער פֿילט זיך ווי אַ ניי־געבאָרענער. ער זאָגט דעמאָלט: וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגעניגן עס איז צו האָבן די זיכערקייט און וויסן וואו דו שטייסט און וואוהין דו גייסט. ער נעמט זיך מיט נאָך מער ברען צו זיין אַרבעט פֿון דינען דעם אַרבעטער־קלאַס דורך דעם פֿיינעם אינסטרו־מענט פֿון מוזיק.

בעת לאַזאַר ווײַנער גרייט־צו דעם ניו יאָרקער כאָר פֿאַר אַן אויפֿטריט אין „די צוויי ברידער״, גרייט שייפער גלייכצייטיק צו זיינע כאָרן פֿאַר אַן אויפֿטריט אין „משיח בן יוסף״.

עס איז אַוועק אַ סעריע פֿון לעקציעס וועגן אָט די צוויי אָראַטאָריעס. שייפֿער, שכנא עפּשטיין, מרמר, מיכל געלבאַרט און ווײַנער טרעטן אַרויס מיט לעקציעס וועגן די דאָזיקע צוויי אָראַטאָריעס, וואו ל. ווײַנער אילוסטרירט די מוזיק אויף דער פּיאַנאָ. די „פֿרײַהייט" פֿון יענער צײַט איז פֿול מיט באַשרײַבונגען, נאָטיצן, אַרטיקלען און באַריכטן וועגן די דאָזיקע אָראַטאָריעס און די קאָנצערטן וואָס ווערן צוגעגרייט. דאָס איז געווען איינע פֿון די ברוויזנדיקסטע צײַטן אין קולטיווירן דעם געשמאַק פֿון די ברייטע אידישע מאַסן פֿאַר דער פּראָלעטאַרישער און רעוואָלוציאָנערער מוזיק. די ראָלע פֿון דער „פֿרײַהייט" אויף דעם געביט ווי אויך אויפֿן אַלגעמיינעם אידישן קולטורעלן געביט איז כסדר געוואַקסן און האָט דערמוטיקט אַ ברייט־פֿאַנאַנדערגעשפּרייטע קולטורעלע באַוועגונג אין אַלע אירע אָפּצווייגונגען.

דעם 20טן פֿעברואַר, 1926, האָט אַ 4,000־קעפּיקער עולם אין מעקאַ טעמפּל, איבערגעפֿילט ווי נאָך קיינמאָל ניט אין דער געשיכטע פֿון אָט־דעם מוזיק־צענטער, שטורמיש אויפֿגענומען די אָראַטאָריע „צוויי ברידער", איר שאַפֿער, יעקב שייפֿער, און דעם דיריגענט לאַזאַר ווײַנער, ווען עס איז געלונגען אַזוי מייסטערהאַפֿט צו אינטערפּרעטירן שייפֿער'ס מוזיק. עס איז געווען אַן אומפֿאַרגעסלעך־רירנדיק בילד, ווען ביידע מוזיקער האָבן זיך צעקושט אויף דער סצענע און דער באַגייסטערטער עולם איז אַרויס איבער אַלע ברעגן פֿון התלהבות. שפּעט אין אָוונט נאָכן קאָנצערט איז פֿאָרגעקומען אַן איינדרוקספֿולער באַנקעט לכבוד שייפֿער'ן, אויף וועלכן איבער זעקס הונדערט מענטשן האָבן איבערגעפֿילט די קלוב־צימערן פֿון „פֿרײַהייט געזאַנג פֿאַראיין". שייפֿער איז באַגריסט געוואָרן פֿון צענדליקער פֿאָרשטייער פֿון דער באַוועגונג און שייפֿער האָט אין יענעם מאָמענט ניט פֿאַרגעסן צו טיילן זיך מיטן דערפֿאָלג מיט דעם דיריגענט, לאַזאַר ווײַנער, וועלכער האָט אַזוי וואונדערבאַר אויסגעטײַטשט זײַן שאַפֿונג.

אינעם ענגלישן מוזיק־זשורנאַל „מיוזיקעל קוריער" איז דאָן דערשינען אין פֿאַרבינדונג מיטן דאָזיקן קאָנצערט די פֿאָלגנדיקע פֿאַרצייכענונג:

„פֿעברואַר דעם 20טן האָט דער פֿרײַהייט געזאַנג פֿאַראיין פֿון ניו יאָרק געגעבן אַ גרויסן קאָנצערט אין מעקאַ טעמפּל. דאָס איז אַן אַרבעטער־כאָר. ער ווערט דיריגירט פֿון לאַזאַר ווײַנער, וועלכער ווײַזט זיך אַרויס צו זײַן אַן ערשט־קלאַסיקער מוזיקער. ער דערגרייכט רעזולטאַטן. עס איז אמת, אַז ער האָט אַ גוטן מאַטעריאַל, ווײַל די מיטגלידער פֿונעם כאָר זײַנען אַלע אידן. (אונטערגעשטראָכן פֿון מיר—י. ב. ב.). פֿונדעסטוועגן פֿאַר-

דינט ער פיל קרעדיט פאַר דעם וואָס ער האָט דערגרייכט. דער דאָזיקער כאָר זינגט מעכטיק, מיט קראַפט, מיט פּינקטלעכקייט, מיט לעבעדיקייט און מיט אַזאַ שיינקייט פון טאָן, וואָס איז פּשוט צו באַוואונדערן, און וואָלט געווען אַ שטאָלץ פאַר יעדן כאָר, ניט געקוקט אַף זיין הויכן ראַנג. ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס מר. ווײנער האָט דאָס אַלץ ניט געקאָנט דערגרייכן מיט ווייניקער פיזישער אָנשטרענגונג, מיט אַ ביסל מער רואיקייט און ווירדע.

„די פּראָגראַם איז געווען אַן אינטערעסאַנטע, כאָטש ניט קיין גאַנץ פאַרשטענדלעכע פאַר דעם איצטיקן באַריכט-אָפּגעבער, ווייל זי איז געווען אין אידיש. די ערשטע גרופּע איז מסתמא באַשטאַנען פון פאָלקס-לידער, מיטן אויסנאַם פונעם לעצטן נומער, וואָס איז געווען אַ כאָר פון מענדעלסאָנ'ס „לאָרעליי". . . . די לעצטע העלפט פון פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון אַ קאַנטאַטע מיטן נאָמען „צוויי ברידער", פון שייפּער'ן, אַ יונגער אַמעריקאַנער קאָמפּאָזיטאָר, וואָס דערשיינט איצט צום ערשטן מאָל פאַר אַ ניו יאָרקער עולם. ער האָט גרויס טאַלאַנט און פיאיקייטן. די כאָראַלע מוזיק איז קרעפטיק, עמאָציאָנעל און מעכטיק. עס זיינען דאָרט דאָ אויסגעצייכנטע עפעקטן, עפעקטן וועלכע זעען אויס צו זיין דער רעזולטאַט פון עכטער אינספּיראַציע. די סאָלאָ-טיילן און דער אָרקעסטער זיינען ניט געווען אַזוי איינדרוקספול, כאָטש באַדייטנדיק העכער ווי די דורכשניטלעכקייט פון יונגע אַמעריקאַנער. די אָרקעסטראַציע איז געווען פאַר בלויז שטרייך-אינסטרומענטן, און שייפּער'ס אידייען האָבן אַ קראַפט, וואָס קענען ניט אויסגעדריקט ווערן אָן דעם קאָליר פון אַ פולן אָרקעסטער. מען מעג נאָך פיל דערוואַרטן פון שייפּער'ן, ווי אויך פון ווײנער'ן."

צווישן שייפּער'ס קאָרעספּאָנדענץ געפינט זיך אַ קורץ בריוול פון פרענק פּעטערסאָן, רעדאַקטאָר פון דעם „מיוזיקעל קוריער" און באַרימטער ניו יאָרקער מוזיקער, דאַטירט מערץ דעם 2טן, 1926, אין וועלכן ער שרייבט, אַז ער האָט מיט גרויס פאַרגעניגן געהערט זיין קאָמפּאָזיציע. מיר האָבן אַ גרונט צו גלויבן, אַז דאָס מיינט ער די „צוויי ברידער", און אַז פּעטערסאָן אַליין האָט געשריבן דעם אויבן-דערמאָנטן באַריכט.

2. ניו יאָרק אָנערקענט אויך שייפּער'ן אַלס דיריגענט

די גרויסע אָנערקענונג, וואָס שייפּער האָט באַקומען אַפן קאָנצערט אין מעקאַ טעמפּל, איז געווען אַלס אַ קאָמפּאָזיטאָר און שאַפער פון די „צוויי ברידער". אַזאַ, אָדער אַן ענלעכער גרויסער עולם, האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען שייפּער'ן אַליין דיריגירן. פאַקטיש זיינען אַנדערע געווען מיט דער מיינונג, אַז שייפּער אַליין וואָלט קיינמאָל ניט געקאָנט אַזוי דיריגירן זיין אייגענע קאָמפּאָזיציע און אַז דעריבער האָט דאָס דיריגירט

לאַזאַר ווײַנער. ניט לאַנג האָט אָבער געדויערט ביז וואַנען אַפילו די דאָזיקע האָבן אָנערקענט, אַז שייפער איז ניט בלויז אַ באַגאַבטער קאָמ־פּאָניסט, נאָר אויך אַ טאַלאַנטפולער דיריגענט. שוין בײַ דעם קאָנצערט פון פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער צו זײַן ערשטן יובילײ, דעם 27טן מערץ, אין סענטראַל אָפּערא האַוז, מיט וועלכן שייפער האָט דיריגירט, האָט באַוויזן, אַז ער איז אויך אַ קאַלירפולער, דערפינדערישער דיריגענט, וואָס קען אַרויסברענגען רײַכע מוזיקאַלישע עפעקטן אַפילו פון די אָרעמע און באַשיידענע מאַנדאָלין־אינסטרומענטן. דערווײַל האָט מען נאָך אַלץ גערעדט אין שטאָט וועגן די „צוויי ברידער". וואו מען איז געשטאַנען און געגאַנגען צווישן די אידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, האָט מען נאָר געהערט וועגן די מחיה'דיקע ניגונים פון שייפער'ס „צוויי ברידער". עס איז געווען אַ פרייד פאַרן עולם צו דערזען ווי די „פרייהייט" נעמט אַנאָנסירן, אַז די „צוויי ברידער" וועלן איינגיכן ווידער אויפגעפירט ווערן צו דעם פערטן „פרייהייט"־יובילײ. און אויך דאָס מאָל זײַנען די „צוויי ברידער" אויפגענומען געוואָרן מיט ניט קיין קלענערער באַגײַסטערונג.

אָבער די ניו יאָרקער אידישע אַרבעטערשאַפט האָט ערשט דעם 24טן אַפּריל דערזען שייפער'ן אַלס דיריגענט פון די בראָנזווילער און פּעטערסאָנער סעקציעס אין זײַן „משיח בן יוסף". אויך דער דאָזיקער קאָנצערט איז געווען אין מעקא טעמפּל. אין אים האָט זיך אויך באַ־טייליקט אַ קינדער־כאָר פון די אַרבעטער־רינג שולן און דער ניו יאָרקער סימפאָנישער אָרקעסטער. עס איז אמת, אַז „משיח בן יוסף" האָט ניט אַזוי אָנגעריסן בײַם עולם ווי די „צוויי ברידער". ביידע, סיי דער טעקסט און סיי די מוזיק, זײַנען פיל קאָמפּליצירטער ווי די „צוויי ברידער", וואו די מעשה'לע איז אַ פּשוט'ע און די מוזיק אַזאַ פאָלקסטימלעכע, אַזאַ זינגעוודיקע, אַז מענטשן זײַנען אַרויס פון דעם קאָנצערט זינגענדיק. דער פאַל איז ניט געווען מיט דער אָראַטאָריע „משיח בן יוסף". אָבער גענוג ליבשאַפט און אָנערקענונג איז אַרויסגעוויזן געוואָרן צו שייפער'ן יענעם אָוונט, אַף זײַן ערשטער דערשיינונג אַלס דיריגענט פון די פרייהייט געזאַנג פאַראיינען אין ניו יאָרק, אַז עס זאָלן בײַ אים בלײַבן אַף אַ לאַנגער צײַט דערקוויקנדיקע דעראינערונגען וועגן יענעם אָוונט. שייפער איז אַוועק־געשטעלט געוואָרן אינעם סאַמע צענטער פון דער אידישער רעוואָלוציאָ־נערער מוזיק־באַוועגונג אין אַמעריקע, סיי אַלס קאָמפּאָזיטאָר און סיי אַלס דיריגענט, זײַט בײַ זײַט מיט לאַזאַר ווײַנער'ן.

אין די זומער־מאָנאַטן פון 1926 איז שייפער ווידער אין קעמפּ „ניטגעדײַגעט". איצט שוין ספּעציעל אָנגעשטעלט אַלס מוזיק־דירעקטאָר

מיט דער דערפארונג פון לעצטן יאָר גייט ער שוין צו צום צווייטן סעזאָן זיכערער און פלאַנמעסיקער אין דעם וואָס ער קלייבט זיך דורכפירן. אין דעם סעזאָן האָט ער שוין אויך באַוויזן אַריינצוציען אין זיינע שקאַצערייען, שפּילן און מאַסן־ספּעקטאַקלען, אויך גאָר געהויבענע געסט. ער שלעפּט אַריין אין שפּיל אַפילו אַזעלכע ווי דזשאָן דאָס פּאַסאָס, מייקל גאָלד, עם דזשאַ באַשע און וויליאַם גראָפּער. ער אַליין ווערט אויך אַן אַקטיאָר און לאַכט מיט זיין אָפענעם מויל צוזאַמען פון זיין אייגענעם שפּילן.*)

שייפער ווערט אף אַזאַ אופן נאָך מער באַקאַנט צווישן ברייטערע אידישע יוגנטלעכע אַמעריקאַנער קרייזן, וואָס פאַראינטערעסירן זיך מיט דער אידישער רעוואָלוציאָנערער און פּראָלעטאַרישער מוזיק.

אָבער פּריוואַט קומט אים אוים אַ היפּש ביסל צו ליידן, בעת זיין חבר'טע לאה פּאָרט אָפּ קיין מעקסיקאָ, כדי אַרויסצוקריגן פון שטיינבערג'ן אַ גט. דער עסק קאָסט אָפּ שייפער'ן זיין גאַנץ אָנגעזאַמלט פאַרמעגן, אַרום 3,000 דאָלאַר, אָבער ער איז צופרידן, וואָס איצט וועט אים שוין קיינער ניט שטערן צו וואוינען מיט זיין חבר'טע און ער איז אונטערן איינדרוק, אַז מער וועט שוין שטיינבערג זיי ניט קענען טשעפּען, און זיי זיינען שוין פּטור פון דעם גאַנצן ווידערוויליקן ענין. איצט, רעכנט ער, וועט ער שוין ווייטער אָנגיין רואיק מיט זיינע שאַפונגס־אַרבעטן.

דעם 2טן אָקטאָבער פון זעלבן יאָר באַקומען שוין די ניו יאָרקער רעוואָלוציאָנערע אידישע אַרבעטער די געלעגנהייט צו זען שייפער'ן אַליין דיריגירן די „צוויי ברידער", ווי אויך „קירכן־גלאָקן" און אַנדערע לידער מיט דער באַטייליקונג פון דעם ניו יאָרקער סימפאָנישן אָרקעסטער. דער גע־פּאַקטער קאַרנעגי האָל האָט עדות געזאָגט, אַז דער עולם ווערט גאַרניט מיד הערנדיק די „צוויי ברידער" און האָט געהערט די אָראַטאָריע אונטער שייפער'ס דיריגיר־שטעקל, פּונקט ווי ער וואָלט זי ערשט צום ערשטן מאָל געהערט. אַזוי אַנדערש איז דאָס אויסגעקומען. די זעלבע „צוויי ברידער", און דאָך מוזיקאַליש געמאָלן פון אַן אַנדער מייסטער־דיריגענט. דער דערפאָלג איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין עטלעכע וואָכן אַרום, דעם 20טן נאָוועמבער, איז ווידער דער זעלבער קאַרנעגיע האָל איבערגעפילט געוואָרן מיט אַ ריזיקן עולם, וואָס איז געקומען הערן אַלע סעקציעס פון דעם „פרייהייט געזאַנג פאַראיין" אין ניו יאָרק זינגען „משיח בן יוסף" שוין צום צווייטן מאָל, אויך מיט דער באַטייליקונג פון ניו יאָרקער סימפאָני

---

*) גענויער וועגן זיינע אַרבעטן אין די קעמפּס, זע דעם ספּעציעלן קאַפּיטל אין דעם בוך וועגן דעם ענין.

אָרקעסטער. דער באַדן איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר אַ נייער, ברייטער רעוואָלוציאָנערער מוזיקאַלישער טעטיקייט.

3. שייפער ווערט דער נערוו־צענטער פון דער רעוואָלוציאָנערער מוזיק־באַוועגונג

דער אויסשפּרייט פון דער רעוואָלוציאָנערער מוזיק־באַוועגונג איבערן לאַנד האָט נאָך אין 1925 באַוואויגן די פּראָלעטאַרישע מוזיק־טוער צו גרינדן דעם „אידישן אַרבעטער מוזיק־פאַרבאַנד". די נויט אין מוזיק־טעקסטן, אין דיריגענטן, אין פּראַקטישע אָנווייזונגען, אין אידעאָלאָגישער פּירערשאַפט, אין אַ צענטראַלן ספּעציעלן אָרגאַן פון צייט צו צייט, אין אָפטע קאָנפערענצן כדי צו טיילן זיך מיט די דערפאַרונגען אויף די ערטער; די נויט אין אַ וואַכזאַמער אויג, אין אַ קאָנטראָל, אַז מ'זאָל ניט אוועק־שווימען מיטן שטראָם, די נויט אין אַ פּאַסנדיקן רעפּערטואַר, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די מעגלעכקייטן פון אַ געוויסן כאָר, אָדער אָרקעסטער, — דאָס אַלץ האָט רייף געמאַכט די גרינדונג פונעם פאַרבאַנד.

אָבער די ביוראָ, אָדער ענגער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, וואָס פירט אָן מיט דער אַרבעט, און דער סעקרעטאַר, וואָס דאַרף עס דורכפירן, זיינען דאָך אַליין פאַרנומען און טיף פאַרגראָבן אין זייער לאָקאַלער אַרבעט. דאָס זיינען דאָך די בעסטע טוער, וואָס די באַוועגונג האָט אַרויסגערוקט אין ניו יאָרק און אומגעגנט. זיי טראָגן דאָך אויף זייערע פּלייצעס די גאַנצע אָרטיקע אַרבעט און זאָרגן. איז דעריבער ניט קיין וואונדער, ווען מיר זעען, ווי שייפער ווערט פאַרוואָרפן מיט בריוו, כאָטש ס'איז שוין דאָ אַ פאַרבאַנד, מיט אַן עקזעקוטיווע, מיט אַ סעקרעטאַר, דעמאָלט שמעון סאָראָף, וואָס טוען אַלץ וואָס עס ליגט אין זייערע כחות.

די בריוו זיינען פון פאַרשיידענע ווינקעלעך פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פון קאַנאַדע, פון קובאַ און אַפילו פון איבערן אַטלאַנטיק. שייפער'ס נאָמען הערט זיך שוין אַפילו אין דרום־אַפריקע, אין אַרגענטינע, אין פראַנקרייך און אין פּוילן. שרייבט מען צו אים. ווער פון די דיכטער עס שיקט אים צו אַ ליד, אַז ער זאָל עס באַקליידן מיט מוזיק; אַ דירי־גענט זוכט אַ שטעלע; אַ יונגער כאָר וויל דווקא, אַז ער זאָל אַליין צושיקן די פּאַרטיטאַטור פאַר די „צוויי ברידער", ווייל דער „פאַרבאַנד" אַנטזאָגט זיך, מאָטיווירנדיק, אַז עס איז אַ צו ריזיקאַלישע אונטערנעמונג פאַר אַ קליינעם און יונגן כאָר. ווער עס קלאָגט זיך, אַז דער דיריגענט איז ניט קאָמפּעטענט און רואינירט די אָרגאַניזאַציע און ווער עס איז זיך סתם

מיישב וועגן פאַרשיידענע מוזיק־פּראָבלעמען, אַפילו פון אַ ריין־פּריוואַטן כאַראַקטער, ווי — וואו אַוועקצוגעבן דאָס קינד, וואָס ווייזט מוזיקאַלישע פייאיקייטן.

צי שייפער האָט געענטפערט אויף די אַלע בריוו, איז שווער צו זאָגן. עס איז אוממעגלעך, אַז ער זאָל האָבן געהאַט דעם געדולד פאַר קאָרעס־פּאָנדענץ, ווייל דער שרייבער ווייס פון זיין אייגענער דערפאַרונג ווי לאַנג ער האָט אָפטמאָל געדאַרפט וואַרטן אויף אַ שריפטלעכן ענטפער פון שייפער'ן, ווען דער ענין איז ניט געווען זייער אַקטועל. אָבער פון פיל בריוו, וואָס זיינען פאַרבליבן אין זיין אַרכיוו, איז קענטיק, אַז ער האָט געענטפערט אויף אַ באַדייטנדיקער צאָל. איבערהויפּט איז גרויס זיין קאָרעס־פּאָנדענץ מיט שיקאַגאָ, וואו מ'האָלט אים אין איין שיקן בריוו, אַז ער זאָל זיך „אומקערן".

אייניקע שרייבן אַפילו אין אַזאַ טאָן, ווי שייפער וואָלט אַפּגעטאָן דעם גרעסטן פאַרברעכן מיט דעם וואָס ער האָט „פאַרראַטן" שיקאַגאָ און באַזעצט זיך אין ניו יאָרק, פּונקט ווי ער וואָלט האָבן געהאַט עפּעס אַ ספּעציעלן קאָנטראַקט מיט שיקאַגאָ, אַז ער מוז שוין דאָרט שטענדיק זיין.

די שיקאַגער טוער אין דעם „פרייהייט געזאַנג פאַראיין" און אינעם אָרקעסטער האָבן זיך אַזוי צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז שייפער איז זייערער, און אַז ניו יאָרק האָט אים פּשוט צוגע'גזל'ט, אַז זיי ליגן ארויף אויף דעם די שולד פאַר אַלע זייערע דורכפאַלן און שוואַך־פּונקטן.

עס זיינען אויך דאָ בריוו, וואָס דריקן אים אויס אָנערקענונג פאַר דער אָדער יענער שאַפונג, וואָס לויבן אים מיט די סאַמע העכסטע אַדיעקטיוון, און פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס ווייזן אָן, אַז מ'האָט אפשר דעם אָדער יענעם פּלאַץ געדאַרפט בעסער מאַכן אַזוי און אַזוי.

אין מערסטע בריוו „רייסט מען אים פּשוט פון די הענט" קאָמ־פּאָזיציעס. שיקט אונז דאָס ליד, יענע אָראַטאָריע. מיר מוזן עס האָבן. עס גייט פּשוט אין לעבן.

ווען שייפער וואָלט די דאָזיקע אַלע פאַרלאַנגען דערפילט, וואָלט ער דאַרפן האָבן אַ מעטשן, וואָס זאָל בלויז זיצן און איבערשרייבן כסדר פּאַרטיטאַטורן און סקאָרס, און אויך דעמאָלט וואָלט ער ניט געקענט צופרידנשטעלן אַלע פאָדערונגען.

געוויס פלעגט דער „פאַרבאַנד" אַרויסשיקן לידער, מוזיק, אָנווייזונגען א. אַז. וו. אָבער אַנדערע ווילן עס מאַכן שנעלער, „איבערן קאָפּ פונעם פאַרבאַנד", ווערט דערוויל דער שטענדיק־פאַרנומענער שייפער פאַר־וואָרפן מיט די אַלע זאַכן. עס וואַקסן כסדר די פאָדערונגען צו אים.

זיין צייט ווערט אַלץ מער איינגעשרומפּן בעת זיינע פליכטן וואַקסן און וואַקסן. נישט איינמאָל פלעגט אים אויסקומען, בעת מ׳פלעגט אים באַ־האַגלען מיט פראַגן אַף פראַגן, צו ענטפערן — איך האָב דאָך אַפילו קיין צייט ניט אויסצוהערן די פראַגע, טאָ ווי דערוואַרט איר פון מיר, אַז איך זאָל נאָך קענען ענטפערן?

אָבער שייפער ענטפערט פונדעסטוועגן, פאַרפלאָנטערט זיך אָפּטמאָל אין אַרגומענטאַטיווע ויכוחים, מיטאמאָל כאַפּט ער זיך, אַז ס׳איז שוין שפּעט און הייבט אָן פליען, ווי הונדערט רוחות וואָלטן אים געקלאַפּט אין פּלייצע.

און אַרבעט וואַרט אַף אים אומעטום. באַראַטונגען, זיצונגען, פּראָבעס, אויפפירונגען, פיאַנאַ־איבונגען (אַז ניט, וועלן די פינגער אינ־גאַנצן פאַרשטייפט ווערן) און נייע קאָמפּאָזיציעס, וואָס מ׳פאָדערט, מ׳רייסט פון די הענט.

4. שייפער דערהויבט שפּל׳ע אינסטרומענטן

מ׳איז געוואוינט געווען צו קוקן אַף דער מאַנדאָלין, ווי אַפן הערינג אין דער מוזיק. דער הערינג ווערט באַטראַכט ווי די פּאַטראַווע פונעם אידישן קבצן. אי ס׳קאָסט ביליק, אי די סליונע הייבט אָן צו רינען פון מויל, פונקט ווי באַ די גבירים פון אַ געבראָטענעם אינדיק. די מאַנדאָלין איז באַטראַכט געוואָרן ווי דער אָרעמאַנסקער מוזיק־אינסטרומענט. אי מ׳דאַרף ניט קיין סך צייט, אין פאַרגלייך מיט פידל, צו דערלערנען אים, אי מ׳קען אויסצימבלען אַף אים אַ פאָלקס־ניגון, אַ טאַנץ.

די מאַנדאָלין־אָרקעסטערס פון פריער, איבערהויפּט פאַרשפּרייט באַ די איטאַליענער, באַ די אוקראַינער און רוסן, זיינען געווען אָרעמע אָר־קעסטערס, וואָס מ׳האָט זיי באַטיטלט מיט „אויך־מיר אָרקעסטערס", אין פאַרגלייך מיט די בלאָז־אָרקעסטערס פון מעש און האָלץ. קיינער האָט זיי ניט געוואָגט אַרויסצורעדן אין איין אָטעם מיט די אמת׳ע יחסנים — די סימפאָניע־אָרקעסטערס.

קומט שייפער און נעמט זיך עקשנות׳דיק אַרבעטן מיטן מאַנדאָלין־אָרקעסטער. האָט ער דאָך גענומען פשוט׳ע פאַרהאָרעוועטע אַרבעטער פון די שעפּער און זיי געמאַכט זינגען קאָמפּליצירטע אָראַטאָריעס! טאָ פאַר־וואָס זאָל ער אויך ניט באַהערשן די אָרעמע סטרונעס פון די מאַנדאָלינעס און אַרויסבאַקומען פון זיי די פיינערע טענער, די איידעלע ניואַנסן פון אַ קלאַסישער אינסטרומענטאַלער קאָמפּאָזיציע!

אפֿן קאָנצערט פֿונעם מאַנדאָלין־אָרקעסטער, דעם 19טן מערץ, 1927, אין טאַון־האָל, באַווייזט שייפֿער, אַז דער מאַנדאָלין־אָרקעסטער קען נעמען אױף זיך די אחריות׳דיקע מוזיק פֿון אַ הײדען, פֿון אַ גריג, פֿון אַ מוסאָרגסקי.

נאָר ניט אַזוי גרינג קומט עס אים אָן. שייפֿער אַרבעט שווער מיט זיינע אינסטרומענטאַליסטן. ער צעטיילט זיי אין קלאַסן, לויט זייערע גראַדן, און וואַרפֿט זיי אונטער אַ שטרענגען שטודיום. פֿיל פֿון די שפּילער ווערן געשיקט אין דער אַרבעטער מוזיק־שול אַפֿן חשבון פֿון מאַנדאָלין־אָרקעסטער. מ׳לערנט, מ׳שוויצט, מ׳רעפּעטירט — איין מאָל, צען מאָל, צוואַנציק מאָל. מ׳פּילט דורך די גראָבלעכע סטרונעס מיט די פֿינגער, מ׳גלעט זיי, אַז זיי זאָלן ניט וואָיען און ניט גרילצן. פֿיינער, שטילער, דינער. דער מענטשלעכער פֿינגער האָט הונדערטער וואַריאַציעס פֿון באַריר. דאָס מאַנדאָלין־ביינדל קען ווערן צווישן די פֿינגער עלאַסטיש ווען מ׳דאַרף, שאַרף ווען מ׳געפֿינט פֿאַר נויטיק.

די שווערע, אומדערמידלעכע אַרבעט, די עקספּערימענטאַציע מיט די שכנ׳ישע אינסטרומענטן, די קאָנצערטינאַס און אַנדערע אײנפֿאַכע ווינט־אינסטרומענטן, צו האַרמאָניזירן זיי מיט די מאַנדאָלינעס, דאָס געפֿינען די גענויע פּראָפּאָרציע פֿון געוויסן אינסטרומענטן, אַז זיי זאָלן ניט „פֿאַר־דעקן" אַנדערע און זיי זאָלן אַליין ניט פֿאַרטושט ווערן — דאָס אַליץ האָט געבראַכט צו דערשטוינלעכע רעזולטאַטן.

קומט אַרויס אַן אַנסאַמבל, וואָס באַהערשט זיינע אינסטרומענטן און באַהערשט די מוזיק. קומען שוין אַרויס פֿון צווישן די שפּילער אייניקע, וועלכע הייבן שוין אָן עקספּערימענטירן אין קאָמפּאָזיציע, אין אַראַנ־זשירונגען (פֿוירסטמאַן, ל. מאַלאַמוט). ווייזט מען שוין די אַרבעט פֿון די דאָזיקע צוויי פּייאָניקערע חברים פֿאַר דער וועלט און מ׳שפּילט זיי אױף דעם קאָנצערט.

איז שוין געצוואונגען אַפֿילו דער זייער ניט־טאָלעראַנטער מוזיק־רעצענזענט פֿון דער „וואָירלד" צוצוגעבן: „. . . יעקב שייפֿער האָט דערגרייכט אַן איבעראַשנדיקע רייכקייט פֿון אָרקעסטראַציע. . . . די 50 אַמאַטאָרן האָבן דערוויזן, אַז מ׳קען מיט אַזעלכע אינסטרומענטן אויס־שפּילן מער ווי שפּאַנישע סערענאַדעס." *)

דערווייל ווערט שוין דער היימישער עולם נייגעריק צו הערן שייפֿער׳ס „צוועלף", וועגן וועלכער מ׳האָט פֿיל געשריבן אין דער „פֿרייהייט". מ׳וואַרט ניט ביזן קאָנצערט צום 5טן „פֿרייהייט"־יובילײ, נאָר מ׳גנב׳עט זיך שוין אַריין צו די רעפּעטיציעס. און כאָטש דער קאָנצערט אַליין

*) זע „וואָרלד", מערץ 20, 1927.

קומט פאַר אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן (דעם 2טן אַפּריל, 1927), אַז עס נימט זייער קיין פּאַסיקער צו הערן אַלע פיינע ניואַנסן, ווערט די „צוועלף" אויפגענומען מיט ניט ווייניקער באַגייסטערונג, ווי די פריערדיקע שייפער־אָראַטאָריעס, און נאָך אַ פאַרדינט בלימל ווערט אַף אַזאַ אופן אַריינגע־פלאָכטן אין זיין לאַץ.

די אָראַטאָריע „צוועלף" גייט דעמאָלט ניט אַזוי גרינג אַראָפּ פון טאָג־אָרדענונג. עס קומען פאַר לעקציעס וועגן איר, דעבאַטן. אַזוי אַראַנזשירט דער „האַמער" אַ גרויסן סימפּאָזיום אין וועבסטער האָל, דעם 13טן מאַי, אין וועלכן עס באַטייליקן זיך אַ ריי שריפטשטעלער ווי אויך די מוזיקער לאַזאַר ווײַנער, סערגעי ראַדאַמסקי, דער באַוואוסטער טענאָר, און שייפער, אונטער אָלגין'ס פאָרזיץ.

מ'רעדט וועגן שייפער'ן דעם וואונדער, וועגן שייפער'ן דעם מיזאַמען קינסטלער. דיכטער ווידמענען אים לידער. אַזוי געפינען מיר אין דער „פרייהייט" פונעם 18טן מאַי (ד. י.) אַ ליד פון אברהם רייזען „פאַר אַלע", געווידמעט שייפער'ן און דעם „פרייהייט געזאַנג פאַראיין".

און אָט האָט דער מוזיק־ליבנדיקער מוזיקאַלישער עולם שוין די גע־לעגנהייט צו הערן די „צוועלף" אין אַ ספּעציעל־אַקוסטיצירטער מוזיק־אַטמאָספערע, אין קאַרנעגי האָל. דאָס קומט פאַר דעם 28טן מאַי, לכבוד דעם 4טן יובילײ פונעם פרייהייט געזאַנג פאַראיין אין ניו יאָרק און פּעטער־סאָן. דער יובל איז גרויס. מ'צעלייגט דעם האָל מיט אַפּלאָדיסמענטן.

און ווידער פאַרט שייפער אינעם זומער־סעזאָן אין קעמפּ „ניט־געדייגעט" און אַרבעט־מיט מיט נ. בוכוואַלד'ן אין דערפינדן אַלץ מער קינסטלערישע קעמפּ־ספּעקטאַקלען און מאַסן־געזאַנגען. ביסלעכווייז הייבט אָן דער זומער אין די קעמפּס צו ווערן פאַר שייפער'ן אַלץ מער און מער אַן עקספּערימענט־סטאַנציע, אַ לאַבאָראַטאָריע פון פאַרזוכן און פּראָבן. אין די נעכט, אין זיין באַנגאַלאָ, ווערן געבוירן בײַ אים די ערשטע פונקען פאַר נייע קאָמפּאָזיציעס, פאַר נייע אָראַטאָריעס. ער זאַפּט זיך מער אָן מיט שטימונג, מיט נאַטור. ער דאַרף ניט פליען מיט די „סאָבוויים" פון איין רעפּעטיציע צו דער צווייטער, פון איין מיטינג צום צווייטן. און כאָטש ער אַרבעט אויך שווער אין קעמפּ, איז דער אָפּבייט, די ענדערונג אין דער סביבה און אינעם כאַראַקטער פון דער אַרבעט, פאַר אים אַ דערפרישונג און אַ דערהאָלונג.

5. שייפער „טראָגט אויס אַ קינד" אין 5 מאָנאַטן

און ווידער ווערט געשטעלט די „צוועלף". דאָס מאָל, דעם 29טן אָקטאָבער אין מעקאַ אודיטאָריום, שוין נאָכן צווייטן צוזאַמענפאָר פון

אידישן מוזיקאַלישן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין קליוולאַנד. „צוועלף" איז נאָך אַלץ ניט צוגעגעסן. אַף פאַרשיידענע קלענערע אונטערנעמונגען ווערן געגעבן אויסצוגן. דער עולם רעדט נאָך אַלץ וועגן „צוועלף", כאָטש שייפער אַרבעט שוין צוביסלעך אַף לייוויק'ס „גולם".

אָבער באַלד הייבט מען אָן אין די ענגערע קרייזן רעדן וועגן שייפער'ס אַן אויפטו אַפן דיריגענטישן געביט — וועגן דער כאָר־סעקציע פון דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע. שייפער האָט די סעקציע אָרגאַניזירט אין סעפּטעמבער, און דעם 28טן יאַנואַר, 1928, טרעט שוין דער כאָר אַרויס אַף דער מיט־נאַכט פאָרשטעלונג אין אַלערטאָן טעאַטער. אײנגאַנצן פינף מאָנאַטן! אַ גרויסער טייל פון דער כאָר איז נאָך קיינמאָל אין לעבן אין ערגעץ פריער ניט אַרויסגעטראָטן. אייניקע האָבן אפילו גאָרניט גע־וואוסט, אַז זיי קענען זיין מאַטעריאַל פאַר אַ כאָר. און דאָ זינגען זיי שוין און טרעטן אַרויס אין דער עפנטלעכקייט און דערפרייען און דערקוויקן מאַסן! דער כאָר האָט זייער שיין געזונגען מנחם'ס ליד „קאָלאָניזאַציע", דעם „אינטערנאַציאָנאַל" און אייניקע אַנדערע לידער.

דער כאָר טרעט אויך אַרויס אין אַ מאָנאַט אַרום, דעם 26טן פעברואַר, אין אוידיטאָריום פון דער קאָלאָניע און ווערט אַף אַזויפיל איינגעבירגערט, אַז ער באַטייליקט זיך שוין, צוזאַמען מיט אַלע סעקציעס, אין דעם גרויסן געזאַנג־ און טאַנץ־ספּעקטאַקל אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, לכבוד דעם 6טן יובילײ פון דער „פרייהייט", פאַר טויזנטער און טויזנטער מענטשן.

אין גיכן ווייזט אויך שייפער, אַז ער איז אויך אַ קאָמפּאָניסט פאַר אָרקעסטערס. אין דער אַמביציעזער פּראָגראַם וואָס דער „פרייהייט מאַנ־דאָלין אָרקעסטער" גיט צו זיין קאָנצערט, דעם 28טן אַפּריל, 1928, אין טאַון האָל, ווערט געשפּילט אויסער אַן איבעראַראַשנדיקע קלאַסישע פּראָ־גראַם פון היידען, מאָצאַרט און בעטהאָווען, אויך צוויי פון שייפער'ס אייגענע קאָמפּאָזיציעס — „טאַנץ נומער 2", און אַ סויטע אַף רעוואָ־לוציאָנערע מוזיק־טעמעס.

דאָס מאָל צייכנט זיך דער אָרקעסטער נאָך מער אויס, ווי לעצטן מאָל, און דער עולם זיצט פשוט פאַרגאַפט הערנדיק ווי פיין־פילנדיק עס ווערן עס געשפּילט אַזעלכע קאָמפּליצירטע קאָמפּאָזיציעס מיטן נויטיקן באַלאַנס און קאָליר. מ'גלויבט איינפאַך ניט די אייגענע חושים. ס'איז איינס פון די צוויי — אָדער מ'זעט ניט גוט און דאָס שפּילט אַן אמת'ער סימפאָנישער אָרקעסטער, אָדער דאָס אויער נאַרט אָפּ און מ'הערט ניט די גרויסע מייסטער.

אַ בירגערלעבער און גאַנץ־פּרעמדער מוזיק־קריטיקער, וואָס האָט זיך „איינגעשטעלט דאָס לעבן" צו קומען אויף דעם דאָזיקן קאָנצערט אין טאַון־האָל, נאָכדעם ווי ער גיט איבער די „דערשטוינענדיקע" אַנטדעקונג, אַז מ'האָט אין אָנהייב געשפּילט דעם „אינטערנאַציאָנאַל" און אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט, האָט פאָלגנדעס צו זאָגן וועגן שפּילן גופא:

„. . . אָבער דאָס האָט ניט צו טאָן מיטן ענין פון שפּילן. איך שרייב דאָך דאָ אַן איבערזיכט איבער מוזיק. מ'קאָן זאָגן, אַז דער אָר־קעסטער האָט געשפּילט מיט אַ מערקווירדיקער מייסטערשאַפט, דערגרייכנ־דיק אַ גלאַטקייט און יענע „באַליבטע" קוואַליטעט, וואָס מ'געפינט זעלטן אין אַמאַטאָרישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס.

„מ'האָט זייער ווייניק געקענט באַמערקן וועלכע עס איז שאַרסטקע־קייט און אומגעהובלטקייט פון געפּליקטע סטרונעס. די דעליקאַטע פּאַ־סאַשזן זיינען געווען אַממערסטן מוזיקאַליש און דעם דירעקטאָר, יעקב שייפער, האָט זיך איינגעגעבן צו האַלטן די שפּילער אין אַ מערקווירדיקער אָרדענונג און אין סימפּאַנישן גייסט. דער געבערויך פון די קאָנצערטינאָס האָט צוגעגעבן דעם קאָליר פון האָלץ־ווינט אינסטרומענטן.

„מר. שייפער האָט געגעבן אַ פּראָגראַם פון אַן אַמביציעזן גראַד. זי האָט אַריינגענומען העידען'ס סורפּריז־סימפּאָניע (אַנדאַנטע), מאָ־צאַרט'ס דזשי־מינאָר סימפּאָניע (אַלעגראָ מאָטאָ) און בעטהאָווען'ס זיבעטע סימפּאָניע (אַלעגרעטאָ).

„דער דיריגענט אַליין איז געווען פאָרטראָטן מיט צוויי אייגענע קאָמפּאָזיציעס: „טאַנץ נומער 2" און אַ סואיטע. מיר האָבן בלויז געהערט די ערשטע, וואָס האָט געהאַט אַן אויסגעשפּראָכענעם טשיים געשמאַק.

„מ'האָט מיט קיין זאַך ניט געקענט באַמערקן אין דער אויפפירונג, אַז דאָס שפּילט אַ ניט־פּראָפעסיאָנעלער אָרקעסטער." *)

און אין דער „פרייהייט" פון 11טן מאַי, 1928, שרייבט פּ. נאָוויק צווישן אַנדערעס:

„. . . דאָס פּראָגראַם פון קלאַסישע מוזיק און באַזונדערס די נומערן פון מאָצאַרט און שובערט איז געווען אַ מוזיקאַלישע דערגרייכונג! דער מוזיק־ליבהאָבער האָט זיך שוין ניט געדאַרפט זאָגן, אַז „וועדליג" ווי פאַר אַרבעטער, און „וועדליג" ווי פאַר מאַנדאָלינעס, איז דאָס געווען גאָר ניש־קשה. דעם דאָזיקן פון אויבן־אַראָפּעדיקן „וועדליג" האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן. מיט דער דורכפירונג פון די דאָזיקע נומערן קלאַסישע מוזיק, וואָלט זיך אַן אָרקעסטער פון פּראָפעסיאָנעלע שפּילער ניט געהאַט וואָס צו שעמען.

„. . . זאָלן די, וואָס האַלטן די אויגן צו דער אייביקייט, באַדויערן וואָס אונזער קאָמפּאָזיטאָר, דער באַשעפער פון „אַרבעטער־ברידער" („צוויי

*) „מאָרנינג טעלעגראַף", אַפּריל 29, 1928.

ברידער״?—י. ב. ב.) און „משיח בן יוסף״, „אין קוזניע״ און „צוועלף״, קריגט ניט קיין „סקוועער דיל״, קיין מעגלעכקייט רואיק צו זיצן אין סטודיאָ און אַרבעטן. קוקט מען אַן אָקטאַווע ברייטער, און מען אָנערקענט שייפער׳ס באַדייטונג פאַר אונזערע מוזיקאַלישע מאַסן-אָרגאַניזאַציעס, מעג מען זיך פרייען מיט די רעזולטאַטן.״

6. אין שלאָגלערישן געיעג

עפּעס איז פאַראַן אין דער מענטשלעכער נאַטור דער עלעמענט פון נייגיר און אָפּטמאָל אמת׳ע פאַראינטערעסירטקייט אין מעסטן גרייסן, און אין שאַצן ווערטן, ווען אַפילו דאָס האָט בלויז אַ ספּאָרט־באַדייט. מ׳הערט ניט איינמאָל: וועלכער קינסטלער איז גרעסער — דרייזער אָדער סינקלער לואיס? נאַדיר צי לייוויק? אין די אידישע רעוואָלוציאָנערע מוזיק־ליבנדיקע קרייזן דעבאַטירט מען אין יענע יאָרן: ווער איז גרעסער? ווײַנער צי שייפער? דעם דורכשניטלעכן מענטשן פאַלט ניט איין דער געדאַנק, אַז מ׳קען ניט מעסטן קיין מענטשנס טאַלאַנט, צי געניאַליטעט, ווי מ׳מעסט זיין הויך, אָדער מ׳וועגט זיין וואָג.

באַקומען די פאַראינטערעסירטע די געלעגנהייט צו ציען אַליין זייער אָפּשאַץ־ליניע, אַף דעם גרויסן אַרויסטריט פון אַלע זעקס סעקציעס פון פרייהייט געזאַנג פאַראיין אין קאַרנעגי האָל, צום 5טן יובילי פון „פאַר־איין״, וואו ביידע דיריגענטן־מייסטער, ווײַנער און שייפער, טרעטן אַרויס באַזונדער מיט זייערע צוזאַמענגעשמאָלצענע כאָרן.

דאָס קומט פאָר דעם 12טן מאַי (1928). אין דער לופט איז אַ שפּאַנונג און אַ פרייד. איין כאָר פּרואווט זיך איבערשטייגן דעם צווייטן. ביידע כאָרן האָבן געוויסע מעלות און חסרונות. שייפער׳ס כאָר איז גרעסער אין צאָל, נאָענט צו 200 זינגער. אין אים איז שוין אַריינגעגאָסן די סעקציע פון דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע. אָבער מערסטנס פון די זינגער זיינען נאָך פרישע, זיי האָבן נאָך ניט פיל „געשמעקט דעם פּולווער״ פון דער קאָנצערט־בינע, זיי זיינען נאָך ניט פּאַרוועטעראַנירטע אין צענדליקער רעפּעטיציעס און קאָנצערטן. דערפאַר איז ווײַנער׳ס כאָר, דער עלטערער, דער מער געשולטער — אַ קלענערער אין צאָל.

דער רעזולטאַט איז: ווײַנער׳ס כאָר קומט אַרויס דער „זיגער״ אין אָפּגערונדקייט, אין צוזאַמענגעשלאָסנקייט; שייפער׳ס—דער „זיגער״ אין קראַפט, אין שוואונג, אין עקסטאַז און אינספּיראַציע. ביידע זיינען זיגער. ביידע זיינען מייסטער־דיריגענטן. אָבער דער אויפטו שייפער׳ס איז פיל גרעסער. אויב ער באַקומט אַזויפיל אַרויס פון אַ יונגן, רויען מאַטעריאַל

שייפער, ווי ער פלעגט דערשיינען מיטן פרייהייט געזאַנג פאַראיין אַף די קאָנצערטן. שייפער שטייט אין סאַמע צענטער.

שייפער, ווי ער רעפּעטירט מיטן פרייהייט מאַנדאָלין-אָרקעסטער.

—וואָס וועט ער שוין אַרויסבאַקומען ווען אַט־די אַלע וועלן דורכגיין אַ לענגערע צייט זיין רעפּערטואַר־שולע ? !

דער עולם משפּט לויט זיין אייגענער מאָס פון „יושר". ער צעטיילט זיך אין ווײַנער־„חסידים" און אין שייפער־„חסידים". די דאָזיקע צעטייל־ליניע ווערט אָבער אָפּגעווישט, אַזוי שנעל ווי עס ווערט דורכגעפירט דער רירנדיקער און איינדרוקספולער צערעמאָניאַל פון איבערגעבן די „פרייהייט"־פאָן דעם פרייהייט געזאַנג פאַראיין, וואָס ער האָט כשר געוואונען אין דער „פרייהייט"־קאַמפּאַניע. די אויסגעצייכנטע רעדע פון מלך עפּשטיין שטורעמט אויף דעם עולם צו דער העכסטער דערהייבונג. ער ווייזט אָן, ווי אַלע סאָליסטן, וואָס זיינען דאָ ערשט אַרויסגעטראָטן, זיינען אייגענע, ניט קיין פּראָפעסיאָנאַלן, אויסגעבאַוועטע פון שייפער'ן און ווײַנער'ן, אויך אייגענע, ליבלעכע.

און דער עולם פאַרגעסט טאַקע ניט, אַז ווײַנער איז דער זון פון אַ שוסטער און ווײַנער איז אַ סטאָליער בן סטאָליער. ער פאַרגעסט אויך ניט, אַז פון די 11 נייע לידער, וואָס זיינען דאָ געזונגען געוואָרן, זיינען מער ווי אַ העלפט פון זיינע אייגענע קאָמפּאָניסטן : פינף שייפער'ס און איינס ווײַנער'ס.

דער דאָזיקער פייערלעכער אָוונט האָט שוין געקענט געבן שייפער'ן דערמוטיקונג אויף מאָנאַטן לאַנג. אָבער ער קען זיך ניט אומקוקן און רעפלעקטירן. אין עטלעכע טעג אַרום זעען מיר אים שוין אין טאָראָנטאָ (מאַי 18) צום 3טן יובילײ־קאָנצערט פון דאָרטיקן פרייהייט געזאַנג־פאַראיין, וואו ער דיריגירט אייניקע זיינע זאַכן מיטן דאָרטיקן כאָר. דער עולם באַשיט אים מיט אַפּלאָדיסמענטן און בלומען און באַערט אים אויף מאָרגן מיט אַ וואַרעמען חבר'שן מאָסן־באַנקעט.

שייפער באַווייזט נאָך צו פאַרענדיקן דעם סעזאָן מיט אַן אַרויסטריט דעם 2טן יוני אויפן 12טן שלום־עליכם יאָרצייט, וואו זיינע כאָר־סעקציעס טרעטן אַרויס אונטער זיין דיריגיר־האַנט מיט אייניקע נייע לידער, אייניקע הומאָריסטישע ; דעם 6טן יוני טרעט ער ווידער אַרויס אין טאַון־האָל צום גראַדואיר־קאָנצערט פון אידישן אַרבעטער־אוניווערזיטעט.

שייפער באַשליסט צו באַוויליקן דעם פאַרלאַנג פון די שיקאַגער חברים און קומען פאַרן זומער אין שיקאַגאָ. דאָרט זיינען אָנגעוואַקסן פאַר דער צייט היפּשע צרות אין די מוזיק־אינסטיטוציעס, ספּעציעל אין פרייהייט געזאַנג פאַראיין. מ'איז דאָרט געווען אומצופרידן מיטן פאַמעלעכן גאַנג פון אַשר מאַנוסעוויטש, וועגן וועלכן מ'האָט שייפער'ן פאַרוואָרפן מיט בריוו.

סקולפטירט פון מינאַ האַרקאַווי

אַלע כאָר־סעקציעס פון ניו יאָרק מאַכן פאַר אים אַ פריילעכן אָפּשייד־אָוונט. ס׳איז אַ פייערלעכע געזעגענונג. ס׳האַלטן ווארעמע רעדעס: יוקלסאָן, מאַרים האַלטמאַן. מ׳הייבט אָן צוטראָגן מתנות פון אָנערקענונג. איין מתנה איז אַן איבעררּאַשונג פאַר אַלעמען — אַ סקולפּטאָרישער ביוסט פונעם באַליבטן קאָמפּאָניסט און דיריגענט, די קינסטלערישע אַרבעט פון דער סקולפּטאָרין מינאַ האַרקאַווי. זי האַלט אַליין אַ באַגייסטערטע רעדע (אין ענגליש). אַלגין קומט דערנאָך און הייבט אויף די פאַרזאַמלטע פון זייערע פלעצער מיט אַ מייסטערהאַפטער רעדע. אָן אַקטיווע חבר׳טע, יודין, טראָגט צו שייפער׳ן אַן אייגענעם געבאַקטן טאָרט מיטן „סערף און האַמער״. שייפער׳ס אָפענער פּנים שטראַלט פון גליק, פון איבערגעשוימטן דערפאָלג.

ער פילט זיך גליקלעך. אָט פאָרט ער איצט מיט זיין לאה׳ן קיין שיקאַגאָ, וואו אַזויפיל אָפענע אָרעמס דערוואַרטן אים. איצט דאַרף ער שוין ניט מורא האָבן פאַר שטיינבערג׳ס אייפערזיכטיקע אויסברוכן. לאה האָט דאָך שוין דעם מעקסיקאַנער גט זינט 1926. ס׳איז שוין נישטאָ יענע נערוועזיטעט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט זיין לעצטער צייט אין שיקאַגאָ.

צו זיין נאָך זיכערער, פירן זיי דורך אין ניו דזשוירזי, אַפן וועג קיין שיקאַגאָ, אַן אָפיציעלע חתונה. די לעצטע פאַרזיכערונג־רייף.

7. דאָ איז ניט מעקסיקאָ

אין שיקאַגאָ קריגן די שייפערס אַ האַרציקן קבלת פּנים. שייפער׳ס דערפאָלגן אין ניו יאָרק האָבן אים נאָך גרעסער געמאַכט אין זייערע אויגן. געוויינלעך זיינען די זומער־מאָנאַטן די סאַמע אומאַקטיווסטע פאַר די כאָרן בכלל. אַלץ איז „אָף וואַקאַציע״. אַפילו אַז מען פאָרט ניט אַוועק פון שטאָט, דאַרף מען זיין אַ מאַרטירער, ספּעציעל אין די שיקאַגער זומער־היצן, צו גיין צו רעפּעטיציעס. אין די אָוונטן, ווען עס ווערט קילער, מאַניען און ציען די שאָטנהאַפטע פאַרקן, די קילע וואַסער־ברעגן פון „לעיק מישיגען״, צי עס איז די „סאַוט־סייד״ אָדער די „נאָרט־סייד״.

דער זומער פון 1928 איז אָבער פאַר די שיקאַגער אידישע רעוואָ־לוציאָנערע מוזיק־קרייזן געווען אַן אויסנאַם. אַז שייפער איז דאָ — איז אַלץ דאָ. פילן זיך ניט די היצן. די שטענדיקע פאַרקערפּערונג פון ברוזנ־דיקער און ליידנשאַפטלעכער אַקטיוויטעט — שייפער, איז אַ געניגנדיקער סטימול פאַר טעטיקייט.

דער קבלת־פּנים, וואָס מען האָט אים געגעבן דעם 22טן יוני, גליך ווי ער איז אָנגעקומען, האָט שוין אָנגעשטעלט דעם טאָן פאַר א גאַנצן זומער. דער פּלאַן איז: שייפער זאָל אָנפירן מיטן קעמפּ־כאָר אין שיקאַגער קאַמפּ „ניטגעדייגעט" און גלייכצייטיק רעפּעטירן מיטן כאָר און מיטן מאַנדאָלין־אָרקעסטער נייע זאַכן. די שיקאַגער אָפּטיילונג פונעם אידישן מוזיקאַלישן אַרבעטער־פאַרבאַנד האָט פולשטענדיק אויפגעלעבט. פיל מיט־גלידער גלויבן אפילו, אז שייפער וועט שוין אינגאַנצן בלייבן אין שיקאַגאָ. זיי מאַכן אַרום אים אַלץ וואַרעם. זיי פּרובירן אים אַרומצורינגלען מיט אַזאַ חבר'שאַפט, אַז ער זאָל זיך שוין ניט קענען אָפּרייסן פון שיקאַגאָ.

אין קעמפּ נוצט שייפער אויס זיינע דערפאַרונגען פון די לעצטע דריי זומערס אינעם ניו יאָרקער קעמפּ. דער קעמפּ לעבט אויף. די רעפּעטיציעס אין שטאָט גייען אָן. אַלץ זעט אויס צו זיין אין בעסטער אָרדענונג. אָבער אַף איינער פון די פיל רעפּעטיציעס מאַכט זיך אָט־וואָס: שייפער שטייט און רעפּעטירט. אַלע אויגן זיינען אָנגעבונדן אָן אים. קיינער באַמערקט אפילו ניט ווי עס קומען אריין געסט אין דער האַלב־אָפענער טיר. געסט — ניט זייער קיין אָנגעלייגטע. שלוחים פון יוסטיץ־דעפּאַרטמענט און פון דער פּאָליציי — זיי גייען גליך צו צו שייפער'ן:

— אין נאָמען פון געזעץ זייט איר אַרעסטירט.

— סטייטש ?...

— איר האָט צוגענומען מיסטער שטיינבערג'ס פרוי. איר שלעפּט זיך מיט איר אַרום איבער די פאַרשיידענע שטאַטן. דאָס איז קעגן דעם „מאַן־אַקט".

לאַה גייט אַרויס פון צווישן דעם כאָר. זי איז זיכער, אַז דאָס איז א מיספאַרשטענדעניש: סטייטש, זי האָט דאָך דעם גט פון מעקסיקאָ מיט זיך. זי ווייזט טאַקע גליך דעם גט, און דעם חתונה־סערטיפיקאַט, וואָס זיי האָבן גענומען אין ניו דזשוירזי.

די באַאַמטע באַקוקן דעם גט פון אַלע זייטן. „דאָס איז פון מעקסיקאָ, צי ניין ?"

— געוויס, פון מעקסיקאָ, — ענטפערט לאַה. — איך האָב אים אַרויסגעקראָגן נאָך אין 1926, לויט די געזעצן פון מעקסיקאָ.

— דאָ איז אייך ניט קיין מעקסיקאָ! א דאַנק גאָט, מיר האָבן איינענע געזעצן דאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער חתונה־סערטיפי־קאַט איז אודאי אַרויסגעגעבן געוואָרן אַפן גרונט פון א מיספאַר־שטענדעניש. . . .

עס האָבן ניט געהאָלפן קיין טענות און קיין מענות. ביידע שייפערס

זיינען אַרעסטירט געוואָרן, אָפּגעפירט געוואָרן אין טורמע. די באַ־שולדיקונג איז, אַז יעקב שייפער האָט אַרויסגעפירט לאה שטיינבערג פון שטאָט פאַר אוממאָראַלישע צוועקן.

עס האָט געדויערט אַ היפּשע צייט ביז דער שיקאַגער אָרגאַניזאַציע געלינגט זיי צו באַפרייען. עס פליען טעלעגראַמעס פון שיקאַגאָ קיין ניו יאָרק. אַלע סעקציעס אין ניו יאָרק ווערן געשטעלט אויף די פיס. „מען דאַרף ראַטעווען שייפער׳ן!" — איז דער געשריי. ערשט דעמאָלט, ווען פון ניו יאָרק קומען אָן 2,000 דאָלאַר, נעמען די שיקאַגער חברים פאַר־האַנדלען מיט שטיינבערג׳ן און נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען שליכטן זיי מיט אים דעם גאַנצן ענין. דער ענין שטיינבערג ווערט אויף אַזאַ אופן אַ ליקווידירטער.

8. הימל און ערד און „גולם"

שייפער קערט זיך אום צוריק קיין ניו יאָרק דעם 30טן סעפּטעמבער. ער וואַרפט זיך אַריין אין דער אַרבעט פון מאַנדאָלין־אָרקעסטער. אַ קאָנ־צערט שטייט אויפן שוועל. אָבער הויפּטזאַכלעך איז ער פאַרנומען מיט דער אָראַטאָריע איבערן טעקסט פון לייוויק׳ס „גולם". ער האָט די ערשטע כאָרן פונעם „גולם" שוין פריער געהאַט פאַרענדיקט און איז בכלל זייער צופרידן מיט דער מוזיקאַלישער טעמע וואָס ער האָט פאַרוועבט. אָבער שייפער שלייפט און פּאָלירט די פאַרשיידענע פּאַסאַזשן און פּרובירט אַרויסברענגען דאָס מאָל אַ פיל געליטערטערע אַרבעט.

שייפער איז אַזוי פאַרנומען מיטן „גולם", אַז ער שטויסט אָפּ אַנדערע אַרבעטן אין דער זייט. אין יענער צייט ענטפערט ער אַפילו ניט אויף קיין נויטיקע בריוו. לאה ענטפערט פאַר אים: „יאַנקל" איז פאַרנומען מיטן „גולם" און קאָן זיך איצט ניט אָפּרייסן. און אַזוי איז טאַקע געווען. שייפער איז אַרומגעגאַנגען מיטן „גולם", געגעסן מיטן „גולם", געשלאָפן מיטן „גולם".

פונדעסטוועגן דיריגירט ער דעם 4טן אָקטאָבער אַ קאָנצערט מיטן פרייהייט מאַנדאָלין־אָרקעסטער צום אָפּשייד־אָוונט פון אברהם רייזען פאַר זיין אָפּפאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער אָוונט קומט פאָר אין מאַנהעטן אָפּערע האַוז און עס ווערן אויפגעפירט פראַגמענטן פון שייפער׳ס קורצער אָפּערע „קירכן־גלאָקן".

דעם 13טן אָקטאָבער איבעררראַשט מען שייפער׳ן מיט פיל פאַר־שיידענע וואונטש־טעלעגראַמעס צו זיין 40טן געבורטסטאָג. זיי קומען אָן

פון פאַרשיידענע שטעט, פון חברים, פון פּריוואַטע מוזיק־אינסטיטוציעס. אפילו די קינדער פון דער ניו יאָרקער אַרבעטער מיטלשול שיקן אים צו אַ האַרציקע טעלעגראַמע.

דאָס יאָר 1928 פאַרענדיקט שייפער מיט רעפּעטירן ענערגיש די ערשטע כאָרן פונעם „גולם". עס נעמט זייער אויס בײַ די זינגער פון דער בראָנקסער סעקציע, וואו די רעפּעטיציעס האָבן זיך אָנגעהויבן. און דעם 8טן דעצעמבער טרעט ער אַרויס מיטן פרייהייט געזאַנג פאַראיין אויפן קבלת־פּנים פאַרן גרויסן גאַסט דוד בערגעלסאָן אין מאַנהעטן אָפּערע הויז.

:: :: ::

דאָס יאָר 1929 איז זייער אַן אומרואיקער אין דער אידישער רעוואָ־לוציאָנערער סביבה און מיידט אויך ניט אויס די מוזיק־אינסטיטוציעס. שייפער הויבט אָן דאָס יאָר מיט דורכפירן גלענצנדיק די פּראָגראַם פון געזאַנג פאַראיין אויפן גרויסן לעניןֿ מעמאָריאַל־מיטינג דעם 19טן יאַנואַר, אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען, און קריגט אַ גרויסע אָוואַציע צוליב עטלעכע נייע געלונגענע לידער. איינער פון זיי — „מען רופט" פון י. א. ראָנטש. אַגב, איז די געשיכטע מיטן דאָזיקן ליד זייער אַן אינטערעסאַנטע און וואַרפט אַ העל ליכט אויף שייפער'ס באַציאונגען מיט אַנדערע קאָמפּאָזיטאָרן.

שוין מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט שייפער אָנגעשריבן מוזיק צו דעם ליד און מען האָט עס געזונגען בײַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן. ווען שייפער איז געווען זומער אין שיקאַגאָ, האָט אים אָשר מאַנוסעוויטש באַוויזן זיינע אַ קאָמפּאָזיציע אויף „מען רופט". שייפער באַשליסט גלייך צוריקצוציען זיין קאָמפּאָזיציע און געבן זיין חבר מאַנוסעוויטש אַ שאַנס צו ווייזן זיך פאַרן עולם מיט זיינער אַן אַרבעט, — אַ זאַך, וואָס פּלעגט מאַנוסעוויטש'ן זעלטן געלינגען און פון וואָס ער האָט זייער שטאַרק געליטן. ווען שייפער טרעפט זיך דערנאָך מיט ראָנטש'ן, פאַרטרויט ער אים, אַז ער האָט זיין קאָמפּאָזיציע אויפן טעקסט פון „מען רופט" פאַר־ניכטעט און אַז ער וועט זי שוין מער קיינמאָל ניט זינגען. צוליב אַ גאַנצער ריי אורזאַכן פאַלט מאַנוסעוויטש שפּעטער אַרויס פון דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג, זיין קאָמפּאָזיציע ווערט אין ערגעץ ניט אויפגענומען און שייפער שאַפט אַ נייעם „מען רופט", — דעם, מיט וועלכן ער איז אַרויס דעם 19טן יאַנואַר.

אַגב, דערשיינט אין דעם „מיוזיקאַל קוריער" אין פאַרבינדונג מיט „מ'רופט" — אַ וואַרעמע רעצענזיע וועגן דער זאַך, און בכלל וועגן

שייפער׳ס אויפטו, פון טהאָרנטאָן וו. אַללען, א באַוואוסטער מוזיק־קריטיקער. אַט זיינען אייניקע אויסצוגן:

„. . . יעקב שייפער איז איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע צווישן די אידישע קאָמפּאָזיטאָרס און דיריגענטן, וואָס לעבן איצט אין אַמעריקע. . . . זיינע אייגענע שאַפונגען . . . דערווייזן, אַז ער איז אַ קאָמפּאָזיטאָר פון פיל מער ווי פון דורכשניטלעכן גראַד. זיינע גרעסערע אָראַטאָריעס, ווי די „צוויי ברידער", אָדער די „צוועלף" זיינען פול מיט אַן עמאָציאָנעלער אָנגעלאָדנקייט אין דער כאָראַלער שריפט, וואָס איז זעלטן דערגרייכט געוואָרן די לעצטע יאָרן דורך וועלכן עס איז אַנדער קאָמפּאָזיטאָר.

„מ׳רופט" איז איינע פון יענע עמאָציאָנעל-אָנגעלאָדענע אידישע שאַפונגען, וואָס זיינען שווער צו באַשרייבן. דער אידישער טעקסט איז פון יצחק ראָנטש און מיר גיבן דאָ די ענגלישע איבערזעצונג, ווייל דאָס ליד איז אַן אויסגעצייכנט ליד." (דאָ קומט די ענגלישע איבערזעצונג פון מאַגיל.)

דער קריטיקער פאַרענדיקט:

„די האַנט פון אַ מייסטער זעט זיך אין יעדן „באַר" פון דער מוזיק. עס איז באַשיינפּערלעך, אַז מר. שייפער ווייס גענוי די עפעקטן וואָס ער וויל דערגרייכן און ווייס גענוי וואָס כאָראַלע זינגער קענען דורכפירן. זיין לאַנגע דערפאַרונג אַלס כאָר-דיריגענט האָט אים געלערנט וועגן דער קרעפטיקייט פון געוויסע עפעקטן, וואָס קענען דערגרייכט ווערן בלויז דורך אומאַקאָמפּאַנירטע זינגער. עס באַקומט זיך אַן אויסערגעוויינלעך שיינער רעזולטאַט און גיט, ווי עס ווייזט אויס, דעם פולסטן אויסדרוק צו דער מיסטישער ליידנשאַפט פון די ווערטער." *)

דעם 6טן אפּריל פירט ער אויף אַף אַ פּרעכטיקן אופן די „קירכן־גלאָקן" אין קאָליסייאום צום 7טן „פרייהייט"־יובילײ. און דעם 27טן פון זעלביקן חודש דעמאָנסטרירט ער נאָכאַמאָל אַף אַן איבערצייגנדיקן אופן וואָס פאַר אַ קראַפט און סימפּאָנישקייט עס קען אַרויסבאַקומען ווערן פון אַ מאַנדאָלין־אָרקעסטער, געבנדיק אַן אויסשליסלעך־קלאַסישע פּראָגראַם, וואָס מאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק. אויך אַף דעם קאָנצערט טרעטן אַרויס אַלס סאָליסטן לעאָן מאַלאַמוט און ט. סאָקאָלאָוו. אין אַ וואָך שפּעטער (דעם 5טן מאַי) דיריגירט ער אַ גרויסן קינדער־כאָר פון די אַרבעטער־שולן אין מאַנהעטן אָפּערע הויז, אין די „צוויי ברידער", מיט די סאָליסטן מינאַ איסאַיעוואַ און רודינאָוו.

אין יענער צייט לעבט שייפער איבער זייער אומרואיקע מאָמענטן אין פאַרבינדונג מיט דעם, וואָס זיין חבר לאַזאַר ווײַנער ווערט אָנגעקלאָגט אין ברעכן די פּאַרטײ־דיסציפּלין, אַרויסטרעטנדיק אַף אַן אונטערנעמונג

*) „מיוזיקאַל קוריער", מערץ 14, 1929.

פון דער עס־פּי, מיט וועלכער די באַציאונגען זיינען דעמאָלט געווען אָנ־געשטרענגטע און פיינטלעכע. אין יענעם מאָמענט איז שוין צוגעגרייט געוואָרן אין געוויסע רעכטע עס־פּי קרייזן די פּסיכאָלאָגישע שטימונגען פאַר דער עטוואָס־שפּעטערדיקער לוויז־געלאָזטער ציון־„וואַקכאַנאַליע". די פּאַרטיי־דיסציפּלין האָט דעמאָלט געמוזט זיין אַ שטרענגערע. דער לאָוור־סטאָן־קאַמף האָט געפאָדערט פון דער פּאַרטיי אַנצוציען שטייפער די אייגענע רייען. לאַזאַר וויינער ווערט אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי, ווערט באַזייטיקט פון די טעטיקייטן אין די כאָר־סעקציעס און אַף שייפער'ן פאַלט דעריבער די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דיריגירן אַלע כאָר־סעקציעס.

דערצו האָבן זיך נאָך „גוטע פריינט" באַמיט און צעבלאָזן פון דעם פריערדיקן וועט־געיעג צווישן שייפער'ן און וויינער'ן אַ פּערזענלעכע שנאה, וואָס האָט זיי ביידע דערווייטערט איינעם פונעם אַנדערן אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

אַפן זעקסטן יובילײ־קאָנצערט פון פרייהייט געזאַנג פאַראיין גיט שייפער פראַגמענטן פון די „קירכן־גלאָקן" און פון די „צוועלף", און דער אינטערעס צו די „צוועלף", ווייזט אויס, איז אַף קיין האָר ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אין דער זעלבער צייט ווען די „קירכן־גלאָקן" ווערן אויך אַלץ מער און מער באַליבט בא דעם ברייטערן עולם. אין די זומער־מאָנאַטן פון 1929 דערגרייכט שוין שייפער פיל גרעסערע רעזולטאַטן אינעם קעמפּ „ניטגעדייגעט". ער קאָמפּאָנירט מיט בוכוואַלד'ן און אַנדערע, און עס באַקומען זיך גראַנדיעזע לייכטע רעוואָלוציאָנערע ספּעקטאַקלען, מערסטנס אַף טעמעס פון מאָמענט. שייפער נעמט אויך ווייזן אַלץ גרעסערע און גרעסערע פייאיקייטן אַפן געביט פון מוזיק־שקאָצעריי, שאַרזש, גראָטעסק און סאַטירע. אָבער אין די שפּעטע אָוונט־שעה'ען הערט מען פון שייפער'ס באַנגאַלאָ טראָגן זיך ערנסטע מוזיק־אויסגיסונגען פון דער פּיאַנאָ. אַלע ווייסן, אַז דאָס אַרבעט נאָך אַלץ שייפער אַפן „גולם".

אין אויגוסט, ווען עס ברעכט אויס די ציון־„וואַקכאַנאַליע" און עס נעמען זיך ווייטער פאַנאַנדערשיידן די וועגן און דאָס אָפּקלייבן זיך פון ניט־סטאַבילירטע עלעמענטן, — געפינט זיך לייוויק אַף דער צווייטער זייט פון דער מחיצה. מיט יענעם האַרצווייטיק, וואָס פאַרצערט דעם קינסטלער ווען אַ געוויסער שטער שטעלט זיך אין וועג פון זיין שעפערישער אַרבעט, רייסט שייפער איבער זיין לאַנגע מי אַפן „גולם". דער אָנגע־שריבענער טייל פאַרבלייבט בא אים אין אַרכיוו און דערמאָנט אים אָן דער האַרעוואַניע, וואָס ער האָט אין אים אַריינגעלייגט.

9. שווערע יאָרן, קריזיס־יאָרן, — אָבער ניט באַ שייפער׳ן

צום סוף 1929 טרעט נאָך שייפער אַרויס אַפן „האַמער״־קאָנצערט צו זיין 3טן יובילײ אין צענטראַל אָפּערע הויז מיטן פרייהייט מאַנדאָלין־אָרקעסטער. דער פרייהייט מאַנדאָלין־אָרקעסטער איבערראַשט ווידער מיט נייע נומערן פון קלאַסיקער און פירט זיי דורך אַף אַ גלענצנדיקן אופן. ער טרעט אויך אַרויס מיטן פרייהייט געזאַנג פאַראיין דעם 3טן נאָוועמבער אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן צום 12טן יובילײ פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און צו דער קאָמוניסטישער וואַל־קאַמפּאַניע.

אָבער די ציימן ווערן שווערע; דער קראַך אַף וואָל־סטריט צעשמעטערט אַלע לאָווסטאָניסטישע פאָראויסזאָגונגען וועגן סטאַביליזאַציע. די שווערע וואָלקנס פונעם קריזיס רוקן זיך אָן אַף אַלץ און אַלעמען. עס רופט זיך אויך אָפּ אַף דער באַוועגונג. די אַקטיווסטע טוער פאַרלירן זייערע שטעלעס און הונגערן. די לאָווסטאָן־סומאַטאָכע טראָגט אַריין איר צעשטער־אַרבעט אַף פאַרשיידענע אופנים. דער „האַמער״ ווערט אָפּגעשטעלט צוליב געלט־מאַנגל און אין פאַרלויף פון 1930 ווערט אויך אין אַ באַדייטנדיקער מאָס געשטערט די אַרבעט פון די לינקע מוזיק־אינסטיטוציעס. מען קען ניט מאַכן קיין אונטערנעמונגען. אַרבעטער הונגערן, האָבן ניט אַף קיין קאַר־פעיר און ס׳ליגן ניט אין זינען קיין קאָנצערטן. אמת, דער פרייהייט געזאַנג פאַראיין טרעט אַרויס מיט שייפער׳ן דעם 13טן אַפּריל אין קאָליסײאום צום 8טן „פרייהייט״־יובילײ. אָבער די צייט איז אַזוי שלעכט, אַז אַפילו דער קאָליסײאום פילט עס.

ביטערע צייטן. אָבער שייפער ווייסט ניט פון קיין שום קריזיס־אָפּהאַלטן. ער אַרבעט אַף אַ נייער זאַך. ער שאַפט אַ גרויס מאָנומענטאַל ווערק — „אָקטאָבער״.

דעם טעקסט פאַרן „אָקטאָבער״ שטעלט צוזאַמען נ. בוכוואַלד. ער קלייבט אויס פון די סאָוועטישע דיכטער די סאַמע טרעפלעכע שטעלן, לויט זיין מיינונג, וואָס גיבן איבער דעם שטורעם און דראַנג פון יענע צייטן וואָס האָבן צעשטורעמט די וועלט. שייפער שאַפט די דאָזיקע אָראַטאָריע אַף אַ גרויסן פאַרנעם. ער פאַרלאָזט זיך שוין ניט בלויז אַף די טראַדיציעס פון די קלאַסיקער און אַף די גרונט־מעלאָדיעס פון דעם אידישן פאָלקס־ליד. ער לעבט זיך אַריין אין דער נשמה פון יענע רוסישע פאָלקס־לידער, וואָס האָבן אין זיך דעם ברייטן שוואונג, דעם גרויסן פאַרמעסט, וועלכער שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם דראַמאַטיזם פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

דערוויל באַוויזט ער נאָך אויפצוטרעטן דעם 9טן מאַי אין נואַרק, אין וואַלעס האָל, מיטן דאָרטיקן פרייהייט געזאַנג פאַראיין און מאַנדאָלין־אָרקעסטער אין אַן איינדרוקספולן קאָנצערט.

און ווידער איז זומער. שייפער איז ווידער אין קעמפּ. מאַכט צו־זאַמען מיט בוכוואַלד׳ן נייע המצאות, נייע ספּעקטאַקלען, נייע שקאָצערייען, סאַטירעס. שייפער דערגרייכט אין זיין קעמפּ־טעטיקייט אין 1930 די מדרגה פון אַ מייסטער אויך אַף דעם געביט ווי אַזוי צו פאַרכאַפּן און אַריינציען גרויסע מאַסן אין געזאַנג־סצענעס פון אַ גרויסן פאַרנעם.

אָבער די הויפּט־אַרבעטן אין זיינע פרייע שעה׳ען און אין די שפּעטע אָוונטן גיט ער אָפּ אַף „אָקטאָבער”. ער מייסטרעוועט און שלייפט יעדע טעמע, מאַנעווורירט מיט דיסקאָרדן אַף דעם אופן פון די מאָדערנע, אַרויסצובערענגען פון זיי נייע עפעקטן; הויכט אַריין אין זיי זיין ברייטן אָטעם אין די הויך־פּונקטן פון דער אָראַטאָריע, און קומענדיק נאָכן סעזאָן אין ניו יאָרק, ווייסט מען שוין פון דער גרויסער מתנה, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט, — אַ פאַרענדיקטן „אָקטאָבער”.

די „מאָרגן־פרייהייט” פון יענער צייט, הארבסט 1930, איז פול מיטן „אָקטאָבער”. מען באַשרייבט די פאַרשיידענע רעפּעטיציעס, מען דיס־קוטירט שטעלן פון טעקסט. אָלגין האַלט לעקציעס אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט וועגן דעם אינהאַלט פון „אָקטאָבער”, אַזוי, אַז טראָץ דעם דריקנדיקן קריזיס און שווערער צייט פילט דער פרייהייט געזאַנג פאַראיין אָן דעם קאַרנעגי האָל, דעם 20טן דעצעמבער. דער עולם הערט דעם „אָק־טאָבער” מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. דער פרייהייט געזאַנג פאַראיין, טראָץ אַ פאַרלוסט אין אַ געוויסער צאָל מיטגלידער צוליב די אומרואיקע צייטן, זינגט נאָך אַלץ אַזוי שיין און מעכטיק, אַז אין פיל פּלעצער פאַרטונקלט ער דעם סימפאָנישן אָרקעסטער. די סאָלאָ פון ליאָ ריקאָני איז טאַקע ניט זייער געראָטן, אָבער דער כאָר מיט זיין שוואונג און התלהבות פאַרדעקט אפילו דעם חסרון. די גרויסע מאַסן האָבן פאַרלאָזט קאַרנעגי האָל מיטן „אָקטאָבער” אין זייערע אויערן און הערצער.

פון די אָפּרופן, וואָס מיר זעען אין נאָכפאָלגנדיקע נומערן פון דער „מאָרגן־פרייהייט”, קאָן מען אָפּשאַצן וואָס פאַר אַ טיפן איינדרוק דער „אָקטאָבער” האָט געמאַכט. אין דער ציטונג גייט אוועק אַ סעריע פון פאָלקס־שטימען, בריוו אין רעדאַקציע, אַ פּאָלעמיק צווישן נאַדיר׳ן און בוכוואַלד׳ן וועגן טעקסט. „אָקטאָבער” איז אַף אַלעמענס ליפּן. עס איז ניט קיין וואונדער וואָס דורכן יאָר 1931 פאַרנעמט דער „אָקטאָבער” דעם גרעסטן פּלאַץ צווישן אַלע מוזיק־קאָנצערטן אַף דער אידישער לינקער גאַס.

אזוי זעען מיר ווי דעם 28טן פעברואַר ווערט ווידער געגעבן דער „אָקטאָבער“, דאָס מאָל אין מעקא טעמפּל, מיט סערגעי ראַדאַמסקי אַלס סאָליסט און מיט אַ סימפאָנישן אָרקעסטער. ראַדאַמסקי האָט זיך שוין אַריינגעלעבט אין גייסט פונעם טעקסט און די סאָלאָ איז געווען אין פולער קראַפט און אינספּיראַציע און אין האַרמאָניע מיטן שוואונג פון גאַנצן געזאַנג פאַראיין.

די פרילינג־מאָנאַטן פון 1931 זיינען שוין געווען קאָמפּאַקט מיט מוזיק־אונטערנעמונגען, עפּעס ווי אַ מין קאָמפּענסאַציע פאַרן פאַרגאַנגענעם „שטילן“ יאָר. אַזוי זעען מיר ווי די פרייהייט געזאַנג פאַראיינען פון ניו יאָרק, נוארק און פּעטערסאָן באַטייליקן זיך צוזאַמען דעם 11טן אַפּריל אין אַ פאַרשיידנאַרטיקער פּראָגראַם צום 9טן „פרייהייט“־יובילײ אין קאָליסייאום. מיט איין וואָך שפּעטער, דעם 18טן, טרעט דער פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער אויף צו זיין 7טן יערלעכן קאָנצערט אין טאַון־האָל מיט אַ הײדען־ און שוברט־פּראָגראַם. שייפער ווייזט דאָ אַן איבעריקן מאָל, אַז עס איז ניטאָ קיין שווערע סימפאָנישע קאָמפּאָזיציע, וואָס דער מאַנדאָלין־אָרקעסטער זאָל ניט קענען איבערגעבן אַף אַ ראַפינירטן, סענסי־טיוון אופן. אין אַ וואָך אַרום — דעם 25טן — ווידער אַן אַרויסטריט מיטן פרייהייט געזאַנג פאַראיין אין קאַרנעגי האָל מיט אויסצוגן פון „אָקטאָבער“, צום געזעגענונג־אָוונט פאַר אָלגינ׳ען, צו זיין אָפּפאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דער חודש מאַי שטייט אויך ניט אָפּ. אַזוי זעען מיר ווי דעם 9טן מאַי טרעט שייפער אַרויס אינעם זעלבן אָוונט גלייכצייטיק אַף צוויי מוזיק־סצענעס: אין קאַרנעגי האָל מיט די פרייהייט געזאַנג פאַראיינען פון ניו יאָרק און פּעטערסאָן און אַ סימפאָנישן אָרקעסטער, צו דעם 8טן יובילײ פונעם פאַראיין, וואו ער דיריגירט מיט מישאַ צעווקין אַ פּראָגראַם פון לידער ווי אויך די „צוויי ברידער“. אין דער סאָלאָ פון די „צוויי ברידער“ טרעט אַרויס די אָפּערע־סאָפּראַנאָ פרענסים זיבל. דער צווייטער קאָנצערט אין זעלבן אָוונט קומט פאָר אין נוארק, וואו ער, שייפער, דירי־גירט דעם פרייהייט געזאַנג פאַראיין, אין וואַלאַס האָל. אַפן זעלביקן אָוונט טרעט אויך אַרויס דער דאָרטיקער פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער, דיריגירט פון א. קריינים.

צום 15טן שלום־עליכם יאָרצייט טרעט שייפער אַרויס מיטן ניו יאָרקער פרייהייט געזאַנג פאַראיין אין מעקא טעמפּל צוזאַמען מיטן אַרטעף. די הומאָריסטישע לידער, מערסטנס שייפער׳ס קאָמפּאָזיציעס, זיינען אין איינקלאַנג מיט שלום־עליכמ׳ס צוואה, אַז מען זאָל ניט טרויערן נאָך זיין

טויט. מיט עטלעכע טעג שפּעטער, דעם 29טן מאַי, טרעט שייפער אויף מיטן פריייהייט געזאַנג פאַראיין, אַף דער ריזיקער ערשטער קאָנווענשאָן־דערעפענונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן, אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן. די דעלעגאַטן פון איבערן גאַנצן לאַנד באַוואונדערן דעם ניו יאָרקער פרייהייט געזאַנג פאַראיין און שייפער'ס קאָמפּאָזיציעס. דאָס גיט אַ שטויס נאָך ווייטער דער אויסשפּרייטונג פון דעם אידישן מוזיקאַלישן ארבעטער־פאַרבאַנד.

שייפער ווערט איינגעלאַדן אַפן 7טן יוני צום ערשטן קאָנצערט פון די פרייהייט געזאַנג פאַראיינען פון פּראָווידענס און פאָל־ריווער, און דער עולם אין פּראָווידענס פילט זיך דערהויבן צו האָבן מיט זיך דעם חשוב'ן גאַסט.

דעם 14טן יוני ווערט אין ניו יאָרק אָפּגעהאַלטן די קאָנפערענץ פון דער „וואָירקערס קאַלטשורעל פעדעריישאָן". שייפער ווערט באַערט פון דער קאָנפערענץ און ווערט אויסגעקליבן צווישן אַנדערע חשוב'ע אָנטייל־נעמער אין פּרעזידיום פון דער קאָנפערענץ.

דעם זומער־סעזאָן פון 1931 ארבעט שוין שייפער צום ערשטן מאָל אַלס מוזיק־דירעקטאָר אין קעמפּ „קינדערלאַנד". די אַטמאָספערע אין „קינדערלאַנד" — אַ מער אידיש־רעדנדיקע און אידיש־קולטורעלע — איז נאָך אַ בעסערער באָדן פאַר שייפער'ס דערפינדערישער און פּאַרוויילערי־שער אַרבעט. גלייכצייטיק אַרבעט שוין שייפער אַף דער נייער אָראַטאָריע „קיין איינציקן שפּאָן" פון פּרץ מאַרקיש. די קעמפּ־אַדמיניסטראַציע גיט שייפער'ן אַלע מעגלעכקייטן און באַקוועמלעכקייטן צו קענען אָנגיין אומ־געשטערט סיי מיט זיין ארבעט פאַרן קעמפּ און סיי מיט זיין אָראַטאָריע. דעם 22טן און 23טן אויגוסט קומט דער פרייהייט געזאַנג פאַראיין פון ניו יאָרק אַראָפּ אין זיין פולער אויסשטאַטונג פאַר די רעוואָלוציאָנערע מוזיק־טעג אין „קינדערלאַנד". שייפער גיט די פראַגמענטן פון „אָק־טאָבער", וואָס זיינען שוין אַזוי באַרימט געוואָרן, און דער קעמפּ יובל'ט מיט אמת'ער מוזיקאַלישער פרייד. פון דעם סעזאָן איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז די „קינדערלאַנד"־אַדמיניסטראַציע וועט שוין שייפער'ן ניט אָפּלאָזן און וועט אים מאָנאָפּאָליזירן ווען זי וועט נאָר קענען.

די האַרבסט־טעטיקייטן האָבן זיך אָנגעהויבן בא שייפער'ן מיט אינ־טענסיווע רעפּעטיציעס פאַרן „קיין איינציקן שפּאָן". צווישן די גרעסערע אונטערנעמונגען, אַף וועלכע ער טרעט אַרויס, זיינען די בולט'סטע — דעם 26טן סעפּטעמבער אין קאַרנעגי האָל, פאַרן „איקאָר", מיט פראַגמענטן פון „אָקטאָבער" און אַנדערע לידער, צווישן וועלכע א. קורצ'ס „רויט־

פראָנט" ציט אויפמערקזאַמקייט. אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט באַקומט דער סאָוועטישער גאַסט־סאָליסט איזידאָר בעליאַרסקי; דערנאָך קומט ווינטשעווסקי׳ס 75־יאָריקער יובילײ, דעם 22טן נאָוועמבער, אין מעדיסאָן סקוועך גאַרדן, וואו שייפער טרעט אַרויס מיטן פרייהייט געזאַנג פאַראיין און קינדער־כאָר פון די אָרדן־שולן; און ווידער אַף דער אונטערנעמונג פאַרן „איקאָר", דעם 26טן נאָוועמבער אין קאַרנעגי האָל, וואו ער טרעט אַרויס מיט ביידע מוזיק־אָרגאַניזאַציעס, מיטן פרייהייט געזאַנג פאַראיין און מיטן פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער, און אַליין מיט „אָקטאָבער"־פראַגמענטן, אין וועלכע בעליאַרסקי זינגט די סאָלאָ.

דאָ קומט די פּרעמיערע פון „קיין איינציקן שפּאַן". יעדע נייע אָראַטאָריע ווערט פון דעם לינקן מוזיקאַלישן עולם אויפגענומען ווי אַ גרויסע געשעעניש. דעם 19טן דעצעמבער ווערט דער קאַרנעגי האָל איבער־פילט מיט אַ האַרץ־קלאַפּנדיקן עולם. דער פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער גיט אַן ערשט־קלאַסיקן קאָנצערט פון די גרויסע סימפאָנישע מייסטערס. אָבער דער עולם איז אומגעדולדיק. ער קריגט ערשט דעם מאַקסימום באַ־פרידיקונג און צעוויקלט זיין ענטוזיאַזם, ווען ער הערט דעם „קיין איינציקן שפּאַן". אויך דאָס מאָל איז שייפער געקומען, געזען דעם עולם און אים באַזיגט.

10. שייפער דערהאַלט אַ ברייוול

אין אָנהויב 1932 זיינען די טוער פון פרייהייט געזאַנג פאַראיין, צוזאַמען מיט שייפער׳ן, פאַרטאָן אין צוגרייטן דעם 3טן צוזאַמענפאָר פון מוזיקאַלישן אַרבעטער־פאַרבאַנד, אינטענסיווע און אָפטע רעפּעטיציעס מיט די כאָרן און קלענערע אַרויסטרעטונגען נעמען צו באַ שייפער׳ן פיל צייט. ניט זעלטן דערשיינט דער פרייהייט געזאַנג פאַראיין אפילו אַף אונטערנעמונגען פון אַ ברענטש־כאַראַקטער, אויב דער פאַרנעם באַ זיי איז אַ גרויסער. אַזוי דערשיינט ער מיטן געזאַנג־פאַראיין צו אַן אונטער־נעמונג אין אָנהויב פעברואַר באַם בערדיטשעווער ברענטש 4 פון אינטער־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. זיי, די בערדיטשעווער, ווייסן ווי צו ברענגען אַן עולם.

דעם 20טן פעברואַר קומט פאָר די פייערלעכע דערעפענונג פון דריטן צוזאַמענפאָר פון מוזיקאַלישן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין מעקאַ טעמפּל, מיט אַ פאַרשיידנאַרטיקער פּראָגראַם, צוויי כאָרן פון „קיין איינציקן שפּאַן" און אַ קלאַסישע פּראָגראַם פון מאַנדאָלין־אָרקעסטער. שייפער איז דער הויפּט־

דיריגענט, כאָטש עס דיריגירן אויך דיריגענטן פון אַנדערע געזאַנג פאַר־איינען. דאָס איז געווען אַן אמת'ער מוזיק יום־טוב און אַ דעמאָנסטראַציע פאַרן אידישן רעוואָלוציאָנערן ליד.

דעם 2טן אַפּריל דערשיינט שייפער מיטן פרייהייט געזאַנג פאַראיין אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, צום 10טן יובילייִ פון דער „מאָרגן־פרייהייט". דער כאָר שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אַ גראַנדיעזן מאַסן־ספּעקטאַקל צו־זאַמען מיטן אַרטעף און אַ גרופּע טענצער. עס איז אַ קאָמפּאַקטער חודש, אָט־דער אַפּריל, פאַר שייפער'ן. מיר זעען ווי דעם 10טן אַפּריל דיריגירט ער אין נואַרק דעם דאָרטיקן פרייהייט געזאַנג פאַראיין און מאַנדאָלין אָרקעסטער אין דעם „וואַי־עם־עיטש־עי" אוידיטאָריום, אין אַ געמישטער אַלזייטיקער פּראָגראַם. דעם 20טן אַפּריל איבערראַשט ער דעם עולם אין וועבסטער האָל צו אַן אונטערנעמונג פון דער אידישער ביוראָ מיט אַ פּראָגראַם פון סאַטירישע אַנטי־רעליגיעזע לידער. דעם 23טן דערשיינט ער אין טאַון האָל מיטן פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער אין אַ קלאַסישער פּראָגראַם, און ער פרייט זיך וואָס דער עולם נעמט אויף גוט זיין חבר מאַלאַמוט'ס אַן אייגענע קאָמפּאָזיציע: „רעוואָלוציאָנערע סקיצן". דעם 24טן אַפּריל טרעט ער אַרויס מיטן פרייהייט געזאַנג פאַראיין אין וועבסטער האָל אַפן גראַדואיר יום־טוב פון דער מיטלשול.

שייפער נעמט זיך באַאַרבעטן פיל פון זיינע פריערדיקע קלענערע קאָמפּאָזיציעס, באַנייט אַנדערע פון זיי פולשטענדיק און אַנדערע שלייפט ער אויס אין איינקלאַנג מיט זיינע נייע דערפאַרונגען און מוזיק־לערע.

דעם 27טן מאַי דיריגירט ער מיטן פרייהייט געזאַנג פאַראיין אין קליוולאַנד אַלס גאַסט־דיריגענט און קריגט אַן אומפאַרגעסלעכע אויפנאַמע. שייפער איילט צוריק קיין ניו יאָרק. ער האָט פאַרשיידענע פּלענער פאַרן „קינדערלאַנד". ער דאַרף זיך דורכרעדן מיט בוכוואַלד'ן, פענסטער'ן. ער גרייט זיך פאַר אַ נייער גרעסערער אַרבעט. אָבער אין אַ שיינעם אינ־דערפרי באַקומט ער צווישן זיין קאָרעספּאָנדענץ אַ בריוול, וואָס ענדערט אַלע זיינע פּלענער. ער שפּרינגט אויף מיט שמחה: הער, לאה, מיר פאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד!

זעכצטער קאַפּיטל

די רייזע קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד

1. צוגרייטונגען און אָפּפאָר

זינט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין 1917 האָט שייפער גע'חלומ'ט וועגן מאַכן אַ רייזע אין דעם אָקטאָבער־לאַנד און זען מיט זיינע אייגענע אויגן די גרעסטע איבערקערעניש אין דער מענטשלעכער געשיכטע. נאָך ווען ער האָט געשריבן די אָראַטאָריע צום טעקסט פון בלאָק'ס „צוועלף", האָט ער געפילט, אַז זיין שאַפן וואָלט אין אַ גאָר גרויסער מאָס באַפרוכפּערט געוואָרן, ווען ער וואָלט אוממיטלבאַר דערפילט מיט אַלע זיינע חושים דעם ציטער פון אַ דירעקטן באַריר מיטן אמת'ן פּאָטערלאַנד.

עטלעכע מאָל, זינט 1930, נאָכן שאַפן די „אָקטאָבער"־אָראַטאָריע, האָט ער אויסגעאַרבעט פּלענער ווי איין מאָל פאַר אַלע מאָל דורכפירן זיין לאַנגן חלום, אָבער שטענדיק האָבן זיך אויפגעהויבן שוועריקייטן, נאָך וועלכע ער האָט געדאַרפט צייטווייליק אויפגעבן די רייזע.

אין אָנהייב 1932 האָט חבר י. סולטאַן גענומען אַ האַנט אין דעם ענין און איבערגעשריבן זיך וועגן דעם מיט איציק פעפער'ן. אויך שייפער אַליין האָט זיך מיט דעם דיכטער איבערגעשריבן און אין זיינע בריוו האָט ער אָנגעוואָרפן אַ פּלאַן פון אויפפירן די „אָקטאָבער"־אָראַטאָריע צו דער געלעגנהייט פונעם 15טן יובילײ פון דער סאָוועטן־רעוואָלוציע.

די קאָרעספּאָנדענץ איז געווען אַ פאַרצויגענע. ערשט אין אָנהייב יוני האָט שייפער דערהאַלטן פון א. פעפער'ן דעם פאָלגנדיקן בריוו, דאַטירט דעם 20טן מאַי, 1932:

„ליבער חבר שייפער!

כ'האָב אייך ביז איצט ניט געענטפערט, ווייל די לאַגע איז נאָך ניט קלאָר געווען. היינט האָב איך זיך ענדגילטיק צונויפגערעדט מיטן פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג און ס'איז פּרינציפּיעל אָנגענומען (געוואָרן) אייער פאָרשלאַג. כ'האָב זיי איבערגעגעבן אייערע בריוו צו מיר, ווי אויך די רעקאָמאַנדאַציע פון חבר סולטאַן.

איצט ווערט אויסגעאַרבעט דאָס צעטל פון געסט, וואָס ווילן קומען צו די אָקטאָבער־פייערונגען, און איך האָף, אַז איר וועט באַשטימט זיין צווישן זיי. די ווייטערדיקע פאַרבינדונג דאַרפט איר האַלטן מיט חבר

גולקא, וועלכער רעאַליזירט אייער קומען אַהער.
איך גלויב, אַז אויך דאָ וועט איר האָבן דעם פאַרדינטן דערפאָלג.
. . . נעמט צו די בעסטע גריסן מיינע. גיט איבער אַ גרוס דעם חבר סולטאַן און זייט אַזוי גוט אים אינפאָרמירן וועגן מיין בריוו צו אייך.
מיט האָפענונג גיך זיך צו זען מיט אייך אַף דער סאָוועטישער ערד!
איציק פעפער."

אָט־דאָס דאָזיקע קורץ בריוול איז פאַר שיפער'ן געווען די בעסטע מוזיק, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט. ער האָט זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט ש. גולקאָ'ן דורך אַ בריוו און זיך גענומען גרייטן צו דער רייזע. אָבער גולקאָ'ס ענטפער איז ערשט אָנגעקומען צום סוף יולי, מיט פאַרשיידענע אַנטשולדיקונגען פאַר דער פאַשפעטיקונג, און דער ענטפער איז געווען ניט אָן אַ געוויסער אַנטוישונג. צווישן אַנדערעס שרייבט אים ש. גולקאָ אינעם בריוו, דאַטירט דעם 14טן יולי:

„דער פאָרשלאַג אייערער איז זייער אַן אינטערעסאַנטער, און אין דער זעלבער צייט אַ קאָמפּליצירטער. מיר האָבן כאָרן, אָרקעסטערס, אָבער זיי זיינען צעוואָרפן אין פאַרשיידענע שטעט פונעם סאָוועטן-פאַרבאַנד. די רייד גייט דאָך וועגן אידישע כאָרן. רעאַליזירן אייער פּראָגראַם איז פאַרבונדן מיט אַ גרויסער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, וואָס פאָדערט אַ ספּעציעלן מענטשן, וועלכער זאָל זיין דאָ אַפן אָרט, און זיך מיט דער פראַגע פאַרנעמען, זי אָרגאַניזירן. דאָס פאָדערט אויך קאָלאָסאַלע מיטלען. ווייל אויב שוין יאָ אָרגאַניזירן, דאַרף מען עס דורכמאַכן ערנסט, עס זאָל זיך ניט באַקומען קיין כאַלטורע . . . דאָס אַלץ צווינגט אונז זיין זייער פאָרזיכטיק, מיר זאָלן ניט דורכפאַלן. נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך באַראָטן מיט אונזערע מוזיק-אָרגאַניזאַציעס, האָבן מיר באַשלאָסן אייך ענטפערן אָט דאָס: מיר ווילן איר זאָלט קומען, אָבער קומען אַזוי ווי עס וועלן קומען אַנדערע הונדערטער דעלעגאַטן, אַרבעטער, קולטור-טוער, קינסטלער פון אויסלאַנד צום אָקטאָבער-יובילייִ. און אַז איר וועט שוין זיין דאָ אַפן אָרט, וועלן מיר זען עפּעס טאָן, דאָס הייסט, אַז מיר נעמען אַף זיך ניט קיין התחייבות'ן, קיינע גאַראַנטיעס, אָבער פולע שטיצע זאָגן מיר אייך צו. אַלזאָ, קריגט וויזעס, שליסט זיך איין אין איינער פון די דעלעגאַציעס, האַלט אויף מיט אונז אַ פאַרבינדונג, און אַז איר וועט שוין קומען אַהער צו אונז איז — „באַ דער ראַטן-מאַכט ווערט מען ניט פאַרפאַלן". מיר וועלן שוין ווי עס איז אַדורכקומען. איך האָף, אַז איר האָט פאַרשטאַנען און וועט טאָן אַזוי ווי מיר רעקאָמענדירן אייך.
מיט בעסטן חבר-גרוס,
נאַצמינד-אינספּעקטאָר באַם פאָלקאָמבילד פון או. ס. ס. ר.
מ. גולקאָ."

דער בריוו, ווי מיר זעען, איז געווען כמעט אַן אַפּזאָג בנוגע אַן אַרויסטריט און אין אַ געוויסער מאָס אַ צווייפל אין שייפער׳ס אָרגאַניזאַציאָנעלע פייאיקייטן און אין דעם וויכטיקן באַדייט פון זיין מוזיק. אַן אַנדערער אויף שייפער׳ס פּלאַץ, וואָלט איינגאַנצן אַראָפּגעלאָזט די הענט און אפשר אויפגעגעבן די רייזע. שייפער איז אָבער געווען זיכער, אַז ער וועט אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט אַלץ קענען אָרגאַניזירן און אַז ער האָט עפּעס נייעם פאַרן סאָוועטישן עולם אויף דעם רעוואָלוציאָנערן מוזיקאַלישן געביט. ער האָט זיך גלייך גענומען גרייטן צו דער לאַנגער רייזע.

מאָנטיק, דעם 15טן אויגוסט, איז פאָרגעקומען די ערשטע רעפּעטיציע פון דעם סעזאָן פון אַלע פרייהייט געזאַנג פאַראיין סעקציעס אין ניו יאָרק, וואו שייפער האָט אָנגעפירט מיט דער רעפּעטיציע און האָט אריינגעפירט דעם נייעם דיריגענט, חבר אַבראַמאָוויטש, צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ ביז זיין אומקער פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אינעם זעלבן טאָג דערשיינט אויך זיין אַרטיקל אין דער „מאָרגן־פרייהייט" — „די נשמה פון די סטאַדיום־קאָנצערטן".

דעם 20טן אויגוסט איז לכבוד אים אַראַנזשירט געוואָרן אַ באַנקעט פון אַלע סעקציעס פון פרייהייט געזאַנג פאַראיין און דעם אָרקעסטער אין אירווינג פּלאַזאַ, אויף וועלכן מ׳האָט ערשט געקענט אַרויסזען די עכטע ליבשאַפט און אַכטונג, וואָס שייפער האָט זיך דערוואָרבן צווישן זיינע הונדערטער תלמידים. מ׳האָט עס געקענט זען אין די פאַרשיידענע גוט־ברודערישע לידלעך, וואָס מיטגלידער פון די פרייהייט געזאַנג פאַראיינען און פון מאַנדאָלין־אָרקעסטער האָבן אימפּראָוויזירט, אַזעלכע ווי, למשל, „איי, איי, יאַנקאַל פאָרט אוועק", און די „אָראַטאָריעטע", ווי אויך פון די פאַרשיידענע טעלעגראַמעס, וואָס זיינען אָנגעקומען צום באַנקעט, ווינטשנדיק אַ גליקלעכע רייזע דעם באַליבטן מוזיקאַלישן פירער.

ווען יעקב און לאה שייפער זיינען, דעם 23טן אויגוסט, געקומען אויף דער שיף „אייראָפּאַ", האָבן שוין אויף זיי געוואַרט צענדליקער חברים מיט בלומען און געשיקט מיט זיי חבר׳שע גרוסן „צו דעם לאַנד פון אונזערע אידעאַלן".

2. די ערשטע טעג אין כאַרקאָוו

שייפער׳ס גרויסע האַרץ האָט מעכטיק געקלאַפּט, ווען ער איז, אין דער באַגלייטונג פון זיין פרוי, לאה, באַטראָטן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. איין טייל פון זיין חלום האָט זיך שוין פאַרווירקלעכט. אַט זעט ער מיט

זיינע אויגן די גרויסע איבערקערעניש. ווען ער האָט פאַרלאָזט רוסלאַנד אין 1910 איז דעם צאַר'ס מאַכט נאָך געווען גענוג שטאַרק, אַז ער זאָל זיך פון איר דאַרפן אַרויס'גנב'ענען איבערן גרענעץ און זיך דאַרפן היטן פון די צאַרישע וועכטער. פּריצים און קאַפּיטאַליסטן זיינען דעמאָלט געווען די „אויבערשטע פון שטויסל". אין כאַרקאָוו האָבן אידן ניט געקענט אַריינפאָרן אָן אַ ציטווייליקער, ספּעציעלער דערלויבעניש. און איצט פאָרט ער פראַנק און פריי, אָן מורא פאַר צאַרישע שפּיאָנען און וועכטער. ער פאָרט ווי אַן איינגעלאַדענער גאַסט פון דער אוקראַינער סאָוועטן־רעגירונג צו איינער פון די גרעסטע פייערונגען אינעם לאַנד, צום 15טן יובילײ פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. און פאָרן פאָרט ער גלייך אַריין אין דער הויפּט־שטאָט פון אוקראַינע (אין יענער צייט), אין כאַרקאָוו.

איצט דאַרף ער זען דורכפירן דעם צווייטן טייל פון זיין חלום. ער מוז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד דורכפירן זיינע אָן אָראַטאָריע. זיין „אָק־טאָבער" איז דאָך אַזאַ נאָענטער מחותן מיטן באַפרייטן לאַנד און מיט זיין גרויסער אָקטאָבער־פייערונג.

פון דעם 4טן סעפּטעמבער, ווען ער איז אָנגעקומען קיין כאַרקאָוו, האָט ער גלייך אָנגעהויבן צו ווירקן, אַז עס זאָל אים געגעבן ווערן אַ מעגלעכקייט צו דעמאָנסטרירן פאַר מוזיקער פּאַבליט טיילן פון זיין „אָקטאָבער". ער איז געווען זיכער, אַז קוים וועט אים דאָס געלינגען, וועט שוין דאָס איבעריקע קומען פון זיך אַליין. דער נאָטיץ, וואָס איז דערשינען אין „שטערן", די אידישע טעגלעכע צייטונג אין אוקראַינע, האָט אים צו־געגעבן אַ ביסל מוט, כאָטש דאָרט האָט זיך בלויז גערעדט וועגן אַ מעגלעכקייט פון אַ פּאָר סימפאָנישע קאָנצערטן. דער נאָטיץ אין „שטערן" פון 7טן (?) סעפּטעמבער, 1932, לייענט זיך:

„דעם 4טן סענטיאַבער (סעפּטעמבער) איז אָנגעקומען פון ניו יאָרק דער באַוואוסטער קאָמפּאָזיטאָר און פּראָלעטאַרישער מוזיק-טוער, דער אָנ-פירער מיט די אידישע „פרייהייט"-געזאַנג-פאַראיינען אין אַמעריקע, דער חבר יאַנקל שייפער.

„דער חבר שייפער איז געקומען אין ראַטנפאַרבאַנד צו באַטייליקן זיך אין די אָקטיאַבער-פייערונגען.

„דער חבר שייפער וועט מעגלעך אָרגאַניזירן אין כאַרקאָוו אַ פּאָר סימפאָנישע קאָנצערטן אין דער באַטייליקונג פון אַרבעטער-כאָרן."

עס פאַרשטייט זיך, אַז גלייך פון אָנהייב האָט שייפער אַלעמען פון די שרייבער און מוזיקער, וועלכע ער האָט באַגעגנט, פּשוט געפאַנגען מיט זיין ערלעכער איינפאַכקייט און אָפנהאַרציקייט. זיין פאַרלאַנג בנוגע אַן

אוונט, אַף וועלכן ער זאָל קענען דעמאָנסטרירן אייניקע אויסצוגן פון „אָקטאָבער” איז, קענטיק, גלייך נאָכגעגעבן געוואָרן.

עס איז גלייך אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיטעט פון מוזיקער, מיט פּראָפעסאָר ראָזענשטיין אַלס פּאָרזיצער, און מ'האָט איבערגעגעבן אין שייפער'ס רשות צוויי אויסגעצייכנטע פּיאַניסן און צוויי סאָליסטן, אַז ער זאָל מיט זיי אין משך פון צוויי וואָכן איינשטודירן און צוגרייטן אַ דעמאָנסטראַציע פונעם „אָקטאָבער”.

גלייכצייטיק האָבן שייפער מיט לאה'ן באַקומען פון דער רעגירונג אַ פּראַכטפולן צימער אין אַ האָטעל מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. אַזוי שנעל ווי מ'האָט זיך דערוואוסט, אַז שייפער האָט אַ ווידערווילן צו עסן אין רעסטאָראַנען, האָט מען פאַר אים באַשטעלט אַ ספּעציעלן קוכער, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אונטער לאה'ס אינסטרוקציעס, און ער האָט צוגעגרייט פאַר אים די געהעריקע דיעטע.

שייפער האָט זייער שווער געאַרבעט אַף צוגרייטן די דעמאָנסטראַציע. ער האָט זיך ניט באַנוצט מיט די צוויי וואָכן, וואָס זיינען אים געגעבן געוואָרן, ווייל מיר זעען, אַז דעם 13טן סעפּטעמבער, אינגאַנצן 9 טעג נאָך זיין קומען, איז שוין די דעמאָנסטראַציע פאָרגעקומען אין כאַרקאָווער מוזיקאַליש-דראַמאַטישן אינסטיטוט. אַף דער פּראָבע זיינען אַנוועזנד געווען אַ גרויסע צאָל מוזיקער, קאָמפּאָזיטאָרן, אַזעלכע ווי פּראָפעסאָר ראָזענשטיין, זאַגראַניטשני און אַנדערע, אידישע שרייבער און קולטור-טוער, ווי אויך קולטור-באַאמטע פון דער רעגירונג. מער ווי דאָס האָט שייפער ניט געדאַרפט. אָט וואָס עס שרייבט וועגן דער דאָזיקער פּראָבע דער „שטערן” פון 15טן סעפּטעמבער, 1932:

„. . . די דעמאָנסטרירטע טיילן האָבן געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק אַף דער אודיטאָריע. ניט געקוקט אַף דעם, וואָס די אָראַטאָריע איז געשריבן געוואָרן פאַר אַ גרויסן סימפאָנישן אָרקעסטער און כאָר, און די אויסצוגן זיינען געגעבן געוואָרן בלויז אַף אַ פּיאַנאָ מיט באַטייליקונג פון אַ סאָליסט, אַזוי אַז עס האָט זיך געמוזט באַקומען נאָר אַ שאָטן פונעם ווערק, — איז דאָך געגנוג געווען צו באַווייזן דעם גרויסן פאָרנעם פונעם ווערק און דעם שטאַרקן און זייער אָריגינעלן טאַלאַנט פונעם קאָמפּאָזיטאָר.

„אינעם שמועס, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך דער פּראָבע, האָבן די חברים מוזיקער-קאָמפּאָזיטאָרס (קאָזיצקי, טינץ און אַנדערע) באַגייסטערט אַרויסגעזאָגט זיך וועגן דער עמאָציאָנעלער אָנגעלאָדנקייט פון דער אָראַטאָריע, וועגן דעם אייגנאַרטיקן קרעפטיקן טאַלאַנט פונעם חבר שייפער. . . .

„. . . אַלע האָבן צוגעגעבן, אַז דאָס ווערק פונעם חבר שייפער טראָגט אַריין אַ נייעם דערפרישנדיקן שטראָם אין דער פּראָלעטאַרישער מוזיק.”

די אוקראַינישע מלוכה׳שע פילהאַרמאָניע האָט גלייך אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג און באַשלאָסן אָנצונעמען די אָראַטאָריע און אָננעמען אַלע מיטלען, אַז זי זאָל אויפגעפירט ווערן אַף די אָקטאָבער־פייערונגען. צוליב דעם צוועק האָט מען אַסיגנירט אַ דערוויילּיקע סומע פון זעכציק טויזנט רובל, אַרויסגעלאָזט אַ מאָביליזיר־רוף פאַר זינגער, כדי צו פאַרשטאַרקן די כאָר־קאָוועך און קיעווער כאָרן, מיט אַ געהאַלט פון 100 רובל אַ חודש (פאַר קומען צו אָוונט־פּראָבן) און געשטעלט אין שייפער׳ס רשות די אוקראַינער מלוכה׳שע פילהאַרמאָניע.

שייפער האָט אויך באַקומען די אַרטיקע קאַפּעליע. זי איז איינגע־טיילט געוואָרן אַף צוויי טיילן. מיט איין טייל האָט ער אַליין געאַרבעט און מיט אַ צווייטער גרופּע — דער דאָרטיקער דיריגענט זאַגראַניטשני. גלייכ־צייטיק האָט מען אוועקגעשיקט אַ קאָפּיע פון דער סקאָר מיט אַ ספּעציעלן שליח צום קיעווער קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט שײַנין, אַז ער זאָל עס איינשטודירן מיט זיין קיעווער כאָר. שיינין האָט עס באַוויזן צו טאָן אין משך פון צען טעג, און איז דערנאָך אַראָפּגעקומען מיט זיין כאָר קיין כאַרקאָוו. שייפער איז געווען זייער צופרידן צו זען, ווי די אָראַטאָריע איז איינגעשטודירט געוואָרן פון די קיעווער, אַקוראַט ווי ער אַליין וואָלט מיט זיי רעפּעטירט. אַלץ איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן ביז די קלענסטע דעטאַלן.

אָבער דאָס אַלץ איז נאָך ניט געווען גענוג. מ׳האָט ערשט צוזאַמענ־גענומען בײדע כאָרן און זיי צעטיילט אַף דריי טיילן. שייפער האָט גע־נומען איין טייל, זאַגראַניטשני — אַ צווייטן און שיינין — דעם דריטן, און אַלע דריי האָבן שווער געאַרבעט.

שייפער האָט אויך באַקומען נאָך זיבן ספּעציעלע מענטשן צו הילף: דריי אַדמיניסטראַטאָרן — אַ אידישן, אַן אוקראַינישן און אַ רוסישן, דריי „פּובליסיטי״־אַגענטן, אויך פאַר די דריי שפּראַכן, און אַ אידישן ביבליאָטעקאַר.

די סאָליסטן, וואָס מ׳האָט צוגעשטעלט שייפער׳ן, זיינען געווען פון דער כאַרקאָווער אָפּערע. דער אָרקעסטער פון דער אוקראַינישער מלוכה־פילהאַרמאָניע איז באַשטאַנען פון 75 געשולטע מוזיקאַנטן, מיט וועלכע ער האָט רעפּעטירט יעדן טאָג. דער אַלגעמיינער כאָר איז באַשטאַנען פון 80 זינגער. אגב, זיינען אין כאָר געווען אויך פינף אוקראַינער — פיר באַסן און איין אַלטאָ, און זיי האָבן איינשטודירט דעם אידישן טעקסט ניט ערגער ווי די אידן אַליין. דער כאָר האָט רעפּעטירט רעגולער יעדן אָוונט ביזן אויפטריט.

3. שייפער „פאַרכאַפּט" די שטאָט

שייפער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון צוגרייטן דעם אויפטריט אין פאַרלויף פון די עטלעכע וואָכן, וואָס זיינען אים געבליבן, מיט זיין כאַראַקטעריסטישן ברען און אָרגאַניזיר־קראַפט. מ'האָט געדאַרפט אָרגאַניזירן אַ גאַנצן אַפּאַראַט, אַראָפּברענגען די קיעווער קאַפּעליע (כאָר), צוגרייטן די פּאַרטיטורן, אויסהערן די נייע זינגער און דורכפירן די צענד־ליקער פּראָבעס מיט די שטים־סעקציעס, דאַן מיטן אַלגעמיינעם כאָר, מיטן סאָליסט, מיטן סימפאָניע־אָרקעסטער — און דאָך האָט נאָך שייפער גע־פונען צייט אַף צוגרייטן רעפעראַטן, אַרטיקלען, קומען אַף זיצונגען פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטן, א. אַז. וו.

אַזוי זעען מיר (פון מעלדונגען אין „שטערן"), ווי ער באַטייליקט זיך דעם 28טן סעפּטעמבער אין אַ זיצונג פון דעם קונסט פּאָליט־ראַט, וואָס איז פאָרגעקומען אינעם כאַרקאָווער אידישן מאַשין־בוי טעכניקום. מיר זעען זיין אַרטיקל אין „שטערן" פון 30טן סעפּטעמבער, 1932, מיטן קעפּל „מ'דאַרף פון ביידן פּטור ווערן". דער אַרטיקל באַציט זיך אַף דעם צו־שטאַנד פון רעליגיע צווישן די אידן אין אַמעריקע. מיר זעען ווי ער דער־שיינט אין אָנהייב אָקטאָבער אַף אַן אויסערגעוויינלעכן מיטינג פון קינדער און לערער אין דער ניינטער אידישער פאָלקס־שול אין כאַרקאָוו און האַלט אַ רעדע־פאַר די קינדער־פּיאָנערן וועגן פאַרבינדן זיך מיט די אַמעריקאַנער קינדער, וועגן דעם לעבן פון אַרבעטער־קינדער אונטערן קאַפּיטאַליזם, און דערציילט זיי: „ניט איין קינד האָט זיך געבעטן, ווען איך בין געפאָרן אַהער, אַז איך זאָל עם אַריינלייגן אין דער קעשענע צו זיך, אַבי זיין אין ראַטנפאַרבאַנד." *)

אַף דעם זעלבן מיטינג איז אויך אַרויסגעטראָטן דער דיכטער חבר ה. בלאָשטיין מיט אַ גרוס פון די קינדער אין אַרגענטינע און ווען ער האָט געענדיקט האָט זיך שייפער פאַרמאָסטן אין עטלעכע געציילטע מינוטן אויסלערנען די קינדער דאָס אַמעריקאַנער אַרבעטער־ליד „אַן דהי פּיקעט־לאַין". און אין עטלעכע מינוטן האָבן אַלע קינדער געזונגען דאָס מונטערע ליד פון די אַמעריקאַנער סטרייקער.

דעם 2טן אָקטאָבער איז אינעם כאַרקאָווער קלוב „דריטער אינטער־נאַציאָנאַל" פאָרגעקומען אַ מאַסן קבלת־פּנים פאַר דעם גאַסט־קאָמפּאָזיטאָר פון אַמעריקע. מיט שעה'ען פריער איז שוין דער גרויסער זאַל פונעם קלוב געווען אַ געפּאַקטער און הונדערטער מענטשן זיינען געבליבן אין

*) „זיי גרייט", אָקטאָבער 9, 1932.

דרויסן. אינעם פרעזידיום פון אָט־דער פייערלעכער פאַרזאַמלונגען זיינען איינגעלאַדן געוואָרן פאָרשטייער ניט בלויז פון געזעלשאַפטלעכע, ליטע־ראַרישע און קינסטלערישע אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך פאָרשטייער פון כאַרקאָווער פאַבריקן און זאַוואָדן. די גאַנצע כאַרקאָווער ארבעטערשאַפט האָט דורך אירע פאָרטרעטער באַגריסט שייפער׳ן דעם פּראָלעטאַרישן קאָמ־פּאָזיטאָר, שייפער׳ן דעם קאָמוניסטישן אמעריקאַנער שליח, שייפער׳ן דעם אָרגאַניזאַטאָר פונעם רעוואָלוציאָנערן מוזיקאַלישן פראָנט אין אמעריקע.

כדי צו געבן דעם קבלת־פּנים אַ נאַציאָנאַלן און אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער, האָט מען אין ערן־פּרעזידיום דערווײַלט די גאַנצע פּאָליט־ביוראָ פון אַלפאַרבאַנדישן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מיט חבר סטאַלינ׳ען אין דער שפּיץ, חבר פּאָסטער׳ן, דעם סעק־רעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אמע־ריקע און די אידישע קאָמוניסטישע פירער אין אמעריקע, די חברים אָלגין און סולטאַן.

אַ גאַנצע ריי חשוב׳ע פּערזענלעכקייטן האָבן באַגריסט דעם גאַסט: פונעם אוקראַינישן בילדונגס־קאָמיסאַריאַט — בורגאַנסקי, פון רעדאַקציע „שטערן" — גולקאָ, פון דעם אַלאוקראַיינישן דראַמאַטישן אָפּטייל — פיינטוך, פון די סאָוועטישע אידישע שרייבער — איציק פעפער, פון דער „רויטער וועלט" און „פּאַרמעסט" — חיים גילדין, פון כאַרקאָווער שטאָט־ראַט — גרין, און אַנדערע.

שייפער איז אויפגענומען געוואָרן מיט שטורעם, ווען ער האָט גע־האַלטן זיין רעפעראַט אַף דער טעמע „מוזיק און קלאַסנקאַמף". דער „שטערן" גיט איבער אין קורצן זיין פאָרטראַג.*)

„נאָך אַ קורצן איבערבליק איבער דער געשיכטע און אַנטוויקלונג פון מוזיק אין דער עפּאָכע פון קאַפּיטאַליזם גייט ער איבער צו דער מוזיק פון דער אידישער בורזשואַזיע און קליינבירגערטום, אָנהייבנדיק פון איר אויפבלי־צייט און ענדיקנדיק מיט איר דעגראַדאַציע אין אונזערע טעג. דעם גרעסטן טייל פאָרטראַג, אָבער, ווידמעט דער חבר שייפער דער אַנט־שטייאונג און אַנטוויקלונג פון פּראָלעטאַרישער מוזיק און די פּערספּעק־טיוון פון איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. ער אַנאַליזירט די שאַפונגען פון אַ טייל סאָוועטיש־אידישע קאָמפּאָזיטאָרס, וואָס זיינען, לויט זיין מיינונג, נאָך ניט אַף דער געהעריקער פּראָלעטאַרישער הייך אין זייער שאַפן."

די צייטונג דערציילט ווייטער ווי דער כאַרקאָווער אידישער קוואַרטעט באַ דער אוקראַינישער מלוכה־פילהאַרמאָניע און די כאַרקאָווער אידישע

---

*) „דער שטערן", אָקטאָבער 6, 1932.

אַרבעטער־קאַפּעליע (כאָר) האָבן אילוסטרירט שייפער׳ס פּאָרטראַג דורך אַ ריי לידער־אילוסטראַציעס. די מוסטערן, וואָס זיי האָבן איבערגעגעבן פון שייפער׳ס מוזיקאַלישן שאַפן, זיינען באַגעגנט געוואָרן מיט באַזונדערס שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן.

דער אָוונט איז געווען אַזאַ איינדרוקספולער, אַז דער דיכטער ה. בלאָשטיין, דער פאָרזיצער פונעם קבלת־פּנים, האָט געמוזט פאַרזיכערן דעם עולם, אַז אין גיכן וועט צוזאַמענגערופן ווערן אַ צווייטער אָוונט אַזאַ, וואו מ׳וועט ברייט קענען דיסקוטירן די פּראָבלעמען וואָס שייפער האָט אויפגעהויבן אין דעם פאָרטראַג.

שייפער, זעען מיר, האָט שוין „פאַרכאַפּט״ די שטאָט נאָך איידער זיין אָראַטאָריע איז געהערט געוואָרן. ער האָט באמת געקראָגן די „שליסל״ צו דער שטאָט. אין זיין אַרכיו האָט דער שרייבער געפונען אַ דאָקומענט פון דער אוקראַאינישער רעגירונגס־פילהאַרמאָניע, וואָס גיט שייפער׳ן דאָס רעכט צו באַנוצן זיך מיט אַריינגיין אין פראָנט פון טראַמוואַי אָן שום באַצאָלט.

אגב געפינען מיר אויך דאָרט דעם אָפיציעלן קאָנטראַקט צווישן דער אוקראַאינישער מלוכה־פילהאַרמאָניע מיט שייפער׳ן וועגן אויפפירן זיין אָראַטאָריע „אָקטאָבער״ אַף די פייערונגען פונעם 15טן יובילײ. דאָרט רעדט זיך וועגן די פאַרפליכטונגען וואָס עס נעמט אַף זיך די רעגירונגס־פילהאַרמאָניע צוצושטעלן שייפער׳ן די נויטיקע כאָרן און אָרקעסטערס, באַצאָלן שייפער׳ן 1,000 רובל און נעמען אַף זיך אַלע הוצאות, ווי האָטעל, לעבנסמיטלען פאַר אים און זיין פרוי.

דעם 4טן אָקטאָבער באַקומט שוין שייפער אַ בריוו פונעם סעקרעטאַר פון דער מוזיק־סעקציע באַם „אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער טעאַטער־בונד״, ג. שנייערסאָן, וואו ער דערמאָנט אים, אַז דעם 9טן נאָוועמבער וועט אין מאָסקווע אָפּגעהאַלטן ווערן די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָ־לוציאָנערע מוזיק־קאָנפערענץ. עס זאָגט זיך דאָרט *) צווישן אַנדערעס:

„אייער אָנוועזנהייט איז זייער נייטיק. אויסער דעם וואָלטן מיר אייך נאָך, אויב מעגלעך, וועלן זען פאַר דעם 9טן נאָוועמבער, דורכצורעדן זיך וועגן די פיל וויכטיקע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער אַרבעט פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער מוזיקאַלע קרייזן.... קומט וואָס פריער אין מאָסקווע. מיר וועלן שוין דעקן אַלע הוצאות.... אונז אינטערעסירט זייער אייער „אָקטאָבער״־אָראַטאָריע.״

*) זע שייפער־אַרכיוו, קליפּ־באַנד פון 1932, אָפיציעלן בריוו אין ענגליש.

שייפער האָט אָבער בשום אופן ניט געקענט זיין אין מאָסקווע דעם 9טן נאָוועמבער, צוליב די אויפפירונגען פון דער אָראַטאָריע „אָקטאָבער" אין כאַרקאָוו. עס איז דאָ אַ גוטער גרונט צו גלויבן, אַז די אורזאַך פאַר־וואָס די דערעפענונג פון דער דערמאָנטער קאָנפערענץ איז אָפּגעלייגט געוואָרן סוף־כל־סוף אויף דעם 13טן, איז געווען, אַז שייפער זאָל קענען אָנוועזנד זיין צו דער דערעפענונג.

4. דער איינדרוק פון „אָקטאָבער" אין אָקטאָבער־לאַנד

פיר אויפפירונגען האָט שייפער'ס „אָקטאָבער" געהאַט אין כאַרקאָוו, די דעמאָלטיקע הויפט־שטאָט פון סאָוועטן־אוקראַינע. איינע צו דעם פייערלעכן פּלענום פונעם כאַרקאָווער שטאָטישן סאָוועט; די צווייטע פאַר די אַרבעטער אין די קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען; די דריטע פאַר די אַרבעטער פון דער שווערער אינדוסטריע, און די פערטע אויפן אָוונט פון דער באַגעגעניש פון דעם אַקטיוו פון די אוקראַינער נאַציאָנאַלע מינדערהייט קולטורן מיט אַן אַמעריקאַנער אַרבעטער־דעלעגאַציע. דער איינדרוק איז אומעטום געווען דער זעלבער: אַ קאָלאָסאַלע, גראַנדיעזע אַרבעט, אמת־רעוואָלוציאָנערע מוזיק, אַ מאָנומענטאַל ווערק.

אינעם אַרטיקל, וואָס איז דערשינען אין דעם „שטערן" פון 16טן נאָוועמבער, אונטערן קאָפּ „גאָר אַן אָנגעלייגטע מתנה", שרייבט דער רעצענזענט ש.—אל צווישן אַנדערעם:

> „. . . מיר זיינען אָנגענעם איבערראַשט געוואָרן פון דעם געלייטערטן טאָן אין שייפער'ס שאַפן. שייפער האָט זיך אינגאַנצן באַפרייט פון די יזכור־טענער, פון די דביקות־מאָטיוון, וואָס שלוקערצט זיך נאָך אָפט אָפּ אַפילו אין די נייעסטע קאָמפּאָזיציעס אונזערע. . . . שייפער האָט די אָראַטאָריע־פאָרם געפּרואווט שטעלן צו דינסט דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. ער האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַלן שטורעם־הימן, וואָס מונטערט און מאָביליזירט צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף, צו קלאַסן־שלאַכטן, און דאָס האָט זיך אים איינגעגעבן.
>
> „חבר שייפער האָט געפּרואווט לייזן די ירושה־פּראָבלעם אויפן מוזיקאַלישן געביט אינעם לעניניזשן גייסט. ער האָט באַ די הענדעלס, באַ בעטהאָווענ'ען און באַכ'ן געשעפּט זייער מוזיקאַלישע קולטור און האָט זי איבערגעקאָכט אויפן פּלאַם פונעם רעוואָלוציאָנערן טעקסט. ער האָט די אָראַטאָרישע רעליגיעז־מיסטישע פייערלעכקייט פאַרוואַנדלט אין אַ רעוואָלוציאָנערע, אין אַ קריגעריש־קעמפערישער פייערלעכקייט."

דאָס איז ניט קיין פּוסטער לויב־געזאַנג פאַר א גאַסט, וועלכן מ'טאָר ניט פאַרשעמען. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האַלט מען ניט פון פּוסטע מידות. א היפּשע צאָל געסט קענען דערציילן ווי מ'האָט פון זיי „געריסן שטיקער" אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאַטירלעך — אף א חבר'שן אופן. פאַר ניט־קוואַליטאַטיווער אַרבעט, פאַר געקינצלטקייט, א. אז. וו. אין דעם זעלבן אַרטיקל ווייזט דער שרייבער אָן, און מיט רעכט, אַף געוויסע „שאָטנס" אין דער „אָקטאָבער"־אָראַטאָריע. ער זאָגט דאָרט:

„. . . שייפער'ס „אָקטאָבער" ברויזט מיט די ליידנשאַפטן פון אָק־טאָבער. דאָס איז די הויפּט־מעלה פון שייפער'ס אָראַטאָריע. ערטערווייז, אָבער, פילט זיך, אַז די אָראַטאָריע טראָגט זיך בלויז אַפן אויבערפלאַך, אַזוי צו זאָגן, פונעם קאַמף און געראַנגל פאַרן אָקטאָבער. עס פעלט אין איר די פאַרשיידנפאַרביקייט און קאָמפּליצירטקייט פון די פאַרשיידנ־אַרטיקע ליידנשאַפטן, וואָס האָבן זיך צעפלאַקערט אַפן אָקטאָבער־פאָן."

דער שרייבער שרייבט עס צו צו דעם פאַקט, וואָס שייפער, ניט זייענדיק אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט „ניט דורכגעלעבט די העלדישע, רומפולע עטאַפּן, וואָס האָבן געפירט און געבראַכט צום אָקטאָבער".

איצטיק פעפער'ס אַרטיקל וועגן שייפער'ס אַרויסטרעטונגען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד *) שטעלט שייפער'ן אין איין ריי מיט די גרעסטע אידישע סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן, און זאָגט צווישן אַנדערעם:

„. . . די אידישע מוזיק אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט ניט ווינציק אָנ־געזעענע, טאַלאַנטפולע, באַדייטנדיקע קאָמפּאָזיטאָרס: מילנער... פּולווער... קרעין... גנעסין... שייכין... וועפּריק...

„דאָס זיינען מוזיקער מיט געשליפענער מייסטערשאַפט, מיט גרויסן פאַרנעם, מיט אָריגינעלע ליניעס.

„זיי האָבן געשאַפן אַ ריי אויסגעצייכנטע לידער, הויך־טאַלאַנטפולע טעאַטער־קאָמפּאָזיציעס, אַן אָפּערע.

„זייער אויער איז אָבער געווענדעט מער צו דער פאַרגאַנגענהייט איידער צו דער צוקונפט. זייערע אויגן קוקן מיט שטאָלץ אַף דער גרויסער בויאונג און איבערבויאונג, וואָס גייט אין ראַטן־פאַרבאַנד. זיי אַליין זיינען אַקטיווע אָנטיילנעמער אין אָט די פּראָצעסן...

„דער אויער איז פאַרקנעכטעט באַם נעכטן...

„דער שאָטן פון נעכטיקע קלאַנגען שפּרייט זיך אַף זייערע ווערק; די טענער פון בית־מדרש ציען זיך איבער זיי, די פאַרגאַנגענהייט פאַר־פאָלגט זיי.

„. . . יעקב שייפער'ס מוזיק איז טיף אידיואיש. זיין שאַפונג איז דורכגעדרונגען מיט די גרויסע אידייען פון אונזער עפּאָכע.

---

*) זע „מאָרגן־פרייהייט", דעצעמבער 26, 1932. „די מוזיק פון באַריקאַדן."

„דאָס איז דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע אין שייפער׳ס שאַפונג!
„וואוינענדיק אין די פּאַראַייניקטע שטאַטן, זויצנדיק אויפן קאָמוניסטישן אינזל אין דער אַרומיגלונג פון פרעמדקייט, פיינט, האָט שייפער מיט זיין טאַלאַנט דערפילט דעם אָטעם פון אָקטאָבער און האָט געשאַפן אַ ווערק, וואָס שטייט אין ריי מיטן בעסטן, וואָס די אָקטאָבער-מוזיק האָט געשאַפן.״

די אוקראַינישע סאָוועטן־רעגירונג האָט געטאָן אַלץ וואָס איז אין אירע כחות צו העלפן שייפער׳ן, אַז די אָראַטאָריע זאָל אַרויסקומען פייערלעך. די אויפפירונגען האָבן פאַקטיש אָפּגעקאָסט אַכציק טויזנט רובל, אָבער מ׳האָט דאָרט געפילט, אַז דאָס געלט איז ווערט געווען. די טויזנטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען ניט פאַרווענדט געוואָרן צו שאַפן אַ „טריל״ פאַר איינציקע. טויזנטער מענטשן האָבן די אָראַטאָריע געהערט און מיטגענומען מיט זיך איר דערהויבנקייט און פאַרמעסט.

עס איז אינטערעסאַנט, וואָס צום ערשטן קאָנצערט זיינען געקומען מוזיקער פון אַנדערע שטעט הערן שייפער׳ס „אָקטאָבער״. גלייך אויף מאָרגן נאָכן קאָנצערט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע מוזיקער, וואו דער „אָקטאָבער״ איז אונטערגעוואָרפן געוואָרן אַ חבר׳שער קריטיק און אַנאַליז. די פאַרשיידענע הויך־פונקטן און שוואַך־פונקטן זיינען העל אַרויסגעבראַכט געוואָרן. שייפער איז געווען זייער צופרידן פון אָט־דער קריטיק און האָט זי אויפגענומען מיט גרויס פרייד. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן איז ער זיך צוזאַמענגעקומען מיט אַזויפיל מוזיקער פאַבליט, וואָס האָבן ערנסט פאַרהאַנדלט אַלזייטיק איינעם פון זיינע ווערק. צום ערשטן מאָל האָט ער געזען אַזאַ שטראַלנדיקע וואַרעמע באַציאונג פון אַנדערע קאָמפּאָזיטאָרן, וואָס האָבן זיך שוין דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען אין דער מוזיק־וועלט, צו אַ איינגערן קאָמפּאָזיטאָר, וואָס האָט ניט די נויטיקע דיפּלאָמען...

5. אויף דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער מוזיק-קאָנפערענץ

פאַר שייפער׳ן האָט דאָס באַטייליקן זיך אין דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון רעוואָלוציאָנערע מוזיקער געהאַט אַ דרייפאַכן באַדייט. ערשטנס, זיין אין מאָסקווע, דעם צענטער פון דער רעוואָלוציאָנער־דענקענדיקער וועלט, דער צענטער פון דעם ריזיקן לאַנד, וואָס בויט סאָציאַליזם, דעם צענטער פון רעוואָלוציאָנערער קונסט בכלל און פון רעוואָלוציאָנערער מוזיק בפרט. צווייטנס, טרעפן זיך פערזענלעך מיט

די פירנדיקע רעוואָלוציאָנערע מוזיקער פון פאַרשיידענע לענדער, באַקענען זיך מיט זיי, מיט זייערע אַרבעטן אַפן געביט פון רעוואָלוציאָנערער און פּראָלעטאַרישער מוזיק און דערוויסן זיך אויך, וואָס די חברים, מוזיקער פון פאַרשיידענע לענדער דענקען וועגן זיינע אייגענע שאַפונגען. דריטנס, באַטייליקן זיך אין דער קאָנפערענץ, אויפוויקלען אַלע פּראָבלעמען פון דער פּראָלעטאַרישער מוזיק־באַוועגונג, געפינען פאַר זיי אַ ליזונג און איבערגעבן זיינע אייגענע דערפאַרונגען פון 18 יאָר טעטיקייט אַפן דעם געביט, לערנען פון די דערפאַרונגען פון די אַנדערע וועטעראַנען אַפן דעם געביט און איינשטעלן אַ שטענדיקן אַלוועלטלעכן רעוואָלוציאָנערן מוזיק־צענטער, וואָס זאָל אָנהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט צווישן אַלע פּראָלע־טאַרישע מוזיק־אָרגאַניזאַציעס און זייערע מוזיקער, קאָמפּאָזיטאָרן, דירי־גענטן און אָרגאַניזאַטאָרן.

שייפער איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן אַפן דער קאָנפערענץ. עס איז געווען אַ קליינער אָבער פּרוכטבאַרער צוזאַמענקונפט פון די גרעסטע רעוואָלוציאָנערע מוזיקער אין דער גאַנצער וועלט. צווישן דער סאָוועטישער דעלעגאַציע זיינען געווען אַזעלכע באַרימטע וועלט־מוזיקער ווי: איפּאָליטאָוו־איוואַנאָוו, גאָלדענווייזער, אַלעקסאַנדראָוו, שעכטער, דאַווידענקאָ, פיינבערג, ביעלי, גאָראָדינסקי, וואַיס, שאַראַגראַדסקי, שנייערסאָן און אַנדערע. פון דייטשלאַנד איז געקומען האַנס אייזלער, פון יאַפּאַן — די באַרימטע קאָמפּאָזיטאָרן יאָנע און טאַראָ־טשאַראַ, פון פראַנקרייך — קלעמאַמוס, פון אונגאַרן — סאַבאָ, פון האָלאַנד — שאָלי, א. אַז. וו. שייפער האָט זיך טאַקע דאָרט באַפריינדעט מיט דאַווידענקאָ׳ן, קאַמפּאַנייעץ, שעכטער, סאַבאָ, שנייערסאָן און פיינטוך. זיי האָבן זיך געביטן מיט זייערע מוזיק־שאַפונגען.

עס זיינען געווען פאַרטראָטן דעלעגאַטן פון 11 לענדער — סאָוועטן־פאַרבאַנד (פון אַלע סאָוועטן־רעפּובליקן), דייטשלאַנד, עסטרייך, אונגאַרן, פראַנקרייך, בעלגיע, ליטע, האָלאַנד, יאַפּאַן, מעקסיקאָ און די פאַראייניקטע שטאַטן. פאַקטיש האָבן אָבער די דעלעגאַטן פאַרטראָטן פיל מער נאַציאָ־נאַליטעטן. אַזוי האָט, למשל, שייפער, דער איינציקער דעלעגאַט וואָס איז געקומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון דער דעלעגאַציע פון דריי — שייפער, אַדאָמיאַן און קעללער (די לעצטע צוויי האָבן ניט באַוויזן צו קומען), פאַרטראָטן 150 אַרבעטער־כאָרן אין אַמעריקע פון אַזעלכע נאַציאָ־נאַליטעטן ווי: סקאַנדינאַוויש, איטאַליעניש, עסטאָניש, אידיש, רומעניש, אונגאַריש, גריכיש, א. אַז. וו.

שייפער האָט זיך טאַקע אַפן דער דאָזיקער קאָנפערענץ באַפריינדעט

מיט א ריי רעוואָלוציאָנערע וועלט־באַרימטע מוזיקער און מיט אייניקע פון זיי האָט ער שפּעטער אָנגעהאַלטן א לעבעדיקע קאָרעספּאָנדענץ. אין שייפּער׳ס אַרכיוו געפינען זיך פיל זייער ווארעמע בריוו פון אַזעלכע ווי האַנס אייזלער, וועלכער רופט אים פאַמיליאַר „מיין טייערער יאַקאָב״, סאַבאָ און שנייערסאָן.

אַז די קאָנפערענץ בכלל און די אָרגאַניזירער פון דער קאָנפערענץ בפרט, האָבן זייער הויך אָפּגעשאַצט שייפּער׳ס טעטיקייט, געניטקייט און אויטאָריטעט, קען מען זען דערפון, וואָס שייפּער׳ס רעפעראַט איז אָפּ־געגעבן געוואָרן גלייך נאָכן ערשטן רעפעראַט פון דעם סאַוועטן־פאַרבאַנד און עס איז וועגן אים אָנגענומען געוואָרן א ספּעציעלע רעזאָלוציע. שייפּער געפינט זיך אויך דער צווייטער אַפן ליסט, גלייך נאָך האַנס אייזלער׳ן, צווישן דער דערוויילטער אינטערנאַציאָנאַלער מוזיק־ביוראָ, וואָס איז באַשטימט געוואָרן צו זיין דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַראיין פון רעוואָלוציאָנערער מוזיק.*)

שייפּער האָט זיך אויך אַקטיוו באַטייליקט אין די דעבאַטן אַרום די באַריכטן ווי אויך אין די גרונט־פראַגן, וואָס זיינען געשטאַנען אַפן טאָג־אָרדענונג פון דער קאָנפערענץ.

6. שייפּער׳ס רעפעראַט אַף דער ערשטער מוזיק־קאָנפערענץ אין מאָסקווע *)

„כדי צו פאַרשטיין די ראָל פון מוזיק, ווי א געווער פון קלאַסן־קאַמף אין דער איצטיקער צייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז נויטיק צו מאַכן א קורצן אַנאַליז פון דעם מוזיק־פראָנט אין אַמעריקע זינט דער עפּאָכע פון דער וועלט־מלחמה.

מיטן אַריינטריט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין דער מלחמה האָט זיך די מוזיק אין די פאַראייניקטע שטאַטן (די בורזשואַ־פּאַטריאָטישע) געוואַלדיק פאַרגרעסערט ווי א ווירקזאַמער מיטל אין דער העכסטער מאָס פאַר פאַר פּראָפּאַגאַנדע צווישן די מאַסן.

מאַסן־געזאַנג אַנטוויקלט זיך זייער שנעל אין די טעאַטערס, אַף די פאַבריקן, אין די שולעס און אין די קלויסטערס מיט צאָלרייכע אָפּטיילונגען

---

*) זע בולעטין אין ענגליש וועגן דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער מוזיק־קאָנפערענץ, זייט 1.

*) דער רעפעראַט איז געהאַלטן געוואָרן אין ענגליש. זע „פּערוואָיע מעזשדו־נאַראָדנאָיע מוזיקאַלנאָיע סאָוועשטשאַניע״, פון וו. גאַראָדינסקי, מאָסקווע, 1933, זייטן 98—87.

אין דער אַרמיי, פלאָט און אין דער אַזוי־גערופענער „נעשאַנאַל גאַרד". מיט דער פאַרגרעסערונג פון דער אַרמיי, פון דעם קריגס־פלאָט און פון דער „נעשאַנאַל גאַרד", האָט זיך אויך פאַרגרעסערט די צאָל פון די בלאָז־אָרקעסטערס, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן כדי צו פאַרשטאַרקן דעם פאַטריאָטישן גייסט.

ניט קוקנדיק אַף אַ געוויסן פאַלן אין דער דאָזיקער מלחמה־פאַטריאָטישער אויפלעבונג אין דעם נאָך־מלחמה־פעריאָד, זעען מיר נאָך פונדעסטוועגן אַלץ, אויך אין די נאָך־מלחמה־יאָרן, אַן אַנטוויקלונג פון מוזיק־טעטיקייט און אַ סיסטעמאַטישער וואוקס אין אַלע מוזיק־פאָרמען אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

קאָנסערוואַטאָריעס, סימפאָנישע אָרקעסטערס, קאַמער־מוזיק, פונקט אַזוי ווי מוזיק־טעטיקייט אין די פאַרשיידענע אַנסאַמבלען, מיטל־שולן און קאַלעדזשעס, האָבן דערגרייכט אַ הויכן וואוקס ווי נאָך קיינמאָל ניט פריער. צו דעם האָט אויך באַדייטנדיק בייגעטראָגן דער גרויסער אַנפלייץ פון באַוואוסטע אייראָפּייאישע מוזיקער, וועלכע האָבן געזען אין דעם פאַר־העלטניסמעסיקן „אויפבלי" פון דער נאָך־מלחמה'דיקער אַמעריקע די מעגלעכקייט צו באַקומען פאַר זיך מאַטעריעלע פאַרבעסערונגען.

אָבער מיטן אָנקום פונעם קריזיס האָט זיך שטאַרק געביטן דאָס מוזיק־לעבן אין אַמעריקע. פאַרשיידענע מוזיק־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען פריער סובסידירט געוואָרן פון דער בורזשואַזיע, הייבן זיך אָן פאַנאַנדערצופאַלן. אַף אַזאַ אופן האָט זיך פאַנאַנדערגעלאָזט אַ גרויסע צאָל באַוואוסטע סימ־פאָנישע אָרקעסטערס און אָפּערע־אונטערנעמונגען, און אין אַנדערע פאַלן איז זייער טעטיקייט רעדוצירט געוואָרן צו אַ מינימום.

אָט האָבן מיר צוויי זייער גוטע ביישפּילן וועגן דער ירידה אין דער בורזשואַזער מוזיק־קולטור: 1) די אַמעריקאַנער פרעסע מעלדעט, אַז די שיקאַגער אָפּערע קאָמפּאַניע האָט זיך פאַרמאַכט פאַרן קומענדיקן סעזאָן (1932־1933). 2) דער פילאַדעלפיער אָרקעסטער, וואָס איז באַוואוסט איבער דער גאַנצער וועלט מיט זיינע אויסגעצייכנטע סימפאָנישע קאָנ־צערטן און וואָס האָט אַ באַשטימטע רעפּוטאַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַ דאַנק זיין אויפפירן פיל מאָדערנע מוזיק־שאַפונגען, האָט נאָר־וואָס באַקאַנט געמאַכט דורך דער פרעסע, אַז צוליב'ן קריזיס קאָן ער ניט געבן אין זיין פּראָגראַם, אין דעם לויפנדיקן סעזאָן, קיין מאָדערנע מוזיק־שאַפונגען, דערפאַר וואָס ער איז געצוואונגען צו עקאָנאָמיזירן אַף האָנאָראַרן, פאַרקלענערן דעם צוזאַמענשטעל פון אָרקעסטער און רעדוצירן די צאָל רעפּעטיציעס.

אַט האָבן מיר אײנע פון די אורזאַכן, װאָס דערקלערט פאַרװאָס די בורזשואַזע מוזיק־אָרגאַניזאַציעס קאָנצענטרירן איצט זײער אױפמערקזאַמקײט אַף דער „גוטער" מוזיק פון די אַמאָליקע יאָרן.

פון דער צװײטער זײט, באַנוצט מען זיך אין די פאַראײניקטע שטאַטן מיט דער מוזיק אין אַן אַלץ גרעסערער מאָס פאַר פּראָפּאַגאַנדע־צװעקן צװישן די מאַסן. אין דער איצטיקער צײט, װען דער קאַפּיטאַליזם, אין דעם דריטן יאָר פון זײן קריזיס, פאַרלירט אַלץ מער זײן מאַכט איבער די אַרבעטער־מאַסן, באַנוצט מען זיך מיט אַ זײער װאױל־אָרגאַניזירטער מוזיק־פּראָפּאַגאַנדע, װאָס גײט אַרױס פון מיליאָנען הױך־רעדנער, פון טױזנטער שפּרעך־פילמען און מיליאָנען פאָנאָגראַף־פּלאַטן.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז די גרעסטע צאָל געזונגענע פּאַטריאָטישע לידער, װאָס זײנען ברײט אָנגעװענדעט געװאָרן אין דער צײט פון מלחמה, איז איצט איבערגעמאַכט געװאָרן אין אַזױ־גערופענע „אַנטי־קריזיס" לידער. אױסער דעם פּרובירט זיך די בורזשואַזיע סיסטעמאַטיש צו פאַראינטערעסירן די מאַסן מיט דער „גוטער" מוזיק, אָרגאַניזירנדיק ביליקע קאָנצערטן און אָפּערע־ספּעקטאַקלען. מיט דעם באַנוצן זיך טײלװײז די שולעס, קלױסטערס און פאַרשײדענע פּאַטריאָטישע געזעלשאַפטן און אַזױ װײטער. עס פאַרשטײט זיך, אַז דאָס אַלץ װערט געטאָן, כּדי אָפּצוציען די אױפמערקזאַמקײט פון די אַרבעטער פון דער צו־באַשײנפערלעכער אָרעמקײט און פון די פראַגן פון קלאַסן־קאַמף.

דער פאָלגנדיקער פּאַקט, גענומען פון דער טעגלעכער פּרעסע, גיט אַ צופרידנשטעלנדיקע פאָרשטעלונג װעגן די מעטאָדן, װאָס װערן אָנגענומען פון דער בורזשואַזיע אין איר „אַנטי־קריזיס" פּראָפּאַגאַנדע. מיט עטלעכע מאָנאַטן צוריק האָט אַן אָנפירער און גרינדער פון דעם אַזױ־גערופענעם „פאָלקס־כאָר" אין ניו יאָרק דערקלערט אין אַן אינטערװיו, אַז „זינט עס האָט זיך אָנגעהױבן די דעפּרעסיע איז מײן כאָר אױסגעװאַקסן אַזױ גרױס, אַז איך האָב שױן געדאַרפט אָרגאַניזירן נאָך אַן אָפּטײלונג. . . . איר װעט געפינען אין מײן כאָר מענטשן פון די פאַרשײדנסטע באַשעפטיקונגען. דער אַרבעטער און באַנקיר זינגען זײט בא זײט. זײ זײנען געקומען זינגען, כּדי צו פאַרטרײבן די לײדן פון דעם קריזיס."

ניט לאַנג צוריק האָט פּרעזידענט הואװער אַרױסגערופן צו זיך אין װײסן הױז דעם באַרימטן ראַדיאָ־זינגער און „קרונער" רודי װאַלי און ער האָט אים געבעטן „אין נאָמען פונעם פאָלק" אָנצושרײבן אַן „אַנטי־קריזיס לידל".

מיר האָבן זיך ניט פאַראינטערעסירט מיט די רעזולטאַטן פון דעם

דאַזיקן „מאַסמיטל”, אָבער עס גייט כמעט ניט דורך קיין טאָג אָן דעם, אַז די ראַדיאָ אָדער די מואוויס זאָלן ניט אַרויסלאָזן עפּעס אַ ניי „אַנטי־קריזיס” לידל, וואָס איז אויסדריקלעך באַרעכנט אויף אָפּצוציען די אַרבעטער פונעם קאַמף קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, וואו קריזיסן זיינען אומפאַרמיידלעך.

וואָס־זשע איז די לאַגע פון דעם רעוואָלוציאָנערן מוזיק־פראָנט אין די פאַראייניקטע שטאַטן? אין דער מלחמה־צייט זיינען די בלאָז־אָרקעסטערס און כאָרן פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע סעקציעס אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אָדער פונאַנדער־געלאָזן געוואָרן, אָדער זיי זיינען געווען געצוואונגען צו באַגרענעצן זיך מיט אַ געוויס „ניטראַלן” רעפּערטואַר. אין דער צייט ווען די קאָמוניס־טישע פּאַרטיי האָט זיך לעגאַליזירט (זי איז געווען פאַרבאָטן ביזן יאָר 1922), האָט זיך די גרעסטע צאָל פון די אַרבעטער קולטור־אָרגאַניזאַציעס געפונען אונטערן איינפלוס פון דער רעפאָרמיסטישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אָבער מיט דער לעגאַליזירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, באַ־קומענדיק די מעגלעכקייט צו אַרבעטן אָפנערהייט ווי אַן אַרבעטער־פּאַרטיי, וואַקסט שנעל אויס די רעוואָלוציאָנערע אָפּאָזיציע אין די מוזיק־אָרגאַניזאַציעס, ספּעציעל אין די כאָרן.

אין פאַרלויף פון דער צייט זעען מיר, אַז די רעוואָלוציאָנערע מוזיק־אָרגאַניזאַציעס פאַרכאַפּן די עקזיסטירנדיקע רעפאָרמיסטישע, אָדער דאָרט וואו עס איז ניט מעגלעך, גרינדן זיי נייע רעוואָלוציאָנערע מוזיק־אָרגאַניזאַציעס.

מיטן אָנהויב פון קריזיס זיינען די רעוואָלוציאָנערע מוזיק־אָרגאַני־זאַציעס, פּונקט ווי דער גאַנצער לינקער טייל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אויסגעוואַקסן סיי אין פאַרנעם און צאָל, סיי אין באַצוג צו זייער קינסטלעריש־פּאָליטישער רייפקייט. די אַלטע רעפאָרמיסטישע לידער טרעטן ביסלעכווייז אָפּ דעם פּלאַץ פאַר די נייע רעוואָלוציאָנערע לידער.

אין דער זעלבער צייט בייט זיך אויך דער כאַראַקטער פון די דאָזיקע כאָרן אויך אין אַן אַנדער הינזיכט. זיי פאַרבינדן זיך אַלץ ענגער און ענגער מיט דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף, וואָס ווערט אָנגעפירט פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און פון דעם אָפּאָזיציאָנעלן טייל אין די טרייד־יוניאָנס.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן געפינען זיך אַרום 150 רעוואָלוציאָנערע

אַרבעטער־כאָרן מיט אומגעפער אַרום 5 ביז 6 טויזנט מיטגלידער.

דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע כאָרן זינגט אויף די פאַרשיידענע אויסלענדישע שפּראַכן (אידישע, ליטווישע, אוקראַאינישע, רוסישע, פינישע, יוגאָ־סלאַווישע, לעטישע, סקאַנדינאַווישע, איטאַליענישע, עסטאָנישע, אונגאַרישע, גריכישע, און בולגאַרישע).

אַזאַ צאָל כאָרן אין אויסלענדישע שפּראַכן דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס ביז דער סאַמע לעצטער צייט האָט זיך די אַרבעט פונעם לינקן פליגל אין דער אַרבעטער־באַוועגונג הויפּטזאַכלעך געפירט צווישן די אַריבער־געקומענע פרעמד־שפּראַכיקע אַרבעטער.

אָבער אין די לעצטע יאָרן זיינען געמאַכט געוואָרן ערנסטע און טייל־ווייז געלונגענע פּאַרזוכן צו שאַפן אין די פאַראייניקטע שטאַטן רעוואָ־לוציאָנערע כאָרן אין ענגליש.

מיר האָבן ניט אין אונזער רשות די נויטיקע מאַטעריאַלן, כדי מיר זאָלן קאָנען באַלייכטן די געשיכטע פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס. אָבער מיר ווילן דאָ פּאַרזוכן צו געבן מער אָדער ווייניקער אַ גענויע באַלייכטונג פון דער געשיכטע און אַרבעט פון בלויז דריי — די סאַמע גרעסטע: פון דער פינישער, ליטווישער און אידישער מוזיק־באַוועגונג.

1) די פינישע פעדעראַציע

דאָס איז אַן אַלגעמיין־קולטורעלע אָרגאַניזאַציע אַ אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. זי פאַרנעמט זיך מיט אַלע פאָרמען פון לינקער פּראָלעטאַרי־שער קולטור־טעטיקייט אין דער פינישער שפּראַך. די דאָזיקע פעדעראַציע פאַרמאָגט אַרום 30 כאָרן. אין דער לעצטער צייט שליסן די פינישע כאָרן איין אין זייער רעפּערטואַר אַלץ אַ גרעסערע צאָל רעוואָלוציאָנערע לידער. אין דעם איצטיקן מאָמענט האָבן מיר ניט מער קיין דעטאַלן וועגן דער דאָזיקער פעדעראַציע.

2) די אַמעריקאַניש־ליטווישע געזעלשאַפט

דאָס איז די צענטראַלע פעדעראַציע פון ליטווישער פּראָלעטאַרישער קולטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די מוזיק־סעקציע פון דער דאָזיקער פעדעראַציע פאַראייניקט אַרום 40 גרופּעס. אין דער צאָל גייט שוין אויך אַריין צוויי אָרקעסטערס און איין וואָקאַלער סעקסטעט — אַן אַגיטפּראָפּ־טרופּע פון זינגער; די איבעריקע גרופּן שטעלן מיט זיך פאָר כאָרן, וואָס

ציילן אין דורכשניט אַרום 50 מיטגלידער יעדערער. צוזאַמען געפינען זיך אין זיי אַרום צוויי טויזנט אַרבעטער. די אַמעריקאַניש־ליטווישע אָרגאַניזאַציע גיט אַרויס מוזיק־שאַפונגען און ביזן היינטיקן טאָג האָט זי שוין אַרויסגעגעבן 100 לידער רעוואָלוציאָנערע און פאָלקישע, און אויך זעקס מוזיקאַלישע פּיעסן (אָפּערעטעס). וואָס אַנבאַלאַנגט דער מוזיק פון די דאָזיקע אָפּערעטעס, מערקט זיך אַ באַשטימטער פּראָגרעס אַפן סטיל־געביט. עס באַמערקט זיך אַ באַזונדערער פאָרשריט אין דער ריכטונג פון אַ רעוואָלוציאָנערער סענטימענטאַללאָזער טעמאַטיק.

חבר'טע בערגים שעלי, דער דיריגענט פון די צוויי וויכטיקסטע כאָרן, האָט פיל געטאָן אַף אַריינצופירן דעם דאָזיקן מין מוזיק. דעם גרעסטן טייל פון זיי האָט זי אַליין אָנגעשריבן. אייניקע כאָרן, וואָס גייען אַריין אין דער אַמעריקאַניש־ליטווישער אָרגאַניזאַציע, עקזיסטירן שוין אַרום 20־25 יאָר.

די פינישע און ליטווישע פעדעראַציעס, ווי אָרגאַניזאַציעס פאַר אַלע מינים קולטור־טעטיקייטן, גייען אַריין אין דער אַרבעטער קולטור־פעדע־ראַציע, אין דער צייט וואָס די מוזיקאַלישע סעקציעס פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס גייען אַריין אין דער אַרבעטער מוזיק־ליג.

3) דער אידישער מוזיקאַלישער אַרבעטער־פאַרבאַנד

די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז באַשאַפן געוואָרן אין יאָר 1924. זי ציילט אַרום 1,400 מיטגלידער. אין איר גייען אַריין 16 כאָרן און 6 מאַנדאָלין־אָרקעסטערס, וועלכע טרעטן אַרויס אין 16 פון די סאַמע גרעסטע שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. דער סאַמע גרעסטער כאָר (דער פרייהייט געזאַנג פאַראיין פון ניו יאָרק) ציילט אַרום 250 מיטגלידער, פון זייער דערפאַרענע אַרבעטער־זינגער. דער גרעסטער מאַנדאָלין־אָרקעסטער (דער פרייהייט מאַנדאָלין־אָרקעסטער אין ניו יאָרק) באַשטייט פון 100 מוזיקאַנטן.

דער שיקאַגער פרייהייט געזאַנג פאַראיין איז דער סאַמע עלטסטער כאָר אין דעם אידישן מוזיקאַלישן אַרבעטער־פאַרבאַנד. די אַכצן יאָר פון זיין עקזיסטענץ שפּיגלען אָפּ אַזויפיל יאָרן געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. מיט אַכצן יאָר איז ער אַנט־שטאַנען אַלס סאָציאַליסטישער כאָר אונטער דער פירערשאַפט פון יעקב שייפער. אין 1923, אַ יאָר נאָך דער דערשיינונג פון דעם אידישן טעגלעכן אָרגאַן פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, „די פרייהייט“, —

האָט דער דאָזיקער כאָר אָנגענומען דעם נאָמען „פרייהייט געזאַנג פאַראיין״.*)

אין אַ קורצער צייט אַנטשטייען אַ גאַנצע רײ אַזעלכע כאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע מיטן זעלבן נאָמען. אין 1924 איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער אידישער מוזיקאַלישער ארבעטער־פאַרבאַנד, כדי צו קאָאָרדינירן די אַרבעט פון די דאָזיקע אַלע כאָרן און מאַנדאָלין־אָרקעסטערס. פון דעמאָלט אָן פירט אָן דער „אימאַף״ מיט דער טעטיקייט פון אַלע לינקע אידישע מוזיק־אָרגאַניזאַציעס, באַזאָרגנדיק זיי מיט מוזיק־מאַטעריאַלן און אָנפירנדיק מיט זייערע קאַדרען. אין דער לעצטער צייט האָט דער „אימאַף״ אָרגאַניזירט 14 כאָרן אין די פאַרשיידענע ארבעטער־קלובן אין ניו יאָרק. זייער אַלגעמיינע מיטגלידערשאַפט דערגרייכט ביז דריי הונדערט.

דער רעפּערטואַר פון דעם „אימאַף״באַשטייט פון אַ 50־60 כאָראַלע און אַ 30־40 מאַסן־לידער, 6 אָראַטאָריעס (אָנגעשריבן פון יעקב שייפער) און פון קאָמפּאָזיציעס פאַר מאַנדאָלין־אָרקעסטערס. אין משך פון זיין עקזיסטענץ האָט דער „אימאַף״ אַרויסגעגעבן איבער 20 כאָראַלע לידער, כמעט יעדער געזאַנג־פאַראיין איז צעטיילט אַף שלאָגלער־בריגאַדעס, וואָס טרעטן אַרויס גלייכצייטיק ווען עס איז נויטיק אין עטלעכע ערטער. כדי אָנצופירן מיט די דאָזיקע בריגאַדעס האָט דער „אימאַף״ אַרויסגערוקט פון זיינע רייען אייניקע כאָריסטן־דיריגענטן. צוליב דעם, וואָס עס פילט זיך אַ דוחק אין אָנפירנדיקע קאַדרען, האָבן מיר אָרגאַניזירט ספּעציעלע קלאַסן פאַר דיריגענטן און פאַר אָנפירער פון קרייזן פאַר מאַסן־געזאַנג. אַף אַזאַ אופן וואַקסן בא אונז אַרויס נייע כחות פאַרן אידישן פּראָלע־טאַרישן מוזיק־פראָנט. אויסער דער דאָזיקער טעטיקייט גיט דער „אימאַף״ אַרויס פיר יערלעכע זשורנאַלן. אין דעם איצטיקן מאָמענט ווערט צו־געגרייט דער ערשטער נומער פונעם ערשטן פּערטל־יערלעכן זשורנאַל.

דער „אימאַף״ האָט דורכגעלעבט פיל שווערע אינערלעך־פּאָליטישע סיטואַציעס (די פּאַלעסטינער פראַגע אין 1929), אָבער יעדעס מאָל איז

---

*) עס וואונדערט אונז ווי אַזוי שייפער האָט געמאַכט דעם טעות, אָנגעבנדיק דעם יאָר פון אַדאָפּטירן דעם נייעם נאָמען אין יאָר 1923, בעת אין דער אמת׳ן איז די ענדערונג געמאַכט געוואָרן אין סוף 1921, ווען די „פרייהייט״ האָט געהאַלטן באַם דערשיינען. ווי שוין אויבן אָנגעוויזן, האָט אַלגין פאָרגעשלאָגן דעם דאָזיקן נאָמען, בעת ער איז געקומען קיין שיקאַגאָ אין די אינטערעסן פון דער צייטונג ערב איר דערשיינונג.—י. ב. ב.

ער אַרויס פון די דאָזיקע נסיונות נאָך שטאַרקער און פאַרהאַרטעוועטער סיי אין פּאָליטישן און סיי אין אָרגאַניזאַציאָנעלן זין.

אין דער איצטיקער צייט קלייבן מיר מאַטעריאַלן וועגן דער געשיכטע פון אַלע איבעריקע נאַציאָנאַלע גרופּן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אָבער איצט האָבן מיר צום באַדויערן ניט גענוג פאַקטן בנוגע דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער מוזיק־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אָבער דאָס וואָס עס איז אונז יאָ באַוואוסט, וועלן מיר דאָ פּרובירן באַלייכטן.

אין אייניקע גרויסע שטעט האָבן מיר אַרבעטער בלאָז־אָרקעסטערס. אויסער דעם געפינען זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון 400 ביז 500 מאַנדאָליניסטן, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין אָרקעסטערס, דורכשניטלעך אין דער גרויס פון אַרום 10 אָדער מער שפּילער. אין דעם גרעסטן מאַנדאָלין־אָרקעסטער „פרייהייט" אין ניו יאָרק, געפינען זיך העכער 100 פּערזאָן. מיר האַלטן איצט באַם אויסאַרבעטן אַ פּלאַן ווי אַזוי צו שאַפן אַ שטענדיקן רעוואָלוציאָנערן סימפאָנישן אָרקעסטער, וואָס מיר פּלאַנירן צו קאָמפּלעקטירן פון ערשט־קלאַסיקע פּראָפעסיאָנעלע מוזיקאַנטן.

מיר דאַרפן דאָ באַמערקן, אַז די פּראָפעסיאָנעלע מוזיקאַנטן פון אַלע ספּעציאַליטעטן (סאָליסטן, אָרקעסטראַנטן, קאָמפּאָזיטאָרן, טעאָרעטיקער א. אַז. וו.) דערנעענטערן זיך אַלץ מער און מער צו אונזער באַוועגונג. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס דער קריזיס האַלט זיך אין איין פּאַרטיפּן, און אויך צוליב דעם, וואָס די מוזיקאַנטן ווערן איצט אַרויס־געשטויסן דורך די שפּרעך־פילמען און ראַדיאָ. כדי אַריינצוציען און צו אָרגאַניזירן אַלץ אַ גרעסערן טייל פון די מוזיקאַנטן־פּראָפעסיאָנאַלן אין אונזער באַוועגונג אין ניו יאָרק, איז לעצטן פרילינג באַשאַפן געוואָרן דער „אַרבעטער מוזיק־קלוב". די איניציאַטאָרן פון דעם דאָזיקן קלוב זיינען שייפער, אַדאָמיאַן און קעלער.

צווישן די מיטגלידער פון דעם „אַרבעטער מוזיק־קלוב" געפינען מיר אַזעלכע באַוואוסטע מוזיקער ווי הענרי קאָועל און טשאַרלס זיגער. אין קלוב ווערן אָנגענומען אַלע, וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט אין דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָלעטאַרישער מוזיק.

דער קלוב האָט אָרגאַניזירט אַ ריי לעקציעס און דיסקוסיעס אויף דער טעמע: „די באַציאונגען פון דער מוזיק צום קלאַסנקאַמף". אין קלוב אַרבעטן אייניקע מוזיק־קאָלעקטיוון: א) שטרייך־אַנסאַמבל (אין אַ קורצער צייט פאַרוואַנדלט ער זיך אין אַ קליינעם סימפאָנישן אָרקעסטער); ב) קוואַרטעטן, טערצעטן, א. אַז. וו.; ג) אַ גרופּע קאָמפּאָזיטאָרן; ד) אַ גרופּע אָנפירער מיט מאַסן־געזאַנג.

מיר האַלטן, אַז אין די אינטערעסן פון פּראָפּאַגאַנדירן דאָס רעוואָ־לוציאָנערע ליד איז ניט ריכטיק זיך צו שטיצן בלויז אַף כאָרן. מיר געפינען פאַר אומבאַדינגט נויטיק צו פּאָפּולאַריזירן דאָס רעוואָלוציאָנערע ליד אוממיטלבאַר צווישן די מאַסן (אין דער טרייד־יוניאָן, אין קלוב, אַף פאַרזאַמלונגען, אַף גאַסן־דעמאָנסטראַציעס א. אז. וו.). דעריבער לערנען מיר אונזערע חברים, אין דער גרופּע פון אָנפירן מיטן מאַסן־געזאַנג, די פּרינציפּן און מעטאָדן פון מאַסן מוזיקאַלישער אַרבעט. אייניקע מיט־גלידער פון דער דאָזיקער גרופּע פירן שוין אָן מיט מאַסן־געזאַנג.

די גאַנצע מוזיק־טעטיקייט פונעם לינקן פליגל אין דער אַרבעטער מוזיק־באַוועגונג, וואָס איז פאַראייניקט אין דער אַרבעטער מוזיק־ליג, איז אין דער זעלבער צייט אַ סעקציע פון דער אַרבעטער קולטור־פעדעראַציע. די „אַרבעטער קולטור־ליג" איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַפן ערשטן צוזאַמענ־פאָר פון דער אַרבעטער קולטור־פעדעראַציע אין ניו יאָרק, דעם 14טן יוני, 1931, ווי אַ מוזיק־סעקציע. דער ערשטער טריט צו פאַראייניקן די פּראָלעטאַרישע מוזיק־אָרגאַניזאַציעס איז געמאַכט געוואָרן פון די חברים אַדאָמיאַן און קעלער אין אָקטאָבער 1930. דאָס איז געטאָן געוואָרן אין פאַרבינדונג מיט דער צוגרייטונגס־אַרבעט צום ערשטן אַרויסטריט פון דער אַרבעטער כאָר־פעדעראַציע (וואָס איז איצט אַ כאָר־סעקציע פון דער אַרבעטער מוזיק־ליג), וועלכע איז אַרויסגעטראָטן צום לענין־יאָרצייט אין 1931. דער דאָזיקער אַרויסטריט איז פאָרגעקומען אַף אַ פאַרמאַכטער דעמאָנסטראַציע, וואו עס האָבן זיך באַטייליקט 20 טויזנט אַרבעטער. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן דאָרט 400 פּראָלעטאַרישע זינגער, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט 4 נאַציאָנאַלע גרופּן (אידישע, אוקראַינישע, אונגאַרישע און ענגלישע), געזונגען אַף דער איינער ענגלישער שפּראַך.

דאָס איז געווען דער ערשטער באַדייטנדיקער שריט אין דער דער־נענטערונג פון אונזער פּראָלעטאַרישע מוזיק־אָרגאַניזאַציעס.

צום ערשטן מאַי, 1931, זיינען אַרויסגעטראָטן פאַראייניקטערהייט דריי פּראָלעטאַרישע בלאָז־אָרקעסטערס (אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־הילף, דער פינישער, און פון דער פּעטערסאָנער טעקסטיל־יוניאָן). דאָס שטעלט מיט זיך אויך פאָר אַ וויכטיקער רינג אין דער פאַראייניקונג פון די מוזיקאַלישע רעוואָלוציאָנערע קרעפטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס באַשאַפן די אַרבעטער מויזק־ליג, ווי אַ מוזיק־סעקציע פון דער אַר־בעטער קולטור־פעדעראַציע, איז געווען אַ נאַטירלעכער לאָגישער שריט, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דער פריערדיקער אַנטוויקלונג פון דער

רעוואָלוציאָנערער מוזיק־באַוועגונג. אין פאַרלויף פון זיין עקזיסטענץ זיינען די פאַראייניקטע כאָרן פון דער ארבעטער מוזיק־ליג ארויסגעטראָטן אַף פיל ריזיקע דעמאָנסטראַציעס: דעם ערשטן מאַי, דעם ערשטן אויגוסט, באַם אָנהייב פון הונגער־מאַרש; אין 1932 — אַפן מיטינג פונעם „דעילי וואָרקער"; אין די לענין־טעג, אַפן מיטינג אין פאַרבינדונג מיט די פרעזידענט־וואַלן; אַף דער דעמאָנסטראַציע, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן פאַרן צוזאַמענפאַר פון דער „טרייד־יוניאָן יוניטי ליג", א. אַז. וו.

אין דעם איצטיקן מאָמענט גרייטן זיך די פאַראייניקטע כאָרן פון דער ארבעטער מוזיק־ליג ארויסצוטרעטן אַף א גרויסן דעמאָנסטראַציע־מיטינג, וואָס איז געווידמעט דעם 15טן יובילײ פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

די ארבעטער מוזיק־ליג, אין דער איצטיקער אָרגאַניזיר־סטרוקטור, האָט א מעגלעכקייט און שטרעבט צו פאַראייניקן אַלע עקזיסטירנדיקע פאָר־מען פון דער פּראָלעטאַרישער מוזיק־טעטיקייט. די ארבעטער מוזיק־ליג פאַרנעמט זיך אויך מיט פאַרלעגערישער טעטיקייט. אזוי האָבן מיר שוין ארויסגעגעבן און פאַרשפּרייט צוויי לידער — „קאָמינטערן" און „שטייט אַף דער וואַך". איצט האַלט זיך אין דרוקן א זאַמל־בוך פון 20 לידער אין ענגליש. עס וועט דערשיינען אין עטלעכע טעג ארום אין 60 טויזנט עקזעמפּליאַרן און עס וועט געדרוקט ווערן אין דער גאַנצער קאָמוניס־טישער פּרעסע א ליד, וואָס איינעקע קאָמפּאָזיטאָרן האָבן ספּעציעל אָנ־געשריבן פאַר דער קאָמוניסטישער וואַל־קאַמפּאַניע. די ארבעטער מוזיק־ליג האָט זיך ארויסגעוויזן צו זיין אַן אַקטיווע מיטארבעטערין אויך אין די אוממיטלבאַרע פּאָליטישע שלאַכטן, סטרייקן, סטרייק־דעמאָנסטראַציעס, פּאָליטישע מאַסן־מאַרשן צו די הויפּט־שטעט, א. אַז. וו. איצט נעמען מיר אונטער צו שאַפן אָפּטיילונגען פון דער ארבעטער מוזיק־ליג אין די גרעסטע שטעט פון אַמעריקע.

ביז איצט האָבן מיר פאַרווירקלעכט די פאַראייניקונג פון ארבעטער־כאָרן און געמיינשאַפטלעכע ארויסטרעטונגען באַ ספּעציעלע יום־טובים בלויז אין עטלעכע שטעט: פילאַדעלפיע, באָסטאָן, דעטראָיט און שיקאַגאָ.

אין איינעקע פון די דאָזיקע שטעט, וואו עס עקזיסטירט אַן ארבעטער קולטור־פעדעראַציע, בויען אירע מוזיק־סעקציעס זייער ארבעט אַפן גרונט פון דער פּלאַטפאָרם פון דער ארבעטער מוזיק־ליג.

די ארבעטער מוזיק־ליג, וואָס איז פאָרמעל א ניו יאָרקער אָרגאַני־זאַציע, פירט פונדעסטוועגן איר ארבעט אַף אַן אַל־נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב און אַף אזא אופן דאַרף זי צוגרייטן די שאַפונג אין דער נאָענטער צוקונפט פון אַן „אַמעריקאַנער ארבעטער מוזיק־ליג", וואָס זאָל קענען

ווערן די מוזיק־סעקציע אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער קולטור־פֿעדעראַציע, וואָס מיר פּראָיעקטירן.

עס ווייזט זיך אונז אויס, אַז איצט איז שוין צייטיק געוואָרן די נויטווענדיקייט צו שאַפֿן אַן אינטערנאַציאָנאַלן מוזיק־צענטער, וואָס זאָל ריכטן און קאָאָרדינירן די מוזיק־אַרבעט אין אַלע לענדער. מיר האָבן שוין באמת אייניקע גענוג שטאַרקע נאַציאָנאַלע פֿאַראייניקונגען: די „אַרבעטער מוזיק־ליג" (אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן), די דייטשיישע מוזיק־אָרגאַניזאַציע, „קאַמפֿ־געמיינשאַפֿט דער אַרבייטער מוזיקער"; דער פֿאַרבאַנד פֿון די פּראָלעטאַרישע מוזיקאַנטן אין יאַפּאַן, און די סאַמע פֿאַראויסגעשריטנסטע אָרגאַניזאַציע — דער „פֿאַרבאַנד פֿון די סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן", אינעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. אונז דוכט זיך, אַז דאָס גיט אונז שוין אַ מעגלעכקייט צוצוטרעטן צו אָרגאַניזירן דעם אינטערנאַציאָ־נאַלן מוזיק־צענטער, ספּעציעל נאָך, ווען מיר קענען פֿיל לערנען פֿון דער דערפֿאַרונג פֿון אונזערע חברים אין די אַלגעמיינע געביטן פֿון דער פּראָלע־טאַרישער קונסט, וואָס האָבן שוין זייער אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַראייניקונג, איבערהויפּט באַ די שרייבער, באַ די טועד פֿונעם רעוואָלוציאָנערן טעאַטער. איך האַלט, אַז אַף אונזער מוזיקאַלישער באַראַטונג איז אומ־באַדינגט נויטיק אויסצוקלויבן אַזאַ אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע.

מיך אינטערעסירט זייער די פֿראַגע וועגן אַן איינהייטלעכער מעטאָדע ווי אַזוי אָנצופֿירן די מוזיק־אַרבעט צווישן די פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַלי־טעטן. איך האָב שוין געזאָגט, אַז אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָבן מיר פֿיל אַרבעטער מוזיק־קאָלעקטיוון, נאָר זיי טראָגן אַלע אין אַ געוויסן זין אַ פֿאַרשלאָסענעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. עס איז אָן שום ספק נויטיק צו שאַפֿן אַזאַ רעפּערטואַר, וואָס וואָלט נאָכגעפֿאָלגט געוואָרן פֿון אַלע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, אַזאַ מוזיק, וואָס וואָלט פֿאַראייניקט די אַרבעטער פֿון אַלע נאַציאָנאַליטעטן.

אָט אַזאַ מין סאָרט רעפּערטואַר זיינען באַ אונז אין דעם איצטיקן מאָמענט די סאָוועטישע קאָמפּאָזיציעס, צו וועלכע אונזערע אַרבעטער ווייזן אַרויס אַ גרויסן אינטערעס און מיט וועלכע עס באַנוצן זיך אַלע פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. אָבער געוויס קאָן מען דאָך ניט רעכענען אַזאַ לאַגע ווי אַ לייזונג פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע אַפֿן מוזיק־געביט.

עס אינטערעסירט מיך אויך נאָך אַ פֿראַגע — די פֿראַגע פֿון דער שעפֿערישער אָרדענונג. באַ אונז אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן עקזיסטירן מיינונג־פֿאַרשיידנהייטן בנוגע די פֿאָרמען פֿון מוזיקאַלישער שאַפֿונג וואָס

מיר דאַרפן איצט האָבן אַמנויטיקסטן — מאַסן־געזאַנג, אָדער גרויסע קאָמפּליצירטע פאָרמען. איך וואָלט געוואָלט קריגן דעם דאָזיקן ענטפער אַף דער איצטיקער באַראַטונג.

פאַר אונז איז אויך נויטיק זיך קלאָר צו מאַכן די פראַגע, צי מיר דאַרפן אַראָפּציען די רעוואָלוציאָנערע מוזיק צו דעם געשמאַק פון די מאַסן, ווי דאָס טוט אייזלער, אָדער פאַרקערט, אויפהויבן די מאַסן צו דעם הויך־גראַד פון דער איצטיקער רעוואָלוציאָנערער מוזיק? אויב די איצטיקע אינטערנאַציאָנאַלע באַראַטונג וועט אונז העלפן לייזן די דאָזיקע פראַגן, וועט זי אויפטאָן זייער פיל אַפן געביט פון דער רעוואָלוציאָנערער מוזיק־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן.״

7. די רעזאָלוציע וועגן שייפער׳ס באַריכט

די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען בלויז דריי רעזאָלוציעס וועגן באַריכטן פון דעלעגאַטן. איין רעזאָלוציע וועגן דעם באַריכט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, די צווייטע וועגן דעם באַריכט פון דעם יאַפּאַנישן דעלעגאַט, און די דריטע רעזאָלוציע וועגן שייפער׳ס באַריכט בנוגע דער טעטיקייט פון דער „אַרבעטער מוזיק־ליג״ אין אַמעריקע.

שייפער׳ס באַריכט האָט זיך לענגער אָפּגעשטעלט אַף דער נאַציאָנאַליטעטן־פּראָבלעם אין די פאַראייניקטע שטאַטן בנוגע די פּראָלעטאַרישע פיל־שפּראַכיקע כאָרן. די קאָנפערענץ האָט וועגן דעם גאַנצן באַריכט שייפער׳ס אָנגענומען פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„די אינטערנאַציאָנאַלע מוזיק־קאָנפערענץ פונעם צווייטן פאַרגרעסערטן פּלענום פון דער אינטערנאַציאָנאַלער טעאַטער־געזעלשאַפט, האָט פאַרצייכנט די באַדייטנדיקע דערגרייכונגען פון דער „אַרבעטער מוזיק־ליג״ אין אַמעריקע, וואָס קאָנסאָלידירט די צאָלרייכע נאַציאָנאַלע גרופּן אונטער דער פאָן פון קלאַסנקאַמף.

די מוזיקאַלישע אויפטרעטונגען פון די פאַראייניקטע נאַציאָנאַלע מינאָריטעט־גרופּן אַף רעוואָלוציאָנערע פייערונגען, דעמאָנסטראַציעס, היסטאָרישע פאַרזאַמלונגען און אין משך פון וואַל־קאַמפּאַניעס, א. אַז. וו., האָבן געשפּילט אַ פּראָמינענטע ראָלע אין קאָנסאָלידירן די רעוואָלוציאָנערע מוזיק־קרעפטן אין אַמעריקע.

די קאָנפערענץ שאַצט הויך אָפּ די שאַפונג פון דעם פּראָלעטאַרישן מוזיק־קלוב, וואָס ציט־צו די פּראָלעטאַרישע מוזיקער, וועלכע זיינען סימפּאַטיש צו דער רעוואָלוציאָנערער מוזיק־באַוועגונג.

די קאָנפערענץ לויבט די אויסגאַבע פון דעם געזאַנג־בוך „מיט קאַמף צום געזאַנג", פון חבר שייפער, וואָס איז אַ ווערטפולער בייטראָג צו דער אידישער רעוואָלוציאָנערער געזאַנג־ליטעראַטור, ווי אויך די אויסגאַבע פון די מאַסן־געזאַנגען „קאָמינטערן" פון האַנס אייזלער און „סטענד גאַרד" פון חבר אַדאָמיאַן.

די אַרבעט פון די אַמעריקאַנער חברים, וואָס פאַרגרעסערט די גרויסע פאָרם פון פּראָלעטאַרישער מוזיק, ווי שייפער'ס אָראַטאָריעס, און די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטן פאַר אָרקעסטערס פון חבר אַדאָמיאַנ'ען, א. אז. וו., ווערט אויך געלויבט פון דער קאָנפערענץ.

מיר באַטראַכטן אויך די אויסגאַבע פון אַ רעוואָלוציאָנערן געזאַנג־בוך אין ענגליש, וואָס עס האַלט איצט אין צוגרייטן די „אַרבעטער מוזיק־ליג", פאַר אַ זייער וויכטיקער אויפגאַבע.

צוגעבנדיק אַ גרויסע באַדייטונג צו דער פראַגע פון אינטערנאַציאָנאַליזירן די אַמעריקאַנער אַרבעטער־מאַסן, וואָס זיינען איצט באַשרענקט צו זייערע נאַציאָנאַלע מינאָריטעט־גרופּן, האַלט די קאָנפערענץ פאַר זייער וויכטיק, אַז די אַרבעט פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס זאָל געריכטעט ווערן לויט די ליניעס פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן רעפּערטואַר אין אויסקלייבן טעמעס און מוזיקאַלישע פאָרמען.

די קאָנפערענץ שטרייכט אויך אונטער די נויטווענדיקייט פון העלפן אַנטוויקלען די נעגערשע פאָלקס־לידער פון פּראָטעסט און אָנפירן די טאָג־טעגלעכע אַרבעט צווישן די נעגערשע מוזיק־קרייזן (כאָרן און אָרקעסטערס). מ'דאַרף אויך אויסנוצן די מוזיקאַלישע שאַפונגס־קראַפט פון די אַמעריקאַנער קאָובאָיס, וועמעס ווערן איז אונז נאָענט.

מיר געפינען אויך באַמערקונגסווערטע דערגרייכונגען אין דער אָרגאַניזירונג פון ווינט־אָרקעסטערס, אָבער מיר האַלטן עס פאַר וויכטיק, אַז די דאָזיקע אַרבעט זאָל נאָך ברייטער פאַרשפּרייט ווערן צווישן אַלע אַרבעטער־גרופּן.

די קאָנפערענץ לויבט די דערגרייכונגען פון די מאַנדאָלין־אָרקעסטערס אין אַמעריקע, וואָס באַשטייען פון אַ גרויסער צאָל אַרבעטער און וועלכע פאַרשפּרייטן צווישן די אַמעריקאַנער אַרבעטער ניט בלויז רעוואָלוציאָנערע מוזיק, נאָר אויך קלאַסישע מוזיק, ווי בעטהאָווענ'ס סימפאָניעס, די אַנדאַנטע פון דער 7טער סימפאָניע, רימסקי־קאָרסאַקאָוו'ס שעהערעזאַדע, היידענ'ס מיליטערישע סימפאָניע, און אַנדערע.

די קאָנפערענץ האָפט, אַז אונטער דער פאָן פונעם פאַראייניקטן רעוואָלוציאָנערן פראָנט, וועט די אַרבעטער מוזיק־ליג פון אַמעריקע פאַר־

זעצן דעם אַקטיוון קלאַסנקאַמף און באַנוצנדיק זיך מיט דער מוזיק ווי מיט אַ מעכטיקן וואָפן.

די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע מוזיק־קאָנפערענץ."

:: :: ::

די קאָנפערענץ האָט אָנגעהאַלטן ביזן 15טן נאָוועמבער און שייפער האָט פון איר אַוועקגעטראָגן ניט בלויז ווערטפולע איינדרוקן און נייע, זייער וויכטיקע פאַר אים באַקאַנטשאַפטן, נאָר אויך אַ פולערע, מער באַגרינדעטע און פאַרטיפטע אידעאָלאָגישע אָריענטאַציע און אַ ברייטערן בליק אויף זיין אייגענער מוזיקאַלישער טעטיקייט, וואָס האָט זיך שפּעטער אָפּגעשפּיגלט סיי אין זיינע נייע גרויסע אָראַטאָרישע ווערק, ווי „געוויטער", „דער שטורעם־פויגל" און „בירא־בידזשאַן", נאָר אויך אין זיין אַלגעמיינעם צוגאַנג צו רעוואָלוציאָנערער מוזיק און צו דער ירושה פון די מוזיק־קלאַסיקער.

8. איינדרוקן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד

די צייט, וואָס שייפער איז געווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, סוף 1932, איז גראָד געווען אַן אומגינסטיקע. אומפאַראַנטוואָרטלעכע היץ־קעפּ, טראָצקיסטישע פאַרמאַסקירטע שעדיקער, האָבן געטאָן אַלץ וואָס אין זייערע כחות צו דיסקרעדיטירן די סאָוועטן־רעגירונג צווישן די פּויערים, דורך אַרויפצווינגען אויף זיי אין פיל ערטער די קאָלעקטיוויזאַציע. פּויערים־קולאַקעס, וועלכע האָבן פאַרמאָגט היפּשע סטאַדעס בהמות און עופות, האָבן אויסגעקוילעט אַ גרויסן טייל פונעם לעבעדיקן אינווענטאַר און באַשאַפן אַ גוואַלדיקן דוחק אין די קומענדיקע מאָנאַטן אין פלייש און מילך־פּראָדוקטן. דער יקרות האָט זיך דעריבער שטאַרק געלאָזט פילן און איז נאָך מער באַטאָנט געוואָרן צוליב דער שלעכטער גערעטעניש פון יענעם יאָר.

דאָס איז אויך געווען די צייט, ווען די קאָמבינאַציעס פון די טראָצקיסטן און זינאָוויעוויסטן, צוזאַמען מיט די בוכאַרינאיסטן און איבערגעבליבענע מענשעוויסטישע רעשטלעך, געשטאַרקט פון דער געוויסער אומרואיקייט, וואָס די קאָלעקטיוויזאַציע האָט אין אָנהייב אַרויסגערופן צווישן די פאַרמעגלעכערע און אָפּגעשטאַנענע פּויערים, האָבן פאַרפילפאַכט זייערע טעטיקייטן אויף פאַרשיידענע אופנים. אָבסטרוקציעס, שטערונגען, פאַרווירונגען, טעראָריסטישע אַקטן, אונטערצינדונגען, סאַבאָטאַזש פון דעליקאַטע מאַשינען, לאָקאָמאָטיוו־צוזאַמענשטויסן, און אַנדערע שעדיי־קערישע מיטלען, האָבן געקענט מאַכן דעם איינדרוק, אַז דער סאָוועטן־

פאַרבאַנד געפינט זיך אין אַ געוויסן אַנאַרכישן צושטאַנד. בעת די פאַר־שיידענע שונאים פון פאָלק האָבן אָנגעפירט אַ בייזוויליקע שושקע־קאַמפּאַניע פון אַלערליי אויסגעטראַכטע פאַלשע פּאַסירונגען און גרויליקע מעשיות.

אין אַזאַ צושטאַנד איז ניט גרינג געווען שווער פאַר אַ מענטשן, וואָס קומט פון אַ לאַנד מיטן העכסטן לעבנס־סטאַנדאַרד אויף דער וועלט, ניט קוקנדיק אויף דעם גרעסטן עקאָנאָמישן קריזיס, אַריינצופאַלן אין אַ געוויסן פּעסי־מיזם. שייפער האָט ניט פאַרמאַכט פאַנאַטיש זיינע אויגן אויף די גרויסע שוועריקייטן, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד מאַכט דורך אין יענער צייט. ער איז אָבער געווען ברייט גענוג און ווייטזעענדיק צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז בלויז דער שויס פון די כוואַליעס. ער איז געוואָרן הינגעריסן פון דעם גראַנדיעזן פאַקט, וואָס דער 5־יאָריקער פּלאַן איז פאַרענדיקט געוואָרן אין פיר יאָר. ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם גיגאַנטישן אויפשוואונג, וואָס די סאָציאַליסטיש־בויענדיקע לאַנד מאַכט דורך אויפן קולטור־געביט; די חשיבות וואָס עס פילט זיך דאָרט צו פאָרשער, צו וויסנשאַפט־לייט, צו קינסטלער. די ליבשאַפט מיט וועלכער עס ווערן אַרומגערינגלט שעפערישע כחות מצד דער סאָוועטן־רעגירונג און מצד די ברייטע מאַסן אַרבעטנדיקע.

אויב בײַ שייפער׳ן איז נאָך ערגעץ־וואו געווען אַ טונקעלער ווינקל אין זיין קאָמוניסטישן באַוואוסטזיין, האָט זיין באַזוך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַלץ וואָס ער האָט געזען און באַנומען, אים באַהעלט. אויב עס איז בײַ אים ערגעץ־וואו לויז געווען אַ שרייפל אין זיין באַלשעוויסטישן געשטעל, האָט דער דאָזיקער באַזוך עס פאַרפעסטיקט.

אין די געציילט „פרייערע" טעג, וואָס ער האָט נאָך געהאַט אין זיין רשות נאָך די צוגרייטונגען צו די פיר קאָנצערטן־פייערונגען און נאָך דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער מוזיק־קאָנפערענץ, האָט שייפער באַזוכט פאַרשיידענע קונסט־אינסטיטוציעס, מוזעאומס, טעאַטער־פאַר־שטעלונגען, בילדונג־אינסטיטוציעס, פּאַרטיי־ און רעגירונגס־אַנשטאַלטן, פאַבריקן, זאַוואָדן, קאָאָפּעראַטיוון און קאָלעקטיוון.

ער האָט אויך דורך דער צייט דערוואָרבן זיך אַ גאַנצע ריי פריינט צווישן די אידישע סאָוועטישע שרייבער און טוער, מיט וועלכע ער האָט זיך אָפט געטראָפן. ספּעציעל איז ער נעענטער געוואָרן מיט אַזעלכע שריי־בער ווי איציק פעפער, חיים גילדין, ה. בלאָשטיין, וועוויאָרקע, אָרלאַנד און אַנדערע. עס איז אָפילו בײַ אייניקע פון די וויכטיקע טוער אַנטשטאַנען אַ פאַרלאַנג, אַז שייפער זאָל זיך שוין אינגאַנצן אָפּשטעלן אין סאָוועטן־

פאַרבאַנד. זיי האָבן אַפילו געהאַט אַ באַראַטונג מיט חבר י. סולטאַנ׳ען, וואָס איז גראָד אין יענער צייט געווען אין כאַרקאָוו. אָבער חבר סולטאַן האָט דערקלערט, אַז שייפער מוז דערווייל נאָך בלייבן אין אַמעריקע, ווייל ס׳איז נאָך נישטאָ קיין אַנדערער, וועלכער זאָל קענען פאַרנעמען זיין פּלאַץ.

שייפער האָט פאַרלאָזן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ באַרוישטער פון טיפער פרייד און עקזאַלטאַציע מיט די דערגרייכונגען, וואָס ער האָט שוין דערוויסט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און מיט אַ טיפן ערנסטן גלויבן, אַז די שאַטנדיקע זייטן זיינע זיינען בלויז פאַרבייגייענדיקע געבורט־ווייען, וואוקס־שמערצן פון אַ פּאָטענציעלן גיגאַנט, וואָס וועט זיגן אין זיין אויפבוי פון סאָציאַליזם. ער האָט באַנומען דאָס וועזנטלעכע, דאָס קערנדיקע אין דעם סטאַלינישן מעכטיקן לאַנד, וואו אַזויפיל צענדליקער מיליאָנען לעבן מיט אַ זיכערן גלויבן אין דעם מאָרגן, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נים אין קיין לאַנד פון דער וועלט; וואו אַזויפיל צענדליקער נאַציאָנאַליטעטן, הונדערטער יאָרן געשטיקטע און געוואָרגענע, אָטעמען פריי און צעבליען זיך אונטער דער וואַכזאַמער און פלעגנדיקער אויג פון דער אַל־פאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און איר געניאַלן באַליבטן פירער סטאַלין.

אין די קנאַפּע דריי חדשים, וואָס שייפער האָט פאַרבראַכט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז ער אינגער געוואָרן, קרעפטיקער, טיפער, באַוואוסטזיניקער און ברייטער. זיין מוזיקאַליש־אידייאישער קוואַל איז באַרירט געוואָרן מיט די אומדערשעפּלעכע שאַפונגס־קוואַלן פון דעם ברויזנדיקן מענטשן־אָקעאַן, וואָס רופט זיך סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער האָט זיך דערפילט, ווי ערשט איצט וועט ער זיך קענען פאַרמעסטן אַף גרויסע, גאָר גרויסע אַרבעטן.

אַפן וועג אַהיים, צו די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט ער נאָך געהאַט די באַפרידיקונג צו באַזוכן אַן אַרבעטער־כאָר אין פּאַריז, וואָס האָט געהאַלטן אין צוגרייטן אַ ריי פון זיינע לידער פאַר אַ קאָנצערט, דעם 4טן דעצעמבער. די פּאַריזער אידישע קאָמוניסטישע צייטונג „פּאַראָויס”, פונעם 30טן נאָוועמבער, דערציילט אירע לייענער וועגן דער אָנוועזנהייט פונעם חשוב׳ן גאַסט אין פּאַריז.

9. צוריקקום אין אַמעריקע און טויט

שייפער׳ס נאָענטע פריינט, חברים און מיטאַרבעטער אין די פרייהייט געזאַנג פאַראיינען און אָרקעסטערס, האָבן זיך ניט געקענט דערוואַרטן דעם טאָג, ווען שייפער וועט שוין צוריקקומען. מ׳איז אַרומגעגאַנגען און

צונעברומט — „נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג און שייפער איז שוין דאָ.״ די ליבשאַפט און אויפריכטיקע אַכטונג־געפילן צו שייפער׳ן האָט מען שטענדיק בעסער געקענט אָנזען, ווען שייפער איז אין ערגעץ אַפּגעפאָרן און געפּעלט אַף טריט און אַף שריט.

דעם 5טן דעצעמבער זיינען יעקב און לאה שייפער אָנגעקומען מיט דער זעלבער שיף „איראַפּאַ״, מיט וועלכער זיי זיינען אָפּגעפאָרן. באַם „פּיער״ פון דער נאָרד־דייטשער ליניע האָבן פיל חברים זיי באַגעגנט. האַרציקע קושן פון חבר׳שאַפט האָבן צוריק אָנגעקניפּט די נאָענטע פאַר־בינדונג, וואָס עס האָט געפּעלט צענדליקער חברים באַ זיין אָפּוועזנהייט.

אַף דעם אינטערוויו, וואָס דער פאַרטרעטער פון דער „מאָרגן־פרייהייט״ און נאָענטער חבר פון יעקב שייפער, חבר ב. פענסטער, האָט מיט אים געהאַט, האָט דער מיט „אָקטאָבער״־באַרווישטער גאַסט איבער־געגעבן אין קורצע ווערטער זיין איינדרוק וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד:

„אַזוי ווי דעם ניאַגאַראַ וואַסער־פאַל דערזעט מען און דערהערט אין זיין פולסטער מעכטיקייט און ריזיקייט, ווען מ׳דערפילט ווי די פעלזן לעבן אים דונערן, אַזוי דערזעט מען ערשט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווען מ׳באַגעגנט זיך מיט איר אַפן סאָוועטישן באָדן.

„ס׳איז גענוג בלויז דורכצולעבן די פייערונג פון 7טן נאָוועמבער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, כדי צו דערפילן דעם תוך פון דער באָלשעוויסטי־שער רעוואָלוציע, נים נאָר אין דער געזעלשאַפטלעכער סיסטעם, נאָר אויך די רעוואָלוציע אין דעם פאָלק. נאָך קיינמאָל אין דער געשיכטע האָט אַ פאָלק נים געפייערט קיין יום־טוב אַזוי אינהאַלטפול און שפּילפול, ווי דאָס אַרבעטער־ און פויערים־פאָלק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד פייערט אַ 7טן נאָוועמבער. די פייערונג איז דער נאַטירלעכער העכסטער אויסדרוק פון שטאָלץ און פרייד מיט די דערגרייכונגען און נצחונות פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג.״ *)

שייפער האָט זיך דעמאָלט געקליבן אָנצושרייבן אַ רייע אַרטיקלען וועגן זיינע איינדרוקן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט״ און פאַרן „האַמער״. איבערהויפּט האָט ער זיך געוואָלט טיילן מיטן פאַר־נעם און שטאַנד וואָס די קונסט האָט אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועגן דער אַכטונג און זאָרג מיט וועלכע עס ווערן אַרומגערינגלט אירע שעפער און טוער. אין דעם אויבנדערמאָנטן אינטערוויו האָט ער וועגן דעם געזאָגט:

„אַמאָל, אונטערן צאַריזם, איז קונסט געווען דער לוקסוס פון דער אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט די קונסט דעגענערירט, באַנאַליזירט. איצט

*) זע „מאָרגן־פרייהייט״, דעצעמבער 16, 1932.

> איז די קונסט אַ קוואַל פון פרייד פאַר אַלע אַרבעטער און פויערים. און ניט נאָר די נייע פּראָלעטאַרישע קונסט וואַקסט און בליט, נאָר אַפילו די אַלטע קלאַסישע קונסט ווערט איצט אויפגעריכט. די ירושה פון אַ בעטהאָווען, באַך און אַ מאָצאַרט ווערט איצט דערוואָרבן און אויסגענוצט."

דער ניו יאָרקער פּראָלעטאַריש־מוזיקאַלישער עולם האָט שייפערן געגעבן, דעם 16טן דעצעמבער אין אָוונט, אַ גראַנדיעזן קבלת־פּנים אין סענטראַל אָפּעראַ הויז. עס זיינען אַרויסגעטראָטן דער פרייהייט געזאַנג פאַראיין און דער פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער. דעם כאָר האָט איין טייל פּראָגראַם דיריגירט א. אַבראַמאָוויטש און דעם צווייטן טייל — שייפער אַליין. דעם אָרקעסטער האָט דיריגירט ל. ע. מאַלאַמוט. דער לעצטער איז דערשינען אין אַ קלאַסישער פּראָגראַם פון מאָצאַרט, בעטהאָווען, באַך און איפּאָליטאָוו־איוואַנאָוו, און דער ערשטער — אין אַ ריין־פּראָלעטאַרישן רעפּערטואַר. מ'האָט געקענט זען בחוש די בריק, וואָס איז אַריבערגעלייגט געוואָרן צווישן דער קלאַסישער מוזיק און דער רעוואָלוציאָנערער.

עס איז אָבער געווען ניט בלויז אַ מוזיקאַליש־דערהויבענער אָוונט, נאָר אויך אַ פּאָליטישער אַקט. אַ קבלת־פּנים פאַרן באַליבטן פּראָלעטאַרישן מוזיק־שעפער און פירער און אַ דעמאָנסטראַציע פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד און פאַר אַלץ, וואָס ער שטייט. שייפער'ס געלייטערטער, קורצער באַריכט וועגן דעם אָקטאָבער־לאַנד האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם פון ליידנשאַפטלעכער באַגייסטערונג. צום אָוונט האָבן אויך ניט געפעלט קיין באַגריסונג־טעלעגראַמעס פון אַ ריי שטעט.

אַן אימפּאָזאַנטן און באַגייסטערטן „ברוך הבא" האָט אויך שייפער באַקומען אין שיקאַגאָ, דעם 25טן דעצעמבער, אין הערצל־זאַל. אין קאָנצערט האָבן זיך באַטייליקט דער דאָרטיקער פרייהייט געזאַנג פאַראיין, „אַרטעם", פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער, און אַרטיסטן פון שיקאַגער „דזשאַן ריד קלוב". שייפער האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט איבער „די קולטורעלע דערגרייכונגען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד" און די שיקאַגער רעוואָלוציאָנערע אידישע אַרבעטער, וואָס האָבן שייפער'ן נאָך געקענט מיט יאָרן צוריק, האָבן זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון זייער ליבלעכן שייפער'ן, וואָס „ניו יאָרק" האָט פון זיי „צוגע'גזל'ט".

שיקאַגאָ האָט אָבער ניט געהאַט גענוג צייט צו פרייען זיך מיט „זייער" שייפער'ן. דעם 26טן דעצעמבער איז ער שוין אָפּגעפאָרן אין מילוואָקי, וואו עס איז פאַר אים אַראַנזשירט געוואָרן אַן ענלעכער קבלת־פּנים און רעפעראַט, כאָטש ווייט ניט אַף אַזאַ מאַסשטאַב ווי אין שיקאַגאָ.

דערפאר זיינען די אויפנאמען פאר אים אין קליוולאנד, דעם 30טן דעצעמבער, אין קארפענטערס האל, און אין דעטראיט, דעם 1טן יאנואר, אין פינישן האל, באגלייט געווארן אויך מיט הארציקע און פריילעכע באנקעטן. אין קליוולאנד זיינען אין דער פראגראם ארויסגעטראטן דער פרייהייט געזאנג פאראיין און דער מאנדאלין־ארקעסטער אונטער דער דיריגיר־האנט פון נ. סאמאראף, און אין דעטראיט — דער דארטיקער פרייהייט געזאנג פאראיין, אויך אונטער סאמאראפ׳ן. אין צווישן האט נאך שייפער אויך אריינגעכאפט טאלידא, דעם 31טן דעצעמבער. לײדער האבן מיר ניט קיין שום מאטעריאלן וועגן דעם דארטיקן קבלת־פנים.

שייפער׳ן איז נאך שפעטער אויסגעקומען אפצוגעבן א באריכט וועגן דער ערשטער אינטערנאציאנאלער מוזיק־קאנפערענץ אין ניו יארקער ארבעטער מוזיק־צענטער פאר א געקליבענעם עולם פון טוער און זינגער אין פראלעטארישע כארן און ארקעסטערס.

זיבעטער קאַפּיטל

אין די רייפסטע יאָרן

1. שייפער נעמט זיך מיט שטורעם פאַרן „געוויטער"

מ'קען זאָגן, און דערביי ניט איבערטרייבן, אַז, מיט זייער ווייניק אויסנאַמען, ווערט שייפער'ס גאַנצער לעבן אַלץ מער און מער צוזאַמענגעגאַסן מיטן לעבן פון דער באַוועגונג בכלל און מיט דער רעוואָלוציאָנערער מוזיק־באַוועגונג בפרט. ער הערט אויף אַלץ מער און מער צו שענקען אויפמערקזאַמקייט דאָס פּריוואַטע אינעם לעבן און אַלע זיינע פרײדן און לײדן ווערן אַזוי צוזאַמענגעוועבט מיט די פון דער באַוועגונג, אַז מ'קען זיי ניט פאַנאַנדערטיילן. ער שרייבט אפילו זעלטן אַ בריוו צו זיין איינציקער שוועסטער רעכל אין שיקאַגאָ.

שייפער איז כולו באַוועגונג. רו איז באַ אים אַ סינאָנים מיט טויט. זעלטן ווער עס איז אַזוי אַ קעגנזאַץ צום טויט ווי ער. ער איז אַ גייענדיק שטיק פייער. ער ברענט ניט, נאָר ער פלאַקערט.

ער איז הונגעריק. ער דאַרף עסן (שייפער האָט געהאַט אַ געזונטן אַפּעטיט). אָבער עסן עסט מען בלויז מיטן מויל. ס'איז אַ שאָד די צייט. די אויגן קענען דאָך דערווייל עפּעס טאָן. כאַפּט ער אַריין אַ ביסל לייענען בעת ער עסט. און עסן האָט ער הנאה צו עסן גראָד אין באָד־צימער. כאַפּט ער אַלץ אַריין אין איין האַנט און זעצט זיך אַפן ראַנד פון דער וואַנע, עסט און לייענט און שלינגט שטיקער: נישטאָ קיין צייט. נישטאָ קיין צייט.

ווען מענטשן זיינען דאָ אין הויז עסט ער באַם טיש. גייט אים דעמאָלט טאָפּלט ניט איין דאָס עסן: איז ער קען ניט לייענען, אי ער קען ניט זיצן אַפן ראַנד פון דער וואַנע.

שייפער האָט ליב דאָס לעבן. ער האָט אַ טיפע הנאה פונעם לעבן. אָבער לעבן מיינט באַ אים באַוועגונג, שאַפונג, הינרייסונג. אפילו דאָס ווייזערל פונעם זייגער שטייט דאָך אַ רגע ניט אַפן אָרט. אַ באַגרענעצטע צייט עקזיסטירט ניט באַ אים. ער האַלט פון דער „אויסגעשפּרייטקייט פון צייט", ווי פרומע אידן גלויבן, אַז ארץ־ישראל קען זיך צוזאַמענקאָרטשען און אויסשפּרייטן. ער האָט הנאה פון שפּאַצירן, אָבער בעת

ער שפּאַצירט זאַפּט ער אין זיך אַריין אַלע איינדרוקן. זיין אויג באַמערקט אַלץ, זיין אויער כאַפּט אַלץ אויף. די לופט איז בײַ אים שטענדיק פול מיט מוזיק און עפּעס ווי אַ מאַגנעטישע פּען וואָלט עס גלייך פאַרצייכנט מיט נאָטן אין זיין מוזיקאַלישן באַוואוסטזיין.

אין די זומערדיקע קעמפּ־סעזאָנען, שפּעט אין די אָוונטן, ווען ער כאַפּט אַ שפּאַציר, לויערט ער אין די ווינקעלעך, באַהאַלטן אין ערגעץ הינטער אַ בוים, כדי צוצוהערן זיך צום געזאַנג פון אַ גרופּקעלע, וואָס פּראַוועט אין אַ ווינקל פאַר זיך אַ היימיש קאָנצערטל. ער דערגרייכט דאָ צוויי צילן: איינעם, וואָס ער הערט דערווייל אַן אַלט פאָלקס־לידל, וואָס איז אים אומבאַקאַנט; אַ צווייטן, וואָס ער ווייסט שוין וועמען פון זיי שפּעטער איינצולאַדן פאַר אַ זינגער אינעם קעמפּ־כאָר. קיין מינוט טאָר בײַ אים ניט פאַרלאָרן גיין. די מינוטן זיינען טייער. די מינוטן זיינען געציילטע, און אַרבעט איז נאָך דאָ — גאַנצע בערג!

שייפּער האָט אָפטמאָל אַ סאַדיסטישע הנאה פון דעם, וואָס ער האָט ווייניק צייט און דאַרף אָפּטאָן אַ געוויסע זאַך. נו, וועט ער זיך נאָך עטוואָס צויאָגן. ער ווייס, אַז ער באַקומט אַרויס פון אַן אינטענסיווער שעה אַרבעט דעם רעזולטאַט פון צוויי געוויינלעכע שעה.

אָט פירט ער אָן מיט אַ קלאַס פאַר דיריגענטן. ס'איז סוף 1932. ער האָט זיך ערשט אומגעקערט פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער אַרבעט אַפן „געוויטער" און אין דערזעלבער צייט רעפּעטירט ער שוין די ערשטע כאָרן מיט עטלעכע סעקציעס. דער „פיער דעגייטער קלוב" לאַדט אים איין צו זיין דער דיריגענט פונעם ענגלישן כאָר, וואָס זיי אָרגאַניזירן.

לאה שטראָפּט אים. וויפיל נאָך וועסטו עס אָף זיך נעמען? דו האָסט דאָך שוין ניט קיין צייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם!

אָבער וואָס פאַר אַ פּנים וועט עס האָבן ווען אימיצער וועט מיטן יונגן כאָר אָפּבאַלאַמוטשען אַ יאָר צייט ביז וואָס־ווען, און דערווייל וועט זיך אַ האַלבער כאָר צעלויפן. איכ'ל עס מוזן אָננעמען.

אָט האָט ער דעם 8טן יאַנואַר (1933) שוין דעם ערשטן קאָנצערט פון דיריגענטן־קלאַס, וואו אַלע קרעפטן, מיט דער אויסנאַם פונעם פּיאַניסט ד. סאַפּיראָ, זיינען שילער. ער איז ניט צופרידן מיט די רעזולטאַטן. געדאַרפט שוין נאָך מער דערגרייכן.

דאָ און דאָרט וויל מען פון אים אַ לעקציע. סאָוועטישע מוזיק. מאָדערנע מוזיק. אַנדערע ווילן גאָר איבער קלאַסישער מוזיק. וואָס מיינען זיי דאָרט, בייזערט זיך לאה, אַז דו האָסט פּופּציק שעה אין מעת־לעת?

שייפער שמייכלט. ער ווייסט, אַז ער האָט גאָר אַנדערע מינים שעה'ען. בײַ אים האָט אויך די שעה ניט מער ווי 3,600 פּולסירונגען פונעם קליין־וויזערל. אָבער מיט יעדן טיק־טאַקעלע האַמערט ער עפּעס אויס, און ס'באַקומען זיך טאַקע 50 שעה אין מעת־לעת.

שייפער יאָגט שטענדיק אַרויס די נשמה פון די זינגער פאַר אַן אָראַטאָריע־אויפפיר. ס'פעלט שטענדיק אויס צייט. אָבער מיטן „גע־וויטער" איז גאָר אַן אומגליק. ער לאָזט קיינעם ניט לעבן. גזלנים, ס'איז דאָך שוין אָט־אָט דער 6טער מאַי, און איר הייבט נאָך ניט אָן צו וויסן צי דאָס איז אַ „געוויטער", צי דאָס איז אַ זוניקער שפּאַציר־טאָג!

און דערווייל זיינען דאָ ווײַכטיקע אונטערנעמונגען נאָך פאַרן „גע־וויטער". אָט קומט אָן דער 11טער יובילײ פון דער „מאָרגן־פרייהייט" און מ'דאַרף זיך צערייסן אויף צוויי ערטער: אין „מעקאַ אוידיטאָריום" און אין דער „ברוקלין אַקאַדעמי". דאָס דאַרף פאָרקומען דעם 1טן אַפּריל. חברה, ס'איז ניט קיין שפּילכל: אויב מיר ווילן דאָ האָבן אַ דורכפאַל, וועט פון „געוויטער" זיך אויסלאָזן אַן אמת'ער געוויטער!

שייפער יאָגט. שייפער שטורעמט. שוין איבערגעקומען דעם 11טן „פרייהייט"־יובילײ. דער דערפאָלג איז גרויס. די וועגט האָבן נאָך אין יענע זאַלן קיינמאָל ניט געהאַט אַזעלכע באַגייסטערטע זינגער. דער עולם וויל אויך ניט אַראָפּלאָזן אַזוי גרינג פון דער סצענע דעם פרייהייט מאַנדאָלין־אָרקעסטער. ער וויל זיך ניט בארואיקן. צום סוף העלפט די דערקלערונג, אַז דער דאָזיקער אָרקעסטער וועט אויפטרעטן מיט אַ פולער קלאַסישער און סאָוועטישער פּראָגראַם אין טאַון־האָל, דעם 15טן אַפּריל. שייפער וועט דאָרט אויך דיריגירן. דאָס העלפט. שייפער. שייפער.

און אָט איז דער 15טער אַפּריל, דער 9טער יובילײ־קאָנצערט פונעם מאַנדאָלין־אָרקעסטער. און שייפער גיט טאַקע מיט אַ פולער האַנט. פריער קומען די מייסטער־קלאַסיקער — באַך, בעטהאָווען, אַלס אַ בריק צו דער מאָדערנער מוזיק גיט ער מוסאָרגסקי'ן און דאַן די מאָדערנע סאָוועטישע מוזיקער — דאַווידענקאָ, טשעמבערדזשי, און גליער. די אוידיטאָריע איז געקומען הערן גוטע מוזיק און זי האָט עס באַקומען. באַצאָלט זי דאָך מיט הארציקע אַפּלאָדיסמענטן פאַר דעם, וואָס זי האָט באַקומען מער וויפיל זי האָט דערוואַרט.

נאָך צוויי וואָכן געבליבן צום „געוויטער"־קאָנצערט. נאָך איין וואָך. זינגער פאַלן פון די פיס. צוויי און דריי רעפּעטיציעס אין דער וואָך. שייפער האָט ניט קיין רחמנות. „געוויטער". „געוויטער". איך בין אויך ניט געשלאָפן קיין נעכט. קיין זאַך פאַלט ניט פון הימל אַראָפּ. גרינשפּאַן

האָט זיך אויך ניט געשפּילט. געדאַרפט דורכלייענען און דורכשטודירן הונדערטער לידער... נעכט ניט געשלאָפן. און איר פּיעשטשעט זיך. שעמען מעגט איר זיך.

און מ'פאַרשעמט זיך. און מ'קומט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. און שיפּער האָרעוועט מיט זיין הובל איבער די סענקעס, גלעט אויס, שאַרפט אָן, פאַרשפּיצט, פאַרבייגט וואו מ'דאַרף. הייסט אַנדערע אײַנגאַנצן שווייגן. אַפּטמאָל באַזייטיקט ער איינעם אָדער צוויי פון קאָנצערט. „איר'ט שוין דאַרפן צוואוואַרטן ביז אַ צווייטן קאָנצערט."

און אַז אייניקע הייבן אָן שטאַרקער צו בונטעווען זיך די סאַמע לעצטע וואָך און ווילן אַראָפּ'גנב'ענען אַ רעפּעטיציע, שיקט ער אָפּ זיי אָן אַ פּאָר געוויטער־אויגן זיינע, מורמלענדיק: אַ צען־יאָריקער יובילײ... צען יאָר האָבן חברים געהאָרעוועט ווי די אייזלען, ניט דערעסן, ניט דער־שלאָפן, און דאָ רעדט מען וועגן איין נאַכט... פאַרברענט זאָל עס ווערן!

— דערפאַר, אַז עס איז דעם 6טן מאַי אָנגעפילט געוואָרן דער קאַרנעגי־האָל, ניט בלויז מיט אַרום פיר טויזנט קעפּ, נאָר אויך מיט צעצונדענע, פלאַמען־טענער, וואָס לעקן דעם סאַמע סופיט און צעסמאַליען פּשוט די ווענט, האָבן זיך אַזוי גוט אריינגעפּאַסט גרינשפּאַנ'ס פייערדיקע שורות—

„סיי־ווי־סיי צעצינדן מיר די וועלט!"

שיפּער'ס פּנים לייכט נאָכן קאָנצערט ווי די זון נאָך אַ געוויטער.

2. נאָכן „געוויטער" — אַ קלאָרערער הימל

צוויי וואָכן נאָכן ערשטן „געוויטער", דעם 21טן מאַי, 1933, קומט פאָר די אָלימפּיאַדע פון די אַרבעטער מוזיק־אָרגאַניזאַציעס, אינעם אוידי־טאָריום פון סיטי קאָלעדזש. אין איר מעסטן זיך די פּאָלגנדיקע צוואַנציק אַרבעטער מוזיק־אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און פּלעצער: די יוגאָסלאַווישער פּיאָנערן־כאָר, דער „דזשוניאָר ריטם־בענד", דער מיטלשול־כאָר פונעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, דער א. א. אָ. שול־כאָר פון דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע, דער פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער פון ניו יאָרק, דער אָרקעסטער פון פּיער דעגעיטער קלוב (ניו יאָר); דער ליטווינישער אַרבעטער־כאָר פון נוארק, נ. דזש.; דער פרייהייט געזאַנג פאַראיין פון פילאַדעלפיע; דער מוזיק־בענד פון „אינ־טערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־הילף"; דער ליטווינישער כאָר פון ברוקלין; דער „דעילי וואָרקער" כאָר פון ניו יאָרק; דער יוגאָסלאַווישער אַרבעטער־כאָר „ראַדניק"; דער פרייהייט געזאַנג פאַראיין פון ניו יאָרק; דער באַלאַ־

לייקע אָרקעסטער; דער רוסישער אַרבעטער־כאָר; דער פינישער אַרבע־טער־כאָר; דער איטאַליענישער אַרבעטער־כאָר; דער אוקראַינישער אַר־בעטער־כאָר, און דער קאָמבינירטער כאָר פון די אידישע אַרבעטער־קלובן.

דער פּאַרמעסט איז אַ גאַנץ שאַרפער. דער פּאַרמעסט איז פּאַקטיש ניט בלויז פון אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך פון דיריגענטן. דער הויפּט־געיעג איז צווישן די דיריגענטן אַדאַמיאַן, שייפער און שעלי. איינער נאָכן אַנדערן קומען זיי. די זינגער און שפּילער שטרענגען זיך אָן מיט אַלע זייערע כחות צו געבן דעם בעסטן חשבון וועגן זיך. די דיריגענטן זיינען אומרואיק. אויך שייפער׳ן פעלט די סאָלידע מאָס רואיקייט, וואָס ער האָט בײַ אַ „היימישערער״ אונטערנעמונג. אָבער אַזוי שנעל ווי דער פרייהייט געזאַנג פאַראיין זינגט אָפּ דאָס ערשטע ליד ווערט שוין קלאָר װער דער „זיגער״ איז. די פּאַקטישע אָפּשטימונג קומט מיט די הענט און די פיס, וואָס צעוויגן זיך אין כוואַליעס פון אַפּלאָדיסמענטן און פוס־קלאַפּערייען. די זינגער ווערן נאָך מער דערמוטיקט. שייפער׳ס פּנים לייכט שוין מיט אַ זיכערן זיגער־שיין. דאָס צווייטע ליד קומט נאָך קרעפטיקער אַרויס. אַך, ווען זיי וואָלט געגעבן ווערן גענוג צייט, זיי זאָלן קענען אויסזינגען כאָטשבי דעם „אָקטאָבער״, אָדער דעם „געוויטער״!

דעם פּרייז־באַנער געווינט דער פרייהייט געזאַנג פאַראיין פון ניו יאָרק. דאָס איז דער אורטייל פונעם עולם און דאָס איז דער אורטייל פון די ריכטער. שייפער קען זיך ניט קאָנטראָלירן פון אַרויסווייזן זיינע לויז־געלאָזטע עמאָציעס, כאָטש ער באַמיט זיך מיט אַלע כחות צו באַהאַלטן זיי.

און ס׳איז ווידער זומער. ווידער „קינדערלאַנד״. שייפער האָט גרויסע האָפענונגען. אין קעמפּ איז שוין דאָס מאָל אויך אָנגעשטעלט בענאַ שניידער, דער מכשף־רעזשיסאָר פון אַרטעף. נאָך אַ קינסטלער מיינט בײַ שייפער׳ן נאָך גרעסערע אחריות פאַרן עולם און פאַר דער פאַרוואַלטונג.

אָבער בעת איר רעדט מיט שייפער׳ן אין מיטן סעזאָן איז ער ניט איננאַנצן צופרידן. שניידער וויל צופיל זאַכן דאָ אין קעמפּ. ער מיינט, אַז ער איז אין מאָסקווע און קען דאָ אַלץ האָבן מיט אַלע פּישטשעווקעס. דאָ קען מען ניט האָבן די איינריכטונגען פון שטאָט — קלאָגט ער זיך און קוקט אויף אייך, ווי ער וואָלט דערוואַרט, אַז איר זאָלט עם באַשטעטיקן.

און אַז שניידער, וועלכער איז געוואוינט צו די ליכט־עפעקטן פון אַ מאָדערנעם טעאַטער און ס׳נעמען זיך בײַ אים ניט די הענט צו טאָן עפּעס אויף אַ פּראָווינציעלן אופן, קען זיך ניט פאַראינטערעסירן אין אַזאַ אַרבעט, ווי זי ווערט געטאָן, קען דאָס שייפער ניט באַנעמען. סטייטש, שניידער —

און אז דער קילער און געלאסענער מילער, דער דעמאָלטיקער דירעקטאָר פאַר געזעלשאַפטלעכער פאַרווײַלונג, גיט ניט אַזוי שנעל אַ לויף, ווי שייפער'ן דוכט זיך אויס, אַפּצוטאָן אַ זאַך, וואָס מ'האָט ערשט באַשלאָסן, איז באַ אים רעכט צו באַקלאָגן זיך, אַז ער קריגט ניט די נויטיקע קאָאָפּעראַציע. ער וואָלט וועלן, אַז אַלע זאָלן האָבן זײַן טעמפּעראַמענט און אַז אַלע זאָלן לויפן מיט זײַן אימפּעט. גיי לויף נאָך דעם אוראַגאַן!

דערפאַר גייט ער אַרום אַ שטראַלנדיקער, ווען דער גאַנצער פרייהייט געזאַנג פאַראיין קומט אַרויס דעם 19טן אויגוסט אין „קינדערלאַנד". דאָ האָט ער זײַנע אייגענע „יאַטן", וואָס פאַרשטייען שוין יעדן וואונק זײַנעם און זײַנען שוין צוגעוואוינט נאָכצופאָלגן אים אין זײַן טעמפּ.

שייפער האָט זייער אַן אַקטיוון הארבסט. ער דאַרף צוגרייטן דעם כאָר און דעם מאַנדאָלין־אָרקעסטער פאַר נײַע אַרויסטרעטונגען אין סיטי קאָלעדזש אוידיטאָריום און אין מעקאַ טעמפּל. אין יענער צײַט איז ער שוין אַ באַקאַנטע פּערזאָן אין די אַלגעמיינע ניו יאָרקער מוזיק־קרײַזן. מיר געפינען אין זײַן קאָרעספּאָנדענץ פון יענער צײַט בריוו צו אים פון פאַרשיידענע מוזיקער און מוזיק־אָרגאַניזאַציעס. איין בריוו צו אים פון אַלווין דזשאָנסאָן לאַדט אים אײַן צו דעם קבלת־פּנים פאַרן וועלט־באַרימטן מוזיקער אַרנאָלד שענבערג, דעם 11טן נאָוועמבער.

און אָט קומט אים ווידער אויס אַרויסצוטרעטן מיט זײַנע צוויי מוזיק־אָרגאַניזאַציעס אין משך פון 8 טעג: דעם 18טן נאָוועמבער, אין סיטי קאָלעדזש אוידיטאָריום מיטן געזאַנג פאַראיין און אַ סימפאָנישן אָרקעסטער אין „געוויטער", און דעם 26טן מיטן מאַנדאָלין־אָרקעסטער אין אַ פּראָגראַם פון סאָוועטישע אינטערנאַציאָנאַלע מעלאָדיעס, געגעבן צום 7טן יובילײַ פונעם „האַמער".

די „ניו־מעסעס" האָט זייער פיל פּובליצירט אַן אויסערגעוויינלעכן קאָנצערט פון נײַער סאָוועטישער מוזיק, אין דעם זעלבן סיטי קאָלעדזש אוידיטאָריום פאַרן 10טן דעצעמבער, 1933. אַפן קאָנצערט טרעט אַרויס דער פרייהייט געזאַנג פאַראיין מיטן שייפער'ן אין אַ גאַנצער ריי סאָוועטישע נײַע לידער און צום סוף גיט ער אויך איינציקע פון זײַנע אייגענע לידער. צום קאָנצערט קומען פיל מוזיק־ליבהאָבער פון די סימפּאַטיזירנדיקע לינקע קרײַזן. אין עטלעכע טעג שפּעטער טרעט אַרויס דער מוזיק־קריטיקער דזשאָרדזש מעינאַרד און פאַלט אָן אַף די „ניו־מעסעס" פאַר־וואָס זי האָט מיט איר מין פּובליצירן, אַז ס'וועט געגעבן ווערן די נײַעסטע סאָוועטישע רעוואָלוציאָנערע מוזיק, פּשוט פאַרשווארצט דעם פּנים

פון דער סאָוועטישער מוזיק. ער ווייזט אָן, אַז גלײַער, איינער פון די וואָס די „ניו־מעסעס" האָט אַממערסטן געבומט אַלס רעפּרעזענטאַנט פון דער נייער רעוואָלוציאָנערער מוזיק, איז נאָך מערסטנס אָפּ קעסט באַ די קלאַסיקער און גיט נאָך ניט קיין סאָוועטישע רעוואָלוציאָנערע מוזיק, און אַז ווען ניט שייפער מיט זיין פּראַכטפולן פרייהייט געזאַנג פאַראיין, וואָלט דאָ גאָרניט געווען אין דעם קאָנצערט, וואָס זאָל אים באַרעכטיקן צו רופן זיך אַ קאָנצערט פון רעוואָלוציאָנערער מוזיק.

מיר ווייסן ניט ווי שייפער האָט אינעווייניק באַ זיך רעאַגירט אָפּ דעם דאָזיקן אַרטיקל. פון איין זייט איז עס דאָך געווען אַ קאָמפּלימענט פאַר אים, אָבער פון דער צווייטער זייט האָט דאָס שלעכט רעפלעקטירט אָפּ דעם אָפּקליינ פון סאָוועטישע מוזיקער און קאָמפּאָזיציעס. עס איז אַפילו ניט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז ער האָט אינגאַנצן ניט געלייענט דעם דאָזיקן אַרטיקל, ווייל ער האָט שוין אין יענער צייט געאַרבעט אָפּ זיין נייער גרויסער קאָמפּאָזיציע, „דער שטורעם־פויגל" פון מאַקסים גאָרקי, אין אַלגינ׳ס אידישער איבערזעצונג.

פאַר שייפער׳ן שליסט זיך דער יאָר 1933 מיט נאָך צוויי גרויסע אויפטריטן — דעם 23טן דעצעמבער צו דעם 4טן שול־צוזאַמענפאָר פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן, און דעם 29טן, ד. מ., צו דעם יובילײַ פון דער אינדוסטריעלער נאָדל־אַרבעטער יוניאָן. אָפּ דיביידע אונטער־נעמונגען איז ער אַרויס מיטן פרייהייט געזאַנג פאַראיין און ביידע זיינען זיי פאָרגעקומען אין מעקאַ טעמפּל.

3. שייפער דער דיריגענט

שייפער, דער דיריגענט, וואָס שטייט אָפּ דער סצענע און דיריגירט מיט קראַפט, מיט טעמפּעראַמענט, כאָטש אָן אַרטיסטישע פיינערייען, אָן קאָקעטערייען און אָן חנ׳דלעך, ווי דער עולם פלעגט אים זען אָפּ די פייערלעכע קאָנצערטן, איז ברייט באַוואוסט. בלויז איבערגעזעטיקטע פיינשמעקער און עקזאָטיקער פלעגט ניט געפעלן זיין „האַמעטנער", כמעט „הובלענדיקער" אופן פון דיריגירן. אָפּ די ברייטע אַרבעטער־מאַסן פלעגט ער דעמאָלט מאַכן אַ טיפן איינדרוק גראַד מיט זיין אומגעקינסטלטקייט, מיט זיין פשוט׳ן אופן פון הויבן און אַראָפּלאָזן דעם אימפּעט פון די זינגער אָדער פון אָרקעסטער.

אָבער שייפער דער דיריגענט, דער לערער, וואָס שטודירט איין מיט די זינגער אַ קאָמפּאָזיציע, איז גאָר אַן אַנדער מין מענטש. פון דעם

װײַסן בלױז די זינגער און גאָר אַ קלײנע צאָל אַנדערע, װאָס פּלעגן בײַ־װאױנען רעפּעטיציעס. ניט אײן זינגער פּלעגט װערן אָפּגעגאָסן מיט שװײס פֿון שײפּער׳ס אַ זידל־װאָרט, פֿון זײַן חוזק און אָפּטמאָל פֿון אַ סאַטירישער באַמערקונג, װאָס גײט אַרײַן אין דער זיבעטער ריפּ. װען שײפּער שטודירט אײַן, איז ער צײַטנװײַז אַן אמת׳ער טיראַן.

דאָס נעמט זיך פֿון צװײ אורזאַכן: ערשטנס, פֿון די רעשטלעך װאָס זײַנען אים פֿאַרבליבן פֿון זײַן אַרבעט מיט די חזנים. דיריגענטן בײַ חזנים האָבן אַ ספּעציעלן לעקסיקאָן פֿון זידל־װערטער. אַ פֿאַלשער טאָן, אָדער אַן אַרײַנפֿאַל נישט אין צײַט, מײנט פֿאַר דעם זינגער אָפּטמאָל צו װערן אַ ציל־ברעט פֿאַר אַלערלײ מינים קללות און חרמות. שײפּער האָט צו־לאַנג געאַרבעט בײַ חזנים — אַרום 23 יאָר — אַז די דאָרטיקע אַטמאָספּערע און געװאױנהײטן זאָלן זיך אַזױ שנעל קענען אױסװעפּן און פֿאַרגעסן װערן. צװײטנס, איז שײפּער׳ן שטענדיק אױסגעקומען אײַנ־צוזינגען קאָמפּאָזיציעס אין אַ זײער קורצער צײַט. קײן דורכשניטלעכער, און אָפּטמאָל אַפֿילו אַ זײער פֿײַאיקער דיריגענט, װאָלט זיך ניט אונטער־גענומען אײַנצושטודירן אַזעלכע שװערע קאָמפּאָזיציעס אין אַזאַ קורצער צײַט, װי שײפּער פּלעגט עס טאָן. די אָנשטרענגונג, די נערװעזיטעט און דאָס פֿילן אַז אָט־אָט און די רעפּעטיציע איז שױן אַריבער, און ס׳איז נאָך אַזױ װײניק אױפֿגעטאָן געװאָרן, װאָלט אַרױסגעבראַכט פֿון דעם געדולד דעם רױִקסטן מענטשן. און שײפּער, װי מיר האָבן שױן געזען, איז װײַט געװען פֿון צו זײַן אַ רױִקער. אין יעדן אײנעם װאָס האָט נישט נאָכגעפֿאָלגט זײַן אימפּעט, זײַן ערנסט און זײַן פֿולע קאָנצענטרירונג, האָט ער געזען אַ פֿױלענצער, אַ שעדיקער און אַ לײַכטזיניקן מענטשן.

נײַע זינגער, װעלכע האָבן אים ניט געקענט, פּלעגן פֿאַרציטערט װערן װען שײפּער׳ס קללות פּלעגן זיך נעמען שיטן אויף שלעכטע זינגער, אָדער אויף אַזעלכע װאָס קאָנצענטרירן זיך ניט מיט גענוג אױפֿמערקזאַמקײט אויף דער רעפּעטיציע. זײ פּלעגן מײנען, אַז ער איז בטבע אַ שלעכטער מענטש. אָבער ס׳איז גענוג געװען אַז זײ זאָלן נאָר זען אײנמאָל װי ער צעשמײכלט זיך נאָך אַ פֿאַרציע קללות, אַז זײ זאָלן דערזען, אַז דאָס איז בײַ אים נאָר אַזאַ פֿאָרם, אמת, אַ פּרימיטיװע פֿאָרם, אױסצודריקן זײַן אומ־צופֿרידנקײט.

ניט אײנמאָל פּלעגט טרעפֿן, אַז גלײַך נאָך דער רעפּעטיציע זאָל שײפּער צוגײן צו אײנעם אָדער צו אײנער, װאָס ער האָט טיף באַלײדיקט, און פֿאַרענטפֿערן זיך און בעטן אַנטשולדיקונג.

גאַנצע קאָלעקציעס זײַנען געמאַכט געװאָרן פֿון שײפּער׳ס קללות

און זידלערייען, וואָס וואָלטן געקענט אָנפילן אַ בוך. איינע פון אַזעלכע קאָלעקציעס האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ מיטגליד פון כאָר, וועלכער איז שוין איצט אַליין אַ דירינענט, אַלבערט ביטער. ער קלייבט זיך אים נאָך ווען עס איז אָפּצודרוקן פאַר צוועקן פון אידיש־מוזיקאַלישן פאָלקלאָר. מיר גיבן דאָ איניקע כאַראַקטעריסטישע אויסצוגן פון דער דאָזיקער קאָלעקציע:

„ווער קרייעט עס דאָרטן, באָבעציעס? חנ׳עוודיקע קאַליקעס. נעמט שוין אַריין גענוג, אָטעם — איר האָט זיך דאָך זומער געבאָדן אין קוני-איילאַנד . . . פאַרבינדט נאָכאַמאָל די זעלבע פראַזע, אויב נישט פאַרבינד איך אייך מיט שטריק די פיס!

„גאַש דאַנעט! זינגט! דאָס איז נישט קיין לבנה-ליד. איר זיינט דען דאָ אַף אַ בית-עולם? זעט ווי די מאַדאָנעס זינגען עס מיט פאַר-גלאָצטע אויגן — געץ זיי הימלען, שטערן — געץ זיי הימל-געזאַנג!

„נאָכאַמאָל פון אָנהויב — נו, רירט זיך! פאַר די אַלטאָס דאַרף מען קריגן אַ טראַקטאָר אַרויסצושלעפן זיי; פאַר די באַסן אַן עראָפּלאַן צו פליען, און אייך, סאָפּראַנאָס, וועל איך מוזן שיקן דעם טאָן דורך פּאָטשט . . .

„חבר דובאָוו! און איר, חבר קורץ — וואָס האָט איר זיך אַזוי צעלייגט ווי אין אַ ווייַן-גאָרטן? און איר, חבר גאָלדשטיין, דאַרפט אויסהאַלטן דעם טאָן לענגער, לענגער, אַזוי לאַנג אַפילו, אַז איך זאָל אַוועקגיין אָנבייסן און צוריקקומען זאָלט איר נאָך אַלץ האַלטן דעם טאָן.

„איין אַלטאָ און טענאָר דערגייען מיר די יאָרן. זאָלן זיי חתונה האָבן און מיך אָפּלאָזן. דער טייוול זאָל אייך נעמען!

„ס׳איז אַמעריקע — איר ווערט זיך זיצן צעלייגט, מען ווערט אייך פוצן די שיך, רייניקן די נעגל, גאָלן די בערד און איך וועל אייך דערווייל לערנען זינגען . . .

„חבר׳טע שוואַרץ, איך האָב אייך געהערט, כאָטש איך בין שוין טויב פון אייך. אייער טאָן בלענדט מיר די אויגן, ווי מיט אַ שפּיגעלע קעגן דער זון.

„ווען איך שרייב מוזיק מעסט איך און וועג פאַר אייך, אַז איר זאָלט דאָס קענען זינגען. איך גיב עס אייך אַלץ אין דער האַנט אַריין — אין מויל אַריין, און ווען איר נעמט דאָס זינגען דאַרף מען אייך באַלוינען מיט אַ מעדאַל. איר זייט דאָך שוין ווידער אַריין אין אַ זומפּ, גאַש-דאַנעט!

„חבר, איר זינגט? וואָס איז דען, ראָסל-פלייש, האַ? און איר, חבר׳טע, איר טוט שוין אָן דאָס העטקעלע, וואָס איז, איר אײַלט זיך אפשר, האַ? איר ווערט שוין הײַנט זיצן באַ מיר אַ האַלבע שעה לענגער. ענטפערט ניט — זינגט!

„חבר גיטער, וואָס איז, איר האָט מיך נישט דערקאַנט? איז וואָס קוקט איר, ווי אַ האָן אין בני-אָדם אַריין? פייגעלעך פליען דאָ נישט אַרום, אַדרבא, זאָלן אַלע זען.

„איר, חבר, האָט זיך אויסגעוואַשן די אויערן? צו אַלדע טייוול!

הערט איר נישט? ס'איז אַ טרוקענער טאָן, ווי פון אַ פאַס אַרויס. ניין! איר וועט מיר מער נישט געבן דעם געשריי, אייער שיינעם פאַרטיקן „פּאַדאַוואַאַי" — גאָד-דעמעט, זינגט, זינגט!

„חבר קאָן, ווי האָט עס אַ שמיר געטאָן מיט דער בראָש? דאָס איז אַ גראַטשיקער טאָן — איר הערט, חבר קאָן? דאָס איז אַ גראַטשיקער טאָן! און איר, חבר, דאַרפט דינגען אַ לופט-מאַשין — זי וועט אייך שוין דעליווערן געגוג לופט. צו אַלדע טייוול — פון מיר פאַלט ס'פּליוש. גאָד-דעמעט! זינגט!

„ווידער דער גלעזערנער טאָן, צו אַלדע שוואַרץ יאָר — וואָס שרייט איר ווי די שיכורים? דאָ איז נישט קיין פּיקניק, גאָד-דעמעט! מען קען נאָך פון אייך קריגן די פּאָפּלעקציע!

„טענאָרן, איר הערט, איר מוזט אָנהויבן וואַקסן — לאָמיך פילן, אַז אַ וואַנט גייט. און איר, צווייטע טענאָרן, זייט מיך מחיה. אדרבא, „נאַו איז יור טשענס", „שאָ אָס ווהאַט יו קען דו"....

„צווייטע סאָפּראַנאָס, וואָס לויפט איר? וואַרט ביז איך קום צו אייך. וואָס גייען אייך אָן די טענאָרן, זאָל אייך נישט אַרן — זיי שטייען שוין איינגעמאַכט.

„באַ זינגער פאַלן פּערל — באַ אייך פאַלט — איך ווייס אַליין נישט וואָס. איר הערט וואָס מ'רעדט צו אייך: פּיאַניסימאָ מיינט נישט שטאַרבן, פּיאַניסימאָ זינגט מען מיט נשמה — און איר נעמט אַרויס דעם זאַפט פון טאָן. כ'בעט — שטילער, שטילער, נאָך שטילער.

„ווער האָט זיך דאָרט ווידער אָוועקגעלייגט אַף אַ טאָן, און וויל פון אים נישט אָפּטרעטן? מיט אַ בייטש דאַרף מען אייך שמייסן! און דאָרט ליגט דער גאַנצער ווינקל טויט. וואָס שלאָפט איר? איך האַלט, אַז די פאַרוואַלטונג דאַרף קויפן קישעלעך פאַר אייך אַלעמען, „דאַטסאָל"!

„איך בעט, חברים, איינמאָל אין וואָך איז באַ מיר נישט קיין שבת. די גאַנצע וואָך איז באַ מיר שבת. שוין-שוין, נאָך דריי טעג — און די טירן עפענען זיך — און איר באָלבעט נאָך אַלץ, ווייסט אייך דער טייוול וואָס פאַר אַ שמונה-עשרה איר דאַוונט דאָרט! גיט מיר בעסער מיט אַ שטיק האָלץ איבערן קאָפּ.

„חבר'טע, וואָס גוואַלדעוועט איר? איר ווילט, אַז מען זאָל אייך אַליין הערן? איז צו וואָס מאַטערן דעם גאַנצן כאָר? גאָד-דעמעט! ווען איך קען אייך וואַרפן די פּיאַנאָ אין קאָפּ אַריין וואָלט איך עס גלייך געטאָן.

„און איר, חבר'טע, צו וואָס דער לאַ-לאַ-לאַ? די וועלט וועט נישט אונטערגיין, ווען איר וועט נישט זינגען. איר קענט נישט? טאָ שווייגט! זינגט נישט! זיצט און שווייגט! דער סוף בלייבט — איך רעד מיינס און זיי הערן מיך ווי די קאַץ!

„חברים, זעצט זיך שוין אַוועק — איך האָב דעם טיש שוין באַלד צעבראָכן, דאָס האַרץ שוין באַלד אויסגעשפּיגן — זאָל עס נעמען אַ סוף! הערט שוין אויף צו מישן די בלעטלעך ווי די רעבעצינס מיט די קרבן-מנחה'ס.

„מען מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּטור ווערן פון די גרויסע מענטשן, וועלן מיר דאַן זען וואָס וועט זיין אַף דער וועלט. וואָס הערט זיך עפּעס



אויבן : לאה שייפער.. אונטן : יעקב און לאה שייפער.

מיט די פרינצן און באַראָנען — זיי זינגען אויך, האַ? איר, טענאָרן, גייט מיר שוין פראָווען, זע איך, די ריכטיקע נאַכט. און איר, סאָפּראַנאָס, זיינט אַריינגעקומען צו פרי. איכ'ל איינע אַמאָל דער'הרג'ענען און „בי דאָן וויטה איט".

„אַלטאָס, וואָס קוקט איר אַף מיר? אַז איך בין שוין פון אייך בלאָס דאַרף אייער טאָן אויך זיין בלאָס? און איר, באַריטאָנען, וואָס זיינט איר מיר פּלוצלונג געוואָרן קאָנאַריקלעך? געדענקט, אַז איך וועל עמיצן פון אייך דער'הרג'ענען!

„גיט אַ קוק, אדרבא, מיין סעט טענאָרן: דריי ליגן אין בעט, פיר זיינען פּראָפעסאָרן, פינף זיצן און קוקן אַף מיר און די איבעריקע שווייגן. דאָס איז סאַבאָטאַזש!"

א נייער פּזמון הויבט זיך אָן ווען שייפער קומט צוריק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און נעמט זיך צו דער ערשטער רעפּעטיציע:

„חברים, זעצט זיך אַוועק. זעצט זיך, איידער דאָס בלוט פאַנגט אָן פון מיר רינען. איך קום איצט אַ נייער דיריגענט. איך האָב איצט נייע געזעצן. איך ווייס ניט, חברים, צי האָב איך אייך ניט דערקענט, אָדער צי זיינט איר אַלעמאָל אַזוי געווען. איר האָט אַוועקגעלייגט אַ פּראָזע ווי אַ קופּע שטיינער.

„וואָס פאַר אַ זינגעכץ איז דאָס? אַ זון דאַרף שיינען — באַ אייך שיינט גאָר בלאָטע! נאָכאַמאָל פון אָנהויב — ניין, איר וועט מיר ניט אַריינקומען אָנגעטאָן אין די זיידענע זאָקן מיט די ווייסע הענטשקעס . . . וואָס האָט איר מורא פאַר דער וועלט? פּרייולעכער, ליכטיקער, זוניקער — יעדער טאָן זאָל פאַלן ווי אַ פּערל, איר הערט? באַ אייך פאַלט . . . איך ווייס אַליין ניט וואָס . . .

„נאָכאַמאָל הויבט אָן פון „טראַט טראַט", זאָל די פּראָזע וואַקסן ווי אַ וואַנט. חבר, שאָקלט מיר נישט מיטן קאָפּ, עס וועט אייך גאָרנישט העלפן. דאָ איז דער תהום, גייט איר ניט אַריבער — ווערט איר דער־הרג'עט. . . .

„אוי, וואַרשע, וואַרשע! געדענקט, איר זינגט דאָך מיר מיין האַרץ ווי מיט אַ זעג. גיט מיר בעסער מיט אַ שטיק האָלץ איבערן קאָפּ. גע־דענקט — כ'וועל מיך אויסדרייען צום עולם אין קאַרנעגי־האָל און דערקלערן ווער איר זיינט.

„איך בעט, חברים, זאָל דער טאָן ניט ציטערן. איך האָב פיינט ציטערדיקע קינדער. און זיצט ניט אַף קיין פרעמדער חתונה. עס איז אייער אייגענע חתונה. און זאָל באַ אונז דאָ נישט זיין קיין צווייט־קלאַסיקע סחורה. באַ אונז דאַרף אַלץ זיין ערשט־קלאַסיקע סחורה.

„טענאָרן, איצט וועט איר מיר געבן דאָס ציגן־קעלעכל. יאָ, יאָ, איצט וויל איך עס. „לעט'ס גאָו"! נעמט שוין אַרויס די האָלץ פון די קישעלעך. וועלכער טענאָר האָט עס צעשפּאָלטן אַ כינעזער אַף צוויי? גאַש־דעמעט, איר דער'הרג'עט מיך!"

די דאַזיקע קאָלעקציע גיט אָבער אַ קנאַפּן באַגריף וועגן דער פּולער אַטמאָספּערע אַף שייפער׳ס אַ רעפּעטיציע. דאָס איז בלויז איין זייט פון דער מטבע. די דאַזיקע אַלע שטעך־ווערטלעך זיינען בלויז אינצידענטן פון דער רעפּעטיציע. די רעפּעטיציע אַלס אַ גאַנצע איז אָבער אַן אומ־פאַרגעסלעכע לעקציע. אַזאַ, וואָס זינגער אונטער שייפער׳ן וועלן געדענקען זייער גאַנץ לעבן.

פאַר זיי שטייט אַ מענטש, וואָס זיין גאַנצער לייב און לעבן איז אַריינגעטאָן אין דעם אופן ווי אַזוי אַמבעסטן אַריינצולייגן אין מויל אַריין די שווערע אומרעגולערע פראַזע. ער באַ׳טעמ׳ט יעדע זילבע. ער וועגט זי און לייטערט זי. ווען ער זינגט איבער פּיאַניסימאָ אַ פראַזע, הערט איר ערשט די בויגעוודיקייט פון יעדן קלאַנג, זעט איר ערשט די עכטע פאַרב. וויפיל דער כאָר שטרענגט זיך ניט אָן, קען ער עס אַזוי ווי שייפער זינגט ניט נאָכזינגען. אָבער טריט בא טריט קומט ער צו אַלץ נעענטער צו דעם גיוואַנס וואָס שייפער וויל. ווען שייפער זעט, ווי די גאַנצע קערפּער־שאַפט איז איין שטיק קאָנצענטראַציע אַף דער געגעבענער פראַזע, שרייט ער שוין מער נישט, זידלט ניט, שעלט ניט, נאָר ער בעט פּשוט רחמים: איך בעט אייך, נאָכאַמאָל, נאָך מילדער, איר וועט אַליין דערפילן דעם טעם. כאַפּט נישט, שלינגט עס נישט אַראָפּ, האַלט עס אַף אייער צונג, ווי איר האַלט אַ שלוק פון גוטן טייערן ווײַן. שייפער איז דעמאָלט כולו גוטסקייט, איבערגעגעבנקייט, ליבשאַפט. דעמאָלט איז דאָס אַ גאַנץ אַנדערער שייפער ווי אין יענע מאָמענטן, ווען עס מערקט זיך אַ צע־שוויבערטקייט, אַ ניט־גענוגנדיקער ערנסט — אַ זאַך, וואָס ער האָט פיינט געהאַט בתכלית השנאה.

שייפער איז אויך שעפעריש אַף די רעפּעטיציעס. נישט איינמאָל ענדערט ער דעם נאָטן־טעקסט אַף דער רעפּעטיציע גופא. די רעפּעטיציע איז פאַר אים אַ לאַבאַראַטאָריע, וואו ער פּרוּווט, עקספּערימענטירט און לייטערט. איינמאָל, דערציילט ב. טשערטקאָוו, פּאַסירט, אַז בא אַ גע־וויסער פראַזע וואָס איז שוין איבערגעזונגען געוואָרן פיל מאָל, מאַכן די באַסן כסדר אַ באַשטימטן אָפּנויג. וויפיל מאָל ער זינגט זי ניט איבער, האַלטן זיי זיך כסדר אָן זייערס. שייפער שטעלט זיי אָפּ, צעגייט זיך אַף דער בינע אַהין און צוריק, לויפט צו צו דער פּיאַנאָ, פּרובירט עפּעס אויס און, — ער גיט ערלעך צו: „באַסן, איר האָט מיך צוריק אַרויפגעפירט אַפן ריכטיקן וועג. איך האָב עס אין אָנהויב טאַקע אַזוי געהאַט. אָבער מיר איז עס דעמאָלט ניט געפעלן געוואָרן, האָב איך עס איבערגעשריבן. איך זע איצט, אַז איר זיינט גערעכט.״

באַ שײפער׳ן זײנען די רעפּעטיציעס די װיכטיקסטע מאָמענטן פון זײן אַרבעט. ער װײסט, אַז ער האָט פאַר זיך פאַרהאַרעװעטע מענטשן, מיט פאַרשײדענע דאגות אױפן קאָפּ און ער װײסט, אַז די אָנשטרענגונגען, װאָס זײ מאַכן פאַרן פרײהײט געזאַנג פאַראײן אָדער פאַרן מאַנדאָלין־אָרקעסטער, זײנען אמת׳ע קרבנות. ער װײסט, אַז זײ גיבן אױס אױף דעם פאַראײן מער װיפיל זײ קענען. ער מוז אַמװינציקסטן זען, אַז די צײט זאָל פאַר זײ ניט צערינען װערן, אַז זײ זאָלן עפּעס לערנען און אַז זײער שװערע אַרבעט און אָנשטרענגונגען זאָלן ניט גײן לאיבוד.

4. שײפער — אַ יוביליאַר

דאָס יאָר 1934 איז זײער אַן אַקטיװער יאָר אין דעם אידישן מוזיקאַלישן אַרבעטער־פאַרבאַנד, און אין אַלע זײנע צװײגן אין די פאַרשײדענע שטעט. אױפן מוזיק־פאַרלעגערישן געביט גיט ער אַרױס, אונטער שײפער׳ס דירעקציע, דעם מוזיק־בוך „געזאַנג און קאַמף״, אַ נאָטן־זאַמלונג פון 18 לידער, אין װעלכער שײפער׳ס אײגענע קאָמפּאָזיציעס פאַרנעמען אַ װיכטיקן פּלאַץ. אױפן קאָנצערט און אָרגאַניזיר־געביט, לאָזט ער אַרױס אַ רוף צו פײערן דעם 20טן יובילײ פון דעם ערשטן סאָציאַליסטישן געזאַנג־פאַראײן אין שיקאַגאָ, מיט שײפער׳ן אַלס דיריגענט, און דעם 20טן יובילײ פון שײפער׳ס פּראָלעטאַריש־מוזיקאַלישע אומאונטערבראָכענע טעטיקײט.

די פאַרשטאַרקטע אַקטיװיטעט דריקט זיך אױס ניט בלױז אױפן מוזיק־געביט, נאָר אױך אױפן פּאָליטישן. די מוזיק־אינסטיטוציעס פון „אימאַף״ װערן אַלץ מער און מער דורכגעדרונגען מיטן גײסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ. זײערע שלאָגלער־בריגאַדעס באַטײליקן זיך אַקטיװער אין די אָרטיקע װאַל־קאַמפּאַניעס און אין געלט־זאַמלונגען פאַר דער פּאַרטײ. אינעם ערשטן צײכנט זיך אױס פילאַדעלפיע, װאו מענדי שײן, שײפער׳ס תלמיד פון שיקאַגאָ און דיריגענט פונעם דאָרטיקן פרײהײט געזאַנג פאַראײן, קאָאָרדינירט די טעטיקײטן פונעם פאַראײן מיט די טעטיקײטן פון דער פּאַרטײ אױף אַן אידעאַלן אופן, און אין ניו יאָרק, װאו די פאַראײנען גײען מיט אַכציק דאָלאַר איבער זײער קװאָטע און שאַפן פאַר דער פּאַרטײ 380 דאָלאַר.

שײפער׳ן קומט אױס אינעם פרילינג פון ד. י. אַרױסצוטרעטן אױף פינף גרױסע קאָנצערטן: דעם 3טן מערץ אין „ברוקלין אַקאַדעמי אָװ

מיוזיק״ מיט דער שוין אַזױפֿיל מאָל אױפֿגעפֿירטער אָראַטאָריע „צװײ ברידער״; דעם 30טן מערץ אַפֿן אַנטי־רעליגיעזן אָװנט פֿון דער אידישער ביוראָ אין ניו סטאַר קאַסינאָ, װאו שײפֿער׳ס סאַרקאַסטישע קאָמפּאָזיציעס טײלן זיך דעם אױסערגעװײנלעכן בײפֿאַל מיטן קאָנצערט פֿונעם פֿרײהײט מאַנדאָלין אָרקעסטער; דעם 14טן אַפּריל אַפֿן 12טן „פֿרײהײט״־יובילײ, װאו שײפֿער קומט אַרױס צום ערשטן מאָל מיט זײן נײער גרױסער קאָמפּאָזיציע „דער שטורעם־פֿױגל״ פֿון מאַקסים גאָרקי, אין אָלגין׳ס איבערזעצונג, אַן אַרבעט, װאָס װערט געלױבט פֿון אמת׳ע מוזיק־מבֿינים אַלס אַ נײער קער אין שײפֿער׳ס שעפֿערישקײט; און דעם 21טן אַפּריל צום 10טן יובילײ פֿונעם פֿרײהײט מאַנדאָלין אָרקעסטער, אין טאַון־האָל, װאו שײפֿער טרעט אַרױס סײ מיטן מאַנדאָלין־אָרקעסטער און סײ מיטן געזאַנג־פֿאַראײן. דער האָל װערט אױפֿגעשטורעמט, װען ס׳װערט דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פֿון מאָסקװע, װאָס באַגריסט שײפֿער׳ן צוזאַמען מיט דעם מאַנדאָלין־אָרקעסטער.

אגב זאָל דער פֿאָלגנדיקער אינצידענט כאַראַקטעריזירן די פּאָליטישע פֿאַראַנטװאָרטלעכקײט און ערלעכקײט פֿון דעם פֿרײהײט מאַנדאָלין־אָרקעסטער און פֿון שײפֿער׳ן, זײן פֿירער. צום 10טן יובילײ גיט דער פֿרײהײט מאַנדאָלין־אָרקעסטער אַרױס אַ סואַװעניר־זשורנאַל, פֿאַר װעלכן עס װערן אױך געקליבן געשעפֿטס־אַנאָנסן פֿון פֿאַרשײדענע מוזיק־פֿירמעס. דערצײלט יצחק יפה, אײנער פֿון די טעטיקסטע באַאמטע אין „אימאָף״, אַז די באַרימטע „גיבסאָן מאַנדאָלין קאָמפּ.״ האָט אָנגעבאָטן צו געבן אַ גרױסן אַנאָנס, אין װעלכן ס׳זאָגט זיך, אַז דער פֿרײהײט מאַנדאָלין אָרקעסטער באַנוצט זיך אױסשליסלעך מיט די מאַנדאָלינען פֿון דער גיבסאָן קאָמפּאַניע—אַ זאַך, װאָס איז ניט אינגאַנצן אמת, װײל אַ געװיסער פּראָצענט מאַנדאָלינעס איז פֿון דער „לײאָנס און הילער״ פֿירמע. שײפֿער, אָבער, האָט אַזױ דערצױגן דעם אָרקעסטער, אַז ער װײזט צוריק דעם אָנבאָט. די אָרגאַניזאַציע דאַרף טאַקע דאָס געלט, אָבער זי איז אַ פֿאַראַנטװאָרטלעכע אָרגאַניזאַציע און װעט ניט פּובליצירן אַ האַלבן צי אַ דרײפֿערטל אמת פֿאַר אַ גאַנצן אמת. זי װעט ניט קאָמערציאַליזירן איר נאָמען; זי איז ניט צום פֿאַרקױפֿן.

דער פֿינפֿטער גרױסער קאָנצערט, אַף װעלכער שײפֿער טרעט אַרױס צוזאַמען מיט נאָך אײניקע דיריגענטן, איז אינעם גרױסן אָרקעסטער־האָל אין שיקאַגאָ, צום 20טן יובילײ פֿון די פֿרײהײט געזאַנג פֿאַראײנען, און לכּבֿוד דעם 4טן צוזאַמענפֿאָר פֿונעם אידישן מוזיקאַלישן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד. שײפֿער װערט אױפֿגענומען פֿון דעם איבער פֿיר טױזנט־

קעפּיקן עולם מיט אַזאַ עכטער באַגייסטערונג, אַז בײַ הונדערטער מענטשן שטייען טרערן אין די אויגן פון טיפער אויפרודערונג.

דער צוזאַמענפּאַר גופא ווערט באַזוכט פון אַ היפּשן עולם. אויף אים ווערן באַהאַנדלט וויכטיקע פראַגן פון דער פּראָלעטאַרישער מוזיק־באַוועגונג. אין אים באַטייליקן זיך דעלעגאַטן און דיריגענטן כמעט פון אַלע פּרייהייט געזאַנג פאַראיינען און אָרקעסטערס. אין אים באַטייליקט זיך אויך אַ פאַרטרעטער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערער מוזיק־ליג, לאַן אַדאַמיאַן, און פאַרטרעטער פון דער נאַציאָנאַלער אידישער ביוראָ בײַ דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מ. פרידמאַן און י. ב.ביילין. שייפער׳ס רעפעראַט וועגן מוזיק אונטערן קאַפּיטאַליזם און די אויפגאַבן פון דער פּראָלעטאַרישער מוזיק־באַוועגונג אין אַמעריקע, מאַכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק מיט זיין איינפאַכקייט, קלאָרקייט און פּראַקטישער ציל־באַוואוסטקייט.

דעם זומער פון 1934 פאַרט שייפער ניט אין קעמפּ. ער פילט זיך דערשעפּט. זיין פאַרהאַרטעוועטער קערפּער הייבט אָן צו ווייזן סימנים פון נאָכגעביקייט. מאַכט ער אַ רייזע אין אויטאָמאָביל פון זיינע נאָענטע פריינט אָסקאַר און מיני סיימאָן צוזאַמען מיט זיי און מיט זייער זון און מיט זיין לאה׳ן.

שייפער׳ן, דעם נאַטור־קינד, ציט שטענדיק צו דער נאַטור און צו אירע וואונדער. אַלס קינסטלער דערפילט ער אָפט די נויטווענדיקייט אָפּ־צופרישן זיך מיט נייע איינדרוקן. אָבער ער קען עס געוויינלעך ניט דערוווייזן. ער האָט קיינמאָל ניט די צייט דערפאַר און ניט די מיטלען. וויפיל מאָל האָט ער שוין געוואָלט פאָרן און זען דעם יעלאָסטאָון־פּאַרק! איצט האָט ער די געלעגנהייט. דורך דעם גאַנצן מאָנאַט יולי פאָרט ער מיט זיין קאָמפּאַניע אין די געגנטן פון דעם נאַציאָנאַל־באַרימטן פּאַרק און קען זיך ניט אָפּרייסן פון די פאַרשיידענע וואונדער. גאַנצע שעה׳ען זיצט ער און קוקט אַריין אין די טיפקייטן פון די קעניאָנס, שפּיגלט זיך אין וואַסערפאַלן מיט אַ קינדערשער התפעלות; ער ווערט אַנטציקט פון די גייזערס, פון די הייסע קוואַלן, פון די פאַרב־גריבער און אַנדערע מערק־ווירדיקייטן.

— וואָס פאַר אַ נאַר בין איך עס, וואָס איך פאָר ניט אַהער יעדן זומער, — פלעגט שייפער איינ׳טענה׳ן מיט זיינע באַגלייטער. — דאָ קען מען דאָך שעפּן אינספּיראַציע פאַר אַ גאַנצן יאָר. דאָ קען מען דאָך צו זיך קומען פון די גוואַלדיקע אָנשטרענגונגען.

ווען די קעמפּערס און די ראַנטשערס זעצן זיך אַרום אין די אָוונטן

אַרום אַ קעמפּ־פייער און זינגען צוזאַמען, טרעט שוין שיפער פון זיי ניט אָפּ. ער שטודירט יעדע זאַך, וואָס האָט די מינדעסטע שייכות מיט זיין מוזיק־אַרבעט; אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט קונסט און נאַטור בכלל. אַפן וועג צוריק באַזוכט די גאַנצע קאָמפּאַניע די „הרי־חושך" („בלעק הילס") אין סאַוט דאַקאָטאַ. שיפער ווערט פּשוט פאַרכאַפּט פון די דערשטוינלעכע נאַטור־בילדער אין דעם פאַרשטיינערטן וואַלד, פון די „גאָדל־ביימער", פונעם באַרג ראָשמאָר און די אויססקולפּטירטע פיגורן פון די פּרעזידענטן. ער קען זיך נישט אָפּרייסן פון דער ווינט־הייל אין דעם „ווינד קעיוו נעשאָנאַל פּאַרק".

אין האַרבסט זעען מיר אים שוין צוריק בײַ זיין אַרבעט אין ניו יאָרק. ער רעווידירט דעם „אָקטאָבער", בויט אים כמעט אינגאַנצן איבער, לויט די אָנווייזונגען און קריטישע באַמערקונגען, וואָס די סאָוועט־מוזיקער האָבן סוגעסטירט. דערווייל קומען פאָר איבערן לאַנד אַ גאַנצע ריי פייערונגען פון שיפער'ס 20טן יובילײ. אַזוי ווערט אין ברוקלין, דעם 21טן נאָוועמבער, דורכגעפירט דער 20־יאָריקער יובילײ אין דער אַקאַדעמי אָוו מיוזיק, וואו צוויי און אַ האַלב טויזנט מענטשן נעמען אויף מיט אַ פאַר'שיכור'טער באַגייסטערונג די פּראָגראַם פון דעם פרייהייט געזאַנג פאַראיין, לכבוד שיפער'ס יובילײ. מיטן זעלבן ציל ווערט געגעבן דעם 30טן נאָוועמבער אַן אויסשליסלעכער שיפער־קאָנצערט פון דער פרייהייט געזאַנג פאַראיין אין פילאַדעלפיע, אין דעם מערקאַנטיל האָל. פון פאַרשיידענע שטעט און אינסטיטוציעס קומען אָן באַגריסונג־טעלעגראַמעס צו זיין יובילײ. פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד באַגריסן אים טעלעגראַפיש די מוזיקער שאָסטאַקאָוויטש, סאַמועל פיינבערג, קאָמפּאַנייעץ, און אַנדערע, ווי אויך דער כאַרקאָווער קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ. איינציקע בריוו, אין יענער צייט, פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, לאָזן אים וויסן, אַז עס דערשיינען זיינע ווערק אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַזעלכע ווי „צום זיג" פון י. א. ראָנטש, „רויט־אַרמייער באָלשעוויק" א. אַז. וו.

אין אָנהייב 1935 באַקומט ער אַ מתנה פונעם ניו יאָרקער פרייהייט געזאַנג פאַראיין און פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער — אַ זעלטן־שיינעם און באַקוועמען שרייב־טיש לכבוד זיין 20טן יובילײ.*)

*) דעם דאָזיקן שרייבטיש, ווי אויך אַ גאַנצע ריי אַנדערע געגנשטאַנדן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט שיפער'ס לעבן, קען מען איצט זען אין דעם שיפער־מוזיי, אין דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע אין ניו יאָרק.—י. ב. ב.

5. בײַ שייפער׳ן עפנט זיך אַ נייער קוואַל

אין 1935 גיט דער „אימאַף״ ווידער אַרויס אַ באַנד „געזאַנג און קאַמף״, מיט 20 לידער־טעקסטן און מוזיק, אונטער שייפער׳ס רעדאַקציע. די דאָזיקע אַרבעט פאַרלייכטערט זייער פיל די טעטיקייטן פון די פאַרשיידענע פרייהייט געזאַנג פאַראיינען איבערן לאַנד און באַרייכערט זייער רעפּערטואַר.

דעם 10טן מערץ טרעט שייפער אַרויס מיטן פרייהייט געזאַנג פאַראיין אינעם ניי־באַאַרבעטן „אָקטאָבער״, אין „ברוקלין אַקאַדעמי אָוו מיוזיק״, צום 12טן יובליי פון דעם פאַראיין. פאַרשיידענע מיינונגען הערן זיך בנוגע דעם נייעם „אָקטאָבער״. אַנדערע, ספּעציעל זינגער, באַהויפּטן, אַז זיי געפעלט בעסער דער ערשטער „אָקטאָבער״. דאָרט — זאָגן זיי — איז געווען אַ ברייטערער פאַרנעם, אַ העכערער שוואונג. שייפער האָט באמת אַרויסגעשניטן פון דער פריערדיקער קאָמפּאָזיציע איר פּאַלצעטאַטאָן, איר איבערגעטריבענעם פּאָמפּ, איר פאַראַדנעם גלאַנץ. און גראָד מיט דעם איז פאַר די זינגער אַזוי שווער זיך צו שיידן.

דערווייל פאָרט שייפער אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, און גאַסט־דיריגירט דאָרט די „צוויי ברידער״ אין מעיסי האָל פאַר אַן עולם פון איבער צוויי טויזנט מענטשן.

שייפער גרייט זיך זייער שטאַרק, סוף פרילינג, פאַר דער אַרבעט אין „קינדערלאַנד״, וואו ער ווערט אָנגעשטעלט. ער איז צופרידן, וואָס עס וועט אים אויסקומען דעם סעזאָן צו אַרבעטן האַנט אין האַנט מיט זיינע אַלטע פריינט, נ. בוכוואַלד און ב. פענסטער. ער האָט שוין דעם פאָרגעפיל פון אַ גרעסערער שעפערישער אַרבעט. אָבער בעת ער גרייט זיך שוין צו פאָרן אין קעמפּ קומט אָן די טרויעריקע בשורה וועגן יאָסל קאָטלער׳ס שרעקלעכן טויט. דאָס איז פאַר שייפער׳ן אַ שטאַרקער קלאַפּ. שייפער האָט מיט קאָטלער׳ן אייניקע געמיינזאַמע כאַראַקטער־שטריכן. ביידע זיינען זיי אָרעמע קינדער פון האָרעפּאַשנעם פאָלק, וואָס דאַרפן אויפריים זייערע קינסטלערישע קוואַלן מיט די הוילע נעגל. ביידע דינען זיי די אַרבעטער־מאַסן מיט אַלע זייערע געבענטשטע כחות. ביידע זיינען זיי צוימען־ברעכער און אָריגינעל אין זייערע טאַלאַנטן.

זיין אַרבעט אין „קינדערלאַנד״ פאַרכאַפּט אים אָבער אויף אַזויפיל, אַז ער פאַרגעסט אָן אַלץ און אָן אַלעמען. צוזאַמען מיט בוכוואַלד׳ן און פענסטער׳ן באַאַרבעט ער אַן אָפּערעטישן רעוואָלוציאָנערן איינאַקטער, וואָס שפּיגלט אָפּ דורך אַ ריי לידער די ערשטע תקופה פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד. שייפער באַנוצט זיך מיט די אַנ־

גענומענע מעלאָדיעס פאַר די דאָזיקע לידער, באַארבעט זיי אין פאָלקס־טימלעכן גייסט און עס באַקומט זיך אַ קורצע פאַרשטעלונג, וואָס נעמט זייער שטאַרק אויס באַם עולם. דערמוטיקטע, טרעט די „טראַיקע" ווייטער צו צו דער אַרבעט, נעמען צוזאַמען מאַטעריאַל פאַר נאָך אַן אַקט, אַזוי אַז די אָפּערעטקעלע קריגט שוין מער דעם פּנים פון אַ מין אָפּערעטע. אין פאַרלויף פונעם סעזאָן קומט שפּעטער צו נאָך אַן אַקט און אויף אַזאַ אופן שיילט זיך אַרויס די אַזויפיל שפּעטער באַרימט געוואָרענע „בונט מיט אַ סטאַטשקע". דורך דער צייט שאַפט שוין שייפער מוזיק פאַר אייניקע אַנדערע לידער, צווישן זיי אויך פאַר יאָסל קאָטלער'ס סאַרקאַסטיש ליד „נישקאַ", וואָס ווערט אויפגעכאַפּט צווישן עולם מיט דער שנעלקייט פון אַ וואַלד־פייער. גלייכצייטיק אַרבעט ער אויף אַ נייער אָראַטאָריע, מיט וועלכער ער איז פּשוט פאַר'שיכור'ט — אויפן טעקסט פון פּרץ מאַרקיש'עס פּאָעמע „עס קומט צו דיר, אַ טאָגיגע, איצט יונג ווערן אַ פאָלק" — אַ מעכטיקע אָדע פאַר די רחבות'ן און נאַטור־אוצרות פון ביראָ־בידזשאַן. שייפער זעט אין דער דאָזיקער פּאָעמע אַ הויכע סימפאָנישע קוואַליטעט און ער פאַרמעסט זיך צו שאַפן די העכסטע קאָמפּאָניר־אַרבעט פון זיין לעבן.

אין שטאָט דערוויסט מען זיך זייער שנעל וועגן דעם פאָלקסטימלעכן חן און אָפּערעטישן גלאַנץ פון דעם „בונט מיט אַ סטאַטשקע". שייפער רעפּעטירט איין די דאָזיקע אָפּערעטע מיטן גאַנצן פרייהייט געזאַנג פאַראיין און עס גייט אַוועק אַ סדרה פון „אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע" איבער דער גאַנצער שטאָט. אין 9טן נאָוועמבער ווערט די אָפּערעטע אויפגעפירט אין וועניס טעאַטער, און זי ווערט אויפגענומען מיט אַזאַ פרייד און התפּעלות, אַז שייפער ווי אויך אַנדערע קולטור־טוער פון דער באַוועגונג הויבן אָן צו דערזען אַ נייעם ברייטן וועג, מיט וועלכן צוצוקומען צו נייע מאַסן. די זעלבע אָפּערעטע ווערט אויפגעפירט דעם 16טן נאָוועמבער אין בראָנזווילער לייבאָר לייסעאום און דעם 23טן נאָוועמבער אין בראָנקסער בוירק טעאַטער. דער „בונט מיט אַ סטאַטשקע" נעמט איין ניו יאָרק.

דאָס יאָר 1935 דערמוטיקט שייפער'ן בכלל אויף אַן אויסערגעוויינלעכן אופן, ניט בלויז מיט דעם נייעם קוואַל וואָס ער האָט אָנגעשלאָגן דורך דעם „בונט מיט אַ סטאַטשקע". שייפער באַקומט אַן אינטערנאַציאָנאַלע אָנערקענונג דורך דעם וואָס מען לאָזט אים וויסן פון מאָסקווע, אַז ער האָט געוואונען דעם 2טן אינטערנאַציאָנאַלן פּריז פאַר רעוואָלוציאָנערער מוזיק דורך זיין מוזיקאַלישער אַרבעט אויפן טעקסט פון „שטורעם־פויגל". דאָס איז געווען אַ גרויסע פרייד ניט בלויז פאַר שייפער'ן און זיין פרוי

לאה'ן און פאַר די פרייהייט געזאַנג פאַראיינען, נאָר אויך פאַר אַלע הונדערטער און הונדערטער שייפער'ס פריינט און חברים, וואָס ער האָט געוואונען פאַר די לעצטע יאָרן.

6. לעצטע אַקאָרדן

אין דער אָראַטאָריע „בירא־בידזשאַן" דערגרייכט שייפער זיין העכסטע שטופע פון אַ קאָמפּאָניסט. אין איר באַמערקן זיך ניט נאָר אויסלעבונגען פון אַלע פריערדיקע קענטיקע דרויסנדיקע איינפלוסן, נאָר אויך אַ נאָענטקייט צו מייסטערשאַפט, אַ ראַפינירטע אָפגערונדיקטקייט און אַ פולשטענדיקער אָריגינעלער צוגאַנג צו דער טעמע אין דעם טעקסט. שייפער אַליין איז זיכער, אַז מיט דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער זיך נישט וואָס צו שעמען פאַר קיין שום מוזיקער.

אָבער ווען די דאָזיקע אָראַטאָריע ווערט אויפגעפירט דעם 21טן מערץ (1936) אין ברוקלין אַקאַדעמי אָוו מיוזיק, צום 13טן יובילײ פון פרייהייט געזאַנג פאַראיין, ווערט זי אויפגענומען ניט מיט דער זעלבער באַגייסטערונג, ווי, לאָמיר זאָגן, די „צוויי ברידער" אָדער „אָקטאָבער". „בירא־בידזשאַן" איז צו קאָמפּליצירט פאַרן ברייטן עולם, און זי גייט אים פאַרביי. אָבער שייפער ווערט דערפון ניט אַנטוישט. יעדנפאַלס האָט מען עס אַף אים נישט אָנגעזען.

דעם 4טן אַפּריל טרעט ער אַרויס מיטן פרייהייט געזאַנג פאַראיין צו דעם 14טן יובילײ פון דער „מאָרגן־פרייהייט", ווידער מיט די „צוויי ברידער", אין דער פאָרם פון אַן אָפּערעטע־פאַנטאַזיע מיט אָרקעסטער און טענץ, די לעצטע אונטער דער אָנפירונג פון ליליען שאַפּיראָ. די אָנערקענונג פון דעם עולם פאַר שייפער'ס פאָלקסטימלעכער מוזיק, וואָס איז אַריינגעוועבט אין די „צוויי ברידער", איז נאָך אַלץ אַזוי פריש, פונקט ווי זיי וואָלטן דאָס געהערט צום ערשטן מאָל, כאָטש די מעלאָדיעס זיינען זיי שוין באַקאַנט, און עס טרעפט דאָ און דאָרט אַז ווער פון עולם פּרוּווט זיך מיטזינגען.

דעם 18טן אַפּריל טרעט ער אַרויס מיטן פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער אין טאַון־האָל, צום 12טן יערלעכן קאָנצערט פון דעם אָרקעסטער, אין אַ פּראָגראַם פון קלאַסישער מוזיק. דוכט זיך, דער אָרקעסטער איז דאָך שוין ניט קיין נייעס — דער עולם האָט דאָך אים שוין אַזוי פיל מאָל געהערט — פונדעסטוועגן איז נאָך דער חידוש אַזוי גרויס, וואָס די קאָמפּליצירטע קלאַסישע קאָמפּאָזיציעס ווערן איבערגעגעבן מיט אַזאַ

פיינקייט, קלאָרקייט און פולער סימפּאָנישקייט, אַז עס ווילט זיך ניט גלויבן, אַז דאָס שפּילט אַ מאַנדאָלין־אָרקעסטער. די אַפּלאָדיסמענטן זיינען עכטע, אַרויסגערופן פון גייסטיקער אויפרודערונג און דערהויבונג.

אין טאָראָנטאָ האָט מען נאָך אַלץ ניט געקאָנט פאַרגעסן דעם איינדרוק פון שייפער׳ס אַרויסטריט מיט אַ יאָר צוריק. לאָדן זיי אים ווידער איין אַלס גאַסט־דיריגענט פאַר אַ גרויסער אונטערנעמונג אין מעיסי האָל, דעם 5טן מאַי. שייפער דיריגירט דעם דאָרטיקן פרייהייט געזאַנג פאַראיין מיט אַ סימפאָנישן אָרקעסטער אין דער אָראַטאָריע „קיין איינציקער שפּאָן". דער עולם פון איבער 2,500 מענטשן גייט אַרויס איבער די ברעגן פון דער באַגייסטערונג און פון דעם זיכערן גלויבן מיט וועלכן עס איז דורכגעדרונגען מאַרקיש׳עס פּאָעמע און שייפער׳ס רעוואָלוציאָנער־מיליטערישע טריאומף־מוזיק. אין שטאָט האָט די דאָזיקע אָראַטאָריע אַרויסגערופן אַ גרויסע אַכטונג צום פרייהייט געזאַנג פאַראיין און צו שייפער׳ס קאָמפּאָזיציע. אַפילו די דאָרטיקע רעאַקציאָנערע צייטונג „מעיל ענד עמפּייער" באַמערקט וועגן דעם אָוונט, אַז דאָס איז געווען „אַ גרויסע מוזיקאַלישע געשעעניש". אויגוסט ברידל, דער פּראָמינענטער קריטיקער פון „טאָראָנטאָ סטאַר", שרייבט אַז דער „קאָנצערט איז געווען אַן אמת־קינסטלערישער און מייסטערהאַפטער."

דעם 17טן מאַי קומט אים אויס אַרויסצוטרעטן סיי מיטן פרייהייט געזאַנג פאַראיין און סיי מיטן פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער אַפן מוזיק־פעסט פון דער „אַמעריקאַנער מוזיק־ליג", אַף וועלכער עס טרעטן אַרויס 16 מוזיק־אינסטיטוציעס. און ווידער טראָגט שייפער אַוועק די פּילפּאַרביקע פעדער אין זיין הוט. אַלע אָנערקענען, אַז די אינסטיטוציעס, מיט וועלכע שייפער פירט אָן, זיינען די סאַמע איינדרוקספולסטע צווישן אַלע.

אין אַ בריוו פון דעם רעוואָלוציאָנערן מוזיקער האַנס אייזלער, דאַטירט לאָנדאָן, דעם 23טן מאַי, שרייבט ער אים וועגן פאַרשיידענע ענינים און אַגב זאָגט ער אים, אַז אַף וויפל ער האָט זיך באַקענט מיט זיין נייער אָראַטאָריע „ביראָ־בידזשאַן", איז זי אויסגעצייכנט. דער גאַנצער אָרט שרייבן און די פאַמיליאַריטעט וואָס מערקט זיך אין דעם בריוו ווייזט אין וואָס פאַר אַן ענגער פאַרבינדונג די דאָזיקע ביידע רעוואָלוציאָנערע קאָמפּאָזיטאָרן זיינען געשטאַנען אין דער לעצטער צייט.

אַגב, געפינען מיר צווישן שייפער׳ס קאָרעספּאָנדענץ אין יענער צייט אַ בריוו פון דעם סאָוועטישן מוזיקער מ. בושקאַניעץ, דאַטירט כאַרקאָוו, דעם 10טן יוני. צווישן אַנדערעס זאָגט ער אין דעם בריוו: „... ווען

איר וואָלט געווען בײַ אונז וואָלט איר אונז באַרייכערט מיט אייערע קאָמפּאָזיציעס.״

און ס׳איז שוין ווידער זומער — און שייפער איז שוין ווידער אין „קינדערלאַנד״ מיטן זיסן חן פון דער לעצטער „בונט מיט אַ סטאַטשקע״ נאָך אויף זיין גומען. פאַר שייפער׳ן מיינט „קינדערלאַנד״ ניט בלויז יום־טוב׳דיקע מאָלצייטן, דאָס שפּיגלדיקע, זילבערנע וואַסער און די חנ׳עוודיקע בערגלעך אַרום, נאָר אויך נייע מוזיקאַלישע המצאות, נייע מאַסן־ספּעקטאַקלען, עפענען נייע קוואַלן פון פאָלקסטימלעכער און רעוואָלוציאָנערער קולטור. און טאַקע דורך דעם זומער שאַפט ער מוזיק צו איניקע נייע לידער, צווישן זיי מוזיק צו יאָסל קאָטלער׳ס בונטאַריש ליד „כאַפּט אים און קלאַפּט אים״. שייפער׳ן איז ווידער גוט. אויך דעם זומער אַרבעט ער צוזאַמען מיט זיינע נאָענטע חברים ב. פענסטער און נ. בוכוואַלד. זיי שטעלן ווידער צוזאַמען אַ פאָלקס־אָפּערעטע, דאָס מאָל פון גאָלדפאַדנ׳ס אַלטע טעאַטער־שאַפונגען, און שמעלצן עס אַזוי צוזאַמען, אַז אי עס בלייבט איבער דער גאָלדפאַדענישער פאָלקסטימלעך־פּרימיטיווער חן, אי עס באַקומט זיך אַ גוטמוטיקע האַלב־סאַרקאַסטישע שטיפעריי איבער דעם אַמאָליקן, און טיילווייז נאָך איצטיקן, אידישן טעאַטער. שייפער׳ן איז ווידער געלונגען צו סינטעטיזירן די מעלאָדיעס פון די פאַרשיידענע אָפּערעטן אַזוי, אַז עס באַקומט זיך איין גאַנצער לייכט־אָפּערעטישער מוזיק־אויסוועב.

ווען די פאָרשטעלונג איז געגעבן געוואָרן, און, אגב, עס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן פון אַלע זייטן נאָך הונדערטער מענטשן אויסער די אייגענע „קינדערלאַנד״־געסט, איז קלאָר געוואָרן, אַז שייפער האָט דאָ ווידער צוזאַמענגעשאַרט אַ „קלאָנדאַיק״, פּונקט ווי די פאַראַיאָריקע „בונט מיט אַ סטאַטשקע״.

צו דער צווייטער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון די אידישע קאָמוניסטן ווערט שייפער, נאַטירלעך, אויך איינגעלאַדן. ער באַציט זיך מיט גרויס ערנסט צו די פאַרשיידענע אידישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען וואָס שטייען פאַר דער קאָנפערענץ. זיין רעדע, אַ פּשוט׳ע און זאַכלעכע, איז דורכגעדרונגען מיט אַ געזונטן פּראָלעטאַרישן חוש און ציט די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע פאַרזאַמלטע. אגב, קומט די דערעפענונג פון דער קאָנפערענץ פאַר אויף אַ פייערלעכן אופן אין מעקאַ טעמפּל, דעם 25טן סעפּטעמבער, און שייפער מיטן פרייהייט געזאַנג פאַראיין שטעלן אָן דעם פייערלעכן טאָן מיט זייער אויפריכטיקן און באַגייסטערטן געזאַנג.

דערווייל גיט דער „אימאַף״ ווידער אַרויס אַ באַנד פון „געזאַנג און

קאַמף״, מיט מוזיק פאַר 17 לידער, אונטער שיפער׳ס רעדאַקציע — נייע גייסטיקע שפּייז פאַר די צענדליקע געזאַנג פאַראיינען איבערן לאַנד. שיפער איז אויך זייער טעטיק די גאַנצע צייט מיט ראַט און טאַט אין דער לינקער שול־באַוועגונג. שיפער אָרגאַניזירט אָפטע מיטינגען מיט די געזאַנג־לערער פון די שולן, גיט זיי אָנווייזונגען, אָפטמאָל מעטאָדישע עצות, א. אַז. וו. אַף דעם זאָגט עדות אַ בריוו פונעם שטאָטישן שול־קאָמיטעט פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, וואָס לייענט זיך ווי פאָלגט:

יעקב שיפער אָקטאָבער 5, 1936.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין
106 איסט 14טע גאָס, ניו יאָרק.

מיין ליבער חבר שיפער:

איך וויל דיר אויסדריקן דורך דעם בריוו מיין האַרציקע אָנערקענונג פאַר דער אַרבעט, וואָס דו האָסט אַף זיך גענומען. איך מיין די מיטינגען, וואָס דו האָסט אָרגאַניזירט מיט די געזאַנג-לערער אין די שולן.

איבערהויפּט קומט דיר די אָנערקענונג, ווייסנדיק ווי שטאַרק דו ביסט פאַרנומען און ווי שווער דיין אַרבעט איז, און ווען ניט קוקנדיק אַף דעם, רייסטו אַוועק פון דיין צייט צוויי שעה אָדער מער, פאַר אַן אַרבעט, וועלכע דו טוסט נאָר צוליב דיין ליבע צו אונזער שול-באַוועגונג. וויל איך דיר זאָגן, אַז מיר פילן זיך באמת שטאָלץ מיט דיין באַציאונג צו אונזערע שולן און מיר פילן זיך אויך שטאָלץ מיט דיר און מיט דעם וואָס אַזוינע ווי דו שטייען אין דער שפּיץ פון אונזער קולטורעלער באַוועגנג.

איך שרייב דיר דעם בריוו אין מיין אייגענעם נאָמען און אין נאָמען פון אונזער שטאָטישן קאָמיטעט פון די שולן.

דיין חבר׳יש,

נ. קאַמענעצקי,
סעקרעטאַר, שטאָטישער קאָמיטעט פון די שולן.

צווישן די בריוו אין יענער צייט ציען אונזער אויפמערקזאַמקייט צוויי בריוו: איינער פון אַ מיטגליד פון דעם פרייהייט געזאַנג פאַראיין אין שיקאַגאָ, וועלכער איז קראַנק געוואָרן אַף טובערקולאָזיס און געפינט זיך אין דעם ליבערטי סאַניטאַריום. ער בעט שיפער׳ן, אויב ער האָט נאָר צייט, אַריבערצוכאַפּן זיך אין ליבערטי און זען אים. פון דעם אליין, רעכנט ער, וועט ער אפשר געזונט ווערן. אַ צווייטער בריוו, דאַטירט דעם 15טן נאָוועמבער, פון אַ חבר מיטן נאָמען מ. זאַסלער. אין דעם בריוו שרייבט ער, אַז ער איז געצוואונגען צו רעזיגנירן פון דעם פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער, און ער טוט עס מיט ווייטיק, אָבער „די עטלעכע

יאָר, וואָס איך בין מיט אייך געווען אין מאַנדאָלין אָרקעסטער, וועלן פאַרבלייבן די העלסטע יאָרן פון מיין לעבן". פון אַן אַנדער בריוו, דאַטירט דעם 11טן נאָוועמבער, לאָס אַנדזשעלעס, און וועלכער איז דער־האַלטן געוואָרן דעם 17טן נאָוועמבער, געשריבן פון מישא צעפּקין, דעם דאָרטיקן דיריגענט, איז קענטיק, אַז שייפער האָט זיך געקליבן אָף אַ קורצער צייט קיין קאַליפאָרניע, וואו ער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען. ניכער ווי אַלץ איז עס בלויז געווען דער פאַרלאַנג פון די קאַליפאָרניער חברים, ווייל ווי מיר קענען זען פון די אַלע וויטערדיקע געפּלאַנירטע אונטערנעמונגען איז פּשוט געווען אוממעגלעך פאַר שייפער'ן צו פאַר־לאָזן ניו יאָרק אָף מער ווי עטלעכע טעג, סיידן ער האָט זיך געקליבן פליען אין אַן עראָפּלאַן.

שייפער'ס לעצטער קאָנצערט מיטן פריהייט געזאַנג פאַראיין, אין קאַרנעגי האָל, דעם 21טן נאָוועמבער, 1936, אין דער שוין אַזוי פיל מאָל געהערטער אָראַטאָריע די „צוויי ברידער", וועט פאַרבלייבן אַן אומפאַר־געסלעכע געשעעניש פאַר אַלע די טויזנטער, וועלכע האָבן דעמאָלט אָנ־געפילט דעם האָל. עפּעס דוכט זיך, אַז שייפער האָט דיריגירט מיט אַזאַ פּראַכט, מיט אַזאַ דיגניטאַרער עלעגאַנץ, און דאָך נישט פּאַרריסנקייט, ניכער ווי די זיכערע האַנט פון אַ קאַפּיטאַן, וואָס קאָנטראָלירט פולשטענדיק זיין שיף און ער איז זיכער אַז ער ברענגט זי צום געווינטשטן האַפן. און ניט בלויז שייפער אַליין, אַלע זינגער האָבן עפּעס געזונגען מיט אַזאַ העלער דורכזיכטיקייט און דערהויבנקייט, ווי מען האָט אפילו באַ די פריערדיקע בעסטע אויפטריטן נישט געזען אַזוינס. אַזוי אויך מיט די פאַנטאָמים־שפּילער און טענצער — עפּעס ווי אַ מין אונטערגעצויגענער סך־הכל צו שייפער'ס ליכטיקער טעטיקייט. דער עולם האָט עס אָפּגעשאַצט. די מוזיק איז אים אַריין אין אַלע אברים, אין די בלוטן, אין אַלע חושים. זיינע אַפּלאָדיסמענטן האָבן פּשוט געזונגען פון די הענט. צי האָבן זיי געפילט, אַז דאָס אַפּלאָדירן זיי צום לעצטן מאָל זייער געליבטן דיריגענט, זייער אויסגעצייכנטן קאָמפּאָזיטאָר, זייער איבערגעגעבענעם קאָמוניסטישן חבר און טוער?

7. שייפער'ס אויסגעהאַלטנקייט, אייגנאַרטיקייטן, קוריאָזן און טעמפּעראַמענט

פון דעם טאָג אָן, קען מען זאָגן, וואָס שייפער איז אַריינגעטראָטן אין דער פּראָלעטאַרישער מוזיק־באַוועגונג, און געשטעלט זיך בראש פון

דעם סאָציאַליסטישן געזאַנג פאַראיין, פון יענער צייט אָן האָט ער גענומען פירן אַ ביטערע מלחמה מיט זיינע איינגעוואָרצלטע שלעכטע געוואוינהייטן, ליידנשאַפטן און קאַפּריזן. אין פאַרלויף פון די שפּעטערדיקע יאָרן, גע־לינגט אים אויסצואוואָרצלען אַ היפּשן טייל פון דעם ווילד־גראָז, וואָס געפינט זיך בא יעדן מענטשן פון דער היינטיקער אָרדענונג. אָט זיינען איניקע כאַראַקטעריסטישע אינצידענטן וועגן זיין אויסגעהאַלטנקייט.

עטלעכע מאָנאַטן פאַר דער שפּאַלטונג פון דער אידישער סאָציאַ־ליסטישער פעדעראַציע איז שייפער'ן אויסגעקומען ארויסצוטרעטן בא אַ קבלת־פּנים פאַר אב. קאַהאַן אין שיקאַגאָ. שייפער'ן איז געווען דער גאַנצער ענין ווידערוויליק. דער געזאַנג פאַראיין, אָבער, איז נאָך דעמאָלט געווען פיל אָפּהענגיק פון דעם „פאָרווערטס" אין דעם זינען פון „פּוב־ליסיטי". דער קבלת־פּנים איז אַראַנזשירט געוואָרן פון דאָרטיקע סאָציאַ־ליסטישע ברענטשעס. דער געזאַנג פאַראיין האָט געמוזט ארויסטרעטן. שייפער האָט אָבער געפילט ווי מיט עפּעס צו דעמאָנסטרירן זיין לינקע אָריענטאַציע. האָט ער דאָס דורכגעפירט אַף אַ פּשוט'ן אופן: ער האָט זיך נישט אומגעדרייט צום עולם ווען מען האָט אים שטאַרק אַפּלאָדירט, ווי ער פלעגט דאָס געוויינלעך טאָן בא אַלע ארויסטרעטונגען. דער עולם האָט גענומען נאָך שטאַרקער אַפּלאָדירן, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. שייפער האָט זיך נישט אויסגעדרייט צום עולם, נישט קוקנדיק אַף אַלע אויפפאָדערונגען, ביז דער עולם האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס עס מיינט זיין עקשנות'דיקע האַלטונג.

אַרום דער צייט פון דער שפּאַלטונג, האָט די „פאָרווערטס"־פאַרוואַל־טונג אין שיקאַגאָ, מאַכנדיק די גרעסטע אָנשטרענגונגען איינצוהאַלטן שייפער'ן, אַז ער זאָל נישט אוועקגיין מיט די לינקע, אים פאַרגעלייגט צו שרייבן מוזיק פאַר ב. וולאַדעק'ס דראַמאַטישער פּאָעמע „משה רבינו", פאַר וועלכער מען האָט אים פאַרגעלייגט אַ גרעסערע סומע. שייפער האָט אין דעם געפילט עפּעס ווי מען וויל אים אונטערקויפן און ער האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. דער טעקסט פון דער דאָזיקער דראַמע געפינט זיך נאָך איצט אויך אין שייפער'ס אַרכיוו.

דערציילט חבר אליה באָרענשטיין פון שיקאַגאָ:

ווען ס'איז דערשינען דער ערשטער נומער פון דער „פרייהייט" האָבן די שיקאַגער חברים אַראַנזשירט אַ קאָנצערט. עס איז געקומען אַ דעלע־גאַציע פון „פאָרווערטס", וואָס איז באַשטאַנען פון פּעסאָוואָי און לואי שייפער און אויפגעוויזן אַז ס'וועט זיין שעדלעך פאַר דעם געזאַנג־פאַראיין צו פאַרבינדן זיך אָפיציעל מיט דער „פרייהייט", און געראָטן אוועקצוגיין

פון די לינקע. שייפער האָט אָבער גלייך געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל דעם פאַרלאַנג פון דער דעלעגאַציע צוריקווייזן אָן שום דעבאַטן. דער כאָר איז אוועקגעגאַנגען, אָבער — פונעם „פאָרווערטס" און צו דער „פרייהייט".

חבר באַראַק פון שיקאַגאָ דערציילט ווי אין די ערשטע יאָרן פלעגט שייפער, קומענדיק צו אַ רעפּעטיציע אָדער צו אַ קאָנצערט, אָפט אַליין צוזאַמענשטעלן די בענקלעך פאַרן כאָר; און אַלס סטאָליער האָט ער ניט איינמאָל געהאָלפן אויפשטעלן דעם צענטער. בײַ די פּיקניקס פלעגט ער זיך באַטייליקן אין אַלע ספּאָרטס. ער פלעגט איבערשטייגן אַלעמען אין שטיפעריַיען. באַראַק דערציילט ווי איין מאָל קומט צו צו אים איינער און פרעגט אים: ווער איז דאָ שייפער? ער האָט, נאַטירלעך, גלייך אָנגעוויזן אויף שייפער'ן, אַ פאַרשוויצטן און אַ פאַריאַכמערטן צווישן אַ גרופּע ספּאָרטלער. דער איד האָט בשום אופן ניט געוואָלט זיך גלויבן, אַז דאָס איז שייפער, דער דיריגענט, דער מוזיקער, פון וועלכן ער האָט אַזוי פיל געהערט.

שייפער איז אַלעמאָל געווען פאַראינטערעסירט, אַז די מיטגלידער פון כאָר זאָלן לעבן צווישן זיך ווי איין משפחה. חבר'טע בערמאַן פון שיקאַגאָ דערציילט: איינמאָל האָט לאה, נאָך איידער זי איז געווען זיין פרוי, זיך צעקריגט מיט מערי בערמאַן איבער דעם, ווער עס טוט מער ארבעט — לאה צי מערי. זיי זיינען אוועק פרעגן בײַ שייפער'ן. דאָס איז געווען פאַר אים אַ גרויסע פאַרלעגנהייט. ער האָט זיך געהיט צו באַ־לייליקן וועמען עס איז פון זיי. זיין ענטפער איז געווען: „לאה טוט אַ סך ארבעט, און הלואי האָבן מיר אַ סך מערים."

חבר בערמאַן דערציילט, אַז שייפער האָט אַלעמאָל געהאַט, אין די ערשטע יאָרן, אַ נייגונג צו פאָלקלאָר־מוזיק. די פאַרוואַלטונג איז אָבער דעמאָלט געווען מיט דער מיינונג, אַז פאַר פאָלקלאָר־מוזיק זיינען דאָ גענוג אַנדערע מוזיק־אינסטיטוציעס, בעת פאַר רעוואָלוציאָנערער און פּראָלעטאַרישער מוזיק זיינען דאָ אַזוי ווייניק כאָרן. שייפער האָט זיך גלייך אונטערוואָרפן דעם באַשלוס פון דער פאַרוואַלטונג.

שייפער האָט געהאַט אַ ווידערווילן צו שפּראַך־באַרבאַריזמען. אַזוי דערציילט חבר קראַוז פון שיקאַגאָ, אַז שייפער האָט געזוכט אימיצן, ווער ס'זאָל פאַר אים איבערזעצן „וואָלפּורגיס נאַכט". האָט ער, קראַוז, גראָד געקאָנט די ווערטער נאָך פון וואַרשע, ווען ער האָט געזונגען „וואַלפּורגיס נאַכט" אונטער דער אָנפירונג פון שנייער'ן. אָבער אַזוי שנעל ווי שייפער האָט געהערט די ערשטע עטלעכע שורות האָט ער זיך פאַרמאַכט די אויערן

און אַ מאָדנע גרימאַסע האָט זיך פאַרצויגן אויף זיין פּנים. די ווערטער זיינע געווען דייטשמערישע און דאָס איז שוין געווען גענוג.

דערציילט חבר דאַבראָוו: ער איז אַמאָל געגאַנגען מיט שייפער'ן אין שיקאַגער „הומבאָלד פּאַרק" אין אַ פּראַקטיקער נאַכט. פּלוצלונג לויפט שייפער אוועק פון אים, כאַפּט שטיקער שניי און, ווי אַ קליינער קונדס מאַכט ער פון זיי גלייך קוילן און הויבט אים אָן צו באַוואַרפן. נאָך דעם האָט ער זיך גענומען מיט אים קייקלען איבערן שניי און ווען ער האָט זיך שוין גוט אויסגעקאַטשעט, האָט ער באַמערקט: „הלוואי וואָלטן אַלע זינגער אַזוי געטאָן, וואָלטן זיי געווען געזונט און געקאָנט פיין זינגען."

חבר סיימאָן דערציילט: בעת ער איז געפאָרן מיט שייפער'ן אין יעלאָסטאָון פּאַרק אין 1934 האָט זיך לאה באַקלאָגט אויף זייערע פינאַנציעלע שוועריקייטן. איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז שייפער קריגט ניט גענוג באַצאָלט פאַר זיין שווערער אַרבעט. שייפער האָט איר גלייך אָפּגעענטפערט: „נו, און חבר בראָודער קריגט מער פאַר מיר? און חבר פאָסטער? און חבר אַלגין? איך בין צופרידן צו קריגן אַזוי פיל ווי זיי."

לאה שייפער דערציילט: בעת אַ לעצטער רעפּעטיציע, אין 1920, אין אַכטער סטריט טעאַטער, אין שיקאַגאָ, פאַר דער סצענישער אויפפירונג פון די קירכן-גלאָקן", האָט קעריש געשפּילט אַלס דער „קאַרדינאַל". קעריש האָט זיך מיטאַמאָל צוליב עפּעס באַליידיקט און זיך אַנטזאָגט אָנצוגיין ווייטער מיט דער פּראָבע. שייפער איז געוואָרן אַזוי אויפגערעגט, אַז ער איז אויפגעשפּרונגען און האָט אַ געשריי געטאָן: „איך וועל אים די ביינער צעברעכן!" קעריש האָט שייפער'ן אַזוי אויפגערעגט קיינמאָל נישט געזען. ער האָט זיך דערשראָקן און גלייך גענומען רעפּעטירן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז לאה שייפער האָט זייער פיל צו דערציילן, מער ווי אַלע אַנדערע, וועגן שייפער'ס טעמפּעראַמענט און קוריאָזיטעטן. ער איז דאָך, דאַכט זיך, געווען אַזוי פאַרנומען מיט זיין טעטיקייט, און פונדעסטוועגן האָט ער געוואוסט אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין הויז. ער האָט געוואוסט וואו עס ליגן זאַכן אינעם קלענסטן ווינקעלע און האָט זיך אינטערעסירט מיט יעדער הויז-קלייניקייט. פון צייט צו צייט פלעגט ער אַפילו גיין איינקויפן פאַרן הויז און געוואוסט וואו עס איז בעסער צו קויפן, געהאַט אַ גוטע ידיעה אין די נעמען פון די פאַרשיידענע פרוכטן און אַלע מינים אָראַנדזשעס. ער האָט געוואוסט וועלכע פירמעס האָבן די בעסטע סחורה. ער איז אין דעם זינען געווען אַן אמת'ער פּאַמאָלאָג.

זיין זכרון איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער. לאה האָט ניט גע־דאַרפט געדענקען אַזעלכע זאַכן ווי רענט, חשבונות מיטן מילך-מאַן, מיט



יעקב שייפער, ווי ער ליגט אין זיין אָרון אַ טויטער.

דער גאַז־קאָמפּאַניע אָדער מיט דער טעלעפאָן־קאָמפּאַניע — ער פלעגט שוין אַלץ פאַר איר געדענקען. אפילו אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקער ענין ווי וועש האָט שייפער אַלץ געדענקט אַפן קאָפּ, וויפיל עס איז אַוועקגעגעבן געוואָרן פון יעדן מין באַזונדער. און ער האָט קיינמאָל קיין טעות נישט געהאַט.

מערסטנס פלעגט ער עס טאָן כדי אויסצופּרובירן זיין זכרון, צי ער אַרבעט נאָך ווי עס געהערט צו זיין. ער פלעגט זאָגן, אַז אויב זיין זכרון וועט אים פאַרראַטן באַ אַט־די קלייניקייטן וועט ער ווערן אויס קאָמ־פּאָזיטאָר, ווייל אַ קאָמפּאָזיטאָר מוז געדענקען הונדערטער איינצלהייטן און קלייניקייטן.

פונדעסטוועגן זיינען געווען זאַכן, וואָס ער פלעגט ניט וועלן שטעלן אַף זיין זכרון. צו אַלע זיינע אַרויסטריטן האָט לאה געמוזט מיט אים מיטגיין. זי האָט געמוזט מיטנעמען די מוזיק און האַלטן עס ביזן קאָנצערט און נאָכן קאָנצערט. דאָס איז געווען בלויז דערפאַר, וואָס איינמאָל, גייענ־דיק צו אַ קאָנצערט, האָט ער פאַרלאָרן זיין סקאָר פון די „קירכן־גלאָקן".
פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך אין דעם זינען פאַרלאָזן בלויז אַף לאה'ן.

חבר'טע ה. פלאָטקין דערציילט, אַז בעת ער איז געווען אין ניו יאָרק אין 1918 און דיריגירט מיטן „האַרפע"־כאָר, איז ער אַוועקגעלאָפן צוליב אַן אויפרעגונג אין מיטן פון דער רעפּעטיציע, און אַריינלויפנדיק אין הויז האָט ער אַ געשריי געטאָן: זיי מוזן נאָך איצט אַלץ דאַרט האַלטן דעם טאָן! — באַלד נאָך אים זיינען געקומען צו לויפן די פירער פון דעם כאָר און האָבן אים געפּראָוואָוט איבערבעטן.

זי דערציילט אויך, אַז בעת ער האָט געמאַכט די נייע אַראַנזשירונג פאַרן „און דו אַקערסט און דו זייעסט" און האָט עס אויספּרובירט, האָט ער גענומען אירע צוויי קליינע קינדער, שלוימקען (דער איצטיקער פּיאַניסט נאָרמאַן פלאָטקין) און מרים'ען, האָט זיי געמאַכט פאַרן כאָר און האָט אויסגעפּראָוואָוט די קאָמפּאָזיציע אַף זיי. ער פלעגט עס דערנאָך טאָן אויך מיט אַנדערע קאָמפּאָזיציעס.

שלוימקע, דערציילט זי, האָט זייער ליב געהאַט זיך צו וויגן. ער פלעגט צושטיין צו שייפער'ן ער זאָל אים געבן אַ וויג. שייפער האָט שוין פון אים ניט געקענט אויסהאַלטן, האָט ער אָראָפּגעכאַפּט זיין לעדערנעם פּאַס און האָט אים גוט אָנגעשלאָגן. דערנאָך, אָבער, האָט ער גענומען שלוימקען, אַוועקגעזעצט אים אַפן פּאַס און אים גענומען וויגן.

פוליע טשערנער דערציילט, אַז אין 1931, ווען שייפער איז צום ערשטן מאָל געווען אָנגעשטעלט אין קעמפּ „קינדערלאַנד", האָט ער זייער

הנאה געהאַט פון דער „קעמפ־צייטונג״. ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן ביז די צייטונג וועט אַרויס — האָט ער געריסן די מאַנוסקריפּטן פון האַנט און האָט געשריען: וואָס ווילט איר, איך זאָל לאַכן ווען איר וועט וועלן? איך וויל שוין, איצט לאַכן.

ער דערציילט אויך, אַז שייפער, דער שטענדיקער שפּאַצירער, האָט זיך אין דער צייט ווען ער האָט געאַרבעט אויף דעם „קיין איינציקן שפּאַן״ אָפּגעזאָגט אַרויסצוגיין שפּאַצירן. ער האָט זיך פאַרענטפערט: — ביז וואַנען איך וועל ניט פאַרטיק ווערן מיט דעם „קיין איינציקן שפּאַן״ וועל איך ניט קענען מאַכן קיין איינציקן שפּאַן אויף אַ שפּאַציר.

דערציילט לילי וואָלפסאָן: אויף איינער פון די רעפּעטיציעס האָט אַן עלטערע אַלטאָ כסדר געהאַלטן אין איין זינגען פאַלש. שייפער בעט זיך בא איר און ווייזט איר אָן, נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל, ווי אַזוי זי דאַרף עס זינגען. אָבער יענע האָט זיך אַלץ געהאַלטן בא אירס. שייפער איז אָבער דעמאָלט געווען אין אַ גוטער שטימונג, און זאָגט איר ענדלעך: זייט אַזוי גוט און זינגט שוין אַזוי ווי איך בעט אייך. ווען עס וואָלט ניט געווען אַזוי קורץ פאַרן קאָנצערט וואָלט איך שוין איינגעזונגען אַזוי ווי איר ווילט, אָבער עס איז שוין איצט אַ ביסל צו שפּעט.

8. באַציאונגען מיט אַנדערע מוזיקער

מוזיקער, ווי בכלל קינסטלער, דערפירן אָפט זייערע שעפערישע פאַר־מעסטן, ווען זיי אַרבעטן אויף איין געביט, ביז צו פּערזענלעכער שנאה. שייפערן איז אויסגעקומען אַ לענגערע צייט צו זיין איינער אַליין אויפן פּראָלעטאַריש־מוזיקאַלישן פעלד. ער האָט זיך גראָד גוט צונויפגעלעבט מיט אַנדערע מוזיקער, וואָס זיינען געשטאַנען וווייטלעך פון דעם רעוואָ־לוציאָנערן לאַגער. זיינע באַציאונגען מיט לעאָ ליאָוו'ן, מיט פּאָזנער'ן און ענלעכע דיריגענטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין די אַרבעטער־רינג כאָרן, זיינען שטענדיק געווען גוטע. ווען עס פלעגט אָבער קומען צו קאָמ־פּאָזיציס פון אַנדערע קאָמפּאָזיטאָרן, ספּעציעל ניו יאָרקער, איז שייפער געווען זייער שטרענג. מען האָט אויף אים אפילו געטריבן רכילות, אַז ער וויל ניט דערלאָזן קיין שום פרעמדע קאָמפּאָזיציעס אויסער זיינע אייגענע און די פון די קלאַסיקער. דאָס איז אָבער ווייט ניט אמת. עס זיינען באַוואוסט אַ סך פאַלן, ווען שייפער האָט זיך צופרידנגעשטעלט מיט קאָמ־פּאָזיציעס פון כמעט אומבאַקאַנטע מוזיקער. איבערהויפּט האָט אים געפרייט ווען ער האָט געקענט אַרויסהויבן איינעם פון זיינע תּלמידים צו

ווערן אַ דיריגענט, אָדער אַרויספירן זיינע אַ קאָמפּאָזיציע. מיר ווייסן, אַז ער האָט געלויבט די קאָמפּאָזיציעס און אַראַנזשירונגען פון ס. פּוירסטמאַן און פון ל. מאַלאַמוט. מיר האָבן שוין געזען אויבן, ווי ער האָט צוריק־געצויגן זיין אייגענע קאָמפּאָזיציע איבער ראַנטש׳עס „מ׳רופט” צוליב אַשר מאַנוסעוויטש׳עס מוזיק אויף דעם זעלבן טעקסט.

לאַן אַדאַמיאַן, אַ טאַלאַנטפולער יונגער מוזיקער, וועמען עס איז אין די לעצטע יאָרן אויסגעקומען צו אַרבעטן זייער נאָענט מיט שייפער׳ן אין דער „אַמעריקאַנער מוזיק ליגע”, און וועמען עס איז אויסגעקומען אייניקע מאָל צו האָבן געוויסע צוזאַמענשטויסן מיט שייפער׳ן, דערציילט אַט־וואָס: ער האָט נאָך געהערט פון שייפער׳ן אין באַלטימאָר אין 1925, אָבער ער האָט דעמאָלט בכלל קנאַפּ־וואָס געהאַלטן פון „פּראָגראַם־מוזיק”. ער האָט געגלויבט אין „ריינער מוזיק”. ערשט שפּעטער, ווען ער האָט זיך באַקענט מיט שייפער׳ן און אָנגעהויבן מיט אים צו אַרבעטן אין 1930, האָט ער געביטן זיין מיינונג. דערפאַר ווייל ער, אַדאַמיאַן, האָט געהאַט זיין טרענירונג בלויז אין אינסטרומענטאַלער מוזיק, האָט ער בכלל ניט דערשאַצט אין אָנהויב די אַרבעט וואָס שייפער טוט אַפּן כאָראַלן געביט.

ניט שטענדיק זיינען זיי געווען איינשטימיק אין מוזיק־פראַגן. זיי זיינען געווען כמעט ווי די איינציקע אַפּן געביט פון רעוואָלוציאָנערער מוזיק אין אַמעריקע, און עס זיינען געווען אומפאַרמיידלעך צוזאַמענ־שטויסן. פונדעסטוועגן האָט שייפער צוגעגעבן, אַז ער האָט געוויסע זאַכן געלערנט פון אַדאַמיאַנ׳ען, פונקט ווי אַדאַמיאַן גיט צו, אַז ער האָט זייער פיל געלערנט פון שייפער׳ן. אַדאַמיאַן ווייזט אָן, אַז שייפער האָט געהאַט אַ גוואַלדיקן פּראַקטישן חוש אין דער מוזיק. ווען ער האָט זיך אפילו פאַרמאָסטן אויף נייע און שווערע עקספּערימענטן, שווער אפילו פאַר פּראָפעסיאָנעלע זינגער, ווי למשל, אין „שטורעם־פויגל” און אין „ביראָ־בידזשאַן”, האָט ער אָבער געהאַט די פייאיקייט צו געפינען די פּראַקטישע אָנווענדונג און פאַרווירקלעכן די סאַמע קאָמפּליצירטע אויפגאַבן.

לויט אַדאַמיאַנ׳ען איז שייפער אַ מייסטער פון מוזיק־סצענירונג. ער האָט געקענט שאַפן אַן אַטמאָספערע, וואו ער האָט אפילו די שוואַך־פונקטן אין זיין מוזיק געקענט דערהויבן מיט זיינע מוזיקאַלישע סצעניר־עפעקטן צו הויכן גראַדן. פּראַקטישקייט שלעפּט געוויינלעך אַראָפּ צו אַ נידעריקערן פלאַך, בא שייפער׳ן, אָבער, איז עס געווען פונקט פאַרקערט; ער פלעגט מיט זיין פּראַקטישן חוש דערהויבן שוואַכערע מוזיק צו אַ הויכן טאָן און ברייטן פאַרנעם.

אַדאַמיאַן ווייזט אָן, אַז צוליב פּאָמפּאָזיטעט האָט שייפער פריער

נעוואָלט האָבן פאַר זיינע אָראַטאָריעס בלויז גרויסע סימפאָניע־אָרקעס־טערס. ער, אַדאַמיאַן, האָט אין דעם מיט אים ניט איינגעשטימט און ער איז באַשטאַנען אױף דעם, אַז אונזערע פּראָלעטאַרישע מוזיק־אויפפירונ־גען דאַרפן זיך באַנוגענען מיט קלענערע אָרקעסטערס. שייפער האָט ערשט אָנגענומען דעם שטאַנדפּונקט בײַ דער לעצטער אָראַטאָריע „ביראָ־בידזשאַן".

עס האָט אַפילו געטראָפן, אַז זיי האָבן זיך גאַנץ געשמאַק צעקריגט און אויפגעהערט אַפילו אַ שטיקל צייט צו רעדן צווישן זיך. פּאַסירט האָט דאָס אַט צוליב וואָס: שייפער האָט געהאַט פאָרגעשלאָגן, אַז אַדאַמיאַן זאָל עפּעס אָנשרייבן פאַרן מאַנדאָלין־אָרקעסטער. אָבער ווען ער האָט צוגעשטעלט די קאָמפּאָזיציע, האָט עס דער מאַנדאָלין־אָרקעסטער, קענטיק צוליב שייפער'ס עצה, צוריקגעוויזן. דער ברוגז האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. אַדאַמיאַן איז שפּעטער אַליין צו אים צוגעגאַנגען און גע־זאָגט: יאַנקל, נישטאָ וואָס צו זיין ברוגז — און ער האָט זיך צעשמייכלט מיט זיין ברייטן שמייכל.

אַדאַמיאַן האָט שפּעטער געהאַט אַ געלעגנהייט פעסטצושטעלן, אַז שייפער'ס צוריקווייזן די קאָמפּאָזיציע איז ניט געקומען צוליב קינסט־לערישער מורא פאַר אַ קאָנקורענט. דאָס האָט פּאַסירט אין 1931, ווען עס האָט זיך פאָרמירט די „אַמעריקאַנער מוזיק ליג" און זי האָט אַרויס־געגעבן דעם ערשטן געזאַנג־בוך, פון וועלכן אַדאַמיאַן איז געווען דער רעדאַקטאָר. אין יענעם בוך האָט אַדאַמיאַן געהאַט עטלעכע קאָמפּאָזיציעס. איינע אָבער פון זיי האָט ער אַליין צוריקגעצויגן, ווייל ער האָט זי באַ־טראַכט צו שווער פאַר אונזערע אַרבעטער־כאָרן. די מוזיק איז געווען צום טעקסט פון פרימאַנ'ס ליד „רעד סאָלדזשיערס סינגינג". שייפער איז געווען דער, וואָס האָט זיך שטאַרק איינגעשטעלט, אַז די דאָזיקע קאָמ־פּאָזיציע זאָל יאָ אַריין. מאָטיווירט האָט שייפער מיט דעם, וואָס אויב אַפילו זי וועט זיין שווער פאַר אונזערע כאָרן צו זינגען, וועט אָבער די וועלט זען, אַז מיר שטרעבן צו דער דערהויבונג און צו דער אַנטוויקלונג פון די אַרבעטער צו אַלץ בעסערער און קאָמפּליצירטערער מוזיק.

פון דער קאָרעספּאָנדענץ מיט פאַרשיידענע אַנדערע מוזיקער, ווי, למשל, מיט רודאָלף ריסלאַנד, פון די בריוו פון פּאַטערסאָן, פון ל. א. דעסאַנטעיס, פון ראובן אַבלאָוויץ, לייב פּילץ, אשר מאַנוסעוויטש, גאָלאַנד, שנייערסאָן, באַשקאַניעץ, פּאָול אַרמאַ, דאַן פראָמאַן, שלמה האָפּמאַן, שייניך, זאַגראַניטשני, און אַנדערע, קען מען זען, אַז דער געשריי, אַז

שייפער האָט ניט געקענט טאָלערירן קיין אַנדער מוזיק פון די היינטיקע, אויסער זיין אייגענער, איז אינגאַנצן אַ פאַלשער.

דער אמת איז, אַז שייפער איז געווען זייער קריטיש אפילו צו זיינע אייגענע קאָמפּאָזיציעס. דערציילט ב. טשערטקאָוו, אַז בעת דעם איינשטודירן די קאָמפּאָזיציע אַפן טעקסט פון משה נאַדיר׳ס „טרופּן גייען״, ווען די רעפּעטיציעס האָבן זיך פאַרשלעפּט, צוליב דעם וואָס שייפער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין פאַרריכטן די קאָמפּאָזיציע, וואָס איז פון אים געשריבן געוואָרן אין גרויס איילעניש, האָט שייפער צוגעגעבן: ס׳איז אַ פאַרזעצונג פון מיין טאַטן . . . שטענדיק פון היינט אַף מאָרגן . . . קיינמאָל ניט געוואוסט וואָס עס וועט זיין מאָרגן. איך האָב זיי אויך געירשנ׳ט אין מיינע שאַפונגען. די קאַנטאַטע „טרופּן גייען״, כאָטש זי שלאָגט אָן ערטערווייז שיינע מוזיקאַלישע זעניטן, איז בכלל ניט געווען אַזוי געראָטן, ווי ער וואָלט זי וועלן האָבן. שייפער אַליין האָט זייער שלעכט געפילט וועגן דעם, וואָס גראָד בא נאַדיר׳ן, וועלכן ער האָט באַטראַכט פאַר איינעם פון די באַדייטנדיקסטע רעוואָלוציאָנערע פּאָעטן פון אונזער צייט, איז אים ניט געלונגען צו שאַפן אַן אַדעקוואַטע קאָמפּאָזיציע. ער האָט דערפון געהאַט גרויס עגמת־נפש.

טשערטקאָוו דערציילט אויך, ווי שייפער האָט זיך שטענדיק געקליבן אַף דאָס ניי באַארבעטן זיינע אַלטע אָראַטאָריעס. „געוויטער״ איז אים ניט שטאַרק געפעלן געוואָרן. אפילו דעם „אָקטאָבער״ וואָלט ער נאָך באַארבעט. ער איז אָבער שטענדיק געווען פאַרנומען און האָט דאָס אַלץ געדאַרפט אָפּלייגן אַף שפּעטער. אַף דער טענה פון אַ נאָענטן באַקאַנטן, טרעפנדיק זיך מיט אים אין סאָבוויי, נאָך אַ רעפּעטיציע: פאַרוואָס רופסטו אמאָל ניט אָפּ ?— האָט שייפער געענטפערט סאַרקאַסטיש: „ניטאָ קיין צייט אפילו זיך אַליין אָפּצורופן.״

שייפער פלעגט זיך ניט פאַרלירן — דערציילט טשערטקאָוו — אפילו ווען ער האָט דערזען, אַז דער עולם שאַצט ניט ווי געהעריק אָפּ זיינע אַ בעסערע קאָמפּאָזיציע. אַזוי האָט פּאַסירט ווען ער האָט געזונגען מעינקע קאַצ׳ס מאַרש „דער טאָג איז העל — דער טאָג איז פויסט״. דאָס איז געווען אַ פיינע קאָמפּאָזיציע, אַ ביסל צו קאָמפּליצירט — האָט עס דער עולם ניט אָפּגעשאַצט, און האָט זיך ניט אָפּגערופן אַף איר, ווי געוויינלעך בא אַ נייעם ליד. דער כאָר איז געוואָרן צעטומלט. שייפער, אָבער, האָט זיך ניט פאַרלאָרן. ער האָט בלויז געגעבן אַ שמייכל און גלייך צוגעגאַנגען צום צווייטן ליד.

9. דער אומדערוואַרטעטער סוף

אין די לעצטע טעג פון נאָוועמבער מאַכט שייפער ענערגישע פּאַר־בארייטונגען און רעפּעטיציעס מיטן פרייהייט געזאַנג פּאַראַיין און מיטן מאַנדאָלין אָרקעסטער. דעם 5טן דעצעמבער דאַרף פּאָרקומען דער קאָנ־צערט פון דעם מאַנדאָלין־אָרקעסטער מיט אַן אויסשליסלעכער בעטהאָווען פּראָגראַם. דעם 16טן דעצעמבער האָט געדאַרפט פּאָרקומען אַ קאָנצערט פאַר דער קאָמפּאָזיטאָרס לאַבאָראַטאָריע פון דער „וו. פּ. א.", וואו שייפער האָט געדאַרפט אַרויסטרעטן מיטן כאָר אין דער אָראַטאָריע „ביראָ־בידזשאַן". עס איז ניט געווען צו מערקן אַף שייפער'ן וועלכע עס איז קענטיקע ענדערונג אין זיין געזונט־צושטאַנד. פּעסטשען זיך, פלעגט ער גאַנץ אָפט נאָך אין די פריערדיקע יאָרן פאַר זיינע נאָענטע, אַז ער פילט ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין. אָבער ווען מען פלעגט אים אָנווייזן אַף זיין געזונטן אויסזען, אַף זיינע ברייטע פּלייצעס און הויכן ברוסטקאַסטן, פלעגט ער זיך אַליין גלייך צעלאַכן. קיינעם איז, אין די לעצטע טעג פון נאָוועמבער, ניט איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז דער ווילסטער טויט רוקט זיך אַף דעם־אַ מענטשן, וואָס שפּרודלט מיט לעבן און מיט שאַפונגען און האַלט אין עפענען כסדר אַלץ נייע שאַפונגס־קוואַלן.

אָבער ווען דער טאָג פון דעם ערשטן דעצעמבער האָט אָנגעהויבן אויפגיין, אַרום 8 אַזייגער אינדערפרי, איז שוין שייפער מער ניט געווען צווישן די לעבעדיקע. אָן קיין שום וואָרענונג, אָן קיין שום קראַנקער מינע, אָן וועלכע עס איז גסיסה־צוקן איז ער אויסגעגאַנגען מיטן קאָפּ אָנ־געשפּאַרט אַף לאה'ס קערפּער.

מיט עטלעכע מינוטן פריער האָבן זיי זיך נאָך ביידע דורכגערעדט וועגן רעפּעטיציעס, וועגן געוויסע נויטיקע אַרבעטן, וואָס דאַרפן אָפּגעטאָן ווערן. אָבער לאה איז געווען זיכער, אַז שייפער איז צוריק איינגעשלאָפן, ווייל ער האָט אויפגעהערט רעדן. ערשט אין אַ 15 מינוט אַרום האָט זי אויסגעפונען, ווען זי האָט צו שטאַרק דערפילט די שווערקייט פון זיין קאָפּ אַף איר, אַז ער איז שוין איינגעשלאָפן אַף אייביק. אומזיסט זיינען געווען אירע גוואַלדן און געשרייען, אומזיסט געבראַכט אין איילעניש אַ דאָקטאָר, עס איז שוין אַלץ געווען פאַרביי.

ווען די נייעס האָט זיך גלייך אין די פרימאָרגן־שעה'ען פאַרשפּרייט צווישן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגס־קרייזן, האָט זיך קיינער ניט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס איז אמת. קיינער האָט אין זיין געדאַנק ניט געקענט צוזאַמענפירן שייפער'ן, דעם סימבאָל פון קאָכיקער טעטיקייט, פון שטענדיקער באַוועגונג און אומרו, מיטן שטאַרן קאַלטן טויט. די

נייעס האָט זיך שנעל צעטראָגן איבערן גאַנצן לאַנד. פון אומעטום זיינען אָנגעקומען פאַרצווייפלטע טעלעגראַמעס, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט אין זייער טרויער מיטן גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן דער אַרבעטער־באַוועגונג.

פונדעסטוועגן האָבן אַ סך נאָך אַלץ ניט געוואָלט גלויבן אין דער ידיעה. ערשט, ווען אַף מאָרגן, דעם 2טן דעצעמבער, זיינען אַרויסגעקומען די „מאָרגן־פרייהייט", דער „דעילי וואָירקער", און די אַנדערע צייטונגען, אַפילו די בירגערלעכע ענגלישע צייטונגען, מיט דער שרעקלעכער נייעס, האָט מען שוין אינערגעץ ניט געצווייפלט, אַז שייפער'ס האַנט איז שוין צוזאַמענגעקראַמפט מיטן טויטן גליוווער.

דורך דער גאַנצער וואָך, פון אָנהויב דעצעמבער ביז זונטיק, דעם 6טן דעצעמבער, ווען עס איז פאָרגעקומען די לויה, און נאָך אין די שפּעטערדיקע טעג, איז די „מאָרגן־פרייהייט" געווען פול מיט אַרטיקלען, טרויער־רעזאָלוציעס, טרויער־טעלעגראַמעס און פאַרשיידענע נאָטיצן וועגן שייפער'ן. הונדערטער אָרגאַניזאַציעס זיינען אויפגערודערט געוואָרן, ספּעציעל די אָרגאַניזאַציעס, וואָס שייפער האָט אַזוי אָפט באַדינט מיט זיין מוזיק, באַשיינט זייערע שמחות, דערהויבן זייער גייסט אַף די פליגלען פון זיין קרעפטיקער פּראָלעטאַרישער מוזע.

צווישן די טעלעגראַמעס, וואָס זיינען אָנגעקומען אין די ערשטע טעג, געפינען מיר אַפּן ערשטן פּלאַץ טעלעגראַמעס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פון די אידישע ביוראָס בא דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פון א. עלעף, סעקרעטאַר פון דער פילאַדעלפיער ביוראָ, פון מ. פישמאַן פון דער באָסטאָנער אידישער ביוראָ, פון י. בענדאָוו פון דער קליוולאַנדער ביוראָ, פון י. סולטאַן, דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון דער אידישער ביוראָ און רעדאַקטאָר פון „האַמער", וועלכער האָט זיך גראָד געפונען אין לאָס אַנדזשעלעס, פון אַלע פרייהייט געזאַנג פאַראיינען און פרייהייט אָרקעסטערס איבערן גאַנצן לאַנד, פון זייערע סעקרעטאַרן און דיריגענטן, פון צענדליקער בראַנטשעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, פון דעם ניו יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט פון אָרדן, פון שטאָט־קאָמיטעט פון די קינדער־שולן באַם אָרדן; פון דער פאַרוואַלטונג, סטודענטן־ראַט, לערער און סטודענטן פון אידישן אַרבעטער אוניווערזיטעט, פון דער דירעקטאָרן־באַארד פון קעמפּ „קינדערלאַנד", פון שייפער'ס דיריגענטן־קלאַס, פון אַרטעף טעאַטער, פון דעם פילאַדעלפיער מוזיק־צענטער, פון דעם אידיש־אַמעריקאַנער יוגנט־כאָר אין דעטראָיט, פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון איקאָר, ווי אויך פון

ניו יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט און פאַרשיידענע איקאָר־בראַנטשעס איבערן לאַנד; פון דער נאַציאָנאַלער טעאַטער־פּראַקציע, פון אידישן טעאַטער־קאָלעקטיוו אין נואַרק, און פון יוניט 14, קאָמוניסטישע פּאַרטיי, ניו יאָרק, צו וועלכן שייפער האָט באַלאַנגט, פון די דיריגענטן י. דייווידסאָן, ס. סאָנשיין, סילוויע סאַמאַראָוו, אַלבערט ביטער און בען יאָמין און פון די פּראָלעטפּען־מיטגלידער וו. אייבראַמס, י. ב. ביילין, בער גרין און מעינקע קאַץ.

עס זיינען אויך אָנגעקומען טעלעגראַמעס פון א ריי אַרבעטער־רינג בראַנטשעס, פון דעם אַרבעטער־רינג כאָר, און צענדליקער אַנדערע אָר־גאַניזאַציעס איבערן גאַנצן לאַנד. צווישן די צענדליקער טעלעגראַמעס פון איינציקע פּערזאָנען, מערסטנס פריינט און פאַרערער, שרייבער, קינסטלער און כלל־טוער, געפינען זיך אויך טעלעגראַמעס פון א ריי מוזיקער, ווי פון לאַזאַר וויינער, וולאַדימיר חפץ, אשלי פּעטיס, מינאַ איסאַיעוואַ, טולטשין, הערי לעפקאָוויטץ, מיכל געלבאַרט, ה. בעלקין, דוד אָלטמאַן. טעלעגראַמעס זיינען אויך דערהאַלטן געוואָרן פון די מוזיקער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער מוזיק־ביוראָ, פון א ריי סאָוועטישע דיכטער.

דורך דער וואָך דערשיינען אין דער „מאָרגן־פרייהייט" אַרטיקלען פון פּאָלגנדיקע שרייבער און קינסטלער: מ. אָלגין, נ. בוכוואַלד, י. ב. ביילין, לאַזאַר וויינער, משה כץ, ק. מרמר, משה נאַדיר, מלך עפּשטיין, ב. פענסטער, י. א. ראָנטש, י. רומשינסקי, פּ. שוואַרצמאַן, און בענאַ שניידער. קורצע אויסדרוקן זיינען אויך דערשינען פון פּרץ הירשביין, אהרן קורץ, ה. לייוויק און ליליען שאַפּיראָ. די גאַנצע רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון דער „מאָרגן־פרייהייט און דער „פּראָלעטפּען" איז די גאַנצע וואָך געווען איינגעהילט אין טיפן טרויער און דערשיטערונג.

די לויה, וואָס איז פאָרגעקומען זונטיק, דעם 6טן דעצעמבער, און דער טרויער־מיטינג אין סענטראַל אָפּערא הויז פאַר דער לויה, איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס מען האָט נאָך ניט געזען אין דער אידישער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג. פון 9 אַזייגער אינדערפרי, ווען דער קערפּער איז געבראַכט געוואָרן אין זאַל, זיינען אין פאַרלויף פון 3 שעה דורכ־געגאַנגען פאַרביי דעם אָרון טויזנטער און טויזנטער מענטשן. די ענג־שאַפט אינעווייניק איז געווען ביז דערשטיקט צו ווערן. באַם אָרון איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַן ערן־וואַך פון אָנגעזעענע פירער און טוער און דעלעגאַציעס פון גאַנצן לאַנד, וואָס האָבן זיך אַלע 5 און 10 מינוט איבערגעביטן. צו דעם טרויער־מיטינג זיינען געקומען דעלעגאַציעס, ניט

אין סענטראַל אָפּעראַ הויז, איידער מ'האָט אַריינגעלאָזט דעם עולם צום הספד, בעת מ'האָט איינגעשטעלט די ערן-וואַך.

די גרויסע 20-טויזנט קעפּיקע מאַסע, וואָס האָט ניט געקענט אַריין אין סענטראַל אָפּעראַ הויז, אין דער צייט פון הספד, שטייט שעה'ען לאַנג אונטער אַ גוס-רעגן און וואַרט אַפן אָנהויב פון דער לויה.

בלויז פון ניו יאָרק און אומגעגנט, נאָר אויך פון גאַנצן לאַנד. פון די מוזיק־אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען פאַרטראָטן די פרייהייט געזאַנג פאַר־איינען און די פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטערס, דער אַרבעטער־רינג כאָר, דער כאָר פון דער אידישער קולטור־געזעלשאַפט, דער אָרקעסטער פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, דער כאָר און אָרקעסטער פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, און פאַרטרעטער פון אַנדערע מוזיק־אָרגאַניזאַציעס.

חבר טשערטקאָוו, סעקרעטאַר פון דעם אידישן מוזיקאַלישן פאַר־באַנד, איז געווען פאָרזיצער. מיט קורצע רעדעס זיינען אַרויסגעטראָטן: חבר י. ספּאָקאָיני, אין נאָמען פון געזאַנג פאַראיין; חבר אַמטער, פאַרן ניו יאָרקער דיסטריקט־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי; חבר פּ. נאָוויק, אין נאָמען פון דער אידישער ביוראָ און רעדאַקציע־פאַרוואַלטונג פון דער „מאָרגן־פרייהייט". חבר אָלגין האָט גערעדט דער לעצטער אין נאָמען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ביידע לעצטע רעדעס האָבן טיף אויפגערודערט די פון טויזנטער צוזאַמענ־געקוועטשטע מאַסע. צווישן די רעדעס האָט דער פרייהייט מאַנדאָלין־אָרקעסטער, אָנגעפירט פון ס. פּוירסטמאַן, געשפּילט אַ ריי טרויער־מאַרשן, און דער פרייהייט געזאַנג־פאַראיין, אָנגעפירט פון נ. סאַמאַראָוו, וועלכער איז ספּעציעל געקומען פון קליוולאַנד, שייפער'ס אַ תלמיד, וואָס האָט זיך מיט שייפער'ס הילף דערהויבן אַליין צו ווערן אַ פּיאַיקער דיריגענט, האָט געזונגען אַ ריי טרויער־לידער, ווי אויך שייפער'ס סאַמע לעצטע קאָמפּאָזיציע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן פאַר זיין טויט — „שנעל לויפן די רעדער". דאָס לעצטע ליד איז געווען ראָנטש'עס „אונזער פירער" מיט שייפער'ס אייגענער מוזיק. דאָס ליד איז דיריגירט און געזונגען געוואָרן מיט אַזויפיל דערשיטערנדיקן געפיל, אַז אַלע זיינען ווי עלעקטריזירט געוואָרן. גלייך באַם ענדיקן דאָס ליד האָט סאַמאַראָוו צוזאַמענגעבראָכן.

דרויסן, אונטער אַן איינגע'עקשנ'טן רעגן, איז געשטאַנען אַ מאַסע פון איבער 20 טויזנט מענטשן, געשטאַנען איינגעשפּאַרט און געוואַרט ביז מען האָט אַרויסגעטראָגן דעם אָרון. אַ ריי נאָענטע פריינט, פירער פון דער באַוועגונג און מוזיקער האָבן אַרויסגעטראָגן דעם אָרון און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָצעסיע אַף גאַסן און גאַסן. אין אָט דעם שוידערלעכן וועטער זיינען פונדעסטוועגן אויך איבער טויזנט מענטשן אַרויסגעקומען אַפן בית־עולם. דאָרט זיינען ווידער געהאַלטן געוואָרן אייניקע רעדעס פון שייפער'ס נאָענטע פריינט, צווישן זיי ב. פענסטער, אָלקין פון דער

קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע, לאַזאַר ווײַנער, אַ פּאָרטרעטער פֿון דער מוזיק־געזעלשאַפֿט, און י. ב. ביילין.

די סצענעס אַרום דעם קבר, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט פֿון אַ געדיכטער מענטשן־מאַסע און פֿון הונדערטער בלומען־קראַנצן, זײַנען געווען זייער פֿײַנלעכע. שייפּער׳ס פֿרוי לאה און זיין איינציקע שוועסטער, רעכל שאַפּיראָ, זײַנען איין־יקע מאָל אַרײַנגעפֿאַלן אין שווידערלעכע היס־טערישע אויסברוכן. דער קבר ווערט גיך פֿאַרשאָטן אונטער די הילכיקע דרייסטע טענער פֿון „אינטערנאַציאָנאַל". און ווי אַ רירנדיקע מצבה וואַקסט אָן גלײַך אַפֿן קבר אַ ריזיקע פּיראַמידע פֿון די הונדערטער בלומען־קראַנצן, מיט די פֿלאַטערנדיקע רויטע לענטעס ווי די פֿאַסן פֿון אַ ריזיקער צעשאָסענער רויטער פֿאָן.

10. אַ רייע טרויער־פֿאַרזאַמלונגען איבערן לאַנד

די ערשטע שטאָט, וואָס האָט באַוויזן צונויפֿצורופֿן אַ גרויסע טרויער־פֿאַרזאַמלונג נאָך שייפּער׳ן, איז געווען לאָס אַנדזשעלעס. דעם 8טן דע־צעמבער, איז אויף דער דאָזיקער טרויער־פֿאַרזאַמלונג אַרויסגעטראָטן י. סולטאַן, דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פֿון דער אידישער ביוראָ בײַ דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. סולטאַן האָט געגעבן אַן אָפּשאַצונג וועגן דעם לעבן און שאַפֿן פֿון דעם גרויסן פּראָלעטאַרישן קינסטלער. דער „מוזיק אַרט האָל" איז געווען דעקאָרירט אין רויטן און אין שוואַרצן. מ׳איז געשטאַנען אויף קעפּ. דער געזאַנג פֿאַראיין און דער מאַנדאָלין אָרקעסטער האָבן געזונגען און געשפּילט לידער פֿון שייפּער׳ס רעפּערטואַר, און יעדער ליד און יעדער טאָן האָט אַרויסגערופֿן אַ ציטער בײַ אַלע פֿאַרזאַמלטע.

דעם 13טן דעצעמבער זײַנען פֿאָרגעקומען טרויער־פֿאַרזאַמלונגען אין דריי גרויסע שטעט: אין שיקאַגאָ, אין וואַשינגטאָנער טעמפּל, איז דורכגעפֿירט געוואָרן זייער אַן אײַנדרוקספֿולער טרויער־צערעמאָניאַל. דער כאָר האָט געזונגען פֿראַגמענטן פֿון די אָראַטאָריעס „געוויטער" און „קיין איינציקער שפּאַן". צווישן די רעדנער זײַנען געווען מלך עפּשטיין, י. קעריש, מ. רעזניקאָוו, און אַנדערע נאָענטע פֿריינט פֿון דעם פּראָלעטאַרישן מוזיקער. אין דעם זעלבן טאָג איז אויך פֿאָרגעקומען אַ גרויסע טרויער־פֿאַרזאַמלונג אין טאָראָנטאָ, אין סטאַרענד טעאַטער, אין וועלכן דער פֿרייהייט געזאַנג פֿאַראיין און דער מאַנדאָלין אָרקעסטער האָבן דורכ־געפֿירט אַ פּאַסנדיקע טרויער־פּראָגראַם, ווי אויך שייפּער׳ס לעצטע קאָמ־פּאָזיציע „שנעל לויפֿן די רעדער", און פֿראַגמענטן פֿון די צוויי אָראַ־

טאָריעס — „צוויי ברידער" און „קיין איינציקן שפּאַן". דער מאַנדאָלין־אָרקעסטער האָט געשפּילט איינציקע טרויער־מאַרשן. צווישן די רעדנער זיינען געווען פּ. שוואַרצמאַן, דער דיריגענט ה. דובקאָווסקי, און י. גערש־מאַן, דער סעקרעטאַר פון דער אידישער ביוראָ.

אין דעם זעלבן טאָג איז פאָרגעקומען די טרויער־פאַרזאַמלונג אין דעטראָיט, אין דער „בני משה שול". דער פרייהייט געזאַנג פאַראיין האָט דורכגעפירט זייער אַן איינדרוקספולע פּראָגראַם און גדליה סאַנדלער, דער געהילף־סעקרעטאַר פון דער אידישער סעקציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן, איז געווען דער הויפּט־רעדנער. עס האָבן אויך גערעדט פאַרשטייער פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס און קערפּערשאַפטן.

דעם 16טן דעצעמבער איז פאָרגעקומען די טרויער־פאַרזאַמלונג אין באָסטאָן, אין פרענקלין יוניאָן אינסטיטוט. דער פרייהייט געזאַנג פאַראיין האָט דורכגעפירט, מיט דעם דיריגענט אבראַמאָוויטש, אַ ריי פון שייפער'ס לידער, וואָס האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, און איינציקע כאָרן פון „געוויטער". אַן אָפּשאַצונג האָט געגעבן י. ב. ביילין פון ניו יאָרק. עס האָט אויך גערעדט דער סעקרעטאַר פון דער דאָרטיקער ביוראָ, מ. פישמאַן.

דעם 16טן דעצעמבער איז פאָרגעקומען אין קליוולאַנד אַ פאַראייניקטע טרויער־פאַרזאַמלונג פון אַלע פּראָלעטאַרישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, לאַנדסמאַנשאַפטן און געזעלשאַפטן אין שטאָט. דער פרייהייט געזאַנג פאַראיין האָט דורכגעפירט אַ פּראָגראַם פון טרויער־לידער ווי אויך פראַגמענטן פון איינציקע אָראַטאָריעס.

אין די זעלבע טעג זיינען פאָרגעקומען איינדרוקספולע טרויער־פאַרזאַמלונגען אין פּאַסעיק און אין פּעטערסאָן, וואו מאַקס העלפמאַן האָט דורכגעפירט מיט די דאָרטיקע פרייהייט געזאַנג פאַראיינען אַ פּראָגראַם פון טרויער־לידער און וואו י. ב. ביילין האָט געגעבן אַן אָפּשאַצונג וועגן דער שעפערישער אַרבעט פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאָמפּאָזיטאָר.

דעם 27טן דעצעמבער זיינען פאָרגעקומען טרויער־פאַרזאַמלונגען אין צוויי שטעט: אין באַלטימאָר, וואו עס האָט גערעדט דער דיכטער ל. מילער און חבר פאַערס, פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דער דיריגענט פאַקס האָט אויפגעפירט אַ פאַרשיידנאַרטיקע פּראָגראַם. גלייכצייטיק איז פאָרגעקומען אַ גרויסע טרויער־פאַרזאַמלונג אין פילאַדעלפיע, אין לייבאָר עדיוקיישאָנאַל צענטער, וואו דער פאַרזיצער מ. חסיד האָט דורכגעפירט דעם אָוונט אויף אַ זייער איינדרוקספולן אופן. דער „פּיל אַרט קוואַרטעט", אַ קינסטלערישער אַנסאַמבל פון דעם פילאַדעלפיער מוזיק־צענטער, האָט

געשאפן א רירנדיקע שטימונג מיט זיין שפילן, וואס האט הארמאנירט מיט דעם גייסט פון דעם אוונט. דער פרייהייט געזאנג פאראיין מיט חבר סאנשיין אלס גאסט־דיריגענט, האט געזונגען זייער שטיל א ריי טרויער־לידער, אבער א באהאלטענע קרעפטיקייט האט זיך ארויסגעריסן פון דער שטילקייט. אן אפשאצונג וועגן דעם גרויסן פארלוסט האט געגעבן י. ב. ביילין, ווי אויך חבר עלעף, דער סעקרעטאר פון דער אידישער ביורא, ש. גלוזמאן, און ה. עפשטיין.

טרויער־פארזאמלונגען זיינען נאך אויך געהאלטן געווארן אין יאנואר אין א גאנצער ריי שטעט, צווישן זיי אין מילוואקי, דעם 10טן יאנואר. דארט האט גערעדט י. קעריש פון שיקאגא. און אין נוארק, וואו עס איז געגעבן געווארן אן איינדרוקספולע פראגראם פון פרייהייט געזאנג פאראיין און מאנדאלין ארקעסטער, און וואו מלך עפשטיין האט געגעבן אן אויס־געצייכנטע אפשאצונג וועגן דעם רעוואלוציאנערן קאמפאזיטאר.

11. עטלעכע אויסצוגן פון דער „מארגן־פרייהייט" אין דער וואך פון זיין טויט

פון מ. אלגין:

. . . יעקב שייפער האט אריינגעטראגן אין דער ארבעטער־וועלט בכלל, אין דער אידישער ארבעטער־וועלט בפרט עפעס אזוינס, וואס האט זי באשיינט, דערווארעמט, פארמענטשלעכט, אויפגעהויבן אף א העכערער מדרגה, אויסגעפורעמט אין דער געשטאלט פון נייע מענטשלעכע באציאונגען. איין מענטש שייפער איז געווארן א גאנצער קאלעקטיוו פון עטלעכע טויזנט, ארום וועלכע עס האבן זיך גרופירט אנדערע טויזנטער און וועלכע זיינען געשטעמפלט מיטן באזונדערן שטעמפל פון קונסט צוליב קאמף, קונסט צוליב דער באפרייאונג פונעם ארבעטער־קלאס, קונסט צוליב דער צוקונפטיקער סאציאליסטישער געזעלשאפט, קונסט ווי א מוסטער פון דעם, וואס עס קען ברענגען דער מענטשהייט די צוקונפטיקע סאציאליסטישע געזעלשאפט, קונסט פארן קאמוניזם.

פון נ. בוכוואלד:

. . . שייפער דער קאמפאזיטאר דארף בא אונז ערשט קריגן די געהעריקע אפשאצונג. וואס איז שייך אנערקענונג, באוואונדערונג, ליבע — האט דאס שייפער געקראגן אין דער פולער מאס. זיינער אן ארויס־טריט איז בא אונז שטענדיק געווען א יום־טוב, זיינע א נייע קאמפאזיציע — א פריידיקע געשעעניש. אבער אין איין פרט זיינען מיר אים שולדיק

געבליבן אַ גרויסן חוב : אַ קריטישע, אַ פאַכמענישע אָפּשאַצונג פון זײַן רעוואָלוציאָנערער מוזיק. מיר האָבן אָפּגעשאַצט אונזער שײפער׳ן, אונזער באַוועגונגס־מענטש, אונזער חבר און אָרגאַניזאַטאָר, אָבער אין קריטיק זײַנען מיר ניט דערוואַקסן צו שײפער׳ן. אין אונזער סביבה זײַנען ניט געווען קײן מוזיקער, וואָס זאָלן קאָנען פאַראײניקן פאַך־קענטעניש מיט אַ מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו קונסט. אין דער ברײטער מוזיקאַלישער וועלט האָט מען שײפער׳ן געשאַצט זײער הויך אַלס קאָמפּאָזיטאָר, און אודאי און אודאי אַלס כאָר־מײַסטער. זײַן לעצטע גרויסע אַרבעט „בירא־בידזשאַן״ האָט געמאַכט אַ טיפן רושם אויף מוזיקער. שײפער׳ס קאָלעגן האָבן באַגריסט די דאָזיקע אָראַטאָריע ווי די קרוינונג פון זײַן שעפערישער אַרבעט און ווי דעם אָנהויב פון אַ נײַער שטופּע אין זײַן שאַפונג.

פון פרץ הירשביין :

. . . יעקב שײפער, דער פּשוטער פאָלקס־מענטש, וואָס האָט זיך פון סטאָלערישן וואַרשטאַט דערהויבן צו אַן ערשט־קלאַסיקן קאָמפּאָזיטאָר, האָט אונז מיט זײַן פרוכטבאַרן לעבן באַוויזן וואָס פאַר אַ געזונטע, גײַסטיקע חיות עס קוועלן פון די פאָלקס טיפענישן.

פון לאַזאַר ווײַנער :

. . . שײפער באַזעצט זיך אין ניו יאָרק. געמײנשאַפטלעכע אַרבעט. באַ מיר אין הויז. ער ברענגט אַ נײַ ליד „בראַנד און פײַער״. מיר שפּילן — אַראַנזשירן. „אָבער שײפער, פּאַרוואָס טוט איר עס, בעסער וועט זײַן אַזוי . . .״

אַ בלײַפעדער. פאַרשרײַבט די פאַרבעסערונג. איך ווײַז מײַן נײַ ליד : „אױס פּרינצן״. ווידער שפּילן, אַנאַליזירן. „אָבער ווײַנער, אַזוי וועט דאָך זײַן בעסער.״ אַ, דאָס פרישע אויג. די ערלעכע קריטיק.

דער גלויבן אײנער דעם צווײטן. זינט יענע נאָענטע באַציאונגען איז מיר ניט אויסגעקומען מער זיך צו טרעפן מיט אַנדערע מוזיקער, צו שפּילן, אַנאַליזירן, און קריטיקירן אײנער דעם צווײטן. זיבן יאָר אַז מיר האָבן זיך ניט געטראָפן. כ׳האָב נאָכגעפאָלגט אַלץ וואָס ער האָט געשריבן. אָפט באַזוכט די קאָנצערטן פון פרײַהײט געזאַנג פאַראײן. אָבער זיך ניט געטראָפן.

פון מ. זאָלאָטאַראָוו :

. . . שײפער׳ן האָבן אַלע ליב געהאַט ווי אַ האַרציקן חבר און אַ פאָלקס־מענטש. אָבער קינסטלער האָבן צו אים געהאַט אַ באַזונדער צערט־לעכע באַציאונג ווי צו אַ שעפערישן מענטשן, וואָס איז סענסיטיוו ניט

בלויז צו זיין אייגענער קונסט, נאָר צו אַלע אַנדערע קונסט־געביטן. איך פלעג מיט אַ ציטער וואַרטן אַף שייפער׳ס אַ מיינונג וועגן מיינע צייכע־נונגען פאַר דער בינע באַ די געמיינשאַפטלעכע אויפפירונגען און אין אַרטעף. און שטענדיק איז שייפער געווען עכט און טרעפלעך אין זיינע אָפּשאַצונגען, און שטענדיק האָט ער געפילט די קרובה׳שאַפט צווישן מוזיק און סצענישער קונסט.

פון משה כץ:

. . . שייפער האָט אונז פאַרלאָזן אין סאַמע בלי פון זיין לעבן, ווען ער האָט ערשט ווי געהעריק פאַנאַנדערגענומען זיינע שטאַרקע סטאַליאַרסקע אָרעמס, ווען ער האָט ערשט ווי געהעריק אָנגעטאַפּט דעם וועג פאַר ברייטערע, גרינטלעכערע שאַפונגען און אויפפירונגען אַפן געביט פון אידישער פּראָלעטאַרישער און פאָלקס־מוזיק און געזאַנג. דאָס וואָס ער איז פּלוצלונג אָפּגעריסן געוואָרן פון אונז קאָן מיט גאָר ניט פאַרגיטיקט ווערן, — פונקט ווי קיין גאַנצע בילדער־גאַלעריע קאָן ניט פאַרגיטיקן דעם פאַר־לוסט פון אַ גרויסן מייסטער. אָבער שייפער האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך די געזאַנג־פאַראיינן, זיינע ווערק, זיין אימפּעט, זיין שייפערישע טראַדיציע, — און אין זיין אַרבעט און אין זיין לעבנס־ווערק וועט ער אייביק לעבן צווישן אונז און אַרויסרוקן צו אונז דורך אונזערע געזאַנגען.

פון קלמן מרמר:

. . . יעקב שייפער׳ס לעבן האָט אין זיך אַלע עלעמענטן פון אַ פאָלקס־לעגענדע. ס׳איז אַ רייך דינאַמיש לעבן, פול מיט דראַמאַטישער שפּאַנונג — אַ קונסט־ווערק, געשאַפן פונעם אידישן אַרבעטנדיקן פאָלק, וואָס וועט באַוואונדערט ווערן פון שפּעטערדיקע דורות. די צוקונפטיקע אידישע היסטאָריקער וועלן פון זיין לעבן קאָנען ציען שלוסן, אַז די אַרבעטער־סביבה אין אַמעריקע איז ניט געווען אַזאַ שטייניקער באָדן, ווי געוויסע פּעסימיסטן שטעלן עס פאָר, אויב אַ פּשוט׳ער סטאָליער־אַרבעטער האָט געקאָנט אויסוואַקסן צו אַזאַ באַדייטנדיקער מוזיקאַלישער קראַפט, ווי יעקב שייפער.

פון משה נאַדיר:

. . . ווי אַ הובל עסט זיך איין אין האָלץ און שפּייט אויס און פראָוועט נאָכאַמאָל, זוכנדיק די גלאַטסטע גלאַטקייט פאַר איר ענד־ציל, אַזוי האָט יעקב שייפער געזוכט בייצוקומען די גוזעם און די נאַטירלעכע קנופּן פון דער קליינער, באַזונדערער וועלט, וואָס הייסט מוזיק, מיט דער כונה די דאָזיקע וועלט צו ברענגען צו די מאַסן, זי אויסמישן מיט איר.

פון מלך עפשטיין:

. . . פאַראַן טאַלאַנטפולע מענטשן, וואָס גייען צו־גרונד אָדער ווערן צעריבן און פאַרשווינדן, ניט איבערלאָזנדיק קיין שפּור נאָך זיך. שייפער האָט שנעל געשפּאַנט אַף די העכערע שטאַפּלען פון שאַפן. טיף און שטאַרק האָט ער זיך אַריינגעריסן אין דער געזעלשאַפטלעכער שעפערישקייט פון טויזנטער אַרבעטער, ער האָט די שעפערישקייט אויסגעפורעמט מיט זיין קאָלירפולער פּערזענלעכקייט. ער לאָזט איבער נאָך זיך אָריגינעלע אַרבעטן און אַ צאַפּלדיקע ברייטע מוזיקאַלישע באַוועגונג, וואָס האָט ניט איר גלייכן אין קיין אַנדערן אַרבעטער־קלאַס.

פון י. א. ראָנטש

. . . ער האָט ליב געהאַט דעם קאָנטאַקט מיט דער מאַסע. ווען איך האָב אים פאָרגעוואָרפן זיין פאָרן אין קעמפּ אַרבעטן, האָט ער מיר ערשט מיט אַ וואָך צוריק געענטפערט:

— איר ווייסט ניט וויפיל דער קעמפּ האָט מיר געגעבן. עס איז טאַקע געוועזן שווער. אַ קלייניקייט! יעדע צווייטע וואָך צוגרייטן אַ נייע פּראָגראַם. נאָר, ווייסט איר, אַז אין שטאָט וואָלט איך די „בונט מיט אַ סטאַטשקע״ קיינמאָל ניט געמאַכט, דעם גאָלדפאַדן־רעוויו ניט צוגעגרייט! איר קומט אין קאָנטאַקט מיט נייע מענטשן. דאָס צוזאַמענאַרבעטן מיט בוכוואַלד'ן און פענסטער'ן האָט דערבראַכט צו נייע אידייען. קאָלעקטיווע אַרבעט איז נויטיק פאַר אַ פּראָלעטאַרישן מוזיקער.

פון בענאָ שניידער:

. .. און כאָטש ער (שייפער) איז געוועזן דורך און דורך אַ קינסטלער, איז ער אָבער געוועזן אַ פאָלקס־מענטש און האָט פאַרמאָגט אין גאָר אַ גרויסער מאָס דאָס, וואָס אַלע קינסטלער וואָלטן באַדאַרפט פאַרמאָגן — פּשטות. אַ דאַנק אָט־דער פּשטות און ענערגיע האָט זיך אים איינגעגעבן אויפצובויען דעם בנין — פרייהייט געזאַנג פאַראיין, וועלכער האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען ניט בלויז אין אַמעריקע, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער, אַריינגערעכנט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו שייפער'ס קינסטלערישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט ווערט הויך געשעצט.

צווייטער טייל

שייפער׳ס שעפערישער און אידעאַלאָגישער וועג

1. סביבה און איינפלוסן

יעקב שיפער׳ס שעפערישער וועג איז ענג פארבונדן מיט זיין אידעאָלאָגישן וועג. אויב מיר ווילן מאכן אַ פּאַרזוך נאָכצופאָלגן שיפער׳ס שעפערישע מוזיקאַלישע אַנטוויקלונג פון די סאַמע ערשטע שטופּן אָן, די השפּעות וועלכע האָבן אים באַווירקט און די פאַרמען אין וועלכע ער האָט גענומען אויסגיסן זיין מוזיקאַליש־שעפערישן דראַנג, איז עס אומ־מעגלעך צו טאָן אָנעם נאָכפאָלגן גלייכצייטיק זיין אידעאָלאָגישע אַנט־וויקלונג. שיפער׳ס שעפערישע כחות האָבן זיך צעבונדן דורך זיין אידעאָלאָגישן שטייגן; אין סאַמע פּראָצעס פון זיין אידעאָלאָגישער רעוויזיע. זיין מוזיקאַלישע רייפקייט און רייכקייט האַרמאָניזירט פול־שטענדיק מיט זיין אידעאָלאָגישער אויסרייפונג און אַנזעטיקונג. ווען ער האָט ביידע זאַכן דערגרייכט, האָבן מיר ערשט געקענט דערוואַרטן פון אים אַ נייע שעפערישע כוואַליע. זיין קוואַל האָט זיך ערשט גענומען רעכט פאַנאַנדערשפּרודלען. ווער ווייסט וויפיל אוצרות רעוואָלוציאָנערער געזאַנג עס איז פאַר׳חתמ׳עט געוואָרן דאָרט אין זיין אָרון אַף לאַנג־איילאַנד! מיר האָבן פאַרלאָרן אַ פּאָטענציעלן פאַרמעג, וואָס מיר קענען אפילו ניט, ווי געהעריק, אָפּשאַצן...

:: :: ::

שיפער׳ס וועג איז אין אָנהייב ניט געווען קיין גראַדליניקער. דער יונגער משורר און סטאָליאַר־געזעל פון קרעמעניץ האָט שוין געפּרואווט אָנצופירן אַן אַרבעטער־כאָר, ווען ער איז קוים אַלט געווען 17 יאָר. ער האָט נאָך פריער אַריינגעטראָגן לעבן און פייערלעכקייט אינעם „קליינעם בונד" מיט זיין זינגען. אָבער שעפעריש איז ער דעמאָלט ניט געווען אַף דעם געביט. זיין איינציקע גרעסערע קאָמפּאָזיציע פון יענע יונגע יאָרן איז געווען אַ . . . קדושה — פאַר וועלכער ער האָט, אגב, געכאַפּט פּעטש סיי פון זיין טאַטן און סיי פון זיין אייפערזיכטיקן חזן. עס איז אמת, אַז די „קדושה" איז סוף־כל־סוף געברויכט געוואָרן פונעם חזן, אָבער קיין דערמוטיקונג, אַז ער זאָל עפּעס ווייטער טאָן אַפן געביט פון קאָמ־פּאָזיציע, איז עס געווים ניט געווען. זיין פּראַקטישע אַרבעט אַף דעם געביט פון אָרגאַניזירן אַן אַרבעטער־כאָר איז אויך אין קרעמעניץ ניט געווען דערפאָלגרייך.

זיינע ערשטע פיר יאָרן אין אַמעריקע * (שיקאַגאָ), פון 1910 ביז 1914, זיינען געווען יאָרן, ווען ער האָט געזוכט אַ באָדן. אין יענער צייט איז ער אַפילו אַריינגעפאַלן אונטער קליינבירגערלעכע השפעות. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין שיקאַגאָ האָט זיך אין שטאַט קנאַפּ־וואָס אָנגעזען, ספּעציעל אין די אידישע קרייזן. די אידישע קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ אין שיקאַגאָ איז געווען אונטערן איינפלוס פון וויליאַם נאַטאַנזאָן, אין יענער צייט אַן אַנטוישטער אַנאַרכיסט און אַ מיסטישער נאַציאָנאַליסט. אין די מוזיקאַלישע קרייזן, וואו שייפער האָט פאַרקערט, האָט געהערשט אַ ציניזם, וואָס האָט נאָך געטראָגן מיט זיך ניט־אויס־געוועפּטע ריחות פון דעם רוסישן דעפּיטיזם, מיסטיציזם און אַפילו סאַניניזם. יענע קרייזן זיינען טיילוויז באַשטאַנען פון זינגער און דיריגענטן אין כאָר־שולן, האַלבע הפקר־מענטשן, וואָס האָבן געמאַכט פון פּרינציפּלאָזיקייט אַ קולט. אַלס „אינטעליגענטן" האָבן זיי געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף דער דאָרטיקער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג און אויף אירע אָרגאַנען, דער „פאָרווערטס" און די „אידישע אַרבעטער־וועלט", ווי אויף אַ שטופּע, וואָס זיי זיינען שוין לאַנג אַריבערגעוואַקסן.

קיין סך צייט האָט דער נאָך גאָר יונגער און היפּשלעך רויער שייפער ניט געהאַט. בײַטאָג האָט ער געאַרבעט אין אַ קאָרפּענטער־שאַפּ און אין די אָוונטן איז ער געגאַנגען מיט זיינע חזנים אויף שמחות, חתונות, ברית'ן — געזונגען, דיריגירט, אָדער געצימבלט אויף אַ פּיאַנאָ, וואו נאָר ער האָט געקענט.

שייפער, צוזאַמען מיט ה. שטערן, אָרגאַניזירט אַ כאָר אין אַלטן היברו־אינסטיטוט. די דאָרטיקע פאַרוואַלטער איז דערווידער יעדער אַר־בעטער ליד. קען מען לאַנג ניט האַלטן. ווען דער אינסטיטוט הייבט זיך אָן צו מישן אינעם כאָר, פאַרלאָזן אים שייפער און שטערן, און דער כאָר צעפאַלט זיך.

אין 1912 האָט מען אים שוין געזען דיריגירן אַ כאָר פון אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שולע; מ'פלעגט אים שוין אַמאָל זען אַפילו אויף סאָציאַ־ליסטישע אונטערנעמונגען, וואו ער פלעגט קומען אַקאָמפּאַנירן אויף דער פּיאַנאָ אַ זינגערין, אָדער אַ זינגער (מערסטנטיילס מעטיום'ן). זיין האַלטונג איז אָבער געווען אין אָנהייב אַ פאַרעוועע, אָפטמאָל אַפילו ווי אַ פרעמדער, אַ צופעליקער. עס האָט פון אים אַפילו געווייעט מיט אַ געוויסן ביטול, ווען מ'האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער שטעלט ניט צוזאַמען מיט מעטיום'ן

*) גענויער וועגן די יאָרן וועט דער לייענער געפינען אין דעם רייגעם ביאָגראַפישן טייל פון דעם בוך.—י. ב. ב.

א פּאַסנדיקע פּראָגראַם פון רעוואָלוציאָנערע לידער. עס האָט זיך געפילט, ווי מיטן זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל" ברענגען זיי שוין אַ קרבן און צאָלן מיט דעם געגנוג צינז דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אָבער אין פארלויף פון אייניקע מאָנאַטן באַמערקט מען שוין בא יעקב שייפער'ן אַן ערנסטערע באַציאונג צו די רעוואָלוציאָנערע אונטער־נעמונגען און צו זייערע פאָדערונגען. ער אַראַנזשירט שוין אַ ריי באַקאַנטע אַרבעטער־לידער און קריגט שוין פאַר זיי פּאַסנדיקע זינגער. מ'זעט אים שוין אין 1913 צו אַ מאַי־דעמאָנסטראַציע. שייפער הייבט שוין אָן צו שטעלן טריט אין דער ריכטונג פון דער באַוועגונג אַף פאַרשיידענע אופנים.

און ווען אַ ספּעציעל־אויסגעוויילטער קאָמיטעט פאַר אָרגאַניזירן אַ אידישן סאָציאַליסטישן געזאַנג־פאַראיין האָט אין מיטן זומער פון 1914 גענומען זוכן אַ פּאַסנדיקן דירינענט, איז פון איבער אַ צענדליק קאַנדידאַטן אויסגעוויילט געוואָרן יעקב שייפער, אַלס דער „פּראָלעטאַרישסטער און נאָענטסטער צו אונזער באַוועגונג".

גראָד איז דער צוזאַמענשטעל פון דעם אויבנדערמאָנטן קאָמיטעט געווען זייער אַ געלונגענער. אייניקע פריש־אַריבערגעקומענע באַוואוסט־זיניקע און ענערגישע אַרבעטער פון פּוילן, וואָס האָבן זיך אין די ערשטע צייטן בשום־אופן ניט געקענט צופּאַסן צו די פּאַרטיי־מעטאָדן פון אויפ־לעבן בלויז פאַר אַ וואַל־קאַמפּאַניע און דערנאָך צוריק אַנטשלאָפן ווערן, האָבן דאָ געהאַט אַ פּלאַץ, וואו זיי האָבן געקענט פאַנאַנדערוויגן זייערע כחות. שייפער איז געוואָרן אַרומגערינגלט פון אַן עלעמענט, וועלכן ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען פאַר די אויגן — טוער פון אַ הויכן גראַד אחריות, פּייאיקייט און ליבשאַפט צו דער אַרבעט. מענטשן — פּרינ־ציפּיעל־אויסגעהאַלטענע, גראַד־ליניקע און דערצו נאָך ענטוזיאַסטן, וואָס פאַרמעסטן זיך צו רירן פעלזן פון זייערע עלטער. אין שייפער'ס גאַנצן וועזן איז פאָרגעקומען אַ קענטיקע טיפע ענדערונג. ער האָט אינטואיטיוו, אויב ניט באַוואוסטזיניק, דערפילט, אַז דאָס איז זיין קאָמפּאַניע, זיין לאַגער, זיין פּלאַץ, וואו ער ווערט איבערגעבאָרן, איבערגעשמאָלצן, איבער־געפורעמט אין אַ נייעם מענטשן.

דער גאַנצער שייפער האָט עס ניט באַהאַלטן. ער האָט עס אָפן צוגעגעבן. אין אינטימע געשפּרעכן האָט איר געקענט זען אין זיינע גרויסע אויגן בלישטשענדיקע טראָפּנס — די טרערן־פרייד פון געפינען זיך און געפינען דאָס, וואָס ער האָט אומבאַוואוסט פאַר זיך אַליין געזוכט. יענע מאָנאַטן פון אויגוסט און סעפּטעמבער 1914 האָבן אויס־געפּלאַסטערט פאַר שייפער'ן זיין נייעם וועג, דעם וועג פון דינען אינ־

גאַנצן דעם אַרבעטער־קלאַס. די ענגע גרופּע האָט זיך נאָך נענטער צוזאַמענגערוקט און פאַרשטאָלט זיך: דער סאָציאַליסטישער געזאַנג־פאַראיין דאַרף ווערן אַ מעכטיקער רעוואָלוציאָנערער כוח. ער מוז כסדר וואַקסן. ער טאָר ניט אונטערגיין. ער טאָר אַפילו ניט אונטערוויאַנען. ער מוז שטיין אַפן שטאַנדפּונקט פון קלאַסנקאַמף, פון אומקאָמפּראָמיסלעכן רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם. ער מוז ——

צי ס׳איז געווען אַ פאָרמעלע שבועה, צי ניט — איז ניט וויכטיק. עס איז אָבער געווען אַ בונד אַף לעבן און טויט. שייפער האָט געפיבערט פון עקזאַלטאַציע און דערהייבונג: „מיר וועלן דעם געקראַך פון האַרמאַטן אין בעלגיע איבערשרייען מיטן געזאַנג פון אונזערע רעוואָלוציאָנערע לידער.״ מ׳האָט גענומען איינשטודירן דעם „אינטערנאַציאָנאַל״ אין פיר שטימען. פון דעם אומדיסציפּלינירטן רויען אַרבעטער־מאַטעריאַל, וואָס האָבן שטיקלעך שטימען, ווערט אין עטלעכע וואָכן אונטער שייפער׳ס כישוף׳דיקע הענט אַ הויך־דיסציפּלינירטער כאָר.

2. די ערשטע אָראַטאָריע „מאַרטירער־בלוט״

דאָס זיינען געווען די ערשטע מאָנאַטן פון דער וועלט־מלחמה. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט געזאָלט פייערן זיין 25־יאָריקן יובילײ פון אַרבעטער־סאָלידאַריטעט, איז צעשאָסן געוואָרן אין דעם פולווער פונעם פעלקער־בראַנד. די אַנטוישונג צווישן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער אין אַמעריקע איז געווען אַן אומגעהויערע. „אַזעלכע פירער האָבן פאַרראַטן״; קאַוטסקי און וואַנדערוועלדע, אַדלער און הערווע, היינדמאַן און פּלעכאַנאָוו. פון לענינ׳ען האָבן צו יענער צייט געוואוסט אַ באַגרענעצטערע צאָל מענטשן. איין סאָציאַליסטישער פירער, וואָס איז גראָד פריער פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַן אָפּאָרטוניסט, זשאַן זשאָרעס, האָט זיך אַרויסגעוויזן אויפצוהויבן זיך אַף אַ רעוואָלוציאָנערער הייך — און איז געפאַלן אַ קרבן. די מלחמה האָט אויסגעבראָכן איבער זיין צעטראַמפּלטן קערפּער.

זשאָרעס איז געוואָרן דער סימבאָל, אין יענעם מאָמענט, פונעם אומקאָמפּראָמיסלעכן רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם. אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך דעמאָלט געגרינדעט אַף זיין נאָמען. אין שיקאַגאָ האָט זיך געגרינדעט

דער זשאַן־זשאַרעס ברענטש פון אַרבעטער־רינג. שייפער איז דאָרט געוואָרן אַ מיטגליד. אױף שייפער'ן האָט זשאַרעס'עס טויט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק, אָבער מיר האָבן אַ געוויסע צייט אַפילו ניט פאַרדעכטיקט, אַז דער דאָזיקער איינדרוק זאָל מיט זיין אויפטרייסל אַ קלאַפּ טאָן ווי אַ לעגענדאַרער שטעקן איבער אַ פאַרבאָרגענעם קוואַל...

שייפער פאַרטרויט אייניקע נאָענטע טוער פון דעם סאָציאַליסטישן געזאַנג־פאַראיין, אַז ער האָט געמומען שרייבן אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע, וואָס וועט אפשר אויסוואַקסן אין אַן אָראַטאָריע, און ער פּלאַנעוועט עם איינצושטודירן מיטן כאָר. דאָס איז געווען אַן איבערראַשונג. די אַרבעט ווערט געמאַכט אױפן טעקסט פון א. ליעסין'ס „מאַרטירער־בלוט", אַ פּאָעמע, ווי אָנגעמאָסטן אױפן טויט פונעם געפאַלענעם זשאַן זשאַרעס. ליעסין אַליין איז אין יענע יאָרן באַטראַכט געוואָרן פאַרן אויסגעהאַלטענעם רעוואָלוציאָנער, פאַרן מוטיקן קעמפער קעגן וואַסערדיקן „פּאָרוועַרטס"־סאָציאַליזם, און דער עצם אַרויסקומען צום ערשטן מאָל פאַרן ברייטן עולם מיט זיין פּאָעמע האָט געזאָלט דינען ווי אַ דעקלאַראַציע, ווי אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָגראַם, וואָס דער געזאַנג־פאַראיין קלייבט זיך דורכצופירן.

אָבער ווען דער פּלאַן איז געבראַכט געוואָרן פאַרן גאַנצן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, האָבן זיך געפונען פּראָטעסטירנדיקע שטימען, ספּעציעל פון די, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר שטיקלעך מוזיקער:

— „מ'טאָר זיך ניט לערנען אױף אונזער באָרד שערן!" —

— „ס'איז פאַראַן אַזאַ רייכע מוזיקאַלישע וועלט, און מיר וועלן דאָ אַרויסקומען מיט אַ דילעטאַנטישער אַרבעט!" —

— „מ'וועט לאַכן פון אונז אין די הויפנס."

— „מיר וועלן רואינירן אונזער גאַנצע אַרבעט."

שייפער ווערט עטוואָס בלאַס, אָבער ער דערקלערט רואיק און זיכער:

— חברים, איר האָט צו ווייניק גלויבן אין די אייגענע כחות. דאָס איז ניט קיין רעוואָלוציאָנערער, פּראָלעטאַרישער שטאַנדפּונקט. ווי אָרעם מיר זאָלן ניט זיין, איז עס אונזער אָרעמקייט. אגב, וועט איר אַליין קענען הערן... איך וואונדער זיך פּשוט, ווי עס קומט צו מיר, אָבער עס קומט... עפּעס וואַקסט אין מיר... איך ווייס אַליין ניט פון וואַנען. מיר וועלן איינזינגען דעם ערשטן טייל, וואָס איך האָב שוין פאַרטיק, וועט איר הערן. —

צום גליק איז דער פאָרשלאַג דורך מיט אַ גרויסער מערהייט. מ'האָט זיך ניט פאַרלאָזט אױף די מוזיק־„מבינים". מ'האָט געזאָגט שייפער'ן:

— גייט אָן מיט אייער אַרבעט!

דער ערשטער שטיין, וואָס האָט פאַרלייגט דעם וועג צו שייפער'ס קוואַל, איז אָן שוועריקייטן אַראָפּגעקייקלט געוואָרן. שייפער'ס אַרבעט וואַקסט אויס אין אַן אָראַטאָריע. זיין ערשטע פרוכט. דער כאָר זינגט זי איין מיט גרויס פּיעטעט. יעדע רעפּעטיציע איז ווי באַ פרומע — אַ הייליקע גאָטעס־דינסט. מ'באַקלאָגט זיך ניט, וואָס מ'דאַרף דריי מאָל אין וואָך רעפּעטירן, פריער גרופּנווייז, לויט די שטים־פּאַרטיטורן, שפּעטער צוזאַמען — אין גאַנצן כאָר־צוזאַמענשטעל; די זינגער גייען ניט, נאָר לויפן צו די רעפּעטיציעס, וויפיל מאָל זיי זאָלן ניט פאַרקומען. דער עקזעקו־טיוו־קאָמיטעט אַרבעט גאַנצע נעכט. דער ערשטער אַרויסטריט דאַרף פאַר־קומען אין אַפּריל. אָן אים הענגט אָפּ די צוקונפט פון דער גאַנצער אַרבעט.

אָבער דער קאָנצערט שטעלט פעסט, אַז דער אידישער סאָציאַליס־טישער געזאַנג־פאַראיין איז געקומען צו פאַרבלייבן; אַז אין שייפער'ן וואַקסט אַ קאָמפּאָזיטאָרישע קראַפט אַפן געביט פון רעוואָלוציאָנערער מוזיק, אַפן געביט פון פּראָלעטאַרישער קונסט. יענער אָוונט פונעם 11טן אַפּריל איז געווען אַ היסטאָרישער — פאַר שייפער'ן אַזוי גוט ווי פאַרן געזאַנג־פאַראיין.

:: :: ::

פאַרוואָס האָט שייפער אויסגעקליבן די אָראַטאָריע פאַר זיין הויפּט־שאַפונגס־פאָרם?

מערסטנס איז דאָך די אָראַטאָריע געברויכט געוואָרן פון די גרויסע מייסטער אין די פאַרשיידענע „פעשאָן פלעים" און אַנדערע רעליגיעזע טעמעס. צי איז אין דעם אַמאָל ניט פאַראַן עפּעס אַן איבערבלייבעניש פון שייפער'ס ערשטער „קדושה"?

שייפער'ס אָנשויאונג אין דער פראַגע איז וויכטיק און אָנווענדבאַר אַף פאַרשיידענע אַנדערע געביטן. אונז דוכט, אַז זי איז דורכאויס אַ באָלשעוויסטישע און שייפער איז צו איר געקומען דורך זיין געזונטן פּראָלעטאַרישן חוש און אינטואיציע. זי קלינגט אומגעפער אַזוי:

די קירכע ווייסט פון אַלע קונצן און קונסטן ווי אַזוי צו ווירקן אַף די עמאָציעס פון אירע גלויביקע, ווי אַזוי אָנצוהויכן אַף זיי אַ רעליגיעזע שטימונג. זי הויכט אָן דעם פחד פאַר גאָט דורך דער דריקנדיקער שטיל־קייט אין קירכע, אַ שטילקייט וואָס מ'קען אָנטאַפּן. זי פאַרוויקלט אירע גלויביקע אין די טונקעלע שלייערן פון אירע מיסטעריעס דורך די בין־השמשות־ליכט, וואָס צאַנקען שטענדיק מיט זייערע צוקנדיקע פלעמלעך; זי פאַרשאַדעט זיי דורך די ריחות פון אירע רויכנדיקע ווייערוכן און

טראָגט זיי אַוועק „אין די הימלען" מיט אירע אַסקעטיש־„הערבאַישע" אָרגאַן־טענער. די אָראַטאָריעס האָבן געזאָלט פאַרזעצן אָט די דאָזיקע אַרבעט אויך אויסער דער קירכע. איז אויב מיר זיינען ניט פאַראינטערע־סירט, אַזוי ווי די קירכע, אַז די אַרבעטער־מאַסן זאָלן אונז גלאַט גלייבן בלינדערהייט אָן שום באַוואוסטזיין, ווייסן מיר אָבער, אַז די עמאָציעס זיינען אויך הונגעריקע. זיי שטייען אָפענע און לעכצנדיקע, ווי בלימעלעך פאַר אַ רעגן, גרייט אַריינצוזאַפּן אין זיך פאַרשיידענע שטימונגען. אויב די אָראַטאָריע־פאָרם האָט געדינט פאַרן צוועק אָנצוהאַלטן די רעליגיעזע פאַרשטעלונגען און איינבילדונגען דורך איר דראַמאַטישער שפּאַנונג און טאָפּל־ווירקונג פונעם כאָר מיטן אָרקעסטער — פאַרוואָס זאָלן מיר ניט פאַרשטאַרקן און פאַרפאַנצערן דעם רעוואָלוציאָנערן באַוואוסטזיין דורך רעוואָלוציאָנערער דראַמאַטישער מוזיק פון דער אָראַטאָריע? פאַרוואָס קענען מיר ניט אין פיל פאַלן אָנרעגן צום דענקען דורך דעם אַפּיל צו די געזונטע חושים פון דעם אַרבעטער־קלאַס? פאַרוואָס פאַר'מיאוס'ן אַ שיינע קרוג צוליב דעם גיפטיקן געטראַנק וואָס מ'פלעגט אין איר האַלטן, ווען מ'קען דורך איר דערלאַנגען אַן אמת'ן דערפרישנדיקן טרונק?!

און עס איז דאָך באמת אַזוי פשוט! באַנוצן מיר זיך דען ניט מיט דער ביקס, ווען מ'צווינגט אַף אונז אַרויף, דערפאַר וואָס זי איז שטענדיק געווען אַ מיטל פון אונזערע באַדריקער קעגן אונז?

אַף ווי ווייט מיר ווייסן, איז יעקב שייפער געווען דער ערשטער פון אונזערע פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנער'ע מוזיקער צו באַנוצן זיך מיט דער אָראַטאָריע פאַר אונזער קאַמף און פאַר אונזערע אידייען. אַף דעם געביט איז שייפער געווען אַ פּיאָנער אין פולן זינען פון דעם וואָרט.

אָבער אין זיינע ערשטע טריט אַפן געביט פון אָראַטאָריע האָט שייפער געמאַכט אייניקע טעות'ן, צווישן זיי אויך ריין־מוזיקאַלישע. מיר וועלן זיך דאָ בלויז אָפּשטעלן אַף דעם היסטאָריש־מוזיקאַלישן טעות, וואָס שייפער האָט געמאַכט און וואָס האָט פאַראורזאַכט אין פיל ערטער שוועריקייטן צו באַנוצן זיך מיט דער אָראַטאָריע. מיר באַציען זיך דאָ אַף דעם, וואָס שייפער האָט אין אָנהייב איבערגענומען די אָראַטאָריע מיט אַלע דעטאַלן און מיט אַלע פאַזן ווי עס זיינען די באַך־ און הענדעל־אָראַטאָריעס, אין דעם זינען, וואָס אין יעדער אָראַטאָריע האָבן געמוזט אַריינגענומען ווערן סאָלאָס, דועטן און טריצעטן צווישן דעם כאָראַלן געזאַנג. אַזוי זעען מיר, ווי אין זיין ערשטן פאַרזוך מיט „מאַרטירער־בלוט" קומט גלייך נאָכן ערשטן כאָר אַ באַריטאָן־סאָלאָ, דערנאָך אַ סאָפּראַנאָ־סאָלאָ, דערנאָך ווידער אַ כאָר, שפּעטער אַ טענאָר־סאָלאָ, דאַן אַ

דועט פונעם באַריטאָן מיט דער סאָפּראַנאָ, דאַן דאָס זעלבע אין טריצעט און דערנאָך דער שלוס־כאָר.

שייפער האָט אין יענע יאָרן נאָך ניט געוואוסט די געשיכטע פון מוזיק און אים איז ניט געווען באַקאַנט דער פאַקט, אַז אין די צייטן פון הענדעל און באַך האָט די אָראַטאָריע געזאָלט פאַרבייטן די אָפּערע אָדער די סאָלאָ־לידער, און אַזוי ווי ס'איז געווען שווער אָפּצוגעוואוינען דעם עולם פון די אַריעס און פון די דועטן, האָבן עס די אָראַטאָריע־מייסטער אַריינגענומען אין זייערע אָראַטאָריעס, ניט דערפאַר ווייל זיי זיינען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אָראַטאָריע, נאָר פּשוט כדי ניט צו פאַרלירן דעם אינטערעס פון עולם, בא וועמען „מ'לעקט נאָך די פינגער" פון אַן אַריע אָדער פון אַ דועט.

פאַר אַרבעטער־געזאַנג־פאַראיינען איז אָפטמאָל שווער אין געוויסע שטעט צו קריגן דעם פּאַסנדיקן סאָליסט, און דער רעזולטאַט איז, אַז מ'פירט איינגאַנצן ניט אויף די אָראַטאָריע. אַ צווייטער חסרון איז, וואָס אין מערסטע פאַלן מוז מען פאַר דעם איינלאַדן אָדער דינגען פרעמדע כחות, אויסערן כאָר, איז אויסער דעם וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט עקסטראַ הוצאות (און דאָס דאַרף מען נעמען זייער שטאַרק אין חשבון), ווערט אויך אָפּגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פונעם עולם פון דעם כאָר און ווערט קאָנצענטרירט אַף די אויסנווייניקסטע, וואָס האָבן בכלל גאָר־ניט צו טאָן מיטן געזאַנג־פאַראיין.

אין די שפּעטערדיקע אָראַטאָריעס זיינען מערסטע פעלערן שוין אויסגעמיטן געוואָרן, און צווישן זיי אויך דער אָקאָרשט־אָנגעוויזענער פעלער.

:: :: ::

נאָך דער ערשטער אויפפירונג פון „מאַרטירער־בלוט" דריען איניקע מוזיק־„קריטיקער" מיט די נעז: צופיל דילעטאַנטיזם! צופיל הענדעל'ס איינפלוס — זאָגט איינער. — צופיל פראַזן אַרויסגעפליקט פון „מעסייע" („משיח", הענדעל'ס באַוואוסטע אָראַטאָריע) — זאָגט אַ צווייטער. דער אמת איז: שייפער האָט נאָך אין 1914 די אָראַטאָריע „מעסייע" קיינ־מאָל ניט געהערט. געוויס האָבן אַף אים געהאַט אַן איינפלוס געוויסע סינאַגאָגאַלע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע זיינען ניט געווען פריי פונעם הענ־דעלשן איינפלוס. אָבער הערט מען זיך גוט צו צו דער אָראַטאָריע „מאַרטירער־בלוט", מיטן ווערטער־טעקסט, מוז מען גלייך אָפּוואַרפן אַן ווייטערדיקע אונטערזוכונגען יעדע פוילע אָנצוהערעניש וועגן פּלאַגיאַט.

די מוזיק איז אַזוי צוזאַמענגעוואַקסן מיטן טעקסט, גיט איבער אַזוי בילד־לעך יעדן פּאָעטישן אויסדרוק, יעדן דיכטערישן צאַפּל און אויפשוואונג, אַז פון דעם אַליין האָט מען געקענט זען, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פּראָגראַם־מוזיקער (מיר מיינען עס דאָ אין קעגנזאַץ צו אַ ריין־אַבסטראַקטן מוזיקער) פון אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער, מיט דראַמאַטישער אַנלאַדונג, מיט קרעפטיקער באַטאָנונג און מיט אַן אמת־רעוואָלוציאָנערן שוואונג.

וואָס איז שייך דילעטאַנטיזם — איז עס פּשוט אַ ריזן זיך אין אַן אָפענער טיר. שייפער האָט ערשט דעמאָלט גענומען ערנסט לערנען די טעאָריעס פון מוזיק. ער האָט ערשט גענומען לערנען די איבער־געביידע פון מוזיק־האַרמאָניע. אין דעם וואָס ער האָט געגעבן אין דעם ערשטן נוסח פון „מאַרטירער־בלוט" דאַרף מען זיך ניט וואונדערן וואָס ער האָט געמאַכט אַזויפיל טעות'ן, נאָר וואָס ער האָט זיי געמאַכט אַזוי ווייניק. בלויז אַ געניאַלער מענטש, אַן אמת'ער קערנדיקער קינסטלער, האָט גע־קענט בלויז מיט אינטואיציע שאַפן אַזאַ קאָלאָסאַלע מוזיקאַלישע אַרבעט. בלויז אַ שייפער האָט געקענט אַליין אָנשרייבן די גאַנצע פּאַרטיטור פאַרן אָרקעסטער, אַריינוועבן די אַלע אינסטרומענטן אין דעם כאָראַלן שטאָף אָן קיין שום פריערדיקע צוגרייטונג און וועלכע עס איז טעאָרעטישע לערע אין אָרקעסטראַציע, אָן וועלכן עס איז פונדאַמענטאַלן וויסן אין „קאַונטער־פּאָינט"!

זיין דעמאָלטיקער לערער, דער שיקאַגער מוזיקער סעמועל עפּשטיין, האָט פּשוט געשטוינט, ווי זיין שילער, וועלכער האָט ערשט באַ אים גענומען עטלעכע לעקציעס אין סאָלפעדזשיאָ (שטים־בילדונג) און האַר־מאָניע, האָט געשאַפן אַזאַ פאַרוויקלטע קאָמפּאָזיציע, ווי „מאַרטירער־בלוט", און געמאַכט בלויז אייניקע טעות'ן. שייפער האָט שפּעטער איבער־געאַרבעט די דאָזיקע אָראַטאָריע לויט די אָנווייזונגען פון זיין לערער.

מ'דאַרף האָבן אין זינען אויך די אומשטענדן, אונטער וועלכע שייפער האָט געשאַפן זיין ערשטע אָראַטאָריע. ער האָט נאָך באַטאָג גע־אַרבעט אַלס סטאָליער. אין די אָוונטן האָט ער אַליין שטודירט פּיאַנאָ און געגעבן פּיאַנאָ־לעקציעס, רעפּעטירט מיטן כאָר פון געזאַנג־פאַראיין, געזונגען און דיריגירט נאָך אַלץ מיטן סינאַגאָגאַלן כאָר; מיטן קינדער־כאָר אין דער שולע; געלערנט טעאָריע פון מוזיק און געדאַרפט נאָך אין געציילטע וואָכן אָנשרייבן די אָראַטאָריע, אָנשרייבן אַלע פיר שטים־טיילן און די פּאַרטיטור פאַרן אָרקעסטער מיט אַלע אינסטרומענטן. מ'האָט גע־דאַרפט האָבן די ענערגיע פון צען ריזן צו קענען זיך ספּראַווען מיט

אזויפיל ארבעט. שייפער און שפּערישקייט, שייפער און שלאָגלערישקייט זיינען געוואָרן סינאָנימען.

:: :: ::

מיר מוזן זיך איצט אַ ביסל אויספירלעכער אָפּשטעלן אַף דעם טעקסט פון ליעסינ׳ס „מאַרטירער־בלוט” און אַף דער מוזיקאַלישער אויסטייטשונג, וואָס שייפער האָט געגעבן די דאָזיקע פּאָעמע.

די פּאָעמע הייבט זיך אָן וועגן אַ יונגן דענקער, וואָס דערזעט די וועלט „ווי פאַלש זי איז און שלעכט”. ער קען שוין דעמאָלט ניט רוען, זיין יונג בלוט קאָכט, ער גיט אויף אַלע פריידן פון לעבן, אָבער ער איז נאָך הילפלאָז; מער ווי טרויערן, וויינען — קען ער ניט. ער פאַרשטייט נאָך ניט ווער עס איז דער שולדיקער. ער דערקענט נאָך ניט דעם שונא און ווייסט נאָך ניט ווי אַזוי צו פירן אַ קאַמף קעגן אים. דאָס איז דער אינהאַלט פונעם ערשטן צוועלף־שורה׳דיקן פערז.

שייפער לאָזט דעם אָרקעסטער*) אַנוואַרפן די סצענע פאַר דער סיטואַציע. די שווערע אינסטרומענטן ליגן אויס אַ פינצטערן פאָרהאַנג פון ברומען און רוישן. עס רייסן זיך אַריין די אומרואיקע פידלען און וויינען אויס דעם ווייטיק און צער פון די פאַרפאָלגטע און פאַריאָגטע. איינציקע האַרפן טענער שאַפן דעם עפעקט פון פאַרגאָסענע טרערן, וואָס רייסן זיך אַרויס פונעם דענקער, דעם צוקונפטיקן מאַרטירער. דער אָרקעסטער גיט דערנאָך אָן אָנדייט פון אַלע הויפּט־מעלאָדיעס, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די הויפּט־געביידע פון דער אָראַטאָריע.

עס הייבן אָן באַסן צו זינגען די ערשטע שורה — „און ווען ער האָט די וועלט באַקלערט” . . . אין אַן אויסגעצויגענעם באַלאַדע־טאָן און עס העלפט זיי גלייך צו דער גאַנצער כאָר אין דער צווייטער שורה — „ווי פאַלש זי איז און שלעכט”, אויסגעצויגן און באַטאָנט די פאַלשקייט און די שלעכטקייט. די באַסן אַליין זעצן פאָר די מעלאָדיע, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן פריער, אין דער דריטער שורה — „ווי אַלעם איז אין איר פאַרקערט”, און דער כאָר זעצט פאָר די פערטע שורה — „און פינצטער און פאַרקנעכט”. עס נעמט דער גאַנצער כאָר זינגען ווייטער, און גלייך פאַרפלעכט זיך אַן איבערפרעג, גרופּירט אין באַסן מיט סאָפּראַנאָס און אין טענאָרן מיט אַלטאָס, וואָס רעכנט אויס אַלץ וואָס די דאָזיקע דער־

*) די ערשטע עטלעכע מאָל האָט מען אויפגעפירט „מאַרטירער־בלוט” אָן אַן אָרקעסטער, ווייל עס איז געווען אַ צו גרויסע הוצאה. איבערהויפּט גיבן מיר דאָ די אָראַטאָריע, ווי זי איז אַרויס אין איר לעצטער באַאַרבעטונג.—י. ב. ב.

קענונג פון דער וועלט פאַראורזאַכט בא דעם צוקונפטיקן מאַרטירער. די לעצטע פיר שורות —

און עס האָט געדריקט אים לאַנג און שווער
און ס'האָט פון אים אַמאָל
אַרויסגעריסן הייס אַ טרער,
אַ ריינע ווי קרישטאָל. —

הייבן זיך אָן לאַנגזאַם און שטיל, אָבער שוין די צווייטע שורה הייבט אָן וואָס אַמאָל צו פאַרשנעלערן דעם טעמפּאָ און הייבט אָן שטייגן באַם „אַרויסגעריסן הייס אַ טרער", און פאַרענדיקט די פערטע שורה אין אַ דערשיטערנדיקער קרעסצענדאָ.

פּלוצלונג, גיט אַ ברום אַרויס אַ באַריטאָן־סאָלאָ, וואָס קינדיקט קרעפטיק אָן אַ נייע אַנטוויקלונג —

און ווען ער האָט דאָס שלעכטס דערקענט,
איר הערשאַפט ווילד און ווייט, —

און גייט גלייך איבער אין אַ קראַכנדיקן, צאָרנדיקן דונער־געקייקל —

דאַן האָט זיין זעלע אויפגעברענט,
צום גרויסן העלדן-שטרייט.

ער גייט דאַן איבער אין דער שטילער, איינגעהאַלטענער באַלאַדע־פאָרם, וואָס דערציילט, ווי דער העלד קעמפט „און פעכט שטאָלץ מיט די שונאים לינקס און רעכטס, און ביז זיין לעצטן טראָפּן בלוט און ביז זיין לעצטן קרעכץ". ער גייט איבער דערנאָך אין אַ מינאָרנעם טאָן, ווען ער דערציילט ווי דער העלד פאַלט און בלייבט ליגן „אַ קאַלטער, טויט אין פעלד, די שווערד פאַרשליידערט ווייט".

דאַ מישט זיך אַריין דער אָרקעסטער און הייבט־אויף אַ טרויער־פאַרהאַנג פון פידלען, וואָס פירט אַריין די סאָפּראַנאָ־סאָלאָ, מיט שטילער עלעגיע, וואָס ווערט עטלעכע מאָל איבערגעריסן פון אַ שאַרפן שמערץ־טאָן. זי באַקלאָגט דעם העלד, אַף וועלכן „ס'לאָזן זיך אַרויף די הינט מיט אימפּעט־ווילדן וואוט", און ווי זייער געביל ווערט פאַנאַנדערגעטראָגן ווייט און ברייט. דאָס געביל פאַרטויבט דאָס לאַנד. דעם פאָלק נעמט דורך אַ גרויל, אָבער ער איז טעראָריזירט און שווייגט און שטומט.

אין דער אַטמאָספערע בלייבט הענגען אַ דריקנדיקע שטימונג, וואָס דער אָרקעסטער צעלייגט מיט זיינע אינסטרומענטן און גרייט צו דעם באָדן פאַרן כאָר, וואָס חזר'ט איבער די מעלאָדיעס פונעם ערשטן כאָר, אָבער שוין אין אַנדערע ווערטער. דער כאָר דערציילט, אין ליעסינ'ס ווערטער,

ווי דער יאָך דריקט פּונקט אַזוי ווי פריער. עס ווערט ניט בעסער. פאַר־קערט: עס ווערט נאָך ענגער און ערגער. און עס גייט אַוועק אַ לאַנגע צייט און מיסט פאַרשיט דאָס פעלד, וואו דער העלד איז געפאַלן; ראָסט עסט אויף זיין שווערד —

און עס דוכט זיך — עס בלייבט ניט מער פון שטרייט
קיין זכר אַף דער ערד.

דער יאוש ווערט אין פאַרלויף פונעם זינגען אָנגעהויפּט אַלץ גע־דיכטער און שווערער. עס לעשט זיך אויס דער לעצטער בליאַסק ליכט אין דעם חושך פון הילפלאָזיקייט. איר פילט ווי אייך קראַמפּט צוזאַמען די האַלז פון אָנמעכטיקייט און אויסגאַנגלאָזיקייט.

אָבער דאָ טויכט מיטאַמאָל ארויס, ווי פון אַ וואָלקן־באַהעלטעניש, די טענאָר־סאָלאָ. די שטימע איז אַזאַ וואַרעמע און לויטערע, אַ הייליקע און אַ גלויביקע, וואָס צעוואַרעמט זיך אַלץ מער און מער און פאַר־זיכערט, אַז —

עס גייט ניט קיין איינציקער טראָפּן פאַרלאָרן:
עס האָט אים די גאַנצע נאַטור, ווי געשוואָרן —
דער שטויב און דער רעגן, דער ווינט און דער שטראַל,
זיי זאָלן אין אַלערליי צייטן אים היטן,
אים זאָל ניט פאַרשווענקען, פאַרשטויבן, פאַרשיטן,
אים זאָל ניט פאַרשלינגען די ערד איבעראַל.

עס ווערט ליכטיקער. אין הארצן גייט אויף די האָפענונג, וואָס גייט איבער ביסלעכווייז, ביסלעכווייז אין אַ זיכערקייט און פעסטן גלויבן. און כדי עס נאָך מער צו באַפעסטיקן, דועטירן דער באַריטאָן און די סאָפּראַנאָ אין צען שורות, וואָס דערציילן מיט זיכערקייט ווי אַלץ אין דער נאַטור ענדערט זיך, אַלץ דאַרבט, אַלץ שטאַרבט, אָבער ער איינער, דעם מאַרטירער׳ס גייסט, בלייבט און שלאָגט זיך דורך זיין וועג „דורך שטורעם און רעש, דורך חרמות און גזירות, דורך קייטן מיט צרות, דורך ציילן פון דורות, ער שלענגלט און ציט זיך און קען ניט פאַרגיין”.

דער דועט גייט דערנאָך אַריבער אין אַ טריצעט, וואו עס פלעכט זיך אויך אַריין דער טענאָר. עס ווערט נאָך מער אונטערגעשטראָכן דער אומ־פאַרמיידלעכער אויפלעב פון דעם מאַרטירער׳ס גייסט, און אַז סוף־כל־סוף וועט קומען די צייט . . .

נאָך דעם ווי דער אַרקעסטער פירט אַריין צום לעצטן כאָר מיט איינציקע אָנדייטונגען פון די צוקונפטיקע מעלאָדיעס, הייבט שוין אָן דער כאָר האָפערדיק און זיכער צו דערציילן, ווי אין אָנהייב איז די וועלט

אַזוי פּאַרטאָן אין גאָלד־זובעניש, אַז קיינער באַמערקט נאָך אַלץ ניט דעם מאַרטירער׳ס טראָפּן בלוט, אָבער ער דריקט אויס דעם גלויבן, אַז—

וועז די זון וועט אויפגיין העל
אויך איבער אונזער לאַנד,
וועט ווערן דאַן פון טראָפּן שנעל
אַ ליכטיקער בריליאַנט.
וואו שפּיגלען וועט זיך צויבערהאַפט
אין פאַרבן רייך און פיין,
אַ וועלט מיט פּראַכט, אַ וועלט מיט קראַפט,
אַ וועלט מיט מאַרטער-שיין.

שייפער גיט איבער דעם דאָזיקן בילד אַזוי מאַלעריש, אַז איר זעט פשוט מיט די אויגן, ווי די פאַרבן מיניען זיך אין פאַרשיידענע ניואַנסן, קרישטאָל־אַרטיק, קאַליידאָסקאָפּיש. און דער כאָר גייט טריט נאָך טריט צום אָפּטימיסטיש־געשטאַרקטן פינאַל, ווי ער וואָלט געשטיגן אַף אַ טעראַסע הויך און העכער — „און מענטשן וועלן דעמאָלט גיין זיך וואַרעמען פאַר דעם שיין ..." „מ׳וועט גיין צו אים פון יעדער זייט מיט ליוב און דאַנק־געזאַנג ..." עס צעגיסט זיך אין די הערצער אַ שטאַרקער וויין פון במחון, פון אומפאַרמיידלעכן פּראָגרעס.

איר וועט זיין גערעכט אויב איר וועט זאָגן, אַז דאָס ליד אַליין איז אידעאָלאָגיש אָנגעזאָפּט מיט אויטאָמאַטיזם, מיט דער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע פון „קאַטעגאָרישן אימפּעריאַטיוו", אַז אַלץ וועט קומען אָן קאַמף, ספּאָנטאַן, עפּעס ווי פון הימל אַראָפּ.

:: :: ::

יאָ, עס איז אמת, אַז די ערשטע אָראַטאָריע, וואָס שייפער האָט געשאַפן, איז אידעאָלאָגיש געווען פאַלש אין טעקסט און ממילא אויך — צוליב שייפער׳ס געטרייער אויסטייטשונג פונעם טעקסט, — אידעאָלאָגיש פאַלש אין דער מוזיק. דאָס דאַרף אָבער ניט צוגעשריבן ווערן בלויז צו ליעסינ׳ען און צו שייפער׳ן, נאָר צו דעם גאַנצן מטושטש׳ן צושטאַנד און דור־הפלגה־פעריאָד אין דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע פון פאַר, און ערב, דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

דער גלויבן אין דער ספּאָנטאַניטעט־טעאָריע, אַז דער סאָציאַליזם מוז קומען פון זיך אַליין, איז ניט געווען בלויז אַ פּראָדוקט פון דער אידעאַליסטישער שולע פון די סאָציאַליסטן־קאַנטיאַנער, לויט וועלכער דער אַבסאָלוטער אמת און די גערעכטיקייט מוז סוף־כל־סוף זיגן. אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר „מאַרקסיסטן", האָבן, אונטער די פאַרשיידענע איינפלוסן פונעם „אידעאַליזם" און פונעם רעפאָרמיזם, זיך

אײנגעלעבט מיטן געדאנק, אז א דאנק די עקאנאמישע פּראצעסן און די אינעווײניקסטע ווידערשפּרוכן פונעם קאפּיטאליזם, מוז דער קאפּיטאליזם פון־זיך־אלײן צוזאמענברעכן, ווען אפילו דער ארבעטער־קלאס זאל גאר־ניט בײטראגן צו זײן צוזאמענקראך. מער ניט — האט מען גע׳טענה׳ט — דער ארבעטער־קלאס קען מיט זײן קאמף צואײלן דעם פּראצעס ; ער קען שפּילן די ראלע פון דער הײבאם אין לײכטער מאכן די געבורט־ווײען פון דער נײער ארדענונג.

ווי אזוי האט זיך בכלל געקענט אײנלעבן אזא בליק בא אזעלכע, וואס האבן געמײנט, אז זײ זײנען מארקסיסטן, וואס האבן געוויס אמ־ווײניקסטנס געלערנט דעם „קאמוניסטישן מאניפעסט", וואו עס ווערט קלאר פּראקלאמירט, אז „דער ציל קען דערגרײכט ווערן נאר ווען עס וועט איבערגעוואלט אראפּגעווארפן ווערן די גאנצע ביז איצטיקע געזעלשאפט־לעכע ארדענונג" ? *)

עס איז דאך, דוכט זיך, געווען אזוי קלאר פון דעם גאנצן זין און אינהאלט פונעם מארקסיזם, אז א דאנק טאקע די עקאנאמישע פּראצעסן, וואס קומען פאר אינעם קאפּיטאליזם, און א דאנק זײנע ווידערשפּרוכן ווערט דער ארבעטער־קלאס געצוואונגען אויפצונעמען א קאמף פאר זײנע טאג־טעגלעכע אינטערעסן, דורך וועלכן ער קומט סוף־כל־סוף אין צוזאמענשטויס מיט דעם גאנצן קאפּיטאליסטישן שטאט־אפּאראט און ווערט געשטויסן צו אלץ העכערע און ברײטערע פאָרמען פון קאמף קעגן דער גאנצער קאפּיטאליסטישער ארדענונג. און דאך האט מען זיך גע־גליטשט אלץ פלאכער און נידעריקער צו דעם זומפּ פון אויטאמאטיזם און ספּאנטאניטעט.

דאס איז נאר מעגלעך געווען אין יענעם צווישן־פּעריאד, ווען דער אפּארטוניזם פון דער סאציאל־דעמאקראטיע האט דערגרײכט זײן העכסטע מדרגה און האט קולמינירט אין דעם פארראט פון 1914. ספּעציעל אין אמעריקע, מיט דער גינסטיקערער עקאנאמישער קאניונקטור, מיט דעם עטוואס העכערן לעבנס־סטאנדארד פון די ארבעטער בכלל און מיט דער גרעסערער שיכט פון קוואליפיצירטע, בעסער־באצאלטע ארבעטער בפרט, האט דער אפּארטוניזם געהאט א פעסטערן באדן און א גינסטיקערע סביבה. דאס דערקלערט אונז אויך, ווי פארהעלטניסמעסיק גרינג עס איז אנגעקומען די לײטנדיקע פירער פון דער עס־פּי אין אמעריקע דורכצופירן,

---

*) „קאמוניסטישער מאניפעסט" (אידישע איבערזעצונג), אויסגאבע פון מאסקווער צענטראלן פארלאג, 1924, זײט 78.

אין 1912, אין דער פּאַרטיי, „אויסצושליסן יעדן איינציקן מיטגליד, וועלכער פּראָפּאַגאַנדירט אַנדערע מיטלען צו באַפרייען דעם אַרבעטער־קלאַס, אויסער דעם שטימקאַסטן".

אַפילו צווישן אַזעלכע, וואָס האָבן זיך שוין געהאַלטן פאַר מער רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן, האָט מען באַטראַכט דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" ווי אַ היסטאָרישן דאָקומענט פון אַן אַלטן פּעריאָד, וואָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט די אומשטענדן פון יענער צייט, ווען די אַר־בעטער זיינען נאָך געווען אינגאַנצן הילפלאָז, אָן שטאַרקע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס. בלויז געציילטע אָנגעזעענע אַרבעטער־טוער, ווי דעבס, טשאַרלס קער, טאָמאַס מאָרגאַן, בענטאָל, רוטענבערג, ביל הייוואָוד און איניקע אַנדערע, האָבן זיך, אין אַמעריקע, געפּרואווט שטעלן קעגן שטראָם, אָבער זיי זיינען פאַרשריען געוואָרן ווי אַנאַרכיסטן, היצקעפּ, א. אַז. וו. כמעט אין דעם געשריי איז אויך געווען אַ קערנדל אמת, אַף אַזויפיל אַף וויפיל די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן זיינען נאָך געווען דורכגעדרונגען מיטן סעקטאַנטיזם און טיילווייז אולטראַ־לינקיזם פון דע־לעאָנ׳ען און דער עס־על־פּי, איבערהויפּט אין דער שטעלונג צו די טרייד־יוניאָנס פון דער „אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר", אַלס יוניאָנס, וואָס דאַרפן פאַרניכטעט ווערן. פיל פון זיי האָט מען טאַקע אויסגעשלאָסן און דער פאַל אין דער מיטגלידערשאַפט אין דער עס־פּי אין פאַרלויף פון די קומענדיקע יאָרן האָט געהאַט צו טאָן ניט בלויז מיט די אויסשליסונגען, נאָר אויך מיט דער טיפער אַנטריסטונג, וואָס די רעוואָלוציאָנערע מיטגלידער האָבן אויסגעדריקט צו דער אָפּאָרטוניסטישער פירערשאַפט פון דער פּאַרטיי.

נאָך משונה׳דיקער איז, וואָס מיר האָבן זיך אין יענער צייט ניט געכאַפּט — און דער שרייבער פון די שורות מוז אויך טראָגן דערפאַר די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט — אַז אין דעם גאַנצן טעקסט פון „מאַר־טירערער־בלוט" איז קיין איין מאָל ניט דערמאָנט דער אַרבעטער, דער אַרבעטער־קלאַס, אָדער וועלכער עס איז סינאָניזם פון זיי. עס רעדט זיך בכלל וועגן „שלעכטס", וועגן „יאָך", „מאַטערניש", א. אַז. וו. און קעגן דעם וואָרנט דאָך אַזוי שטאַרק דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט", בעת ער וואָרפט־אונטער אונטער זיין שאַרפער קריטיק דעם דייטשן „אמת׳ן סאָציאַליזם", באַ וועמען עס עקזיסטירט „אָנשטאָט די אמת׳ע באַ־דערפעניש — די באַדערפעניש אין אמת, אָנשטאָט די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט — די אינטערעסן פון דעם מענטשלעכן מהות, פון דעם מענטשן בכלל, פון דעם מענטשן, וואָס געהערט ניט צו קיין קלאַס, וואָס

איז בכלל ניטאָ, אין דערווירקלעכקייט, נאָר אין דעם פאַרנעפּלטן הימל פון דער פילאָזאָפישער פאַנטאַזיע".*)

נאָך מער וואונדער איז, וואָס אפילו מיט אַ פינף יאָר שפּעטער, ווען סיי שיפּער און סיי דער שרייבער פון די שורות, האָבן זיך שוין געהאַלטן פאַר גאַנצע באַלשעוויקעס, האָט מען זיך נאָך אַלץ ניט געכאַפּט וואָס פאַר אַ אידעאַלאָגישע טעות'ן מיר פאַרשפּרייטן, אָן קיין שום קריטישע וואָרענונגען. אפילו דעמאָלט, ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז ליעסין אַרבעט איבער דעם טעקסט, האָבן מיר זיך ניט געכאַפּט, אַז מ'דאַרף ציען ליעסינ'ס אויפמערקזאַמקייט אַף די דאָזיקע אידעאַלאָגישע טעות'ן.

דער פאַקט איז, אַז שוין נאָך ליעסינ'ס היפּשער באַאַרבעטונג און באַנייאונג פון דעם טעקסט, זיינען די אַלע אידעאַלאָגישע טעות'ן געבליבן ווי געווען. כאָטש מיר האָבן זיך דעמאָלט יאָ געפרייט, ווען ליעסין האָט אין הער נייער באַאַרבעטונג באַשטעטיקט מיט אַ רמז, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז שוין „די זון אויפגעגאַנגען העל".

אינעם ערשטן טעקסט איז געווען:

> דאָך ווען די זון וועט אויפגיין העל
> אַריבער אונזער לאַנד ——

בעת אין דעם באַנייטן טעקסט זאָגט זיך:

> דאָך ווען די זון וועט אויפגיין העל
> אַ ו י ך איבער אונזער לאַנד——

און מיר האָבן אויסגעשטייטשט דעם „אויך" (און מסתמא מיט רעכט), אַז ליעסין באַטראַכט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרן לאַנד, וואו די זון איז שוין אויפגעגאַנגען. אַלע אַנדערע אויסבעסערונגען זיינען בלויז געווען אין סטיל און אין דער ריין־דיכטערישער קוואַליטעט.

דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אויך אין שיפּערס נייער מוזיקאַלישער באַאַרבעטונג. דעם טעות פון ספּאָנטאַניטעט האָט אויך שיפּער געמאַכט אין זיין מוזיקאַלישער אויסטייטשונג — און ספּעציעל איז עס קענטיק, ווי מיר האָבן עס שוין אָנגעוויזן פריער, אין די סאָלאָס פון באַריטאָן און דעם טענאָר, וואָס רייסן זיך אַריין פּלוצלונג, אָן קיין שום אַנטוויקלונג, אָן קיין שום אָנשטויס פון ערגעץ, אָן קיין שום צוגרייטונג, ווי אַלץ וואָלט געקומען ווי פון הימל אַראָפּ. דער טעות איז אויך פאַרבליבן אין שיפּער'ס נייער באַאַרבעטונג (אַרום סוף יאָר 1919). די ענדערונגען

---

*) דאָרט, זייט 67.

זיינען געווען אַף דער באַזע פון זיינע נייע דערפאַרונגען און אַף דער טעאָריע פון האַרמאָניע און קאָנטערפּאַינט, און לויט דער אָנווייזונג פון זיינע לערער עפשטיין, ברונאָ, רעקזע און ווײַדיג; ענדערונגען אינעם מוזיקאַלישן סטיל — אָפּרונדונגען, מילדערונגען אין די ראַפּסאָדישע שטעלן און, אונז דוכט, אויך אין רעוואָלוציאָנערן שוואונג.

בלויז איין ביישפּיל וועט גענוג זיין צו באַווייזן, ווי אַזוי די לערער, בירגערלעכע מוזיקער, האָבן געפּרואווט אָפּהאַקן די פליגלען פון דעם רעוואָלוציאָנערן, עקסטאַטישן, יונגן אָדלער. אין דער איינציקער טענאָר־פּראַזן־סאָלאָ, וואָס טויכט אויף אינעם שוין דערמאָנט טריצעט, האָט זיך לויטן ערשטן נוסח געזונגען:

און ליבלעך, און גלענצנד און פּערלדיק ריין . . .



דאָס קלינגט אַזוי מיטרייסנדיק, פאַרכאַפּנדיק מיט אַ פול־ברוסטיקייט פון אַ רעוואָלוציאָנערן דיאַפּאַזאָן, אָבער אין דעם נייעם נוסח ווערט עס אַזוי עפּעמינירט אָדער קאַסטרירט, אַז ס'באַקומט זיך אַ רואיקע, געמיט־לעכע מוזיקאַלישע פראַזע:



אזוינע ביישפּילן זיינען דאָ אַ היפּש ביסל. מעגלעך, אַז פונעם פּאַרמעל־עסטעטישן מוזיקאַלישן שטאַנדפּונקט זיינען די ענדערונגען גע־ווען אַ נויטווענדיקייט. דער פאַקט איז, אַז שייפער'ן האָט הנאה געטאָן, ווען מ'האָט אים געזאָגט, אַז אייניקע ענדערונגען שוואַכן אָפּ דעם עקסטאַ־טישן שוואונג. ער האָט אויך, ווארשיינלעך, געהאַט דעם זעלבן געפיל, אָבער ער האָט זיך אונטערגעגעבן די מוזיקאַלישע אויטאָריטעטן.

3. די אָראַטאָריע „בין־השמשות"

מיר מוזן זיך צוריק אומקערן צו די פריערדיקע יאָרן און צו די שאַפונגען, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט שייפער'ס ערשטע אָראַטאָריע. שייפער האָט צוגעשריבן די אומגינסטיקע בירגערלעכע קריטיק אָפּ זיין „מאַר־טירער־בלוט" דעם אויסגעשפּראָכענעם רעוואָלוציאָנערן סוזשעט. ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַן אָנונג וועגן די צוויי וואָגן און מאָסן, מיט וועלכע עס האַנדלט די בירגערלעכע קריטיק. און ער האָט געזוכט עפּעס אַזאַ סוזשעט, וואָס זאָל פון איין זייט ניט זיין טריף בא דער בירגערלעכער אידישער וועלט און פון דער צווייטער זייט זאָל עס האָבן יענעם פּראָ־גרעסיוון ריח, וואָס זאָל אויך אָנרעגן די מער־באַוואוסטזיניקע ארבעטער.

אַזאַ מין טעקסט פאַר אַ צווייטער אָראַטאָריע האָט שייפער געפונען אין יהואשיס „בין־השמשות", אַ סימבאָליסטישע נאַטור־פּאָעמע, וואָס איז אינגאַנצן אַסאָציאַל און וואו יעדער איינער קען „אַריינטייטשן" און אַרויסבאַקומען דאָס, וואָס עס רייצט זיין גומען.

אין יענע יאָרן, ווען די מאַרקסיסטישע קריטיק אין דער אידישער ליטעראַטור איז נאָך געווען קנאַפּ־וואָס אַנטוויקלט, און ווען די קריטיקער אַליין האָבן נאָך געהאַט צווייפלהאַפטע קאָמפּאַסן, איז דער סימבאָליזם אין דער ליטעראַטור באַטראַכט געוואָרן אַפילו אין קרייזן פון רעוואָ־לוציאָנערע אידישע ארבעטער, ווי אַ ווינטשנסווערטע ליטעראַטור־פאָרם, דורך וועלכער מען קען „אַריינזאָגן" דעם הערשנדיקן קלאַס אַזעלכע אמת'ן, וואָס וואָלטן געוועזן צו־געוואַגט, ווען זיי ווערן אַרויסגעזאָגט אָפּ אַ דירעקטן און אָפענעם אופן.

מ'האָט זיך דעמאָלט געקוויקט מיט מעטערלינק'ס „בלאָען פויגל" און „יאָזעל", מיט אַנדרעיעוו'ס סימבאָלישע דראַמעס, מיט בריוסאָוו'ס און באַלמאָנט'ס סימבאָלישע לידער. די סימבאָליק האָט זיך זייער גוט

צוזאַמענגעוועבט מיט מיסטיציזם און גאָט־זוכעניש, וואָס איז פאַלש אויס־געטייטשט געוואָרן ווי א „זוכעניש פונעם אמת".

אין דער אידישער ליטעראַטור איז דער זעלבער אַנטלויפן פונעם רעאַליזם פון מענדעלי'ן, שלום־עליכמ'ען, ספּעקטאָר'ן, רייזינ'ען, דינע־זאָנ'ען און פון פּרצ'ס ערשטן פּעריאָד, באַגלייט געוואָרן מיט א סימ־באָליסטיש־מיסטישן פאַרפלייץ פון אַש'ן, נאָמבערג'ן, פּרצ'ן מיט זיינע פאָלקס־מעשיות און אַזעלכע שאַפונגען ווי „די אַכטע אָפּטיילונג פון גיהנום", „די גאָלדענע קייט", „אין פּאָליש אַפן קייט" א. אַז. וו. עס איז אמת, אַז אייניקע פון די שאַפונגען, למשל, „די אַכטע אָפּטיילונג פון גיהנום", זיינען נאָך אַנטשטאַנען אַלס רעזולטאַט פון א פריערדיקן יאוש־אָנהויב, וואָס עס האָט אָנגעטראָגן דער קישינעווער פּאָגראָם (1903), אָבער ברייט געלייענט געוואָרן איז עס אין די בין־השמשות־יאָרן פון 1907—1917.

צו דער סימבאָליסטישער קאַטעגאָריע געהערן אויך די ווערק פון א. וויטער, אייניקע פון פּרץ הירשביין אין זיין ערשטן פּעריאָד, דוד איינ־האָרנ'ס, ב. לאַפּינ'ס און ב. שאַפּיר'ס לידער. אַפילו ל. שאַפּיראָ'ס רעאַליסטישע פּאָגראָם־דערציילונגען זיינען געווען אָנגעהויכט מיט א מיסטישן סימבאָליזם. מיר רעדן שוין ניט פון די אויסגעשפּראָכענע רעליגיעז־מיסטישע ווערק פון א הלל צייטלין, בערדיטשעווסקי, א. אַז. וו.

אין דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַטור איז אויך אָנגעקומען די רעאַקציע צו דעם רעאַליזם פון עדעלשטאַט, באָווּשאָווער, מאָריס ראָזענ־פעלד, קאָברין און ליבין אין דער געשטאַלט פון די „יונגע". עס איז אמת, אַז אייניקע פון זיי זיינען ניט געווען באַוואוסטזיניק אין זייער רעאַקציאָנערער ראָלע. פיל פון זיי וועלן זיך נאָך איצט אָנ'ברוגז'ן, ווען מיר וועלן זיי זאָגן, אַז זיי האָבן אין יענער צייט פאַרטראָטן די שטימונגען און אינטערעסן פון דעם אידישן קליינבירגערטום און פון די בעסער־באַצאָלטע אַרבעטער, וואָס האָבן באַלאַנסירט אַפן גרענעץ פון קליינ־בירגערטום.

יהואש איז אין אַמעריקע געווען אין א געוויסן זינען דער פאָר־לויפער פון די „יונגע". צי זיי האָבן עס אָנערקנט, צי ניט. (אגב, זאָל דאָ בשום אופן ניט בלייבן דער איינדרוק, אַז מיר הויפן צוזאַמען אַלע „יונגע" אין איין קאַטעגאָריע — די שטורמישע נאַדיר און האַלפּערן, דעם רעאַליסט י. אָפּאַטאָשו מיט די שטיל־פאַנטאַזיע־פולדיקע מאַני־לייב, ה. לייוויק, זישע לאַנדוי און ראָלניק, אָדער מיט די ראָמאַנטיקער פון יענער צייט — ראַבאָי, אייזלאַנד, גאָלבוים, א. אַז. וו.). אין די פּאָליטישע

קרייזן, וואו שייפער האָט פריער פאַרקערט, איז יהואש געווען פאַררעכנט פאַר דעם בעסטן פאָרשטייער פון דער אידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע.

ווי אַזוי די פאַרוואַלטונג פונעם „געזאַנג־פאַראיין", וואָס האָט זיך בכלל אָריענטירט אויף רעוואָלוציאָנערע טעקסטן, האָט איינגעשטימט אָפּ־צוגעבן אַזוי פיל צייט און ענערגיע אויף אַ גאַנץ אַסאָציאַלער פּאָעמע, דער־קלערט זיך בלויז מיט דעם, וואָס שייפער'ס פּערזענלעכקייט איז נאָכן ערשטן קאָנצערט אַזוי אויסגעוואַקסן אין דעם „פאַראיין" גופא, אַז די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג האָבן זיך ניט געפילט זיכער, צי זיי וועלן דעם קאַמף געווינען. מ'האָט זיך אפילו געשראָקן פאַר אַ שפּאַלטונג. פאַרשטייט זיך — דאָס איז געווען ריינער אָפּאָרטוניזם, סיי מצד שייפער'ן, וועמען עס האָט זיך דווקא געוואָלט נעמען מיט שטורעם אויך די קליינ־בירגערלעכע אינטעליגענטישע קרייזן, סיי מצד דער פאַרוואַלטונג, וואָס האָט זיך געלאָזט מיטן שטראָם.

די אָראַטאָריע אַליין איז, פון איין זייט, אין ריין־טעאָרעטישן מוזיקאַלישן זינען, געווען אַ העכערער שטאַפּל אין שייפער'ס אַנטוויקלונג, אָבער אין דעם מעלאָדיש־קאָמפּאָזיציאָנעלן זינען איז זי געווען שוואַכער ווי „מאַרטירער־בלוט". שייפער האָט שוין דאָ אַרויסגעוויזן מער בריה־שאַפט אין אָרקעסטראַציע, אָבער עס איז אים אָנגעקומען ניט אַזוי גרינג — אים, דעם אומגעהובלטן סטאַליער — אַוועקצולאָזן זיך „אויף די פליגלען פון ריינעם געזאַנג" אין די דינע, נעפּלהאַפטע און גאַרדין־געשטריקטע מעלאָדיעס, וואָס זיינען איינגעטימלעך אין אַ רוויקיק־סימבאָליסטיש ווערק. ערטערווייז האָט מען געקענט זען, ווי עס פּלאַצט די אַרויפגעצווינגענע הויט פון רואיקער געמיטלעכקייט און דער האַמערדיקער סטאַליער דער־שיינט פלוצלונג אין זיין אמת'ער נאַטירלעכער מאַסיווער געשטאַלט.

אָט אַזוי, למשל, הייבט דער כאָר אָן, נאָך אַ לענגערן פּרעליוד פון דער פּיאַנאָ, אויסצוהעפטן אַ דינעם פאָרהאַנג פאַר דעם דיכטעריש־סימבאָלישן טעקסט —

פאַרבאָרגענע פינגער באַדופטן דעם רוים,
אַ קוויקנדיקער באַלזאַם פון ערגעץ נעמט רינען ;
געהיימע חלומות אין מערב'ס גאַרדין,
פון זאַפראַן און פורפור זיך שפּינען . . .

איר הערט און איר ווייסט ניט, צי איז עס אַ חלום אָדער אַ מיראַזש. עס שטייט אָן אַרבעטער־כאָר און אָן אַרבעטער־דירינגענט פאַר אַ גרויסן עולם אַרבעטער און וויגט אים איין אין אַ פאַנטאַסטישער וויג — ניט פון „ראָזשינקעס און מאַנדלען", נאָר פון זאַפראַן און פורפור. די מעלאָדיע

וויקלט זיך ווי אַ זיידענער פאָדעם אין אַ פּיאַניסימאָ און פּרובירט אויס־צומאָלן אין אומבאַשטימטע לופט־פאַרבן דעם זון־אונטערגאַנג. עס איז אַ שווערער נסיון, סיי פאַר שייפער׳ן און סיי פאַרן כאָר צו גיין אַזוי לאַנג אַף די שפּיץ־פינגער...

האַלט טאַקע שייפער ניט אויס דעם נסיון און גיט זיך אַ שטעל אַוועק מיט די פולע צוויי פיס אַפן באָדן, כאָטש אין טעקסט רעדט זיך פון הימל, גאָט און אומענדלעכע וועלטן —

עס הויבט פון אומענדלעכע וועלטן אַ ליד,
און אייביקע שטילקייטן הייבן אָן ריידן;
די ערד קושט דעם הימל און נאַכט קושט דעם טאָג,
און גאָט פון זיין טראָן קושט זייביידן.

דאָס קומט שוין אַרויס אין פאָרטיסימאָ מיט אַ פּראָוואָצירנדיקער דראַמאַטישער פּאַטעטיק, כאָטש ווען עס קומט צו „גאָט" ווערט ער בײַ שייפער׳ן פאַרוואַנדלט פון אַ מעכטיקן, גרויסן און פירכטערלעכן אין אַ שטילן, גוטמוטיקן, פאַרליבטן, וואָס האַלט זיך, ווי בײַ יהוש׳ן, אין איין קושן.

שייפער פלעכט אויך אַריין אין דער אָראַטאָריע אייניקע סאָלאָס, אָבער ער באַפרייט זיך שוין פונעם טריצעט. די סאָלאָס ציען דאָ ניט אַף זיך די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט. גיכער דינען זיי דאָ ווי אַ מיטל איבערצולויפן וואָס גיכער דעם ניט־גלייך־פאַרטיילטן טעקסט אין רעצי־טאַטיווער אויסטייטשונג.

אויב אימיצער וועט נאָך צווייפלען צי אָט דער מין סימבאָליזם איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דער קליינבירגערלעכער אומבאַשטימטער פּאַטאַלער לאַגע, קען ער עס זען פון די אויסצוגן פון „בין־השמשות", וואו דער דיכטער געפינט אַפילו שיינקייט און פּראַכט אינעם פאַרגיין, אינעם אונטערגאַנג — חלשות־טראָפּנס פאַר די קליינבירגערלעכע צעריטלטע געמיטער, וואָס לעבצן אַזוי נאָך אַ ביסל רו — און מעג עס זיין די רו פונעם . . . טויט.

אָ, זאָג: יענע פּראַכט —
איז עס טאָג, איז עס נאַכט?...

עס איז דער חן פון פאַרגיין,
עס איז דער טויט, וואָס איז שיין...
עס איז דער גייסט, וואָס זיך ווייזט,
ווען דער קערפּער צעפאַלט . . .

שיפער האָט אומזיסט געאַרבעט, כדי געטריי צו אינטערפּרעטירן מוזיקאַליש אָט די געזעליקטע רו און „דעם חן פון פאַרגיין”. צופיל לעבן און רולאַזיקייט האָט דער מענטש געהאַט אין זיך, אַז ער זאָל זיין אומ־שטאַנד צו מאַכן פון העסלעכן טויט אַ טוגנט. ערשט דאָרט, וואו עס לאָזט זיך באַ יהואש'ן אַריינטייטשן די דיאַלעקטישע פאַרשטענדעניש פון דער וועלט מיט אירע אייביקע ענדערונגען און אַנטוויקלונגען, געלינגט עס שיפער'ן אַרויסצוטויכן פון די מיסטערישע פינצטערנישן, וואו ער איז איינגאַנצן אַ פרעמדער, אין די אָפענע און ברייטע רוימען פון אַ גרויסער וועלט, וועמעס האָריזאָנטן עס גרענעצן זיך ניט מיט טויט און אונטערגאַנג. דאָ איז שוין שיפער באַ זיך אין דער היים און ער טייטשט אויס אין אַזעלכע פיינע דעטאַלן די שורות:

עס איז אַ שלאָף און אַ וואַכזיין צוזאַמען,\
עס איז אַ סוף און אַן אָנהייב פון ווערן —\
אַ לעשן פון פלאַמען, און אַ ציגדן פון שטערן . . .

אָט די דיאַלעקטישע איינהייט אין די קעגנזאַצן איז אפשר די אמת'ע טריסט, וואָס יהואש האָט געבראַכט פאַר יענע ברייטע אידישע קליינ־בירגערלעכע מאַסן, וואָס פאַרלירן וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער דעם באָדן פון אונטער די פיס. דער קליינבירגערלעכער קלאַס גייט טאַקע אונטער, אָבער בלויז אַלס אַ קלאַס, און דאָס כדי צו פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ העכערער מדרגה — אין דער נייער אומקלאַסנדיקער געזעלשאַפט, ווי נוצלעכע און גלייכבאַרעכטיקטע מיטגלידער אין אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג.

צי יהואש האָט עס טאַקע געהאַט אין זינען, צי ניט, קען מען בלויז ספּעקולירן. אָבער שיפער האָט עס אַזוי שאַרף אונטערגעשטראָכן, ווי עס איז נאָר מעגלעך געווען פאַר אים אין יענער צייט צו טאָן מיט דער אומאַרטיקולירטער שפּראַך פון דער מוזיק.

אין דעם ווייטערדיקן פערז:

עס איז אַ לויב און אַ דאַנק\
און עס איז אַ באַגערן...\
עס איז אַ געזאַנג\
און אַ האָרכן אַז והערן . . .

ווייזט שוין שיפער אַרויס די ערשטע סימנים פון ווענדן זיך צו די פּשוט'ע אידישע פאָלקס־ניגונים פאַר זיין מעלאָדישן שטאָף, וואָס האָט אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק געשפּילט אַזאַ באַדייטנדיקע ראָלע.

די אָראַטאָריע ענדיקט זיך ניט מיט קיין שום מיסטישע, וואָל־אָרטיקע וואָלקנס. פאַרקערט: זי צעברויזט זיך כוואַליע־קרעפטיק, כאָטש זי פאַרענדיקט זיך באַם דיכטער מיט טרויער און טרוימען —

עס איז אַ וועל, וועלכע האָט זיך צעגאָסן
און שימערט און שוימט...
עס איז אַ זעל, וואָס האָט זיך פאַרשלאָסן,
און טרויערט און טרוימט . . .

אין די לעצטע צוויי שורות האָט שוין שייפער פאַרבראָכן קעגן זיין האַלטן זיך אינגאַנצן געטריי אָן דעם גייסט פונעם טעקסט. דאָס וואָלט געמיינט איבערצולאָזן דעם עולם אין אַ טרויער־שטימונג. דאָס וואָלט געהייסן, אַז מיר דערוואַרטן ניט אין דעם „בין־השמשות” פון דער געשיכטע קיין אָפּטימיסטישן אויסגאַנג. האָט טאַקע שייפער דאָ רעוואָל־טירט קעגן דעם טעקסט־אויטאָר און האָט דאָ אַריינגעוועבט אין זיין מוזיק עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל איבערגעבן דעם צייטווייליקן, פאַרבייגייענדיקן כאַראַקטער פון דעם „טרויערן און טרוימען”, וואָס ענדיקט זיך אָבער סוף־כל־סוף אין אַ האָפּערדיקן און זיכערן מאַיאָר (מעידזשאָר).

4. דער פאַרזוך פון דער אָראַטאָריע „צו אַ אידישער טאָכטער”

מיר וואָלטן שוין דאָ געקענט פאַרענדיקן דעם ערשטן פּעריאָד פון שייפער׳ס שעפערישן וועג, ווען מיר וואָלטן וועלן אינגאַנצן פאַרקוקן די שאַפונגען, וואָס ער האָט אָנגעהויבן און ניט פאַרענדיקט. און גראָד איז דאָ אין דער פאַרענדיקונג פון דעם ערשטן פּעריאָד, אַזאַ שאַפונג, וואָס ווייזט אונז, אַז שייפער האָט אין יענער צייט אויך ניט אויסגעמיטן אינגאַנצן נאָך אַ קליינבירגערלעכן אַפּנייג — דעם נאַציאָנאַליסטישן.

דער געראַנגל מיטן נאַציאָנאַליזם איז אפשר געווען דער שאַרפסטער באַ שייפער׳ן, אָבער דערפאַר — דער קירצסטער. די עטלעכע יאָר, וואָס ער איז געווען אין די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע קרייזן, האָבן אין ערגעץ באַ אים געלאָזן וואָרצלען, וואָס האָבן געדאַרפט גרינטלעך אויסגעקאָרטשעט ווערן.

געקומען איז עס שאַרף צום אויסדרוק אין זיין אָנגעהויבענער אָראַ־טאָריע אַף אַ טעקסט פון דוד איינהאָרן, פון זיין לידער־זאַמלונג „צו אַ

אידישער טאָכטער". שיפער האָט זיך דאָ פאַרמאָסטן אַף אַ ברייטער „היסטאָריש־פילאָזאָפישער" טעמע, וואָס איינהאָרן פרובירט אַנטוויקלען אין איינער פון זיינע פאָעמען אין דער פאָרם פון אַ ויכוח צווישן פאַרטרעטער פונעם „העלעניזם" און צווישן אַ פאַרטרעטער פון „יודאַאיזם". דאָס קומט פאָר אַף אַ הינטערגרונט פון אַ פעסטלעכן געוועט אין דעם קאַמף איבער אַ אידיש מיידל.

אונז דוכט, אַז איינהאָרן האָט עס געשריבן אונטערן איינפלוס פון ר' יהודה הלוי'ס טעאָלאָגיש־פילאָזאָפיש ווערק „הכוזרי". דאָרט ווערט אַרויסגעבראַכט דער געדאַנק, אַז דער העלעניסטישער אידעאַל איז פיזישע קראַפט אין דער פאָרם פון אַטלעטישער פאָלקאָמענהייט, און פיזישע שיינקייט אין דער פאָרם פון די פלאַסטישע קונסטן, בעת דער אידישער אידעאַל איז גייסטיקע קראַפט אין דער פאָרם פון אמת, און גייסטיקע שיינקייט אין דער פאָרם פון גוטס.

דאָס איז ניט בלויז סתם אַ ריזיקאַלישע דעפיניציע, נאָר אויך אַ נאַציאָנאַליסטישע און אפילו אַ שאָוויניסטישע. אַ ריזיקאַלישע דערפאַר, וואָס עס איז נישטאָ סתם אַזוי קיין „אמת" און „גוטס" אין געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען. וואָס עס איז אמת און גוט פאַר איין קלאַס, איז עס אַ ליגן און שלעכט באַם קעגנגעזעצטן קלאַס. און אַ נאַציאָנאַליסטיש־שאָוויניסטישע ניט בלויז דערפאַר, וואָס וועלט־אַנשויאונגען ווערן געצויגן אַף נאַציאָנאַלע ליניעס (און ניט אַף קלאַסן־ליניעס), נאָר וואָס זי „פאַרגעסט" די עטישע לערעס פון סאָקראַטעס און פלאַטאָן, וואָס זיינען פונקט אַזאַ באַשטאַנד־טייל פונעם העלעניזם, ווי די פלאַסטישע קונסטן.

אָנגערעגט געוואָרן איז דער דאָזיקער פאַרלאַנג באַ שיפער'ן דורך דעם דאָזיקן צופאַל. אין 1915 איז אין שיקאַגאָ פאָרגעקומען דער נאַציאָנאַלער צוזאַמענפאָר פון אַרבעטער־רינג, וואו עס איז אויסגעפאָכטן געוואָרן דער קאַמף צווישן די „אַלטע" און „יונגע" וועגן אידישע קינדערשולן. דר. חיים זשיטלאָווסקי, דער הויפט־אָנפירער פונעם קאַמף אַפן צוזאַמענפאָר, מצד די „יונגע", האָט זיך דעמאָלט אידענטיפיצירט מיט די ראַדיקאַלע כחות אינעם אַרבעטער־רינג. פאַרקערט, די „אַלטע", וואָס האָבן ביטער באַקעמפט די באַוועגונג פאַר אַן אייגענער אידישער שול־באַוועגונג, זיינען געווען באַקאַנט ווי „פאָרווערטס"־מענטשן, וואָס שטעלן זיך בכלל קעגן יעדן פאַרזוך פון אַ ברייטער קולטורעלער טעטיקייט אין אַרבעטער־רינג.

די גרופירונג־ליניעס האָבן זיך דעריבער אויסגעשטאַלטעט: נאַציאָנאַל און רעוואָלוציאָנער פון איין זייט — אַסימילאַטאָריש און קאָנ־

סערוואַטיוו פון דער צווייטער זייט. דער גנזאַנג־פּאַראַיין אַליין, וואָס זינגט אידישע רעוואָלוציאָנערע לידער און וואָס איז אַ אידישע אַרבעטער־אינסטיטוציע, איז דאָך אויך געווען אַ פּראָטעסט קעגן די דעמאָלטיקע אַסימילאַטאָרישע „פאָרווערטס“־שטרעמונגען. שטילערהייט האָט דאָך דער „פאָרווערטס“ אין שיקאַגאָ אויך באַקעמפט דעם געזאַנג־פאַראיין. ממילא האָט זיך אָנגעטראָגן אַ נאַציאָנאַלע כוואַליע, וואָס איז מאָמענטאַנווייז איבערגעגאַנגען אין אַ נאַציאָנאַליסטישן שטראָם.

שייפער האָט זיך פאַרנומען אַף דער איינהאַרן־אָראַטאָריע זייער ברייט. ס'איז אין דעם טעקסט געווען געגנוג רוים און פאַרשיידנאַרטיקע פאַרב־מאַטעריאַלן פאַר מאָלערישקייט — אַ באַדינג, וואָס שייפער האָט שטענדיק געזוכט. אַ גאָרטן, אויב איך האָב ניט קיין טעות, אין אָדער אַרום אנטיאָך, די סיריש־גריכישע הויפּט־שטאָט. אַ געזאַמלט פון גריכישער און אידישער יונגוואַרג, וואָס פאַרמעסט זיך אין אַ קאַמף, פאַרבונדן מיט ראָמאַנטישע לעגנטעס. אין די ערשטע עטלעכע רעפּעטיציעס האָט מען געקענט זען, אַז שייפער שעפּט אין אַ היפּשער מאָס פון פאָלקס־טימלעכע ניגונים און חסידישע מעלאָדיעס פון איין זייט, און אונטער דעם איינפלוס פון הענדעל'ס „מאַקאַבייער“ פון דער צווייטער זייט. און אפשר האָט גראָד דער פאַקט גורם געווען, אַז דער יונג־פאַרשטאָרבענער אברהם קאָבאַנסקי, מיט דעם שרייבער פון די שורות, זאָלן אַריין אין אַ שטילער „פאַרשווערונג“ צו ווירקן אַף שייפער'ן אָפּצושטעלן די דאָזיקע אָראַטאָריע.

די פאָלקסטימלעכע ניגונים האָבן נאָך מער אונטערגעשטראָכן די בולט'ע נאַציאָנאַליסטישע קאָנטורן און האָבן אונז געהאָלפן קלאָר צו מאַכן זיך, אַז מיר לאָזן זיך מיטן נאַציאָנאַליסטישן שטראָם. מיר האָבן עס אָבער צוליב טאַקטישע מאָטיוון און צוליב אויסמיידן אַ קאַמף, וואָס וואָלט ניט געטאָן קיין גוטס דעם געזאַנג־פאַראיין, ניט געוואָלט ברענגען פאַר דער פאַרוואַלטונג. מיר האָבן באַשלאָסן צו ווירקן אַף שייפער'ן פּריוואַט, און אויב עס וועט נויטיק זיין — אין נאָמען פון דער פּאַרטיי.

אין אָנהייב האָט זיך שייפער געוועדט מיט זיין גאַנצער עקשנות קעגן דעם געדאַנק אויפצוגעבן די אָראַטאָריע. ער האָט אונז באַשולדיקט אין אַסימילאַטאָרישקייט און אין ווערן באַאיינפלוסט פונעם „פאָרווערטס“. מיר האָבן זיך אַ היפּשע צייט געאַמפּערט, אָנגעוויזן אים אַף זיינע איינגעגעסענע נאַציאָנאַליסטישע שטריכן, אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפן. אַזוי שנעל אָבער ווי מיר האָבן אים איבערגעגעבן, אַז דאָס איז דער

ווילן און דער שטאַנדפּונקט פון דער פּאַרטיי און אַז מיר ווען קעמפן פאַר דעם שטאַנדפּונקט אין דער פאַרוואַלטונג און אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער אָרגאַניזאַציע, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף אונז מיט הילפלאָזע אויגן און — זיך אונטערגעגעבן.

אין דער עפנטלעכקייט איז געבליבן דער איינדרוק, אַז דער ווייטער־דיקער טעקסט לאָזט זיך ניט אויסטייטשן ווי געהעריק דורך דער אָראַטאָריע און דעריבער גיט מען עס אויף. קיינער האָט אויף דעם ניט פאַרגאָסן קיין טרער. שייפער אַליין האָט שפּעטער אויסגעמיטן יעדן געשפּרעך וועגן דעם דאָזיקן פאַרזוך. אָבער, אינעווייניק, בײַ שייפער׳ן אין באַוואוסטזיין, האָט זיך געטליעט דאָס נאַציאָנאַליסטיש פייערל נאָך אַ קורצע צייט. עס האָט זיך געדאַרפט פאַנאַנדערפלאַקערן דער בראַנד פון דער באָלשע־וויסטישער רעוואָלוציע, כדי שייפער זאָל דערזען ווי נישטיק עס איז דאָס נאַציאָנאַליסטיש גראַשנדיק ליכטל.

אַלס שטומער פּראָטעסט אָבער האָט שייפער ניט געאַרבעט אויף קיין שום אָראַטאָריעס אין די קומענדיקע דריי יאָר. דערפאַר האָט ער געאַרבעט אויף אַ ריי קלענערע קאָמפּאָזיציעס און האָט אין פאַרלויף פון 1916־1917 אַראַנזשירט און געשאַפן אַרום צוויי צענדליק לידער און אין דער זעלבער צייט פלייסיק שטודירט פּיאַנאָ און מוזיק־וויסנשאַפט.

אַלס בײַשפּיל פון שייפער׳ס אַקטועלקייט, רירעוודיקייט און שלאָג־לעריקייט, שוין אין יענעם פּעריאָד, קען דינען דער פאָלגנדיקער פאַקט: אין אַ שבת פון פרילינג 1916 איז אָנגעקומען אין שיקאַגאָ די טרויעריקע בשורה וועגן שלום־עליכם׳ס טויט. אין אָוונט איז שוין פאָרגעקומען אַ מיטינג פון דער פאַרוואַלטונג צו אַראַנזשירן פאַרן קומענדיקן מיטוואָך אַ גרויסע טרויער־פאַרזאַמלונג, וואו דער כאָר זאָל אַרויסטרעטן אין אַ ספּעציעלן טרויער־ליד אויף דעם טויט פון דעם גרויסן אידישן פאָלקס־שרייבער. זונטיק האָט שוין שייפער באַקומען דעם ליד־טעקסט, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן שפּעט בײַנאַכט און ער האָט נאָך אין זעלבן טאָג פאַרענדיקט די קאָמפּאָזיציע. מאָנטיק איז שוין געווען די ערשטע רעפּע־טיציע און אין פאַרלויף פון איינציקע טעג שוין געזונגען זי אויף דער ריזיקער טרויער־פאַרזאַמלונג. די קאָמפּאָזיציע האָט געלאָזן אַ טיפן איינדרוק.*)

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט, ווען חבר אַלגין איז געקומען צום ערשטן

*) מער אויספירלעך וועגן דעם און די ווייטערדיקע פּאַראַגראַפן וועט דער לייענער געפינען אין דער ביאָגראַפישער אָפּטיילונג.

מאָל אין שיקאַגאָ. עס איז געווען אַ גרויסע פרייד צווישן די אידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער אין שיקאַגאָ צו באַגעגענען דעם וואַרעמסטן און באַליבטסטן רעוואָלוציאָנערן אידישן שרייבער, וועמען זיי האָבן פריער בלויז געקענט פון זיינע שריפטן. דער געזאַנג־פאַראיין איז גלייך געווען אויף די פיס. אַ קבלת־פנים ליד איז גלייך אָנגעשריבן געוואָרן, שייפער האָט איבערנאַכט געשאַפן די קאָמפּאָזיציע, סצענירט אַן אַקט פון אַ געהיימער פאַרזאַמלונג אין רוסלאַנד, אין דער געדיכטעניש פון אַ וואַלד, מיט ספּעציעל־אַראַנזשירטע לידער, און אין פאַרלויף פון אַ וואָך איז דער קבלת־פנים פאַר ח׳ אָלגין׳ען גלענצנדיק דורכגעפירט געוואָרן. דאָס איז פאָרגעקומען סוף 1917 צום 20טן יובילי פון „בונד״, מיט אָלגין׳ען אַלס פעסט־רעדנער.

און אַזוי אין פאַרשיידענע אַנדערע פאַלן. שייפער איז געווען דער פרישער, קלאָרער קוואַל, וואָס האָט בלויז געדאַרפט דעם מינדסטן באַריר — און ער האָט גענומען שלאָגן מיט אומגעהויערער קראַפט.

אָנהייב 1916 האָט שייפער׳ן געטראָפן אַ גרויסער פּערזענלעכער אומגליק. זיין יונגע און שיינע פרוי שרה (סאָניע) איז פּלוצלונג גע־שטאָרבן פון אַ מינדערוויכטיקער אָפּעראַציע. און ווידער האָט מען דאָ געקענט דערזען אין שייפער׳ן דעם דעמב, וואָס אַ שטורעם קען בלויז אַ בייג טאָן, אָבער איז אים ניט אומשטאַנד צו ברעכן. שייפער האָט דעם אומגליק איבערגעטראָגן מיט אַן אויסערגעוויינלעכן סטאָאיציזם. ער איז דערשינען אין די זעלבע טעג אויף דער רעפּעטיציע פונעם געזאַנג־פאַראיין און איז אָנגעגאַנגען אין זיין אַרבעט מיט זיין גאַנצער גרינט־לעכקייט און פּאַרטיפּטקייט.

דער פאַקט, וואָס ער האָט אויף אַ צייט אויפגעהערט צו שאַפן אָראַ־טאָריעס, האָט, ווי מיר האָבן פריער געזען, געהאַט צו טאָן מיט זיין איבערגעריסענער אָראַטאָריע צו איינהאָרנ׳ס טעקסט, און האָט בשום אופן ניט געהאַט צו טאָן מיט זיין פרוי׳ס טויט, ווי אייניקע האָבן עס צוגעשריבן.

דער ערשטער פּעריאָד פון שייפער׳ס שעפערישקייט (1917—1914) פאַרענדיקט זיך מיט דעם אָנקום פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. שייפער האָט זיך דערפילט ווי דער באַיונגטער אָדלער, באַ וועמען עס האָבן גענומען וואַקסן נייע, קרעפטיקע פליגל.

5. די אָראַטאָריע „קירכן־גלאָקן"

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, מיט איר שניידנדיקן קער אינעם לויף פון דער געשיכטע, מיט איר עפענען אַף די פאַרשיידנסטע געביטן נייע ערטער, נייע נאָך ניט געזעענע, צומאָל אַפילו ניט גע'חלום'טע האָריזאָנטן, האָט זיך אויך טיף אַריינגעשניטן אין דעם שאַפונגס־גאַנג פון די וויסנ־שאַפטן און קונסטן. זי האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אַף פיל ערנסטע, אויפריכטיקע דענקער און קינסטלער. זי האָט העפטיק פאַנאַנדערגעוויגט אַפילו אַזעלכע, וואָס זיינען געווען ווייטלעך פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

אַף שייפער'ן, פונקט ווי אַף דער גאַנצער גרופּע, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט אין דעם געזאַנג־פאַראיין, האָט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע אָנגעווייעט, גלייך פון אָנהייב, אַ נייע אַטמאָספערע פון אינספּיראַציע. די פּלענער פאַר ווייטערדיקער אַרבעט זיינען געוואָרן ברייטערע, זיכערערע. מ'האָט געפיבערט מיטן גאַנצן גאַנג פון די געשעענישן. מ'איז געוואָרן סענסיטיווער צו די פאַרשיידענע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן פון באָלשעוויזם און מענשעוויזם, כאָטש אין גאַנצן און אין גרויסן איז עס נאָך דעמאָלט געווען מער פּלאַטאָנישע סימפּאַטיע מיטן באָלשעוויזם, וואָס איז אַגרעסיוו און שלאָג־פייאיק, איידער מיט דער באָלשעוויסטישער טעאָריע.

אַפילו אין דעם זינען פון פּלאַטאָנישער ליבע זיינען נאָך געווען אַ ריי פּרטים פון אָפטע וואַקלענישן אין פאַרבינדונג מיט די שקרים, וואָס זיינען דאָ אַזוי קונציק פאַרשפּרייט געוואָרן פון די מענשעוויקעס. איבער־הויפּט האָט זיך דערפילט אַ שטיקל רעאַקציע מיטן אָנקום פון דער פאַר־ביסענער אָפּאָרטוניסטקע דר. אַנאַ אינגערמאַן. אַף אַ ווײַלע האָט זיך געדאַכט (פרילינג, 1918), אַז די מענשעוויסטישע וואָג־שאָל הייבט אָן אַריבערוועגן. אָבער ווען אַפילו די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון דער עס־פּי האָט זיך דעמאָלט אָנטזאָגט, נאָך אַלע געשרייען און געבעטן פון דער היסטערישער דאָקטערשע, אַרויסצוטרעטן קעגן דער אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע, האָט אַף אַ קורצער צייט די וואַקלעניש אויפגעהערט אַפילו בײַ די מער קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן.

שייפער האָט אין יענער צייט אויפגעפרישט און באַאַרבעט אַ ריי אַלטע רעוואָלוציאָנערע לידער, וואָס זיינען געווען זייער פּאָפּולער צווישן די אידישע אַרבעטער נאָך מיט אַ צוויי צענדליק יאָר פריער. אין איין ליד, וואָס ער האָט גענומען באַאַרבעטן, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אַף

אַ מעלאָדיע, וואָס האָט אים ספּעציעל פאַראינטערעסירט. דאָס איז געווען א. רייזין'ס באַקאַנט ליד „קירכן־גלאָקן", אָדער ווי דאָס האָט פריער געהייסן, „דער פרייהייטס־גלאָק".

אָט דאָס דאָזיקע ליד האָט אברהם רייזען אָנגעשריבן אין 1901 פאַרן ערשטן נומער פונעם „פרייהייטס־גלאָק", אָרגאַן פונעם לאָדזער קאָמיטעט פון „בונד", און דער באַגאַבטער לאָדזער אַרבעטער און רעוואָלוציאָנער הערש־לייב (איצט באַוואוסט אין פּעטערסאָן אונטערן נאָמען הערש־לייב ברענמאַן) האָט פאַרפאַסט די באַקאַנטע מעלאָדיע צו דעם ליד.

אגב, זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן, אַז אָט דער חבר, ה. ל. ברענמאַן, אמת, אַן אינטעליגענטער וועבער־אַרבעטער, אָבער וועלכער האָט אַפילו קיינמאָל ניט געלערנט קיין נאָטן, איז אויך דער מחבר פון אַ ריי אַנדערע רעוואָלוציאָנערע מעלאָדיעס, ווי, למשל, צו מאָרים ראָזענפעלד'ס „עס האָט אי געשנייט, אי גערעגנט", „פרייהייטס סאָלדאַטן"; צו א. רייזענ'ס „אָרעמעם לעבן"; צו ז. סינאַני'ס „איך גלויב ניט, אַז הייליק איז אייער גאָט", און אַ ריי אַנדערע לידער, וואָס פלעגן פאַרשפּרייט ווערן פון מויל צו מויל און האָבן זיך איבערגעטראָגן, ווי אַ וואַלד־פייער, איבער אַלע אידישע אַרבעטער־ישובים. אייניקע פון די מעלאָדיעס זיינען געווען „צונעפאַסטע", אָבער אייניקע אויך אָריגינעלע און האָבן סימנים פון קאָמפּאָזיציאָנעלן אייגנאַרט.

ווען שייפער האָט זיך גענומען צו דער מעלאָדיע און אַרויספּראַנזן פון איר פאַרשיידענע וואַריאַציעס, האָט זיך באַ אים די זאַך אַזוי צע־וואַקסן, אַז ער האָט געזען, ווי ס'איז דאָ גענוג מאַטעריאַל פאַר אַ גרויסער מוזיקאַלישער אַרבעט. אייניקע מאָל האָט זיך שייפער אומגעקערט צו דעם ליד, ווידער באַאַרבעט די נייע אַרויסבאַקומענע מעלאָדיעס און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ס'זיינען באַ אים געשאַפן געוואָרן פיר וואַריאַנטן פון די „קירכן־גלאָקן". דער לעצטער, פערטער, וואַריאַנט שטעלט מיט זיך פאַר אַ באַזונדער מין אָראַטאָריע, וואָס האָט אין זיך אָפּערע־עלעמענטן.

ווען די זאַך איז אויפגעפירט געוואָרן אין שיקאַגאָ, אין 1919, האָט זי געמאַכט אַ גרויסן רושם. זי איז טאַקע טראַנספאָרמירט געוואָרן אין אַ מין אָפּערע. אַ מאָלעריש־דעקאָראַטיווע האַנט האָט אַרויסגעבראַכט אין דעם הינטערגרונט פון דער בינע אַן עשאַפאָט, באַ דער זייט קירכן־קופּאָלן מיט צעווייגטע גלאָקן: הום־האָם, הום־האָם!

אין אָנהייב איז דער גלאָקן־געקלאַנג אַ שיטערער. פּונקט ווי אין אַ פאַרטאָג דערוואַכן פריער די מער וואַכזאַמע הענער און גיבן אומזיכער

זייערע ערשטע קריי־סיגנאַלן און ערשט ביסלעכווייז ענטפערן אָפּ אַלע א גרעסערע צאָל הענער, ביז דער גאַנצער אַרום צעוועקט זיך, אַזוי האָט שייפער אויפגעפּאַסט דעם פּונקט־פּאַרקערטן סימבאָל פון קירכן־גלאָקן.

אַלטער אייזן קרעכצט. עס צעברומען זיך פריער איינציקע דומפּע גלאָקן, וואָס זשאַווערן שוין יאָרהונדערטער: הום־האָם, הום־האָם!... מיט די לעצטע כחות פון זייערע האַלב־שטומע צונגען וואַרפן זיי אומ־היימלעכע קלאַנגען־שאָטנס. באַלד נעמען זיך רירן פון זייער שטילקייט שווערע מעשענע גלאָקן. עס דויערט אַ ביסל, ביז זיי צעוויגן זיך אין פולן געהילך. שאָטנס וואַרפן זיך שוין נאָך ווייטער. ציטער־מעש בייזערט זיך, שניידט זיך אַריין אין די דומפּע קלאַנגען און פּרוּווט זיי איבער־שרייען. נאָך גלאָקן כאַפּן זיך אויף און נעמען ווירבלען. שרעק הייבט זיך אָן שפּרייטן. מורא־וואָלקנס נעמען זיך קודלען און קראַכן.

עס קומען אָן פון אַלע זייטן גלחים, מאָנאַכן און מאָנאַשקעס, יעזו־איטן און אַנדערע ווייס און שוואַרץ באַקיטלטע גייסטלעכע, מיטן קאַרדינאַל בראש. מ׳קלייבט זיך קעפּן אַ פרייען אומדערשראָקענעם גייסט.

ווען אַלע גלאָקן זיינען שוין צעשפּרונגען אין דעם ווילדן געוואַלד און געברום און ווען מ׳קען שוין די מורא־געשפּענסטער, וואָס זיי האָבן לויז־געלאָזן, אָנטאַפּן ממש מיט די הענט, טויכט אויף דער כאָר, ווי פון אַן אַנדער וועלט, און שניידט זיך אַריין מיט דער פאָדערונג:

> אָך, וואָס קלינגט איר, קירכן־גלאָקן!
> הערט שוין אויף; גענוג געשראָקן
> האָבן אייערע ווילדע טענער
> אונזער אָרעמע וועלט!

די פאָדערונג ווערט וואָס אַמאָל אַלץ צודרינגלעכער: הערט שוין אויף! הערט שוין אויף! די ווילדע קלאַנגען ווילן אָבער מיט גוטן ניט אויפהערן. זיי זיינען בלינד און טויב. טויב אַפילו צו זייערע אייגענע פּאַרטויבנדיקע טענער. זיי הויבן ווידער אָן די וואַקכאַנאַליע פון אייזן און מעש, פון טשאַד און פאַרטויבעניש. די גאַנצע אַטמאָספערע ווערט צעשויבערט פון די אומהיימלעכע טענער־געוואָיען. שאָטנס, ווי גרויסע שפּינען, קריכן פּיל־פּיסיק, גרויליק. געשפּענסטער פון טאָרקוועמאַדאָ און אויטאָ־דאַ־פע־רויכן רירן זיך אין אַלע זייטן: הום־האָם־האָם! הום־האָם־האָם! טויט! טויט! הרג׳ענען! מאָרדן! הום־האָם!

עס דערהערט זיך דייטלעך ווי אַ פּיאַנאָ שניידט זיך אַריין מיט העלע טענער, שפּילנדיק די ערשטע פראַזע פון „כל־נדרי" און באַלד פאָלגט נאָך אַ קלאָרע, דראַמאַטיש־אָנגעשטרענגטע שטימע און טיילט זיך אויס

אין דעם טעראָר־געפּויק פון בלינדן אייזן און טויבן מעש. דאָס איז די טענאָר־סאָלאָ. זי הייבט אָן געבעטעריש, פּראָוואָורף־אַרטיק: אפשר וועט עס אַזוי העלפן — מ׳קען זיך דאָך אַמאָל אָפּבעטן באַם גרעסטן גזלן — ניט שיין פון אייך; דוכט זיך, איר קלייבט זיך אָפּטאָן אַ מיאוס שטיקל ארבעט —

אייערע טענער, דוכט זיך, רופן
צו פאַרברענגען מענטשן-גוף׳ן —

אָבער וואָס ווייטער ווערט די שטימע אַלץ מער פּאָזיטיוועד. זי ווערט אַנטשיידענער, מיט שטאַרקערע תביעות, מיט הארבערע באַשולדיקונגען:

אָף די הויכע עשאַפּאָטן
וואָס איר האָט געשטעלט.

און דאָ ווערט זי שוין אינגאַנצן זיכער. עס דוכט זיך איר שוין מער ניט. עס איז שוין קלאָר דער גאַנצער זין פון דעם געטויב־מיש־מאַש. די קלאַנגען זיינען אַ רוף צו אַלע שוואַרצע כחות, אַ מאָביליזיר־געוואַי צו אַלע פינצטערע רוחות, הענקער און תלינים —

אייערע טענער רופן הענקער צו מאַרטירן יעדן דענקער,
יעדן קאָפּ אַראָפּצוהאַקן, וועלכער בויגט זיך ניט!

די שטימע ווערט וואָס אַמאָל שטראָפנדיקער, בייסנדיקער. זי שמייסט מיט גאַלגאַן־ריטער. זי בייטשט אומ׳ברחמנות׳דיק. זי רייסט אַראָפּ די מאַסקע פון די „הימל״־סטראַפּטשעס, זי שלעפּט אַראָפּ זייערע יעזואיטן־מאַנטלען, זי צעטרעט די פייגן־בלעטער פון די שאַנדהאַפטיקע מאָנסטערס —

אָך, איר ווילט די וועלט פאַרוויגן
מיט אַ טרויער טויטן ניגון
און פאַרדעקן מיט אַ מאַנטל
פון אַ יעזואיט!

שייפער שפּאַנט דאָ איין די פּיאַנאָ אַלס אַן עדות, וואָס באַשטעטיקט די באַשולדיקונג. יאָ. עס איז ריכטיק. געווים. איר זיינט אַן אָנשיקעניש אָף דער וועלט, אַ פינצטערע וואַנט פאַר די מעכטיקער האָבער׳ס; די שוואַרצע ראָבן און די נבלות — צוזאַמענגענומען.

אַ ריי וואַריאַציעס פּונעם כאָר באַקרעפטיקן דעם עדות. עס סווים־טשען די שטראָפנדיקע בייטשן, עס עסן זיך איין די געזאַלצענע ריטער. שייפער ווייזט שוין דאָ עלעמענטן פון זיין שפּאָט־קראַפט און בייסנדיקן

סאַרקאַזם, וואָס האָבן זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן פול אַנטוויקלט אין זיין „שמע־ישראל", אין „נישקאַ" און „כאַפּט אים און קלאַפּט אים". דער שונא איז דעמאַסקירט. דער שונא ווערט אַנטוואָפנט. פון אונטער זיינע „מלאכ'ישע" פליגלען סטאַרטשען שוין אַרויס די שדים'שע „הינער־פיס".

אַ פויזע. די פּלוצלונגדיקע שטילקייט טראָגט אָן אַ דראַמאַטישע שפּאַנונג. די לופט שווענגערט מיט עפּעס. אַלץ האַלט איין דעם אָטעם. אָפן שוועל וועט זיך באַלד מסתּמא עפּעס באַווייזן. די גלאָקן פון שרעק און טויט מוזן דאָך אַף שטענדיק פאַרשטומט ווערן. ווער וועט זיי איבערשרייען?

עס הייבן זיך אָן צו צעוויגן העלע, ליכטיקע גלאָקן פון ווייטע ווייטן. זייערע לויטערע טענער דערנעענטערן זיך אַלץ מער, פונקט ווי זיי וואָלטן געשפּרייזט פון דער ווייט מיט מיילן־טריט. עס פּאָכעט פון זיי מיט האָפענונג, מיט ליכטיקע בשורות, מיט זוניקע צוזאָגן. זיי צעזינגען זיך אַלץ מונטערער און גליקלעכער. די קלינג־קלאַנג־טענער צעוואַרעמען זיך, צעגליִען זיך אין הייסע שטראָמען. אין האַרצן נעמט זיך עפּעס וועקן; אין מוח הייבט אָן טאָגן און לויטערן. ניט אַנדערש — ווי דאָס זיינען זילבער־גלאָקן; ניין, גין־גאָלד גלאָקן, אויסגעשמאָלצענע פון שטיקער זון —

כ'האָב אַ נייעם גלאָק באַשאַפן
צו דערוואַכן טויטע שקלאַפן,
ניט אין קירכן, — אין דער לופטן
הענג איך אים אַרויף!

ניט צו שרעקן, נאָר צו וועקן
גאָר די וועלט אין אַלע עקן
קלינגט ער מוטיק, רופט ער פריילעך:
שטייט צום לעבן אויף!

קלינג־קלאַנג־קלאַנג. קלינג־קלאַנג־קלאַנג! ווי עס צעשמעטערט די דומפּע, הייזעריק־פאַר'שיכור'טע קירכן־גלאָקן געקלאַנגען! ווי עס טרייבט די מרה־שחורה'דיע אומקום־טענער! ווי עס צעווייעט אין אַלע זייטן די פינצטערע געשפּענסטער!

עס אַנטשטייט אַ הימן צו דער פרייהייט. אַ הימן, וואָס שטאַרקט שוואַכע, וואָס דערמונטערט אָנמעכטיקע, וואָס וועקט טויטע. שטרויכלענדיקע קנעכל ווערן שטייפער; קרומע רוקנס גלייכן זיך אויס. קעפּ ווערן

מיט צען שטאָק העכער. אין הערצער צעפּאָכען זיך רויטע, פלאַמענדיקע, בליענדיקע פאָנען.

דער כאָר נעמט זיך טעראַסנאַרטיק אַפן וועג צו טריאומפאַלע אַרקעס. ער הויכט אָן צוקום. ער פאַרזיכערט אויפקום. שייפער דער־נעענטערט זיך דאָ צו מוזיקאַלישע אוזאָרן, פון היגרייסנדיקער מעכטיקייט און נאָבעלער שיינקייט, וואָס ער האָט מיט יאָרן שפעטער אַזוי שפע׳דיק געגעבן אין דעם „שטורעם־פויגל“ און אין „בירא־בידזשאַן“ —

פון אברהם רייזענ׳ס 24־שורה׳דיק ליד ווערט אַ דראַמאַטישער עפּאָס. פון הערש־לייב׳ס איינפאַכער וועבער־מעלאָדיע ווערט אַ מעכטיקע אָראַ־טאָריע מיט איינדרוקספולע אָפערע־עפעקטן פון אַ הויכן גראַד. פון יעקב שייפער׳ס צוריר האָט זיך אויסגע׳כישופ׳ט אַ פרעכטיקע מוזיקאַלישע שאַפונג.*)

6. די אָראַטאָריע „צוועלף“

שוין אין די „קירכן־גלאָקן“ פילט זיך שטאַרק דער איינפלוס פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אַף שייפער׳ן. דער ברייטער פאַרנעם, דער ווייט־אויפגעריסענער האָריזאָנט, דער נייער העלער טאָן — האָט בלויז געקענט אָנגעשלאָגן ווערן באַ אים פון דער אָטעם־פאַרכאַפנדיקער איבער־קערעניש אין דעם לאַנד, וואו דער „סאָראָק־סאָראָקאָוו“ (די 40 מאָל 40 קלויסטערס אין דער צאַרישער מאָסקווע) איז געווען דער סימבאָל פון דער „פרומער“, פאַרקנעכטעטער, פאַרפינצטערטער רוסלאַנד, מיט אירע „פראַוואָסלאַוונע“ צאַרן, מיט אירע פאָביעדאָנאָסצעווס, איליאָדאָרס און ראַספוטינס.

דער דאָזיקער איינפלוס איז נאָך אָבער געווען בלויז אַ סענטימענ־טאַלער. ווייניק פון אונז האָבן נאָך דעמאָלט זיך געגעבן פאַנאַנדערגעקליבן אין די פּראָבלעמען פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און אין איר פאַרמעסט. ווייניק פון אונז האָבן פאַרשטאַנען, אַז די לעקציעס פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע דאַרפן גענומען ווערן אין אַכט אין די קאַפיטאַליסטישע לענדער בכלל און אין אַמעריקע בפרט. בנוגע די אַמעריקאַנער פּראָבלעמען האָבן מיר נאָך בכלל אונטערגעהונקען אַ היפש שטיקל צייט.

---

*) אגב, איז די פּאָפּולאַריטעט פון די „קירכן־גלאָקן“ געוואָרן אַזוי גרויס, אַז אַ פאָנאָגראַף־רעקאָרד קאָמפּאַניע האָט געמאַכט אַ פאָנאָגראַף־רעקאָרד פון דער דערמאָנטער טענאָר־סאָלאָ, וואָס עס האָט געזונגען מאַקסים באָראָדין.

עס האָט זיך אָבער אַזוי געמאַכט, אַז שייפער זאָל פּלוצלונג אין מיטן 1918 אַריינפאַלן אין אַ נייער סביבה, וואו דער דאָזיקער ענין איז שוין געווען אַפן טאָג־אָרדענונג. צוליב דעם, וואָס די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען אויך אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין דער וועלט־מלחמה, איז שייפער'ן אויסגעקומען צו פאַרלאָזן שיקאַגאָ אויף אַ געוויסער צייט און צו באַזעצן זיך אין ניו יאָרק. דער שרייבער פון די שורות (שוין דעמאָלט געווען אין ניו יאָרק) האָט שייפער'ן צוזאַמענגעפירט מיט חבר ה. פלאָטקין־עו, וועלכער האָט זיך דעמאָלט אידענטיפיצירט מיטן לינקן פליגל און האָט אין איניקע מאָנאַטן אַרום זיך באַטייליקט אין גרינדן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

חבר פלאָטקין האָט אויף שייפער'ן געהאַט אַ היפּשן איינפלוס. עס איז אמת, אַז שייפער איז נאָך דעמאָלט ניט געווען גרייט איבערצורייסן מיט דער עס־פּי. ער האָט נאָך אַ צוויי, דריי יאָר, ביז דער צווייטער שפּאַלטונג, זיך געוואַקלט און ניט געהאַט געגוג גלויבן, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי וועט זיך קענען אַזוי שנעל אַקלימאַטיזירן אין אַמעריקע. אָבער דאָס וואוינען צוזאַמען מיט חבר פלאָטקינ'ען, די אָפטע דיסקוסיעס אין הויז, די קאָמוניסטישע ליטעראַטור, וואָס ער האָט געלייענט און די גאַנצע אַטמאָספערע אַרום, האָט אים באַקאַנט געמאַכט אין אַ געוויסן זין מיט די פּאַרטיי־פּראָבלעמען און מיט אַ ריי טעאָרעטישע פראַגן.

שייפער'ס פּראָלעטאַרישער חוש, וועלכער האָט בלויז צייטנווייז איינ־געדרעמלט צוליב שטאַרקע דרויסנדיקע איינפלוסן, איז שוין, אין יענע יאָרן אַפילו, געווען אַזאַ געזונטער, אַז די גאַנצע פראַגע וועגן דער פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט איז באַ אים געווען בלויז אַ פּראַקטישע פראַגע. ער האָט געגלויבט (פּונקט ווי דער שרייבער), אַז ביז וואַנען עס וועט זיך אַרויס־ווייזן די מעגלעכקייט אין אַמעריקע פאַר אַ מאַסן קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דאַרף מען ניט אויפגעבן די עס־פּי און איבערלאָזן זי אין די הענט פון די אָפּאָרטוניסטן. שייפער האָט ניט בלויז סימפּאַטיזירט מיטן לינקן פליגל, אין דער עס־פּי, נאָר ער האָט אויך מיט אים מיטגעאַרבעט און געהאָפט, אַז דעם לינקן פליגל וועט סוף־כל־סוף געלינגען צו באַהערשן די פּאַרטיי און אַרויספירן זי אַפן רעוואָלוציאָנערן וועג.

וואָס איז אָבער שייך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז איבעריק צו זאָגן, אַז שייפער איז געווען מיט זיין גאַנצן האַרצן, זינט דעם אָנהייב פון דער רעוואָלוציע, פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און האָט נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון די אַנטוויקלונגען מיט דער גאַנצער סענסיטיוויטעט פון זיין פיבערער האַרץ. ווען ס'איז פאָרגעקומען

די צווייטע שפּאַלטונג אין דער עס־פּי, סוף 1921, און דער שרייבער פון די שורות איז געשיקט געוואָרן פאַר דעם צוועק אין שיקאַגאָ, איז שוין שייפער, און מיט אים דער גאַנצער גרופּע־פּאַרטיי, געווען גרייט פאַר דער שפּאַלטונג, און זיין פּאַרטיי איז געוואָרן די „וואָירקערס פּאַרטי", און שפּעטער די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

:: :: ::

אָט אין די יאָרן האָט עס שייפער פּאָרטראַכט און אָנגעשריבן די אָראַטאָריע צו אַלעקסאַנדער בלאָק'ס „צוועלף", אַ פּאָעמע פון די ערשטע טעג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אָדער אפשר ריכטיקער, פון דעם ערשטן אָוונט.

די פּאָעמע גופא, כאָטש זי איז מייסטערהאַפט אויסגעהאַלטן אין איר קאָמפּאָזיציאָנעלן פאָרמעלן סטיל, איז אין אידעאָלאָגישן זין אַ ווירוואַר פון געדאַנקען און בילדער, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אינעם מוח פון דעם סימפּאַטיזירנדיקן קינסטלער. ער פּאַסט די רעוואָלוציע אויף גיכער אין איר צעשטערנדיקן כאַראַקטער, ווי אין איר בויענדיקן. זי איז גיכער אָנ־געהויכט פון אַן אַנאַרכאָ־בונטאַרישער שטימונג, ווי פון אַ באָלשעוויסטי־שער קלאָרער וועלט־אָנשויאונג. זי איז בײַ אים מער אָנגעגליט פון הייליקן כעס און האַס, ווי פון דיסציפּלירטן רעוואָלוציאָנערן געדאַנק.

אַלעקסאַנדער בלאָק שענקט אין דער דאָזיקער פּאָעמע מער אויפמערקזאַמקייט צו די ווינקל־געסלעך פון דער רעוואָלוציע, ווי צו איר צענטראַלער פּלאַזאַ, אַזוי צו זאָגן. ער שטעלט זיך אָפּ אויף דעם וואַנקאַ־קאַטקאַ־אינצידענט און באַמיט זיך דורך אים איבערגעבן די אינדיווידועלע פּערזענלעכע חשבונות, וואָס פלעכטן זיך אַריין אין דער מעכטיקער סאָציאַלער דראַמע. די רעוואָלוציאָנערן, די „צוועלף רויטע ריטער", קומען בײַ אים אַרויס ניט פון בלוט און פלייש, נאָר ווי איבער־מענטשן, וואָס קיין קויל קען ניט טרעפן. זיי ווערן בײַ אים ניט אַזוי געפירט פון די ערדישע נויטן, ווי פון דעם רויזן־באַקראַנצטן כריסטוס, בלאָק'ס סימבאָל פונעם אַבסטראַקטן אמת און גערעכטיקייט.

בלאָק ציט אָפּט אויף אַזאַ אופן אַ שאַרפע ליניע צווישן די „בלינדע" כחות פון דער רעוואָלוציע און די „צוועלף". ער פאַרלירט מאָמענטנווייז פונעם אויג די ענגע שייכות און פאַרצווייגט־אָדערדיקע פאַרבינדונג צווישן די צוויי. אָבער ניט קוקנדיק אויף די אַלע גרונט־חסרונות, איז בלאָק'ס „צוועלף" אַ רייכע פּאַנאָראַמע פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אַ ברייטער

קאַלאָסאַלער לייוונט, אַף וועלכן עס האָט זיך דורכגעטראָגן דער פּענזל פון אַ מייסטער.

שייפער האָט דער דאָזיקער פּאָעמע געגעבן ניט בלויז אַ געטרייע אויסטייטשונג אין איר גאַנצן אומפאַנג, נאָר אויך אין אירע באַזונדערע ברוך־שטיקער, אין איר מאָזאַאישער אויספאָרמירונג. יעדע סצענע באַ־קומט באַ אים אַ באַזונדער מוזיקאַלישן קאָליר. יעדע פּערזאָן — זיין אייגענעם קול. אַפילו די „זינדיקע" בשר־ודמ'ישע ווערטער קריגן באַ אים זייער פּאַסנדיקן אויסדרוק. אָבער דאָס מיינט ניט, אַז די זאַך באַקומט באַ אים אַ פראַגמענטאַרישן כאַראַקטער. פאַרקערט: ברייטע, שטאַרק־געקאָוועטע מוזיקאַלישע רייפן פּאַסן אַרום די גאַנצע זאַך אין אַ כמעט מאָנאָליטישער איינהייטלעכער קאָמפּאָזיציע.

גלייך אין אָנהייב באַשרייבט דער אָרקעסטער אין אומפּאַסנדיקע קרייזן די הויפּט־שטריכן פון דער גאַנצער טעמע. ער וואַרפט אָן די קאָנטורן פון דער שוואַרצער נאַכט, וואָס ווערט צעריסן פון שניי און ווינט, פון מורא און אומזיכערקייט. ער צייכנט אָן, פון דער צווייטער זייט, די פעסטע, זיכערע טריט פון די מאַרשירנדיקע רעוואָלוציאָנערן און גיט אַף אַזאַ אופן דעם כאָר די מעגלעכקייט אַריינצוטרעטן אין אַ צו־געגרייטער אַטמאָספערע:

שוואַרצער אָוונט, ווייס פאַרשנייט —
ס'ווייט און ווייט;
קוים דער גייער פאַלט ניט אום,
און דער ווינט, ער איז פאַרלאָפן
אַלע שטעגן אום אַרום.

דער גאַנצער אַרום איז כאַאָס. דער ווינט וואָיעט און צעוויכערט דעם שניי. די שריט זיינען אומדרייסטע, „אַ מורא צו שפּרייזן; דו גייסט אַפן אייז." שייפער באַנוצט זיך דאָ מיט עקספּרעסיאָניסטישע מיטלען, ער לאָזט דעם כאָר בראָדזשען אין אַ לאַנגזאַמען טעמפּ. זאָל זיך פילן דאָס גיין אַפן אייז; די פאָרזיכט, די מורא — דאָס אַרומקוקן זיך אַף אַלע זייטן...

אָבער שייפער קערט זיך גלייך אום צו פּשטות, ווען עס קומט צו אַזאַ וואָכנדיקן חשבון ווי דאָס צעווייינען זיך פון דער אַלטעטשקער, ווען זי דערזעט דעם גרויסן פּלאַקאַט: דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג — די גאַנצע מאַכט! מיט אַזאַ שטיק סחורה וואָלט מען דאָך געקענט פאַרריכטן אַזויפיל לאַטעם —

מ'גייט קרועה-בלועה, די קינדער ווי די טאַטעס,
קיין העמד אַף אַ רפואה...

און ספּעציעל, ווען די אַלטעטשקע, דורך וועלכער עס רעדט די גאַנצע אַלטע רוסלאַנד, קוואַקעט מיט קללות:

אוי, מאַמע אין הימל מיינע,
די באָלשעוויקעס ברענגען אום אַ וועלט!

דער כאָר לאָזט די דאַזיקע פראַזע ניט אַזוי שנעל אָפּ. נאָכדעם, ווי אַפּן חלק פון די סאָפּראַנאָס קומט אויס איבערצוגעבן די קוויטשעריי פון דער אַלטער וועלט, כאַפּן די פראַזן איבער די אַלטאָס, און זי ווערט נאָך מער אונטערשטראָכן פון די טענאָרן און באַסן, אַזוי אַז די געשרייען ווענן די שרעקלעכע באָלשעוויקעס „גייען אין הימל אַריין". אָבער די דאַזיקע געשרייען און קוואַקערייען שטעלן אַף אַ האָר ניט אָפּ די איבער־קערעניש, וואָס קומט פאָר אַרום אין דער נאַטור און אינעם לעבן. „דער פראָסט שטייט ניט אָפּ. און דער בורזשוי באַם קרייץ פון גאַסן — אין קאַלטער טיף די נאָז באַגראָבט."

שייפער נעמט זיך דאָ מיט אַ סאַרקאַסטישער באַטאָנונג אויסצולאַכן סיי דעם בורזשואַזן דיכטער, וואָס רופט אָן די באָלשעוויקעס שטילערהייט „פאַררעטער", „רוסלאַנד'ס באַגרעבער", און סיי דעם „חבר פּאָפּ" מיט די לאַנגע פּאָלעס, ווי ער טראָגט זיך עס שנעל אָפּ, און סיי די רייכע דאַמע אין קאַראַקול, וואָס „באַוויינט דעם פינצטערן סך־הכל" און גיט זיך דערוויל אַ גליטש אויס איבערן שניי.

לאַנג האָט ער אָבער מיט זיי ניט וואָס צו צערעמאָנירן זיך. אויס־געלאַכט און אַוועק ווייטער מאָלן אין געדיכטע פאַרבן דעם אַרומיקן פּייזאַזש, דעם פינצטערן הימל און די כעס'דיקע הערצער. שייפער שיל־דערט שוין דאָ מיט אַ ריי דעטאַלן דעם אומעט באַ די, וואָס האָבן זיך פאַר וואָס צו שרעקן און דעם האַס, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן פאַר אַזוי פיל דורות קעגן די פּאַראַזיטן. דער דאַזיקער לאַנגזאַמער דורכגאַנג דינט אים דערנאָך ווי אַ שניידנדיקער קאָנטראַסט, ווען ער גייט איבער צו דעם שנעלן ריטם פון מאַרש, שילדערנדיק דעם איינדרוק וואָס עס מאַכט דאָס מאַרשירן פון דער חברה „צוועלף", מיט זייערע

שוואַרצע רימענס פון געווער . . .
און פלעמלעך פלעמלען היין און הער . . .

אַלץ רוקט זיך דעמאָלט אָפּ אָן אַ זייט. דרך־ארץ!

די פרייהייט גייט! אַ וואָרע מאַכט!
זי גייט, נאָר ניט פון קרייץ געפירט,
טראַך, טאַראַראַך! טראַך, טאַראַראַך!

דער כאָר פּראַלט דאָ אַרויס מיט זיין גאַנצער קראַפט. איין מעכטיקע כוואַליע קייקלט זיך נאָך דער צווייטער. „די פרייהייט גייט! אַ וואָרע מאַכט!" אָבער עס רעדט זיך נאָר אַזוי. זי מאַכט אַליין פאַר זיך די וואָרע מיט אירע ברילנדיקע ביקסן און קראַכנדיקע האַרמאַטן. די רעוואָלוציע ווייסט, אַז „דער פיינט איז וואַך, דער פיינט אונז היט", און אַז מ'דאַרף ריכטיק שיסן אין ציל.

ס'איז געווען זייער אַ געלונגענער איינפאַל בײַ שייפּער'ן דורכצופירן די גאַנצע ראָמאַנטישע מעשה פון פּעטרוכע'ן, קאַטקע'ן און וואַנקע'ן דורך רעציטאַטיווע סאָלאָס און קנאַפּ־וואָס צו פאַרוויקלען דעם כאָר אין דער גאַנצער געשיכטע, כאָטש שייפּער פאַרנאַכלעסיקט אויך ניט ערטער־ווייז אַריינהעפטן אין דעם עפּיזאָד ווערטפולע מעלאָדיעס, וואָס קענען זיין אַ כבוד פאַר יעדן קאָמפּאָזיטאָר.

אָן ערנסטערע רעוואָלוציאָנערע שטימונג טרעט אַריין, ווען דער כאָר נעמט ווידער איבער די איניציאַטיווע און עס הערט זיך:

רעוואָלוציאָנער איז אונזער טריט,
דער פיינט איז וואַך, דער פיינט אונז היט...

ווי דעליקאַט שייפּער ברענגט דאָ אַרויס אין דעם פּערז דעם רוסישן נאַציאָנאַלן גייסט, די מוזיקאַלישע אייגנאַרט, ווען עס רעדט זיך, ווי די צוועלף שפּאַנען ווייטער פּאַרזיכטיק, נאָר

באַם מערדער, בײַ דעם איינעם
דאָס פּנים פינצטער ווי די נאַכט.
און אַלץ גיכער און גיכער,
אייליק וועקסלט ער די טריט,
אָפּן האַלדז פאַרדרייט דאָס טיכל
און פאַרציט עס און פאַרציט...

דער מערדער, איז דער אייפערזיכטיקער פּעטרוכאַ, וואָס האָט דער־מאָרדעט קאַטקע'ן. דאָ איילט זיך שוין שייפּער ניט אַזוי דורך. ער פילט ווי דער ענין פון חרטה איז איבערהויפּט בײַ דעם רוסישן פאָלקס־מענטשן אַ טיפער כאַראַקטער־שטריך. דאָס העלפט אים, מיט רעכט צי ניט, צו־צוגעבן דער רעוואָלוציע איר אייגנאַרטיקן קאָלאָריט. דאָ איז אויך פאַר אים שפּעטער וויכטיק די רעאַקציע פון די איבעריקע, ווען זיי שרייען אַף אים אָן, וואָס ער גריבלט זיך אַזוי מיט זיין חרטה:

שווייג, דערשאָסן — איז דערשאָסן;
זיי אַ מענטש און האַלט זיך איין,

גיט קיין צייט אַצינד צו קלאָגן
און צו צאַצקען זיך מיט זיך;
עפּעס שווערער איז צו טראָגן
אונזער אַלגעמיינע פליכט!

שייפער ברענגט דאָס ארויס דורך אַן איינפאַכן פאָלקס־געמיטלעכן טאָן, וואָס פאַרגעסט אָן אַלע מוזיקאַלישע קונצן. אין אַזאַ פשטות און אומגעקינצלטקייט פאַרענדיקט ער שוין דעם נאַראַטיוון טייל, ווי פּעטרוכאַ איז מסכים און זיין געמיט ווערט קלערער, און דאָס דינט אים ווידער צו מאַכן שאַרפער דעם קאָנטראַסט מיט דעם ווייטערדיקן אויסברוך פון דעם המון, וואָס דערמאָנט זיך, אַז אַט־אָט און אַלץ וועט זיין הפקר —

עד, עד,
לאָז זיך וואוילגיין, שטעך און ברעך!
טיר און טויערן פאַרמאַכט!
מ'וועט רויבן היינט בּאַנאַכט!
פון די קעלערן אַרויס!
וואויל און הויל האָט זיך צעברויזט!

דער איבערגאַנג איז אַזאַ פּלוצלונגער, ווי דער הפקר־פסיכאָז באַ דעם אומבאַוואוסטזיניקן סטיכייאישן המון, ווען ער דערפילט, אַז די מאַכט, וואָס האָט אים געדריקט, איז געפאַלן. שייפער שאַפט דאָ עפּעס וואָס איז באַקאַנט אין דער מוזיק ווי קאַקאָפאָניע — אַ טומל, אַ מיש־מאַש, אַ כאַאָס, וואָס האָט אָבער זיין אייגענעם געזעצלאָזן געזעץ, ווען עס דאַרף געגעבן ווערן דער איינדרוק פון הפקר. עס טוט זיך „אַף טיש און אַף בענק", בפרט נאָך, ווען „מ'זעט קיין וועכטער ניט אין דרויסן".

בלאָק קאָנטראַסטירט אָט דעם הפקר־צושטאַנד פון דער מאַסע און די אָפּוועזנהייט פון מורא מיט דער שרעק, וואָס עס באַפאַלט אין דעם מאָמענט דעם בורזשוי —

נאָר איין בורזשוי, די נאָז אין קאָלנער,
באָס קרייץ פון גאַסן שטייט אין שרעק;
דאָבייַ, פון הונגער אַ געשוואָלענער —
אַ קרעציק הונט באַהאַלט זיין עק.

דאָס שטעלן זיך באַ זייט דעם זאַטן, דערשראָקענעם בורזשוי און דעם קרעציקן הונגעריקן הונט, גיט דאָ שייפער'ן אַ געלעגנהייט צו שאַפן איינע פון די אינטערעסאַנטסטע שטעלן אין דער אָראַטאָריע. אינטערע־סאַנט מיט זיין אויסערגעוויינלעכער אָנגעזעטיקטער בילדלעכקייט. שייפער פאַסט ריכטיק אויף דעם הונט מיט זיין עק ווי אַ סימבאָל איבער דער געשלאָגנקייט פון דער אָרדענונג —

אַליין באַם קרייץ פון גאַסן שטייט ער
און שטום ער בליקט און שטום ער פרעגט;
די אַלטע וועלט, ווי זיין באַגלייטער,
זי שטייט אַראָפּגעלאָזט דעם עק.

די אַלטע וועלט גיט זיך דערוויל אונטער. אָבער מ'טאָר זי ניט טרויען. ווער קען גלויבן אַ הונט'ס נאמנות! וואָרנט מען טאַקע:

אַלטער הונט, ניט וואָג צו קריכן,
כ'שינד פון דיר דיין האַרטע פעל!
אַלטע וועלט צום הונט געגליכן,
רוק זיך אָפּ! איך מאַך אַ תל!

דער שרייבער פון די שורות איז אַ מוזיק־ליבהאָבער, אַ צוהערער, וואָס הערט מיטביידע אויערן. און אים דוכט זיך, אַז שיפער האָט דערגרייכט אין דעם אויסטייטש פון די פאָלגנדיקע שורות אַ מייסטער־האַפטע פּולקאָמענקייט מיט די מוזיקאַלישע איינפאַכע איינפאַלן —

נאָר דער ווינט אין אימפּעט פרעבן,
שיסט ער אויס אַ ווילד געלאַך —
טראַך־טאַראַראַך, טראַך־טאַך!
טראַך־טאַך!

און אויב דער פינאַל איז ניט דער, וואָס מיר וואָלטן דערוואַרט אין אַן עפּישער פּאָעמע וועגן דער גרעסטער רעוואָלוציע אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע, איז עס אינגאַנצן ניט שיפער'ס שולד. בלאָק'ן האָט זיך גריילעך געוואָלט פאַרגלייכן די רעוואָלוציע, וואָס איז גערעכט, אין תוך גענומען, אַפילו מיט איר צעשטערנדיקער סטיכייאישקייט, מיט יעזוס פון נאַזאַרעט, וואָס קומט אַרויס פון שטאַל און ווערט דער מלך־המלכים. בלאָק האָט ווי געטראָגן אַ קרוג קוואַל־וואַסער פון אַ וויטן מהלך און אויסגעגאָסן אים אַפן ברעג שוועל. שיפער האָט שוין דאָס וואַסער אין קרוג ניט געקענט אַריינקריגן.

7. די אָראַטאָריע „צוויי ברידער"

דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישסטע ווערק פון דעם צווייטן פּעריאָד, אין שיפער'ס שעפערישן וועג, איז ניט די „קירכן־גלאָקן" און ניט די „צוועלף", אַפילו ניט „משיח בן יוסף", וועגן וועלכן עס וועט אונדז נאָך אויסקומען צו רעדן, נאָר די „צוויי ברידער" פון י. ל. פּרץ.

דער פּעריאָד, ווען שיפער קריגט זיין אינספּיראַציע פון דער

אָקטאָבער־רעוואָלוציע און פון איר קינד, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, קומט צום פולסטן אויסדרוק אין די „צוויי ברידער", ווייל אין דער אָראַטאָריע זיינען שוין פאַראַן ווייניקער אויסנווייניקסטע איינפלוסן פון די קלאַסיקער און שייפער שלאָגט שוין אָן דורכאויסיקע נאַציאָנאַלע קוואַלן. שטייגער־רישע אידישע מעלאָדיעס, אַלטע אידישע מאָטיוון, נוסח־פאַרגליווערטע ניגונים, פראַזן און האַלבע פראַזן פון פיוט, פון די מגילות, פון פאַר־שיידענע תפילות, פון פאָלקס־לידער און חסידישע וואָלאַכס, ווערן אין שייפער'ס מוזיקאַלישער לאַבאָראַטאָריע איבערגעשמאָלצן און, אויב עס איז דערלויבט זיך אַזוי אויסצודריקן, בעמיש פאַרבונדן אין גאַנץ נייע קאָמבינאַציעס, אין נייע מוזיקאַלישע געפלעכטן און אוזאָרן.

אַף שייפער'ן האָבן געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק, פון איין זייט, די פאַרוויסטנדיקע, פאַרניכטנדיקע פּאָגראָמען פון די ווייס־גוואַרדייצעס און פּעטליוראַווצעס אין אוקראַינע, פון דער צווייטער זייט, די נאַציאָנאַלע פרייהייט און אַנטוויקלונג־מעגלעכקייטן, וואָס אידן און אַנדערע אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן האָבן באַקומען דאָרט, וואו עס פלאַטערט די פאָן פון סערפּ און האַמער.

שייפער אַליין איז געקומען פון אוקראַינע. אים זיינען געווען באַקאַנט די נעמען פון די שטעט און שטעטלעך, וואָס זיינען פאַרוויסט געוואָרן פון די שוואַרץ־מאה'דיקע באַנדעס. פאַר אים איז עס ניט געווען גלאַט אַזוי אַין ערגעץ פּאָגראָמען, פאַרוויסטונגען, הריגות און פאַרגוואַלטיקונגען פון אידישע טעכטער. פאַר אים איז עס געווען אַ פּערזענלעכער שרעק־לעכער אומגליק. ער, מיט זיין סענסיטיוויטעט און געזונטן רעוואָלט־חוש, האָט דערפילט דעם שאַרף פון דעם מעסער אַף זיין אייגענער ברוסט.

פון דער צווייטער זייט האָט ער געזען, ווי אין די סאָוועטיש־קאָנטראָלירטע טעריטאָריעס הייבט זיך אָן אַ ניי לעבן באַ די אידישע מאַסן. ניט בלויז זאָרגט זיך די סאָוועטן־רעגירונג וועגן אידישע לייב און לעבנס, וועגן אויפהייבן די אידישע עקאָנאָמיק, וועגן פאַרוואַנדלען די מאַסן לופט־מענטשן באַ אידן אין פּראָדוקטיווע מענטשן, נאָר אויך וועגן דער אידישער קולטור, פאָלקס־שאַפונגען, אידישע שולן, אידישע פאָרשונג־אינסטיטוציעס, ביבליאָטעקן, אַרכיוון, טעאַטערס, א. אַז. וו. ער האָט געזען ווי אַלץ וואָס ווערט געטראָטן מיט די פיס אונטער דער הער־שאַפט פון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן ווערט פון דער סאָוועטן־רעגירונג געפלעגט און געצערטלט מיט אַזויפיל ליבע און גינציקייט.

אַ ספּעציעלן איינדרוק האָט אַף אים געמאַכט דער פאַקט, וואָס די סאָוועטן־רעגירונג גיט זיך אָפּ אַזויפיל מיט אידישער דעמאָגראַפיע און

פֿאָלקלאָר. הייסט דאָך עס, אַז אויך אונזערע אידישע מאַסן האָבן באַשאַפֿן עפּעס אַזוינס, וואָס איז ווערט אָפּצוהיטן, ווערט אויפֿצולעבן, נאָר עס איז בלויז נויטיק אַריינצוגעבן אין זיי אַ מאָדערנעם סאָציאַליסטישן אינהאַלט.

און אין שייפֿער׳ס מוזיקאַלישע אויערן, וואו עס איז געלעגן פֿאַר־ליינגט די מוזיקאַלישע ירושה׳ פֿון אידישע דורות, האָט זיך גענומען רירן. טיף אין אים האָבן דאָך געדרעמלט הונדערטער און הונדערטער אידישע מאָטיוון, וואָס ער האָט אינגלוויז איינגעזאַפּט ווי אַ שוואָם. שייפֿער האָט דערפֿילט אין זיך דעם כוח אַריינצובלאָזן אין די דאָזיקע מאָטיוון אַ נייעם אָטעם, אַראָפּשיילן פֿון זיי דעם מיטלאַלטערלעכן מאָך און אַרומשייערן זיי פֿון זייער פֿאַרעלטערטן ראָסט.

ווען אָט דער דאָזיקער שעפֿערישער קער האָט גענומען אָננעמען ממשות׳דיקע פֿאָרמען, האָט שייפֿער לאַנג געזוכט אַן אַנטשפּרעכנדיקע טעמע, וואו זיין איבערגעשמאָלצענער מאַטעריאַל זאָל קענען אָנגעווענדט ווערן מיט דעם מאַקסימום פֿון ווירקונג. ער האָט געזוכט, גענישטערט עפּעס אַ פֿאָלקסטימלעכע שאַפֿונג פֿון אַ גרעסערן פֿאַרנעם, וואָס זאָל אין דער זעלבער צייט קענען דינען די אינטערעסן פֿון די אידישע פֿאָלקס־מאַסן בכלל און פֿון די אידישע אַרבעטער בפרט.

און אָט די דאָזיקע זוכעניש האָט אים סוף כל סוף דערפֿירט, מיט דער מיטהילף פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעם מוזיקער, אשר מאַנוסעוויטש *), צו פּרץ׳ס פֿאָלקסטימלעכער סאָציאַלער פּאָעמע די „צוויי ברידער“, אַ פֿראַגמענט פֿון זיין דראַמאַטישער פּאָעמע „בא דער פֿרעמדער חופּה־קלייד“.

די „צוויי ברידער“ זיינען, ווי באַוואוסט, אַ מין „קין און הבל“־געשיכטע, וואָס זאָל אין דער פֿאָלקלאָרישער קלייד איבערגעבן די אַנט־שטייאונג פֿון קלאַסן־קאַמף. בעסער געזאָגט, דער פֿאַרזוך אַרויסצוקלאַפּן פֿון די קעפּ פֿון די מאַסן די אַריינגעדויבעטע קוהלת־חכמה, אַז עס איז „נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון“, אַז „אַלץ וואָס איז געווען וועט זיין“. שטענדיק, הייסט עס, זאָלן האָבן די געשרייען פֿון די אונטערדריקטע אָנגעפֿילט די ערד, שטענדיק איז די וועלט געווען אַן עדות פֿון רויבער און באַרויבטע און דעריבער וועט עס שוין שטענדיק אַזוי בלייבן.

פּרץ האָט אין דער פּאָעמע אַף אַ מייסטערהאַפֿטן, אָבער פֿאָלקס־

---

*) לויט דער באַהויפּטונג פֿון לאה שייפֿער, איז דער אָנרעג צו שאַפֿן אַן אָראַטאָריע צום טעקסט פֿון פּרץ׳ס „צוויי ברידער“ געקומען, ווען שייפֿער האָט געהערט די פּאָעמע אין אַן אויסגעצייכנטער רעציטאַציע פֿון אַ שולערין אין דער אַרבעטער־רינג שולע אין שיקאַגאָ צו אַ שול־אונטערנעמונג.

טימלעכן אופן, געפּרואווט עקספּלאָדירן אָט־די דאָזיקע איינרעדעניש און ווייזן, אַז עס הייבט זיך גאָרניט אָן. מענטשן האָבן אַמאָל, פאַרצייטנס, געלעבט ווי ברידער. „אַף יענער זייט ים איז . . .״
שייפער׳ס גרויסע מבינ׳ישע אויגן האָבן גלייך דערקענט דעם דימענט.

:: :: ::

די מוזיקאַלישע פּראָבלעם, וואָס איז געשטאַנען פאַר שייפער׳ן אין צוגיין צו די „צוויי ברידער״, איז אָבער געווען ניט אַזאַ איינפאַכע. בעת דער טאָן פון דער באַלאַדע איז דורכגעדרונגען מיט חנ׳עוודיקער פאָלקס־תמימות און פּשוט׳ן, עמכ׳דיקן רייץ, זיינען אָבער די באַגלייטנדיקע אַקאָרדן דורך און דורך סימבאָלישע. פּרץ באַנוצט זיך מיט דער שלאַנג ווי דער פאַרפירערישער שטן, ניט בלויז ווייל אַלע „בראשית׳ן״ פון די פאַרשיידענע פאָלקס־סאַגאַס האָבן זיך באַנוצט מיט דעם „נחש־הקדמוני״, נאָר אויך דערפאַר, וואָס די שלאַנג מיט איר שימערירנדיקער פעל, מיט איר „פּראַכט און גלאַנץ״, סימבאָליזירט אַמבעסטן די גאָר־ניט לעגענדאַרע רייכטימער פון גרויס־קאַפּיטאַל, וואָס דערשיינען אין דער פאַנטאַזיע פון די אָרעמע מאַסן אין געשטאַלט פון גינגאָלד און קרעלן, שמאַראַגדן און בריליאַנטן.

פון אַלע חיות איז דאָך טאַקע די שלאַנג די סאַמע צוגעפּאַסטסטע צו פאַרקערפּערן מיט זיך דעם קאַפּיטאַליזם. פון אויבן אויף דער בלישטש, דער צויבער, די פּראַכט פון „פרייהייט״ און „וואוילזיין״ — די פאַרק און 5טע עוועניוס, און אינעווייניק — דעם סם, דער גיפט, די טויטלעכע סליונע — זיין דיקטאַטור, 10טע עוועניוס און סלאָמס...

פּרץ טוט דאָס זעלבע בנוגע דעם סימבאָל פאַר עקספּלואַטאַציע. „אַ שטאָך מיט אַ נאָדל — דו האָסט שוין אַ קרעל״. סיי אין דער אַלגעמיינער טעמע — „בא דער פרעמדער חופּה־קלייד״, און סיי פאַר די, פאַר וועלכע ער שרייבט, פאַר די „שוסטער און שניידער״, קירזשנער און מאָדיסטקעס, איז די נאָדל היימיש מיט איר שפּיץ, פון אונטער וועלכער עס שפּריצט בלוט אונטערן קאַפּיטאַליזם.

שייפער האָט געדאַרפט האָבן אין זינען, אַז אין זיין מוזיקאַלישן געוועב, וואָס מוז זיין דורכאויס ליכט, פאָלקסטימלעך און נוסח׳דיק, זאָל זיך דורכפלעכטן אָט־דער העל־בלאָער סימבאָלישער בליץ, וואָס פּרץ שליידערט מיט זיין מעכטיקער האַנט. אָן אויפגאַבע אַ שווערע. ביידע עלעמענטן מוזן זיך צונויפגיסן אַטאָמיש, ווען ניט וועט זיך פילן אַן אומבאַהאָלפענע פאַרצעלאַציע, אַ פרעמד־פאָרנדיקייט אָנשטאָט אַן אָרגאַנישן צוזאַמענוואוקס.

אָבער שייפער׳ן האָט זיך גלענצנדיק איינגעגעבן בייצוקומען אָט די אַלע שוועריקייטן דורך זיין רייכער מוזיקאַלישער דערפינדערישקייט.

לכתחילה האָט ער געהאַט אין זיין פּלאַן צו שרייבן די קאָמפּאָזיציע פאַרן געמישטן כאָר און אַ סימפאָנישן אָרקעסטער, אָבער די מיטלען פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן עס ניט דערלויבט. שייפער האָט מיט וויטיק אין האַרצן צוגעשטימט צו אַ שטרייך־אָרקעסטער, און אַזוי איז עס שוין געבליבן. עס איז אַרויסגעקומען אַ שיינע אָווערטורע פאַר די שטרייך־אינסטרומענטן, וואָס דער מוזיק־פּראָפעסאָר אַדאָלף ווײַדיג האָט באַטראַכט פאַר אַ וויכטיקער אַרבעט.

דער אָרקעסטער אין זיין פּרעליוד נעמט זיך אויסשפּינען די קאַנווע פון פּאַרצייטיקייט, פון דעם „אַמאָל״. דינע, לאַנגע, זילבערנע פעדים ציען זיך אַוועק אין גראָ־טונקעלע ווייטקייטן. די פידלען פאַרגייען זיך אין זיסע, אידילישע פיין־טענער, באַרירן כמעט דעם סאַמע סופיט פון דער אַלטער גראָער צייט, און וועבן אויס דעם הינטערגרונט פון דער באַלאַדע. אין דער זעלבער צייט לאָזן זיך די טשעלאָס און באַסן אַראָפּ אָף זייערע סאַמע נידעריקסטע ברום־טענער, און פּרובירן דערגרונטעווען דעם תהום פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט.

דער אָרקעסטער רעפערירט, אַזוי צו זאָגן, איבער די הויפּט־מאָטיוון, וואָס וועלן שפּעטער אַריינגעבראַכט ווערן פונעם גאַנצן אַנסאַמבל, סקיצירט אויס זייערע הויפּט־קאָנטורן און צייכנט אָן זייערע סילועטן. עס דערפילט זיך גלייך די אַלטע אידישע היימישע סביבה פון באַקאַנטע און האַלב־באַקאַנטע ניגונים.

דער באָדן איז צוגעגרייט פאַרן כאָר. ער הייבט אָן מיט געמאָסטענע טריט דורכגיין דעם אָנהייב פון דער באַלאַדע —

אָף יענער זייט ים איז געשטאַנען אַמאָל
אָף הינערשע פיסלעך, אַ הייזל אין טאָל.

עס איז אין אָנהייב כמעט נישטאָ קיין פיל־זייטיקע מעלאָדיע. עס זינגט זיך רעציטאַטיוו־מעסיק, איינפאַך און פּראָסט, ווי דאָס הייזל — „אָן פּוצעכץ, אָן צירונג — פון ליים און פון האָלץ״. אָן אידיליע ניט קיין צוויבערהאַפטע, נאָר אַ פּשוט׳ע, אַ רוהיקע. די פרויען־שטימען דאָמינירן אין דער שטיל־איינגעהאַלטענער שילדערונג, ווי —

לבנה און שטערן פאַרהאַלטן זיך גערן
און מאָלן מיט זילבער די שויבן.

און באַלד קומט דער גאַנצער כאָר אַרויס אין אַ פאָרטאַ־אויפבראַוז פון אַ מאַסן־דערקלערונג, אַז אַט די רואיקע אידיליע איז אַ באַלוינונג „פונעם הימל", דערפאַר ווייל די צוויי ברידער, וואָס האָבן געוואוינט אינעם הייזל, האָבן צוזאַמען געאַרבעט געטריי — „שווער איז די אַרבעט, נאָר ס׳אַרבעט זיך פריי". דער אויפבראַוז ווערט באַלד איינגעצויגן אין אַ ווייטערדיקער געמיטלעכער און איינפאַכער נאַראַטיווער פאָרם —

וויים איז דאָס מעבל, מיט קלייען דאָס ברויט,
נאָר אַלץ איז בשותפות — די פרייד און די נויט.

וויפיל פשטות, פאָלקס־גוטסקייט און פאָלקסטימלעכן יושר שייפער ברענגט דאָ אַרויס אין דער עלעמענטאַרער מעלאָדיע און ווי שעפעריש עס איז זיין איבערגעבן די לאַנג־דויערדיקייט פון דעם פרימיטיוון קאָמונע־לעבן — „ס׳האָט זיך געלעבט, די צייט האָט געוועבט איר לאַנגן, איר כשר׳ן פאָדים" — די מעלאָדיע פאַרפלעכט זיך, פאַרפלאָנטערט אירע פעדים, כדי צוצוגעבן בילדלעכן אויסדרוק די לאַנגע צייט, וואָס פאַרגייט און צוצוגרייטן דעם קאָנטראַסט, וואָס עס ווערט, ווען עס הייבט זיך אָן צו אַנטוויקלען דער „ויהי", די צרה — די שלאַנג איז דאָ —

נאָר איינמאָל באַווייזט זיך אַ גאַסט אַף דער שוועל,
פול גינגאָלד, שמאַראַגדן, ס׳פינקלט זיין פעל.

דער סטאַקאַטאָ־איבערגאַנג און דער פאַרשנעלערטער ריטם אילוס־טרירן מוזיקאַליש די נייע ווענדונג אין דער געשיכטע פון די צוויי ברידער. דער אָרקעסטער צערודערט זיך און אַקצענטירט די איבעראַשנדיקע דער־שיינונג פון דעם גאַסט און דער כאָר חזר׳ט איבער צוויי מאָל, חידוש׳נדיק זיך מיט וואָס פאַר אַ פראַכט און גלאַנץ די שלאַנג איז עס געקומען, ביז די באַסן שטעלן זיך אָפּ אַפן עלטערן ברודער — „דער עלטערער ברודער דערזעט זי און טראַכט" — אין אַ מינאָרנעם, באַדויערנדיקן געמיט, איבער׳חזר׳נדיק דריי מאָל „און טראַכט" און אָנוואַרפנדיק מיט דעם דעם דויערנדיקן ישוב־הדעת און די מעדיטאַציע, אַז —

עס איז אַף דער וועלט דאָך עשירות פאַראַן —
ווען איך האָב אַ שמאַראַגד, איך אָרעמער מאַן,
כ׳פאַרקויף אים, וואָס ניט?
כ׳וואָלט אַפן יריד געקויפט מיר צו מעלקן אַ קו!

צוויי מאָל ווערט דער דאָזיקער פערז איבערגע׳חזר׳ט, אָבער דער רעציטאַטיוו דערגרייכט צום צווייטן מאָל אַ שנעלערן טעמפּאָ און עס וואַקסט באַ שייפער׳ן אָן אין דער מעלאָדיע אַלץ מער התלהבות און

פֿאַרשטעלונג־קראַפֿט פֿון דעם אָרעמען פּשוט׳ן מענטשן, וואָס ער וואָלט געטאָן, ווען ער וואָלט רייך געוואָרן. שייפֿער בלייבט אַפֿילו אין פּרצ׳ס סאַרדאָנישן דעטאַל וועגן קויפֿן אַפּן יריד אַ קו, געטריי צום טעקסט און דריידלט אויס אַ הומאָריסטישע פֿיגור, וואָס בלייבט אין דער זעלבער צייט אויפֿריכטיק און נאַאיוו.

די שלאַנג פֿאַרשטייט וועגן וואָס דער בחור טראַכט. זי רופֿט אים אָוועק אָן אַ זייט און גיט אים אָנצוהערעניש, אַז עס איז גאָרניט אַזוי שווער פֿאַר אים רייך צו ווערן. די שלאַנג דערשיינט דאָ אין דער סאָפּראַנאָ־סאָלאָ, וואָס כּישופֿ׳ט מיט איר פֿאַרפֿירערישער שטימע. דער טעמפּאָ פֿון דעם רעציטאַטיוו איז דאָ זייער אַ שנעלער. די שלאַנג קען דאָך ניט שטיין אַזוי לאַנג און רעדן מיט אים אין געגנוואַרט פֿון זיין ברודער. אירע ווערטער זיינען ווי אָפּגעטעסטע, קורצע, און פֿיל־מיינענדיקע. דאָס איבעריקע וועט זי געניער דערקלערן אים אין וואַלד.

אויך דער אינגערער בחור, דער גאַנצערער און ניט־דורכגעטריבענער, האָט געזען די פּרעכטיקע שיינקייט פֿון דער שלאַנג, אירע רייכע קאָלירן און שעמערירנדיקע פֿעל־פֿלעקן. אָבער אים פֿאַלט גאָרניט איין קיין שום שלעכטע מחשבה. ער באַוואונדערט בלויז איר שיינקייט. אין דער צייט, וואָס „באַ דעם עלטערן ברודער פֿלאַמט שוין די תאווה אין אויג" און ער שטעלט זיך שוין פֿאָר די בערג קרעלן, דימאַנטן און בריליאַנטן, וואָס אים דערוואַרט, אויב זי, די שלאַנג, וועט אים ניט אַנטוישן און האַלטן איר וואָרט.

דעם דאָזיקן דורכגאַנג טיילט־צו שייפֿער ווידער דעם כאָר. די מעלאָדיע איז דאָ אויך רעציטאַטיוו אויסטייטשעריש פֿאַר יעדן בויג. שייפֿער שטעלט זיך אַפֿילו ניט אָפּ דאָ אַריינצופֿלעכטן אַ גאַנצע פֿראַזע פֿון דעם באַקאַנטן פֿרעדאָמינירנדיקן איכה־מאָטיוו — „באַם עלטערן פֿלאַמט שוין די תאווה אין אויגן" — אָט אין דער תאווה זעט שייפֿער דעם אָנהייב פֿון דעם גאַנצן חורבן פֿונעם פֿריערדיקן רואיקן פּאַטריאַרכאַלן לעבן און דער עלעגיע־טאָן פֿון איכה איז דאָ אַזוי עכט אַריינגעוועבט, אַז איר פֿילט גאָרניט, ווי דאָס איז אָן אַרויסגעפֿליקטע גאַנצע פֿראַזע.

דער עלטערער ברודער נעמט שוין ניט אַראָפּ קיין אויג פֿונעם וואַלד. דאָ באַגייט ער שוין דעם ערשטן פֿאַרראַט קעגן זיין אינגערן ברודער. ער גנב׳עט זיך אַרויס פֿון אים צו דער שלאַנג. ווי פֿאָלקסטימלעך דראַמאַטיש שייפֿער גיט עס איבער דעם מאָמענט!

דאָן גיט שייפֿער דעם אָרקעסטער די געלעגנהייט אַרומצופֿראַזן דעם פֿאָלקסטימלעכן שטאָף מיט מאָדערנער אָרקעסטראַלער אָרנאַמענטאַציע

און דאָס שאַפט דערוויל אַן אינטערוואַל צווישן דעם שוין־דערציילטן און דאָס וואָס דאַרף קומען. דער כאָר הייבט אָן אַרויסצוטויכן אין אַ לאַנגזאַמען באַלאַדיסטישן טעמפּאָ —

די זון גייט שוין אונטער, פאַרגילדט נאָך די זוים
פון וואָלקן אין הימל ; און אונטער אַ בוים
זיצן שוין ביידע — דער מענטש און די שלאַנג :
זיי זיצן צוזאַמען און שמועסן שוין לאַנג.

ווי האַרציק און בענקשאַפטלעך עס ציט זיך די מעלאָדיע. איר פאַלט איינגאַנצן אַרונטער אונטער דער שקיעה־שטימונג, וואָס איז אָנגעשפּאַנט מיט אַזויפיל דערוואַרטונג. אַזוי איז זיך דער פאָלקסטימלעכער ישיבה־בחור צעגאַנגען אין בין־השמשות אין זיין האַרצנאָגנדיקן בענקשאַפטלעכן מאָטיוו בא אַ מיסטישער שטעלע אין דער גמרא. שייפער שפּינט איבער די דאָזיקע פאַרעלטערטע און שוין צעדריבלטע גמרא־צוויטן אין זיידענע פעדים פון נאָבעלער שיינקייט.

ער ציטערט און ווייסט ניט — פאַר פרייד, צי פאַר שרעק.
זי וויקלט דאָס האַרץ אים אַרום מיטן עק.

דאָ אַנטפּלעקט זיך ווידער אונזער קאָמפּאָזיטאָר ווי אַ קינסטלער־מאָלער. ער באַפרידיקט זיך ניט בלויז מיט איבערגעבן דורך דער־ציילערישע קלאַנגען־קאָמבינאַציעס, ווי זי וויקלט אים אַרום מיטן עק דאָס האַרץ. שייפער באַגרייפט זייער גוט דעם סימבאָל פון דער שלאַנג׳ס עק און ער פילט ווי ער מוז עס גריילעך אונטערשטרייכן. און ווי קען מען עס נאָך בעסער אונטערשטרייכן ווי דורך רופן צו הילף נאָך אַ חוש אונזערן — דאָס זען ? שייפער מאָלט אויס דאָס וויקלען דורך פיר רעפּעטיטיווע ריטמען. ער איז דאָ, ווי אין פיל אַנדערע פלעצער, ווי אַ מכשף : ער מאַכט אונזער אויער זען און אונזער אויג הערן.

די שלאַנג הייבט אָן איר פראָוואָקאַטאָרישע אַרבעט. מיט איר גלאַטן צונג שילדערט זי פאַרן גייציקן ברודער וואָס פאַר אַ פאַרמעגנס ער קען אָנזאַמלען פון איינשפּאַנען זיין איינגערן ברודער און מאַכן פון אים אַ פאַבריק, מאַכן אים האַרעווען מיט די לעצטע כחות, מיט שוויים אַף זיין שטערן — „ס׳טריפן די טראָפּן . . . ער ווישט מיט דער האַנט ; לאָז ניט ! דער טראָפּן דאָס איז אַ דימאַנט !" די סאָלאָ סאָפּראַנאָ, וואָס אינטער־פּרעטירט די שלאַנג, וויקלט דאָ פאַנאַנדער אין אַ רעציטאַטיווער פאַר־פירערישער מעלאָדיע די גאַנצע פּערספּעקטיווע פון פאַרוואַנדלען דעם איינגערן ברודער אין אַ קוואַל פון ריזיקע פאַרמעגנס, פון פעסער בריליאַנטן.

עס טרעפט און אים פּאַלט פון די ברעמען אַ טרער;
דו, שוטה, דו מיינסט — עס איז וואַסער, ניט מער.
דו טרייסט אים, און האַלזסט אים, דו האַלסט עס ניט אויס,
און קושט אים די טרערן פון די אויגן אַרויס.

אויך דאָ איז די מעלאָדיע פּאָלקסטימלעך־רירנדיק, צאַרט, שוין צו צאַרט. שייפּער איז דאָ צוזאַמען מיטן עלטערן ברודער פאַרפירט געוואָרן פון דער שלאַנג׳ס זיסע ווערטער. ער האָט אָף אַ ווײַלע פאַרגעסן, אַז דאָס רעדט די שלאַנג, און לייגט אַרײַן אין איר טריפה׳נעם פּיסק אַ „כשר׳ן" אָטעם־פאַרכאַפּנדיקן פּאָלקסטימלעכן מאָטיוו. שייפּער אַליין לאָזט זיך אָבער לאַנג ניט פאַרפירן. אַזוי שנעל ווי זי הייבט אָן צו „דער־ווייזן" אים, אַז יעדע טרער פון זײַן ברודער קען ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ בריליאַנט פאַר דעם רייכטום־גײַציקן ברודער, אַזוי גיט שוין שייפּער אַ פאַרקירעוועט דעם מאָטיוו אין אַ בלוט־גיריקן קאַנאַל.

די שלאַנג וויל, אַז דער אײַנדרוק פון אירע ווערטער זאָל זײַן ווירק־זאַמער. שייפּער לאָזט דאָ דער שלאַנג (סאָפּראַנאָ) אין שנעלע ריטמען אַנטפּלעקן פאַרן עלטערן ברודער דעם סוד, ווי אַזוי ער וועט קענען דורך אַ שטאָך פון אַ נאָדל אין ברודער׳ס הויט באַקומען טײַערע קרעלן — „בלוט זאָגסטו איז עס, בלוט — זאָגסטו — אַ קאַפּ, דו נאַר! עס איז קרעלן, דו צאַפּ נאָר און צאַפּ"...

די דאָזיקע סאָלאָ איז זייער אַ לאַנגע. געוויינלעך אַנטהאַלטן אין זיך לאַנגע סאָלאָס די געפאַר צו ווערן מאָנאָטאָן, ווען זיי זײַנען אין רעציטאַ־טיווער פאָרם. דער קאָמפּאָזיטאָר קען זיך אויך ניט האַלטן צו פרײַ, ווײַל ער דאַרף שטענדיק אין זינען האָבן צו געבן די פּינקטלעכע דיסאַטורע לויט דעם דיאַפּאַזאָן פון דעם סאָלאָ־זינגער, ספּעציעל ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ סאָפּראַנאָ. שייפּער איז אָבער מייסטערהאַפט איבערגעקומען די דאָזיקע געפאַר דורך זייער געשיקטע מאָדולאַציעס און איבערגאַנגען און דורך אַ פאַרשנעלערטן טעמפּאָ, אומעטום, וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

נאָך דער סאָלאָ קומט ווידער אַן אינטערוואַל. דער אָרקעסטער הויבט אויף דעם פאָרהאַנג פאַר דעם דריטן און לעצטן אַקט פון דער דראַמע און גרייט צו אַ נייעם אַספּאַלט־וועג פאַרן כאָר.

די ליפּן פאַרביסן, די פויסטן געבײַלט
גייט שוין דער עלטערער ברודער פון וואַלד,
די אויגן זיי ברענען און זומען זיך שוואַרץ,
דאָך צאַפּלט די ליבע צום ברודער אין האַרץ.

דער כאָר עפנט אויף פּאַרטיסימאָ, פונן־אַרטיק ביז ער דערגייט צו דער פערטער שורה, וואָס ער פאַרענדיקט אין אַ מעדיטאַטיוון מינאָר און לאָזט די באַסן, וואָס פּערזאָניפיצירן דעם עלטערן ברודער, פּאַרטיפן די דאָזיקע מעדיטאַציע — „איך וועל דאָך נאָר מאַכן אַ פּרואָוו, אַ שטאָך וועל איך געבן אַ קליינעם ניט טיף"; שייפער דערגרייכט דאָ אַ הערלעכן רעזולטאַט מיט איבער'חזר'ן דעם ערשטן טייל פון דער פראַזע צוויי מאָל און ברענגט אַרויס דעם „כשר־חזיר־פּיסל"־שטריך פון דעם, אַף אַ רגע געוויסן־געפּלאָגטן, עקספּלואַטאַטאָר, וועלכער וועט בלויז מאַכן אַ פּרואָוו־שטאָך, ניט קיין טיפן. און באַלד קומט אָן זיין באַרואיקונג:

מיין ברודער? איך ווייס!
נאָר טרערן און שוויס, הערסטו דאָך, זיינען בריליאַנטן!

און שייפער גיט טאַקע אַ שנעלן קערעווע אויס דעם פריערדיקן לאַנגזאַמען מעדיטאַטיוון ריטם אין אַ שנעלערן. די חרטה איז בלויז גע־האַנגען אַף איין האָר. זי האָט סוף כל סוף ניט אויסגעהאַלטן. און ווי קען זי אויסהאַלטן, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַזאַ זאַך ווי בריליאַנטן!

ווידער דער כאָר. ווידער אַ פאָלקסטימלעכער עלעגיע־מאָטיוו, וואָס איר וואָלט געקענט שווערן, אַז איר האָט אים אין ערגעץ געהערט, אַזוי איינגעבאַקן אין הארצן איז ער אייך. עס איז אָבער ניט־ריכטיק. דעם מאָטיוו האָט שייפער אויסגעוויקלט פון זיין אייגענער רייכער פאַנטאַזיע אין אַזאַ נאָענטקייט און קרובה'שאַפט מיט פאָלקס־מאָטיוון, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעשמאָלצן און סינטעטיזירט, אַז עס דוכט זיך אונז, אַז מיר האָבן עס שוין ווען עס איז געהערט — יאָ, דעם ערשטן טייל פון דער פראַזע האָבן מיר פריער געהערט אין — „דער עלטערער ברודער דערזעט זי און טראַכט", אָבער זי נויגט זיך גלייך אָוועק —

עס הערט די לבנה נאָך די אייגענע נאַכט,
ווי עס האָט אינעם שטיבל געוויינט און געלאַכט.
עס קוקן די שטערן אין פענצטער אריין:
ווי לאַכט עס אַ ברודער באַם ברודער'ס געוויין?!

אַזוי תמימות'דיק! אַזאַ גערעכטער פאָלקס־צאָרן און פאַרוואונ־דערונג! און ווען די זון גייט אויף אין דער פרי וואונדערט זי זיך אויך אַזוי עלעמענטאַר שטאַרק: „ווי שלאָגט עס אַ ברודער דעם צווייטן אין קאַרק?" און ווער וואונדערט זיך ניט? אפילו דער וואַלד און דער טייך קענען ניט פאַרשטיין, וואָס איז דאָרטן אין שטיבל געוואָרן. שייפער אינטערפּרעטירט די דאָזיקע דורכגאַנגען אַזוי איינפאַך לייכט און אַזוי האַרציק, אַזוי נאָענט!

דער כאָר נעמט זיך דערציילן דעם וויסטן סוף, ווי אַףביידן קומט סוף כל סוף גאָט׳ס שטראָף — ס׳איז פאַרשוואונדן דאָס גליק, די פריער־דיקע רואיקייט, די געמיטלעכקייט און דער געזונטער, האָרעפּאַשנער שלאָף, דער פרידן איז אין ערגעץ אַוועק, — „דער שלאָפט ניט פאַר ווייטיק, דער צווייטער פאַר שרעק".

דער שרייט: ס׳איז מיין עשירות, מיין רייכטום, מיין גוט!
און יענער: ס׳איז טרערן, מיין שווייס און מיין בלוט!

די באַסן אין פערזאָניפיקאַציע פונעם עלטערן ברודער שרייען אויס מיט סטירדעס, מיט חוצפה׳דיקייט — „מיין עשירות", און דער כאָר, פערזאָניפיצירנדיק דעם אינגערן, בעט זיך רחמים — „מיין שווייס און בלוט".

און דאָ רוקט זיך אָן דער סאַמע סוף. מעפיסטאָפעליש קייכט מען אין ערגעץ פון געלעכטער און מ׳לאַכט זיך, מען פאַסמאַקעוועט זיך:

דיאָם־דיאָם, דיאָם, דיאָם,
אַף יענער זייט ים —
רייסט מען זיך שוין באַ די האָר!

פּרץ האָט בלויז געזען דעם קלאַסן־קאַמף. ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין אויסגעהאַלטענעם זיכערן גלויבן אין דעם זיג פון דעם אַרבעטער־קלאַס. דערגייט ער ניט; דערפירט ער ניט. לאָזט ער אונז איבער אין סאַמע מיטן מיט דעם צעשטשירעטן מעפיסטאָ־געלעכטער. ווען די מוזיק זאָל דאָ בלייבן געטריי צום טעקסט, וואָלטן מיר דאָ געדאַרפט הערן אַ הילכיקן כאַ־כאַ־כאַ. וואָס טוט אָבער שייפער? ער וועט דאָך אונז ניט לאָזן אַזוי אינמיטן; ער וועט דאָך ניט צולאָזן, אַז מעפיסטאָ׳ס געלעכטער זאָל אונז צעטומלען — דערלויבט ער זיך צו קאָרעגירן פּרץ׳ן דורך אַ פינאַל, וואָס גליט אַזוי אָן אין עטלעכע רעפּעטיטיווע וואַלן די ראַנגל־אַטמאָספערע, אַז באַ אייך קען ניט בלייבן קיין שום צווייפל ווער עס וועט זיגן.

אין שייפער׳ס אינטערפּרעטאַציע ווערן די „צוויי ברידער" דערהויבן פון אַ שפּענגלערישער גייסטער־באַשווערונג און ירידה פון ציוויליזאַציע צו אַ פאָלקסטימלעכן קאַמפס־אויסדרוק, צו אַ געראַנגל אַף לעבן און טויט צווישן די מיליאָנען האָרעפּאַשניקעס און די געציילטע פּאַראַזיטן, צו אַ געזונטן אָפּטימיסטישן גלויבן אין זיג — סיי איבער דער שלאַנג, סיי איבער די שלאַנגען־באַשווערער.

8. די אָראַטאָריע „משיח בן יוסף״

אויסערלעך קען עס אפשר אויסקוקן ווי אַ צופאַל, וואָס שייפער האָט זיך גענומען צו אַזאַ אויסטערלישער און סימבאָלישער טעמע, ווי צו ביינוש שטיימאַנס „משיח בן יוסף״. עס קאָן הייסן, אַז שייפער האָט געזוכט אַן אָריגינעלע טעמע פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און האָט זיך צופעליק אָפּ־געשטעלט אויף שטיימאַנ׳ס דראַמאַטישער פּאָעמע, ווייל גראָד זי איז אים געקומען אונטער דער האַנט, אָדער איינער פון די חברים האָט זי אים רעקאָמענדירט. מעגלעך, אַז אויסערלעך איז עס אפילו פּאַקטיש אַזוי פאָרגעקומען.

אָבער מיר, מאַרקסיסטן, נעמען אָן צופאַלן בלויז אין רעלאַטיוון זינען. אין אַן אַבסאָלוטן זין איז אַ צופאַל ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין קיין צופאַל. ער קומט דאָך פאָר אין אַ געוויסער צייט און אין אַ געוויסן אָרט און דעריבער איז דער צופאַל אַ רעזולטאַט פון אַ גאַנצער ריי באַדינגונגען אין וועלכע ער, דער צופאַל, איז מעגלעך געוואָרן.

אין דעם פאַל דאַרפן מיר האָבן אין זינען, אַז שייפער האָט, ווי אַלע אמת׳ע קינסטלער, באַזעסן אַ טיף־פאַרצווייגטע אינטואיציע, וואָס האָט זיך אין ערגעץ באַ אים צוזאַמענגעפּאָרט מיטן נאַטירלעכן געזונטן חוש פאַר די עמפּינדונגען פון די סאַמע ברייטסטע אידישע מאַסן. אויב זיינע הענט האָבן זיך געצויגן צו אַ טעמע, האָט ער אין איר דערשפּירט, מיט רעכט אָדער ניט, אַז זי וועט האָבן אַ טיפן אָפּקלאַנג באַם ברייטן עולם, און, הויפּטזאַכלעך, אַז אין זיין רייכער וועלט פון מעלאָדיעס, אין וועלכע ער שווימט אַרום, איז אָפּגעהיט אַ ספּעציעלער ווינקל פאַר דער דאָזיקער טעמע.

שייפער, אַרבעטנדיק לאַנג אויף צו באַפרייען זיך פון זיינע נאַציאָ־נאַליסטישע איבערבלייבענישן, האָט זיך — צום גליק — קיינמאָל ניט „באַפרייט״ פון זיין נאַציאָנאַלער עמפּינדונג. אפילו אַלס מאָמענטאַנע רעאַקציע איז ער קיינמאָל ניט געוואָרן קיין נאַציאָנאַלער ניהיליסט. ער האָט עס ניט געקענט ווערן. ער איז אויפגעוואַקסן צווישן די טיפענישן פון די אידישע מאַסן און האָט מיט זיי שטענדיק געלעבט. ער האָט געוואוסט ווי טיף די משיח־לעגענדע איז צווישן זיי פאַרוואָרצלט. גלייכ־צייטיק האָט ער קלאָר פאַרשטאַנען ווי שעדלעך עס איז פאַר די אידישע מאַסן אָנצוהאַלטן די לעגענדע אין איר אָרטאָדאָקסאַלער פאָרם: זיצן און וואַרטן מיט פאַרלייגטע הענט אויפן אָנקום פון אַ משיח, וואָס וועט שוין אַלץ אָפּטאָן. ער האָט געוואוסט ווי צונויפגעפּאָרט עס איז די

לעגענדע מיט „יענער וועלט" און מיטן מבטל זיין די וועלט, וואָס איז „בלויז אַ קאָרידאָר". בײַ אים איז אויסגעקומען, אַז דאָ האָט ער, דורך שטיימאַנ׳ס פּאָעמע, די געלעגנהייט מתקן צו זיין די לעגענדע און איבער־שמידן זי אין אַ רעוואָלוציאָנער געווער, אָנשטאָט אַ קייט וואָס ליגט אַפן האַלז פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן.

עס איז אָבער שייפער׳ן קיינמאָל ניט איינגעפאַלן, אַז די דאָזיקע טעמע, ווי זי איז באַהאַנדלט געוואָרן פון שטיימאַנ׳ען, איז קנאַפּ־וואָס מסוגל געווען צו ווערן דאָס רעוואָלוציאָנערע געווער, וואָס שייפער האָט זיך פאָרגעשטעלט. שטיימאַן אַליין איז נאָך קיין פולער באַוואוסטזיניקער רעוואָלוציאָנער ניט געווען; קיין פּראָלעטאַרישער קינסטלער — אודאי ניט. ער האָט נאָך אַליין טיף געשטעקט אין מיסטישע פאַרנעפּלטע וואַסערן. עס איז בלויז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרמעסט, אַ ראַזמאַך פון אַ קלאַפּ, וואָס האָט אין ערגעץ ניט געטראָפן.

מיט אַלע ליבעראַלסטע אויסטייטשונגען, וואָס עס קאָנען געגעבן ווערן שטיימאַנ׳ס סימבאָלן אין דער פּאָעמע, פאַרבלייבט זי אַלץ פאַרוויקלט אין פּילפּאַכע מיסטישע שלייערן, און דאָרט וואו עס פעלט קלאָרקייט — פעלט ליכט, פעלט דער קינסטלערישער אמת.

דאָס מיינט בשום אופן ניט, אַז שטיימאַן איז בײַ אונז געווען אַ פרעמדער, אַ פאַרבלאָנדזשעטער, וואָס די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אַריינגעשליידערט צו אונז אין לאַגער מיט איינער פון אירע כוואַליעס. ניין. שטיימאַן האָט, ווי עס ווייזט אויס, באַוואוסטזיניק געלאָזט זיך אַף דער באָלשעוויסטישער כוואַליע. מער ניט — ער האָט נאָך ניט דערוויזן אין איר זיך אַרומצוטעסען און אָנצונעמען זיך מיט אירע שאַרפע, מוח־וועקנדיקע זאַלצן. ער האָט נאָך ניט דערוויזן צו באַפרייען זיך פון דעם ליטעראַרישן באַלאַסט אין צאַרישן רוסלאַנד.

אין „משיח בן יוסף" פילט זיך דעריבער אַ היפּשער נאָך־טעם פון אַ מערעזשקאָווסקי און אַנדערע גאָט־זוכער, מיסטיקער, פאַטאַליסטן, וואָס האָבן געפונען פאַר זיך אַ ספּעציעל גוטן באָדן אין די רעאַקציע־יאָרן פון 1907 און ווייטער; דעמאָלט, ווען די שוואַכע און אַנטוישטע אין דער רעוואָלוציע האָבן זיך געזוכט צו ראַטעווען אָדער אין שיכרות, הולטאַיסטווע און סאַניניזם, פון איין זייט, אָדער אין מיסטיק און פאַטאַליזם פון דער צווייטער זייט. פאַר די לעצטע איז די פאָרם פון סימבאָליק געווען ווי אָנגעמאָסטן. אין טונקעלן לאַבירינט איז גרינגער צו ציען פון מויל בלענדנדיקע סטענגעס.

די משיח־לעגענדע בכלל איז ניט קיין אייגנטימלעך אידישע. דער

בוכשטעבלעכער באַטייט פון משיח איז אַ געזאַלבטער פון גאָט. די אידישע מלכים און כהנים גדולים פלעגן געזאַלבט ווערן מיט אַ ספּעציעל גע־לייטערטן בוימל. אָבער מיר געפינען געזאַלבטע מלכים אין עגיפּטן און סיריע אַזוי פרי נאָך ווי אין 1400 יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, ווען ס׳איז נאָך אינגאַנצן ניט געווען קיין אידיש לאַנד און ממילא ניט קיין אידישע מלוכה.

אין די צייטן פון פאַר דער אידישער מלוכה, ווען די אידישע שבטים אין כנען האָבן געליטן פון אָפטע איבערפאַלן פון די שטאַרקערע שכנישע מלוכות, פלעגן זיי וואַרטן און בענקען נאָך אַ מושיע, אַ העלפער, אַ פירער, וואָס זאָל זיי פאַראייניקן און פירן אין קאַמף קעגן זייערע אָנפאַלער. דער קלאַנג פון דעם וואָרט האָט זיך אַזוי איינגעקריצט אין זייער אונטער־באַוואוסטזיין, אַז ער האָט זיך, אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער, ווען די אידישע מלוכה איז שוין געווען אַ צעטיילטע, אָפט צוזאַמענגעקרייצט זיך מיטן פאַרלאַנג פון אַ פאַראייניקטער, שטאַרקער און „יושר׳דיקער" מלוכה, וואו עס זאָל קיניגן אַ משיח, אַ געזאַלבטער פון דער דוד־דינאַסטיע.

אַ גאַנצע ריי „נביא׳אישע" דיכטער, ווי ישעיה, מיכה, ירמיה, און שפּעטער דניאל און זכריה, זינגען הימנען דעם קומענדיקן געזאַלבטן פון גאָט, וואָס וועט „קיניגן מיט גערעכטיקייט". כאָטש ניט שטענדיק איז דער געזאַלבטער, משיח, געווען פון דער דוד־דינאַסטיע. צומאָל איז אפילו אַ ניט־איד גאָר אָנגערופן געוואָרן „משיח" — „כה אמר אדוני למשיחי לכורש". כורש איז געווען אַ פּערסישער קעניג אין 6טן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג.

אין דעם 2טן און 1טן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, ווען די אידן, פּונקט ווי אַנדערע שוואַכערע פעלקער, זיינען אונטערדריקט געוואָרן פון די סירישע גריכן און שפּעטער פון די רוימער און פון די מלכים, וואָס זיי האָבן אַרויפגעזעצט, האָט זיך באַ די ברייטע פאָלקס־מאַסן אונטער דער אידעאָלאָגישער פירערשאַפט פון זייער דעמאָלטיקער אינטעליגענץ — די פּרושים און תנאים — ווידער אָנגעצונדן דער גלויבן אין אַ משיח פון דער דוד־דינאַסטיע. דאָס איז געווען אַ היפּלאָזער פּראָטעסט קעגן דער ברוטאַלער הערשאַפט פון די פּריסטער־קיניגן, די חשמונאים, און זייער בלוטיקער נאָכפאָלגער הורדוס און זיינע קינדער און אייניקלעך.

אין דער זעלבער צייט האָט מען אָנגעהויבן קוקן ווי אויף משיח׳ן אויף יעדן באַדייטנדיקן רעוואָלוציאָנערן פירער אין יענע צייטן. יעזוס קריסטוס זאָל אויך האָבן אפשר געווען איינער פון צענדליקער רעוואָ־

לוציאַנערע פירער, וואָס איז שפּעטער אין דער פאַנטאַזיע פון זיינע נאָכ־פאָלגער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואונדער־מאַכער, אין „גאָט'ס זון". דאָס וואָרט „קריסטוס" מיינט אין גריכיש דאָס זעלבע וואָס משיח. דעם גלויבן אין משיח'ן האָבן אָנגעהאַלטן אין די אידישע מאַסן זייערע רעליגיעזע פירער ביז אין דער סאַמע לעצטער צייט. דער דאָזיקער גלויבן איז צוזאַמענגעפּאָרט געוואָרן מיטן גלויבן פון תחית־המתים, אַזוי, אַז ווען איר וועט פרעגן דעם דורכשניטלעכן גלויביקן אידן — „וואו וועט משיח קומען? אויף „דער וועלט", צי אויף „יענער וועלט"? — וועט ער געוויינלעך ווערן צעמישט, ווייל עס וועט זיך אים אריינפּלאָנטערן דער גלויבן אין תחית־המתים. אָבער אָט דער דאָזיקער גלויבן איז ענג פאַר־בונדן מיט דער דוד'ישער קעניגלעכער דינאַסטיע און דעריבער רופט זיך דער משיח — „משיח בן דוד".

די לעגענדע אָבער וועגן „משיח בן יוסף" איז אויך בא אידן צוזאַמענגעקניפּט געוואָרן מיט דער אַלגעמיינער משיח־לעגענדע, כאָטש זי האָט אַ שפּעטערדיקן אָפּשטאַם און איז וואַרשיינלעך אַנטשטאַנען אין מיטן פונעם 2טן יאָרהונדערט נאָך דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, אין פאַרבינדונג מיטן דורכפאַל פון בר־כוכבא'ס אויפשטאַנד אין יאָר 132. אַזעלכע רעליגיעזע פירנדיקע אויטאָריטעטן ווי ר' עקיבא האָבן בר־כוכבא'ן אונטערשטיצט אַלס משיח'ן. איז גריילעך מעגלעך, אַז כדי ניט אַרונטער־צורייסן די גוואַלדיקע אויטאָריטעט פון ר' עקיבא'ן, איז עס אויסגעטייטשט געוואָרן, אַז בר־כוכבא'ס דורכפאַל איז געווען אומפאַרמיידלעך, ניט דער־פאַר וואָס ער איז ניט געווען קיין משיח, נאָר ווייל ער איז ניט געווען קיין משיח בן דוד, נאָר אַ משיח בן יוסף — אַ מין פאָרגייער, וואָס וועט דער־הרג'עט ווערן, ווייל ער איז געקומען צו פרי.

די דאָזיקע השערה ליגט זיך אויפן שכל, ווייל מיר זעען, ווי אַרום יענער צייט אַנטשטייט אויך די לעגענדע וועגן די „בני אפרים" (אויך פונעם יוסף שבט), אַז זיי זאָלן האָבן זיך געפּרואווט באַפרייען פון עגיפּ־טישן יאָך פאַר משה'ן *), דאָס הייסט, אויך פריצייטיק און זיינען דעריבער אומגעקומען.

עס דאַרף אויך נאָכגעטראַכט ווערן די השערה, אַז די לעגענדע פון

---

*) דאָ איז ניט דער פּלאַץ אַריינצולאָזן זיך אין אַ ברייטער נאָכפאָרשונג וועגן דעם ענין, אָבער איך וואָלט בעטן אידישע היסטאָריקער, אַז זיי זאָלן זיך פאַרקלערן וועגן דעם פולן אַסאָנאַנס פון משה, יהושע, מושיע און משיח. אויך וועגן דער שייכות פון משיח בן יוסף צו עקיבא'ן, וועלכער איז אַליין געווען אַ בן־יוסף.

משיח בן יוסף איז אַנטשטאַנען אינעם פּראָצעס פון די דיסקוסיעס, וואָס די אידישע רעליגיעזע פירער האָבן געפירט מיט די קריסטלעכע גלחים, אין פאַרבינדונג מיט געוויסע פּסוקים אין תנך, וואו עס רעדט זיך וועגן באַקלאָגן דעם גע׳הרג׳עטן משיח. בעת די קריסטלעכע טעאָלאָגן האָבן עס אויסגעטייטשט, אַז דאָ האָט דער נביא פאָראויסגעזען יעזוס קריס־טוס׳ן, זיינען די אידישע טעאָלאָגן געווען געצוואונגען צו שאַפן די לעגענדע וועגן משיח בן יוסף, אַז ער וועט קומען פאַר דער צייט און וועט דער־הרג׳עט ווערן.

פאַר ביינוש שטיימאַנ׳ען איז אָבער ניט גענוג געווען די לעגענדע אַליין. האָט ער זי צוזאַמענגעוועבט מיט נאָך אַן אוניווערסאַלער אַלטער לעגענדע, וואָס האָט באַ אידן אָנגענומען די פאָרם און דעם נאָמען פון לילית, די קיניגן פון דער נאַכט, פון פינצטערניש, די ווייב פון שטן אַליין, אָדער פונעם אשמדאי, דער האַר פון אַלדאָס בייז, וועלכער „פאַרמעסט זיך אין כחות מיט גאָט אַליין”. ווען איין וואָלקן שניידט זיך אַריין אין אַ צווייטן איז דער רעזולטאַט אַ דיקער וואָלקן, וואָס פאַרשטעלט אַלץ. שטיימאַנ׳ס דראַמאַטישע פּאָעמע איז דעריבער אין איר סימבאָלישקייט צו קאָמפּליצירט, אַז זי זאָל קלאָר אַרויסברענגען יענע רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען, וואָס דער אויטאָר האָט זיך געשטעלט פאַר זיין ציל. בלייבט פאַר אונז איצט איבער צו זען, ווי אַזוי שייפער האָט זיך געספּראַוועט מיט זיין אויפגאַבע און וואָס ער האָט דאָ געטאָן, כדי אַרויסצולייטערן די סימבאָלן אין קאָנטורן פון פלייש און בלוט מיט דער הילף פון זיין קאָמפּאָזיציע.

:: :: ::

שייפער האָט מיט זיין געזונטן חוש פאַרן סאָציאַליסטישן רעאַליזם געפּרואווט צו אַנטבלויזן שטיימאַנ׳ס סימבאָלן און פאַראייַנפאַכן זיי אין אַזאַ פאָרם, וואָס זאָל זיין צוגענגלעך פאַר די מאַסן און אין דער זעלבער צייט צעבלאָזן די וואָלקנס, וואָס שטיימאַן האָט אָנגעהורבעט אין דער פּאָעמע.

אין שייפער׳ן מוזיקאַלישער אינטערפּרעטאַציע ווערט די באַלאַדע פאַראייַנפאַכט אַפן פאָלגנדיקן שטייגער:

די מאַסן זיינען נאָך צוריקגעשטאַנען. זיי זיינען אַפּהענטיק. און אויב עס טוילן זיך אויס פון זיי, אין די ערשט שטופּן, אַזעלכע וואָס רופן צו טעטיקייט, צום קאַמף, דערשטיינען די פינצטערע כחות פון רעאַקציע און סטראַשען און וואָרענען „ניט אַרויסצוגיין פון די באַהעלטענישן”, ווייל עס קאָן נאָך ערגער ווערן. ליגט מען ווייטער אין די נאָרעס, שטיל,

איינגעליינגט. דערוויילט פֿארמערן זיך אַלץ מער און מער די סימנים פֿון גרויסע ענדערונגען. פֿאסירונגען נאָך פֿאסירונגען רעגן און וועקן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די צוריקגעשטאַנענע. מ'הייבט ווידער אָן ווערן אומרואיק. און ווידער זעען די כחות פֿון דער רעאַקציע איינצוהאַמעווען די מאַסן, מיט אָפּנאַרערייען און פֿארבלענדענישן. די מאַסע איז צעטומלט; ווייסט ניט וועמען צו גלויבן. זי איז דאָך שוין אַזויפֿיל מאָל אָפּגענאַרט געוואָרן!

אָבער אין אַזאַ צייט פֿון ערב־פֿרילינג וואָגן שוין די ערשטע שוואַלבן אָנצוקומען און פּראָקלאַמירן דעם זומער. אומדערשראָקענע העלדן דער־שיינען פֿון דער מאַסע, העלדן שטאַלענע, ריקזיכטלאָזע, וואָס וואָגן אויפֿ־צונעמען אַ קאַמף, כאָטש ער איז נאָך ניט ווי געהעריק צוגעגרייט. די מאַסע באַוואונדערט זיי, ווערט איבערראַשט פֿון זייער מסירת־נפֿש, פֿון זייער מעטעאָרישן בליץ, אָבער פֿארשטייט זיי נאָך ניט, באַגרייפֿט ניט וואָס איז זייער שליחות. איז עס דעריבער ווידער גרינג פֿאר די שאָטנס פֿון דער נאַכט, פֿאר די ריטער פֿון דער רעאַקציע, צו פֿארפֿירן זיי. אַף די העלדן פֿון די מאַסן ווערט אויסגעטראַכט די געמיינסטע ליגנס, זייערע ווערטער ווערן צעדרייט און צעקנאָדערט. זייערע געדאַנקען ווערן צע־קריפּלט. מ'טייטלט אַף זיי מיט די פֿינגער, אַז זיי טראָגן זיך אַרום מיט פֿאַנטאַזיעס פֿאר דער ווייטער, ווייטער צוקונפֿט, אַז זיי האָבן גאָרניט וואָס צו געבן דעם איצטיקן דור.

אָט די מאַנעווערע פֿון די שוואַרצע כחות געלינגט. די מאַסע ווערט דערצאָרנט קעגן אירע אייגענע דערלייזער. זי באַטראַכט עס פֿאר אַ באַטרוג, פֿאר אַ פֿארראַט קעגן אירע בלוטיקע אינטערעסן. דער רעזולטאַט איז, אַז זי פֿארשטיינט אירע אייגענע העלדן, וועלכע זיינען איר געקומען באַפֿרייען. זיי קומען אום. אָבער אין דער זעלבער צייט, ווען די רעאַקציע שטשירעט שוין אירע ציין און פֿייערט איר זיג, ווערן שוין געבוירן די נייע יונגע העלדן, וואָס זאָגן אָן דעם אומפֿארמיידלעכן אָנקום פֿונעם זיג. „ער וועט נאָך קומען. ער וועט קומען.‟

:: :: ::

דער אָרקעסטער לייטעט איין מיט אַ קורצן אַריינפֿיר, און גיט איבער אין קורצע שטריכן די הויפּט־מעלאָדיעס פֿונעם ווערק. דער כאָר גייט מיט זאַכטע, געמאָסטענע און קוים־הערבאַרע טריט:

גאָרניט הערט זיך ניט
ס'איז שטיל,
קיין מוק.

די סאָפּראַנאָס נעמען זיך מיט אויפגערעגטע געמיטער דערציילן און איבער׳חזר׳ן:

אַך, ווי דער קול האָט געשריגן.

און דער גאַנצער פרויען־כאָר נעמט זיך בעטן תחנונים:

רוקט זיך ניט אַרויס! ווייזט זיך ניט אַרויס!
גייט אַריין אין אייערע באַהעלטענישן!

ווען ס׳גייט אָבער אַף אַ ווײַלע אַוועק שוין די מורא און שטימען פאַרזיכערן, אַז ס׳איז שוין שטיל, אַז מ׳קען שוין צוריק אַרויס פון די באַהעלטענישן, וואָרנט ווידער דער פרויען־כאָר:

הערט זיי ניט, פאָלגט זיי ניט!
ווער ווייסט וואָס קאָן נאָך זיין!
אפשר האָט עס זיך מיט אַ כיון פאַרבאַהאַלטן,
כדי אונז צו פאַרנאַרן.

דער אָרקעסטער נעמט זיך אַריינפירן צום ווייטערדיקן און צעוויקלט אַ שטימונג פאַר אַ שנעלערן טעמפּאָ, אין וועלכן עס פאַלט אַריין דער כאָר:

טררר — האָט עס געשריגן.

דער אָרקעסטער גייט איבער אין נאָך אַ שנעלערן טעמפּאָ און דער כאָר פאָלגט אים נאָך. שייפער גיט דאָ די באַסן דעם רעכט אָפּן וועג און זיי צעליינגן ווי מיט אַ קאַנאָנען־געקנאַל אַ פייערדיקן פאַרהאַנג —

— פונקען זייגען צום הימל געפלויגן.
— פונקען פייער.
— ווי עמיץ וואָלט הויפנס פונקען וואַרפן.

עס ווערן אָנגעוואָרפן פאַרשיידענע פראַגן: וואָס קאָן דאָס זיין? וואָס זאָל עס זיין? וואָס וועט דאָ זיין? די צעמישעניש וואַקסט. די מורא שפּרייט זיך. אַ פאַטאַליסטישע אַטמאָספערע הויבט זיך אָן:

די וועלט קומט אום, ס׳קומט אום די וועלט!
און מיר?
און מיר מיט איר.

און ווען די פראַגע ווערט געשטעלט: פון וואַנען ווייסטו עס, זיידע?
— וועבט שייפער אויס אַף אַ ווייכער קאַנווע, באַלאַדן־אַרטיק און פאַר־טרויפול —

פון מײן זײדן, אַז איך בין נאָך אַ קינד געװען, אַט אַזאַ, האָט ער
מיר פֿאַרצײלט פֿון דעם טאָג. אין דעם טאָג װעלן װילדע קולות
פֿאַרהילכן די װעלט. די ערד װעט מיט פֿײער באַשפּײען די הימלען.

דאָ נעמט דער אָרקעסטער אויסװעבן אַ נײַע אינטערליוד פֿון מינאָרנע ניגונים; טיפֿע, אײַנגעגעסענע לײדן שפּינען זיך. זײ דערצײלן פֿון אַ שלעכטער, אומגערעכטער װעלט פֿון פּײן און נויט. אָבער דער מאָטיװ איז ניט קײן האָפֿענונגלאָזער. ער איז אַ באַרעכטיקטער, דיגניטאַרער מענטשלעכער באַקלאָגן זיך, אין װעלכן עס נעמט װיברירן אַן אָפּטי־מיסטישער טאָן, אַ געזונטער בטחון, װאָס שטײגט כּסדר און גײט איבער אין פֿולער זיכערקײט, אַז אַזױ װעט עס ניט בלײַבן. דער אָרקעסטער נעמט זיך גלײַך צײכענען די טעמע פֿאַר דער ערשטער סאָלאָ. עס באַקומט זיך, װי דער עולם לױפֿט זיך צוזאַמען אַרום לילית, די הערשערן פֿון דער נאַכט, די קיניגן פֿון די שװאַרצע רעאַקציאָנערע כּחות.

עס הערט זיך די טענאָר־סאָלאָ, אַ שטרענגע װעכטער־שטימע, װאָס פֿאָדערט אויף אָפּצוטראָגן זיך:

נאָך װאָס זײַנט איר זיך צוזאַמענגעלאָפֿן אַהער,
נאָך װאָס? — אַװעק!

דער כאָר (די מאַסע) בעט זיך:

זאָלן די האַרן ניט בעס'ן אַף אונז!
מיר װילן זען די מלכּה, לילית.

כּדי איבערצוגעבן דעם אײַנדרוק, אַז דאָ איז אַ פֿאַרשײדנאַרטיקע, ריזיקע מאַסע, װערט די לעצטע פֿראַזע געזונגען אין פֿוגע, אַ באַװאוסטער קונץ אין מוזיק, װאָס שײפּער נוצט דאָ אַף אַ זײער דערפֿאָלגרײַכן אופֿן.

דאָ הײבט אָן די סאָפּראַנאָ (לילית) פֿאָדערן אין גרימצאָרן:

װער שרײַט דאָ? װאָס איז דאָס פֿאַר אַ טומל?

און דער כאָר (די מאַסע) ענטפֿערט, בעטנדיק זיך:

לילית, מלכּה, הערשערין, לילית.
האָב רחמנות, דערבאַרעם זיך, לילית.

די דאָזיקע פֿראַגן און ענטפֿערס אין עטלעכע פֿאָרמען חזר'ן זיך איבער, ביז לילית (סאָפּראַנאָ) גײט שױן אינגאַנצן אַרױס פֿון די כּלים און קװיטשעט:

נאָך וואָס זיינט איר געקומען אַהער, און גראָד היינט, ווען איך פייער מיין זיג? ווען עס ווערט וויפיל יאָר, ווי איך הערש איבער מענטשן און רעגיר איבער דער וועלט.

אָבער דער כאָר האַלט זיך אין איין בעטן: „מלכה, הערשערין, האָב רחמנות.” און ווידער רייסט איבער דער אָרקעסטער מיט אַן אינטערליוד פאַר דער ווייטערדיקער טעמע.

דער כאָר (די מאַסע) איז אין דערשטוינונג און בעט זיך רחמים בא דער עקשנות׳דיקער קיניגין:

„מלכה, הערשערין, האָב רחמנות, דערקלער אונז, גיב אונז צו פאַרשטיין! בלינדע זיינען מיר און מיר ווייסן ניט און מיר פאַרשטייען ניט.

לילית (סאָפּראַנאָ) ווערט עטוואָס ווייכער. זי זעט, אַז זי וועט שוין מוזן געבן אַן ענטפער — זוכט זי אַ ביסל צייט צו קאָנען זיך בעסער אָריענטירן —

שטילער! שטילער! רעדט ניט אַלע מיטאַמאָל.
וואָס איז? וואָס איז געשען?

שייפער לאָזט גלייך דעם כאָר איבער׳חזר׳ן די פריערדיקע מאָטיוון אין דעם פאָלגנדיקן טעקסט:

מיר אַליין ווייסן ניט, מיר אַליין. נאָר היינט באַגינען האָבן קולות געגומען פאַרהילכן די ערד. „טררר” — האָבן זיי געשריגן, און פונקען פייער האָבן געגומען פליען אין הימל, ווי עמיץ וואָלט הויפנס פייער וואַרפן. נאָר וואָס דאָס איז, ווייסן מיר ניט, פאַרשטייען מיר ניט, און צו דיר זיינען מיר געקומען איצט: דערקלער אונז, גיב אונז צו פאַרשטיין, זאָג אונז.

שייפער לאָזט דאָ ווידער דעם כאָר אריינפאַלן אין אַ פוגע בא דער פראַזע פון „און פונקען פייער האָבן געגומען פליען אין הימל”. דער עפעקט איז דאָ נאָך פולקאָמענער. די מאַסע קריגט מער מוט, זי ווערט אַרטיקולירט ווען זי דערמאָנט זיך אָן די „פונקען פייער אין הימל”, וואָס עס קאָן מיינען דער בראַנד פון פּריציִשע מאַיאָנטקעס, אונטערגעצונדן פון די אויפגעשטאַנענע פּויערים.

לילית (ספּאָראַנאָ) האָט שוין געפונען אַן ענטפער. זי נעמט זיך גרויסן און באַרימען מיט אירע קונציקע פייער־ווערק:

אַט וואָס עס האָט אייך דערשראָקן: מיינע פרייד־געשאָלן, מײַנע פייער־ווערקן. דאָס איז דאָך ניט מער ווי יום־טוב שפּילן. נישט מער. טאָ גייט אייך, גייט אייך.

ווידער דער אָרקעסטער. ער דאַרף דאָ צוגרייטן אַ גרויסע באַ־גייסטערונג פאַרן כאָר, ווען ער הייבט אָן דערזען ליכט. דער כאָר גייט גלייך איבער אין די נייע וואונדער־רוימען, וואָס דער אָרקעסטער האָט פאַנאַנדערגערוקט:

אָ, זעט, זעט!
אַ פייער אין הימל, גלייך ווי אַן אויג!
גלייך ווי אַ ליכטיק אויג.

די מאַסע איז געפּלעפּט פון דעם גרויסן וואונדער. דאָס ליכט איז פאַר איר אין אָנהייב צו שטאַרק, אַז זי זאָל עס קאָנען באַנעמען. פאַר אַזעלכע וואָס זיינען דורות־לאַנג געהאַלטן געוואָרן אין דער פינצטערניש, איז די זון צו ליכטיק, אַז מ'זאָל זי גלייך קאָנען דערזען. און זיי פרעגן זיך עטלעכע מאָל:

וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס?

סוף־כל־סוף דערזעען זיי זי אין איר גאַנצער פּראַכט און ליכט, און פּלאַצן אַרויס אין פרייידיקער באַגייסטערונג:

דאָס איז דאָך די זון!
זון־זון, זון־זון.
אַמאָל האָט זי שטענדיק געלויכט און געוואַרעמט. (ביז)

שייפער לאָזט די לעצטע פראַזע איבער'חזר'ן נאָך אַמאָל. ס'באַקומט זיך אַן עכטע מאַסן־באַגייסטערונג, וואָס פּלאַצט ווידער אויס אין אַ יובל:

דאָס איז דאָך די זון!
זון־זון, זון־זון.

דאַן נעמט זיך דער מענער־כאָר ווייך און זיידיש־האַרציק איבערגעבן:

דער זיידע האָט פאַרציילט,
אַז איר פּנים איז גאָלדיק העל, פּורפּור־רויט.

און גלייך חזר'ט דאָס זעלבע איבער דער פרויען־כאָר, און דערנאָך דער גאַנצער כאָר צוזאַמען, אונטערשטרייכנדיק „פּורפּור־רויט" דורך עטלעכע רעפּעטיציעס. און ווידער באַפליגלט מיט התפּעלות:

דאָס איז דאָך די זון! זון־זון.
אַמאָל האָט זי שטענדיק געלויכט און געוואַרעמט (ביז)
זעט, זעט, זי וואַרפט אין אַלע זייטן שטראַלן!

די געוואָרפענע שטראַלן אין אַלע זייטן קאָן מען טאַקע אָנטאַפּן מיט די פינגער. שייפער דערגרייכט עס דורך אַ ריי שנעלע רעפּעטיציעס, וואָס בליצן פאַר די אויגן —

קוקן אַף איר קאָן מען ניט.
קוקן אַף איר טאָר מען ניט.
זעט,
דאָס איז דאָך די זון ! זון-זון.

דער הויך־פּונקט ווערט דאָ דערגרייכט דורך דעם, וואָס שוין מער ניט דערוואַרטנדיק לאָזט שייפער ווידער איבער'חזר'ן עטלעכע מאָל

דאָס איז דאָך די זון ! זון-זון.
אַמאָל האָט זי שטענדיק געלויכט און געוואַרעמט. (ביז)

קוים כאַפּט שייפער אָן אַ מוזיקאַלישע פראַזע וואָס „דערלויכט און דערוואַרעמט", און דאָס איז דאָ טאַקע דער פאַל, לאָזט ער זי שוין אַזוי שנעל ניט אַרויס. די מעלה פון דער פראַזע איז אויך, וואָס זי איז אייך עפּעס אַזוי נאָענט, איינפאַך, אייגן און וואַרעם; איר וואָלט געקאָנט שווערן, אַז איר האָט זי געהערט פון אייער מאַמען, ווען זי האָט אייך אויפגעוועקט פון שלאָף און איר האָט דערביי אויסגעצויגן מיט פרייד אייערע ביינדעלעך.

ווען שייפער פילט, אַז ס'איז שוין גענוג, דערפירט ער באַוואוסטזיניק אַזוי די לעצטע רעפּעטיציע, אַז זי פאַרענדיקט זיך מיט זוו. ס'ווערט טאַקע זוניק אַפן האַרצן: ניט בלויז וואָס די זון איז דאָ, נאָר וואָס אויך די בלינדע האָבן זי אָנגעהויבן צו דערזען.

איצט נעמט זיך אַפּ'ם ניי דער אָרקעסטער אויספלעכטן אַן אינטער־ליוד פאַרן צווייטן כאָר — אַ נייע טעמע אָנגעדייט. דער פאַרנעם פון דער אָראַטאָריע איז נאָך ווייט ניט געענדיקט. ס'טרעט אריין אַ שטיקל פּויזע.
די טענאָרן ווייזן אָן פּלוצלונג אַף אַ נייער דערשיינונג:

זע ! זע ! אָן דאָרט, זעסט ?
אַ פלעק, אַ פלעק באַם הימל ע ק.

זיי ציען לאַנג אויס דעם עק צו באַטאָנען די רחבות פון האָריזאָנט און דעם „פלעק" וואָס ווייזט זיך אַף זיין קלאָרן הינטערגרונט.
און דער כאָר ענטפערט, מיט אַ קענטיקער דאָמינירונג פון די באַסן:

אַה, יאָ, ער וואַקסט, דער פלעק, ער וואַקסט.

באַלד נעמען די זעלבע פראַגע איבער די טענאָרן, און דערנאָך דער גאַנצער כאָר —

אַה, יאָ. אַה, יאָ.

די באַוואונדערונג וואַקסט אָן:

ס'איז ניט קיין פלעק, ס'אַ מענטש, אַ ווייסער מענטש.
ער באַוועגט זיך דער מענטש.

שייפער לאָזט די פראַזע זייער גוט באַטאָנען מיט איבער'חזר'ן איר נאָך אַמאָל. שייפער שאַפט דאָ זיין אייגענעם סימבאָל, דעם סימבאָל פון דער באַוועגונג, וואָס אַפילו אַ קינד קאָן אָנטאַפּן. ער כאַפּט זיך אָן אויך אָן דער צווייטער פאָלקסטימלעך־נביאישער פראַזע:

אַך, פאַר אים גלייכט זיך באַרג און טאָל.
פאַר אים לייגט זיך וועג און שטעג.

און באַקראַנצט עס מיט אַ פאָלקסטימלעכער מעלאָדיע, וואָס איז אָנגעזעטיקט מיט ביטחון —

ער ציילט אַהער. ער גייט צו אונז.

לילית (סאָפּראַנאָ) באַגעגנט דעם ווייסן מענטשן מיט תקיפות. זי פרעגט אים — נאָך וואָס איז ער געקומען. ער דאַרף דאָך וויסן, אַז זיין אָרט איז דאָרט אין דער הויך, אין הימל, בא זיין גאָט. זי נעמט זיך באַרימען און קאָקעטירן (און שייפער ברענגט עס גלענצנדיק אַרויס איר קאָקעטעריי) —

אַז דאָ בין איך די מלכה?
אָדער אפשר האָט דיר מיין פרייד־סאַלוט געוועקט,
מיין פייערווערק גערעגט,
אַז דו האָסט געוואָרפן ציילן די טרערן.

אין טעקסט האָט זיך דאָ ביינוש שטיימאַן באַצויגן צו דער לעגענדע וועגן דעם קריגל מיט טרערן, וואָס שטייט פאַר גאָט, און משיח שטייט און ציילט די טרערן און וואַרט, אַז דאָס קריגל זאָל פול ווערן, כדי ער זאָל שוין קאָנען „קומען". לילית אינסינואירט, אַז אים, משיח'ן, איז איבער־דריסיק געוואָרן די ניט־הימלעכע אַרבעט פון ציילן טרערן און ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך דער פרייד פון לעבן, נאָך די מאַניענדיקע קאָלירן פון אירע פייער־ווערק.

דער כאָר רופט זיך אָפּ שטיל און דערשראָקן:

ער רעדט ניט, דער מענטש, ער שווייגט. זיינע אויגן שמייכלען נאָר. ווער איז ער? ווער קאָן ער זיין? איך וויים ניט. קיינער ווייסט נישט. קיינער.

ווען דער כאָר קומט צו — „ווער איז ער?" ווערט ער ברומיקער, מער אויפגערעגט, פאַרוואונדערטער, אָבער גייט ביסלעכוויז צוריק איבער

צו מורא און ווערט אַלץ שטילער און שטילער, ווען ער פאַרענדיקט „קיינער ווייסט ניט".

לילית (סאָפּראַנאָ) ווערט באַ זיך נאָך שטייפער, חוצפּה'דיקער. זי זאָגט אים פּרעך:

דו הערסט, קיינער דאַרף דיך דאָ ניט, קיינער: ניט איך, ניט זיי. זיי . . . דערקענען דיך אַפילו ניט.

און דאַן הייבט זי אָן צו באַרואיקן איר סוויטע מכשפות: „שרעקט זיך ניט, טעכטער, פאַרכט אייך ניט, שוועסטער" — און זיי זאָגן איר נאָך. שייפער באַנוצט זיך דאָ מיט דער אַלטער טראַדיציע אין ווייבער־שול פון דער זאָגערין און נאָכזאָגערינס —

ער האָט אַ טעות געהאַט, אַ טעות געהאַט און געקומען. טאָ נעמט זיך אַלע פאַר די הענט און זינגט מיט מיר, און זאָגט נאָך מיר: העלע, געלע, הימל-מאַכט, מיר די טעכטער פון דער נאַכט, דיך מיט שדים-שפּראַך באַשווערן, זאָלסט פאַריאָגט, פאַרוואָגלט ווערן —

אַלע סאָפּראַנאָס זינגען עס איבער, אָבער זי פאַרענדיקט אַליין:

אין די ווייטסטע הימל-העלן, וואו דער „שוטה" טוט באַפעלן, און דו, גולם, טוסט אים הערן, ציילסט און ציילסט דאָס קריגל טרערן... — אוועק!

מ'קאָן זיך אָנשטויסן, אַז שטיימאַן פאַרקערפּערט דאָ אין „גאָט", דעם סימבאָל פון יושר און פאַרשריט, וואָס לילית, דער סימבאָל פון עקס־פּלואַטאַציע און רעאַקציע, באַטראַכט פאַר אַ שלים־מזל, פאַר אַ „שוטה". דעם גאָט־זוכער, מערעזשקאָווסקי'ס, איינפלוס לאָזט זיך דאָ, ווי אין אַנדערע ערטער, שטאַרקער פילן. מיר זיינען אָבער כמעט ווי זיכער, אַז ווען שטיימאַן וואָלט ניט געשטאָרבן אַזוי יונג, וואָלט ער שפּעטער געפונען מער פּאַסנדיקע מיטלען, ווי אַזוי אַרויסצוברענגען דעם געדאַנק פון אומ־געדולדיקן רעוואָלוציאָנערן „פּוטש" און זיין שעדלעכקייט.

דער „אוועק" פון לילית ווערט איבערגע'חזר'ט באַ שייפער'ן דריי מאָל, אינעם גייסט פון די טראַדיציאָנעלע באַשווערונגען. דאָ האָט שוין שייפער געצאָלט אַ סופּער־צינז שטיימאַנ'ען, איבערשטייגנדיק אים אין זיין טראַדיציאָנעלער געניויקייט. דער „אוועק" איז, נאַטירלעך, אין קרעסצענדאָ.

עס פאַלט אַריין דער אָרקעסטער און דונערט אויס אַ קאַסקאַדע פון טריאומף־געהילכן און ווערט נאָכגעפאָלגט פונעם כאָר, פריער פון די

אַלטאָס און באַסן און גלייך נאָך זיי, אין פוגע־אַרטיקן כאַראַקטער, די טענאָרן און סאָפּראַנאָס —

דאָס איז דאָך משי—ח! משיח!
אונזער אויסלייזער! אונזער באַפרייער!
זיין שליח, משיח! משיח בן דוד!

די ווערטער „משיח, משיח", חזר'ן זיך איבער און קלינגען ווי עכאָס אין וואַלד, ווען ס'שפּילט זיך פּאַנאַנדער אַ שטורעם.

ווען לילית (סאָפּראַנאָ) דערזעט, אַז דאָס פאָלק נעמט אים אויף ווי אַ דערלייזער און זי וועט שוין מיט געוואַלט ווייטער ניט קאָנען אָנהאַלטן איר ממשלה, ענדערט זי איר טאַקטיק. איר קול, וואָס איז פריער געווען באַפעלעריש, שטרענג און חוצפּה'דיק — בייט זיך אין אַ זיס־לעקערישער שטימע. איר פריערדיקע שטעלונג דערקלערט זי ווי אַ שפּאַס. פּאַרקערט — זי אַליין האָט אויך אויסגעקוקט די אויגן אָף אים, דעם דערלייזער. אַלע אירע „שוואַרצע טעג זיינען נאָר געווען אַ בענקעניש" נאָך אים.

ענדלעך דערקלערט זי זיך אים אין ליבע. נדן זאָגט זי אים צו — „די ערד אין איר גאַנצן גלאַנץ און שיינקייט". „דו זעסט — זאָגט זי — איך לאָז פאַלן מיין שוואַרץ קלייד און אַנטפּלעק פאַר דיר מיין וויים לייב". זי און משיח, פּאַראייניקט — וואָס פאַר אַן אידיליע! זי רעדט אים שוין צו אַליין צו ווערן אַ גאָט. זי ווייס אַ וואָרט אזא, וואָס קאָן צעשטערן אַלע זיבן הימלען און איבערדרייען אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ, טויטנדיק גאָט.

„דו ווילסט מיך ניט? — וואונדערט זי זיך, וואָס זי קריגט ניט קיין ענטפער. — זע. איך פאַל צו דיינע פיס, כ'קוש דעם שטויב פון דיינע טריט."

די מאַסע פאַרשטייט ניט, אַז לילית מאַנעוורירט עפּעס דאָ אוים אַ נייעם קונץ. זי גלויבט גריילעך, אַז לילית איז גאָר ניט אַזוי שוואַרץ ווי זיי האָבן פריער געמיינט. אָט וואַרפט לילית זיך דאָך פאַר דעם דער־לייזער'ס פיס. קיין שום צווייפל בלייבט שוין מער ניט בא זיי, אַז דאָס איז טאַקע זייער משיח. און דער כאָר פּלאַצט עקסטאַטיש אוים:

משיח, משיח בן דוד!

דער עקסטאַז שטייגט. לילית, דוכט זיך, ווערט מיטגעשלעפּט מיט דער ענטוזיאַסטישער כוואַליע. זי (סאָפּראַנאָ) גיט זיי אונטער נאָך מער הייץ:

העכער רופט! העכער לויבט זיין גרויסן נאָמען!

און דער כאָר (די מאַסע) שטייגט נאָך העכער אַף די טרעפ פון קאָפּ־שווינדלערישער דערלייזונג און שטורעמט ווידער:

— משיח! משיח!

אָבער ביסלעכווייז לעשט זיך אויס בא לילית'ן די כלומרשטע באַגייסטערונג. זי נידערט ווידער אַראָפּ צו דער פלאַך פון פּראַקטישקייט —

ווער איז ער — ווייסט איר;
צי ווייסט איר אָבער וואָס ער האָט געבראַכט?

דער כאָר גיט זיין שטורמישן, מיט גליק־פאַרכאַפּטן, שטראַלנדיקן ענטפער:

ער האָט ליכט געבראַכט!
ער האָט זון געבראַכט!
זון! זון!

עס פינקלט מיט זון אין זייערע צעהעלטע שטימען. זיי כאַפּן זיך נאָך ניט צו וואָס לילית פּירט. אָבער, זי (סאָפּראַנאָ) האָט שוין אויסגעפּלאַנט איר שפּיל ביז אַרונטער —

יאָ, יאָ... מער ניט... נאָר —

די מאַסע (כאָר) האַקט איר איבער מיט דערשטוינונג:

וואָס נאָר, וואָס?

לילית (סאָפּראַנאָ) גייט צוריק אַריין אין איר עכטער ראָלע. זי ענטפערט ברוטאַל:

זייט וויסן,
פון דעם אַלעמען וועלן נאָר אייערע קינדער געניסן.

די מאַסע (דער כאָר) ווערט נאָך מער מבולבל. עפּעס קאָן זי ניט באַגרייפן:

אונזערע קינדער? נו, און מיר?

און לילית'עס (סאָפּראַנאָ) ענטפער קומט ווי אַן אומאָפּפרעגבאַרער דעקרעט:

איר וועט מוזן שטאַרבן!

דאָס איז אַ צו־פלוצלונגער קלאַפּ איבערן קאָפּ. אַט האָבן זיי אַזוי־פיל געליטן, געבלוטיקט, ביז זיי האָבן זיך ענדלעך דערוואַרט צו דער

דערלייזונג, און אַז זי קומט שוין, ענדלעך, זאָגט מען זיי, אַז די דערלייזונג איז ניט פאַר זיי, נאָר ערשט פאַר זייערע קינדער. עס קאָן ניט זיין אַזאַ „קאַזאַצקער" יושר. עס איז אוממעגלעך. די מאַסע (כאָר) וויל עס ניט גלויבן:

וואָס? אָ, מיר דערקענען דיך,
מיר דערקענען דיך, שוואַרצע לילית!
דאָס מאָל וועט זיך דיר אָבער ניט איינגעבן.
דאָס מאָל וועסטו אונז שוין ניט אָפּנאַרן!
ניין! ניין!

שייפער גיט דאָ אַריין אין דער רעציטאַטיווער מעלאָדיע פונעם כאָר אַ שטייגנדיקע באוואוסטזיניקייט, עפּעס ווי אויגנדעקלעך פאַלן פאַר אונזערע אויגן. דער יושר־געפיל צעגליט זיך שטאַרקער; דער ווילן ווערט פאַרהאַרטעוועטער, אַנטשיידנדיקער און דער „ניין, ניין" אונטערשטרייכט עס אַלץ עקשנות'דיקער און ענדגילטיקער.

אָבער לילית (סאָפּראַנאָ) וויל ניט מער ווי דאָס. פאַר איר איז עס ווי געוואונטשן אָפּצוציען די מאַסן פון דער ברייטער היסטאָרישער פּערספּעקטיווע און צונאָגלען זיי צו דעם טיר־ווענטל פון מאָמענטאַנער פּראַקטישער באַגרענעצטקייט. זי גייט אָן ווייטער און הייסט זיי אים, משיח'ן, אַליין פרעגן. און ווען ער ענטפערט ניט (משיח בן יוסף דאַרף לויט איין נוסח פון דער לעגענדע קיין וואָרט ניט אַרויסריידן), טייטשט זי דאָס אויס ווי אַ באַשטעטיקונג און זי טריאומפירט:

איר זעט, ער שווייגט, ער לייקנט ניט.
אים אַליין פאַרדריסט עס, אָבער אַזוי מוז עס שוין זיין!

די מאַסע פאַרשטייט אַלץ ניט, וויל זיך ניט אונטערגעבן אַזאַ בייזן שיקזאַל און שטורעמט: פאַרוואָס?

לילית איז פלינק מיט איר ענטפער:

ווייל איר האָט געזינדיקט!

הייבט זיך די מאַסע (כאָר) אָן בעטן:

זיינען מיר דען שולדיק געווען? אַז ס'איז נאַכט געווען,
אַז ס'איז שוואַרץ געווען, אַז מיר זיינען בלינד געווען.

אָבער דאָס בעטן פאַלט אַף טויבע אויערן. לילית האָט זיי שוין אַנטוואָפנט. זי האָט פאַרוואַנדלט זייער אָנפאַל אין אַ פאַרטיידיקונג. אַי, יושר? ווייס זי דעם געזעץ און די טראַדיציעס פונעם געזעץ — פּרעצעדענטן. ס'איז שוין אַמאָל אַזוי געווען:

נאָך אַמאָל, אַמאָל, ווען מ'האָט אייך פון שקלאַפן-שטוב אַרויסגע-
צויגן און אין פרייהייט-לאַנד געפירט, זיינען אַהין אַריינגעטראָטן
נאָר די קינדער, די יונגע. דער דור-המדבר איז געשטאָרבן . . .
איצט וועט ווידער זיין אַזוי.

דאָ קאָן שוין די מאַסע (כאָר) ווייטער ניט אויסהאַלטן. זי ווערט ווידערשפעניק; זי רעוואָלטירט אין גרויס אויפרעגונג:

אויב אַזוי, דאַרפן מיר אים ניט!
אויב אַזוי ווילן מיר אים ניט!
ניט אים, ניט זיין זון, ניט זיין גאָט!

און אין איר גרויס אויפרעגונג שטורעמט די מאַסע סאַדיסטיש:

פאַרשטיינען! פאַרשטיינען!

שייפער דערגרייכט די בילדלעכקייט פון פאַרשטיינען דורך אַקצענטירן די זילבע „שטיי" און דורך אויסציען זי לענגער. די מאַסע (כאָר) שטורמעט:

אויב זון — איז פאַר אַלעמען!

און אַן עכאָ ענטפערט: פאַרשטיינען!

אויב ליכט — איז פאַר יעדערן!

און ווידער דער עכאָ — פאַרשטיינען!

נאָך יעדער פראַזע פאַלגט גלייך נאָך דער רוף — „פאַרשטיינען!" און ס'שאַפט זיך דער איינדרוק ווי קופעס שטיינער פאַלן אויף משיח'ן און דער'הרג'ענען אים. לילית (סאָפּראַנאָ) קאָן שוין איצט טריאומפירן: „פאַרשטיינט! פאַרשטיינט!" זי זינגט גאַנץ אַפּנהאַרציק, אַז משיח וואָלט סיי־ווי־סיי געשטאָרבן פון דעם בראַנד פון אירע קושן. אָבער אויף דער מאַסע פאַלט אָן אַן אימה פאַר דעם וואָס זי האָט דאָ איצט אָפּגעטאָן. דער כאָר זינגט אומעטיק:

ס'ווערט פינצטערער . . . ס'ווערט קאַלט . . . לאָמיר זיך באַהאַלטן...

אָבער לילית האָט ניט פון וואָס צו זיין אומעטיק. זי מונטערט איר סוויטע, די מכשפות, אַז זיי האָבן זיך שוין ניט וואָס צו שרעקן. ער ליגט שוין אונטער אַ קופע שטיינער —

דער באַרג איז הויך, די שטיינער שווער;
ער וועט שוין ניט אויפשטיין, ער וועט שוין ניט קומען!

און די מכשפות (פרויען־כאָר) באַשטעטיקן:

ער וועט שוין ניט אויפשטיין,
ער וועט שוין ניט קומען!
ער'ט ניט קומען, ניט קומען, ניט קומען!

דער אָרקעסטער אינטערליודירט קורץ און גלייך דערהערט זיך אַ דינע פּאַסמע פון העלע, יונגינקע קינדער־שטימען (דער קינדער־כאָר), אין וועלכע עס הערט זיך קינדערשער בטחון:

ער וועט נאָך קומען,
ער וועט נאָך קומען,
מיר וועלן נאָך קומען.

דער קינדער־כאָר חזר'ט עס איבער עטלעכע מאָל. עס באַקומט זיך אַן אילוזיע פון פינקלענדיקע שטערן, וואָס לעשן זיך און צינדן זיך ווידער אָן.

דער אָרקעסטער שליסט די אָראַטאָריע מיט מאַכן אַ סך־הכל פון די הויפּט־מעלאָדיעס, וואָס זיינען אָנגעוואָרפן געוואָרן אין אָנהייב, נאָר עס באַקומט זיך אַ זיכערער, האָפענונגספולער טאָן. שייפער האָט דורך דעם אָרקעסטער־עפּילאָג ארויסגענומען אַ „גאַראַנטיע", אַז „ער וועט נאָך קומען", אַז „מיר וועלן נאָך קומען".

9. די אָראַטאָריע „אָקטאָבער"

אַן ערך פון זעקס יאָר צייט פאַרגייט זינט שייפער שרייבט אָן זיין לעצטע אָראַטאָריע פון דעם צווייטן פּעריאָד: „משיח בן יוסף". אין משך פון די זעקס יאָר פורעמט זיך אויס אַ פיל העכערער מדרגה סיי זיין אידעאָלאָגישער וועלט־באַנעם, סיי זיין מוזיקאַלישע דערפאַרונג און ביל־דונג, ווי אויך זיין קאָמפּאָניסטישע באַרייכערונג, סיי מיט די ווערק פון קלאַסישע מייסטערס און סיי מיט די ווערק פון די מאָדערנע, הויפּטזאַכלעך די סאָוועטישע קאָמפּאָניסטן.

דורך דער צייט שאַפט ער אַ ריי קלענערע זאַכן, וואָס זאָגן עדות אַף די גרויסע שריט, וואָס שייפער מאַכט אין די דאָזיקע יאָרן. אַזעלכע קלענערע אַרבעטן, ווי: „בראַנד און פייער", „אונזער פירער" און „דאָס

ליד אַרום שײטער" און אַנדערע, װײַזן שױן אַף אַ פֿיל העכערער רײַפֿקײט, סײַ אין טעמע און סײַ אין סטיל פֿון זײַן קאָמפּאָזיציע.

שײפֿער איז שױן איצט זײער פֿאַרזיכטיק מיט זײַן צוגאַנג צו אָראַטאָריעס. ער װײס, אַז די פֿאָדערונגען צו אים זײַנען שױן איצט פֿיל העכערע. ער װײס, אַז מען פֿאָלגט נאָך מיט אױפֿמערקזאַמקײט זײַנע אַרבעטן. װאַכט ער שױן איבער יעדן טראָט זײַנעם. און װען ער פֿאַרמעסט זיך אָנצושרײַבן אַ גרױסע אָראַטאָרישע אַרבעט איבער דער אָקטאָבער־רעװאָלוציע, ליטערט ער שױן דורך אין זײַן באַװאוסטזײַן זײַנע אָנגעזאַמלטע מוזיקאַלישע אוצרות און אידעאָלאָגישע דערקענטעניש.

שײפֿער געפֿינט ניט קײן גאַנצן טעקסט פֿון אײן דיכטער, װאָס זאָל אים איבערגעבן די גאַנצע ברײט און גרױס פֿון דער אָקטאָבער־רעװאָלוציע. שטעלט אים נ. בוכװאַלד סינטעטיש צוזאַמען אַ רײ פֿראַגמענטן פֿון טעקסטן, װאָס כאַפּן אַרום די גאַנצע תקופֿה פֿון אױפֿברױז און צערודערונג, פֿון קאַמף און פֿון זיג; טעקסטן — צוזאַמענגעשטעלט פֿון 13 פֿאַרשײדענע דיכטער, אַ טײל פֿון זײ אַמעריקאַנער פּראָלעטאַרישע קלאַסיקער, װי מאָריס ראָזענפֿעלד, באָװשאָװער און װינטשעװסקי.

דאָ איז ניט דער פּלאַץ צו אַנאַליזירן די אַנטאָלאָגישע זײַט פֿון בוכװאַלד'ס אַרבעט. בכלל פֿרעגט מען ניט קײן קשיות אַף אַנטאָלאָגיעס. דער אָפּקלײַב איז אַ פֿראַגע פֿון געשמאַק, און מיר װײסן, אַז אַפֿילו צװײ טראָפּנס װאַסער זײַנען אױך ניט פֿולשטענדיק גלײַך אײנער צום אַנדערן. מען װאָלט אפֿשר געקענט פֿונדאַמענטירן דעם גאַנצן בנין פֿון אָקטאָבער מיט אַ שטאַרקערן אָנהױב, װי די שורות פֿון ד. האָפּשטײן, װאָס בוכװאַלד גיט. מען װאָלט אפֿשר אױך געקענט פּיראַמידירן דעם שפּיץ פֿון דעם גאַנצן בנין מיט אַ גלענצנדיקערן קופּאָל, װי דעם װאָס בוכװאַלד האָט אונז געגעבן. אָבער בכלל גענומען איז בוכװאַלד'ס אַרכיטעקטאָנישע אַרבעט אַ גראַדליניקע, אַן אױסגעהאַלטענע און אַ פֿעסטגעבױטע. עס האָט זיך באַקומען אַ פֿיל־פֿאַרביקע מאָזאַיק און אַ האַרמאָנישער פּאָליטאָן.

שײפֿער האָט דאָ פֿאַר זיך אַ זײער קאָמפּליצירטע אױפֿגאַבע. בכלל גענומען האָט פּראָגראַם־מוזיק (אין אונטערשײד פֿון „רײנער" מוזיק) אירע מעלות און חסרונות פֿאַר דעם קאָמפּאָניסט. בעת דער „רײנער" מוזיקער איז ניט געבונדן צו קײן שום פּראָגראַם, צו קײן שום ספּעציעלער אידײע און אַפֿילו ניט צו קײן שום אַנדערע שטימונגען אױסער זײַנע אײגענע, װאָס ער האָט אין זײַנע שאַפֿונגס־מאָמענטן, האָט דער „פּראָגראַם"־מוזיקער פֿאַר זיך שױן אַן אָפּגעצאַמטע און אָפּגעמאָסטענע פֿערי־

פעריע. ער מוז זיך כסדר האַלטן אָן דער צענטראַל־אידייע פונעם ווערטער־טעקסט. ער מוז זיך באַאיינפלוסן מיט די זיך־ענדערנדיקע שטימונגען פונעם דיכטער. זיינע אייגענע מוזיקאַלישע שטימונגען קענען דעריבער ניט באַקומען זיין אינדיווידועלן שוואונג, זיין אייגענעם זיך־אַנטוויקלענדיקן שאַפונגס־אימפּעט. ער איז געבונדן און באַגרענעצט אַף טריט און שריט.

פון דער צווייטער זייט האָט אָבער דער „פּראָגראַם"־מוזיקער אַ גרויסן פאָרצוג לגבי דעם „ריינעם" מיט דעם, וואָס זיין טעמע איז לכתחילה אַ פעסטגעשטעלטע, אַ שוין־סכעמאַטיזירטע. עס איז שווערער פאַר אים אין אַזאַ פאַל אַריינצופאַלן אין אַ צעשוואומענקייט און אַוועקבלאָנדזשען ערגעץ אינמיטן און האָבן דערנאָך שוועריקייטן צוריקצוקומען צו דעם האַרץ פון דער טעמע. די מעלות און חסרונות באַלאַנסירן אַף אַזאַ אופן אין ביידע פאַלן כמעט גלייך אַף גלייך.

דאָס איז אָבער גערעדט, ווען דער „פּראָגראַם"־מוזיקער שאַפט אַף דער טעמע פון איין מאָנאָליטישן טעקסט. ער האָט דאָ צו טאָן מיט איין קינסטלער, מיט איין געמיט־צושטאַנד, מיט איין טעמפּעראַמענט און מיט איין סטיל. אַלץ וואָס ער דאַרף טאָן איז אַריינצודרינגען אין דעם גייסט פון דעם דיכטער און זיין שאַפונג, פּונקט ווי דאָס טוט דער קינסטלער־אַקטיאָר ווען ער דאַרף זיך אינגאַנצן אַריינלעבן אין כאַראַקטער פון דעם באַשטימטן טיפּ, וואָס דער דראַמאַטורג האָט פאַר אים געשאַפן. ער דאַרף זיך בלויז אין יענעם שאַפונגס־פּראָצעס פאַרגעסן, אַז ער איז ער. ער דאַרף אַפילו דערביי זיך אויסטאָן פון באַוואוסטזיין פון זיין אייגענעם „איך", און אַפילו פון זיין אייגענעם נאָמען.

אפשר איז די אַנאַלאָגיע ניט אויסגעהאַלטן פולע הונדערט פּראָצענט, אָבער אין אַ געוויסן זין ווערט דער „פּראָגראַם"־מוזיקער דער, וועלכער גיסט איבער די ווערטער, די דיכטערישע אידייע און זייער כאַראַקטער אין טערמינען פון מוזיקאַלישער וויזיע, פּונקט ווי עס ווערט איבערגעגאָסן ניי־פאַרוואַנדשאַפט־בלוט אין אַ צווייטן בלוט־געפעס.

אין אַזאַ סינטעטיש־אַנטאָלאָגישער אַרבעט, אָבער, וואו דער קאָמפּאָניסט דאַרף „שפּילן אַף איין פאָרשטעלונג דרייצן ראָלן", וואו ער האָט צו טאָן מיט דרייצן טעמפּעראַמענטן, מיט דרייצן סטילן און מיט אַ שלל פון שטימונגען, — קוקט די סכנה פון מעכאַניזאַציע דעם קאָמפּאָניסט אין די אויגן אַריין.

דאָס וואָלט געווען דער פאַל מיט יעדן קאָמפּאָניסט, ניט געקוקט ווי געניאַל ער איז. ספּעציעל איז עס אָבער דער פאַל מיט שייפער'ן. אין

זיינע סאַמע ערשטע שאַפונגען זעען מיר שוין ווי שייפער וויל דינען מיט זיין קאָמפּאָזיציע אַ טאָפּלטן צוועק. ער וויל געבן זיין אָדיטאָריע אַ רעוואָלוציאָנערן־מוזיקאַלישן געגום, אָבער ער האָט אויך אין זינען בשעת מעשה פאַרטייטשן יעדן וואָרט פונעם טעקסט. ער טוט דאָס אַף פאַרשיידענע אופנים. ער געברויכט דערביי כמעט אַלע קונסט־מיטלען. ער סקולפּטירט, ער מאָלט און הויפּטזאַכלעך שפּילט ער אויס די ווערטער דורך קלאַנג ווי אַ גוטער קינסטלער־רעציטאַטאָר. שייפער קען זיין אָדיענץ. ער וויל זי מהנה זיין מיט דעם דיכטער׳ס אויסדרוקספולקייט. ער וויל דורך זיין מוזיק אַקצענטירן דאָס סאַמע פּינטעלע אין דער פּראָזע. טייטשט ער ניט בלויז יעדע פּראָזע באַזונדער מוזיקאַליש, נאָר אָפטמאָל אויך יעדעס וואָרט. ווען שייפער באַקליידט דאָס וואָרט „רעגנבויגן" מיט מוזיקאַלישע קלאַנגען, ניואַנסירט ער שוין אַזוי זיינע מוזיק־קאָלירן, אַז מען זאָל הערן־זען דעם רעגנבויגן. די דאָזיקע באַהאַנדלונג בינדט אים אָבער הענט און פיס אין דער מוזיקאַלישער אַנטוויקלונג פון זיין טעמע. דאָ לויערן צענדליקער געפאַרן אַוועקצוגיין אַזוי ווייט פון איר, אַז אַלע וועגן צוריק צו דעם טעמאַטישן הויפּט־קנופּ זאָלן פאַרשטעלט ווערן. יעדעס מאָל ווען עס געלינגט דאָך שייפער׳ן אַרויסצופּלאָנטערן זיך פון זיין אייגן־געשאַפענעם לאַבירינט, פילט זיך ווי עס ווערט לייכטער אַפן האַרצן, עפּעס ווי איינער וואָלט אַוועק אַף אַ זייער סכנה׳דיקן וועג און איז פונדעסטוועגן בשלום צוריקגעקומען.

איינער פון די ערשטע און וועלט־באַרימטסטע פּראָגראַם־קאָמפּאָניסטן, ראָבערט שומאַן, האָט קיינמאָל ניט געוואַגט זיין „פּראָגראַמאַטישקייט" אָנצואווענדן צו יעדער פּראָזע באַזונדער, שוין ניט רעדנדיק וועגן יעדן וואָרט. ער האָט זיך באַנוגנט מיט דעם, וואָס זיין צענטראַלע מוזיקאַלישע אידייע האָט אויסגעטייטשט די צענטראַלע אידייע פונעם דיכטער. אָט לאָמיר נעמען, למשל, היינע׳ס באַרימט ליד, „די צוויי גרענאַדירן", צו וועלכן ראָבערט שומאַן האָט געשאַפן די מוזיק. נעמט דעם פאָלגנדיקן פערז:

גענוער מיר ברודער, איינע ביטע,
ווען איך יעצט שטערבען ווערדע —
זאָ נים מיין לייבע נאָך פראַנקרייך מיט,
בעגראַבע מיך אין פראַנקרייכ׳ס ערדע.

שייפער וואָלט אַזאַ מוזיקאַלישע אויסטייטשונג קיינמאָל זיך ניט דערלויבט. ער וואָלט באַם וואָרט „לייכע" געמאַכט אונז זען אַן אמת׳ן ברמינן מיטן גאַנצן שוידער פון די ווייסע תכריכים, ניט קוקנדיק אַף דעם,

וואס די צענטראלע אידייע איז דא דער עקסטאז פונעם גרענאדיר און זיין בטחון, אז ער וועט סוף כל סוף באערדיקט ווערן אין זיין היימלאנד.

אדער לאמיר גאר נעמען דעם פערז, צו וועלכן שומאן געברויכט די מוזיק פון דעם אנהויב פון דער „מארסעליעזע״:

זא וויל איך ליגען און הארכען שטיל,
ווי איינע שילדוואך אם גראבע,
ביז איינסט איך הערע קאנאנען-געבריל
אונד ווירנדע ראססע געטראבע.

מערקט אייך, ווי דער „הארכן שטיל״ קומט דא „שטיל״ ארויס. איר וואלט אין די ערשטע יארן פון זיין קאמפאזיציאנעלן שאפן שייפער׳ן געקאנט דער׳הרג׳ענען, אז ער זאל מוזיקאליש אזוי אויסטייטשן די פראזע. בא אים וואלט בא דעם „הארכן שטיל״ שוין געווען א פיאנא־פיאניסימא, אז מען וואלט געקענט אנטאפן די שטילקייט, און בא דעם „קאנאנען־געבריל״ וואלטן שוין טאקע ממש הארמאטן־קוילן געפלויגן אין דער לופטן.

ווען מיר פאלגן נאך שייפער׳ס אראטאריעס לויט כראנאלאגיע, קאנען מיר דייטלעך זען ווי ער ארבעט איבער זיך ניט צו לייגן דעם טראפ אזויפיל אפן ווארט, אדער פראזע, דארט וואו עס קען קומען אין קאנפליקט מיט דער צענטראלער מוזיק־אידייע.

מיר זעען אף אזא אופן, אז די צאל פון קאמפליקאציעס אין שרייבן מוזיק צו אזא סינטעטיזירטן שטאף ווי דער „אקטאבער״, פארגרעסערן זיך נאך מער בא שייפער׳ן — אין פארגלייך מיט אנדערע קאמפאניסטן — צוליב די רעשטלעך פון זיין פריערדיקער נאאיווער איינשטעלונג.

ווען די סאוועטישע מוזיקער הערן שייפער׳ס „אקטאבער״ אין 1932 און באוואונדערן דעם גרויסן פארנעם און די מאנומענטאלישקייט פון דער ארבעט, פארפעלן זיי אבער אויך ניט אנצואווייזן שייפער׳ן אף איניקע טיילן אין דער קאמפאזיציע, וואס זיינען ניט ארגאניש צוזאמענגעוועבט, נאר ווי מעכאניש צוזאמענגענייטעוועטע. שייפער האט היפשלעך רעווידירט זיין ארבעט לויט די דאזיקע פאכמענישע און קינסטלערישע אנווייזונגען.

:: :: ::

שייפער הויבט אן דעם „אקטאבער״ מיט אן אוווערטורע פון אר־קעסטער, וואס צייכנט גלייך פון אנהויב אן א קאלאסאלע ראם פאר א ברייטן לייוונט. עס פלעכטן זיך אריין הימנען איינע אין דער אנדערער — „באזשע צאריא כראני״ און דער „אינטערנאציאנאל״ — עס איז א געראנגל פון כוחות, א קאמף אף דער גאנצער ליניע.

פּאַטעטיש הויבט אָן דער כאָר אין אויסרופן מיט פּאָמפּ און גראַנדיעזיטעט — „אָקטאָבער, אָקטאָבער, אָקטאָבער". באַלד חזר'ט ער איבער דאָס זעלבע, וואָס שטייגט אַרויף צו אַ נאָך העכערער אָקטאַווע: „אָקטאָבער, אָקטאָבער, אָקטאָבער". אַזוי אַ רייע מאָל, ביז מען פילט ווי דער „אָקטאָבער" איז שוין אָן עטאַבלירטער, אַ פעסטגעזעצטער, וואָס קיין שטורעם קאָן אים ניט רירן פון אָרט. יום־טוב'דיק און הייליק מאַכט שייפער דעם כאָר זינגען דעם האָפּשטייניש פערז:

עס וועלן חדשים זיך צוועלפן,
זיך קייטלען אין יאָרן —
דיין נאָמען וועט העלן,
דיין נאָמען וועט קלאָרן!

און ווידער אַ קורצער אינטערליוד פון אָרקעסטער, צוגרייטנדיק פאַרן כאָר אַ שטימונג פון גרינגשעצונג און חוזק פאַר די פאָלגנדיקע אַרויס־רופנדיקע שורות:

וואו איז ער, דער גאַרניט,
וואָס ווייסט ניט דיין נאָמען?
וואו איז ער, דער בלינדער,
וואָס וואָגט נאָך אַצינדער
מיט לייקעניש וואָרענען?

די מעלאָדיע איז אַ סאַרקאַסטישע, אַ בייסנדיקע, וואָס רייסט שטיקער פון די גאַרנישטן, פון דער געשלאָגענער בורזשואַזער און פריצישער וועלט, דורך דער פראַגע: „וואו זיינען די דריבנע חדשים'לעך, באַצירטע מיט פאַלש גאָלד, וואָס האָבן דאָ שטענדיק אַרומשפּאַצירט מיט חוצפּה איבער דעם גרויסן און גרויען לאַנד?" די מעלאָדיע ווערט דאָ אַ טרייבנדיקע און בעזים־קערנדיקע, און דאַן אַ ווענדט זיך מיט נאָך אַ ביטערערן חוזק קעגן די כלי־קודש פון קלויסטער און שול, וואָס האָבן די גאַנצע צייט אונטערגעהאַלטן די פוילנדיקע זיילן פון דער פאַרגאַנגענער אָרדענונג —

וואָס קוקט איר פון שפּעטלעך אַרויס'עט?
וואָס באַמקעט איר אונטער פון קלויסטערשע גלעקלעך?
וואָס רירט איר זיך דאָרט ווערמיש אין שטויבן,
אין שטויבן אָף פאַלשינקע צעטלעך?

און ווידער פאַלט דער כאָר אריין אין פּאַטעטישן הויך־שוואונג — „אָקטאָבער, אָקטאָבער, אָקטאָבער."

דער ערשטער כאָר האָט אָפּגעטאָן זיינס. ער האָט עטאַבלירט די גרויסע איבערקערעניש, וואָס די וועלט האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען,

מיט פעלזנפעסטע פונדאמענטן. עס הויבט אן דער צווייטער כאר. ער שילדערט אין געדיכטע פארבן די ארדענונג, וואס איז אקארשט צע־שמעטערט געווארן, איר שווידערלעכע עקספּלואטאציע, אירע שקלאפן־קייטן:

ניט זוך מיך דארט, וואו פויגל זינגען,
געפינסט מיך דארט ניט מיין שאץ.
א שקלאף בין איך: וואו קייטן קלינגען,
א, דארטן איז מיין רוע פלאץ...

דער דאזיקער פערז פון מאריס ראזענפעלד ווערט געזונגען אין א מעלאדיע — צעטיילט אין אכט שטימען. די באסן שטרייכן אונטער מיט טיפע באשטעטיקנדיקע טענער — „דארטן איז מיין רוע פלאץ...״

א קורצער אינטערליוד פון ארקעסטער און א באסן־סאלא, דורכ־געדרונגען מיט טיפער אויפרודערונג און בייסיקן פארדרוס, ווארפט אויף אין באוושאווער׳ס ווערטער:

... שקלאף, ווען איך זע, אז דו גיסט זיך קיין ריר
און ווילסט זיך גאר בעסער ניט מאכן —
א, דאן ווערט דאס הארץ שיר צעשפּרונגען אין מיר,
איך הויב אן פאר ווייטאג צו לאכן.

און די באסן־סאלא מאכט נאך שטארקער דעם איינדרוק פון עלנט און הילפלאזיקייט, פון אפגעריסנקייט, פון אפגעשליסנקייט אין דער אלטער ארדענונג, מיט ווינטשעווסקי׳ס באוואוסטן פערז: „אייביק פאר־צארנטע.״ און דאן גייט דער כאר איבער צו דעם שיקזאל פון די, וואס האבן געוואגט זיך צו ווערן און צו קעמפן; דער שיקזאל פון די, וואס מען האט פארשיקט אין די וויסטע קעלטן און געמאכט זיי ארבעטן עבודת פרך. ווי שווערע קלעפּ פאלן דעם דיכטער־קאטארזשאן יאקו־באוויטש׳עס שורות:

שטייען מיר געשמידט אין קייטן
מיט די האלב-געגאלטע קעפּ,
און עס הערן זיך די קלעפּ
פון די האמערס אין די ווענט.

שיפער לאזט דא פאלן אזא שווערן אקצענט אף די „האמערס״, אז איר הערט זייער געקראך אזוי, אז עס קען בא אייך קיין שום ספק ניט בלייבן, אז דאס זיינען ניט קיין יוּאוועליר־העמערלעך.

ניט געזשאלעוועט די הענט,
ניט די קרעפטן, ניט די ביינער ———

עס הויבן אָן טענאָרן און באַסן — „האַקן מיר די קאַלטע שטיינער", און די סאָפּראַנאָס מיט די אַלטאָס ענטפערן אָפּ העכער: „האַקן מיר די קאַלטע שטיינער, און מיר האַקן טאָג און נאַכט". און די פרויען פרעגן מיט טיפער באַדויערונג: „ווער האָט אונז אַהער געבראַכט, וועמעס זינד און וועמעס מאַכט?" דאַן חזר'ן די באַסן איבער מיט טיפע גרונט־טענער — „ווער האָט אונז אַהערגעבראַכט?"

אַ קורצער אינטערליוד פון אָרקעסטער, מאַרש־אַרטיק, שטייגנדיק בסדר אין קעמפערישן אַנגריף, פירט אַריין דעם כאָר אין א. קושניראָוו'ס פערזן. די באַסן הויבן אָן:

מיר, מיר, מ י ר . . .
הויבע, האַרטע פעסטע ווענט.

און עס פאַלן אַריין די אַלטאָס אין אַ מינאָר — „פּאַראַורטיילטע הערן און שטומען." ענטפערן ווידער די באַסן: „מיר, מיר, מיר" . . . און אַזוי ווערט עס איבערגע'חזר'ט פיר מאָל. עס פרעגן די פרויען — „טויזנטער?" און די מענער ענטפערן — „טויזנטער!" . . .

טויזנטער יאָרן מיר זיינען געהאַרכזאַם געווען:
געהערט און באַנומען!

שייפער שטרייכט דאָ זייער שטאַרק אונטער דעם „באַנומען", ווי אַ לענגערער פּראָצעס פון בלאָנדזשען און נאָכטראַכטן.

און שווייגנדיק
אין זיך דעם מורמל פון דורות געשטיקט.

און דאָ פּלאַצט אויס דער כאָר מיט אַ מעכטיקער אַנטשלאָסנקייט:

נאָר מער, מער וועלן מיר שוין ניט שווייגן!
מיר הערן: אַ שטייגן, אַ גרייפן, אַן אָפּקלאַנג פון שווערע,
פון שטייפע, פון אייזערנע טריט . . .

דאָס חזר'ט דער כאָר איבער אין אַ גרעסערער צאָל וואַריאַציעס, גייט אַלץ אַריבער העכער און העכער, ביז ער דערגרייכט אַ צאָרנדיקן אויפ־שוואונג פון בונטאַריש־עקסטאַטישן גייסט. באַזונדער שטרייכט דער כאָר אונטער „אייזערנע", וואו איר פילט ווי די טריט זיינען ניט אַזעלכע, וואָס אַ ליאַדע ווינטל זאָל קענען פאַרשיטן זייערע שפורן.

כדי ניט צו צעשטערן דעם קרעפטיקן איינדרוק פון דעם קלימאַקס, גיט שייפער דאָ ניט קיין אָרקעסטער־אינטערליוד, נאָר ער לאָזט גלייך די טענאָר־סאָלאָ אויסברעכן אין אַ שאַלנדיקן פּראָקלאַמירנדיקן קול:

זאָל טאָגן אָ-דאָרט ——

פון איציק פעפער׳ס באַרימטן ליד. און דער כאָר ענטפערט, נאָך שטאַרקער פּראָקלאַמירנדיק:

מיט ווערטער, מיט פּראָסטע האָט לעניִן געזאָגט.

עס חזר׳ט זיך ווידער איבער די ערשטע סאָלאָ — „זאָל טאָגן אָ־דאָרט, וואו עס האָט נאָך ניט געטאָגט", און דער כאָר ענטפערט ווידער: „מיט ווערטער מיט פּראָסטע האָט לעניִן געזאָגט." און זעצט פאָר: „דאָס ליכט אַהין, וואו עס איז שטענדיק נאַכט — זאָל טאָגן אָ־דאָרט, וואו עס האָט נאָך ניט געטאָגט, מיט ווערטער, מיט פּראָסטע האָט לעניִן געזאָגט."

אַ קורצער אינטערליוד פון אָרקעסטער אין דער פאָרם פון עטלעכע שאַלנדיקן רופן, און אַ באַריטאָן־סאָלאָ ווענדט זיך אַפּעלירנדיק און איבער־ציינגנדיק:

הויב אויף דיינע אויגן צו מזרח און מערב,
צו צפון און דרום,
און זע די געזאַמלטע אוצרות און זע פון דיין אַרבעט די פּירות,
און זע דעם געבליבענעם רייכטום פון פריער-געוועזענע דורות.

די דאָזיקע שורות באַוושאָווער׳ס, וואָס שייפער האָט אַנגעטאָן נייע פליגל, צעוואַרעמען זיך נאָך ווייטער מיט נאָך אַן איבערציינגנדיקערער ווענדונג, אין דער צייט ווען דער אָרקעסטער שפּילט־צו און באַקרעפטיקט די שטאַרק־ריטמישע שורות, וואָס קומען ווייטער, ווען דער דיכטער שילדערט די געמויערטע גרויסע פאַבריקן, „וואו אַרבעטער זעגן און הובלען און וועבן, און נייען און שטריקן, און שמידן, און פיילן, און טאָקן, און שניצן", — דאָ גיט שייפער איבער דורך דער שנעל־ריטמישער און פלעכטנדיקער מעלאָדיע דעם איינדרוק פון די אַרבעטס־פּראָצעסן, ווי זיי קייטלען זיך איינע אין די אַנדערע; איר הערט טאַקע ווי די זעגן זעגן און די הובלען הובלען און דעם ריטם פון די לויפנדיקע מאַשינען. די סאָלאָ פאַרנעמט זיך אַף דעם געפּילפּולן לירישן אויסגוס פון אַן אָדע אין —

און ווייט אַף די בליענדע, לוסטיקע פעלדער
הויב אויף דיינע אויגן,
און זע ווי עס שטייען די גאָלדענע זאַנגען
פון שווערקייט געבויגן,
און זע אין די פּרעכטיקע גערטנער
די ביימער מיט פּרוכטן באַהאַנגען . . .

דאָ איז אַריינגעוועבט אַ שיינע האַרציקע מעלאָדיע, וואָס פינקלט מיט אמת׳ער מוזיקאַלישער פּרעכטיקייט. אָבער שייפער איז נאָך ניט פּאַרטיק. ער פילט, אַז ער האָט דאָ געפונען אַ באַהאַלטענעם אוצר. ער קערט זיך נאָכאַמאָל אום אין אַ צווייטן וואַריאַנט ווידער צום אָנהויב, ביז ער וויקלט פאַנאַנדער אַלע איידעלע טיול־בלעטלעך, וואָס קנוילן זיך אין אָט־דעם בלומען־קנאָספּ. ער גייט אַזוי אָן ביז ער קומט־צו צו די לעצטע קרעפטיקע שורות —

און נעם די גע׳ירשנ׳טע אוצרות
און נעם פון דיין אַרבעט די פּירות.

דער דיכטער איז שוין פאַרטיק. שייפער אָבער — נאָך ניט. ער גייט איבער נאָכאַמאָל דעם „הויב אויף דיינע אויגן" און לאָזט אויס מיט אַ ברייטן, גרענעצלאָזן אויסברוך — „און נע־ע־ע־עם!!!"

דער עפעקט איז אַ קאָלאָסאַלער. גלייך טוט דער אָרקעסטער אַ פאַל אריין אין אַ מאַרש, וואָס קלינגט ווי אַ פויקן־געקנאַל, און דער כאָר שלייכט זיך אריין, צום אָנהויב זייער שטיל, אָבער וואָס ווייטער צעקייקלט ער זיך ווי מיט צענדליקער דונערס דורך די טויזנטער טראָמפּענדיקע פיס־טריט אין ווינטשעוועסקי׳ס —

איר זייט די טויזנטער, — איין רוף אַ ברויזנדער,
איין קלאַפּ אַ טיבטיקער, איין קאַמף אַ ריכטיקער . . .

דער סיגנאַל צום באַוואָפנטן אויפשטאַנד צעשאַלט זיך אַלץ מער און מער אין ריטמישע, שווער־אָפּגעהאַקטע, קורצע זאַצן:

א י ר זייט — א י י ן רוף,
א י י ן קלאַפּ, א י י ן קאַמף . . .

ביז ער דערגרייכט צו אַ דערשטוינענדיקן אויפברויזנדיקן קלימאַקס.

אַ לענגערע פּאַוזע

דער „אָקטאָבער" איז שוין דאָ. די מאַכט איז שוין בײַ די אַרבעטנדיקע מאַסן אין די הענט, אָבער דער קאַמף איז נאָך ניט קיין פאַרענדיקטער. די כחות פון דער אַלטער אָרדענונג פּרובירן אָנצוצינדן דעם פייער פון בירגער־קריג אַרום די גרענעצן מיט דער הילף פון די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות. עס הייבט זיך אָן עפּאָכע פון בירגער־קריג. עס איז נויטיק אַ גלויבן אין די אייגענע כחות. נאָך אַ קורצן אינטערליוד פון אָרקעסטער, הייבט דער כאָר אָן צו דעקלאַרירן:

„אייביק, אייביק, פּאַכן מענטשן מיט דער שווערד: נאָר ס'האָט קיינמאָל נאָך אַזוי גלויביק ניט געהויבן זיך קיין האַנט, ס'האָט נאָך קיינמאָל אַזוי זיכער ניט געטראָגן זיך קיין וויכער איבער מענטשן ראַנד." די דאָזיקע שורות האָפּשטיינ'ס, ווערן עטלעכע מאָל איבערגע'חזר'ט כמעט אַף אַ רעציטאַטיוון אופן, ביז דער כאָר טרעט אַריין אין אַ שטאַרק־קאָמפּליצירטער קאָמפּאָזיציע אַפן טעקסט פונעם סאָוועטישן דיכטער אַשר שוואַרצמאַן, וועלכער איז אַליין געפאַלן אַפן שלאַכטפעלד פון בירגער־קריג. דער כאָר נעמט שילדערן ווי עס ווערט צעריסן פון ווײַ די שוואַרצע מוטער־נאַכט, און אַלאַרמירט: „דער שונא באַ די טויערן!"

פון טיף פון מײַן האַרץ
זיך רײַסט אַ ווילד געשריי:
דער שונא באַ די טויערן!
אַף גיך צום פערד!
די האַנט שטעל אָן!
ס'איז היינט די שווערד,
די שפּיז — אַ פאָן.

די לעצטע שורה זינגט דער כאָר אין אַכט שטימען, כדי צוצוגעבן דעם פאַרשיידנאַרטיקן מאַסן־כאַראַקטער פונעם קאַמף: „דער שונא באַ די טויערן!" דאַן שנײַדט זיך אַרײַן אַ שאַרפע רופנדיקע טענאָר־סאָלאָ:

היי! ווי אויסגעהונגערטע צום ברויט, ווי האַלדז־פאַר'שרפ'עטער צום וואַסער,
בירגער — צום געווער!

דער דאָזיקער רוף צום געווער, פון מאַיאַקאָווסקי'ס ליד, גרייט צו דעם כאָר אַרײַנצוטרעטן אין אַ קאַמפס־געזאַנג אַפן טעקסט פון מאַיאַקאָווסקי, מ. שאַפּיראָ, אַשר שוואַרצמאַן און איציק פעפער:

מיר שפּאַנען, צעוויקלען דעם וועלטישן פלאַנטער,
זאָל צאָרן און ווילדע סירענען פאַרברענען.
וויי דעם צווייקעפּיקן!

פאַר זינד פאַר הײַנטיקע און נעכטיקע
מיר קומען זיך מיט אייך צערעכענען.

די שורה פון אָנהויב פון כאָר, „מיר שפּאַנען", ווערט איצט אַרײַנגעפלאָכטן צווישן די ווייטערדיקע שורות אַזוי, אַז זי דינט ווי אַן אָקסאָרום וועלכער די גרונט־עמלאָדיע הייבט זיך אָן דרייען. ספּעציעל אין שוואַרצמאַנ'ס פאָלגנדיקע שורות:

עס פלאַקערן פאָנען און רייען נאָך רייען
אַלץ גייען און גייען און פאָנען נאָך פאָנען
אַלץ רופן און מאָנען
און רייען נאָך רייען אַלץ גייען און גייען
און ווער קען פאַרשטייען ?
ווער איז דאָ באַגעגנט און ווער איז באַגלייט.

די לעצטע שורה ווערט אויסגעזונגען שטילער, עלעגיש, ווי אַ שטילער טרויער, כאָטש אַן איינגעהאַלטענער, איבער די געפאַלענע אין קאַמף. אָבער באַלד גייט דער כאָר אַריבער צוריק צו דער האָפערדיקער קאַמף־שטימונג, דערמונטערנדיק, ווי מ'וואָלט געבן איינעם, וואָס האַלט אין אַריינפאַלן אין אַ יאוש־שטימונג, אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע: נישט געזאָרגט:

ווער אַ יאַט איז דאַרף זיין גרייט
אי פאַר טרויער, אי פאַר פרייד.
ביקס אַף פלייצע, שווערד אין הענט —
קיינמאָל דורשטיק, קיינמאָל מיד,
שטייען יאַטן און מ'היט.

דאָ נעמט דער כאָר אַריינטרעטן אין אַ שנעלערן טעמפּאָ און אין אַן אָפּגעהאַקטער מאַרש־סטאַקאַטאָ:

דאַרף מען שיסן איז געשאָסן.
דאַרף מען — היט מען אונזער שטאָט.
דאַרף מען — ווערט ימ'ישע מאַטראָסן
פונעם ווייטן, פונעם רויטן פלאָט.

אָבער די ווייסע באַנדעס, דאָרט וואו זיי הערשן נאָך, באַגייען גרויל־טאַטן, מאָרדן, שענדן, און דער כאָר נעמט איבערגעבן אין אַ זייער גע־דריקטער איכה־שטימונג, רעציטאַטיוו־מעסיק, ווי מען דערציילט אַ שרעק־לעכע מעשה וואָס האָט זיך פאַרלאָפן, מיט אַן אָפּגעהאַקטן, נאָך דערשראָקענעם אָטעם:

אינעם שטעטל הוליען רוצחים שכנים,
צינדט מען, הענגט מען שוין דעם אַכטן טאָג.
זיינען שטייבן בלוטיק אַף די שטיינער,
זיינען פענצטער פינצטער אין קאָמיוג.

דער טעקסט שילדערט ווייטער ווי עס קומען פאַר שלאַכטן אומעטום — אַף די פעלדער, לעבן יעדן טויער, עס פלאַקערן הייזלעך אַ וואָך צייט, דאָס שטעטל ווערט חרוב — יעדער שטיין איז פאַרטרויערט, יעדע טיר איז פאַרשלאָגן —

מאַמעס קלאָגן, טאַטעס וויינען, ברידער לויפן —
ניט קיי געבעטן, ניט קיין מאָרגן, ניט קיין טאָג.
רוצחים הוליען היינט אין אַלע הויפן —
זיינען פענצטער פינצטער אין קאַמיוג.

אין דער שורה „מאַמעס קלאָגן, טאַטעס וויינען", ברעכט אויס א דערשיטערנדיקער יאָמער־געשריי. אָבער שייפער וויל נישט אָנהאַלטן כסדר די געדריקטע שטימונג. אין דער צייט וואָס די ווייסע באַנדעס באַגייען זייערע מעשים אין איין פּלאַץ, דרינגען אריין אין אַנדערע פּלעצער די רויטע פּאַרטיזאַנען, היילן די וואונדן און בויען די חורבות. שניידט טאַקע שייפער אריין אין צווישן די דאָזיקע שווער־דריקנדיקע שורות, די פריער שוין דערמאָנטע פראַזע: „מיר שפּאַנען."

די קאַמפן שטילן זיך ביסלעכווייז איין, מען קען שוין אָפּכאַפּן דעם אָטעם. מען קען זיך שוין אוועקזעצן אַף א ווײַלע אַף א שטיקל חורבה און שפּילן מיט א האַרמאָשקע. עס נעמען די באַסן אויסמאָלן אָט אזא מין אָטעם־אָפּכאַפּ, אַפן טעקסט פון ל. קוויטקאָ׳ס ליד:

אַף די רויכערדיקע חורבות
אַפן חרם, אין וואַרעם גאָלד,
וואָס הימל שיקט אַראָפּ
צעלייגן זיך די ברידער, די חברים —
רוט מען אָפּ.
שפּילט און גיסט זיך אַ האַרמאָשקע.

דאָ קומט אריין דער אָרקעסטער מיט א מין טאַראַראַם און שפּילט אויף —

בליפּעט, ציפּעט אַ האַרמאָשקע . . .

דער קאַמף איז געענדיקט. די ווייסע זיינען צעקלאַפּט און צוריק־געשטויסן געוואָרן אין אַלדי רוחות. די קאָמיוניסטן און קאָמסאָמאָלקעס קערן זיך שוין אום פון פראָנט. א פרויען־כאָר נעמט זינגען מיט דאָרפישער געזונטער פריידנס־לוסט פעפער׳ס ליד: „בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס". שייפער פלעכט אריין אין דעם ליד פיל חן פון דעם רוסישן פאָלקס־טימלעכן מעלאָדיע־אוצר:

. . . וואַרעם זיינען הערצער, וואַרעם זיינען אויגן,
זיינען קאָמסאָמאָלקעס אַפן פראָנט געפלויגן.
וואָס איז טאַטעס ווערטער, וואָס איז מאַמעס טרערן?
לעניין, פראָנטן, קים און קאָמינטערן.
אַפן פראָנט געגאַנגען, פונעם פראָנט געקומען
וויפיל יאָטן הייסע, וויפיל ליבע געמען!

„בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס” ווערן דאָ זייער פיל מאָל אריינגעזוונגען אין צווישן די שורות, אַזוי אַז דורך דער מוזיק גיסט זיך כמעט איבער אַ געבלענד פון בלאָנדע צעפּ, וואָס שימערירט כסדר אין פריידיקער זיג־שטימונג.

בוכוואַלד האָט דאָ זייער גוט געטאָן, וואָס גלייך נאָך דעם האָט ער צוגעשטעלט פּרץ מאַרקיש'עס האַלב־שפּאַסיקע פאָלקס־טאָנלעכע שורות, וועלכע ווייזן אויך אָן אַף דעם אידישן פּאַרטיזאַנען־עלעמענט, און שייפער רוקט ארויס אַ מענער־סאָלאָ, וואָס ווערט אונטערגעכאַפּט פונעם כאָר מיט עטוואָס אַ באַהאַלטענער איראָניע, ווען עס ווערט דערמאָנט „חבר שלמה־בער":

גייט מען פון אַ שטאָט אַזוי,
גייט מען אין אַ צווייטער —
וואַנקע באַראַבאַנשטשיק, מאָטעלע טרומייטער,
שלמה-בער, דער פאָנען-טרעגער — הינטן דאָס געווער.

אָבער כדי צוריקצופירן צו דעם פולן ערנסט פון דעם גרויסן זיג, זינגען די מענער ל. קוויטקאָ'ס ריטמיש ליד „רויטאַרמייער באָלשעוויק", און גרייטן צו דעם פּלאַץ צו פאַרענדיקן פאַר דעם גאַנצן כאָר מיט קליינע אויסצוגן פון זיג־לידער, וואָס ענדיקן זיך אָבער ווידעראַמאָל מיט דעם פּאָמפּאָזן און גראַנדיעזן גרויסן אריינפיר:

אָקטאָבער, אָקטאָבער, אָקטאָבער!
דיין נאָמען וועט העלן,
דיין נאָמען וועט קלאָרן!
אָקטאָבער!

דער פינאַל איז שטאַרק. עס סקיצירט זיך ווידער אויס די אַטמאָס־פערע פון דער פעסט־עטאַבלירטער סאָוועטן־מלכוה, פונעם זיגרייכן אָקטאָבער.

10. די אָראַטאָריע „קיין אײנציקן שפּאַן"

פּרץ מאַרקיש'עס פּאָעמע „קיין איינציקן שפּאַן" איז נישט צווישן די קינסטלעריש־בעסטע פון זיינע שאַפונגען. מאַרקיש האָט דאָ מער געהאַט אין זינען די וואָרענונג, וואָס סטאַלין האָט געגעבן די אָנגרייפנדיקע און קאָנספּירירנדיקע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווי וועלכע עס איז קונסט־אויסלייטערונג. דער סוזשעט גופא פאָדערט אין דעם פאַל מער פּלאַקאַט־

מעסיקייט און ווייניקער מאָלערישקייט. מארקיש מיידט דאָ באַוואוסטזיניק אוים קאָמפּליצירטע פארבן און געשניצטע ווערטער. מאָלערישקייט און וואָרט־געמאָסטנקייט וואָלט דאָ בלויז שטערן פּאַנאַנדערצעקייקלען אין פולן אימפּעט די וואָרענונג אין אַלע עקן פון דער וועלט.

מארקיש׳ן איז געלונגען מיט איינפאַכע און וואָכעדיקע מיטלען אויס־צוהאַמערן אַ מעכטיקע דעקלאַראַציע, מיט אַ ברייטן דיאַפּאַזאָן. ער גיט איבער סטאַלינ׳ס שאַרפע און אַנטשלאָסענע ווערטער אין אַ ריי וואַריאַציעס און באַגיסט, אגב, די קאַפּיטאַליסטישע קאָנספּירירנדיקע מלוכות מיט אַ וויטריאָלישן סאַרקאַזם. ער ווייזט זיי אָן ווי דער קריזיס אין דעם קאַפּי־טאַליזם מאַכט אומזיכער זייער אייגענעם באָדן; ער ווייזט אָן אויף די מאַסן הונגעריקע און אומרואיקע אַרבעטער, וואָס זאַמלען באַ זיך אָן צאָרן און רעוואָלט.

מארקיש חוזק׳ט אויס די פּלענער פון די מיליטאַריסטישע מלוכות. זייער „צעטיילן זיך מיטן בער איידער זיי האָבן אים געכאַפּט”. ער פלעכט אויך אריין דעם פרומען פּאַפּסט, וועלכער „זאָרגט זיך נעבעך זייער שטאַרק פאַר דעם זינדיק רויטן לאַנד”. אָבער יעדעס מאָל קומט ער אַלץ צוריק צו דער אַנטשלאָסנקייט פון סטאַלינ׳ס וואָרענונג מיט דער איינ־פאַכער, אָבער אַזוי פיל זאָגנדיקער שורה — „האָט געזאָגט אונזער לאַנד”.

שייפער האָט געשריבן די דאָזיקע קאָמפּאָזיציע כמעט אין קלאַסישן סטיל. ער האָט דאָ אריינגעוועבט שאַרפע און קרעפטיקע מעלאָדיעס און האָט כסדר אין זינען געהאַט נישט אויסצופלעכטן זיי אין צו לאַנגע פראַנזן, כדי ער זאָל יעדעס מאָל קענען צוריקקומען צו דעם הויפּט־פּינטל פון דער טעמע „האָט געזאָגט אונזער לאַנד”. ער גייט כמעט מערסטנס נאָך, ווער־טערלעך און קאָמפּאָזיציאָנעל, דעם דיכטער׳ס ריטם און געדאַנק.

די קאָמפּאָזיציע האָט שייפער געשריבן פאַר אַ געמישטן כאָר און מאַנדאָלין־אָרקעסטער. און גראָד דאָס, דאַכט זיך, איז אַ גרויסער אידעאָ־לאָגישער אויפטו. אמת, די מיליטערישע מארש־מוזיק, וואָס עס פאָדערט זיך אין אַזאַ אויסגעשפּראָכן־דעקלאַראַטיוו ליד וואָלט, אָן שום צווייפל, בעסער אויסגעדריקט געוואָרן דורך אַ בלאָז־אָרקעסטער פון מעשענע מעכטיקע אינסטרומענטן. דער איינדרוק אויף די צוהערער וואָלט מיט דעם פיל פארשטאַרקט געוואָרן. שייפער אָבער האָט באַוואוסטזיניק דאָ אויס־געמיטן דעם מאָמענטאַלן עפעקט צוליב דער אידייע. ער האָט זיך שטאַרק געהיט, אַז סטאַלינ׳ס וואָרענונג זאָל נישט קלינגען ווי די קאַפּיטאַליסטיש־מיליטערישע חוצפּה׳דיקע קלינגערייען מיט שפּאָרן און שווערדן. ער האָט געוואָלט כסדר אונטערשטרייכן די אַנטשלאָסענע שטעלונג פון דעם סאָ־

וועטן־פאַרבאַנד אָנצוהאַלטן דעם פרידן מיט אַלע כוחות. ער האָט דעריבער געוואָלט אַף וויפיל נאָר עס איז מעגלעך אונטערשטרייכן דעם פרידלעכן כאַראַקטער פון דער דעקלאַראַציע, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט גע־צוואונגען ווערן צו פאַרטיידיקן זיך אין צייט פון אַן אָנפאַל. און דאָס איז בײַ אים דערגרייכט געוואָרן דורכן איינפירן דעם מילדערן טאָן פונעם מאַנדאָלין־אָרקעסטער.

שייפער דערגרייכט פונדעסטוועגן גאַנץ היפּשע איינדרוקספולע רעזול־טאַטן דורך אַ וואויל־צוגעקלערטער קאָמבינאַציע אין דעם אָרקעסטער־אַנסאַמבל. ער ספּעציפיצירט פאַרן אָרקעסטער־באַשטאַנד ערשטע און צווייטע קאָנצערטינאָס, וויאָלאַ און טשעלאָ קאָנצערטינאָס, פּיאַנאָ, קעסל־פּויקן און אַ קליין פּייקל, ערשטע און צווייטע מאַנדאָלינאָס, מאַנדאָלאָס, מאַנדאָ־טשעלאָס און מאַנדאָ־באַסן.

דער אָרקעסטער עפנט מיט אַ טרומפּייטן־אַרטיקער אָווערטורע, אין וועלכער עס זיינען דאָ קאַקאָפאָנישע עלעמענטן, כדי איבערצוגעבן דעם כאַאָס און צעטומלעניש אין די אימפּעריאַליסטישע רייען. דאָ הערט זיך פון די באַסן אַן אָנדייט אַפן שפּעטערדיקן מאָטיוו —„זאָלן וואַכיקע זיין !״, וואָס דערפירט צו אַ שטאַרקן קלימאַקס. אַ פּויזע. די שטילקייט אַף אַ רגע ווערט איבערגעריסן מיט עטלעכע קאָנצערטינאָ־טענער. אַפן הינטער־גרונט קלאַפּט די קעסל־פּויק אויס עטלעכע ריטמישע טאַקטן, ווי דער מאַרש פון אַן אַרמיי, און פירט אַריין דערנאָך אַ טרויעריקן מאָטיוו, וואָס שילדערט דעם הונגער און נויט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אָבער באַלד דערהערן זיך נייע אַקאָרדן און די קעסל־פּויקן קלאַפּן שנעל אויס די ריטמישע פיגורן אַף וועלכע ס׳איז אויפגעבויט דער ערשטער כאָר. דער כאָר הויבט אָן מיט די מאַסן: „ס׳האָט געזאָגט אונזער לאַנד.״ אַקצענטירנדיק דעם „געזאָגט״. און באַלד קומען אַריין די טענאָרן מיט אַ שטאַרקן אַקצענט אַף „אונזער לאַנד״. דאַן קומען די סאָפּראַנאָס און אַלטאָס מיט דעם זעלבן אָנהויב:

ס׳האָט געזאָגט אונזער לאַנד
און דאָס לאַנד האָט געהערט.
אַז קיין איינציקער שפּאַן פון קיין שבנ׳ישער ערד
נישט פאַרלאַנגט אונזער האַנט, נישט פאַרלאַנגט אונזער שווערד.

די שורה „אַז קיין איינציקער שפּאַן״ ווערט ווידער איבערגעזונגען, פריער פון די באַסן און טענאָרן און דערנאָך פון דעם גאַנצן כאָר. ס׳הויבן זיך אָן אַ ריי איבער׳חזר׳ונגען פון אָנהויב אָן, וואָס ווערן וואָס ווייטער אַלץ מער באַטאָנט און באַקרעפטיקט.

נאָר קיין איינציקן שפּאַן, פון סאָוועטישער ערד
וועלן מיר ניט אָוועקגעבן אונזערע פיינט!

אינעם „נאָר קיין איינציקער שפּאַן פון סאָוועטישער ערד" עפענען די פרויען־שטימען אַ פוגע און די מענער ענטפערן. דערנאָך זינגען אַלע צוזאַמען „נאָר קיין איינציקן שפּאַן", אין פינף שטימען. דער איינדרוק פון אַנטשלאָסנקייט און זיכערקייט וואַקסט אָן אַלץ מער און מער ווען דער כאָר הויבט אָן אין אַ צווייטער וואַריאַציע צו זינגען:

האָט געזאָגט אונזער לאַנד און די זון האָט געשיינט,
האָט געזאָגט אונזער לאַנד מיט געזאַנג און מיט זיג!

דאָ גייט אָן די מעלאָדיע אין מילדערע טענער, ווי איינער וואָס וויל בשום אופן ניט פאַרפירן קיין קריג און הויבט אָן אַראָפּלאָזן עטוואָס זיין שטימע, ווען ער פילט אַז ער האַלט שוין אין ווערן צופיל צעהיצט. דער כאָר חזר'ט עס איבער עטלעכע מאָל ביז די באַסן גיבן אַ רוף אויס: „זאָלן וואַכיקע זיין", וואָס ווערט שפּעטער אויפגעכאַפּט פון אַלע שטימען אין אַ ריי וואַריאַנטן:

זאָלן וואַכיקע זיין מיט דעם שווערדן־געבלאַנק.
אַלע שלאַכטיקע זין פון דעם אַרבעטער־לאַנד.

דאָ קומט פאָר אַ פאַרבינדונג פון דעם אָרקעסטער און דער גאַנצער כאָר זינגט אין אַ זייער פאַרשנעלערטן טעמפּאָ — „ווייל דער שונא זיך גרייט צו באַפאַל און צו רויב און אַ נעץ ער פאַרשפּרייט מיט געפאַר און מיט שרויט; ווייל דער שונא זיך וואָרגט מיט פאַרשווער און מיט גיר." די פרויען־שטימען נעמען אַליין איבער דעם מאָטיוו פון „זאָלן וואַכיקע זיין" און די מענער־שטימען ענטפערן, ווי מיט אָפּגעמאָסטענע מאַרש־טריט — „איינס איינס, צוויי — לינקס", צוויי מאָל אַזוי, ביז די פרויען־שטימען לאָזן אויס „מיט פאַרשווער און מיט גיר" אין אַ שטימונגס־פולן מינאָר. דער אָרקעסטער שפּילט אויף אַ מאַרש און אַ טרומפּייטן־סאָלאָ פון מלחמה־שאַל שיקט אַרויס אַ ווייטע וואָרענונג. דער גאַנצער כאָר הויבט אָן:

וועט זיין וואַך, וועט זיין שאַרף אונזער שלאַכטיקע שווערד
אַף זיין מינדסטיקן ריר, אַף זיין יעטוועדן קער,
וואָר באַדראָט מיט פאַרמעסט!

די מעלאָדיע צעוואַרעמט זיך, די וואַכזאַמקייט ווערט אָנגעשפּיצט און דער כאָר שטרייכט נאָכאַמאָל אונטער, אַז דער קאַמף איז אָן אַרויס־געצוואונגענער, ווייל —

מיר פאַרלאַנגען קיין טראַט פון קיין שבנ'ישן לאַנד,
נאָר געמינערט ניט זיין וועט קיין איינציקער שפּאַן
פון אונזער סאָוועטישן, פריַיען פאַרבאַנד !

דער כאָר נעמט זיך נאָך אַמאָל פאַרן ערשטן אָנהויב — „האָט גע־זאָגט אונזער לאַנד", און אַ צווייטן מאָל — „מיר פאַרלאַנגען קיין טראַט" אין אַ גאַנצער רייע אימיטאַציעס, ביז ער לאָזט אויס אין קרעפטיקע אַקאָרדן דעם ערשטן כאָר — „פריַיען פאַרבאַנד !"

איידער דער צווייטער כאָר הויבט אָן, אָוועטירט דער אָרקעסטער מיט אַ רייע פון הוליאַנקע־מאָטיוון. עס הערן זיך ווי שיכור'ע, אָנגע־זויפטע קולות וואָלטן זיך פאַרגאַנגען אין וואַקכאַנאַלישע אָרגיעס. נאָך אַ קורצער פאַרבינדונג קומט אַריין דער כאָר. די באַסן הויבן שפּאָטיש אָן : רום צו דיר, אייראָפּע פּאַן" און אַלע דריי שטימען ענטפערן, איבער־זינגענדיק עס —

רום צו דיר אייראָפּע פּאַן ! רום צו אַלע דיינע שטעט !
צאָרן אונטערערדיש שפּאַנט און רייסט אויף דיין מאַיעסטעט !

די באַסן זינגען „רום צו אַלע דיינע שטעט" און די איבעריקע דריי שטימען ענטפערן ווידער און דערנאָך אַלע פיר צוזאַמען „צו אַלע דיינע שטעט" און זעצן פאָר צוזאַמען די ווייטערדיקע צוויי שורות. אין אָנהייב איז דאָס געזאַנג ניט אַזוי האָפּערדיק, עפּעס ווי מ'וואָלט זיך געמאַכט האַרץ אונטער זייער שווערע אומשטענדן, אָבער וואָס ווייטער און ווייטער, אין אַ רייע רעפּעטיטיווע פוגעס, ווערט אַלץ דאָס געזאַנג דרייסטער און זיכערער. די פוגעס דינען, ווי זיי וואָלטן דאָ אָנגעזאַמלט מוט און מאַכן אַ באַדייטנדיקן איינדרוק, ווי מאַסן פון פאַרשיידענע שטעט, פון פאַר־שיידענע ערטער צאָרענען און בונטעווען זיך. דער גאַנצער כאָר זינגט דעמאָלט אין אַ באַקלאָגנדיקער מעלאָדיע :

אַף די גאַסן הונגעריק
און אין הערצער אַ געברום און די מיילער וואונדיקן ;
נאָך אַ טאָג און נאָך אַ וואָך—גו, און וויפיל קען מען נאָך ?
אַף די גאַסן און אין גריט, אָן געלעגער און אָן ברויט,
אָן אַ לאַנד און אָן אַ היים —
געכטן—באַ וואַרשטאַט אין ריי,—הייגט—אַרויסגעשליידערט—ריין,
ווי אָן אויסגעגאָנטער ביין—איז דיין אורטייל—לייען ! לייען !

שייפער וויל אונטערשטרייכן דעם „לייען" אַזוי שטאַרק ווי מעגלעך — מאַכט ער דעם כאָר עס איבער'חזר'ן עלף מאָל און עס באַקומט זיך אַ קאָלאָסאַלער איינדרוק, דורך דעם וואָס אונטער די אויסגעהאַלטענע

קלאַנגען פֿון סאָפּראַנאָס, דונערן די איבעריקע דרײַ שטימען אױס װי מיט האַמער־שלאָגן, דאָס װאָרט „לײען, לײען, לײען". דער כאָר חזר'ט איבער נאָכאַמאָל פֿון אָנהױב „רום צו דיר, אײראָפּע פּאַן", אָבער דאָ װערט שױן דער מאָטיװ אױף „צאָרן אונטערדערדיש שפּאַנט" ברײטער אױסגעפֿראַנזט און עס באַקומט זיך אַן אײנדרוק װי פֿון אַלע זײַטן און װינקלען שפּאַרט זיך דער צאָרן צו די אימפּעריאַליסטן.

עס הױבט זיך אָן דער דריטער טײל. דער אָרקעסטער אין זײַן אַרײַנפֿיר הױכט אָן אַ מין תוהו־ובוהו, קלאַנגען פּאַרקלינגען קלאַנגען, כאַאָס, װאו עס שנײַדט זיך אַרײַן אַ מין קלױסטער־געקלאַנג און פֿירט אַרײַן דעם דריטן כאָר. עס הױבן אָן די פֿרױען אין אַ געדריקטער, כמעט קלאָגנדיקער מעלאָדיע, װי זײ װאָלטן דערצײלט מיט אָפּגעהאַקטע אָטעמס:

> אָט איז אַ פֿאַרזאַמלונג, אָט, מיט אַ פֿאָרשטײער פֿון גאָט,
> מיט אַ בלוט געזאַלבטער האַנט, און ס'איז דאָ דער פֿאַבריקאַנט,
> מען באַראַט זיך און מען טראַכט, װי אַן אָנפֿאַל װי מען מאַכט!
> ס'איז די ערד דאָרט גרױס און רײַך! גיט מען עס אַזאַ מין פּלײַך!

דער מענער־כאָר ענטפֿערט. ער פֿערזאָניפֿיצירט מיט זיך די אימפּעריאַליסטן מיט זײערע דיפּלאָמאַטן, װי זײ קומען דורך צװישן זיך און מאַכן די חלוקה. זײ זינגען: „ס'איז די ערד דאָרט גרױס און רײַך", און די פֿרױען ענטפֿערן, איבער'חזר'נדיק. די מענער־שטימען זינגען װײַטער: „מיר דאָס קאָרן — דיר דאָס װײץ!" און די פֿרױען גיבן אַ זינג־צו צװײ מאָל „און מען קוקט, און מען פּאַסט", און די מענער־שטימען ענטפֿערן מיט אַ חוזק־טאָן, פֿון דעם װאָס זײ טײלן זיך שױן אײן, פּונקט װי זײ װאָלטן עס שױן געהאַט בײַ זיך אין דער האַנט — „מיר באַקו, דיר דאָנבאַס". שײפּער קאַריקאַטורירט די אימפּעריאַליסטן מיט דעם װאָס ער גיט דעם מענער־כאָר צו אַ פּאַרסישן כאַראַקטער אין דער מעלאָדיע. שײפּער'ן קומען אָן שום ספק דעמאָלט אַרױף אױפֿן זינען אונזערע „אײגענע" דיפּלאָמאַטן, די ציון־פֿירער, װי זײ טײלן זיך עס אײַן מיט פּאַלעסטינע, װײַל ער גיט דאָ אױך אַרײַן אין דער מעלאָדיע געגנוג אידישלעכן חוזק.

> — איז אַרײַן! אַרײַן! אַרײַן!
> מיר — אוקראַינע! דיר — אוראַל! און — אוראַ, אוראַ, אוראַ!
> און גענומען און באַפֿאַל! און בכלל!

אין „מיר — אוקראַינע, דיר — אוראַל" חזר'ט דער מענער־כאָר איבער װי פֿריער דאָס אײַנטײלן זיך מיט באַקו און דאָנבאַס. און די פֿרױען פֿאַרענדיקן כמעט װײנענדיק:

וואָס איז פאַר זיי הונגער, נויט? וואָס איז פאַלן אַף דער גאַס?

עס הויבן די מענער אָן מיט ביטערער איראָניע:

ס'פוילט די סחורה אין פאַבריק, די מאַשינען זשאַווערן —
מוז מען, פאַטערל, אַ קריג, מוז מען, און ס'זאָל ניט געדויערן!
און מיר דאַרפן, אַז דער פויפסט זאָל אונז אַנוויקלען די פויסט
און דאָס בליי אין די הענט אין דעם נייעם טעסטאַמענט.

דאָ קומט אַ קליינע פויזע, וואו דער אָרקעסטער פירט־צו צו דער נייער פראַזע, אין וועלכער די דיפּלאָמאַטן באַקלאָגן זיך פאַרן פאַפּסט, אַז ס'איז שוין איצט קלאָר, וואָס עס הייסט פינף אין פיר יאָר. ס'איז דאָך פּשוט נישטאָ קיין סוף! — פריער אין פיר, דערנאָך אין דריי און דערנאָך שוין גאָר אין צוויי! די היפּאָקריטן, וואָס דער מענער־כאָר שטעלט דאָ פאָר, „ווישן פּשוט די טרערן זיך פון די אויגן" אַף דעם טרויעריקן מזל פון דעם אָרימען פאָלק: — „און אַף וועמעס פּלייצעס טוען זיי דאָס אַלעס שוין? און אַף וועמען ליגט דער עול? אַלץ דאָס בידנע אָרים פאָלק!" און די אימפּעריאַליסטן קומען צום שלום, אַז „מען מוז אויפהויבן דאָס קול פאַר דעם ליידנדיקן לאַנד: — נו, ווי לאַנג נאָך, — פרעגן זיי, — נו, ווי לאַנג?"

דאָ אינטערווענירן די פרויען־שטימען אין אַ קלאַנגפולן געפּילדער פון קירכן־גלאָקן — „האָט דער פאַפּסט געטאָן אַ שפּרעך", און די מענער־שטימען גייען ווייטער אָן אין אידישלעבן־קלויסטערדיקן מאָטיוו, מער אָבער אידישלעך. שייפער ווייסט, אַז דאָס איז נישט קיין פאַלשער צוגאַנג. זיינען דאָך זיכער די מוזיק־היסטאָריקער, אַז די ערשטע קריסטלעכע תּפילות שטאַמען אָפּ פון די אידישע תּפילות אין בית־המקדש. די מענער־שטימען זינגען רעציטאַטיוו־מעסיק און אין פוגעס פון טענאָרן און באַסן:

שעפּעלעך, איר מיינע, הערט: ס'האָט באַקלערט דער וואַטיקאַן —
אַרבעטלאָזע אָפן הימל זיינען איצטער פיל פאַראַן, —
ווילן מיר עפּעס באַשטימען פאַר דעם זינדיק־רויטן לאַנד.
אַרבעטלאָז גייט איצט אָרום, זי, דאָס מוטערל טערעזע.

אינטערווענירן ווידער די פרויען־שטימען צוויי מאָל: „און מ'קוקט און מ'פאַסט", און די מענער טיילן זיך ווידער איין מיט דעם רויב: „מיר — באַקו, דיר — דאַנבאַס", און ווייטער ביז ס'באַקומט זיך אַן איינדרוקס־פולער עפעקט, ווען אַלע פיר שטימען דונערן אויס — „איז גענומען און באַפאַל", און די מענער ענדיקן רעציטאַטיוו־מעסיק: „איז אַריין! אַריין! אַריין!

דער פערטער טייל הייבט זיך אָן מיט זייער אַ קורצער אינטערליוד פון דעם אָרקעסטער. אַ טרומייטער שאַלט אויס, ווי אַ רוף צו דער שלאַכט, און דער כאָר פאַלט אַריין אין דעם זעלבן אַנהויב־מאָטיוו ווי אין דעם ערשטן טייל, אָבער אַ ביסל קרעפטיקער — „האָט געזאָגט אונזער לאַנד און די זון האָט געשיינט", און ער פירט־צו צום הויפּט־מאָטיוו פון פערטן טייל. עס הויבט זיך אָן אַנדער מעלאָדיע, אַזאַ וואָס דריקט אויס מער פעסטקייט און זיכערקייט —

יעדער טראָט, יעדער שפּאַן פון סאָוועטישער ערד
איז אַף פרידן געפּלאַנט און אַף בויאונג פאַרקלערט.
מיר האָבן געבויט דאָ, מיר האָבן אַליין.

די דאָזיקע קרעפטיקע מעלאָדיע ווערט ווידער איבערגעזונגען צו דעם פאָלגנדיקן פערז, וואו עס דערציילט זיך ווי מיזאָם עס איז געבויט געוואָרן דער סאָוועטן־פאַרבאַנד — „מיט אַ שטויב צו אַ שטויב, מיט אַ שטיין צו אַ שטיין. אונזער זאָרג און באַראַט, אַז אַף וויסטעם געוויג, אויפגיין זאָל אַ זאַוואָד, אויפגיין זאָל אַ פאַבריק!"

דאָ וועבט שייפּער אויס אַ וואונדערבאַרע מעלאָדיע, אפשר אַ צו־סענטימענטאַלע, אָבער איר קענט אַליין זען ווי זי איז זייער צוגעפּאַסט צו די פאָלגנדיקע שורות:

אַז אין טראַקטאָר באַפּעל זאָל פאַרליבט זיין דער גרונט, —
און אין לאַנד זאָל זיין העל, און אין לאַנד זאָל זיין זון!

אין דער שורה „זאָל פאַרליבט זיין דער גרונט" פילט זיך אָן אמת'ע פאַרליבטקייט, און אין דער צווייטער — „אין לאַנד זאָל זיין העל", פילט זיך אַ מעכטיקער באַפעל. דער כאָר נעמט ווידער זינגען די שוין באַ־וואוסטע מעלאָדיע — „און געזאָגט האָט דאָס לאַנד, און דאָס לאַנד האָט געהערט", ווי פריער אין פיר שטימען. אָבער שייפּער גיט גלייך אַ גיס צוזאַמען דעם כאָר אין איין איינציקער שטימע, וואָס אונטערשטרייכט די איינשטימיקייט פון דעם אַרבעטער־קלאַס — „ס'איז דעם בויער'ס באַגער, ס'איז דעם אַרבעטער'ס וואָרט" און דאָס וואָרט איז אַזוי:

זאָל אַף יעטווערן פּאָרט זיך צעבליִען דער פלאַט,
און מיט ברוייט און מיט קויל און מיט ברודער־געלאַך
זאָלן שיפן אין ים, ווי באַגריסונגען — העל
גיין צו ברעגן געצאַמט פון דער גאָרינקער וועלט.

פאַר די דאָזיקע לעצטע שורות האָט שייפּער אַריינגעוועבט אַ שטילן און צאַרטן מעלאָדראַמאַטישן רוסישן פאָלק־טאָן, עס קלינגט ווי עפּעס אַ

באַקאַנטער וואָלגאַ־מאָטיוו וואָס ווערט אויך איבערגע'חזר'ט אין די ווייטערדיקע ווערטער — „וויפיל לענדער און שטעט, וויפיל שטעט, וויפיל נויט? קען באַזאָרגן מיט זעט דאָס סאָוועטישע ברויט? קען באַזאָרגן מיט וואַלד, קען באַזאָרגן מיט קוילן! — וויפיל פּאָרטן צעפּראַלט האָבן ס'לעבציקע מויל?"

צום סוף קערט זיך דער כאָר ווידער אום צו דעם אָנהויב־מאָטיוו — „האָט געזאָגט אונזער לאַנד", און פירט־צו צום מאָטיוו פון פינאַלן כאָר. דאָ חזר'ט זיך נאָכאַמאָל איבער דער זעלבער מאָטיוו פון „יעדער טראָט, יעדער שפּאַן" און עס קומט אַזוי בולט אַרויס די מעלאָדיע אין —

און פּאָר פרייד — צען מאָל פרייד.
נאָר פּאָר טויט — צען מאָל טויט.

און ס'קומט ווייטער די וואָרענונג, אַז אויב דער שונא גרייט זיך צו באַפאַלן—„ועט זיין וואַך, וועט זיין שאַרף אונזער שלאַכטיקע שווערד". „וועט זיין וואַך" זינגען די פרויען־שטימען און די מענער ענטפערן מאַרש־מעסיק — איינס, צוויי, איינס, צוויי — לינקס! דער עפעקט איז אַ קאָלאָסאַלער, אָבער שייפער וויל גראָד ענדיקן מיט דעם וואָס ער האָט אָנגעהויבן. ער נעמט צום סאַמע פינאַל איבער'חזר'ן דעם ערשטן כאָר — „האָט געזאָגט אונזער לאַנד", אָבער ער ווערט שוין איצט געזונגען מיט אַזאַ צייך־פאַרשטשעמעטער אָנטשלאָסנהייט, אַז עס באַקומט זיך דער העכסטער קלימאַקס אינעם אונטערשטרייכן אין דעם סאַמע לעצטן אָטעם די ווערטער „אונזער לאַנד".

11. די קאַנטאַטע „טרופּן גייען"

די דאָזיקע פּאָעמע האָט משה נאַדיר אָנגעשריבן אונטער דעם איינ־דרוק פון יאַפּאַנ'ס מלחמה אין מאַנדזשוריע אין 1931-1932. די פּאָעמע באַציט זיך אָבער בשום אופן ניט בלויז צו דער דאָזיקער מלחמה. זי איז אַ טיפּער קינסטלערישער וויי־געשריי קעגן אַלע מלחמות אין די אינטערעסן פון די הערשנדיקע קלאַסן. זי איז אַ פּראָטעסט קעגן דער הימל־שרייענ־דיקער עולה פון וואַרפן מענטשן קעגן מענטשן, ברודער קעגן ברודער, אַרבעטער קעגן אַרבעטער, ווי דאָס פּאַסירט אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע מלחמות.

נאַדיר איז דאָ, ווי שטענדיק, בילדער־רייך און פאַרשיידנפאַרביק. דאָ און דאָרט בליצט אַרויס אַ סימבאָל. דאָ און דאָרט שליידערט זיך אַרויס אַ נאַקעטער, אַבסטראַקטער אמת. אָבער אין איר סאַמע עצם איז די פּאָעמע אומעטום קאָנקרעטיזירט. אירע פּיילן שליידערן זיך אין באַשטימטן פּינטל. פאַר די אויגן וויקלען זיך אויף אַלע ווידערשפּרעכלעכע פּאַרדאַמענדיקע זייטן פון אונזער אָרדענונג. עס איז אַ פּלאַמיקער פּראָטעסט און דונער־געשליידער קעגן דעם גאַנצן בלוטיקן סדר.

שייפּער האָט שוין מערערע מאָל פריער געפּילט אַ דראַנג, ווי צוזאַמענצופּאָרן זיינע אייגענע מוזיקאַלישע רעוואָלוציאָנערע אויסדרוקס־פאָרמען מיט נאַדיר׳ס שאַפונגען. ער האָט שטענדיק אַרויפגעקוקט צו נאַדיר׳ן, ווי צו אַ זייער הויכן, שיבעלנעם באַרג, צו וועלכן מען דאַרף זיך אָננעמען מיט אַ סך מוט און אויסדויער־קראַפט, כדי צו באַשטייגן אים. דער דאָזיקער גרויסער דרך ארץ פאַר נאַדיר׳ן האָט אים פיל מאָל אָפּגעהאַלטן, ספּעציעל ווען ער האָט שטענדיק געמוזט שאַפן אין גרויס איילעניש, פון צו נעמען זיך צו נאַדיר׳ס אַ גרעסערער אַרבעט אין דער פאָרם פון אַן אָראַטאָריע, אָדער אַ קאַנטאַטע. צו די „טרופּן גייען״ האָט ער זיך גענומען, ווייל עס איז, ערשטנס, פאַרגעשטאַנען אַ גרויסע נאַדיר־אונטערנעמונג, און צווייטנס, איז די מלחמה־פראַגע געוואָרן זייער אַקטועל מיט יאַפּאַנ׳ס טיפערער אַריינדרינגונג אין מאַנדזשוריע.

ער האָט אָנגעשריבן די דאָזיקע קאַנטאַטע אין אַזאַ איילעניש, אַז ער האָט זי אויך איינגעזונגען שטיקלעכוויז מיטן כאָר. ער האָט זי אָנגעהויבן איינצוזינגען נאָך דעמאָלט, ווען ער האָט אפילו פאַר זיך ניט געהאַט קיין דריט־חלק פון דער גאַנצער אַרבעט. ווי ער האָט איינמאָל אַליין באַמערקט וועגן דער זאַך, האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז עס קומט דאָ אויס „צו אַרבעטן פון האַנט צום מויל״. און כאָטש עס איז סוף־כל־סוף אַרויסגעקומען אַן איינדרוקספולע זאַך, איז אָבער שייפּער אַליין געבליבן מיט איר אומצופרידן, און האָט שטענדיק געהאָפט, אַז ער וועט ווען עס איז געפינען אַ צייט און איבעראַרבעטן פונדאַמענטאַל די גאַנצע זאַך אין אַ מער איינהייטלעכער, אויסגעהאַלטענער קאָמפּאָזיציע.

שייפּער הויבט אָן די קאַנטאַטע מיט אַרויספירן דעם כאָר אין אַ מאַסן־רעציטאַציע, וואָס זאָל אויסקלאַפּן ווי אונטער אַ פויקן־טאַקט דעם מאַרש פון די טרופּן, דעם שאָל פון די טרופּן, דעם שפּאַן פון די טרופּן און דעם פאַל פון די טרופּן.

און ווידער מלחמה, מלחמה,
און ווידער טרופּן, טרופּן.
טרופּן גייען, טרופּן טראַמפּלען . . . טרופּן פאַלן,

טרופּן שאַלן, טרופּן שטאַרבן, טרופּן טריאומפּירן . . .
טרופּן אויסגעשטייערט צו טויט און מאָרד,
שפּאַנען, שפּאַנען, שפּאַנען — טרופּן שפּאַנען,
צו דעם טרויטנשאָט פון פּויק און טויט.

אָבער באַלד נעמט זיך שייפער פאַר אַ פיל־פאַרביקן מאָלערישן מוזיק־געוועב, אין וועלכן דער כאָר נעמט אויסקיצירן די צוויי מחנות, וואָס שטייען איינע קעגן דער אַנדערער, באַשפּייען זיך איינע דער אַנדערער מיט פלאַמען פייער און מיט בלוטיקע טאָרנאַדעס —

אַ גאָלדענע ריזן-גרויסע קאַטשערע
שאַרט, שאַרט, שאַרט מענטשן-יוגנט אין פייער אַריין,
אין פלאַם-פייער אַריין... אין די העלישע העל-פייערן פון דער העלע.
איך קעגן — מיר אַליין. דו קעגן — דיר אַליין.
ניט שונא קעגן שונא, נאָר פריינט קעגן פריינט,
ברודער קעגן ברודער, אַרבעטער קעגן אַרבעטער,
איך קעגן — מיר אַליין, דו קעגן — דיר אַליין . . .

די מוזיק הויבט אָן אָנצואוואַרפן מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם די פאַר־שיידענע קאָלירן פון די מונדירן, וואָס נאַדיר האָט סאַרקאַסטיש אַרויס־געבראַכט דורך די סאָלדאַטסקע הויזן —

דיר בלויע הויזן, מיר גרינע הויזן, אים — ברוינע הויזן.
בלויע הויזן—קעגן רינגע הויזן, גרינע הויזן—קעגן ברוינע הויזן...
און די פייער-קאַטשערע שאַרט, שאַרט, שאַרט,
די בלוט- און פייער-טאָרנאַדאָ קנאַקט, קנאַקט, קנאַקט...

דער כאָר גייט ווידער איבער אין רעציטאַטיווע טענער, וואו עס שילדערן זיך ווי קעפּ, פּיס, קישקעס און בייכער וואַלגערן זיך און ווערן געטראָטן מיט די פיס. שייפער האָט געפונען פאַר ווידערווויליק אָפּצושטעלן זיך לענגער מיט געזאַנג אין דעם דאָזיקן פּאַסאַזש. די מענטשלעכע אברים לאָזן זיך בלויז באַזינגען ווען זיי לעבן, ווען זיי פּולסירן מיט לעבנס־בלוט, און ניט ווען זיי זיינען פאַרוואַנדלט אין ברוך־שטיקער, וואָס ווערן גע־טראָטן מיט די פיס. דערפאַר גייט דער כאָר איבער אין געזאַנג, ווען די פּאָעמע הויבט אָן ווייטער אויסמאָלן סאַטיריש די מלחמה־האַרן מיט זייערע גלאַנצנדיקע גאָלדענע מעדאַלן; די גלחים און רבנים, וואָס פּרעפּ־לען „גלאָרי, גלאָרי האַלעויאַ״, ביז ער גייט ווידער איבער אין אַ רעציטאַ־טיווער מאַרש־מעלאָדיע, כדי אָנצוהויכן ווייטער די נייע טרופּן, וואָס קומען אָן — גייען, טראַמפּלען, פאַלן, טריאומפירן און שטאַרבן —

די ערד ליגט גע'שחט'ן, די וועלט איז געקוילעט.
אין האַלדז פון דער ערד — די אָדערן צעעפנט.

ווידער נעמט דער כאָר שילדערן אין א גרויל־אָנטרייבנדיקער מעלאָדיע, ווי דאָס בלוט פליסט און עס גאַרגלט, ווי גרינע אויגן גלאָצן ווי זשאַבעס און ווי דערשראָקענע אויגן פינטלען ווי קליינע פעלד־מייז —

גליטשן זיך שלענג אין אָן אָזערע פון מענטשן-בלוט
און פאַרשטייען ניט און חידוש'ן זיך:
וואָס פאַר אַ שלענג זיינען דאָס מענטשן?

עס קוקט אויך אַראָפּ די לבנה מיט אַ האַלב אויג און חידוש'ט זיך — „עפּעס רויטע וואַסערן . . . רויטע קאַנאַלן . . . רויטע קוואַלן . . . רויטע טומאַנען . . .״

אָבער די טרופּן האַלטן נאָך אַלץ אין איין גיין. דער כאָר גייט ווידער איבער אין אַ רעציטאַטיוון מאַרש פון נייע קאָלאָנעס, ווי טרופּן גייען, שעכטהויז־פּאָגנען ווייען און ווי טריאומף־צונגן פליען דורך פאַרלאָשענע שטעט און קראָען טראָגן זייערע שוואַרצע בשורות אויף די פליגלען און די ראָבן שרייען הורא, ראַ, ראַ. זיי מונטערן אויף די, אַרויסגעשלאָגענע פון כוחות, סאָלדאַטן —

„אָווער די טאָפּ, דזשאָן! דזשאָן, אָווער די טאָפּ!״
מלחמה, מלחמה, מלחמה... „נאָ מענ'ס לענד, נאָ מענ'ס לענד,
נאָ מענ'ס לענד״...

דער כאָר פּלאַצט גלייך אַרויס אין אַ מעכטיקן רוף אָפּצושטעלן דעם דאָזיקן בלוטיקן געשפּענסט. ער ווענדעט זיך צו די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, צו די פעלקער פון דער גאַנצער וועלט, „אין נאָמען פון אַלע פּיינען״ און אין נאָמען „פון דעם לעבעדיקן טויט דורך הונגער, וואָס איז ערגער פון אַלע טויטן פון דער וועלט״. דאָ אַנטוויקלט זיך אַ כסדר־שטיינדיקע אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע רעציטאַציע, וואָס רופט אויס:

עי, וואָס טראָגט איר דעם הונגער, די פאָנען די שוואַרצע,
די פינצטערע פאָנען,
קענן ווען גייט איר? קענן וועמען הויבט איר אייער שווערד?

עס הייבט זיך אָן צו הערן אַ שאַל פאַר אַן אַנדער מין מאָביליזאַציע פון טרופּן. די מאַסן־רעציטאַציע פאַלט אַריין אין דערהויבענעם עקסטאַז — „טרופּן, טרופּן, טרופּן — אַרבעטער, אַרבעטער, אַרבעטנדיקע, ברידער פּראָנטאָוויקעס, ברידער מאַרינען, ברידער סאָלדאַטן״.

אין אַטאַקע טרופּן — טרופּן אין אַטאַקע, „אָווער די טאָפּ״ טרופּן,
איבער שוואַרצן ראַנד אַריבער — רויטע טרופּן!
קענן פּילסודסקי'ס האַרץ, קענן מוסאָליני'ס האַרץ!
קענן אַלע וויסטע שוואַרצע גאָלדענע הערצער פון די העצהינט...

די מעלאָדיע צעברויזט זיך אַלץ מער און מער און גייט אריבער אינעם טאַקט פון אַטאַקע. דער רוף ווארפט זיך אין אַלע זייטע — „העי, רויטע טרופּן, קריזיס־טרופּן, קאַמף־טרופּן, סטרייק־טרופּן, באַריקאַדן־טרופּן, אין אַטאַקע, רויטע טרופּן, אין אַטאַק —

קעגן אַטאַקירער — אין אַטאַק!
אַלע טרופּן אינאיינעם אונטער איין פירונג.
אַלע טרופּן אינאיינעם אונטער קאָמינטערנער פירונג.

דער פינאַל דערנעענטערט זיך מיט אַלץ אַ שנעלערן אָפּגעהאַקטערן ריטם, וואָס גייט דערנאָכדעם איבער צו אַ קלאָרער, מיושב׳דיקער אָנט־שלאָסנהייט —

אין אַטאַקע, פּראָלעטאַריער, פאַר דער נייער וועלט דער פרייער.
אינעם קלאַסן־פלאַם, אינעם פייער רייניקט זיך—
פּראָלעטאַריער פון דער גאַנצער וועלט פאַראייניקט זיך!

דער פינאַל לאָזט זיך אויס אין אוניסאָן, אונטערשטרייכנדיק די גע־שלאָסענע איינעקייט פון די פּראָלעטאַריער פון אַלע נאַציעס און פעלקער.

דאָס איז געווען שייפער׳ס ערשטער פאַרזוך צו געבן מוזיק אין דער פאָרם פון אַ גרויסער מאַסן־רעציטאַציע, איבערגעפלאָכטן מיט מעלאָדישע איבערגאַנגען.

12. די אָראַטאָריע „געוויטער"

דער טעקסט פאַר דער מוזיקער אָראַטאָריע איז מאָנטאַזשירט געוואָרן פון י. גרינשפּאַן. זי איז איינגעטיילט אין דריי טיילן: דער ערשטער טייל ווערט מוזיקאַליש צעטיילט בײַ שייפער׳ן אין דריי כאָרן, דער צווייטער טייל אין איין כאָר, און דער דריטער טייל ווידער אין דריי כאָרן. די קאָמ־פּאָזיציע איז געשאַפן געוואָרן פאַר אַ געמישטן כאָר מיט אַ סימפאָנישן אָרקעסטער.

שייפער האָט אָנגעשריבן די אָראַטאָריע גלייך נאָך זיין צוריקקומען פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָ־נערער מוזיק־קאָנפערענץ. אים האָבן נאָך געקלונגען אין די אויערן די דורכאויסיקע פאָדערונגען, אַז אין גרעסערע קאָמפּאָזיציעס זאָלן, אָמ־וויינקסטנס, געוויסע פראַגמענטן קענען לייכט אויפגעכאַפּט ווערן פון דעם ברייטן אַרבעטער־עולם, אַזוי אַז די וועלכע זיינען ניט מוזיקאַליש דערצויגן

צו זיין אומשטאנד אויפצופאסן א גרויסן מוזיקאלישן לייוונט, זאלן אמווייניקסטנס קענען איבערנעמען געוויסע פלעצער, וואס זיינען, סיי לויט זייער פאלקטימלעכער מעלאדיע און סיי לויט זייער איינפאכער קאנסטרוקציע, צוגענגלעך פאר די מאסן. גראד איז אזא מאנטאזש־ארבעט זייער מסוגל פאר קורצע קאמפאזיציעס. די שוועריקייט, אבער, אנטשטייט פארן קאמפאניסט אין דעם, וואס די אלע ברוכשטיקער מוזן מאזאאיש צוזאמענגעזעצט ווערן אין ערגעץ אין איין מוזיקאלישער גאנצקייט, אין איין מוזיקאלישער קאמפאנענץ.

בכלל גענומען האט זיך שיפער ניט שלעכט געספראוועט מיט דער דאזיקער קאמפליקאציע. יעדער איינציקער כאר פון דער אראטאריע, כאטש ער איז צוזאמענגעשטעלט פון פארשיידענע פראגמענטן, היט אפ די מוזיקאלישע קאמפאנענץ. מוזיק־קריטיקער, אבער, וועלן אן צוייפל אנווייזן, אז די קוואליטעט פון דער אראטאריע איז נישט אומעטום קיין גלייכע. בעת אייניקע מעלאדיעס אין דער אראטאריע זיינען דורכגעוועבט מיט מוזיקאלישער פראכט און נאבעלער שיינקייט, זיינען אנדערע מעלאדיעס, אין פארגלייך מיט די פריערדיקע — צו איינפאכע און זיינען ווייט פון שטיין אין איין רייע מיט די אויבנדערמאנטע. אין דער איילעניש, מיט וועלכער שיפער האט אנגעשריבן די אראטאריע, איז דאס געווען אומפארמיידלעך. ווי באקאנט, האט שיפער אליין זיך אויסגעדריקט, אז זי איז פאר אים נישט אינגאנצן צופרידנשטעלנדיק.

איבערהויפט איז דא געווען שווער פאר שיפער'ן צו כאפן דעם ריכטיקן באלאנס צווישן דעם כאר און ארקעסטער, אז איינער זאל נישט פארטושן דעם צווייטן — א זאך, אין וועלכער שיפער האט זיך געפרואווט באוואוסטזיניק אפהיטן, אבער ניט שטענדיק איז עס אים געלונגען אף א פולן אופן. מיר באמערקן דא שוין, ווי שיפער באנוצט זיך מיטן ארקעסטער בלויז פאר קורצע אינטערליודן און פארבינדונג־פאסאזשן.

פונדעסטוועגן וועלן אייניקע באזונדערע לידער, וואס קומען אריין אין דער אראטאריע „געוויטער", אן שום צווייפל פארבלייבן ווי אמת'ע פערל אין דער רעוואלוציאנערער מוזיק־ליטעראטור.

דער ארקעסטער, אין זיין קורצער אווערטורע, עפנט אויף די אראטאריע מיט א פול־האלזיקער קרעפטיקער טעמע און פירט גלייך צו דעם כאר צו די הארציקע, טיף־דורכגעפילטע און דערהויבענע שורות פון באוושאווערן —

הויב אויף דיינע אויגן, א פאלק, גיי ארויס פון די פינצטערע קעלערן;
הויב אויף דיינע אויגן צו מזרח, צו מערב, צו צפון און דרום,
און זע די גע'ירשנ'טע אוצרות און נעם פון דיין ארבעט די פירות.

דאָס זינגט דער כאָר אַף אַ רעציטאַטיוו־מעסיקן אופן אין איין שטימע, אָבער צעצווייגט זיך דערנאָך אין זיינע פיר שטימען אַפ הינטער־גרונט פון די אָרקעסטער־מעלאָדיעס. די שורה „און נעם פון דיין אַרבעט" ווערט צוויי מאָל איבערגע׳חזר׳ט כדי צו באַטאָנען, אַז די אַרבעט באַלאַנגט על פּי יושר צו דעם אַרבעטער. דאַן טרעט דער כאָר ווידער אַריין אין אַן איין־שטימיקן געזאַנג, אין די שורות:

אָ, זעסטו די שעפער, באַטראַכט די פאַבריקן,
דאָס שאַפן די מענטשן, דעם מענטשס זייגע גליקן:
זיי שניצן און בויען, זיי שפינען און וועבן,
זיי שניידן און שמידן און שאַפן דאָס לעבן.

באַ דער שורה „זיי שניצן און בויען" הויבן די פרויען־שטימען אָן פאַנאַנדערצעווייגן אַ פוגע — פריער די אַלטאָס, דערנאָך די סאָפּראַנאָס און דאַן פאַראייניקן זיך די מענער אין אַ שנעל־ריטמישן טאַקט און גייען גלייך צוריק צום אָנהויב מיט אַ שטייגנדיקן באַגייסטערטן רוף: „הויב אויף דיינע אויגן" ביז „און נעם פון דיין אַרבעט די פּירות", און דונערן אַרויס דריי מאָל, יעדעס מאָל מעכטיקער פון דעם אַנדערן, „און נע־ע־ע־עם!!!" דער קלימאַקס איז אַן אָנגרייפנדיקער און שאַפט גלייך אַ פולוועדיקע רעוואָלוציאָנערע אַטמאָספערע.

דער צווייטער כאָר הויבט אָן אין אַ זייער איינפאַכער אָבער געפיל־פולער מעלאָדיע. אין איר הערן זיך די ווי־טענער פון דעם דעמאָלטיקן דערשלאָגענעם סוועט־שאַפּ אַרבעטער. דער קלאַרנעט צייכנט אָן די מעלאָדיע אין אַ זייער נידעריק־גרייכנדיקן אונטערטאָן. עס הויבן אָן די באַסן מיט אָנגעווייטיקטע טענער מאָרים ראָזענפעלד׳ס פשוט׳ע האַרצ־רייסנדיקע שורות:

די אַרבעט טרייבט מיך פרי אַרויס און ברענגט מיר שפּעט צוריק,
פרעמד איז מיר מיין אייגן לייב, פרעמד מיין קינד׳ס אַ בליק.
איך אַרבעט און אַרבעט און אַרבעט אָן חשבון,
און אָפטמאָל פאַרגעס איך אין רויש, אַז איך בין.
פאַרוואָס און פאַר וועמען? איך ווייס ניט, איך פרעג ניט,
מיין איך ווערט דאָרט בטל, איך ווער אַ מאַשין...

בעת די באַסן זינגען עס, ברומען צו די טענאָרן אין־זיך אַ צווייטע מעלאָדיע מיט פאַרמאַכטע ליפּן; דערנאָך זינגען איבער די זעלבע שורות די טענאָרן, בעת די באַסן ברומען־צו אין זיך. עס הויבן דערנאָך אָן די אַלטאָס איבערצוזינגען די שורות, בעת די סאָפּראַנאָס ברומען־צו אין זיך. דערנאָך נעמען איבער דעם געזאַנג די סאָפּראַנאָס, בעת די אַלטאָס

זינגען אין זיך. און דאַן הויבן אָן אַלע צוזאַמען אין באַזונדערע פיר שטימען די זעלבע זאַך איבערזינגען אַף אַ העכערער אָקטאַווע. עס באַקומט זיך אַ קאָלאָסאַלער עפעקט, ספּעציעל אין דער גאַנצער רייע וואַריאַציעס, וואָס פלעכטן איבער די מעלאָדיע מיט פיל־פאַרביקע סטענגעס. די צווייטע מעלאָדיע, וואָס ווערט געזונגען אין זיך, איז אַ זייער געלונגענער אַקאָמפּאַנימענט צו דער ערשטער מעלאָדיע. אָבער דער סוף פון דער מעלאָדיע איז עפּעס ניט קיין סוף. שייפער טוט עס באַוואוסטזיניק. ראָזענפעלד לאָזט דעם אַרבעטער איבער אין דעם זעלבן צושטאַנד און דערפירט אים ניט אין ערגעץ אין דעם ליד. שייפער שטרייכט עס אונטער מיט דעם דאַזיקן סוף'לאָזן סוף.

דער דריטער כאָר הויבט זיך שוין אָן אין גאָר אַן אַנדער אַמאָספערע. דער אָרקעסטער לאָזט זיינע בלאָז־אינסטרומענטן אַרויס מיט אַ שטאַרקן און קרעפטיקן מאַרש. און דער גאַנצער כאָר כאַפּט גלייך אונטער מיט אַ לייכטער זינגעוודיקער מעלאָדיע, ווי מ'וואָלט זיך געווענדט צו קינדער—

הערט איר קינדער, ווי עס רירט זיך, ווי עס רירט זיך איבעראַל:
ווי דער אַרבעט מאַן מושטירט זיך צו דעם קאַמף מיט קאַפּיטאַל.

די דאַזיקע שורות, ווינטשעווסקי'ס, הויבן זיך פריער אָן אין אַ פּאַמעלעכן טעמפּאָ און ווערן וואָס אַמאָל מערער און מערער, אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס, געהויבן צו אַן אַלץ שנעלערן און לײדנשאַפטלעכערן טעמפּאָ. באַלד הויבן אָן די פרויען־שטימען צו זינגען דעם פאָלגנדיקן פערז און די מענער פאַלן אַריין גלייך נאָך זיי —

זעסטו פון ווייטן דאָרט רויטע סיגנאַלן?
דאָס קומט דיר צוהילף באַלד דער רוף פון דער צייט.
ס'קומט אויף שוין דער מאָרגן, פאַרלאָז נישט דעם רודער,
קעמף מיטן שטורעם, דער וועג איז נישט ווייט.

די ערשטע שורה ווערט צוויי מאָל איבערגע'חזר'ט אין דער פאָרם פון אַ פראַגע. מיט אַ פיל שטאַרקערן ביטחון ווערט געזונגען די שורה „ס'שטייט אויף שוין דער מאָרגן". נאָך די דאַזיקע עדעלשטאַט־שורות כאַפּט ווידער דער כאָר זיך צו די פריערדיקע „הערט איר קינדער" אין אַ נייער וואַריאַציע און גייט ווידער צו צו דעם „זעסטו פון ווייטן" אין אַ נייעם געפלעכט און דאַן ווידער צו „הערט איר קינדער" — פיר מאָל אַזוי, ביז דער כאָר פאַרענדיקט דעם פאָרלויפיקן פינאַל פון ערשטן טייל מיט דעם אויסרוף „צו דעם קאַמף מיטן קאַפּיטאַל". ער ענדיקט עס מיט אַ שטאַרק־אונטערגעשטראָכענעם דיסהאַרמאָנישן אַקאָרד, באַטאָנענדיק, אַז קאַפּיטאַל און אַרבעט קענען ניט לעבן האַרמאָניש צוזאַמען.

דער צווייטער טייל איז אַ פּאַראָדיע אויף אַ געוויסער גרופּע לבנה־פּאָעטן, וואָס ווילן זיך נישט וואָכעדיק מאַכן מיט אַזעלכע „נאַרישקייטן" ווי קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. דאָס איז אַ סאַטירע, וואָס איז געווען צו־געפּאַסט צו אַ געוויסן פּעריאָד אין די אָנהויב דרייסיקער יאָרן. שייפער האָט דאָ אַריינגעפירט די אידישע סקאַרבאָווע מעלאָדיעס און זיי בכיון איבערגעטריבן, כדי צו פאַרשאַרפן דעם סאַרקאַזם. אָבער כדי צוצוגעבן מער קאָנטראַסט צו אָט־די דאָזיקע גרינגשעצער פון אַרבעטער־קאַמף גיט אונז גרינשפּאַן פריער צוויי קאַמפּס־פערזן פון זיינע אייגענע. אַלע טיילן פון כאָר הויבן אָן אין איין שטימע אַ קרעפטיקע מעלאָדיע —

זעט איר, ברידער, אונזער רויטע פאָן פלאַטערט אין דער לופט,
נייע כוחות קומען אָן, הערן אונזער רוף.

דער כאָר שטרייכט אונטער „אונזער רוף" מיט אויסהאַלטן דעם טאָן און זעצט פאָר ווייטער אין איין שטימע אין נאָך מער דערמוטיקנדיקן טאָן —

האַלט זיך בראַוו, מיר קומען אָן, אייניקייט איז מאַכט!
זייט באַ זייט, און הויך די פאָן, פאָראויס, פאָראויס אין שלאַכט!

דער כאָר ציט ווידער דאָ לענגער אויס דעם „פאָראויס אין שלאַכט" און גלייך שפּילט צו דער אָרקעסטער אַ קורצע אינטערליוד און די באַסן צעשרייען זיך סאַרקאַסטיש —

וואָס אַרט זי, אָט די מאַסע, אונז מיט אירע גראָבע זאָרגן,
אונזער פאָן איז אונזער קונסט, דער היינט איז אונזער מאָרגן...

און עס קומען גלייך אַריין די טענאָרן מיט אומישנע קוויטשיקע שטימען, אין גייסט פון חסידישע תפילות —

שטומע לבנה, קרומע לבנה,
מיר זיינען פון שטימונג די ריטער,
מיר באַזינגען אלמנות און שיכור'ע גאָנעס, —
וואָס טויג אונז דער קלאַסן-געוויטער?

די באַסן ענטפערן „מיר זיינען פון שטימונג די ריטער" און הויבן אָן דעם פערז „מיר באַזינגען אלמנות" מיט אַ באַוואוסטן חסידישן ניגון, טיי־ריי־טיירריי, טיי־ריי, טיי־ריי, און שטרייכן אונטער „וואָס טויג אונז דער קלאַסן־געוויטער?". שייפער וועבט דאָ מעכאַניש אַריין דעם סקאַרבאָוון ניגון פון ראש־השנה'דיקן פּיוט, אונטערצושטרייכן די אָנמעכטיקייט און מעכאַנישקייט פון די דאָזיקע פּאָעטן.

די מענער־שטימען הויבן אָן אַלע צוזאַמען: „וואָס מיר סטרייק, וואָס מיר באָס? פוי, וואָס רוישן זיי דאָרטן? מיר בישופ׳ן אוים נאָר פון קונסט דעם געפּליטער: מיר זיינען פּאָעטן אין גאָט׳ס ערדישן גאָרטן און מעלקן פון שטימונג דעם ציטער.״ דאָס וואָרט „מעלקן״ ווערט איבער־געזונגען פיר מאָל כדי אונטערצושטרייכן מער דעם גראָטעסק־כאַראַקטער. און דאַן שלאָגט איבער דער פרויען־כאָר אין דעם זעלבן מאָטיוו, וואָס אין אָנהויב פון דעם צווייטן טייל, אין „זעט איר ברידער״, און ווען דער פרויען־כאָר פאַרענדיקט מיט „פאַראויס אין שלאַכט״ האַקן זיי איבער די טענאָרן מיטן אַריינפאַל: „וואָס מיר סטרייק״, אָבער דער כאָר גייט אָן ווייטער און דונערט אַרויס:

זאָלן ציטערן בורזשועז, עס טראָגט זיך אונזער זיג;
קיינער טאָר פון אונז ניט רוען, מיר שטורמען די פאַבריק!
האַלט זיך בראַווו, מיר קומען אָן! א. אַז. וו.

דער גאַנצער כאָר ענדיקט מיט אַ קרעפטיקן פּראָטעסט קעגן אָט די אַלע לבנה־פּאָעטן און שטרייכט אונטער זיין אייגענעם וועג, דער וועג פון קאַמף און זיג.

דער דריטער טייל הויבט זיך אָן מיט אַ טרומייטער־שאַל פון דעם אָרקעסטער. עס שאַפט זיך גלייך אָן אויסערגעוויינלעכע שפּאַנונג, ווי אַ צוגרייט צו מאַסן־שלאַכטן. דער אָרקעסטער גיט דעם טאָן: זיינע טרומייטן און הערנער הויבן אָן מיטן מאָטיוו פון „רויטע סיגנאַלן״, ווי אין דריטן כאָר פון דעם ערשטן טייל, און דער כאָר שניידט זיך אַריין מיט אייניקע סטאַקאַטאָ־פראַזן. עס הויבט זיך אָן אויסצואוועבן דער באַקאַנטער מאָטיוו פון „אָן די פּיקעט ליין״ אין דעם טעקסט פון י. א. ראָנטש׳ס ליד „מע רופט״:

מע רופט . . . פליג אָן דיין אויער און הער,
מע רופט, דו ווייסט וואוהין און ווער,
זיי גרייט! זע, מע גייט — גיי מיט אין וועג.
מע רופט . . . עס שאַלט אַ קול און טראָגט און רופט
דורך רויב און שטויב,—אַ רוף צו דיר,—אָ, ריר זיך, ריר!

דער דאָזיקער מאָטיוו פון „אָן די פּיקעט ליין״ ווערט פיל מאָל שפּעטער איבערגע׳חזר׳ט אין די ווייטערדיקע כאָרן און הויבט זיך אָפּ אַרויס ווי אַן אינזל־בערגל אָפן וואַסער.

דער צווייטער כאָר פון דעם דריטן טייל איז אַ מאָנטאַזש פון קורצע אויסצוגן פון די דיכטער א. פּרינץ, א. קורץ, א. פּלאָטנער און נ. ווייסמאַן. די אַקס פון דעם מאָטיוו דרייט זיך אַרום פיר קורצע אָבער ריטמישע שורות פון א. פּרינץ —

טראַמפּ טראַט,
טופּען אָפּ אין שונא׳ס קאָפּ
די טריט פון באָלשעוויקעס —
טראַמפּ טראַט.

דער כאָר זינגט עס אין פיר שטימען און פאַלט גלייך אַריין אין קורצ׳ס אַ פּערז מיט אַ קרעפטיקן רוף, וואו די אַרבעטער ווערן אויפגעפאָדערט אַרויסצוגיין פון די פאַבריקן, פון די קוילן־גריבער, פון די באַראַקן און אַראָפּוואַרפן פון זיך די שרעק. שייפער פאָלגט דאָ נאָך מיט אייניקע זייער לייכטע שפּילעוודיקע און דאָך פעסט־אויסגעקאָוועטע מעלאָדיעס און כדי אונטערצושטרייכן דעם דאָזיקן אויסגעשמידטן כאַראַקטער זינגט דער גאַנצער כאָר אין אוניסאָן —

שמידסט דו אייזן מיט אַ האַמער, פליען פונקען רויט,
דו און האַמער האָבן ביידע גאָר דאָס לעבן אויפגעבויט.

נאָך די דאָזיקע שורות פון פלאַטנער׳ן ברעכט דער כאָר אויס נאָך האַפּעדדיקער, פאַרשטעלנדיק די וואָס פאַרמעסטן עס זיך איבערצובויען די וועלט, אין א. קורצ׳ס פערז —

אָ, מיר פון שער און אייזן, מיר פון האַק און דלאָט,
מיר, וואָס פלאַסטערן די וועגן, מיר, וואָס בויען אויף און פלעגן
דאָס לאַנד מיט אונזער בלוט.

דער כאָר חזר׳ט איבער נאָכאַמאָל די טעמע אין פלאַטנער׳ס און ווייסמאַנ׳ס שורות, מיט געוויסע וואַריאַציעס, און מיט דעם איבערפלעכט פון דעם „טראַמפּ טראַט״־מאַרש, און גייט איבער אין אַ פיר־שטימיקן אויפבוי אין ווייסמאַנ׳ס —

ס׳ווערט ליכטיקער איצטער אָף וועגן פון קאַמף,
פאַרברידערטע, ברודער מיט ברודער.
העי, חבר פון שאַפּ, פון פאַבריק, פון זאַוואָד,
דערוואַך און געשטעלט זיך צום רודער!

דאָס ווערט אַרויסגעזונגען זייער קרעפטיק, און מיט פולער זיכערקייט, אַז עס ווערט טאַקע ליכטיקער, און דער „העי, חבר״ ווערט געזונגען רעציטאַטיוו־מעסיק, אָבער אַלץ מאַרש־אַרטיק. עס פילן זיך די מאַרשירנדיקע טריט אין פרינצ׳עס „טראַמפּ טראַט, טראַמפּ טראַט״ —

עס טראָגן זיך מחנות פון ראָד און פון נאָט,
עס רוישן רויטע פאָנען (ביז) — טופּען אָפּ אין שונא׳ס קאָפּ
טריט פון באָלשעוויקעס, — טראַמפּ טראַט.

צוויי מאָל ווערט אונטערגעשטראָכן „טריט פון באָלשעוויקעס”. דאָס גיט צו דעם מאַרש מער זיכערקייט און מען הערט בחוש דאָס שאָרכען און רוישן פון די רויטע פאָנען, ווי זיי מישן זיך צוזאַמען מיט די מאַרשירנדיקע טריט.

דער קאַמף גייט אָן. עס ברויזן שלאַכטן אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט. דאָרט, וואו עס איז נאָך דאָ אַ שטילקייט, איז עס די שטילקייט פון פאַרן געוויטער. דער דריטער און לעצטער כאָר ווערט איינגעלייטעט דורכן אָרקעסטער מיט אָפּגעהאַקטע מאָטיוון פון רעוואָלוציאָנערן טרויער־מאַרש און טרעט אַריין אין בירנבוים'ס איינדרוקספולע שורות, וואו די באַסן נעמען ברומען אין אַ פיינלעך־שווערן מינאָר —

דערהערט זיך אַ ברומען און אַ שטילקייט פון פאַר אַ געוויטער —
און אַ דונער-געקייקל, אַ ווילדער, צעטראָגט זיך דורך לענגען
און ברייטן.
ליגט ערד פאַרקוילעט און פאַרבלוטיקט, בראָזגען צעיושעטע גלאָקן,
פינצטערע, פרומע געזאַנגען, הענגען שוואַרצע כמאַרעס.

דער כאָר הויבט אָן אין אַ באַזאַכטיקן באַלאַדישן מינאָר צו שילדערן די סאַקאָ־און־וואַנזעטי דראַמע אין ווייטיקדיקע שטילע טענער. עס הייבן אָן די סאָפּראַנאָס און אַלטאָס —

אין אַ נאַכט אַזאַ, אין אַ נאַכט אַזאַ, האָט זיך צעטראָגן
אַ בייזער שטורעם —
האָט זיך צעטראָגן אַ בייזע בשורה — סאַקאָ און וואַנזעטי
דערמאָרדעט.

די סאַמע לעצטע שורה פרינצ'עס, „סאַקאָ און וואַנזעטי דערמאָרדעט”, ווערט אַרויסגעשריען פון די מענער־שטימען אויף אַ דערשיטערנדיקן אופן. און זיי זעצן פאָר אין בירנבוים'ס בילד־רייכע שורות —

וואַקסן פון גראָען דעמער פלוצים אַרויס סילועטן,
שטאָלענע רייזן מיט פלאַמיקע אָרעמס —
דזשאָ היל, פרענק ליטל, סענטראַליאַ.

די באַסן אַליין נעמען זיך אין אַ רעציטאַטיוון אונטערטאָן אַרויסברומען די נעמען פון די מאַרטירער — דזשאָ היל, פרענק ליטל, גאָנזאַלעס, קאַטאַוויס, מאַרים לאַנגער, הערי סימס און יאָרק, און די באַסן אַליין זעצן ווייטער פאָר לייב סאַבּרינ'ס איינדרוקספולע און בילדלעכע שורות —

מיט אַ מאַרטירערשן פּנים
וועט היינט גיין צו דער תליה אַ העלד,
וועט מען היינט אַ רויטן פאָן צעוויקלען
און פאַרמעסטן אַ פויסט אויף דער וועלט.

אין די ווערטער „וועט מען היינט אַ רויטע פאָן צעוויקלען" פּאַלט אַריין דער גאַנצער כאָר אין אַן עקזאַלטירטן, עלעקטריזירנדיקן אויפרודער און די באַסן גייען גלייך איבער אין אַ צאָרנדיקן אויסגעשריי: „מערדער, איז זייד איינגעוויקלטע" — שורות פון י. קאָן, אָבער זיי לאָזן זיך גלייך אַראָפּ אין אַ טיפן קעלערדיקן רעציטאַטיוו, ווי זיי וואָלטן אַריינשושקען די מערדער אין אויער, אַז זיי האָבן זיך אָפּגענאַרט און אַז דער אונטערגאַנג שטייט שוין לעבן זייערע גאָלדענע בעטן.

דער אָרקעסטער אינטערווענירט דאָ און די טרומייטן פירן צו מיט אַ מעכטיקן אויסשאַל צו אַ קרעפטיק־רעוואָלוציאָנערע און קעמפערישע מעלאָדיע, וואָס דער כאָר נעמט זינגען מיט אַן אויסערגעוויינלעכן עקסטאַז —

סיי ווי סיי צעצינדן מיר די וועלט,
און פאַלט אַוועק אין פעלד אַ רויטער העלד,
פלאַקערט אויף אין אונז זיין רוף,
וויינען מיר ניט נאָך זיין גוף ——

די ווערטער „צעצינדן מיר די וועלט" ווערן דריי מאָל איבערגע'חזר'ט, דאָס דריטע מאָל אויסגעצויגענער און התפעלות'דיקער, און דער כאָר זינגט נאָכאַמאָל איבער מיט דעם זעלבן מאָטיוו, וואָס פאַרשיכור'ט פשוט מיט זיין העלדישער אָנגעצונדנקייט —

סיי ווי סיי גייט אויף די ערד אין בראַנד,
און פאַלט אַוועק אַ העלד פון שוואַרצער האַנט —
גיט די ערד זיך אַ צעברויז, וואַקסן טויזנט נייע אויס.

אין פרט פון אַ לייכטן רעוואָלוציאָנערן ליד, וואָס קען און דאַרף שנעל אויפגעכאַפּט ווערן פון די מאַסן, איז דער „סיי־ווי־סיי" דאָס סאַמע געלונגענסטע און קרעפטיקסטע.

ווידער אַ קורצער צופיר פון דעם אָרקעסטער און די פרויען־שטימען נעמען זינגען מיט אַ בעטנדיקן רוף — „צו אַלעמען", וואו אין א. קורצ'ס פערזן ווערן אויסגערעכנט אַלע די שיכטן, צו וועמען דער רוף איז געווענדט — צו אַלע אַרבעטער, כעמיקער, דערפינדער, מיינער און סאָלדאַטן, ביז דער גאַנצער כאָר פאַלט אַריין אין אַ טריאומפאַלן מאָטיוו, וואָס אָטעמט מיט אַ געזונטן אָפּטימיזם און גלויבן אין דעם ענדגילטיקן זיג. גוט וואָס גרינשפאַן פאַרענדיקט מיט משה נאַדיר'ס קעמפעריש ליד—

שטייט אויף, ס'איז אונזער די שטונדע,
ס'איז אונזער דער טאָג און די ערד,
וואָס טיפער דער קלינג אין די וואונדן,
וואָס האַרטער די האַנט אַף דער שווערד.

שיפּער האָט פאַר די מוזיקע ווערטער באַקומען אַ זייער געלונגענעם מוזיק־אויסדרוק. די ווערטער און די מעלאָדיע זיינען דאָ אַזוי אָרגאַניש צוזאַמענגעוואַקסן, אַז עס דוכט זיך, אַז זיי זיינען לכתחילה אַזוי געשאַפן געוואָרן. די מעלאָדיע אַנטוויקלט זיך נאָך שטאַרקער אין דעם צווייטן פּערז —

די שווערד מיט צוויי זייטיקע שאַרפן, מיר ציען אין קאַמף מיט קריג,
די ליידיקע שייד מיר פאַרוואַרפן ביזן טאָג פון ענדגילטיקן זיג.

די לעצטע שורה ווערט צוויי מאָל איבערגע׳חזר׳ט און דער עפעקט איז אַ פּולקאָמענער. צום סאַמע פינאַל חזר׳ט דער כאָר נאָך מיט מער ברען איבער די ערשטע שורה פון דעם ערשטן פּערז — „שטייט אויף, ס׳איז אונזערס די שטונדע״, און פאַרענדיקט מיט דער קרעפטיקער אונטערשטיצונג פון די אָרקעסטראַלע אינסטרומענטן אַן אויסגעהאַלטענעם דריי מאָל איבערגע׳חזר׳טן „שטייט אויף!״

13. די קאַנטאַטע „דער שטורעם־פויגל״

די דאָזיקע פּאָעמע פון דעם גרויסן רוסישן און אַלוועלטלעכן מייסטער, מאַקסים גאָרקי, איז אַ סימבאָלישע. זי געהערט אָבער ניט צו יענער בירגערלעכער רויך־און־כמאַרע סימבאָליסטיק, וואָס, אַנשטאָט אַרויסצושיילן איר פלייש און בלוט, פאַרפלאָנטערט זי נאָך מער די אידייע און פאַרוויקלט זי אין נאָך מער טונקעלע וואָלקן אַנשטאָט זי פאַנאַנדער־צואוויקלען. גאָרקי׳ס סימבאָלן זיינען גראָד פאַרקערטע, אַזעלכע וואָס ברענגען אַרויס נאָך העלער די אידייע, אַזעלכע וואָס קאָנקרעטיזירן זי, טוען זי אָן בלוט און פלייש און מאַכן זי באַגרייפלעכער און נעענטער צו די מאַסן.

דער „שטורעם־פויגל״ איז בא גאָרקי׳ן אַ סימבאָל פאַר דעם אָנזאָגער פון רעוואָלוציאָנערן שטורעם. ער איז נישט ווי די וואָס שרעקן זיך פאַרן געוויטער. ער איז דער, וועלכער האָט אין אים אַליין אַ חלק.

די אַנדערע פייגל, וועלכע גאָרקי פירט אַריין אין זיין פּאָעמע — די טשאַיקע (מעווע), די ים־הון, דער פּענגווין, זיינען בא גאָרקי׳ן די סימבאָלן פון די טעמפּע קליינבירגערלעכע טרוסן, וואָס ציטערן אויף פאַר יעדן בלעזל אפן ים־פלאַך, שוין נישט רעדנדיק וועגן צעכוואַליעטן שטורעם.

בא גאָרקי׳ן קרעכצן די טשאַיקעס פאַרן שטורעם, „קרעכצן, וואַרפן

זיך צעטומלט, גרייט אין ים באַהאַלטן טיפער זייער פּחד פאַרן שטורעם". די ים־הון איז בא אים אַ סימבאָל פון דעם קליין־קעפּלדיקן קליינבירגער־לעכן סוביעקט. ווי קען אַ ים־הון „באַנעמען דעם געניוס פון שלאַכט פאַרן לעבן? דער פּענגווין איז בא אים אַזוי טעמפּ, אַז ער „פּרואווט פאַרשטעקן זיין פעטן קערפּער אין די פעלזן". מיט דעם סימבאָליזירט גאָרקי דעם גרויסן קאַפּיטאַליסט און רייכן לאַנד־אייגנטימער, וועלכע באַ־האַלטן זיך ווי די מייז ערב גרויסע אויפטרייסלונגען. ער איינער, דער שטורעם־פויגל, דער סימבאָל פונעם רעוואָלוציאָנערן נביא, דער צע־שטערעריש־בויענדיקער כח, לעבט אויף אין דעם אָנקום פון דעם שטורעם. שטאָלץ שוועבט ער אַרום פריי און מוטיק, שניידט זיך אַריין אין די שוואַרצע כמאַרעס און טויכט אַרויס פון זיי, טראָגנדיק זיך העכער, אימפּעטדיקער קעגן בליץ און קעגן דונער.

אָט ווי גאָרקי שילדערט אים אין אָלגינ'ס מייסטערהאַפטער איבער־זעצונג:

> ווי אַ בייזער גייסט טראָגט ער זיך — שטאָלצער, שוואַרצער גייסט
> פון שטורעם — אָט ער לאַכט און אָט ער כליפּעט . . . ס'לאַכט ער
> אויס די הורבעס וואָלקנס, ס'וויינט ער אויס דאָס האַרץ אין פריידן.

דער שטורעם־פויגל האָט נישט קיין מורא פאַר די גערדיכטע וואָלקנס. ער איז זיכער: „ס'איז נישט מעגלעך זון מיט וואָלקנס צו פאַרשטעלן." ער ווייס, אַז „פלאַמיק־בלוי ברענען סטאַיעס וואָלקנס איבער וואַסער־אָפּגרונט." „כאַפּט דער ים די בליצן־פיילן און דערטרינקט זיי אין די תהומות. ווי די פייערדיקע שלאַנגען, דרייען זיך אין ים, פאַרשווינדן די רעפלעקסן פון די בליצן." ער פרייט זיך מיטן שטורעם — „אָט ברעכט אויס דער שטורעם!" — ניט דערפאַר, ווייל דער שטורעם אליין, אָן און פאַר זיך, האָט פאַר אים אַ ווערט; נישט וואָס ער איז הונגעריק פאַר עקזאָטישע איבערלעבונגען — ניין, ער ווייס, אַז וואָס שנעלער דער שטורעם וועט קומען, וועט אַלץ גיכער זיך אָפּרייניקן די לופט. ס'וועט ווערן פריי צו אָטעמען און צו לעבן אַף דער וועלט. דער שטורעם וועט אויסקערן ווי מיט אַ בעזים די אַלע פּעסטן, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן, דעם גאַנצן כלאַם פון דער אַלטער צעפוילטער אָרדענונג.

דאָס איז שייפער'ס אויפפאַסונג, און אַ גאַנץ ריכטיקע, ווי ער האָט זי אונדז געגעבן אין דער מוזיק. אַ לענגערע אָווערטורע, אין וועלכער עס הערט זיך דייטלעך דער אָנהויב פון אַ שטורעם, דאָס וואָיען פון ווינטן און קנאַלן פון דונערס, און אין דעם געווירבל בינדן זיך אויס די הויפּט־מעלאָדיעס פון דער קאָמפּאָזיציע, וואָס איז כמעט דורכאויס אַ מאָדערנע, מיט פיין־געשניצטע מוזיקאַלישע פיגורן.

די מענער־שטימען הויבן אָן „אפֿן ים אין גרויער ווייטקייט״ — אַ קאָמפּליצירטע מעלאָדיע, וועלכע הויבט זיך אָן מיט דייטלעכע ווינט־עפעקטן פון אַ געוואָי און פייפעריי, וואָס גייט ביסלעכווייז איבער אין אַ קוים־אָנגעהויכטער באַלאַדע, שפּעטער אַלץ מער און מער אין אַ העלדן־געשיכטע. שייפער שלעפּט דאָ פיל מאָל אַריין אין מיטן געזאַנג דעם „אפֿן ים״ און האַלט מיט דעם כסדר פאַר די אויגן דעם שטורמישן ים, אַזוי אַז מיר זעען פאַר זיך אַ פולשטענדיק בילד פון דעם אָנרייטנדיקן שטורעם.

טרייבט דער ווינט געדיכטע כמאַרעס,
צווישן ים און זוים פון כמאַרעס
שניידט זיך שטאָלץ דער שטורעם-פויגל
צו אַ שוואַרצן בליץ געגליכן.

די פרויען־שטימען נעמען דאָס איבערזינגען אין אַ פיין־קאָמ־בינירטער וואַריאַציע, האָבנדיק דעם אָרקעסטער אין הינטערגרונט מיט זיינע ווינט־און־שטורעם עפעקטן. די מענער הויבן אָן:

אָט זיין פליגל רירט די כוואַליעס,
אָט שיסט ער אַרויף צום וואָלקן, און ער שרייט —
און וואָלקנס הערן פרייד אין פויגל'ס דרייסטן שרייען.

און די פרויען כאַפּן אונטער און זינגען שוין צוזאַמען די ווייטערדיקע פערזן. די מענער־שטימען הויבן אָן: „טשאַיקעס קרעכצן פאַרן שטורעם, קרעכצן, וואַרפן זיך צעטומלט, גרייט אין ים באַהאַלטן זייער פחד פאַרן שטורעם.״ שייפער דערגרייכט דאָ אַ קרעכץ־עפעקט דורך דעם איינפאַכן אַקצענטירן דעם „טשאַיקעס קרעכצן״, פּשוט דורך קרעכצן. דוכט זיך, אַ זייער ביליקער מיטל, אָבער ווען מ'הערט די רייכע מעלאָדיע, וואָס איז דאָ אַריינגעוועבט, זעט מען ערשט ווי איינפאַך, און גלייכצייטיק ווי דעלי־קאַט, שייפער האָט דאָ מאָדעלירט מיט זיין מעלאָדישן מאַטעריאַל. און מען מוז זאָגן — אָן אייגנאַרטיקער, פון זיך אויסגעשמאָלצענער מאַ־טעריאַל, אָן קיין שום באַמערקבאַרע פרעמדע איינפלוסן. נישט קיין וואונדער, וואָס שייפער האָט פאַר דער דאָזיקער קאָמפּאָזיציע באַקומען דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַלן פּרייז פאַר רעוואָלוציאָנערער מוזיק.

די מענער־שטימען זינגען „טעמפּער פּענגווין פּרוּווט פאַרשטעקן״. דאָ פילט זיך אין דער מעלאָדיע אַ ביטול־טאָן און אַ לייכטער חוזק איבער דעם נאַרישן, גאווה'דיקן פויגל, און דאַן ווען זיי גייען דורך די פערזן, ווי די שוואַרצע כמאַרעס פאַלן נאָך נידעריקער צום וואַסער, און ווי זיי

זינגען „און זיי לעכצן צו דער הויך אַנטקעגן דונער”, נעמען די פרויען־שטימען איבער די מעלאָדיע און דאַן וועבט זיך אויס אַ געפלעכט, אַפילו פאַרן אויג, פון כמאַרעס און כוואַליעס ווי זיי שניידן זיך אַריין איינע אין די אַנדערע.

די מענער־שטימען צעלאָזן זיך מיט קראַכנדיקע קולות: ס׳קראַכט דער דונער, „כוואַליעס שטרייטן מיט ווינט אין שוים פון צאָרן”, און זעצן פאָר ווי דער ווינט גיט אַ כאַפּ אין זיינע שטאַרקע אָרעמס אַ הויפן כוואַליעס און שליידערט זיי מיט אַ ווילדן אימפעט אַף די פעלזן און צעקלאַפּט זיי אַף שטויב און צעשפּריצטע טראָפּנס. דאָ האָט שייפער אַ גוטע געלעגנהייט אַרויסצואווייזן פאַרשיידענע פיינע ניואַנסן און אַרויסברענגען קלאַנגלעך־בילדלעכע אימפּרעסיעס, אַז מען קען פשוט זען מיט די אויגן די צעשפּריצטע טראָפּנס און שטויב־כוואַליע פון די פעלזן.

דער גאַנצער כאָר שפּאַנט זיך איין אין אַ קראַפטפולער מעלאָדיע, אויסדריקנדיק און אויסשניצנדיק כמעט יעדעס וואָרט — „מיט געשריי דער פויגל יאָגט זיך, צו אַ שוואַרצן בליץ געגליכן, ווי אַ פייל צעשניידט ער וואָלקנס, כוואַליע — שוין צעשפּריצט זיין פליגל”, און כמעט מיט אַ רייצעניש ווערט געזונגען וועגן דעם שוואַרצן גייסט פון שטורעם, אַז אָט „ער לאַכט און אָט ער כליפּעט”.

דער כאָר קומט ענדלעך צו צום „ס׳קלאָגט דער ווינט . . . עס קראַכט דער דונער . . .” די מענער־שטימען הויבן דאָס אָן — אין אָנהויב פּיאַניסימאָ, כמעט ווי פריער „אַפן ים”, באַם אָנהויב, און דערנאָך אַלץ שטאַרקער און וואָיענדיקער. דער אָרקעסטער העלפט דערביי צו מיט פויק־עפעקטן און שאַפט די אילוזיע פון דונער־קראַכן.

דאָ קומט איינע פון די מייסטערהאַפטסטע און פיינסטע מעלאָדיעס אין דעם גאַנצן פּרעכטיקן ווערק. שייפער האָט דאָ לייכט געקענט אַריינפאַלן אין פּרימיטיווע מעכאַנישע עפעקטן פון ווינט און שטורעם און אָפּקומען מיט דעם. אָבער ניין. ער מיידט עס אויס. אין דער גאַנצער קאָמפּאָזיציע, און איבערהויפּט צום אויסלאָז, איז פאַראַן אַ נייע שיינקייט און נאָבלקייט אינעם בעסטן גייסט פון מאָדערנער מוזיק. מ׳קען אַפילו זאָגן, אַז דאָ האָט זיך שייפער׳ן צום ערשטן מאָל איינגעגעבן צו שאַפן „ריינע” מוזיק, וואָס האָט איר אייגענעם זכות, אַפילו אָן די ווערטער. אָבער צוזאַמען מיטן גייסט פון די ווערטער באַקומט זיך אַ סימפאָניש געדיכט, וואָס פאַרפאָלגט אייך אַ לאַנגע צייט ביז עס פאַרפליישט זיך אין ערגעץ אין אייער באַוואוסטזיין.

עס הויבן אָן די פרויען־שטימען אַליין צו זינגען, ווי זיי וואָלטן

דערציילן אַ מוראָ'דיקע געשיכטע — „פלאַמיק בלויע ברענען סטאַיעס וואָלקנס. איבער וואַסער־אָפּגרונט כאַפּט דער ים די בליצן־פיילן און דערטרינקט זיי אין די תהומות" — אין מיטן די ווערטער, כדי איבער־צוגעבן דעם ווינט־עפעקט, שניידן זיך אַריין די מענער־שטימען מיט דעם פריערדיקן „ס'קלאַגט דער ווינט" און זעצן פאָר „כאַפּט דער ים די בליצן־פיילן". די פרויען זינגען ווייטער די שיין־געשניצטע אויסדרוקס־פולע מעלאָדיע „ווי די פייערדיקע שלאַנגען", איבער'חזר'נדיק צוויי מאָל „פייערדיקע" און זעצן פאָר אויף דעם אופן פון אַ וואונדערלעכער דער־שטוינענדיקער מעשׂה, אָנזאָגנדיק דעם שטורעם, איבער'חזר'נדיק צוויי מאָל „אַט ברעכט אויס דער שטורעם" און דאָס וואָרט „שטורעם" דריי מאָל. מיט דעם דערגרייכט שייפּער אַ קאָלאָסאַלן עפעקט, צוגרייטנדיק דעם אימפּעט פאַרן לעצטן פינאַל־פערז —

דאָס שוועבט אום דער שטורעם־פויגל מוטיק,
זיכער צווישן בליצן, אַפן בייז־צעברומטן וואַסער,
דאָס רופט אויס דער שטורעם־נביא: — זאָל דער שטורעם
קומען שנעלער!

די לעצטע שורות ווערן געזונגען ווי אַ ווינט־געוואַי און שאַרף אַקצענטירט, ווי אויסגעהאַקט פון גראַניט —

זאָל דער שטורעם קומען שנעלער!

דורך צוויי מאָל איבער'חזר'ן די לעצטע שורה דערגרייכט זיך אַן אויסערגעוויינלעכער קרעפטיקער פינאַל מיט דער מיטהילף פון די אָרקעסטראַלע אינסטרומענטן.

14. די אָראַטאָריע „בירא־בידזשאַן"

(עס גייט, טייגע, צו דיר איצט יונג ווערן אַ פאָלק.)

שייפּער'ס לעצטע און העכסטע שאַפונג אַפן געביט פון אָראַטאָריע איז פּרץ מאַרקיש'עס — „עס גייט, טייגע, צו דיר איצט יונג ווערן אַ פאָלק" — אַ קאָמפּאָזיציע, וואָס ווייזט שייפּער'ס מוזיקאַלישע רייפקייט און רעכטן פאַנאַנדערבלי אין קנעטן און מאָדעלירן זיין מאַטעריאַל; זיין פולקאָמענע סקולפּטאָרישקייט פון מוזיקאַלישע פיגורן; די פולע אָפּוועזנהייט פון רייזיקאַלע זשעסטן און פון פוסטע פראַזן; אַ ברייטע האַרמאָנישקייט

אין אומפאַנג; אַן אויסגעשפּרייטע פאַנאָראַמישקייט אין גרונט און קערנדיקע, פלייִשיקע מאָטיוון פון וועלכע קומענדיקע קאָמפּאָזיטאָרן וועלן נאָך קענען שאַפן פאַרשיידענע מוזיקאַלישע פּאַטראַוועס דורך אַ ריי וואַריאַנטן.

עס איז ניט קיין לייכטע אָראַטאָריע, פון וועלכער אַן אַרבעטער־אוידיענץ קען אַהיים גיין און גלייך נאָכזינגען געוויסע טיילן. עס איז אַ קאָמפּליצירטע קאָמפּאָזיציע, צו וועלכער דער געוויינלעכער אויער דאַרף זיך פריער צוגעוואוינען, כדי ער זאָל זי קענען דערהערן. אין אַ געוויסן זין איז זי נאָך שווערער פון דעם „שטורעם־פויגל", ווייל די טעמע איז אין „ביראָ־בידזשאַן" אַ מער פאַרשיידנאַרטיקע און ניט פון איין שניט, ווי עס איז דער „שטורעם־פויגל".

דעם מאַטעריאַל האָט שייפער געשעפּט פאַר דער דאָזיקער אָראַטאָריע סיי פון ביבלישע קוואַלן און סיי פון פאָלקסטימלעכע אָנגערעגטע מאָטיוון, וואָס זיינען אַזוי פאַרפלאָכטן אין פאַרשיידענע ריטמישע קאָמבינאַציעס, אַז מ'קען קנאַפּ־וואָס דערקענען זייער פריערדיקן אָפּשטאַם און יחוס. שייפער'ס מייסטערשאַפט אין לייטערן און דורכלויכטן אַ מעלאָדיע, און באַפּראַנזן זי מיט מוזיקאַלישע פּאָזומענטן און אוזאָרן, קומט צום העכסטן אויסדרוק אין זיין לעצטער אָראַטאָריע, וואָס איר גאַנצע סטרוקטור איז ענלעך אַף אַ סימפאָניע — די קאָמפּליצירטסטע און העכסטע מדרגה אין מוזיק.

אָבער אָט דער פאַקט האָט גראָד גורם געווען, אַז די דאָזיקע אָראַ־טאָריע זאָל ניט פאַרכאַפּן דעם עולם. בלויז מיט זיין געזונטער פּראָלע־טאַרישער דיסציפּלין איז דער ברייטער, דריי־און־אַ־האַלב טויזנט קעפּיקער עולם אויסגעזעסן די גאַנצע צייט פונעם קאָנצערט אין דער „ברוקלין אַקאַדעמי אָוו מיוזיק". די אָראַטאָריע האָט באַם עולם ניט אָנגערירט. זי האָט אים ניט געכאַפּט, ניט געצויגן, נאָר אַפילו ניט באַוועגט. זי איז אים פאַר־ביי־געגאַנגען און אָנגעריר ניט. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אַפן צווייטן אויפפיר פון „ביראָ־בידזשאַן" אין טאַון־האָל.

מיר ווייסן ניט ווי דער דאָזיקער פאַקט האָט געווירקט אַף שייפער'ן. מעגלעך, אַז ער אַליין האָט דערוואַרט, אַז באַ די ערשטע קאָנצערטן וועט אַזאַ העכערע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע ניט געפינען פאַר זיך גענוג אָפענע אויערן. מיר האָבן אָבער ניט באַמערקט, אַז דאָס זאָל שייפער'ן אַנטוישן. און וואָלט דער קאַלטער טויט ניט פאַרשטאַרט זיין דיריגירנדיקע האַנט מיט אַכט מאָנאַטן שפּעטער, וואָלטן מיר אינעם ווינטער פון 1936-7

מסתמא געהערט „בירא־בידזשאַן" נאָך אַ דריטן און אַ פערטן מאָל, און געהערט שוין מיט אָפּענערע אויערן.

שייפער האָט זיך פּאַראינטערעסירט מיט דער דאָזיקער פּאָעמע, מאַרקיש'עס, לויט דער געמיינשאַפטלעכער רעקאָמענדאַציע פונעם דיכטער בער גרין און פון דעם שרייבער פון אָט דעם בוך. ווי מיר האָבן זי פאַר אים איבערגעלייענט, האָבן מיר געקענט באַמערקן, ווי זיינע גרויסע אויגן האָבן זיך נאָך מער פאַנאַנדערגעשפּאַנט און דער שטענדיקער לויכטנדיקער חלום אין זיי האָט זיך נאָך מער צעשטראַלט. מ'האָט געקענט כמעט באַמערקן, ווי אין דעם מאָמענט האָט זיך שוין בײַ אים גענומען וועבן זיינע מוזיקאַלישע אויסטייטשונגען פון דער פּאָעמע אין טערמינען פון קלאַנג און ריטם. אָפּ דער פּאָעמע האָט שייפער לאַנג ניט געאַרבעט. ער האָט די דאָזיקע אָראַטאָריע אויפגעשריבן אין אַ דערשטוינלעך־קורצער צייט. די גאַנצע פּאַרטיטור און די אָרקעסטראַציע האָט ער געשאַפן אין די פאַרנומענסטע ווינטער־מאָנאַטן פון 1935־6, איינער פון זיינע פאַרנומענסטע ווינטערס, וואָס ער האָט ווען עס איז געהאַט.

בלויז אַן אמת'ער זשעני האָט געקענט אונטער אַזעלכע שווערע אומשטענדן שאַפן אַזאַ באַדייטנדיקע שעפערישע אַרבעט אין אַזאַ קורצער צייט!

:: :: ::

פּרץ מאַרקיש'עס פּאָעמע אַליין וואָרצלט אויך אין ערגעץ אין ביבלישן באָדן און איז רייך מיט אַן עכטער פאָלקסטימלעכער עשירות אין קלאַנג, פאַרב און ריטם.

מאַרקיש האָט, ווי עס ווייזט אויס, פאַר זיך נאָך ניט געשטעלט די אויפגאַבע אין דער פּאָעמע צו באַזינגען די אידישע סאָוועטישע מלוכה'שקייט, די אויטאָנאָמיע מיט אירע וואַקסנדיקע שטעט און שטעטלעך, הייזער און פאַבריקן, פעלדער און קאָלכאָזן, מיט אירע פאַנאַנדערגעצווייגטע קולטור־אינסטיטוציעס, מיט אירע מענטשן און בויער. פאַר דער בוי־אַרבעט אין בירא־בידזשאַן האָט ער אין דער פּאָעמע בלויז איין פּערז. דאָס איז קענטיק, פּשוט דערפאַר, וואָס דער דיכטער האָט פאַרטראַכט די פּאָעמע נאָך דעמאָלט, ווען „אין איר (בירא־בידזשאַנ'ס) אינגעוווייד איז דער פאַרטאָג" און ווען „עס שניידן זיך אָפּ איר, ווי ערשטע ציין, אירע שטאָלטנע הייזער".

הויפּטזאַכלעך ברענגט מאַרקיש אַרויס אין דער פּאָעמע די ליידיקע רחבות'ן פון בירא־בידזשאַן, אירע אומבאַרירטע אוצרות, אירע אומבאַוואוינטע שטרעקעס, וואָס וואַרטן, אַז מ'זאָל זיי באַטרעטן, באַאַרבעטן,

באַפעלקערן און ניט איבערלאָזן זיי בלויז צו די הירשן און ווילדע בינען.

צוליב וואָס טוט עס מאַרקיש? צוליב וואָס שאַפן אַ גאַנצע פּאָעמע אין וועלכער עס ווערט אַזויפיל מאָל, אויף פאַרשיידענע אופנים, און אין פיל־צאָליקע קאָמבינאַציעס, אונטערגעשטראָכן, ווי די טייגע בעט זיך, רופט און „קאַנאַיעט" זיך צו „קומען אויפשטעמפּלען מיך פון שנייאיקער פאַר־שלעפונג, אַראָפּקעמען פון מיר ביז גרונט דעם אור"?

אונז דוכט, אַז אין דעם ליגט ניט דער קאַפּריז פונעם דיכטער, נאָר אַ באַוואוסטזיניקע אידעאָלאָגישע איינשטעלונג. באַ פיל, ספּעציעל באַ ציוניסטן און בכלל נאַציאָנאַליסטן, איז דאָ דער איינדרוק, אַז ביראָ־בידזשאַן איז געשטעלט געוואָרן אינעם רשות פון אַ אידישער קאָלאָניזאַציע בלויז צו־להכעיס די ציוניסטן, ווי אַ קאָנקורענץ צו פּאַלעסטינע. פּרץ מאַרקיש הויבט דאָ אָן די שטימונג (און ממילא רעגט ער אָן דעם געדאַנק), אַז ביראָ־בידזשאַן איז ניט קיין קאָנקורענץ מיט פּאַלעסטינע, אַז זיי זיינען אינגאַנצן פון פאַרשיידענע אַנדערע קאַטעגאָריעס, האָבן ניט קיין שום געמיינשאַפטלעכעס צווישן זיך.

ווייל בעת פּאַלעסטינע איז ניט „אַ לאַנד אָן אַ פאָלק", ווי די ציוניסטן האָבן שטענדיק געפּרואווט מאַכן דעם איינדרוק, נאָר האָט שוין אַ באַ־דייטנדיקע אַראַבישע באַפעלקערונג פון פריער, אַ באַפעלקערונג, וואָס באַוואוינט שוין דאָס לאַנד איבער 12 הונדערט יאָר און באַשטייט אויף אירע רעכט, האָט ביראָ־בידזשאַן ניט קיינעם, וואָס זאָל קומען מיט תביעות, אַז דאָס לאַנד געהערט צו אים, אַז ער האָט דאָ פריער געוואוינט. „עס טרעפט אין וועג זיך אָפט אַ סאָפּקע מיט אַ סאָפּקע, און ס'טרעפט אַ מענטש קיין מענטשן ניט אין וועג".

אַז בעת פּאַלעסטינע איז בכלל אַ קליין לאַנד, אַן אָפּגעצוימטע און אַ פאַרשרונקענע — איז ביראָ־בידזשאַן אַ ריז, אין פאַרגלייך מיט איר, דריי מאָל אַזוי גרויס; אַז בעת פּאַלעסטינע האָט בלויז אַ ביבלישע רעקאָמענדאַציע, אַז זי איז אַ לאַנד, וואָס „רינט מיט מילך און האָניק" — און איז אין אמת'ן אַן אָרעם לאַנד, אָן אייזן, קוילן, אָן גאָלד און זילבער און אָן אַנדערע לעבנסוויכטיקע רוי־מאַטעריאַלן, איז ביראָ־בידזשאַן פּונקט אַ פאַרקערט לאַנד: אַ לאַנד, וואו די צופוסנס פון זיינע בערג זיינען געקאָוועט מיט גאָלד. „די בריסטן פּלאַצן פון געדיכטסטן האָניק, די אָדערן צערייסן זיך פון קלינגענדיקסטן גאָלד".

ס'איז קלאָר, אַז אָט די צוויי לענדער זיינען ווייט פון צו זיין אַ קאָנקורענץ איינס צום אַנדערן. בעת דער גאַנצער יחוס פון פּאַלעסטינע איז, וואָס זי איז אַמאָל געווען אַ אידישע היים און וואו דער „ישראל

סבא״, דער אַלטער ישראל, דאַרף פאַרזעצן זיין אַלטקייט — איז בירא־בידזשאַן א לאַנד, אַן ערשט־געבוירנס, און דער דיכטער קלאַפּט אָן אין די אָפענע טויערן פון דער טייגע און זאָגט איר אָן די בשורה: „עס גייט, טייגע, צו דיר איצט יונג ווערן אַ פאָלק.״

די פּאָעמע איז איינע פון די פּרעכטיקסטע אין דער אידישער ליטע־ראַטור. זי איז אָנגעזעטיקט מיט רייכע אימאַזשן, מיט נייע סימולן, מיט פרישע, שפּילעוודיקע אַסאָנאַנסן. זי האָט איר אינעווייניקסטע מוזיק, איר אייגנאַרטיקן ריטם. איר סטרוקטור אַפילו איז אַ סימפאָנישע. און מ׳קען זאָגן, אַז „זי דערלאַנגט אין קאָפּ ווי וואונדערלעכער ווייַן״.

שייפער האָט זי איבערגעלייענט צענדליקער מאָל און האָט פון איר זיך ניט געקענט אָפּרייסן. זי האָט אים פאַרכאַפּט. ווען דער שרייבער פון די שורות האָט אים געפרעגט: נו יאַנקל — וואו האַלטסטו מיט דער פּאָעמע, ביזט שוין עפּעס וויט אַריינגעפאָרן? האָט ער אַ צעגליטער אומגעפּער געענטפערט: „ס׳איז דען אַ פּאָעמע? ס׳איז דאָך אַן אמת׳ע סימפאָניע; זי זינגט זיך פון זיך אַליין.״

און זי זינגט זיך טאַקע. אין שייפער׳ן אויסטייטשונג ווערן פיל שטעלן אין דער פּאָעמע נאָך מער ארויסגעהעלט און נאָך מער באַ־קרעפטיקט. שייפער׳ס מוזיקאַלישע סימפאָניע איז ווי אַ קרוין אָנגעטאָן אויף דער מאַיעסטעטישער דיכטערישער סימפאָניע.

:: :: ::

שייפער׳ס אָראַטאָריע „בירא־בידזשאַן״ טיילט זיך אויף פיר טיילן, ווי עס טיילט זיך די קלאַסישע סימפאָניע. דער ערשטער טייל פירט אַריין די הויפּט־טעמע, וואָס הויכט אָן די ששת־ימי־בראשית׳דיקייט און אַטמאָס־פערע פון דער טייגע. דער אָרקעסטער ציט אויס אַ קאַנווע, אויף וועלכער עס צייכענען זיך אויס די קאָנטורן פון דער הויפּט־טעמע און באַלד גליטשט זיך אַריין, כמעט אומבאַמערקט, דער כאָר אין אַ געמאָסטענעם ציילערישן ריטם, וואָס גייט איבער, גלייך ווי עס רעדט זיך וועגן אַן עקספּרעס אין אַן אָטעם־פאַרכאַפּנדיקן שנעלן ריטם און פאַרענדיקט זיך צוריק אין אַ פאַרלאַנגזאַמטן טעמפּאָ.

פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת
וואַרט אָפּ, אין זאָרג אין שנייאיקער, די טייגע,
אַז אַן עקספּרעס
זאָל אַ באַלויכטענער פאַרבייגיין —

שייפער, וועלכער האָט זיך שוין אין די פריערדיקע אָראַטאָריעס באַרימט געמאַכט מיט זיין מאַלערישקייט, מיט זיין ריטם־קאָמבינאַציע,

וואָס מאַכט, אַז אונזער אויער זאָל אויך זען, דערגרייכט דאָ, אין דער אָראַטאָריע, נאָך פולערע עפעקטן. ער מאַכט, אַז מ'זאָל זען דעם עקספרעס אדורכלויפן מיט זיינע באַלויכטענע פענצטער. אַזוי אויך אין די קומענדיקע פיר שורות —

כאַטש אַף אַן אויגנבליק
דערזען די בערג, די אויפגעגאַנגענע, ווי שייטערס —
ער זאָל ניט וועלן גיין צוריק
און זאָל ניט וועלן יאָגן ווייטער . . .

מאַכט אונז שייפער זען די אָנגעצונדענע בערג און דערגרייכט אויך, אַז מיר זאָלן זען ווי דער עקספרעס יאָגט זיך דורך, דורך איבער'חזר'ן דעם קלאַנג „אָ" פון „יאָגן" פינף מאָל און ס'באַקומט זיך „יאָ־אָ־אָ־אָ־גן ווײ—טער".

עס הייבט זיך אָן דער צווייטער פערז:

פיר און צוואַנציק שעה נאָכאַנאַנד
ציילט זי די צייט לויט אומבייט פון די שטערן;

באַמערקט: ס'איז נאָך אפילו קיין זייגער נישטאָ. אפילו קיין טיק־טאַק הערט זיך נאָך ניט. צוליב מוזיקאַלישער באַטאָנונג, וואָלט דער צווייטער פערז, וואָס באַטאָנט מער דעם ערשטן, געדאַרפט איבער'חזר'ן די פריערדיקע מעלאָדיע און באַפעסטיקן זי אַף דעם אופן. האָט אָבער דאָ שייפער געהאַט פאַר זיך די פּראָבלעם פון פאַלשער בילדלעכקייט. (ער האָט דאָס געהאַסט ניט ווייניקער אפשר, ווי דעם פאַשיזם). ווי מיר האָבן שוין פריער געזען, גייט דער אָנהייב ריטם פון דער ערשטער מעלאָדיע אין אַ געמאָסטענעם ציילערישן טיק־טאַק אָפּהאַק. אָבער בעת מ'ציילט „די צייט לויט דעם אומבייט פון די שטערן" איז אַ טיק־טאַק מאָס פון אַ זייגער פאַלש. וואָס־זשע טוט שייפער? נעמט ער און הייבט אָן די ערשטע שורה פונעם צווייטן פערז מיט דער זעלבער מעלאָדיע ווי אין דער ערשטער שורה פונעם ערשטן פערז און פאַרקערעוועט זיך גלייך אין דער צווייטער שורה צו אַ ריטמישער מעלאָדיע, וואָס שימערירט מיט אומבייט און געקייטלטקייט, און שאַפט ווידער אַ ניי בילד פאַר די צוויי ווייטערדיקע שורות —

די בערג, געקייטלטע באַם ראַנד,
דריקן פון אומעט זיך צום הימל מיט די שטערנס.

דערפאַר גייט שוין דער צווייטער טייל פון צווייטן פערז אוועק אין אַ מינאָר, ווען עס ווערט געשילדערט ווי די שטילקייט ווערט פלוצים

איבערגעריסן פון אַ דורכגעשאָסענער חיה, וואָס לויפט אין ערגעץ פּאַר־האַמעוועון זיך דאָס בלוט. שייפער באַנוצט זיך דאָ מיט פּונקטאַרטיקע איבער׳חזר׳ונגען פון די פאַרשיידענע שטים־אַפּטיילן, כדי איבערצוגעבן דאָס לויפן פון דער דערשראָקענער חיה.

די עקספּאָזיציע איז געענדיקט. דער אָרקעסטער נעמט גלייך אַריינפירן די צוויי נייע הויפּט־טעמעס, וואָס רייסן זיך אַריין מיט אַן אויסער־געוויינלעכער קרעפטיקייט און דער כאָר פאַרגייט זיך אין אויסגע־שמאָלצענער, גליענדיקער התפּעלות:

איז רייסט די טייגע זיך צו יעדן צוג מיט אַ געברום
פון בענקשאַפט, אויסגעבאָוועטער אַף סאָפּקעס,
און ס׳גיט אין טרויער זיך אַ זעץ דער שנייאיקער אַרום,
ווען גאָרגלען שטאָלענע צערעוועון זיך אַף אָפּגאַנג.

די דריטע שורה גייט איבער אומבאַמערקט אין אַ מינאָרנעם קנייטש, כדי ווידער זיך צו באַהעפטן אין דער פערטער שורה מיט דעם ליידנ־שאַפטלעכן אויפברויז פון דעם אָנהייב פערז.

געטריי צום טעקסט גיט דאָ שייפער איבער מוזיקאַליש, ווי די טייגע „צינדט אירע פלאַכן אָן ווי רויטן סאַמעט און ס׳שרייט פון איר די צייטיקייט מיט ווינט און באַפעל״:

איר זאָלט זיך דאָרט אין וועג,
עקספּרעסן, לאַנג ניט זאַמען,
איר זאָלט מיך קומען אויפשטעמפּלען פון שנייאיקער פאַרשלעפונג,
אַראָפּקעמען פון מיר ביז גרונט דעם אור —

וואָס פּאַר אַ קראַפט עס צעגיסט זיך אין אונז, ווען מיר הערן ווי עס „צעפּליעסקען זיך פון איבערפלוס און שפּע די איבערפולע ברעגן פון אַמור״, ווי —

עס וואַרטן בערג און מיילן מאָנען
און דרייפאַך הילכט אַף ווייטן אָפּ דאָס קול,
די בריסטן פלאַצן פון געדיכטסטן האָניק,
די אָדערן צערייסן זיך פון קלינגענדיקסטן גאָלד.

דער ערשטער טייל פאַרענדיקט זיך מיט אַ צוריקקום צו דער עקס־פּאָזיציע פון סאַמע אָנהייב, מיט אַ פולער רעפּעטיציע פונעם ערשטן פערז.

אינעם צווייטן טייל, וואָס ווערט מוזיקאַליש באַצייכנט, ווי „אַנדאַנטאַ סאָסטענוטאַ״, איז דער טעמפּאָ אַ לאַנגזאַמערער. אין אָנהייב ווערן נאָך געשילדערט צוגאָב־דעטאַלן צו דער באַפעלקערלאָזיקער טייגע — די זומפּן, די וואָלקנס, וואָס טרינקען זיך באַ זיי אָן „מיט גרינער גליטשיקייט; די

מחנות בייסיקע בינען, וואָס בלאָנדזשען אַרום, אָבער גלייך קומט די גוטע בשורה:

עס גייט, טייגע, צו דיר איצט יונג ווערן אַ פאָלק,
עס גייט איצט אויפוועקן אַ פאָלק דיינע אַרומען.

אונז דוכט, אַז דאָס איז דער איינציקער פלאַץ אין דער אָראַטאָריע, וואו שייפער פאָלגט נישט נאָך געטריי דעם דיכטער פון דער פּאָעמע. בּאַ מאַרקיש'ן איז דאָס די סאַמע העכסטע קולמינאַציע פון עקסטאַז. ער האָט באַוואוסטזיניק אויסגעטיילט די אויבנדערמאָנטע ערשטע שורה און מיט איר באַטיטלט די גאַנצע פּאָעמע. אָט די דאָזיקע בשורה צו דער טייגע האָט געדאַרפט אָנגעזאָגט ווערן „בקולות וברקים", מיט אַ געהעריקן שאַל פון טראָמפּייט און שטורמישן אויפבּרויז. אַזאַ שטאַרקער אויסבּרוך וואָלט נאָך מער אונטערגעשטראָכן דעם קאָנטראַסט צו דעם פאָלקסטימלעכן עלעגיע־טאָן, וואָס ער נעמט דערנאָך אויסוועבן, ווען ער קערט זיך אום צו דער מאַרטירער־געשיכטע פונעם אידישן פאָלק —

ערגעץ אין שוואַרצע וועגנט
געהויקערט און געטריבן,—
האָט מען פון פענט צו פענט
אין שאַנדן-קייט געפּיבערט.
צו זיבן מאָל געיאָגט, צו פערצן מאָל געוואַנדלט,
נאָר ס'איז ניט אויפגעגאַן דער טאָג,
די נאַכט איז ניט פאַרגאַנגען . . .
דאָס איז געווען, דאָס איז פאַריבער, —

אָבער מעגלעך, אַז שייפער האָט באַוואוסטזיניק פאַרשוויגן מאַר־קיש'עס העכסטן אויפבּרויז, ווייל ער קומט פאַר דער עלעגיע, און אים וואָלט אויסגעקומען איבערצוחזרן אָט דעם האָפערדיקן טאָן און דורך דעם אָפּטעמפּן דעם שוואונג פאַרן ווייטערדיקן גאַנג פון דער אָראַטאָריע. חוץ דעם טאָר מען אַף אַ רגע ניט פאַרגעסן שייפער'ן, דעם סטאָליער, וועלכער לעבט אויף ווען ער דערזעט אַ האַמער, אָדער אַ זעג. האָט ער טאַקע אויסגעקליבן פאַרן שטורמישן קלימאַקס די שורות —

און איצטער גייט אַ פאָלק מיט האַמערס אין די הענט
אין אויפגאַנג זיך פאַרליבן —

דער טייל פאַרענדיקט זיך מיט דעם בילד, ווי די זעלבע געהויקערטע און געטריבענע פון אַמאָל גייען איצט מיט אויפגעהויבענע קעפּ בויען זייער לאַנד. זיי דאַרפן זיך ניט גנב'ענען דורך די זייטנוועגן פון דיפּלאָ־מאַטיע, אָדער גרענעץ־שוואַרצן, אונטער די בענק, אָדער מיט פאַלשע

פּאַספּאָרטן, נאָר „אין באַלויכטענע, אין ליכטיקע עקספּרעסן דורך דער סיבירער גרויסער מאַגיסטראַל".

דער דריטער טייל הייבט זיך אָן אין אַלעגראָ און שפּילעוודיקע קאָנפיגוראַציעס. דער כאָר צעשפּליטערט זיך אין פּוגעס און גיסט זיך צוזאַמען כדי ווידער צו צעלאָזן זיך אין נייע פּוגעס:

אין קאָפּ דערלאַנגט דער פראָסט, ווי וואונדערלעכער ווייַן,—
דער פראָסט צעגייט איבער די אָדערן זיך קרעפטיק;
עס ווילט זיך דאָ אין יעדן ווינט אַרייַן
און זיך באַהעפטן;

מאַרקיש צערייבט דאָ אין שטויב די געוואַלטן, וואָס די שונאים פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און פון ביראָ־בידזשאַן האָבן אויפגעהויבן, אַז „מ'פאַרשיקט די אידן אין די סיבירער קעלטן און פרעסט". די ביראָ־בידזשאַנער פרעסט זיינען קרעפטנדיקע, די ווינטן שטיפערישע און די שנייען מילך־קלאָרע, ווייסע, לאַכנדיקע און שפּילעוודיקע:

ס'רייסט יעדער שנייעלע — אַ נאַקעטס זיך באַווייזן
און אַזאַ פרייד איז אויף דעם טרעטן מיט פאַרבלענד.

שייפער לאָזט ניט אָפּ דאָס שנייעלע און מאַכט עס אַרומטאַנצן פאַר די אויגן דורך דעם, וואָס אַלע טיילן פון כאָר חזר'ן די פראַגע איבער באַזונדער. עס פילט זיך דער פרייַלעכער שניי־געפּלאַטער אין זיין ליכטן געמיט און זאַרגלאָזיקייט. אָבער וויפיל איז דער שיר דען צו שפּילן זיך? ער פאַרנעמט זיך אויף אַן ערנסטער און עקשנות'דיק אַקצענטירטער מעלאָדיע, וואָס איז אויך מאַלעריש און בילדלעך. איר דערפילט די גרייס פונעם בוים, איר דערשמעקט די צעבליאונג, איר וואַקסט־מיט מיט דער מעלאָדיע און מיט דעם אַנטשלאָסענעם גייסט פונעם פּיאָנער —

דעם גרעסטן בוים ווילט זיך דאָ אָנטאָן אויף די אַקסל
און אין דער קעלט קעלט זיך דאָ צעבליען און צעוואַקסן.

מאַרקיש ברענגט דאָ אויך אַריין דעם מאָמענט וועגן דער זיכערקייט פון דעם אידישן סאָוועטישן ישוב. האַלטן דאַרף די שונאים אין איין ליאַרעמען, אַז ביראָ־בידזשאַן וועט זיין די ערשטע אויפן פייער, ווען יאַפּאַן וועט דערקלערן מלחמה דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד:

און ווי אַ סאַפּקע זיך אַוועקשטעלן באַם גרענעץ
און אַזוי אויסשרייען צום שונא:
נו בעגבוג איצט,
— דו שונא, זעסט אָט די געבערג, אָט די גיבורים?
עס ווערן שטורעמס אויף די קעפּ באַ זיי געבוירן.

שייפער האָט די שורות באַקליידט מיט אַן אַנטשלאָסענעם, סטאָאישן רעציטאַטיוו־טאָן, אַזוי, אַז מ'קען וויזואַליזירן ווי די שטורעמס ווערן געבאָרן אַף די קעפ פון די בערג. דער רעציטאַטיווער, דרייסטער טאָן גייט ביסלעכווייז איבער אין מאַרש־טאָן, שטורמיש און הינרייסנדיק:

ערגעץ אין במאַרעס די קעפ האָט מען באַהאַלטן,
ערגעץ אין אָפּגרונטן די שטאַמען מ'האָט צעשטעלט,
און פון דעם שטילן אָקעאַן ביז צו דער באַלטיק
זיינען זיי אָנגעברייט און וואַרטן אַף באַפעל.

די זאַך פון בירא־בידזשאַן איז ניט בלויז די זאַך פון די אידן. ס'איז אַ טייל פון דעם גאַנצן סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד.

דער לעצטער, פערטער טייל, הייבט זיך אָן אין אַן אַנדאַנטע־פאָרם. עס וועבט זיך אַן אידיליע, אַזאַ לויטערע און זיכערע —

ס'איז שטיל אַזוי,
ס'איז אַזוי פּראָסטיק-דורכזיכטיק די ווייט,

יעדע זילבע ווערט דאָ פון שייפער'ן אַרויסגעבראַכט פּולמויליק, אַקצענטירט און באַטאָנט, אַז איר טראָגט זיך אַוועק אין געדאַנק צו דער שטילער, פּראָסטיקער דורכזיכטיקייט, וואו מ'נעמט זיך בויען זיכער און פעסט, אָן שרעק פאַר קיינעם, ווייל אויב עס דערהערט זיך אין דער שטילקייט אַ הילכיקער ציטער איז עס דערפון וואָס „אין דער העכסטער בלויגיט פון צווייג צו צווייג אַ שפּרונג — אַ פאַלנדיקער שטערן".

וואָס פאַר אַ פּראַכטפולע קאָלירן מיניען זיך דאָ אין דער אויסגעשניצטער מעלאָדיע, וואָס קען צופרידנשטעלן אַפילו דעם גרעסטן מוזיקאַלישן מפונק! דאָ האָט איר מאָדערניזם אינעם בעסטן זינען פונעם וואָרט, באַקרעפטיקט מיט דער איינגעהאַלטנקייט און באַשיידנקייט פון די קלאַסישע מייסטער.

דאָ פאַרקערעוועט זיך ווידער די פּאָעמע אַף אַ ווײַלע צו דער פריערדיקער טעמע — צו דער טייגע מיט אירע בערג און סאָפּקעס, כדי צוצוקומען צו דער פּיאָנערן־אַרבעט. די מוזיק גייט דאָ שנעל פאַרביי ביז עס רייסן זיך אַריין די טענאָרן און באַסן אין דער קרעפטיקער פאָלקסטימלעכער מעלאָדיע —

די הייזער גייען אויף,
די גאָסן-ערשטלינגען, פון שפּראָצנדיקע ליקן,
און אַ געשלעג מיט אוראַלט איז פאַר יעדן שפּאַן.

די הויכע כוואַליעס שטילן זיך ביסלעכווייז איין און ס'וועבט זיך ווידער די אידיליע פון שטילקייט —

ס'איז אַזוי פּראַקטיק-דורכזיכטיק די ווייט
און ס'קאָן דאָס האַרץ קעגן קיין ווינט זיך ווערן —

און ווידער ווערט דאָ יעדע זילבע קרעפּטיק באַטאָנט, אַז ס'איז נישט קיין פּוסטע אידיליע. די מעלאָדיע איז דאָ, ווי אינעם גאַנצן ווערק, ניי, אייגנאַרטיק און דער גאַנצער מוזיקאַלישער געוועב איז זיידנדיק-דין, צאַרט און דורכזיכטיק, און דאָך שלאָגט אין איר אַ קראַפט, אמת, אַן איינגעהאַלטענע און אַ שטילע, אָבער עס איז פון יענע שטילע כוחות, וואָס פילן הינטער זיך די זיכערקייט און קראַפט פונעם גרויסן אמת. שייפער דערלויבט זיך צו פאַרענדיקן די אָראַטאָריע אין דער פאָרם פון אַ סך-הכל:

בירא-בידזשאַן —

און דערגרייכט אַ קאָלאָסאַלן עפעקט דורך געבן די צוויי ווערטער צו אַ קורצער סאָפּראַנאָ-סאָלאָ, וואָס דריקט אויס באַוואונדערונג און עקסטאַז פאַר דער אידישער סאָוועטיש-סאָציאַליסטישער אויטאָנאָמער געגנט.

די דאָזיקע אָראַטאָריע ווייזט צו וואָס פאַר אַ הויכן שייפער האָט שוין גענומען שטייגן, ווען ס'איז שוין פאַרפולקאָמט געוואָרן זיין קאָנאָספּנדיקע רייפקייט, און זי גיט אונז אַן אָנונג וואָס מיר האָבן נאָך געקענט דערוואַרטן פון אים.

15. קעמפּ־טעטיקייטן און ספּעקטאַקלען

די זומער־קעמפּס האָבן פאַר שייפער'ן געהאַט אַ דרייפאַכן צוועק. אין דעם ביאָגראַפישן טייל איז שוין אין פאַרשיידענע ערטער אונטערגעשטראָכן געוואָרן שייפער'ס קרובה'שאַפט מיט דער נאַטור. ער איז געווען און געבליבן אַ נאַטור־קינד זיין גאַנץ לעבן. אַ נאַטור־קינד אין זיין פּשוט'ער האַלטונג און באַנעמונג; אַ נאַטור־קינד אין זיין אָפנהאַרציקייט און פּרימיטיווער דירעקטקייט; אַ נאַטור־קינד אין אָפּלעבן און אויפלעבן באַ דעם ערשטן באַריר מיט אַ גרעזעלע, אַ בלעטעלע, אַ צווייגל, אַ בוימל; באַ דעם ערשטן בליק אויף דער ברייטער אומפאַרשטעלטער פּאַנאָראַמע פון אַ ווייטן האָריזאָנט. פאַר שייפער'ן איז דער זומערדיקער קעמפּ־לעבן געווען אַ דערפרישונג, אַן אָפּוועקסלונג פון זיין שווערער פּראַצע אַ גאַנצן יאָר.

דער קעמפּ, מיט זיינע שטילע און שטאָק־פינצטערע שפּעט־אָוונטן,

האָט אויך פאַר אים געדינט פאַרן צוועק פון קאָנצענטרירן זיך אַף גרעסערע מוזיק־טעמעס, אַף אָראַטאָריעס און קאַנטאַטעס. ווען דער גאַנצער קעמפּ איז שוין געשמאַק געשלאָפן, ווען אַפילו די שפּעטע „פייגעלעך" האָבן זיך שוין אומגעקערט אין זייערע באַנגעלאָס און געצעלטן, איז שייפער נאָך דעמאָלט געווען שטאָק־וואַך. דאָס איז געווען זיין וועלט. די וועלט, אין וועלכער ער קען הערן זיך אַליין — זיין אינעווייניקסטן קול; ווען ער קען זיך צוהערן און אָרגאַניזירן דעם שלל פון רויען מוזיק־מאַטעריאַל, וואָס האָט אַרומגעבראָדזשעט אין זיין גאַנצן איך, אין זיינע פאַרבאָרגענע קוואַלן.

ווי גוט עס האָט זיך געשאַפן אין יענע שפּעטע נעכט, ווען בלויז שטערן אַפן אויסגעשפּרייטן הימל רירן זיך פון זייערע ערטער, און פון צייט צו צייט דערקייקלט זיך בלויז אַן עכאָ פון אַן איבערגעשראָקענעם הונט, אָדער דער שטילער געזאַנג פון די נאַכט־אינזעקטן!

דאָרט, אין די קעמפּס, האָט ער עס געשאַפן זיין „אָקטאָבער" און „קיין איינציקן שפּאַן", זיין „געוויטער" און „שטורעם־פויגל", און ענדלעך זיין לעצט מייסטערווערק „בירא־בידזשאַן".

אָבער דער הויפּט־צוועק פון זיין זיין אין קעמפּ איז דאָך געווען צו אַקטיוויזירן דעם גרויסן עולם אין געזונטע, דערפרישנדיקע גייסטיקע פאַרוויילונגען. אין מאַכן זיי זינגען, שפּילן, שקאַצעווען און פירן אַן אַקטיוון געזונטן כלל־לעבן. ווען שייפער איז אָנגעקומען אין דעם יאָר 1925 אין דעם קעמפּ „ניטגעדאַיגעט" האָ ער קיין שום דערפאַרונג נישט געהאַט אַף דעם געביט. אַלץ וואָס ער האָט געקענט טאָן, איז צונויפצושאַרן מענטשן און נעמען מיט זיי זינגען. ב. פענסטער האָט אים דעם ערשטן זומער צוזאַמענגעשלעפּט אַלע אַרבעטער פון קיך — קיכער, וואַשער, סקראָבער, רייניקער, וויטערס,—שייפער האָט מיט קיינעם נישט בראַקירט, אַבי מען וויל נאָר זינגען און מען וויל זיך לאָזן איינשפּאַנען באַ אים אין „יאָך" — כאָר. צי זיי האָבן געקענט זינגען, צי ניט — האָט ניט אויס־געמאַכט. שייפער האָט זיי שוין געמאַכט זינגען!

אין עטלעכע טעג האָט דער אימפּראָוויזירטער כאָר שוין געזונגען אַף טיש און אַף בענק. לייכטע לידלעך זיינען אָנגעשריבן געוואָרן אַפן אָרט. שייפער האָט גלייך פאַר זיי אויסגעפּלאָכטן מעלאָדיעס. מערסטנ־טיילס זיינען עס געווען פּאַראָדיעס אַף אַנדערע קעמפּס, אַף די פּעפּערדיקע טעאַטערס פון סעקאָנד עוועניו, אַף פאַלשע פאָלקס־לידער, אַף אַלץ וואָס עס האָט זיך געלאָזט אויסלאַכן מיט עטלעכע פערזן מיט אַ פּאַסנדיקן ניגון.

שייפער האָט זיך אויך גענומען צו פאַרשיידענע „שטוקעס" (סקיטס),

און כאָטש ער האָט אין דעם פריער ניט געהאַט קיין שום דערפאַרונג, האָט אים זיין אַלגעמיינער קינסטלערישער חוש אונטערגעזאָגט וואָס און ווי אַזוי. דערפאַר, אָבער, ווען ער איז אַהין געקומען דעם צווייטן זומער, אין 1926, איז ער שוין צוגעגאַנגען צו דער אַרבעט ווי אַ „געניטער" אָרגאַניזירער פון אַזעלכע שטוקעס. אָבער די דאָזיקע „טעאַטערייען" זיינען אין אָנהויב בלויז געגומען געוואָרן ווי אַ מין קינדער־שפּיל, אָן קיין שום פּרעטענזיעס.

אין דעם דאָזיקן זומער איז שוין אָבער אויך געווען אין קעמפּ נ. בוכוואַלד, אַ מענטש וואָס אָטעמט און לעבט מיט טעאַטער. שייפער און בוכוואַלד נעמען עקספּערימענטירן אין נייע פאָרמען. זיי זוכן וועגן ווי אַזוי צו מאַכן מוזיק פאַרן לעבעדיקן טייל אין יעדן שפּיל. זיי האָבן געשטעלט מייקל גאָלד'ס „סטרייק" און האָבן פּרובירט אריינצוציען דעם עולם.

שייפער'ס פרוי, לאה, איז שוין דעם יאָר אויך געווען מיט אים אין קעמפּ. האָט זי זיך מערסטנס געקענט אָפּגעבן מיט אָרגאַניזירן דעם כאָר, און שייפער איז שוין געווען פריי אָנצוגיין מער אין דער אַרבעט פון אָר־גאַניזירן און אינסצענירן מאַסן־סצענעס. בוכוואַלד דראַמאַטיזירט פּרץ מאַרקיש'עס „נישט געדאיגעט" („טראַקטאָר"). שייפער אַליין נעמט זיך רעזשיסירן. ער ווייסט נישט אין אָנהויב ווי אַזוי מען טוט עס, אָבער זיין מיזאַמקייט און התמדה, צוזאַמען מיט זיין געזונטן קינסטלערישן אינסטינקט, העלפן אים צו דערהאַרעווען זיך צו דערפאָלגרייכע רעזול־טאַטן. שייפער שרייבט מוזיק צו משה נאַדיר'ס „מאַדאַם פּאַרפּאַציע", אַ סאַטירע אַף ספּיריטואַליזם. יעקב און לאה שייפער האָבן זיך אַליין באַטייליקט אין דעם שפּיל, ווי אויך פּענסטער און דער גאַנצער קולטור־באַשטאַנד. די זאַך איז דורך מיט גרויס דערפאָלג.

אַף אַזאַ אופן זיינען אויך געשטעלט געוואָרן די „קירכן־גלאָקן" פון א. רייזען און „דער גאַסן־פּויקער" פון מ. ל. האַלפּערן. פון דעם לעצטן איז סצענירט געוואָרן אַ צירק אין אַ היימישער קליין שטעטל מיט געזאַנג און פאַרשיידענע קונצן.

נ. בוכוואַלד און פּ. נאָוויק האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַ סאַטירישן פּלאַקאַט אַפן בירגערלעכן טעאַטער און אַף די סטילן פון סעקאָנד עוועניו און בראָדוויער טעאַטער בכלל. שייפער האָט זיך פשוט פאַרכלינעט מיט דער גראָטעסק־סאַטירישער זייט און געשאַפן דערפון אַ בייסנדיקע מוזי־קאַלישע סאַטירע, פון וואָס דער עולם האָט זיך „געהאַלטן בא די זייטן" פון געלעכטער.

שייפער האָט באַקומען משה נאַדיר׳ס „אין דר׳ערד אַריין״, וואָס גיט איבער אַף אַ שטיפערישן אופן דעם קאָנטראַסט צווישן דער אַרבעטער און קאַפּיטאַליסט. אים געפעלן זייער די שפּיציקע שפּילקעס פון דער דאָזיקער שטיפעריי און ער שרייבט אַן מוזיק, וואָס שאַרפט נאָך צו אַט־די שפּילקעס, אַז זיי זאָלן טרעפן דין און טיף אין סאַמע פּינטל אַריין. דער עולם קייכט פון געלעכטער. יעדע וואָך שאַפט ער נייע זאַכן. ער שאַפט זיי אין אַזאַ איילעניש, אַז מען גיט זיי אַפילו נישט קיין נעמען. ב. פענסטער פאַרזיכערט, אַז צענדליקע מוזיקאַלישע שטיפערייען אַזעלכע זיינען איבערגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן, צוליב זייער נאָמענלאָזיקייט. און צו וואָס זיי געדענקען? אַז שייפער שרייבט אַן יעדעס מאָל אַ נייע זאַך. ווען מען שטייט לעבן אַן אומאויסשעפּלעכן ברונעם דאגה׳ט מען זיך נישט וועגן אַ פּאָר טראָפּן פאַרגאָסענעם וואַסער.

ב. פענסטער האָט מערסטנס געשריבן די טעקסטן פאַר די שטיפערייען און לידלעך אויך אַף דעם זעלבן זאָרגלאָזן אופן — אָן נעמען, אָן אַ געדעכעניש. מ׳האָט דאָס באַטראַכט פאַר פּשוט׳ן צייט־פאַרטרייב. פונדעסטוועגן, אַז שייפער פלעגט דאַרפן ענדערן אַ וואָרט דאָ און דאָרט צוליבן מוזיקאַלישן ריטם, פלעגט ער צוגיין צום שרייבער מיט אַזאַ פאַרזיכטיקייט און כמעט פאַרשעמטקייט, ווי דאָ וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן וועלער ווייס וואָס פאַר אַ וויכטיקער ענדערונג אין אַ וויכטיק ווערק. שייפער האָט שטענדיק געהאַט גרויס פּיעטעט פאַרן דיכטער.

זיין מיספאַרשטענדעניש מיט בענאַ שניידער׳ן איז דאָך אויך אַרויסגעקומען צוליב דעם, וואָס שניידער, וועלכער איז שטענדיק געווען קאָנצענטרירט אַף ערנסטע קונסט־אַרבעטן, האָט נישט געהאַט דעם חוש אָפּצוגעבן זיך מיט שטיפערייען. שייפער האָט אָבער אין יעדער שקאָצעריי געזען דעם גרויסן אמת, וואָס קוקט אַרויס פון יעדן שפּאַס. אַף אַזויפיל איז בײַ אים געווען אָפּגעווישט די גרענעץ צווישן ערנסט און שפּאַס, אַז ער האָט זיך אַפילו צו דעם שפּאַס אויך באַצויגן ערנסט.

און נישט בלויז דאָס: שייפער האָט אויך געהאַט אַ קינדערשע ליבע צו גראָטעסק, וואו עס זאָל נישט זיין — צי אין מאָלעריי, צי אין סקולפּטור, מוזיק, צי אין טעאַטער. ער האָט געהאַלטן די שפּאַסיקע פאָרשטעלונגען אין קעמפּ פאַר זייער אַ וויכטיקן ענין. אין 1927, למשל, איז איינמאָל אויסגעקומען, אַז ס׳איז נישט געווען קיין מוזיק־פּראָגראַם אַף שבת, ווי שטענדיק. שייפער איז אַוועקגעפאָרן אין שטאָט צו רעפּעטיציעס. דאָנערשטיק שפּעט בײַנאַכט קומט ער צוריק, און באַרויִקט, אַז פאַרנדיק אַף דער באַן האָט ער אָנגעשריבן אַ שפּאַסיקע אָפּערע פאַר מוזיק און

טענץ. די טעמע איז געווען א „פּאַראַדיע" אפן קעמפּ „גן־עדן". דער קולטור־שטאַב האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס: וואָס טויג עס, אַז מאָרגן איז שוין פּריטיק — גיי לערן און שטודיר איין א קאָמישע אָפּערע אין צוויי טעג. אָבער שייפער האָט נאָר א שמייכל געטאָן — ער האָט געוואוסט, אַז ער קען עס באַווייזן. און ס'איז טאַקע אַזוי געווען: יעקב מעסטל האָט אינסצענירט די זאַך, שייפער האָט רעפּעטירט מיטן כאָר פּרייטיק אין אָוונט און שבת באַטאָג, און שבת באַנאַכט האָט מען דאָס שוין געשפּילט. דער נאָמען פון דער דאַזיקער קאָמישער אָפּערע איז גראָד יאָ געבליבן — „סאָן אָוו אַ גן־עדן". ווער ווייס צי די מוזיק איז אין ערגעץ געבליבן. אין שייפער'ס אַרכיוו האָבן מיר עס נישט באַמערקט. אויב עס איז פאַרניכטעט געוואָרן, איז עס א גרויסער שאָדן. די פּאַר־שיידענע ניגונים האָט מען געזונגען, וואו מ'איז געשטאַנען און געגאַנגען.

ווי נ. בוכוואַלד גיט איבער, איז די הומאָריסטישע מוזיק־סצענע „דאָס שוסטערל", וואָס איז שפּעטער אויסגעברייטערט געוואָרן און אויפ־געפירט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג אין 1933 צום צענטן יובילײ פון דער „פרייהייט", בעת יאָסל קאָטלער האָט דעמאָלט געמאַכט אין דער דעקאָראַציע אָנשטאָט א קוימען א שוסטערשע שטיוול, איז פריער גע־שטעלט געוואָרן און אויספּרובירט געוואָרן אין קעמפּ „קינדערלאַנד" אין 1931. שייפער האָט דעמאָלט אַריינגעלייגט א היפּש ביסל מוזיקאַליש־הומאָריסטישע פאַנטאַזיע אין דעם שפּיל.

שייפער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אין קעמפּ מיט אָנגעשפּיצטע אויערן אויפצוכאַפּן עפּעס, וואָס לאָזט זיך באַקליידן מיט מוזיק. אַזוי האָט ער איינמאָל אויפגעכאַפּט פון א גאַסט מאָוד'ס א לצ'ניש לידל, א פּאַראַדיע אַף דעם זשורנאַל „דאָס אידישע וואָרט". די פּאַראַדיע איז בלויז געווען אפן נאָמען און ביי־נאָמען פון דעם זשורנאַל, וואָס האָט זיך געלייענט — „א זשורנאַל פון אידישן אינהאַלט און אידישן טאָן, רעדאַגירט פון ש. צ. זעצער". שייפער האָט דאָס אויפגעכאַפּט מיט גרויס פרייד, אויסגעפלאָכטן דערפון א רייע וואַריאַציעס מיט מוזיק און רע־פריינען פון דעם עולם. עס האָט זיך באַקומען אַן אמת־שיינער מוזיקאַלי־שער שפּאַס. גראָד איז די מוזיק פון דער דאַזיקער זאַך נישט פאַרפאַלן געוואָרן. שייפער האָט פון דער גרונט־מעלאָדיע שפּעטער אויסגעפראַנזט טיילן פון יאָסל קאָטלער'ס „נישקאָ" און „כאַפּט אים און קלאַפּט אים".

שייפער, דער שטענדיקער פּוריטאַנער, האָט אַפילו אין קעמפּ מיט זיין גאַנצער שטיפערישקייט און לויז־לאַזונג, ניט געענדערט זיין וועזן. אָבער ווען ער פלעגט אַריינפאַלן אין א דערהויבענער שטימונג, ספּעציעל

נאָך אַ קאָנצערט, פלעגט ער זיך אין זאַל, אין דער אָנוועזנהייט פון עטלעכע צענדליק מענטשן, צעזינגען אין חסידישע ניגונים און צעטאַנצן זיך מיט דער האַנט אין דער הויך ווי אַ רבי. ער האָט געזונגען און געטאַנצט מיט אַזאַ פאַר'שיכור'נדיקער התפעלות, אַז ער האָט אַלעמען מיטגעריסן.

די פולע שעפערישקייט אָפן לייכטן מוזיקאַלישן געביט האָט שייפער דערגרייכט אין די לעצטע צוויי יאָר פון זיין לעבן, אין 1935 און 1936. די אַזוי באַרימטע געוואָרענע „בונט מיט אַ סטאַטשקע" איז נישט געווען קיין צופאַל אָדער אַ קאַפּריז שייפער'ס, נאָר אַן אָרגאַנישער אַרויסוואוקס פון אַלע זיינע פריערדיקע אַרבעטן אַף דעם געביט פון די שפּאַסיקע זאַכן אין די קעמפּס. דער „בונט מיט אַ סטאַטשקע" איז אויסגעוואַקסן אין אַזאַ הערלעכער פאָלקס־אָפּערעטע, ווי עס וואַקסט אויס אַ קליין הייפעלע שניי ווען מ'צעקייקלט עס אָפן שניי. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט עטלעכע אַלטע פאַר־רעוואָלוציאָנערע לידלעך, מיט וועלכע מען האָט צוזאַמענגעשטוקעוועט איין אַקט, אָבער שפּעטער איז דאָס געוואַקסן און געוואַקסן ביז עס איז אַרויסגעקומען די אָפּערעטע, וואָס האָט דערנאָך פאַרכאַפּט אַלע טיילן פון ניו יאָרק און וואָס וועט נאָך מסתמא יאָרן און יאָרן געהערט ווערן מיט אַן אמת'ן פאַרגעניגן.

דאָס סאַמע פרוכטבאַרסטע יאָר איז געווען דאָס סאַמע לעצטע — 1936. פון די גרעסערע זאַכן, וואָס שייפער האָט אויפגעפירט יענעם יאָר אין קעמפּ, דעם לעצטן יאָר אין זיין לעבן, האָט געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק דער ספּעקטאַקל „איך הער אַ קול", געבויט אַף אַ טעמע פון ווינטשעווסקי'ס אַ ליד און אַף אייניקע לידער פון די אַנדערע פּראָלעטאַרישע קלאַסישע דיכטער אין אַמעריקע, ווי ראָזענפעלד, באָווּשאָווער און עדעלשטאַט. ס'איז אַרויסגעקומען אַ מין פאָלקסטימלעכע אָפּערע, געבויט אַף אידישע פאָלקס־מאָטיוון. דערצו נאָך האָט ער באַאַרבעט אַ וואַריאַנט אַף מאָריס ראָזענפעלד'ס „איך האָב אַ קליין אינגעלע". די טעקסטן זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון נ. בוכוואַלד און ב. פענסטער. רעזשיסירט האָט עס ליליען שאַפּיראָ, אָבער שייפער האָט צו דעם בייגעטראָגן מער ווי אַלע. ער האָט צו דעם געשאַפן די פּאָפּולערסטע פאָלקסטימלעכע מוזיק, וואָס האָט ווען עס איז אַרויסגעשפּרודלט פון זיינע קוואַלן.

אינטערעסאַנט איז, וואָס גראָד דאַן, ווען ער האָט געדאַרפט שרייבן די מוזיק פאַר דער דאָזיקער זאַך, איז ער קראַנק געוואָרן. זיין פרוי לאה האָט אים גענומען אין פּאָקיפּסי און אַריינגעלייגט אים דאָרט אין שפּיטאָל. ער האָט אָבער דאָרט נישט געקענט איינליגן. ער האָט געוואוסט, אַז מענטשן האָבן שוין אַריינגעלייגט אין דער זאַך אַזויפיל אַרבעט, און

ער האָט נאָך נישט אָנגעהויבן שרייבן די מוזיק. ער האָט זיך געבעטן מיט טרערן אין די אויגן, אַז מען זאָל אים אַרויסנעמען פון שפּיטאָל, און מען האָט אים אין עטלעכע טעג אַרום געמוזט אַרויסנעמען. קוים קענענדיק שטיין אַף די פיס האָט ער זיך אין אַ מאַנטיק נאָכמיטאָג גענומען צו דער אַרבעט און מיטוואָך שוין געהאַט פאַרטיק די גאַנצע מוזיק פאַרן ספּעק־טאַקל. דער סקאָר פון דער דאַזיקער אָפּערע האָט פאַרנומען אַרום 86 גרויסע מוזיק־זייטן. ווי אַזוי דער מענטש האָט עס געטאָן איז פּשוט אומ־מעגלעך צו פאַרשטיין! מיטוואָך אָוונט האָט ער שוין גענומען רעפּעטירן מיטן כאָר און פּריוויטיק מיטן אָרקעסטער. די רעפּעטיציעס זיינען פאָר־געקומען אונטער זייער שווערע אומשטענדן. אין האָל האָבן אויך די קינדער צוגעגרייט אַ קינדער־פאָרשטעלונג, האָט מען בעת דער רעפּעטיציע געהאַמערט, געקלאַפּט און געזעגט אין האָל, אַז ס'איז פּשוט געווען אומ־מעגלעך אויסצוהאַלטן, און דאָך איז שייפער'ן געלונגען צוצוגרייטן אַן אמת־וואונדערבאַרן מוזיק־ספּעקטאַקל, וואָס איז זונטיק אָוונט געהערט געוואָרן פון איבער טויזנט מענטשן.

אין דעם זעלבן זומער אַרבעט ער שווער אַף דער גאָלדפאַדן־אָפּערעטע. בוכוואַלד האָט געאַרבעט אַף צוזאַמענשטעלן די טעקסטן, אָבער ער האָט זיך אַליין געשלאָגן מיט דער דעה, צי אַזאַ זאַך איז אַן ענין אין דער איצטיקער צייט. שייפער אָבער האָט זיך מיטן גרעסטן ערנסט אריינ־געוואָרפן אין דער דאַזיקער שפּאַסיקער אַרבעט צוזאַמענצופלעכטן די פאַר־שיידענע מוזיקאַלישע פעדים פון פאַרשיידענע גאָלדפאַדן־פּיעסן אין איין מוזיקאַלישן געוועב. אים איז נישט געפעלן געוואָרן ווי טייטלבוים גייט אַן אַזוי לאַנגזאַם מיט דער רעזשי, וואָס האָט דערוויייל אויך פאַרלאַנגזאַמט זיין קענען דערכאַפּן דעם ריטם פון דער גאַנצער זאַך, כדי ער זאָל קענען אָנהויבן צו שרייבן די מוזיק. שייפער האָט געהאַט דערפון גרויס עגמת־נפש און נישט געקענט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. זעקס אין דער פרי איז ער שוין געווען בײַ פענסטער'ן „קלאַפּן טרעוואָגע", אַז עפּעס מוז גלייך געטאָן ווערן. נו, האָט ער אין דער לעצטער מינוט באַקומען אַ טענצערן פון דער קינדערשער זייט קעמפּ און געשאַפן די מוזיק לויט דעם ריטם פון איר טאַנצן.

בוכוואַלד'ן און פענסטער'ן איז אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט שייפער'ן אין משך פון צען יאָר, מערסטנס אין די קעמפּס. ביידע זאָגן זיי עדות, אַז אין משך פון דער גאַנצער צייט האָט שייפער נישט פאַר־פירט קיין שום קריגעריי (זיינען דאָך דאָ מענטשן, וואָס שרייען, אַז „מ'האָט מיט שייפער'ן נישט געקענט אַרבעטן"), ווען ער האָט געזען, אַז מ'נעמט

דעם זעלבן אינטערעס צו דער אַרבעט ווי ער אַליין נעמט. זייענדיק אַליין גרייט צו פאַרברענגען זיך אין דער אַרבעט, איז ער אויפגעבראַכט געוואָרן אַף יעדן איינציקן, וואָס האָט זיך ניט געקענט דערהויבן צו דער זעלבער מדרגה. דאָס וועט באַשטעטיקן אַזאַ מוזיקער ווי ד. סאַפּיראָ, וועמען עס איז אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט שייפער'ן אַרום 12 יאָר. דאָס וועט באַשטעטיקן ליליען שאַפּיראָ, כאַשקע קעריש, משה ראוך. אגב דערציילט ב. פענסטער, אַז ווען מ'האָט שייפער'ן געפרעגט, ווי ראוך גייט אָן מיט זיין אַרבעט, אַלס געהילפס־דיריגענט, האָט ער געענטפערט: דערווייל איז נאָך אַלבערט ביטער בעסער, אָבער איך בין זיכער, אַז ראוך איז אַ גוטער מוזיקער און ניט קיין פויליאַק. די ערשטע זאַך, וואָס ער האָט געטאָן, ווען ער איז אַריינגעקומען צו מיר און געזען, אַז די פּיאַנאָ שטייט ניט אַפן געהעריקן אָרט, איז געווען צוצורוקן און איינשטעלן זי אַפן ריכטיקן פּלאַץ. אַ מוזיקער, וואָס איז ניט קיין פוילער, קען פיל דערגרייכן אַף זיין געביט.

אין קעמפּ „קינדערלאַנד" האָט ער שוין געפעלט דעם לעצטן זומער־סעזאָן. יעדער איינציקער האָט באַ יעדער געלעגנהייט געזיפצט: איי, נישטאָ שייפער!

16. שייפער׳ס קאָמפּאָזיציעס פאַר לידער

(לויטן כראָנאָלאָגישן סדר, ווי זיי זיינען געשאַפן געוואָרן.)

מיר זיינען פרייהייט־סאָלדאַטן

טעקסט: מ. ראָזענפעלד   מוזיק: י. שייפער

מיר זיינען סאָלדאַטן אין פרייהייט־אַרמיי
און שטייען גאַנץ פעסט אין די רייען —
מיר קומען באַפרייען די וועלט פון איר וויי,
די מענטשהייט פון קנעכטשאַפט באַפרייען.

באַגייסטערט מיט אמת, באַלאָדן מיט מאַכט,
מאַרשירן מיר קעגן האַרמאַטן —
מיר קומען אין זון־שיין פאַרוואַנדלען די נאַכט,
מיר קומען, ווי בראַווע סאָלדאַטן.

מיר האָבן דורך דורות געטראָגן די נויט
און שטיל און געדולדיק געשוויגן.
עס האָט דער רייכער געמאַטערט צום טויט,
געטראָטן, געריבן, ווי פליגן.

נו, קומען מיר זאָגן דעם מעכטיקן „האַלט!“
און וואַרפן אַ שרעק אַף דעם זאַטן. . . .
מיר קומען צעשטערן די הערשאַפט פון גוואַלט
און קומען, ווי בראַווע סאָלדאַטן!

מוזיק געשריבן אין יאָר 1915. די מעלאָדיע איז אַ גרינגע, אַ מאַרש־אַרטיקע, אָבער אין פיר שטימען, מיט פּיאַנאָ־באַגלייט.

אַרבעטער־ברידער

טעקסט: י. סלאָנים   מוזיק: י. שייפער

אַ, אַרבעטער־ברידער, דערהויבט זיך, דערוואַכט
און מאַכט צו די צרות אַן ענד!

עס לייכט שוין אין מזרח, עס שווינדט שוין די נאַכט ;
עס עפנט די ברעמען דער מאָרגן אין פּראַכט.
אָ, שנעלער דערהויבט זיך מיט שטורמישער מאַכט !
זאָל זיין צו די ליידן אַן ענד.

אָ, זעט אייערע קינדער, פאַרצאַגט און פאַרבלאַסט ;
די אויגן פאַרשוואָלן און רויט.
אָ, זעט אייער ברודער, ווי ער שמאַכטעט און פאַסט,
כאָטש לאַנג זינט ער טראָגט שוין די שרעקלעכע לאַסט,
דאָך ווייס ער קיין פרייד ניט און לויפט אַלץ מיט האַסט
צום בייזן, צום פינצטערן טויט.

דערהויבט זיך, מאַסן ! אַט איצט איז די צייט
באַפרייען דעם ברודער און זעלבסט זיין באַפרייט
און מאַכן אַן ענד צו דער נויט !
עס קלינגען די טאָלן, עס קלינגען די בערג,
אָ, אַרבעטער־מאַסן, דערוואַכט !
עס שמייכלט פון הימל די הערלעכע זון
אָ, אַרבעטער־מאַסן, דערוואַכט !
דערוואַכט ! דערוואַכט !

מוזיק געשריבן אין 1916. איינע פון די ערשטע קלענערע און לייכטע רעוואָ-לוציאָנערע קאָמפּאָזיציעס, וואָס שייפער האָט געשאַפן. די מעלאָדיע דערגרייכט אין די ענד-פערזן צו שנעלע און קרעפטיקע פינאַלן.

צום זיג

טעקסט : י. א. ראָנטש מוזיק : י. שייפער

עס הערט זיך אַ מעכטיקער רוף אומעטום
פון אַרבעטער קעמפער, פון שלאַכטיקן פעלד
אַ רוף צו אַרמייען, אַ צאָרנדיק געברום
צעטראָגט און צעשפרייט זיך אַרום און אַרום.
„מיר וועלן צעשטערן דעם פיינט אומעטום,
מיר וועלן באַפרייען, באַנייען די וועלט.“

דאָס לעבן איז ביטער, דער היינט אַזוי האַרט,
דער נעכטן געבראַכט האָט אונז הונגער און נויט.
די קעמפּער געטרייעסטע אין תפיסות פאַרשפּאַרט,
די הענט האַרפּאַשנע באַרויבט און גענאַרט.
נאָר ס'ביילט זיך די פויסט און דערצאָרנט זי וואַרט
צו הייבן די פאָן וואָס וועט פלאַטערן רויט.

פאַראויס פּראָלעטאַריער פון שאַפּ און פאַבריק,
אין שלאַכט מיטן שונא קיין שפּאַן ניט צוריק,
ס'ווערן די מאַסן באַפרייט,
עס שפּאַנען פון דאַנעט, פון נאָענט און פון ווייט
די קעמפּער די בראַווע צום זיג.
עס ווערן די אַרבעטער שקלאַפן באַפרייט,
מיר שפּאַנען פון דאַנען צום זיג.
צום זיג, צום זיג פאַראויס!

די מוזיק איז נאָך געשריבן געוואָרן אין 1916. דאָס איז די זעלבע קאָמפּאָזיציע, וואָס צו די „אַרבעטער-ברידער". מיר גיבן דאָ אויך דעם צווייטן נוסח צוליב דער פּאָפּולערקייט פון ראַנטש'עס ליד, אין פאַרבינדונג מיט דער מעלאָדיע.

מיר שניידער, מיר שניידער

(געזונגען אין צייט פון שניידער-סטרייק)

טעקסט: י. ב. ביילין — מוזיק: י. שייפער

מיר שניידער, מיר שניידער, מיר שניידן און ליידן,
און ווייען, און נייען פיל סאַמעט און זיידן
פאַר פרעמדע, פאַר פרעמדע אַליין. . . .
מיר שניידער, מיר שניידער, מיר שטעפּן און שלעפּן
די טאַטשקע פון צרות אַף שיבעלנע טרעפּן
מיט אונזערע אייגענע ציין! . . .
מיר שניידער, מיר שניידער!

מיר שניידער, מיר שניידער — נאָר ס'פּלאַצט די געדולד;
מיר הויבן אָן זוכן פונוואַנען די שולד, —
צי איז זי פון גאָט גאָר אַ שטראָף? . . .

מיר שניידער, מיר שניידער, מיר שערן און קלערן,
און ס'טרעפט אויך, עס הויבן זיך אָן גיסן טרערן
און פאַלן און פלעקן די שטאָף. . . .
מיר שניידער, מיר שניידער!

מיר שניידער, מיר שניידער, מיר נייען פאַרביטערט,
און בלאַס ווי די נאָדל וואָס פיבערט און ציטערט
און נערוועז אַזוי אויך און דאַר. . . .
מיר שניידער, מיר שניידער, מיר פרעסן מיט צאָרן:
ער גליט, ווי דער אייזן, וואָס האָט אים געבאָרן,
און קרעפטיק אַזוי אויך און שטאַר. . . .
מיר שניידער, מיר שניידער!

מיר שניידער, מיר שניידער, מיר פלאַצן פון כעס
און סטאַפּן די אַרבעט, אַרונטער אין גאַס,
אַרונטער אין ביטערן שטרייט!
מיר שניידער, מיר שניידער, מיר ווערן געשאָסן:
עס האָט אַרבעטער-בלוט זיך אַף גאַס געגאָסן,
און הילכיק נאָך ראַכע עס שרייט:
מיר שניידער, מיר שניידער!

דאָס ליד און די מוזיק איז געשריבן געוואָרן איבער נאַכט פאַר מאַסן-געזאַנג אין דעם שיקאַגער שניידער-סטרייק אין 1916. דער מאָטיוו הייבט זיך אָן אין מינאָר, אָבער גייט דערנאָך איבער אין אַ צאָרנדיקן אויפרודער.

דאָס נייע ליד

טעקסט: א. רייזען מוזיק: י. שייפער

און זאָל ווי ווייט
נאָך זיין די צייט
פון ליבע און פון שלום,

דאָך קומען וועט,
צי פרי, צי שפּעט,
די צייט — עס איז קיין חלום!

איך הער דאָס ליד —
פון ליבע פרייד
די מעכטיקע געזאַנגען.

און יעדער טאָן
פון ליד זאָגט אָן:
די זון איז אויפגעגאַנגען.

עס עקט די נאַכט.
די וועלט דערוואַכט,
פול האָפענונג, לוסט און שטרעבן.

דו הערסט אין לופט
אַ שטימע רופט:
צו מוט און קראַפט, און לעבן! . . .

אַ לייכטע, שפּילעוודיקע קורצע קאָמפּאָזיציע, געשריבן אין 1916, אין פאָלקס-טימלעכן סטיל.

דער אָוונט־גלאָק

טעקסט: ד. עדעלשטאַט מוזיק: י. שייפער

אָ, מוזע, רוף מיך ניט! מיט דיינע צויבערפינגער
וועק ניט די סטרונעס פון מיין קראַנק האַרץ! —
פאַר׳משפט איז צום טויט דיין בלאַסער זינגער,
צום סוף איז דאָס ליד פון קאַמף און שמאַרץ!

זיין וועג געווען — איז שווער, ער האָט אַף אים באַגעגנט
דערנער, שטיינער, פאַרלוימדונג, הונגער, קעלט. —
עס האָט געבליצט, געדונערט און גערעגנט —
און ער האָט אָן אויפהער געוואַנדערט אַף דער וועלט.

איצט קלאַפּט דער טויט אין זיין לעבנס-קאַמער,
ער זאָגט: צום סוף איז דיין אַרבעט-טאָג!
פאַרלעש דיין פייער, לייג אַוועק דיין האַמער!
קום! דו הערסט? . . . עס קלינגט דער אָוונט-גלאָק!

עס קלינגט דער אָוונט-גלאָק! יאָ, איך הער אים קלינגען,
מיין טויט-אורטייל הער איך אין זיין קלאַנג. —

און לעבן ווילט זיך . . . עס ווילט זיך טרוימען, זינגען,
קעמפן קעגן יעדן שקלאַפנצוואַנג ! . . .

איך וואָלט געוואָלט, אַ פאָלק ! דיין רויטן זעגל
נאָך מאַכן רויטער מיט מיין הארצן-בלוט. . . .
און, ווי אַ לייב מיט זיינע שאַרפע נעגל,
דיין פיינט באַקעמפן מיט שטאָלצן העלדנמוט !

דאָך, וואָס נוצן די הייליקסטע פאַרלאַנגען !
צו ענדע איז מיין לעבנטאָג ! —
צו ענדע— טרוימען, טרערן און געזאַנגען,
עס רופט דער טויט, עס שלאָגט דער אָונט-גלאָק.

מוזיק געשריבן אין 1916 אַפן גרונט פון דעם באַקאַנטן מאָטיוו, אַף וועלכן דאָס ליד איז מיט אַ פערטל יאָרהונדערט פריער געזונגען געוואָרן. שייפער האָט עס אָבער אַזוי באַארבעט פאַר פיר שטימען און איינגעוועבט אַזעלכע נייע הארמאָניעס, אַז ס'האָט זיך באַקומען פאַקטיש אַ נייע, שיינע מוזיקאַלישע אַרבעט.

ברוך הבא

(לכבוד דעם 60-יאָריקן יובּיליי פון אונזער „זיידע" מאָריס ווינטשעווסקי)

טעקסט : י. ב. ביילין מוזיק : י. שייפער

מיט אָרעמס ברייט צעשפּרייטע און הערצלעכן ווילקאָמען,
מיט פּנים'ער דערפרייטע און באַגייסטערונגס-געשריי —
באַגעגענען מיר דיר, „זיידע", אין דונערן הורייי !
הורייי ! ברוך-הבא, און אַלעם ענטפערט : אָמן !

און צו דיין יום-טוב, ליבער זיידע — אַ ברכה שאַלט פון גאַנצן לאַנד:
עס זאָל דיין פען, דיין גאָלדן פען — נאָך בליצן לאַנג בא דיר
אין האַנט !
עס זאָל דיין ליד, דיין שטורעם ליד, דאָס ליד פון קאַמף און צאָרן,
העכער, שטאַרקער, מעכטיקער — נאָך קלינגען לאַנגע יאָרן !

די מוזיק האָט שייפער געשריבן אין 1916, צו דער געלעגנהייט פונעם „זיידנ'ס" קומען קיין שיקאַגאָ צו זיין יובּיליי. די ווערטער און די מוזיק זיינען כמעט אַנגעשריבן געוואָרן גלייכצייטיק. די מעלאָדיע דריקט אויס אַ שטורמישן קבלת-פּנים.

מיט גאָלדענע אותיות

טעקסט: **י. ב. ביילין** מוזיק: **י. שייפער**

האָסט מיט גאָלדענע אותיות דיין פאָן אויסגענייט
און שיין זי, און ריין זי געטראָגן,
אין שטורעמס, אין ביטערע געפלאָטערט, געוויייט —
אַזוי שטאָלץ אונטער איר זיך געשלאָגן!

האָסט מיט גאָלדענע אותיות דיין בלעטל געשריבן
אין אייביקן בוך פון דער צייט...
יעדער אות, ווי אַ דימענט, אַ פערל געקליבן,
וואָס פינקלט און גלאַנצט פון דער וויַיט...

האָסט מיט גאָלדענע אותיות דיין דענקמאָל געקריצט
און הויך אים און שטאַרק אים געבויט...
יעדער אות, ווי אַ ווינקענדיקער שטערן, עס בליצט —
און טובל'ט זיך שטענדיק אין רויט...

האָסט מיט גאָלדענע אותיות געלערנט די קנעכט
צו לעזן דעם בוך פון דעם לעבן...
און וואָפן צו קעמפן פאַר פרייהייט און רעכט
האָסטו זיי געשאַרפט און געגעבן.

האָסט מיט גאָלדענע אותיות דיין פאָן אויסגענייט
און שיין זי און ריין געטראָגן,
אין שטורעמס אין ביטערע געפלאָטערט, געוויייט —
אַזוי שטאָלץ אונטער איר זיך געשלאָגן!

מוזיק געשריבן אין 1917. די מעלאָדיע איז אַן איינפאַכע, אַ מאַרש-אַרטיקע, פאַר צוויי שטימען.

אַ, פרייהייט!

טעקסט: **ש. פרוג** מוזיק: **י. שייפער**

צו דיר, אַ, פרייהייט! ריינער קוואַל
פון פריידן ליכטיקע און שטילע,

פליסט אונזער ליד, פון טרערן מיד,
פאַר דיר צעגיסט זיך אונזער תפילה:

קום ליבע, טרייע, קום צו אונז!
און, ווי די שאַרפע פייל פון בויגן,
וועט טאָן אַ שלאָג דיין העלער טאָג
אין די תליניםס בייזע אויגן.

צו דיר, אָ פרייהייט, א. אז. וו.

ווי אייזן האַרט און שווער ווי בליי,
וועט זיי דיין פרישער ווינט צעדריקן,
אַ טויט שטראָף זיין וועט זיי דיין שיין,
דיין ריינע לופט וועט זיי דערשטיקן.

צו דיר, אָ, פרייהייט! קלאָרער קוואַל
פון פריידן ליכטיקע און שטילע,
פליסט אונזער ליד, פון צאָרן מיד,
און פלאַמען גיסט זיך אונזער תפילה.

מוזיק געשריבן אין 1918. די מעלאָדיע — אַ פרישע און אין אַ מאָדערנעם סטיל. דאָס איז די בעסטע קלענערע שאַפונג פון דעם ערשטן פעריאָד, אין פיר שטימען.

דאָס מעכטיקע ליד

טעקסט: י. דואַ מוזיק: י. שייפער

וואָרט און קלאַנג, פאַרב און געזאַנג, דאָס איז דער שפיגל
פון דעם מענטשנס נשמה,
אַליץ וואָס דער מענטש פילט און דענקט, ווערט שטענדיק
אין קלאַנגען אויסדערציילט.
אויך דאָס לעבן, שטרעבן, האָפן און פאַרלאַנגען, ליידן און
פריידן פון אַ פאָלק, ווערט אימער אין זיינע לידער,
אין זיין מוזיק אויסגעדריקט.
אונזער געזעלשאַפט, וועלכע איז צעטיילט אין קלאַסן, האָט,
נאַטירלעך, איר קלאַסן־מוזיק געשאַפן.

אָבער דאָס שטאַרקסטע, דאָס מעכטיקסטע וואָס אַפּעלירט, רופט און וועקט און פּראָטעסטירט, איז דעם אַרבעטער׳ס ליד,
ווייל דאָס ליד פון „אַרבעט און נויט" קומט פון די טיפסטע טיפענישן פון דער ליידענדער נשמה, . .
כאָטש דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן טרויער, דאָך קלאָגט ניט דעם אַרבעטער׳ס ליד.
נאָר אַ טרומפּייטן־שאַל, אַ קאַמף־רוף, איז יעדער קלאַנג וואָס ווערט פון אַ קרעכץ באַגלייט.
מוט און האָפענונג שטראָמט פון יעדן טאָן וואָס רייסט זיך פון זיין מעכטיקער ברוסט אַרויס.
און אַלץ וואָס דער אַרבעטער פילט און דענקט, האָפט און שטרעבט, דערציילט ער אין זיינע לידער אויס.

די מוזיק איז געשריבן געוואָרן אין 1919, נאָכן טויט פונעם יונגן טאַלאַנטפולן שריפטשטעלער. די קאָמפּאָזיציע איז אין רעציטאַטיוון סטיל.

אָרימעס לעבן

טעקסט: א. רייזען — מוזיק: י. שייפער

אָרימעס לעבן, נאָר שטענדיק זיך מאַטערן,
שטענדיק לעבן אין נויט!
כחות די יונגע, די פרישע צו פּטר׳ן,
זוכנדיק טרוקענעם ברויט!

וואָגלען און וואַנדערן, וואו טאָגן ניט נעכטיקן,
נעכטיקן ניט וואו געטאָגט!
הערן דאָס שפּעטן פון בייז — נידערטרעכטיקן,
שווייגן, קיין וואָרט ניט געזאָגט!

בוקן זיך, בויגן זיך נידעריק, נידעריק,
ברעכן דעם קערפּער אַף האַלב;
רעדן תחנונים און וויינענדיק, ציטערדיק
בעטן באַם גאָלדענעם קאַלב! . . .

שטיקן פאַרלאַנגען און שטרעבונגען קרעפטיקע
שטיקן און דריקן אין האַרץ!

בלומען פון יוגנט, די פרישע, די זאַפטיקע,
לאָזן צעטרעטן אַף שוואַרץ! . . .

מוזיק געשריבן אין 1920 אין אַ באַמערקבאַרן האַלב-יאוש טאָן, וואָס וויל זיך אָבער אינגאַנצן נית אונטערגעבן און האָט עלעמענטן פון פּראָטעסט.

וואָלקנס

טעקסט: א. ליעסין — מוזיק: י. שייפער

און דער אָוונט איז ווילד און פאַראומערט
און דאָס האַרץ איז מיט אַנגסט איבערפילט
און די וואָלקנס, זיי יאָגן דערשראָקן,
אין געהיימנים אין חושך פאַרהילט.

און דער הימל איז פול מיט באַוועגונג,
פול בהלה און פינצטערע מאַכט
און די וואָלקנס, זיי יאָגן און יאָגן
און פאַרשווינדן אין שטורעם און נאַכט.

אַזוי פליען די טעג און די יאָרן
דורך די טאָלן פון יאָמער און פיין,
אַזוי טראָגן זיך דורות נאָך דורות
אין דעם אייביקן גאָרניט אַריין.

אַזוי גייען די לעבנס צום קבר,
אין געהיימנים און חושך פאַרהילט
און דער אָוונט איז ווילד און פאַראומערט
און דאָס האַרץ איז מיט אַנגסט איבערפילט.

מוזיק געשאַפן אין 1920. אַ שטילע, דריקנדיקע מעלאָדיע, אינעם גייסט פונעם טעקסט, וואָס האָט אָבער אויך אין זיך אַ געוויסן, קוים באַמערקבאַרן פּראָטעסט-כאַראַקטער.

קירכן־גלאָקן

טעקסט: א. רייזען   מוזיק: י. שייפער

אַ, וואָס קלינגטו איר, קירכן־גלאָקן!
הערט שוין אויף! גענוג געשראָקן
האָבן אייערע ווילדע טענער
אונזער אָרעמע וועלט!

אייערע טענער, דאַכט זיך, רופן
צו פאַרברענען מענטשן־גופן
אַף די הויכע עשאַפאָטן,
וואָס איר האָט געשטעלט!

אייערע טענער רופן הענקער
צו מאַרטירן יעדן דענקער,
יענעם קאָפּ אַראָפּצוהאַקן,
וועלכער בייגט זיך!

איי, איר ווילט די וועלט פאַרוויגן,
מיט אַ טרויער־טויטן ניגון
און פאַרדעקן מיט אַ מאַנטל
פון אַ יעזואיט!

כ׳האָב אַ נייעם גלאָק באַשאַפן,
צו דערוואַכן טויט, שקלאַפן,
ניט אין קירכן, — אין דער לופטן
הענג איך אים אַרויף,

ניט צו שרעקן, נאָר צו וועקן
גאָר די וועלט אין אַלע עקן
קלינגט ער מוטיק, רופט ער פריילעך:
„שטייט צום לעבן אויף!״״ . . .

שייפער האָט פון דעם ליד געשאַפן אין 1920 אַן אָפּערע און נאָך דריי וואַריאַנטן, אָבער זיי אַלע וואַרצלען אין דעם גרונט־מאָטיוו פון הערש־לייב ברענמאַן, אַ באַוואוסטער פעטערסאָנער וועבער־אַרבעטער.

אַהין, אַהין...

טעקסט: א. ליעסין מוזיק: י. שייפער

אַהין דערהויבט זיך מיין זעל,
אַרויף צו יענעם שיינעם לאַנד,
וואו פריש און מעכטיק שלאָגט די קוועלע
פון העלסטן, לויטערסטן פאַרשטאַנד.

וואו לייכט און מונטער גייט דאָס לעבן,
און פריי און שטרעבנד איבעראַל,
און שטאָלץ די הויכע גייסטער שוועבן
אין שטראַלן־שיין פון אידעאַל.

וואו אימער פרילינג בליט די יוגנט
און אימער מאָרגן שטייט די צייט,
און פול מיט העלדנמוט און טוגנט,
און פול מיט ליבע און מיט שטרייט.

וואו גרויס און הייליק איז דאָס פילן,
און גליקלעך איז זאָגאַר דער שמאַרץ,
און ס׳ווייס פון גרענעצן ניט דער ווילן,
און ס׳ווייס פון אומעט ניט דאָס האַרץ.

מוזיק געשאַפן אין 1920, אין לירישן טאָן. ערטערווייז שלאָגט אָן די מעלאָדיע אַ קאָלירפולן עפעקט.

אונזער ליד

טעקסט: מאני לייב מוזיק: י. שייפער

ניט פון גאָלד איז דאָס ליכטיקע ליד,
אונזער ליד, אונזער ליד;
נאָר ווי גאָלד, איז די פראַכט, וואָס פאַרבלענדט,
פון דעם ליד, אונזער ליד.
און דער כישוף, וואָס ליגט אין זיין פראַכט,

כישופ׳ט וואונדער אין אונזערע הענט:
ווייל דאָס ליד, אונזער ליד,
איז דאָס אַרבעטער ליד.
און די לויטערע פּראַכט, וואָס פאַרבלענדט,
פון דעם ליד, אונזער ליד;
אונזער פריינטשאַפט, וואָס לייכט און באַזעלט,
אונזער קאַמף פאַר אַ שענערע וועלט —
אונזער ליד,
אונזער ליד,
אונזער ליכטיקעס ליד;
אונזער ליד,
אונזער ליד.

מוזיק געשריבן אין 1920, נאָכדעם ווי שייפער האָט זיך באַקענט מיט דער מוזיק, וואָס עס האָבן פאַר דעם ליד געשריבן סיי מ. פאָזנער און סיי מ. געלבאַרט. די מעלאָדיע איז אַ ביסל קאָמפּליצירטער ווי די פון די אויבנדערמאָנטע קאָמפּאָזיטאָרן, און איז געשריבן פאַר פיר שטימען.

די בויער

טעקסט: **אב. וויקטאָר** מוזיק: **י. שייפער**

געזיכטער און אָרעמס פון וועטער פאַרברוינטע,
באַוועגונגען זיכערע, מוטיק און שטאָלץ, —
זיי בויען, די בויער, צו אַרבעט געוואוינטע,
און האַקן די שטיינער און זעגן די האָלץ.
זיי בויען און זינגען אַ ניגון אַן אַלטן,
סיי זומער דעם היסן, סיי ווינטער דעם קאַלטן.
מיר בויען, מיר בויען.

מיר בויען פאַר דורות, פאַר דורות וואָס קומען.
באַם בויען ניט איינער געפאַלן איז טויט.
די זעג, האַק און האַמער דאָך ניט שטומען
ביז פאַרטיק דער בנין וועט שטיין אויפגעבויט.
ברעכט שטיינער, שניידט העלצער, זאָל הילכן און שאַלן.
מאַכט שטאַרק דעם פונדאַמענט, עס זאָל ניט פאַלן,
מיר בויען, מיר בויען.

באַוואָפנט זיי שטייען מיט העק און מיט זעגן,
די קליידער פאַרשמירט אין קאַלך און אין ליים,
אין קעלט און אין היצן, אין זון און אין רעגן,
זיי בויען, די בויער, אַ היים נאָך אַ היים,
און זינגען געזאַנגען פון ליבשאַפט און טרויען.
מיר בויען אויף וועלטן, ווען אייניק מיר בויען.
מיר בויען, מיר בויען.

די קאָמפּאָזיציע האָט שייפער געשריבן אין 1920. זי איז פאַר פיר שטימען, אָבער נים קיין קאָמפּליצירטע.

די מאַנטלמאַכער

(געזונגען אין צייט פון שניידער-סטרייק)

טעקסט: מ. ראָזענפעלד מוזיק: י. שייפער

די באַטאַליאָנען מאַנטל-שניידער,
גאַנץ לאַנג צעשניטן און צעטיילט,
זיי האָבן אייניקייט געוויילט,
געוויילט אַלם גלייכע צרות — ליידער.

מען גיט זיך הענט און הערצער וויליק,
דערהויבנדיק דעם שאַפערס ראַנג,
באַקראַנצט מיט העלדישקייט-פאַרלאַנג
זיך נימ אַוועקצוגעבן ביליק.

לאַנג אומזיסט דעם יאָך געשלעפּט,
דאָך האָבן מיר אויסגעשטעפּט,
אונזער שיינע אחדות-פאָן,
מאַכט אַ וועג! מיר קומען אָן.

די באַטאַליאָנען בלייכע שטעפער,
וואָס צאַפּלען טרוימען אוים פון טוך;
וואָס האָבן קוים אַ קלייד, אַ שוך;
וואָס שוויצן אין די דומפּע שעפער —

זיי האָבן אויסגעשטעפּט דעם חלום,
דעם גרויסן חלום אָפן וואָר,
וואָס הייסט ניט געבן האָב און גאָר
אין שקלאַפן-העל צו די טייוואָלים.

לאַנג אומזיסט דעם יאָך געשלעפּט, א. אַז. וו.

די מוזיק איז געשאַפן געוואָרן אַרום 1922, צו דער געלעגנהייט פון דעם קלאָוק-מאַכער-סטרייק אין שיקאַגאָ. אַן איינשטימיקע, איינפאַכע מעלאָדיע, וואָס ווערט איבערגעריסן פון אַ לעבעדיקן מאַסן-רעפרעין.

דורך טייכן בלוט

טעקסט: מ. ראָזענפעלד　　　　מוזיק: י. שייפער

דורך טייכן בלוט און בערגער טויטע
דערשיין איך ווי אַ ווייסע בלום;
די וואָרצלען מיינע זיינען רויטע,
מיין בליאונג אָטעמט מיט פאַרפום.

איך בין די פרייהייט פון די מאַסן,
איך בין דער מענטשהייטס אידעלע שפּראַך;
איך בין דאָס רעכט פון אָרעמע מאַסן,
איך האַלט די אָרעמע מאַסן וואַך!

איך בין די קרוין פון וועלטס געוויסן,
די דעה בין איך און די קראַפט,
איך האָב די דורות דורכגעריסן,
צו קומען צו דעם מאַן, וואָס שאַפט.

איך בין די שיינע בלום פון שלום,
איך בין דער אמת און דאָס רעכט;
איך בין דער פילגעווינטשטער חלום
פון די באַרויבטע, אָרעמע קנעכט. . . .

אַ לייכטע מעלאָדיע, געשריבן אין 1922, פאַר פיר-שטימיק געזאַנג.

בראַנד און פייער

טעקסט: מ. בראָדערזאָן מוזיק: י. שייפער

בראַנד און פייער, גלי דעם שווערד!
ס׳הייליקט זיך אין קאַמף די ערד!
יונג דער מענטש — אַ נייער ווערט,
רייטער, אַפן פערד אין וועג!
ס׳קומען אָן די נייע טעג,
אַלטע, גייט אַוועק!

שרעק און צאָרן, בלוט און מוט!
ווער עס קעמפט, איז יענעם גוט,
נעם אַראָפּ דעם הוט!

פאַר מאַרטירער, פאַר דעם טויט,
זע, אַ נייער הימל גייט!
פלאַמט אין פורפור רויט
דער מזבח פון דער וועלט.
פלאַקערט אויף און טרייבט די קעלט,
אַלע הערצער — העלט!

שעלטן שעלט נאָך אַלץ די קראָ,
וואָס נבילה איז ניטאָ,
זי פאַרשוועכט די שעה.

העי, טרומייטן, העכער שאַלט!
וואָלקנס שמעטערט, וואָלקנס שפּאַלט!
ברעכט די חורבות אַלט!

און באַהאַלט דיין טרויער איצט,
ווען דער פיינט מיט ציינער קריצט,
ווען עס דונערט, בליצט.

זיצט אין מקדש אַף אַ טראָן —
זיצט אַ גען, פון אים הויב אָן!
העכער הויב די פאָן!

רייטער! אַפן פערד! אין בראַנד,
קעמפן מיט דעם מענטשנס שאַנד!
צום געבענטשטן לאַנד!

די קאָמפּאָזיציע איז געשאַפן געוואָרן אין 1924. זי איז אין קלאַסישן סטיל און איז איינע פון שייפער׳ס רייפסטע מוזיק־שאַפונגען אַפן געביט פון „קלענערע״ לידער.

מיר טראָגן אַ געזאַנג

טעקסט: **מנחם** מוזיק: **י. שייפער**

מיר טראָגן אַ געזאַנג
און וועקן מיט זיין קלאַנג.
אין בלוט — אַ יונגן מוט,
אין האַרץ — אַ גרוים פאַרלאַנג.

שטילע שטייען אויף,
מיט נייעם לעבנס־דראַנג,
גייען צו דער זון אַקעגן,
מיט געזאַנג.

באַ די וועלכע שלאָפן שטיל,
וועקן מיר אַ שטאַרק געפיל;
שטייט אויף! שטייט אויף! זייט געגרייט,
צום נייעם לעבן דרייסטער גייט.

די מוזיק איז געשאַפן געוואָרן אומגעפער אין 1924, אין אַ סטיל נאָענט צום קלאַסישן.

אונזער פירער

טעקסט: **י. א. ראַנטש** מוזיק: **י. שייפער**

רוקנס איינגעבויגענע און קרומע,
אויגן אָנגעזאַפט מיט פיין,
וועלן איינזאַמע און שטומע
פרעגן: וואָס וועט איצטער זיין?

און פון אַלע ווינקלען וועט זיך טראָגן
דאָס געוויין פון אונזער בלוט;
קלאָגן וועלן מיר, באַקלאָגן
אונזער פירער וועלכער רוט.

ווען די ערד וועט איינזאַפן די טרערן,
שטיל וועט ווערן מיטאַמאָל,
וועלן פלוצים מיר דערהערן
זיין געלייטערט, זיכער קול.

און פאַרזאַמלען וועט ער אונז און פירן
און באַלייכטן אונז דעם וועג,
און אַ פראַל טאָן אַלע טירן
פאַר די נייע, פרייע טעג.

קאָמפּאָזיציע געשריבן אין 1924, צו לענינ׳ס טויט, געבויט פוגאַליש און האָט אין זיך איינגעמיטן אַ שפור פון ליטורגישער ביטחון-שטימונג, אָבער גייט באַלד איבער צו אַ מעכטיקן רעוואָלוציאָנערן אָפּטימיזם, וואָס האָט אַן עלעקטריזירנ-דיקן עפעקט.

ציגיינער ליד

טעקסט: מנשה האַלפּערין מוזיק: י. שייפער

פיר די מיידלעך, פיר די קעפּלעך,
האָבן קעפּלעך שוואַרצע צעפּלעך,
צעפּלעך פול דער קאָפּ,
דורכגעפלאָכטן מיט קמיעות,
גאָלד און זילבערנע מטבעות —
היי — דזו... דזו, דזו, האָפּ!

האַסטיק פאַראָויס דרינגען קעפּלעך,
חוצפה׳ש וואַרפן זיך די צעפּלעך,
טופּעלעך ווי באָב —
טופּע, טופּע, שנעל געפלויגן,
שווינדל, שווינדל אין די אויגן,
און מיט איין מאָל... סטאָפּ!

פליען שווינדיק ברען — ציגיינער
זאלבעפירט און יעדער איינער
טייוויליש טוט א כאפ:
העי, איר מיידלעך, ניט געווערט זיך,
און א קנאק אין די באקן הערט זיך,
הארט א דונער — קלאפט.

פיר די מיידלעך, א. אז. וו.

מוזיק געשריבן אין 1925, א קאמפליצירטערע קאמפאזיציע פון שוואונג און הפקר'דיקן ברען, אין פיר שטימען.

דאָס ליד אַרום שייטער

טעקסט: פרץ הירשביין מוזיק: י. שייפער

פון באַרג אַהער! העי, הירשן, אַ שפּרונג!
ס'טליעט אין אַש נאָך פון נעכטן אַ פונק.
צינדער, העי, צינדער! איר צינדט שוין אַצינד;
פעכער, העי, פעכער! נו, פאָכעט געשווינד!
ווער גרעסער, ווער קלענער,
ברענגט צווייגן און שפּענער
דעם שייטער צו־שטייער
פאַר נאַכטיקן פייער.

פייער! צעפלאַקער זיך, פייערל יונג!
פייער, צעפלעמל דיין צונגט רויטן צונג!
ווינטל, דו בלאָזער! בלאָז, בלאָז פון דער הויך;
צעבלאָז מיטן בלאָז־זאַק פון שייטער דעם רויך!
קומט פלינקער, פאַרשייטער,
צום רינג אַרום שייטער,
ציט ברייטער און ווייטער
דעם רינג אַרום שייטער!

האָפּי! ווי עם פלאַקערט דער שייטער און ברענט,
ס'לייכטן און פלאַמען דאָס פנים און הענט.
האָפּי! הויבט העכער דעם קאָפּ נאָך פאַרשייטער;
האָפּי! עם ציטערט די ערד אַרום שייטער.

מוזיק געשריבן אין 1927. די קאָמפּאָזיציע איז כמעט אין קלאַסישן סטיל, אָבער האָט אויך פאָלקסטימלעכע עלעמענטן. זי ציילט זיך צווישן שייפער'ס רייפערע אַרבעטן אָפּן געביט פון „קלענערע" קאָמפּאָזיציעס.

אַ קאַמף־געזאַנג

טעקסט: **מ. ווינטשעווסקי** מוזיק: **י. שייפער**

וויקלט פאַנאַנדער די פאָנע די רויטע,
שפּילט אויף אַ מאַרש און דערלאַנגט זיך אַ ריר!
וועקט אויף די אָרעמע לעבעדיק־טויטע,
זאָגט צו זיי: ברידער, זעט דאָ שטייען מיר,
דאָרטן — דער בלוטיקער פיינט;

דאָ איז די פרייהייט, דאָס ליכט, די גערעכטיקייט;
דאָרטן — דער יאָך און די נאַכט און די שלעכטיקייט;
ברידער, מאַרשירט מיט אונז היינט!

ווישט אוים פון אַרבעטער־אויגן די טרערן,
זאָגט זיי: צום וויינען איז איצט ניט קיין צייט;
לאָזט היינט קיין קול פון געוויין זיך ניט הערן,
היינט, ווען מיר קומען אַרוים אָף אַ שטרייט,
מיר און דער בלוטיקער פיינט.

דאָ איז די פרייהייט, דאָס ליכט, די גערעכטיקייט . . .

די קאָמפּאָזיציע האָט שייפער געשריבן אין 1929. זי איז לייכט, כאָטש זי איז ערטערווייז פוגאַליש. צוליב איר מאַסן־געזאַנג כאַראַקטער איז זי אויך אַריינגענומען געוואָרן אין דער אויסגאַבע פון דער „אַמעריקאַן מוזיק־ליג" (אין ענגלישער איבערזעצונג).

עפנט טירן

טעקסט: פּרץ מאַרקיש מוזיק: י. שייפער

עפנט טירן, קומט אינדרויסן
רייסט די פענצטער, ברעכט זיי אויס,
נעמט אַריין דעם גאַסט דעם גרויסן,
קומט אַנטקעגן אים אַרויס.

ס'איז היינט יום-טוב אין די גערטנער,
אַף די גאַסן אומעטום,
ס'איז היינט ליכטיק, זעט נאָר, הערט נאָר
ווי עס טאַנצן ווינטן אום.

הערט נאָר ווי די צווייגן טרישטשען
און דער טייך ווי שרייט און ברומט;
הערט נאָר פייפן, הערט נאָר סווישטשען,
קומט אינדרויסן, גיכער קומט.

קאָמפּאָזיציע געשריבן אַרום 1929. אַ לייכטער, לעבעדיקער וואַלצאַרטיקער מאָטיוו.

מע רופט

טעקסט: י. א. ראָנטש מוזיק: י. שייפער

מע רופט,
נויג אָן דיין אויער און הער.
מע רופט, ניט פרעג וואוהין און ווער.
זיי גרייט,
זע, מע גייט —
גיי מיט אין וועג,
ניט פרעג.

מע רופט . . .
צום לעצטן מאָל
עס שאַלט אַ קול,

מע טראָגט אין לופט
דורך רויב און שטויב
אַ רוף צו דיר:
אָ, ריר זיך, ריר,
ווייל באַלד וועט זיין צו שפּעט
פאַר דיין חרטה און געבעט.

אָ, הער!
עס פאַלט אַ טרער
אין לופט —
מע רופט,
מע רופט.

צו דעם „מע רופט" האָט שייפער געשריבן דריי קאָמפּאָזיציעס. איינע האָט ער פאַרניכטעט (זע וועגן דעם אין דער ביאָגראַפיע), די דריטע איז אַ באַשטאַנד-טייל פון „געוויטער", און די, וואָס ווערט געזונגען, איז די צווייטע קאָמפּאָזיציע, געשאַפן אין 1929. זי האָט אין זיך סימבאָליסטישע עלעמענטן און פיין-קאָמבינירטע אַקאָרדן און איז פאַר אַ פיר-שטימיקן כאָר.

דאָס ליד פון שמיד

טעקסט: א. מייזל — מוזיק: י. שייפער

הויב זיך האַמער, העכער, העכער!
קלאַפּ זשע שטאַרקער, קלאַפּ זשע גיכער!
זאָלן פונקען פריילעך שפּריצן,
זאָל געגליטער אייזן בליצן.
איינס, צוויי, דריי, פיר,
הייסן אייזן שמידן מיר.

דרייט דאָס פייער זיך אין שלאַנגען
און געקלאַמערט אין די צוואַנגען,
איז מיין אייזן הייס און צונטער.
שלאָג איך לוסטיק, שלאָג איך מונטער:
פינף, זעקס, זיבן, אַכט,
שווערער אייזן, שטאַרקע מאַכט.

דריי זיך, בלאָז־זאַק, גיכער, גיכער,
טרייב אַ ווינט און יאָג אַ וויכער;
זאָל דאָס אייזן פלאַמען, גליען,
זאָלן ווייסע צינגלעך פליען.
הוף־האָף — הוף־האָף,
ווינטן האָבן ניט קיין סוף.

קלאַפּ איך אַף דעם אייזן שווערן,
זאָל מען הערן! זאָל מען הערן!
שלאָג איך שטאַרקער, שאַרף און בעסער
שפּיזן, שווערדן, זעג און מעסער.
איינס, צוויי, דריי, פיר,
שווערן אייזן שמידן מיר!

די קאָמפּאָזיציע איז געשאַפן געוואָרן אַרום 1930, איינע פון שייפער׳ס רייפערע שאַפונגען. די הויפּט־מעלאָדיע איז אַ ביסל אימפּרעסיאָניסטיש, אָבער בלויז אַף אַזוי פיל, אַף וויפיל עס גיט צו בילדלעכקייט צו די פאַרשיידענע שמידישע אַרבעט־פּראָצעסן, געשריבן פאַר אַ געמישטן פיר־שטימיקן כאָר.

הונגער־מאַרש

טעקסט: י. ראַנטש מוזיק: י. שייפער

מיר האָבן געהאַמערט, געזייט און געבויט
דאָך פעלט אונז אַ דאַך און עס שטיקט אונז די נויט,
עס האָבן אונזערע פינגער געוועבט און גענייט —
איצט האָט אונזער לייב ניט קיין שוך און קיין קלייד.

מאַרש, מאַרש, עס שפּרייזט דער רויטער צאָרן גייסט!
מאַרש פאָראויס! מיט געביילטער פויסט —
אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן און פאַרביסן
גיבן מיר דער וועלט צו וויסן,
אַז עס שפּאַנען מיט געברויז
די פּראָלעטאַריער פאָראויס.

קאָמפּאָזיציע געשריבן אַרום 1931. אין אָנהייב איז דער מאָטיוו אַ באַקלאָגנדיקער, אָבער גייט באַלד איבער אין צווייטן פערז צו אַ מער מיליטאַנטישן מאַרש־אַרטיקן גייסט.

שטייען יאַטן

טעקסט: **איציק פעפער** מוזיק: **י. שייפער**

שטייען יאַטן, שטייען יאַטן
מיט אַרבל פֿאַרקאַטשעט אין רויך פון וואַרשטאַטן,
מיט ערנסט פון שטאָל שטייען יאַטן.

פון גאַנץ פרי ביז פאַרנאַכט און באַטאָג
און באַנאַכט און באַגינען
לויפן הענט, לויפן פיס, לויפן לייבער
אין פריילעכן טאַנץ פון מאַשינען.

איז דער בליק ניט פאַרבלענדט.
נאָר דאָס לייב איז פאַרברענט.
נאָר דער דרויסן איז באַרוועס.
שטייען יאַטן מיט אַרבל פאַרקאַטשעטע
אין רויכן בא חורבות.

לויפן הענט, לויפן פיס, לויפן לייבער
נאָך גיכער פון היינטיקע יאָרן.
מע בויט און מע גייט און מע פרישט
אונזער לאַנד מיט שטאָל און מיט קאָרן.

די מוזיק איז אַ וואויל-יונגערישע און האַפעדיקע, לייכט און שפּילעודיק.
געשאַפן אַרום 1931.

גאַטס סטראַפּטשעס

טעקסט: **מ. ווינטשעווסקי** מוזיק: **י. שייפער**

זיי קומען און דערציילן אייך:
איר דאַרפט זיין פרום און גוט,
און טאָן וואָס זיי באַפעלן אייך,
און ליב האָבן די רוט.

זיי קומען און זיי זאָגן אייך:
איר דאַרפט ניט דענקען פיל,
אַז ווען די טרייבער יאָגן אייך,
האָט דאָס אַ צוועק, אַ ציל.

זיי קומען און דערקלערן אייך:
איר האָט אַן אַנדער וועלט,
וואו קיינער וועט ניט שטערן אייך
צו טאָן וואָס אייך געפעלט.

זיי קומען און באַרעדן אייך
דעם שמערץ מיט פרומע רייד:
און גיבן אין גן־עדן אייך
נחמות — נאָכן טויט.

איר הערט זיי, הערט זיי, נאַרעלעך,
און לאָזט, און נעמט די קלעפ,
און האַלט אוים אַל־די האַרעלעך,
וואָס ברעכן אייך די קעפ.

די קאָמפּאָזיציע איז געשאַפן געוואָרן אין 1932 אין פאָלקסטימלעכן סטיל, אָבער מיט אַ סאַטירישן איבערפלעכט, וואו טייל פון כאָר רייסן זיך אַריין מיט „גאָטס סטראַפּטשעס". אינעם לעצטן פערז ווענדט זיך אָפּ דער מאָטיוו אין אַן אַנדער וואַריאַנט.

שמע־ישראל — האָספּאָדי פּאָמילוי

טעקסט: ב. טשערטקאָוו מוזיק: י. שייפער

אָפּן באַרג אַ קלויסטער איז געשטאַנען
פלעגט אַ פּרעפּלען טראָגן זיך פון דאַנען,
אוי אַ פּרעפּלען מיט האָוואַיעם
און מיט טרויער פון לעוואַיעם
פּרעפּלט גלח, פּרעפּלט פרום
צו דעם טאַטן און צום זון",
אַז דער פויער זאָל נאָך בלינד
מזומן געבן פאַר די זינד.
האָספּאָדי פּאָמילוי, אָמן.

פלעגט דער גלח אויסגלאָצן די אויגן,
און דעם קריסט געלערנט זיך צו בויגן,
פאַר דעם באַלעבאָס און קייסער,
ווי ס'באַפעלט דער גאָט דער גרויסער,

און ווי זשידעס דאַרף מען שלאָגן
און ווי מען דאַרף דעם יאָך נאָר טראָגן,
און דערציִען אויך די קינדער,
זיין געהאָרכזאַם ווי די רינדער.
האָספּאָדי פּאָמילוי, אָמן.

געשטאַנען אויך ניט ווייט אַן אַלטער בנין,
וואו אידן כאַפּן אַ קדושה מיט אַ מנין,
רופט עס שול אָדער סינאַגאָג —
דאָרטן קומט דער זעלבער דעמאַגאָג.
פלעגן תפילות הימלען שפּאַלטן
פלעגט כלי־קודש שאַלטן וואַלטן,
און דער רבי מיט די פּיאות
האָט געהיילט מיט די קמיעות
שמע ישראל אדוני אחר, אָמן.

געלערנט האָט רבי צו זיין געהאָרכזאַם,
זייט איר אָרעם, זייט־זשע אַלע שפּאָרזאַם
און ניט זיין ווידערשפּעניק,
פּאָלגן פריץ און דעם קעניג,
קינדער קנעלן אין חדרים,
פּראַווען פּסח די סדרים,
מען דערציט זיי אָט אַזוי
אַף אַך און ווי און ווינד און וויי,
שמע ישראל אדוני אחד.

אָקטאָבער האָט אַף אייביק אויסגעבראָכן,
לאָזט דאָס פּאָלק זיך מער ניט אונטעריאָכן
פון באַלעבאַטים און פון צאַרן
און פון זעלבסט־געקרוינטע האַרן,
ווערט נאָר אַרבעט דאָרט באַגריסט,
שולן, קלויסטערס שטייען וויסט,
גלויבט מען מער ניט אין קמיעות,
אין קיין צלם און קיין פּיאות,
לעבן זאָל סאָוועט!

טראָגט זיך אַף דער וועלט אַ גרויס געפּילדער
צלם, קיטל באַם ווערט ווילד און ווילדער,
ס'העלפט צו גאָט ניט זייער בעטן,
ס'ווערן מעכטיק די סאָוועטן,
ווערט אָקטאָבער אומעטום
באַם און גלח מאַכן שטום,
דורך אַלוועלטלעכע סאָוועטן
אַלע אָפּגעטער צעטרעטן.
ל ע ב ן ז אָ ל ס אָ ו ו ע ט !
ז אָ ל ל ע ב ן !

די דאָזיקע סאַטירישע קאָמפּאָזיציע האָט שייפער געשריבן אין 1933. אין די ערשטע 4 פערזן איז דער מאָטיוו אַ פאָלקסטימלעך-באַלאַדישער, וואָס איז איבער-געקרייצט מיט איבערגעטריבענע קלויסטער- און שול-מאָטיוון. די לעצטע צוויי פערזן פאַרנעמען זיך אַף אַ קעמפעריש, ווידערשפעניקן מאָטיוו.

אַרויס פון די הייזער, אַרויס פון פאַבריק

טעקסט: מ. א. סול   מוזיק: י. שייפער

אַרויס פון די הייזער, אַרויס פון פאַבריק,
מיר גייען דערקלערן מלחמה דעם קריג.
מיר זאָגן די הערשער און זאָגן באַוואוסט,
מיר וועלן ניט צילן אין אַרבעטער ברוסט.

מיר האָבן דעם שונא פון לאַנג שוין דערקענט
און גיט מען די ביקס נאָר אין אונזערע הענט,
איז וועלן מיר שיסן פאַר פרידן און ברויט,
דאָס לאַנד צו די בויער — די הערשער דעם טויט.
עס שטייען שוין לענדער ווי טאַנקן צעשטעלט.
אָט, אָט און עס שווימט אין אַ בלוט באַד די וועלט.
עס הילכט שוין דאָס לאַנד מיט אָקטאָבערשע טעג,
עס פירט און עס ווייזט קאָמפּאַרטיי אונז דעם וועג.

זי וועקט און זי רופט צו ענדגילטיקער שלאַכט,
דעם פויער פון פעלד און דעם מיינער פון שאַכט.
אַרויס פון די הייזער, אַרויס פון פאַבריק,
מיר גייען דערקלערן מלחמה דעם קריג.

מוזיק געשאַפן אין 1934, אַן איינפאַכער און זאַכלעכער מאָטיוו, מיט אַן איינ-געהאַלטענער אַנטשלאָסנקייט.

טעלמאַן ליד

טעקסט: מ. בירנבוים מוזיק: י. שייפער

פראָלעטאַריער! ווינט פאַנאַנדער
שטעט און לענדער פון דער וועלט.
טעלמאַנ׳ס קאָפּ, ער טאָר ניט פאַלן,
פרייהייט מאָנט פאַר רויטן העלד.

ס׳שטייט שוין גרייט דער ברוינער הענקער,
האַק אַף טעלמאַנ׳ס קאָפּ געצילט;
איצט אַ רגע צו פאַרלירן —
איז דעם פיינט אין האַנט געשפּילט.

איבער וועלט אַ קלונג פון קייטן
וועקט און מאָנט פון אונז אַ חוב:
איר פון פעלדער און פאַבריקן,
ברעכט די תפיסה טעלמאַנ׳ס אויף!

זאָל פאַראויס אין שלאַכט אונז לויכטן
טעלמאַנ׳ס און דימיטראָוו׳ס מוט,
לאָמיר שווערן, חבר טעלמאַן,
פאַר דיין פרייהייט אונזער בלוט.

די מעלאָדיע, אַ גרינגע און באַשטימט פאַר מאַסן-געזאַנג, האָט שייפער געשאַפן אין 1934.

געוואַלד, אידן!

טעקסט: אהרן קורץ מוזיק: י. שייפער

אוי, אידן! געוואַלד, אידן! —
וואָס טוט מען מיט דער גע. פּע. או.?
זי לאָזט ניט שווינדלען מיט דאָלארן אַף יארידן,
אוי, וואו באַהאַלט מען די דאָלארן, וואו?

הערט אַ מעשה, וואָס ס׳האָט זיך פֿאַרלאָפֿן
מיט אַן ערלעכן אידן פֿונעם שטעטל, —
ס׳האָט דער גע. פּע. או. ווי אַ דונער געטראָפֿן —
ליאָדע דריי טויזנט דאָליאַרעס פֿאַרגראָבן אין בעטל.

אוי, אידן! געוואַלד, אידן! . . .

היינט די רציחה מיטן שניט-קרעמער רעב ברוך מאַזע,
וואָס׳ט אָפּגעשפּאַרט אין קעלער נישטיקע הונדערט זעק זייד,—
אַ לייטישער איד קען גאָר ניט האָבן אַ טראָפּן עולם-הזה,
פֿון בכבוד׳יקע אידן האָט גע. פּע. או. געמאַכט אָרעמע לייט.

אוי, אידן! געוואַלד, אידן! . . .

היינט די גרויסע גוואַלדאָוונע נבלה,
ניט צו לאָזן פֿון כשר׳ן פֿלייש קיין קאָראָבקע,
אוי, מיר האָבן געבעטן אומזיסט ניקאָלאַיקע׳ם מפּלה, —
מ׳האָט לייכט געקאָנט דרייען מיטן סטראַזשניקל סטיאָפּקע.

אוי, אידן! געוואַלד, אידן! . . .

הערט-זשע, אידעלעך,
ברידערלעך — הערט!
אוים, אוים, אוים, אוים מיט יאַרידעלעך,
אוים!
גייט אין זאַוואָדעלעך,
גייט אין פֿאַבריקעלעך,
גייט אַרבעטן אַף ערד,
און בויט איר ניט, —
ניט שטערט! —

אוי, אידן! געוואַלד, אידן!
ס׳האָבן די פּילסודסקים נאָך פּאָגראָמען און יאַרידן,
דאָ היילט און בויט די גע. פּע. או.
שונאים זייט איר, — טפֿו.

די קאָמפּאָזיציע געשאַפֿן אין 1934. זי איז דורכאויס אַ סאַטירישע און געבויט אַף אַלטע איבערגעטריבענע סקאָרבאָווע ניגונים, פֿאַר אַ פֿיר-שטימיקן כאָר.

ליד פון מי

טעקסט : שרה פעל יעלין מוזיק : י. שייפער

ניט קיין שטעקל, ניט קיין דריי,
אַ פּאָר אָקסן מיט אַ פערד.
פעלד און סטעפּעס ברייט און פריי
און אַ טרייע מאַמע ערד.

ניט קיין תושב באַ דער נויט,
ניט קיין הויקער פון דער וועלט —
מיט זיין שוויים זיין אייגן ברויט
שניידט ער פון זיין אייגן פעלד.

באַ דעם טראַקטאָר, שנייד מאַשין,
פון די סטעפּן־היצן מיד —
וועט ער וועבן פאַר דער וועלט
גאָר אַ נייע אַרבעט ליד.

אָן אַ אוי און אָן אַ וויי,
אָן הכנעה און געבעט,
ליד פון האָפענונג און מי
פון איד — פויערשן סאָוועט.

מוזיק געשריבן אין 1934, אין אַ שפּילעוודיקן פאָלקסטימלעכן סטיל, וואָס גייט איבער ערטערווייז צו אַ רעוואָלוציאָנערן אָפּטימיזם.

נישקאַ

טעקסט : יאָסל קאָטלער מוזיק : י. שייפער

טרעפט־זשע ווער ער איז !
איר קענט נישט ?
טאָ כאַפּט נישט,
ס׳ברענט נישט.

פרעגט זיך אַ פראַגע :
וואָס אי׳ דאָס פאַר אַ פיש ?
וועל איך אייך דערקלערן,
וואָס ער איז ניש.

ער איז נישקאַ סטאָליער,
ער איז נישקאַ פּויער,
ער איז נישקאַ שניידער,
ער איז נישקאַ בויער.

ער איז „נישקאַ"
און פּאַרטיק.

און כאָטש ער איז נישט
אָט די אַלע זאַכן,
פונדעסטוועגן קען ער
אייך אַלצדינג מאַכן.

ווען אַ פּאַריער, למשל,
דאַרף מאַכן אַ פּעלץ:
נעמט ער אַ פּעלכל
און מאַכט עס.

ווען אָבער נישקאַ
דאַרף מאַכן אַ פּעלץ:
נעמט ער אַ פּעלכל
מיט אַ פּאַריער
און מאַכט עס.

ער ערגערט זיך דערפון
אַפילו קיין האָר נישט,
ער מאַכט אייך אַלצדינג
און קענען קען ער
גאָרנישט.

אַליין גאָרנישט קענען
איז דאָך גאָרנישט שיין,
אָבער עסן, זאָגט מען,
קען ער אַליין.

פרעגט זיך אַ פראַגע:
וואָס איז ער פאַרט?
וואָס איז ער נישט?
ער איז וואָס אין דער קאָרט:

א יאָגער, א זויפער,
א לקחן, א קויפער,
א כאַפער, א וויכער,
א נעמער, א קריכער.

ס׳גייט „נישקאַ״ן נישקאָשע,
עס לעבט זיך אים גלאַט,
ער איז גוואַלדיק צופרידן
וואָס די מאַמע האָט אים געהאַט.

די דאָזיקע טרעפלעך-סאַטירישע מוזיק, וואָס איז גלייך געוואָרן באַליבט און באַקאַנט בא צענדליקער טויזנטער אידישע אַרבעטער, האָט שייפער געשאַפן אין 1935, פאַר פיר שטימען, און ערטערווייז, ספּעציעל צום סוף, באַקומען זיך שטאַרקע מוזיקאַלישע עפעקטן.

„מאַרגן-פרייהייט״ ליד

קאָלעקטיווע שאַפונג פון:

ל. מילער, א. קורץ און **מ. א. סול** מוזיק: **י. שייפער**

דו רעדסט דאָס וואָרט פון נויט און אַרבעט,
פון הונגער, דלות אָף אידישער גאַס;
דו ביסט די צונג פון שניידער, גאַרבער,
דו ביסט די פויסט אַנטקעגן ראַסן-האַס.

דיין וואָרט קלינגט אָפּ אין טויבן אויער,
דיין וואָרט איז שאַרף און מעכטיק און קלאָר;
דיין וואָרט זאָגט אָן: דער שונא לויערט,
דיין וואָרט איז קאַמף פאַר אונזער גרויסער וואָר.

דו רייסט אַראָפּ די שוואַרצע פרעסע,
שלאָגסט אָפּ טעראָר און רויבערישן קריג;
דיין וואָרט ווערט ערגעץ ניט פאַרגעסן,
דו ביסט דאָס וואָרט פון קאַמף, פון באָלשעוויק.

צוזינג:

„מאָרגן־פרייהייט“ קעמפט און וועקט,
„מאָרגן־פרייהייט“ רופט און מאָנט,
פירט און לערנט, ווייזט דעם וועג
און פאַראייניקט מאַסן־פראָנט.

די מוזיק האָט שייפער געשאַפן אין 1935 אין פאָלקסטימלעכן סטיל און ווערט איבערגעריסן דורכן צוזינג, אַ מאָטיוו אין אַ מער רעוואָלוציאָנערן אויפשוואונג.

אַ מאַרש

טעקסט: **מעינקע קאַץ** מוזיק: **י. שייפער**

1

דער טאָג איז — פליט, דער טאָג איז — פויסט,
און גאַס איז העל און גאַס איז גרינג.
עס פירט דער פרילינג אונז פאַרויס,
דער טאָג איז — פליט, דער טאָג איז — פויסט.

מענטש און פאָן ווי וואַלד צערוישט,
מיט שנאה בלענדט, מיט שנאה גרינט.
דער טאָג איז — פליט, דער טאָג איז — פויסט,
און גאַס איז העל און גאַס איז גרינג.

2

די טורעמס אין ריי ווי קעגן פיינט,
שטייען גרייט אין מאַרש אַריין,
די טורעמס אין ריי — קעגן פיינט
הויבן צו דער זון דעם בראַוון היינט.
צאָרן אין גינגאָלד שיינט,
און מאָנט פון טאָג דעם גאַנצן שיין.

3

דאָ שפּאַנט די נויט — אַ מענטשן ים
און וואו איז סוף און וואו איז צאַם,
דאָרט דורך הימל שפּאַנט די שטאָט
און וואו איז סוף און וואו איז צאַם —
עס שפּאַנט די נויט — אַ מענטשן ים!

טראָט איז ווינט און טראָט איז פלאַם,
טראָט, טראָט, טראָט-טראָט-טראָט!
דאָרט דורך הימל שפּאַנט די שטאָט,
דאָ די נויט — אַ מענטשן ים!

די קאָמפּאָזיציע האָט שייפער געשאַפן אין אָנהייב 1936. זי איז אַ ביסל קאָמ-פּליצירט אין איר מאַרש-אַרטיקייט מיט דעם, וואָס עס מערקן זיך צייטנווייז וואַקלונגען, צוריקהאַלטונגען, אָבער פאַרענדיקט זיך מיט אַ קרעפטיקן קלימאַקס.

פּראָלעטאַריש וויג-ליד

טעקסט: משה נאַדיר מוזיק: י. שייפער

ליולינקע, נשמה מיינע,
טאַטע איז אין סטרייק,
ער און פיל חברים זיינע
טויזנט אַרבעטסלייט.

ליולינקע, מיין קרוין אין וויגל,
נחת מיינער, שאַ.
ס'איז אַף שלאָס און קייט פאַרריגלט
הונגעריקער פּאַ.

און ער קוקט אַצינד דורך גראַטעס,
טראַכט פון דיר, מיין קרוין.
דו און איך און אויך דיין טאַטע
זיינען דער המון.

דו און איך און מיר אַלע
אַף דער פּיקעט לײַן,
און אַז הונדערט טויזנט פאַלן
אינעם קאַמף פאַר זײַן —

אומדערשעפּלעך, פויגל מײַנער,
איז דער קעמפער ים.
ווי פון זון דאָס גרויסע שײַנען,
ווי דער שטערן פלאַם.

שלאָף נשמה, שלאָף מײַן נחת,
ווײַן ניט קינד, נו שווײַג.
ס׳וועט דער טאַטע שײַנע זאַכן
ברענגען פונעם סטרײַק.

די קאָמפּאָזיציע איז געשאַפן געוואָרן אין 1936 פאַר אַן אַלטאָ-סאָלאָ מיט באַ-גלייטונג פון כאָר און פּיאַנאָ. אַ ליריש-רעוואָלוציאָנערער מאָטיוו, ניט אין געוויינלעכן סטיל פונעם וויג-ליד.

הויב אויף דײַנע אויגן, אַ פאָלק!

טעקסט: י. באָוושאָווער מוזיק: י. שייפער

הויב אויף דײַנע אויגן, אַ פאָלק,
וואָס ביזט אַזוי עלנט און אָרעם,
הויב אויף דײַנע אויגן צו מזרח און מערב,
צו צפון און דרום
און זע די געזאַמלטע אוצרות
און זע פון דײַן אַרבעט די פּירות
און זע דעם געבליבענעם רײַכטום
פון פריער געוועזענע דורות.

הויב אויף דײַנע אויגן און זע:
אָפן ים די געלאָדענע שיפן
און זע אין די טונקעלע וועלדער
דעם רויך פון די לאָקאָמאָטיוון
און זע ווי זיי שוועבן און קומען
געשווינד פון אַ געגנט אַ ווײַטן

און פירן אין אַנדערע לענדער
פּראָדוקטן און סחורות צו בייטן.

הויב אויף דיינע אויגן און זע
די געמויערטע גרויסע פאַבריקן
וואו אַרבעטער זעגן און הובליען
און וועבן און נייען און שטריקן
און שמידן און פיילן און טאָקן
און שניצן און גלעטן און פּוצן
אַז שאַפן די סחורה און שאַפן
דעם רייכטום צום מענטשלעכן נוצן.

הויב אויף דיינע אויגן, אַ פאָלק,
גיי אַרויס פון די פינצטערע קברים,
הויב אויף דיינע אויגן צו מזרח און מערב,
צו צפון און דרום
און נעם די גע'ירשנ'טע אוצרות
און נעם פון דיין אַרבעט די פּירות
און שאַפנדיק לעב און געניסנדיק שאַף
אין די פרייערע דורות
און נעם פון דיין אַרבעט,
דיין אַרבעט די פּירות
און נעם און נעם! . . .

די קאָמפּאָזיציע איז שוין אַ צווייטע, וואָס שייפער האָט געשריבן, כמעט פאַרן זעלבן טעקסט, וואָס גייט אַריין אין דער אָראַטאָריע „געוויטער”. עס איז אַ רייכע מעלאָדיע אין נביאיש-קלאַסישן טאָן, וואָס האָט אויך פאָלקסטימלעך-רעוואָלוציאָנערע דערהויבענע מאָמענטן. געשאַפן אין 1936.

כאַפּטעם און קליאַפּטעם

טעקסט: יאָסל קאָטלער מוזיק: י. שייפער

ליד פון אַרבעט איז דאָך פיין,
נאָר וואָס טויג עס — ס'איז ניט מיין.
אַט אַזוי נייט אַ שניידער,
אַט אַזוי טאַ־ראַ־ראַ,

אַט אַזוי שנײַדט ער צו,
אַט אַזוי און נאָר אַזוי!

דער באַלעבעסל שלײַפֿט דעם שכל
און פֿאַשעט אויס דעם „זײַט מיר מוחל“.

אַט אַזוי שטעפּט ער צו,
אַט אַזוי טאַ-ראַ-ראַ;
אַט אַזוי פּרעסט ער צו,
אַט אַזוי און נאָר אַזוי!

ווער ס׳גלעט דאָס בײַכל נאָר,
דער וועט כאַפּן אַ פֿינצטער יאָר.

אַט אַזוי אַרבעט, אַרבעט,
אַט-אַ-דאָס איז שנײַדערײַ;
אַט אַזוי זיץ איך, שוויץ איך,
אַט אַזוי זשע ניי און ניי!

אוי, גװואַלד, ער גנב׳עט —
ער האָט דאָך מיר באַ׳גנב׳עט,
ער האָט באַ מיר צוגענומען
מײַנע שײנע טעג!

כאַפּטעס און קליאַפּטעס און טוטאַנעס,
דעם וואָל סטריט גנב גיט אַ פלעס.
אוי, זיבעצן יאָר אין וויסטן שאַפּ,
פּאַר זיבעצן גראָשן מיט אַ כאַפּ;
אוי, גװואַלד, ער גנב׳עט —
ער האָט דאָך מיך באַ׳גנב׳עט!

כאַפּטעס און קליאַפּטעס
און שמײַסט אים אויס —
וועט ער ניט זײַן באַ זיך אַזוי גרויס.

אַט אַזוי אין רוסלאַנד, אַט אַזוי אין כינע אויך,
באַלד וועט זײַן אַזוי אין דײַטשלאַנד,
אַט אַזוי אין פֿראַנקרײַך, אויך;

אָט אַזוי וועט זיין אין ענגלאַנד,
אָט אַזוי אין פוילן אויך;
אָט אַזוי וועט זיין אין רומעניע,
און אַזוי אין עסטרייך אויך,
פונקט אַזוי ווי אין ס. ס. ר. —
אַזוי וועט זיין אין יו. עס. עי.!

די קאָמפּאָזיציע איז געשריבן געוואָרן אין 1936, — די בעסטע שאַפונג אָפּן געביט פון סאַטירישער מוזיק און שטייגט נאָך איבער מיט איר דערפאָלג די קאָמפּאָזיציע פון „נישקאַ”. דער פאָלקסטימלעכער עלעמענט איז דאָ זייער פיין אַריינגעוועבט אין דעם אַלגעמיינעם מוזיקאַלישן שטאָף.

אַ יאָמער קול

טעקסט: מ. ווינטשעווסקי מוזיק: י. שייפער

איך הער אַ קול, אַ יאָמער קול,
אַ שמערצלעכן געשריי:
איך הער אים, דאַכט זיך, מיטאַמאָל
אין ערטער אַלערליי.
איך הער אים דאָרטן, הער אים דאָ,
איך הער אים אומעטום —
און שטאַרקער ווערט ער אַלע שעה,
און נעמט אַלצדינג אַרום.

און אָט דער קול, דער יאָמער קול,
דער ביטערער געשריי,
ער דריקט אויס שמערצן אָן אַ צאָל
און ליאַרעמט אַך און וויי.

איך פרעג דעם הימל און די ערד,
די שטערן און די זון,
איך בעט זיי: זאָגט מיר און דערקלערט,
וואָס איז דער מיין דערפון?

איז דאָס דער לעצטער שמערץ-געשריי,
וואָס שטאַרבט און וואָס פאַרשטומט?
איז דאָס, פאַרקערט, דער אוי און ווי
פאַר אַ געבורט, וואָס קומט?

אַ הערלעכע געבורט באַטייט
דער קול — זאָגט מיר דער ווינט —
די צייט איז לאַנג שוין אױף דער צייט,
דאָס גייט זי איצט צו קינד.

די מוזיק האָט שייפער געשריבן אין 1936 און איז אַ טייל פון דער אָפּערע מיט דעם נאָמען, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אין קעמפּ „קינדערלאַנד" אין 1936. די דעקלאַראַציע אין דער ערשטער פּערזאָן האָט שייפער'ן געמאַכט צו שרייבן די קאָמפּאָזיציע פאַר אַן איינשטימיקן כאָר. דער מאָטיוו איז אין אַלטע פאָלקסטימלעכן סטיל.

שנעל לויפן די רעדער

טעקסט: דוד עדעלשטאַט מוזיק: י. שייפער

שנעל לויפן די רעדער, ווילד קלאַפּן מאַשינען,
אין שאַפּ איז שמוציק און הייס,
דער קאָפּ ווערט פאַרטומלט,
אין אויגן ווערט פינצטער,
פינצטער פון טרערן און שווייס.

איך פיל שוין באַ זיך קיין גאַנצן אבר,
צעבראָכן, צעדריקט איז מיין ברוסט.
איך קען שוין פאַר ווייטאָג מיין רוקן ניט בויגן,
באַנאַכט לאָזט ניט שלאָפן דער הוסט.

ס'לויפט אום דער מייסטער, אַ חיה אַ ווילדע,
ער טרייבט צו דער שחיטה די שאָף.
אַ, ווי לאַנג וועט איר וואַרטן,
ווי לאַנג וועט איר דולדן
אַרבעטער-ברידער, וואַכט-אויף!

דאָס איז שייפער'ס לעצטע קאָמפּאָזיציע, וואָס ער האָט באַאַרבעט פון אַ באַקאַנטן פאָלקס-מאָטיוו, פאַר מאַסן-געזאַנג.

עס פעלן נאָך דאָ די טעקסטן פון: מ. ל. האַלפּערן — בעסטיעס; מנחם — קאָלאָניזאַציע, און נאָך.

סך-הכל פון אָרטאַטאָריעס און קאַנטאַטאַס

מאַרטירער־בלוט — — א. ליעסין
בין־השמשות — — — — יהואש
קירכן־גלאָקן — — — א. רייזען
צוועלף — — אַלעקסאַנדער בלאָק
די צוויי ברידער — — י. ל. פּרץ
משיח בן יוסף — — ב. שטיימאַן
אָקטאָבער (אַנטאָלאָגיש)
צוזאַמענגעשטעלט: נ. בוכוואַלד

קיין איינציקן שפּאַן — פּ. מאַרקיש
טרופּן גייען — — — משה נאַדיר
געוויטער (אַנטאָלאָגיש)
צוזאַמענגעשטעלט: י. גרינשפּאַן
שטורעם־פויגל — מאַקסים גאָרקי
אידיש: מ. אָלגין
בירא־בידזשאַן — — פּרץ מאַרקיש

ניט פאַרענדיקטע אַרבעטן

אָראַטאָריעס: „צו אַ אידישער טאָכטער (איינהאָרן); „דער גולם” (לייוויק)
פּייערגלוט — — א. מאָשקאָוויטש   איך ווייס ניט — — — פּאָלק־ליד

17. אַראַנזשירטע און האַרמאָניזירטע לידער

מיר ברעכן — — — — — א. רייזען
אָ, צי זיך, צי זיך — — — א. רייזען
די לענאַ — — — — — א. ליעסין
הוליעט, הוליעט — — — א. רייזען
פרילינג — — — — — י. ב. ביילין
יזכור — — — — — — י. ב. ביילין
גליקלעכע סעקונדן — — י. ב. ביילין
מיין צוואה — — — י. עדעלשטאַט
וואַכט אויף — — — — י. עדעלשטאַט
די פאָן — — — — — י. ב. ביילין
און דו אַקערסט און דו זייסט
—הערוועג
די שבועה — — — — — ש. אַנסקי
שובערט׳ס סערענאַדע
— אידיש: מ. ל. האַלפּערן
מאַרסעליעזע
— אידיש: מ. ווינטשעווסקי
אין דער קוזניע — — — פאָלק-ליד
מיר גייען און זייען — — פאָלק-ליד
שלאָף מיין קינד — — — פאָלק-ליד
די גאָלדענע פּאַווע — — — פאָלק-ליד
אַן אַלטע קשיה — — — פאָלק-ליד
חד-גדיא — — — — — פאָלק-ליד
יאַנקעלע מיט רווקעלען — פאָלק-ליד
הער נאָר דו, שיין מיידעלע—פאָלק-ליד
טרעטי-טרעטי — — — — פאָלק-ליד
צום בונד — — — — — ש. אַנסקי
די נייע רוסישע הימנע

צוזאַמען חברים — — — ר. מאַיאָר
שלאָף מיין קינד — — שלום עליכם
וויג-ליד — — — — גרעטשאַנינאָוו
די רויטע פאָן (מאַנגאָליש)
— אידיש: ב. טשערטקאָוו
דוגיי-דוגיי — — — — פאָלק-ליד
איך טו דיר אַ ברייוועלע שרייבן
— פאָלק-ליד
מעמלעקעט — אידיש: ל. פיינבערג
קירכן-גלאָקן — — — — א. רייזען
אָוונט-גלאָק — — — — ד. עדעלשטאַט
טשאַסטושקעס — — ס. בוגאַטשעווסקי
באַריקאַדן — אידיש: א. פּאָמעראַנץ
איבער לענדער, איבער ימים
— אידיש: טקאַטש
וואַכט אויף — — — — ד. עדעלשטאַט
מיר, דער קאָמיוג
— אידיש: א. קאָוונער
קאַרטאָפל ליד
רויט פראָנט — — — — — — א. קורץ
אַף די גערטנער   אַ שוסטערל
אין רויטן האַלזטוך
אַן די פיקעט ליין
סאָוועטישער אַוויאַ-מאַרש
אידיש: א. קאָוונער
אָפּגעשמיסן אַ קאַפּיטאַליסט
— א. פלאַטנער
„וואוט רעד” — — — ענגליש ליד

18. די מוזיק-אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען געווען די גאַנצע צייט געווען אונטער דער השפעה פון יעקב שייפער און פון אידישן מוזיקאַלישן אַרבעטער-פאַרבאַנד

געזאַנג פאַראיינען:

פרייהייט געזאַנג פאַראיין, ניו יאָרק — מאַקס העלפמאַן, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, ראָטשעסטער, נ. י. — מ. ראַקסין, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, ספרינג וואַלי, נ. י. — אַלבערט ביטער, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, מידל ווילעדזש, נ. י. — סילוויע סאַמאַראָף, דיריגענט.
איקאָר געזאַנג פאַראיין, באָפאַלאָ, נ. י. — ס. לאַסקין, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, אָלבאַני, נ. י. — נעלסאָן, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, נוּאַרק, נ. דזש. — וולאַדימיר כייפעץ, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, פּאַסייק, נ. דזש. — מאַקס העלפמאַן, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, פעטערסאָן, נ. דזש. — מאַקס העלפמאַן, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, דזשוירזי סיטי, נ. דזש. — סילוויע סאַמאַראָף, דיר.
אידישער געזאַנג פאַראיין, עליזאַבעט, נ. דזש. — וולאַדימיר כייפעץ, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, טרענטאָן, נ. דזש. — מענדי שיין, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, פילאַדעלפיע — מענדי שיין, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, באָסטאָן, מאַס. — פּאָול העלד, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, ניו הייווען, קאָנ. — זאַרי גאָטפריד, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, האַרטפאָרד, קאָנ. — זאַרי גאָטפריד, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, ספרינגפילד, מאַס. — זאַרי גאָטפריד, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, וואַשינגטאָן, די. סי. — פוקס, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, באַלטימאָר, מד. — פוקס, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, קליוולאַנד, אָהייאָ — אַבראַמאָוויטש, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, עקראָן, אָהייאָ — בערגען, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, דעטראָיט, מיש. — נייטן סאַמאַראָוו, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, שיקאַגאָ — י. מאַלעק, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, מילוואָקי, וויס. — בוטצין, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, לאָס אַנדזשעלעס, קאַל. — מ. צעווקין, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, סאַן פראַנציסקאָ, קל. — ל. מאַלאַמוט, דיריגענט.
אָוקלאַנד געזאַנג פאַראיין, אָוקלאַנד, קאַל. — ל. מאַלאַמוט, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, טאָראָנטאָ, קאַנאַדע — דאָבקאָווסקי, דיריגענט.
פרייהייט געזאַנג פאַראיין, מאָנטרעאָל, קאַנאַדע — ראָזמאַרין, דיריגענט.

אָרקעסטערס:

פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער, ניו יאָרק — יודזשין פלאָטניקאָוו, דיריגענט
פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער, טאָראָנטאָ, קאַנאַדע — פאַדאלאק, דיריגענט.
אידישער מאַנדאָלין אָרקעסטער, שיקאַגאָ, איל. — י. מאַלעק, דיריגענט.
פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער, לאָס אַנדזשעלעס, קאַל. — באַראַשאַנסקי, דיריגענט.
פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער, עקראָן, אָהייאָ — בערגען, דיריגענט.
פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער, קליוולאַנד, אָהייאָ — אַבראַמאָוויטש, דיריגענט.
פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער, ניו הייווען, קאָנ. — זאַרי גאָטפריד, דיריגענט.
פרייהייט מאַנדאָלין אָרקעסטער, מאָנטרעאָל, קאַנאַדע.

נעמען-אינדעקס

אַבראַמאָוויטש, ה., 113, 179, 350.
אַדאָמיאַן, לאָן, 123, 131, 132, 157, 171, 172.
איסייעווא, מינאַ, 103, 176.
איפּאָליטאָוו-איוואַנאָוו, 123.
אייבראַמס, וו., 176.
אייזלאַנד, ר., 205.
אייזלער, האַנס, 123, 124, 136, 162.
איינהאָרן, דוד, 56, 59, 205, 209, 210, 211, 213.
אָלגין, מ., 60, 61, 73, 99, 106, 107, 118, 130, 156, 168, 176, 177, 180, 212, 213, 289.
אַלען, טאָרנטאָן וו., 103.
אַלעקסאַנדראָוו, 123.
אָלטמאַן, דוד, 176.
אָלקין, מ., 177.
אַמטער, איזראַעל, 177.
אַספּיס, חיה, 59.
אַספּיס, נחום, 45, 47, 49, 50, 52, 59.
אפּאָטאָשו, י., 205.
אפרת, סאָניע, 26, 29, 30, 31, 32, 34, 39, 58, 59.
אפרת, רוסי, 30, 31, 34.
באָוושאָווער, 205, 255, 260, 262, 280, 307, 343.
באַראַשאַנסקי (לאָס אַנדזשעלעס), 350.
בוכוואַלד, נ., 93, 104, 105, 106, 110, 159, 163, 167, 180, 183, 255, 267, 304, 306, 307, 308.
בוצין (מילוואָקי), 350.
בושקאַניעץ, מ. (כאַרקאָוו), 162.
ביטעלמאַן, א., 63.
ביטער, אַלבערט, 151, 176, 309, 350.
ביילין, חוה, 58, 59.
ביילין, י. ב., 45, 47, 49, 50, 60, 61, 62, 63, 66, 68, 70, 176, 178, 179, 180, 312, 315, 316.
בירנבוים, מ., 286, 337.
בלאָק, אַלעקסאַנדער, 75, 111, 221, 226.
בעלקין, ה., 176.
בענדאָוו, י., 175.
בערגעלסאָן, דוד, 102.
בערגען (עקראָן), 350.
בראָדין, מאַקסים, 75, 219.
בראַודער, א., 168.
בראָדערזאָן מ., 325.
ברונאָ, א., 68, 203.
ברונאָף, פלאַטאָן, 66.
ברענמאַן, ה. ל., 215, 219, 320.
גאָטפריד, זאַרי, 350.
גאָלד, מאַיקל, 88, 304.
גאָלדפאַדען, 183, 308.
גאַליצקי, 50.
גאָראָדינסקי, וו., 123, 124.
גאָרקי, מאַקסים, 288, 289.
גילדין, חיים, 118.
גלוזמאַן, שלום, 180.
גנעסין, 121.
געלבאַרט, מ., 85, 176, 322.
גערשמאַן, י., 179.
גראָפּער, וויליאַם, 88.
גרין, בער (א. פּרינץ), 176, 294.
גרינשפּאַן, י., 146, 279, 287.
דאָבראָוו, 46, 50, 82, 168.
דאַווידענקאָ, 123.
דאַמראָש, וו., 65, 66.
דזשאַנסאָן, אַלווין, 148.
דינעזאָן, י., 205.
דייווידסאָן, י., 176.
דואַ, י., 317.
דובקאָווסקי, ה., 179, 350.
דראָהיביטשער, יאַנקל, 15, 17, 22, 27.
האָלטמאַן, מאָריס, 99.
האַלפּערין, מנשה, 327.
האַלפּערן, משה לייב, 80, 205, 304.
האָפּשטיין, ד., 255, 264.
האַרקאַווי, מינאַ, 98, 99.
הילמאַן, סידני, 36.
הירשביין, פּרץ, 176, 181, 205, 328.
העלד, פּאָול, 350.
העלפמאַן, מאַקס, 350.
ווינטשעווסקי, מאָריס, 57, 109, 255, 260, 263, 282, 307, 329, 333, 346.
ווײדיג, אַדאָלף, 81, 203.
וויינער, לאַזאַר, 77, 80, 81, 82, 84, 85, 86, 87, 93, 96, 103, 104, 176, 178, 181.
ווייסמאַן, נחום, 284, 285.
וויקטאָר, אב., 322.
וועפּריק, 121.
זאַגראַניטשני, 115, 116.
זאָלאָטאַראָוו, מ., 181.
זיבל, פּרענסיס, 107.
זילבער, י., 45, 47, 50.
זיסקינד, מאָריס, 44, 45.
זשאָרעס, זשאַן, 190.
זשיטלאָווסקי, דר. ח., 210.
חדש, 59.
חסיד, מ., 179.
חפץ, וולאַדימיר, 176, 350.
טאָפּטשעווסקי, 59.
טאַראַ-טשאַראַ, 123.
טייטלבוים, א., 308.
טענין, איסאַק, 30, 31.
טשערטקאָוו, ב., 154, 173, 177, 334.
טשערנער, פּוליע, 169.
יאָמען, בען, 176.
יאַפּע, דזשאָרדזש, 44.
יהואָש, 52, 204, 205, 206, 207, 208.
יפה, יצחק, 156.
יוקלסאָן, ר., 99.
כץ, משה, 176, 182.
לאָנדאָן, מאיר, 64.
לאָנדאָן, נח, 63.
לאַנגער, מאָריס, 286.
לאַפּין, ב., 205.
ליאָוו, לעאָ, 170.
ליפּנער, קאַנטאָר, 40, 41, 42.
לייוויק, ה., 94, 96, 101, 104, 176, 205.
לעווין, מיני, 60, 72.
לענין, נ., 102, 120, 190, 326.
ליעסין, א., 48, 66, 68, 191, 196, 197, 199, 202, 319.
לעפקאָוויץ, הערי, 176.
מאָוד, ז., 306.
מאַלאַמוט, ל., 92, 103, 110, 141, 171, 350.
מאַלעק, י. (שיקאַגאָ), 350.
מאַני לייב, 205, 321.
מאַנוסעוויטש, אָשר, 79, 97, 102, 228.
מאַרקיש, פּרץ, 108, 160, 162, 267, 268, 292, 294, 295, 299, 300, 304, 330.
מאַרקס, קאַרל, 61, 62.
מייזעל, א., 331.
מילנער, 121.
מילער, ל., 148, 149, 341.
מנחם, 94, 326.
מעטיוס, ר., 59.
מעינאַרד, דזשאָרדזש, 148.
מעטערלינק, מ., 205.

מענעס, דייוויד, 65.
מעסטעל, יעקב, 84, 306.
מרמר, קלמן, 55, 85, 176, 182.
נאַדיר, משה, 96, 173, 176, 182, 205, 275, 276, 277, 287, 304, 305, 342.
נאַטאַנזאָן, וויליאַם, 39, 188.
ניגער, ש., 69.
נעלסאָן, 350.
סאַבאָ, 123, 124.
סאָברין, לייב, 286.
סאָלאָווייטשיק, חזן, 36, 40.
סאַמאַראָף, נ., 142, 177, 350.
סאַמאַראָף, סילוויע, 176, 350.
סאָנשיין, ס., 176.
סאָקאָלאָוו, ט., 103.
סאַראָף, ש., 89.
סאַפּיראָ, ד., 144, 309.
סול, מ. א., 309, 366, 341.
סולטאַן, י., 111, 118, 139, 175, 178.
סיימאָן, א., 50, 157, 168.
סיימאָן, מיני, 72, 157.
סטאַלין, י., 118, 139.
סלאָנים, יואל, 61, 65, 310.
סאַנדלער, גדליה, 179.
ספּאָקאָיני, י., 177.
עדעלשטאַט, דוד, 61, 81, 205, 307, 314, 347.
עלעף, א., 175, 180.
עפּשטיין, מלך, 97, 176, 178.
עפּשטיין, ה., 180, 180, 183.
עפּשטיין, ס., 36, 195, 203.
עפּשטיין, שכנא, 85.
פּאָדאָליאַק (טאָראָנטאָ), 350.
פּאָזנער, מאיר, 66, 170, 322.
פּולוועך, 121.
פּיראָזשניקאָף, 66.
פּלאָטניקאָוו, יודזשין, 350.
פּלאָטקין, ה., 63, 64, 169, 220.
פּלאָטקין, נאָרמאַן, 63.
פּלאָצקער, 59.
פּעטיס, אַשלי, 176.
פּעטערסאָן, פּרענק, 86.
פּעסעוואָי, 50, 52, 74, 75.
פּרינץ, א. (בער גרין), 284, 285, 286.
פּרץ, י. ל., 76, 205, 226, 228, 229, 232, 236.
פֿאָסטער, וו., 118, 168.
פֿוקס (באַלטימאָר), 350.
פֿוירסטמאַן, ס., 92, 117, 171.
פֿישמאַן, מ., 175, 179.
פֿעל יעלין, שרה, 339.
פֿענסטער, ב., 83, 84, 110, 140, 159, 163, 176, 177, 183, 303, 305 307, 308.
פֿעפֿער, איציק, 111, 112, 118, 121, 262, 264, 266, 333.
פֿרוג, ש., 38, 65, 316.
פֿרידמאַן, מ., 157.
צעפּקין, מישאַ, 107, 165, 350.
קאָברין, ל., 205.
קאָהן, יאָסל, 287.
קאָבאַנסקי, אברהם, 45, 47, 49, 50, 52, 54, 56, 60, 67, 68, 70, 71, 72, 73, 74, 79, 211.
קאָטלער, יאָסל, 159, 160, 163, 306, 339, 345.
קאָמענעצקי, נ., 164.
קאַץ, יוסף, 66.
קאַץ, מעינקע, 173, 176, 341.
קאָראָל, ליזאַ, 59, 77.
קורץ, א., 108, 176, 284, 285, 337, 341.
קושניראָוו, א., 261.
קוואַרטין, קאַנטאָר, 53.
קוויטקאָ, ל., 266, 267.
קעלער, 123, 131, 132.
קעריש, י., 35, 36, 50, 52, 168, 178, 180.
קעריש, כאַשקע, 309.
קריינים, א., 107.
ראַבאָי, א., 205.
ראַוך, משה, 309.
ראָזמאַרין, 350.
ראָזענבלאַט, יאָסעלע, 53.
ראָזענפעלד, מאָרים, 61, 65, 205, 215, 255, 260, 281, 307, 310, 323, 324.
ראָזענשטיין, פּראָפ., 115.
ראָנטש, י. א., 81, 202, 103, 158, 176, 177, 183, 284, 311, 326, 330, 332.
ראָקסין, מ., 350.
רובינשטיין, לואי, 47, 49, 50, 59.
רובינשטיין, שרה, 59.
רומשינסקי, י., 66, 176.
רייזען, אברהם, 61, 69, 101, 205, 215, 219, 304, 313, 318, 320, 321.
רייכלין, חזן, 39.
רעזניקאָוו, מ., 178.
רעקזע, אַדאָלף, 68, 203.
ש.—אַל (כאַרקאָוו), 120.
שאַפּיראָ, לאַמעד, 205.
שאַפּיראָ, ליליען, 161, 176, 307, 309.
שאַפּיראָ, רעכל, 178.
שאַראַגראַדסקי, 123.
שוואַרצמאַן, אָשר, 261.
שוואַרצמאַן, פּ., 176, 178.
שטיימאַן, ביינוש, 237, 238, 241, 248, 249.
שטיינבערג (שייפּער), לאה, 50, 59, 78, 79, 101.
שטיינבערג, שלמה, 78, 79, 80, 82, 83, 88, 99, 100, 101.
שטערן, ה., 38, 39, 62, 68, 188.
שיין, מענדי, 39, 76, 77, 155, 350.
שיין, קאַנטאָר, 76.
שיינין, 116, 121.
שייפּער, העניע-חיה, 11, 15, 16, 18, 19, 69.
שייפּער, לאה, 60, 88, 99, 100, 101, 110, 113, 115, 140, 144, 161, 168, 169, 174, 178, 228, 304, 307.
שייפּער, משה-דוד, 9, 10, 12, 15, 16, 18, 23, 24.
שייפּער (אפרת), סאָניע, 213.
שלום עליכם, 55, 107, 205, 212.
שניידער, בענאָ, 147, 176, 183, 305.
שנייערסאָן, ג., 119, 123, 124.
שעלי, בערנים, 129.